STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06558

TSU DI TIFN FUN YIDISHN GEDANK

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלאָמב

צו די טיפן פון יידישן געדאַנק

A. GOLOMB
Tsu di Tifn fun Yidishn Gedank

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby st. Tel-Aviv, Israel

©

Printed in Israel 1974
Typesetting: Moshe Hamiel
Printing: "Havatzelet", Herzlia

א. גאָלאָמב

צו די טיפן
פון יידישן געדאַנק

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל-אביב תשל"ד

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון פריינד
פון יידישן בוך אין קאַראַקאַס, ווענעצועלאַ

שלום-עליכם קולטור-צענטער
אין קאַראַקאַס
שמואל מיילער
ישראל מערמעלשטיין
ד״ר יוסף גאָלדשטיין
פּאָל גאָלדשמיט
שמואל קולא ראָזענבלאַט
זעליק פּאָלער
הרב שמואל ציוויאַק
דוד שיינפעלד
ד״ר בענעק יעלינאָווסקי
יצחק אַקערמאַן
לעאָן גאָרדאָן
זלמן רעכטער
משה לאַנדאַ
ד״ר לעאָן וויזענפעלד
שלמה זאַבלודאָוויטש
אַדאַם שלימאַק
הרב פּנחס ברענער
פּראָפ׳ אברהם סטעמפּעל
איליק איידלמאַן (אַפּטייקער)
טאַדעאָ דאַך
אַנטשל בלאַנק
משה דים
בנימין לאַפּער
בנימין מאַנטשיין
יעקב מישקין

מאַרקוס באַגראַט
משה הענדעל
קלמן לובאָווסקי
משה קאָרענבליט
שמעון שניידערמאַן
יאָסל לערנער
אהרן הירשהאָרן
ראובן מרגולית
סימאָן דונאַיעווסקי
לעאָן רייזבערג
יאָסל ליבפעלד
מאַקס עפּלבוים ע״ה, פּרעזידענט
פון שלום-עליכם קולטור-צענטער
אין קאַראַקאַס
מיכאל טשענסטאָכאָווסקי
יעקב שפּאַנקאַ
עזרא הירשביין
יעקב זינגער
חיים אַנטשל ראָזענשטאָק ע״ה
אהרן טשעכאָוויטש
אברהם הירשביין
דוד ווייס
שלמה זילבערבערג
גרשון זילבערמאַן
הערש ערדער
זאָלטאַן גאַספּאַר
מרדכי פּרייליך

אינהאַלט

הקדמה 5

1 כוח אלהים, כוח-הקודש, שכינה 11
2 נביאים און חכמים 27
3 רעליגיע און וויסנשאַפט 55
4 גאָט, געטלעכקייט — פאָלק, פאָלקישקייט 75
5 אויף פאַלשע וועגן 91
6 אויף די וועגן פון יידישקייט 107
7 ישראל אחד 177
8 עטוואָס וועגן יידן אין אַמעריקע 195
9 וועלטלעכע יידישקייט 203
10 אומקום און אונטערגאַנג, קיום און אויפקום 265
11 מיט די אויגן פון אַ יידישן לערער 283
12 אַן אַן אידעאַל 339
13 טעריטאָריאַליזם 359

הקדמה

דאָס איצטיקע בוך „צו די טיפן פון יידישן געדאַנק" איז דאָס פערציקסטע בוך עסייען, וואָס איך בין זוכה אַרויסצוגעבן. ביי היינטיקע שוועריקייטן אַרויס־צוגעבן אַ יידיש בוך, ווען דער מחבר דאַרף זיין אויך דער פאַרלעגער און אויך דער פאַרקויפער, פאַרשפּרייטער, איז עס בפירוש אַ זכות. אין די גרויסע הוצאות, וואָס אַ יידיש בוך קאָסט היינט, האָב איך תמיד געהאַט שותפים, וואָס האָבן גע־האָלפן, און טאַקע אַ דאַנק זייער הילף זיינען די אידייען און געדאַנקען מיינע אַרי־בער אין רשות הרבים פון יידישע לייענערס. איך האַלט עס ווידער פאַר אַ גרויסן זכות. איך גיב אַרויס מיינע ביכער ניט לשם פרנסה, וואָס עס איז ביי היינטיקן טאָג גאָר נאַריש צו טראַכטן פון דעם. דער ציל און דער זינען פון מיינע ביכער איז צו פאַרשפּרייטן מיינע אידייען צווישן די דענקענדיקע לייענערס. זייער צאָל ווערט כסדר קלענער, פון בוך צו בוך. צו אונדזער טיפער זאָרג.

די ערשטע 10־13 ביכער מיינע זיינען אָפּגעגעבן נאָר דער יידישער דערציִונג. עס איז ווידער מיינער אַ זכות וואָס אין משך פון אַריבער אַ האַלבן יאָרהונדערט לערעריי ביי יידן איז מיר, אַ דאַנק גאָט, ניט אויסגעקומען צו אַרבעטן אין קיין „צוגאָב־שולן", נאָר אַלע מאָל אין גאַנצע יידישע שולן, וואָס האָבן געדאַרפט ניט צוגעבן אַ ביסעלע יידישקייט צו אַ פרעמדער דערציִונג, נאָר תמיד צו פורעמען דעם גאַנצן מענטשן אין תּלמיד. די דאָזיקע יידישע שולן, וואָס די שטאַטן אין אַמעריקע זיינען אין גאַנצן ניט זוכה געווען צו זיי, האָבן אין דער קורצער צייט פון זייער עקסיסטענץ אויף דער וועלט, געהאַט גאָר ניט ווייניק געטרייע און טיפע יידישע פּעדאַגאָגן, זיי האָבן געשטעלט די יידישע שולן גאָר הויך. זייער וואָרט וואָלט בפירוש שטאַרק באַרייכערט דעם פּעדאַגאָגישן געדאַנק בכלל. צוליב אַ שטריך אין יידישן כאַראַקטער האָבן, צום באַדויערן, די דאָזיקע יידישע פּעדאַ־גאָגן זייער ווייניק געשריבן, און זייער געדאַנק איז פאַרגעסן געוואָרן. נאָר דערפאַר טיילן זיך אויס מיינע פּעדאַגאָגישע ביכער און אַרטיקלען אין די פּעדאַגאָגישע

זשורנאַלן, וואָס מיר האָבן אַ מאָל געהאַט. אַלץ „אַ מאָל" און אויך ניט אין דעם גרעסטן און רייכסטן יישוב, וואָס מיר האָבן געהאַט אין משך פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע. צוזאַמען מיט די שולן איז אויך פאַרלאָרן געגאַנגען אַ רייכער פּעדאַגאָגישער אוצר פון טעאָרעטישן גערַאנק. ניטאָ איצט אין דער וועלט קיין איין שול, ווי די וואָס מיר האָבן געהאַט.

אין מיינע וויטערדיקע ביכער בין איך ביסלעכווייז אַריבער צו די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון יידישן קיום בכלל. די פּראָבלעמען האָבן מיך פריִער ניט געמאַטערט קיין מאָל, אַזוי ווי איצט, דווקא אין דעם גרעסטן, אין דעם רייכסטן און זיכערסטן יידישן יישוב, אין די שטאַטן. איך האַלט עס פאַר אַ הייליקן חוב — די אַלע ספקות און דאגות אַרויסצוזאָגן און אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט, און ניט דערשטיקן זיי ביי זיך אין האַרץ, ווי מען מיינט אָפט. דאָס פאַרשווייגן איז אַ סימן פון טיפן פּעסימיזם, פון אַ געדאַנק: „עס וועט שוין סיי ווי ניט העלפן". מען טאָר אָבער אַזוי ניט טראַכטן! און דאָס ערשטע בוך מיינס אויף דעם נייעם וועג האָט דערפאַר געהייסן: „אויף די וועגן פון יידישן קיום" (בוענאָס־איירעס, 1959). פון דעמאָלט אָן הערט ניט אויף צו מאַטערן די זאָרג פאַרן קיום. און דאָס דווקא אין דעם פּרײַסטן און רייכסטן יישוב — אין אַמעריקע. קיין מאָל איז די סכנה פון אונטערגאַנג נישט געשטאַנען אַזוי בולט ווי זי שטייט דווקא איצט, דווקא דאָ אין דעם גרינגסטן גלות־אַמעריקע. מיינע ביכער אויף דעם געביט האָבן קודם־כל אויסגעלערנט מיך אַליין די אַלגעמיינע געזעצן פון קיום און פון אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק אָדער פון יידישע שבטים, טיילן פון פאָלק. וויסנשאַפטלעכע געזעצן דריקן זיך אויס אין קורצע זאַצן. אַזוי אויך די געזעצן פון קיום און אומקום. און אָט זיינען זיי:

1. דער קיום פון יידישן פאָלק איז אָפּהענגיק פון דער קולטור־צירקולאַציע אין פאָלק.
2. די קולטור־צירקולאַציע באַשטייט פון אָט די פּראָצעסן:

א. פאַרזיכיקער שטייגער, אויפפיר, מינהגים, זיטן, פירונגען, טראַדיציעס, שפּראַך. אָט דער פאַרזיכיקער שטייגער אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון פאָלק — ער איז דער יסוד פון קיום־האומה. ניט דאָס דווקא וואָס עס איז פאַרשריבן אין פאַרהייליקטע ספרים, נאָר אין די אָנגענומענע פירונגען, אין שטייגער פון פאָלק.

ב. אָט די פירונגען אין לעבן, פאָרמולירט אין קורצע זאַצן, ווערן איבערגעגעבן פון דור צו דור, פון תקופה צו תקופה. פון שטייגער אין פאָרמולירונגען — צי ווי מיצוות אָנגעזאָגט פון דעם יידישן גאָט, צי ווי הלכות־שטייגערענג און פירונגען פון פאָלק — אַלץ איינס. פון דעם שטייגער אין

פאַרמולירונגען, פון די פאָרמולירונגען צוריק אין פאָלקישן שטייגער — אָט דאָס איז דער קיום פון פאָלק, פון דור צו דור, פון תקופה צו תקופה. דאָס איז די קולטור־צירקולאַציע. איז זי פאַראַן אין לעבן — איז דער קיום־האומה געזיכערט. און פאַרקערט, חלילה.

דאָס האָבן זייער קלאָר פאַרשטאַנען די חז״ל און דערפאַר זייער גאַנצע זאָרג ניט פאַרן לערנען יידישע הייליקע ספרים, נאָר פאַרן היטן אַלע מעגלעכע פּרטים פון שטייגער.

ג. שפּראַך און שטייגער — דאָס איז קיום־האומה.

ד. יעדע נייע תקופה אין יידישן לעבן ברענגט אויך נייעסן. דער שטייגער קען ניט און טאָר ניט בלייבן פאַרגליווערט. אָט דאָס אַריינגעמען און אַסימילירן דאָס נייע אין אייגענע טראַדיציע־פורעמס — דאָס איז דאָס לעבן פון פאָלק. אָדער אַסימילירן דאָס נייע אין דעם אייגענעם אַלטן — דאָס איז קיום. אָדער זיך אַליין אַסימילירן אין דעם נייעם, פרעמדן — דאָס איז אונטערגאַנג. קיום פון פאָלק — אין דער קולטור־צירקולאַציע. דאָס איז דער תּוך פון אַלע מיינע וויטערדיקע ביכער. יעדער געדאַנק דאַרף אַ סך מאָל איבערגעחזרט ווערן אײדער ער קען אַריינגיין אין דער איבערצייגונג פון פאָלק. און פון דאַנען איז געדרונגען דאָס געזעץ פון אונדזער פאָלקישן קיום הן אין דער וועלט און הן אין דעם גאָר נייעם לעבן פון פאָליטישער פאַרזיכיקייט אין דער מדינה: קיינע המשך־ירושות פון אַמאָליקע תקופות, נאָר די ירושה פון דער שטעטל־קולטור. עס קען ניט זיין קיין תנך־יידישקייט, עס קען ניט זיין קיין תלמודישע יידישקייט. עס קען זיין נאָר אַ נאַטירלעכער המשך פון דער שטעטלשער יידישקייט. די גאַנצע לאַנגע אור־אַלטע יידישע געשיכטע גייט אַזוי פון אברהם אָבינו און ביז אונדז. דאָס איז דער גאַנג פון יידישן פאָלק איבער תקופות. קיום איז המשך, אָן איבער־רייס און אָן קיינע שפּרונגען.

אין מיין איצטיקן בוך האָב איך, ווי אין מיינע פריערדיקע ביכער, זיך באַמיט אָפּצוהיטן אין פּעדאַגאָגישן כּלל: ניט געבן קיין פאַרטיקע אויספירן, קיין דינים און הלכות, נייערט צו העלפן אויסצואַרבעטן אייגענע געדאַנקען, און מאַכן אייגענע אויספירן... אויף וויפל דאָס איז מיר געלונגען, ווייס איך ניט.

✶

אויך דאָס איצטיקע בוך גייט אַרויס מיט הילף פון געטרייע לייענערס. כּמעט אַלע מיינע ביכער האָבן פריינד אַרויסגעגעבן, אָדער געהאָלפן אַרויסגעבן. איך

האַלט עס פאַר אַ גאָר גרויסן זכות: מיר דענקען בחברותא, צוזאַמען מיט די לייע־נערס. און דאָך איז דאָס אַרויסגעבן אַ בוך ביי יידן פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. ניטאָ קיין קאָמערציעלע פאַרלאַגן, וואָס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דער טעכניק פון פאַרקויף און מיט פאַרשפּרייטן אַ בוך. אַלץ פאַלט אויף דעם מחבר. אַ סך האָבן מיר ביז איצט געהאָלפן מיינע אַמאָליקע תּלמידים און פריינד. דאָך אָבער איז מיר גרינגער און ליבער צו שרייבן אַ בוך, איידער עס פאַרשפּרייטן. האָב איך געטראַכט שוין אויפצוהערן. אָבער עס זיינען געווען בריוו פון לייענערס, אָפּרופן, ווענדונגען, וואָס האָבן מיך ווי געצוווּנגען ניט לאָזן די עסייען ליגן אין שופלאַד. רוב לייענערס־בריוושרייבערס זיינען, קענטיק, געקומענע, וואָס זיינען געווינט „מעיין" צו זיין אין אַ ספר און צו טראַכטן וועגן דעם וואָס עס שטייט אין ספר. דאָס איז דער טיפּ לייענערס־לערנערס פון אַ ספר. איך האָב דרך־ארץ פאַר אַזוינע לייענערס און בין מער ווי צופרידן צו האָבן אַזוינע לייענערס. מיין פרעיִרדיק בוך „צו די הייכן פון יידישן גייסט" איז זיך צעגאַנגען אין גאָר אַ קורצער צייט — ווייניקער ווי אַ יאָר, אַזוי אַז ביי מיר זיינען געבליבן גאָר אין גאַנצן נאָר צוויי קאָפּיעס פון בוך. ווינטש איך מיין איצטיקן בוך „צו די טיפן פון יידישן געדאַנק" ניט קיין ערגערן קבלת־פּנים. הלוואי!

איך גלייב אָבער, אַז דער נאָמען פון פריִערדיקן און פון איצטיקן בוך פאָדערט אַ דערקלערונג. „יידישער גייסט", „יידישער געדאַנק" — עס זיינען ניט סתּם ווערטער. איך גלייב, אַז איטלעך פאָלק צייכנט זיך אויס ניט נאָר מיט זיין אויסזען און קערפּערבוי, נאָר אויך מיט זיין פּסיכיק, מיט זיין גייסט, מיט זיין געדאַנקען־גאַנג. איטלעך פאָלק מיט זיין גייסט און מיט זיין אידייען־וועלט. דער גייסט פון אַ פאָלק ווערט ניט דעפינירט, ניט, פּשוט, אָנגערופן, נאָר דווקא ער פּירט אָן מיט אַלע האַנדלונגען פון פאָלק, מיט זיין אויפפיר. דאָס איז ווי די נשמה פון פאָלקישן קאָלעקטיוו. דער וואָס קוקט זיך צו מיט האַרץ צום לעבן פון יידישן פאָלק, דער דערפילט אין דעם גאַנצן לעבן דעם גייסט פון פאָלק, דעם גאַנג פון דעם פאָלקישן געדאַנק. אין דעם איז זיכער פאַראַן קדושה, זיך דערנענטערן צו דעם פאָלקישן גייסט, אַנטפּלעקן דעם גייסט אין דעם גאַנג פון דענקען, פון שאַפן, פון לעבן — דאָס איז אויך די הייליקייט פון לערנען און פון שרייבן. דאָס איז דאָך געווען מיין אַרבעט ווי אַ לערער און עס איז מיין אויפגאַב ווי אַ שרייבער. ווידער איז דאָ פאַראַן אַ גבול — מען מעג זוכן דעם גייסט פון פאָלק, אָבער מען טאָר אים ניט אָנרופן, ניט מאַכן וואָכעדיק. איטלעך פאָלק האָט זיין גייסט. מעגלעך אַז דאָ ליגט אויך די סיבה, פאַר וואָס יידישע שרייבערס, וואָס האָבן געוואָלט אַריינשרייבן זיך אין פרעמדע שפּראַכן פון פרעמדע פעלקער, פאַר וואָס אַזוי ווייניק פון זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל, פאַר וואָס אַזוי ווייניק פון זיי זיינען אָנגענומען פון יענע פעלקער, וועמען זיי האָבן געוואָלט דינען. אַלץ איז געווען, עס האָט אָבער דאָך

געפּעלט דער גייסט פון יענעם צווייטן פאָלק, וואָס די יידישע שרייבערס האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט דינען. אַלץ איז געווען — פּערזענלעכער טאַלאַנט, פולע אַריינגעלעבטקייט אין דער שפּראַך און ליטעראַטור פון געגאַרטן פאָלק, אָבער דער גייסט פון יענעם צווייטן פאָלק האָט זיך נאָך ניט אַנטפּלעקט. דאָס יידישע פאָלק האָבן זיי פאַרלאָרן, דאָס פרעמדע פאָלק האָט זיי אָבער ניט אויפגענומען. יעדער מענטש פון גייסט, יעדער דענקער, יעדער שרייבער דאַרף זיך באַמיִען צו דינען דעם גייסט פון זיין פאָלק. שטרעבנדיק צו דעם האָב איך מיינע ביכער אָנגערופן מיט אָט די נעמען. איך וויל אין זיי זיך דערנענטערן צום געדאַנקען־גאַנג און צום גייסט פון אונדזער פאָלק.

פרייט מיך ווידער זיך צו טרעפן מיט מיינע לייענערס, איבערהויפּט מיט די וואָס האָבן צו מיר געשריבן נאָכן לייענען. איך פיל זיך מיט זיי, ווי אַ מאָל מיט מיינע דירעקטע תּלמידים־פריינד, און איך ווינטש זיך, אַז אויך דאָס איצטיקע בוך זאָל זיין ניט דאָס לעצטע; מיר זאָלן זיך טרעפן, און דער הימל איבער אונדזער פאָלק זאָל זיין אַ ביסל לויטערער, קלאָרער. הלוואי!

און לסוף ווילט זיך מיר שטאַרק באַדאַנקען די אַלע וואָס האָבן זיך מטפּל געווען מיט דעם בוך. געווען אין מיין רשות נאָר די שטילע נעכט, ווען איך האָב געאַרבעט אויף דעם. איצט איז עס שוין אַרויס אין רשות הרבים, און עס האָבן געאַרבעט איבער דעם אַ סך. וויל איך באַדאַנקען דעם פאַרלאַג י. ל. פּרץ, וואָס האָט זיך באַמיט דאָס בוך זאָל אַרויס ווי געהעריק. איך דאַנק דעם פריינד זעצער, משה חמיאָל, וואָס האָט אויסגעזעצט דאָס בוך כּמעט אָן גרייזן און האָט זיך גרינג אָן עצה געגעבן מיט דעם שווערן אָריגינאַל מיינעם. איבערהויפּט אָבער קומט אַ דאַנק די וואָס האָבן עקאָנאָמיש מעגלעך געמאַכט דאָס דערשיינען פון בוך, און פון די אַלע צייכנט זיך אויס דער פריינד ר׳ מרדכי פריילך אין קאַראַקאַס, ווענעצועלאַ, וואָס אָן זיין געטריייער זאָרג, ווייס איך טאַקע ניט ווי וואָלטן מיינע ביכער דערשינען. ווינטש איך אים אַ סך געזונטע יאָרן מיט אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור, ווי ביז איצט, און אין דער הייליקער אַרבעט זאָלן ער און זיין פרוי פאַרגעסן דעם צער, וואָס מען קען ניט פאַרריכטן סיי ווי. און עס זאָל זיין פריילך, ווי עס איז דער נאָמען גופא.

א. גאָלאָמב

חנוכה, תשל״ד

1

רוח אלוהים, רוח־הקודש, שכינה

דריי טערמינען זיינען דאָ ביים יידישן פאָלק. בערך האָבן זיי דעם זעלביקן אינהאַלט, אָבער ווי פאַרשיידן זיי זיינען אין זייער גייסט, אין זייער פילאָסאָפישן צוגאַנג, און ווי פאַרשיידן זיינען די קולטור־תּקופות, וואָס האָבן די דריי טערמינען אַרויסגעבראַכט.

אין גאַנצן תּנך איז פאַראַן בלויז „רוח אלוהים". „רוח־הקודש" איז פאַראַן אין תּנך נאָר דריי מאָל. „ורוח קדשך אַל תּיקח ממני" (נעם נאָר ניט אַוועק פון מיר דיין הייליקן גייסט. תּהלים נ"א, 13). אָבער די קאַפּיטלעך תּהילים זיינען ניט געשאַפן אין איין און דער זעלביקער צייט. קען זיין, אַז דער פּסוק שטאַמט טאַקע פון אַ צייט, ווען דער יידישער געדאַנק איז שוין אַריבער פון דעם באַגריף „רוח אלוהים", וואָס פיגורירט כּסדר אין גאַנץ תּנך, צום נייעם באַגריף: „רוח־הקודש".

אין תּנך איז אַלע מאָל פאַראַן רוח אלוהים, רוח ה'. אויך דער תּנך שפּרייט זיך אויס איבער אַ לאַנגער תּקופה פון הונדערטער יאָרן, און דער יידישער געדאַנק איז לגמרי ניט געשטאַנען אויף איין אָרט. שוין אין דער ערשטער פּרשה פון בראשית ווערט געזאָגט, אַז דער „רוח אלוהים" האָט געשוועבט איבער די וואַסערן (ורוח אלוהים מרחפת על־פּני המים) איז עס אַ באַגריף אַ ריין מאַטע־ריעלער, מער ווינט ווי גייסט. אַזוי איז עס בכלל אין תּנך — ווינט און גייסט האָבן נאָר איין וואָרט. פאַראַן ביי גאָט „אוצרות ווינט", וואָס ער לאָזט אַרויס ווען ער וויל. קיין וואָרט פאַר לופט בכלל האָט דער תּנך ניט. קענטיק, אַז די יידן האָבן אין דער גאַנצער תּנך־צייט ניט געהאַט קיין באַגריף וועגן לופט. דאָס העברעיִשע וואָרט „אַוויר" — לופט — איז פון גריכיש, איבערגענומען פון די גריכן דעם באַגריף צוזאַמען מיטן וואָרט.

דער איינציקער קענטיקער אונטערשייד צווישן לעבעדיקן און טויטן קערפּער איז דער „ווינט" וואָס גייט אַרויס פון לעבעדיקן גוף. איז דאָס די פאַרבינדונג צווישן ווינט און גייסט. ביסלעכווייז ווערט אַלץ מער דער טערמין רוח באַנוצט פאַר גייסט, גאָטס גייסט אויף די שופטים, אויף די נביאים און אַזוי ווייטער. דער גייסט קומט דירעקט פון גאָט. די אַלע דריי מאָל ווען עס קומט אין תּנך רוח־הקודש איז אַלע מאָל מיט אַ כּינוי — רוח קדשו — זיין גייסט, רוח קודשך — דיין גייסט (ישעיהו ס"ג) — אַלע מאָל דירעקט פון גאָט. גאָטס הייליקער גייסט. אַזוי האָט דאָס וואָרט רוח אין תּנך עטלעכע באַגריפן — ווינט, לופט, גייסט, אָטעם, לעבן, געמיט, איינפאַל, געדאַנק, שלעכטער אָדער גוטער גייסט. אַ מענטש ווערט קראַנק — ווייל אַ שלעכטער גייסט האָט זיך אין אים אַריינגעזעצט. און פאַרקערט — קען אַ גוטער גייסט אַריינקומען אין אַ מענטשן, ווערט ער נענטער צו גאָט. אַלע מאָל איז נאָך אָבער פאַראַן אין דעם אויסדרוק עפּעס מאַטעריעלס. און ביז היינט איז געבליבן פון אָט דעם באַגריף ביי יידן אין דער קללה „אַ רוח אין זיין טאַטן"...

מיט דער דערוויטערונג פון מאַטעריאַליזאַציע ווערט אין גאַנצן פאַרגעסן דער באַגריף רוח אלוהים. גאָטס גייסט. אין תּלמוד פיגורירט ער ניט. אַנשטאָט אים קומט אַלע מאָל רוח־הקודש און אָן כּינויים, ניט זיין גייסט, ניט דיין גייסט, נאָר דער גייסט פון הייליקייט. אַגב, פאַראַן אַ טיפער אונטערשייד צווישן די צוויי באַגריפן „דער גייסט פון הייליקייט" אָדער דער „הייליקער גייסט", ווי ער פיגו־רירט אין אַנדערע רעליגיעס. דער הייליקער גייסט קומט אויס ווי אַ פאַרזיכיקע סובסטאַנץ אַזאַ. דער גייסט איז אַן אַנדערער, אַ הייליקער אַזאַ. ביי יידן איז עס דער גייסט פון הייליקייט. הייליק איז דער סוביעקט. און הייליקייט איז ניט דווקא און נאָר ביי גאָט, הייליקייט קען זיין אויך ביים פאָלק, און אָט דער גייסט פון דער הייליקייט — דאָס איז דער רוח־הקודש. אַזוי איז אויך „אָרון־קודש": ניט דער אָרון איז הייליק, נאָר ער איז דער אָרון פון הייליקייט. אַזוי איז אויך לשון־קודש — די שפּראַך פאַר זיך איז ניט הייליק, זי איז די שפּראַך פון הייליקייטן. אַזוי איז אויך רוח־הקודש — דער גייסט פון הייליקייט, אָבער ניט דער הייליקער גייסט.

הייליקייט שטאַמט בכלל ניט פון גאָט אַליין. הייליקייט איז פאַראַן אין דעם אויפּפיר פון מענטשן. אויך די קדושה פון ארץ־ישראל איז ניט פון גאָט. דאָס האָבן די יידן געמאַכט הייליק דאָס לאַנד. צוויי מאָל האָבן זיי עס מקדש געווען. איין מאָל אין דער צייט פון יהושוע און דאָס צווייטע מאָל פון עזרא הסופר. מיר זאָגן אויך היינט: יידן האָבן הייליק געמאַכט דאָס לאַנד. דאָס פאָלק איז דער מקור פון לאַנדס הייליקייט, פון זיין רייכקייט, פון ראַטעווען עס פון מידבר, וואָס אַ צווייט פאָלק האָט אָנגעטראָגן אין לאַנד אַריין. אַלץ איז פון פאָלק. האָט עס נאָך געזאָגט ישעיהו, אַז „דער הייליקער גאָט ווערט געהייליקט דורך גערעכטיקייט"

(„והאל הקדוש נקדש בצדקה״). די גמרא גייט נאָך ווייטער: ווען יידן טוען ניט גאָטס פאַרלאַנגען, ווען זיי גייען ניט אין גאָטס וועגן, ווערט גאָט אָרעמער, שוואַכער, גאָטס כּוח ווערט קלענער! אַז יידן מאַכן דעם עגל — דאָס גאָלדענע קאַלב, פאַר גאָט טאַקע, אָבער אַ מאַטעריעלן סימבאָל, זאָגט גאָט צו משהן: „גיי אַראָפּ״, גיבן צו די חז״ל איין וואָרט — „פון דיין גדולה״. אָן דעם פאָלק האָט משה אויך ניט קיין ווערט. וואָס איז ווערט אַ גענעראַל אָן אַן אַרמיי? אויך גאָט אָן דעם פאָלק איז שוואַך און אָנמעכטיק. עס איז פאַראַן ביי יידן מיט זייער גאָט אַ קעגנזייטיקער אָפּמאַך (דאָס תּנכישע וואָרט „ברית״), איר וועט זיין מיין פאָלק און איך — אייער גאָט. גאָט איז די הייליקייט פון יידן — „קדוש־ישראל״. דאָס וואָס דאָס יידישע פאָלק האַלט פאַר הייליק דאָס איז געטלעך. וועגן גאָט ווי אַ פאַרזיכיקע סובסטאַנץ מיט אַ פאַרזיכיקער עקסיסטענץ האָבן יידן גאָר ניט געטאָרט טראַכטן, ניט פאַרנעמען זיך מיט „מעשׂי מרכבה״.

עס איז צווישן די באַגריפן רוח אלוהים און רוח־הקודש פאַראַן נאָך אַ צווייטער אונטערשייד: רוח אלוהים איז אין גאַנצן ניט אָפּהענגיק פון פאָלק; דער גייסט קומט פון גאָט דירעקט אין גאַנצן אָן שום שייכות צום פאָלק, עס קען אַ מענטש זוכה זיין צו גאָטס גייסט אויב אָפילו דאָס גאַנצע פאָלק איז ווייט און פרעמד פון דעם. פאַרקערט גאָר, די נביאים קלאָגן זיך אויף זייער איינזאַמקייט. זייריידן אין גאָטס נאָמען, זיי ברענגען צום פאָלק גאָטס וואָרט, און דאָס פאָלק וויל זיי ניט הערן, דאָס פאָלק טרייבט זיי און יאָגט, מען וויל זיי אָפּט אָפילו טייטן, מען פאַרמישפּט ירמיהון צום טויט פאַר גאָטס רייד וואָס ברענען אין זיינע ביינער. אליהו אַנטלויפט פון יידישן פאָלק, וואָס וויל אים טייטן, לויפט ער צום „געטלעכן באַרג״ ערגעץ אין מידבר, ווייט פון יידן. ניטאָ גאָר ביים יידישן פאָלק קיין אָרט פאַר גאָטס גייסט, וואָס האָט זיין אָרט גאָר אין ווייטן מידבר, און דאָרטן דערהערט דער נביא גאָטס שטילע שטים (קול דממה דקה). גאָטס גייסט — רוח אלוהים און דאָס פאָלק ישׂראל זיינען ווי באַזונדער.

פאַרקערט איז מיט רוח־הקודש, דעם גייסט פון הייליקייט. ער איז גאָר שטאַרק פאַרבונדן מיטן פאָלק און זיין אויפפּיר. פאַראַן אין תּלמוד אַן אויסדרוק, אַז עמעצער איז ווערט געווען, אויף אים זאָל רוען די שכינה (וועגן דעם באַגריף — שפּעטער), אָבער דער דור איז ניט ווערט געווען (סנהדרין י״א א׳). דאָ קומט אַריין גאָר אַ נייער באַנעם: עס קען זיך גאָר ניט אויפהייבן איינער איבער אַלעמען, איין מענטש צווישן דעם גאַנצן פאָלק, ער אַליין זאָל געניסן פון דעם געטלעכן גייסט, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז ווייט פון דעם. דער נביא איז איינזאַם מיט דעם רוח אלוהים, וואָס איז נאָר ביי אים, ניט ביים גאַנצן פאָלק. עס קען אָבער ניט זיין איינזאַם אַ חכם פון די חכמי התּלמוד. זיי האָבן שפּעטער געקראָגן דעם נאָמען חז״ל — חכמינו זכרונם לברכה.

ווען דער דור (דאָס גאַנצע פאָלק אין געגעבענער צייט) איז ווייט פון הייליקייט, קען אויך דער גרעסטער יחיד ניט געניסן פון דער הייליקייט. פונקט פאַרקערט ווי עס איז געווען ביי די נביאים. זיי אַליין טראָגן אין זיך דעם גייסט פון יידישקייט, פון דער יידישער טראַדיציע דורך דורות, פון די אָבות אָן. דאָס פאָלק איז גאָר ווייט און פרעמד, עס וויל גאָר ניט מיטגיין מיטן גייסט פון די יידישע טראַדיציעס. אַנדערש איז עס ביי די חז״ל — זיי קענען טראָגן דעם רוח־הקודש נאָר ווען דאָס פאָלק גייט מיט זיי, אָן אַן אַרמיי וואָס פאָלגט איז דער גענעראַל גאָרניט ווערט. אָן דעם פאָלק וואָס גייט מיט, קען דער חכם ניט זוכה זיין צום רוח־הקודש. עס קומט אויס ווי דער רוח־הקודש קומט פון פאָלק.

ד״ר הערצל וואָלט באַלד פאַרגעסן געוואָרן ווען ער קלאַפּט ניט אָן אין אָפענע טירן, ווען ער וועקט ניט אויף די אוראַלטע געפילן פון פאָלק. אָט ווען דער זעלביקער ד״ר הערצל איז געקומען מיט זיין אוגאַנדע־פּלאַן, איז געוואָרן גיך אויס, גאָרניט... ווער קען אויסרעכענען וויפל גרויסע גייסטער עס זיינען פאַרגעסן געוואָרן נאָר ווייל דאָס פאָלק איז ניט „געווען ראוי צו דעם״. די וויסנשאַפט ווייסט למשל אַז געאָרג מענדעלס ירושה־טעאָריע איז באַלד פאַרגעסן געוואָרן און זי האָט געדאַרפט נאָך אַ מאָל אויפקומען ווען „דער דור איז ראוי געווען״.

דער רוח אלוהים איז אין גאַנצן ניט געווען אָפּהענגיק פון פאָלק, דער רוח־הקודש איז אין גאַנצן אָפּהענגיק טאַקע פון פאָלק. האָבן טאַקע די חז״ל געזאָגט, אַז די אַכט און פערציק נביאים און זיבן נביאות האָבן מיט זייערע פּרעכטיקע נבואה־רייד גאָר ווייניק אויפגעטאָן. זיי האָבן ניט געגלייבט אין דעם כּוח פון רייד, אַפילו אויב זיי זיינען פון גאָט, אין גאָטס נאָמען. משה אין זיין צייט טרוימט „מי יתן והיה כּל עם ה׳ נביאים״, אין אַ סך דורות שפּעטער זאָגט הלל „אם לא נביאים הם, בני נביאים הם״, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק שטאַמט פון נביאים. משה און אַלע נביאים גלייבן אין כּוח פון רייד, פון גאָטס רייד. די חז״ל האָבן ניט געגלייבט אין סתּם רייד, אַפילו אין נביאים־געטלעכע רייד; דער הייליקער גייסט פון גאָט, דער רוח־הקודש ליגט אין די פּירונגען פון פאָלק. ווען מען פרעגט הללן עפּעס אַ דין, ענטפערט הלל: „גייט און זעט ווי דאָס פאָלק פירט זיך״. דאָ איז ווידער פאַראַן אַ טיפע פילאָסאָפיע פון די חז״ל. עס איז אַ טיפער גלייבן אין דער געטלעכקייט פון פאָלק, אין זיינע פירונגען.

משה און אַלע נביאים זיינען אויך געווען „פאָלקיסטן״, אַלץ פאַר דער גוטסקייט פון פאָלק, פאַר זיין גליקלעכער צוקונפט „על האדמה״ אין לאַנד. אָבער דאָס פאָלק פאַרשטייט ניט די נביאים, אַלע רייד קומען אין נאָמען פון גאָט. די חז״ל אָבער גלייבן אין דער געטלעכקייט פון פאָלק גופא, דער רוח־הקודש איז טאַקע פון פאָלק, ניט ווי אין תּנך. די דריי מאָל וואָס עס ווערט געזאָגט רוח־הקודש מיט כּינוי פון אָנגעהעריקייט — זיין גייסט, דיין גייסט — אַלץ פון גאָט, נאָר פון גאָט.

די חז״ל אָבער זעען און פילן דעם רוח־הקודש אין פאָלק. עס שטייט אין דער תורה: „משה ידבר והאלוהים יעננו בקול״, גאָט ענטפערט משהן מיט אַ שטים, זאָגט די גמרא: „בקולו של משה״ — די געטלעכקייט איז אין משהס שטים גופא. די חז״ל האָבן לכתחילה געטלעכקייט געזוכט אין פאָלק, דעם רוח־הקודש אויך אין פאָלק. אויך דער רוח־הקודש איז ניט אָפּגעריסן פון פאָלק. ניט פון גאָט, נאָר פון פאָלק, און אויב דער דור (דאָס פאָלק אין דער געגעבענער צייט) איז ניט ראוי, ניט זוכה, קען קיין יחיד — ווי גרויס ער זאָל ניט זיין — ניט געניסן פון הייליקן גייסט.

גליקלעך איז דער דור ווען עס איז פאַראַן אַזאַ טיפער הסכם צווישן פאָלק און זיינע פירערס. ווייט ניט אָפט האָבן מיר אַזאַ איינשטימיקייט אין דער יידישער געשיכטע. אין דער תנך־תקופה האָבן מיר ניט געהאַט אַזאַ איינשטימיקייט. מיר האָבן דעם תנך יאָ איינגעהיט, אָבער נאָר אַזוי ווי די חז״ל האָבן אים אונדז איבער־געגעבן, ווי זיי האָבן אים אויסגעשטאַלטיקט. אין דער ספרד־תקופה האָבן מיר גיגאַנטן פון שעפערישן גייסט. גרויסע טיילן פון אָט דער רייכקייט זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, בכלל האָט עס דווקא אַשכנז ווידער אַנטפּלעקט פאַר אונדז די רייכקייט פון ספרד. פאַר וואָס אָבער איז ספרד אַליין געוואָרן אַ יורד? — דאָס איז דערפאַר ווייל אַפילו אין דער תקופה פון גרויסן אויפשטייג זיינען דאָרט געווען נאָר גדולים, אָבער קיין פאָלק זעען מיר ניט. פאַרקערט, האָט דווקא אַשכנז, ווען די גדולים האָבן ניט אָפּגעטראָטן פון פאָלק און תמיד געהיטן דעם פאָלקס שטייגער, דווקא אַשכנז האָט איינגעהיטן יידישקייט דורך אַלע חורבנות און האָט אויך גע־ראַטעוועט די רייכע ירושה פון ספרד.

צוויי פּרינציפּן האָבן די חז״ל אָפּגעהיטן:

1. זוכט הייליקייט ניט ביי גאָט אין הימל, נאָר אין פאָלק און אין זיין שטייגער;

2. דער גייסט פון גאָט ליגט ניט אין די שענסטע רייד נאָר אין די פירונגען, אין די מעשׂים פון פאָלק.ביידע פּרינציפּן האָט די יידישע געשיכטע באַרעכטיקט.

די השׂכּלה־באַוועגונג און חסידות — זיינען די צוויי פּאָלוסן: ווער עס וויל ברענגען גוטס צום פאָלק און ווער עס זוכט גוטס פון פאָלק. צום פאָלק אָדער פון פאָלק — דאָס איז אויך געווען דער אונטערשייד צווישן די נביאים און די חז״ל. דאָס יידישע פאָלק דורך דער אייביקייט פון אַלע גלותן שטאַמט ניט פון תנך און ניט פון די הערלעכע, געטלעכע נביאים, נייערט פון די חז״ל מיט זייער וואָכע־דיקער הלכה.

די חז״ל האָבן טייער געהאַלטן די ירושה פון דער תורה, פון די נביאים, אין דער געשטאַלטונג ווי זיי — די חז״ל — האָבן עס אויסגעשטאַלטיקט. זיי האָבן פאַרהייליקט די שפּראַך פון פאָלק (אַראַמיש). אַז דאָס פאָלק רעדט איז עס הייליק.

האָבן די חז״ל דעם גאַנצן תּלמוד געשאַפן טאַקע אין אַראַמיש, איז פאַר זיי די שפּראַך פון פאָלק ניט ווייניקער הייליק ווי די שפּראַך פון הייליקייט (לשון־הקודש מיינט ניט די הייליקע שפּראַך, נאָר די שפּראַך פון הייליקייט). חזרן מיר איבער: גליקלעך איז די תּקופה ווען עס איז פאַראַן אַ פולע איינשטימיקייט צווישן דעם פאָלק און זיינע פירערס, ווי עס איז געווען אין דער תּקופה פון די חז״ל.

האָבן די חז״ל ניט געהאַט קיין „שפּראַכן־פראַגע״. ניטאָ קיין מאַטעריעלע הייליקייטן, זיינען אויך ווערטער ניט הייליק פאַר זיך, איז ניטאָ קיין „לשון־קדושה״, קיין הייליקע שפּראַך. עס איז דאָ אַ „לשון־הקודש״ — די שפּראַך פון הייליקייטן. און אויב הייליקייט איז אין פאָלק און פאָלקס שטייגער, איז אויך די שפּראַך פון אָט דעם פאָלקישן שטייגער די הייליקע שפּראַך פון יידישן פאָלק. וואָס פאָלק רעדט, אָט דאָס איז הייליק. דער תּנך — ניט ווי ער איז פאַר זיך אַ מאָל געשריבן געווען, נאָר ווי דאָס פאָלק האָט אים אָנגענומען און פאַרהייליקט. אַזוי איז אויך די שפּראַך. די קדושה פון פאָלק איז קאָנצענטרירט און איינגעהילט, פאַרבאַהאַלטן אין דער שפּראַך, וואָס דאָס לעבעדיקע פאָלק רעדט. דערפאַר איז דאָס לשון פון פאָלק אויך די שפּראַך פון די חז״ל, פון דער גאַנצער תּלמודישער ליטעראַטור. אַלע תּפילות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין בבל, זיינען אין אַראַמיש. אין אַ שפּראַך זיינען אויך דאָ אָט די צוויי עלעמענטן: ניגלה און ניסתּר. ניגלה איז דער טייטש פון ווערטער. ניסתּר זיינען אַלע אונטערטענער און אויבערטענער פון אַ לעבעדיקן פאָלק. אויסלערנען זיך קען מען נאָר דעם ניגלה פון אַ שפּראַך. שעפע־ריש, לעבעדיק איז בלויז דער ניסתּר פון דער זעלביקער שפּראַך. אָט פאַר וואָס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון היינט שטאַמט נאָר פון דעם פאָלק וואָס האָט בשעתו גערעדט אַראַמיש. אַלע יידישע שבטים וואָס האָבן גערעדט אַנדערע שפּראַכן זיינען אַרויסגעפאַלן פון סכום יידיש פאָלק, קיינער פון זיי איז ניט געבליבן. זאָלן אָט די ווערטער זיין אַ שטרענגע וואָרענונג פאַר אַלע היינטיקע שפּראַך־אַסימילאַטאָרן. און די שפּראַכיסטן דאַרפן אויך וויסן, אַז דאָס לשון פון פאָלק איז ניט דער ניגלה, וואָס מען קען אויסלערנען אַליין.

וועגן גאָט פאַר זיך, וועגן גאָט גופא, וועגן זיין מהות, זיין אַנוועזנקייט, וועגן זיין עקסיסטענץ האָבן די חז״ל כּמעט ווי ניט גערעדט. די געטלעכקייט פון פאָלק האָט ווי אַריבערגעשפּרייזט גאָט אַליין. גענוג צו גלייבן אין דער געטלעכקייט פון פאָלק און מען פאַרשפּאָרט צו גלייבן און צו ספּעקולירן וועגן דעם אַבסטראַקטן גאָט און זיין מהות. אַפילו דעם אייגנטימלעכן נאָמען פון יידישן גאָט, ווי ער פיגורירט כּסדר אין תּנך, האָבן די חז״ל כּמעט ניט גענוצט. די הייליקע פיר אותיות י.ה.ו.ה. האָט מען פאַרגעסן. אַלע נעמען, וואָס חז״ל נוצן, זיינען נאָר באַצייכענונגען פון פאָלקס גלויבן אין גאָט. נוצן די חז״ל: רחמנא, ווייל ער איז דער בעל־הרחמים! רבונו־של־עולם, השם־יתברך, הקדוש־ברוך־הוא (אין זייער

אַראַמישן יידיש קודשא בריך הוא), המקום, אין באַטייט פון וועלט־חלל, פון קאָס־מאָס. כאַראַקטעריסטיש איז דער יידישער אויסדרוק „די הענט נישט געוואַשן", ווי למשל, „ווען די הענט ניט געוואַשן זאָל מיר העלפן" וכדומה — מען טאָר ניט דערמאָנען אַפילו דאָס וואָרט גאָט כל־זמן מען האָט די הענט ניט געוואַשן.

מיר זעען דאָ, ווי ווייט די חז"ל האָבן אויסגעמיטן יעדע מאַטעריאַליסטישע פאָרשטעלונג פון גאָט. ניט גאָט, נייערט געטלעכקייט, ניט אין די הימלען, נאָר אין פאָלקס שטייגער־לעבן, ניט פילאָסאָפישע באַגריפן און פאָרמולירונגען אין זאַצן און פּאַראַגראַפן, ווי דאָס האָבן געטאָן די גריכן, נייערט פילאָסאָפיע אויס־געדריקט אין מעשים, אין פירונגען, אין שטייגער, אין הלכה. ניט וועגן גאָט און זיין מהות, ניט קיין גאָט־וויסנשאַפט, טעאָלאָגיע. וואָס הייסט „דערנענטערן זיך צו גאָט"? עס מיינט עס זאָל זיין געטלעכקייט אין דיין אויפפיר (אַ גמרא). און דערפאַר איז „קודשא בריך הוא ואורייתא וישׂראל". גאָט, די תּורה, די לערע פון יידישן אויפפיר און יידישקייט און ישׂראל איז איינס (פון זוהר).

אין דער גמרא און אין מדרשים שטייט, אַז ווען יידן פירן זיך ניט ווי גע־העריק, ניט געטלעך, שוואַכן זיי אָפּ גאָטס כּוח. און פאַרקערט, גאָט ווערט שטאַרקער ווען יידן פירן זיך אויף געטלעך. גאָט און דאָס יידישע פאָלק האָבן אַ מין אָפּמאַך (ברית): גאָט איז די הייליקייט פון יידן (קדוש־ישׂראל) און ישׂראל איז די הייליקייט פון גאָט (קודש־ישׂראל לה'). פונקט ווי ישׂראל איז אָפּהענגיק פון גאָט, אַזוי איז אויך גאָט אָפּהענגיק פון יידישן פאָלק. ניט נאָר דאָס לאַנד ישׂראל איז הייליק אָדער ניט־אָפּהענגיק, ווי יידן מאַכן עס. הייליקייט קומט פון יידן אויף דער ערד, ניט פון גאָט אין הימל.

זאָגט ירמיהו: „איר זייט געקומען און טמא געמאַכט מיין לאַנד". איז אָבער ארץ־ישׂראל הייליק פאַר אַלע קריסטלעכע און איסלאַמישע פעלקער, נאָר מחמת יידן האָבן עס הייליק געמאַכט. ניט ווייניקער איז עס אויך מיט גאָט: יידן שטאַרקן אים און זיי מאַכן אים שוואַכער. קדושה — הייליקייט איז לגמרי מער ניט ביי גאָט, כּדי צו טיילן די הייליקייט ווי אַ גוטע מתּנה צו די וואָס האָבן עס פאַרדינט. קדושה איז ביים פאָלק, און דאָס פאָלק מיט זיין אויפפיר מאַכט עס הייליק אָדער ניט־הייליק. אויך דאָס לאַנד ארץ־ישׂראל האָבן יידן הייליק געמאַכט (קדושה ראשונה דורך יהושע און די קדושה שניה דורך עזרא). די קדושה גופא איז ניט עפּעס אַ מין געטלעכע סובסטאַנץ אַזאַ, וואָס גאָט טיילט זי אײַן צו זיינע אויס־דערוויילטע. עס איז אַ מדרגה, אַ פאָרעם פון לעבן, פון שטייגער, פון אויפפיר. מענטשן מאַכן זיך הייליק, אַלץ קומט פון מענטשן. אַלץ ווענדט זיך אין די מענטשן, אַפילו די הייליקע גבורה פון גאָט!

מען דאַרף ניט דווקא גלייבן, אַז אויפן הימל איז פאַראַן אַ גאַנצע בוכהאַלטע־ריע מיט יעדן יידנס פריוואַטן חשבון, כּדי צו פאַרשטיין, אַז עס זיינען פאַראַן

מענטשן וואָס הייבן זיך אויף העכער איבער זייערע פּריוואַטע אינטערעסן און גיבן אַוועק זייער צייט, זייער אַרבעט פאַר זאַכן וואָס שטייען העכער פון די גשמיותדיקע השגות. די דאָזיקע מענטשן הייבן זיך אויף יעקבס לייטער צו דער געטלעכקייט, צו קדושה.

עס קענען זיין הייליקע געדאַנקען אויך ביי וועלטלעכע מענטשן, געדאַנקען, אידייען, פּראָבלעמען. און ביי דעם זיינען אויך פאַראַן צוויי מינים פון אידייען. אַזעלכע וואָס שטאַמען פון דעם געגעבענעם מענטש, ער האָט די אידייען געבאָרן און אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אין פאָלק אויף פריִער, נאָר זיי זיינען ניט אַרויס־געזאָגט געוואָרן קלאָר, אין פּשוטע ווערטער. לויט דער טראַדיציאָנעלער טערמינאָ־לאָגיע וועט אויסקומען, אַז די אידייען זיינען געווען אין פאָלקס „ניסתּר", זיינען זיי איצט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין „ניגלה".

די אידייען פון פאָלק זיינען לגמרי נישט אויסגעדריקט אין ווערטער און אין קלאָרע פילאָסאָפישע זאַצן. זיי זיינען אין דעם פאָלקס „ניסתּר", אין אוראַלטן ניסתּר, למשה מסיני. געוועזן ביי די חז"ל אַ מינהג (און אויך נאָך זיי שפּעטער) צוצושרייבן שריפטן צו קדמונים. זיינען אַלע מיזמורים פון תּהילים געשריבן פון דוד המלך, זיינען שיר־השירים, קוהלת, משלי געשריבן פון שלמה און אַזוי נאָך און נאָך. איז דער זוהר געשריבן פון ר' שמעון בר יוחאי. איז אין דעם ניט געווען קיין אָפּנאַרעריי, חלילה. זיי האָבן געגלייבט באמונה־שלמה, אַז די אידייען שטאַמען פון יענע קדמונים. זיי — די מחברים, האָבן נאָר פאַרשריבן וואָס יענע קדמונים האָבן איבערגעגעבן אָדער אין שריפט, אָדער בעל־פּה. גלייבט דאָך דאָס יידישע פאָלק, אַז די גאַנצע תּלמודישע ליטעראַטור מיט אַלע פּלוגתּות און מחלוקתן, מיט אַלע הלכות און אגדות, מיט אַלע פּראָבלעמען וואָס זיינען געבליבן וואַרטן ביז אליהו וועט קומען מיט משיחן און זיי פאַרענטפערן, אַלץ דאָס איז ניתּנה למשה מסיני, נישט מער, עס איז איבערגעגעבן געוואָרן בעל־פּה. נאָר די תּורה איז אָפּט פאַרגעסן געוואָרן ביז מען איז געקומען (פון גלות דווקא!) „וחידשוה" — מען האָט זי באַנייט, פון דאָס ניי. זיינען די זאַכן, וואָס זיי פאַרשרייבן איצט, שוין פון לאַנג, פון קדמונים ביי יידן, הגם זיי ווערן ערשט איצט פאַרשריבן.

און עס איז טאַקע פאַראַן אויך איצט אַזוינס: מען לייענט אַ זאַך פון איצט און עס קען זיך דאַכטן, אַז עס איז אוראַלטע יידישקייט, אַזאַ איינדרוק האָב איך תּמיד ווען איך לייען די „אורות הקודש" פון הרב קוק ז"ל. הגם ער ברענגט ניט קיין שום ציטאַט פון קדמונים, ער פאַררופט זיך ניט אויף אויטאָריטעטן פון פאַרצייטן. ער רעדט כּסדר פון זיך, פון זיין אייגענעם גייסט, נאָר זיין גייסט איז דורכויס אַ פאָלקישער. גליקלעך איז דאָס פאָלק וואָס זיינע וואָרטזאָגערס ריידן און שרייבן אין גייסט פון פאָלק; גליקלעך זיינען די וואָרטזאָגערס, וואָס גלייבן,

אַז זיי רעדן אין גייסט פֿון פֿאָלק, אַז דורך זייער מויל, דורך זייער פּען רעדט דער אייביקער גייסט פֿון פֿאָלק, די נשמה פֿון פֿאָלק, דער גאָט פֿון פֿאָלק.

פֿאַראַן ביי יידן אַ לעגענדע, אַז בכלל זיינען ביי גאָט גאָר זעלטן „נייע", ניט גענוצטע נשמות; גאָט נעמט נשמות וואָס האָבן שוין געלעבט אין מענטש און ער גיט די זעלביקע נשמות צו ניי־געבוירענע מענטשן. די נשמה פֿון אַ מענטשן איז בכן אַ סך עלטער פֿון זיין גוף. דער גוף איז אַ נייער, אָבער די נשמה איז אַן אַלטע, שוין געלעבט אין פֿאָלק. און די נשמה פֿון משה רבינו איז אַריבער צו רבי עקיבא און פֿון רבי עקיבא איז זי אַריבער צו רש״י. ווי אין יעדער אַנדער לעגענדע איז אויך דאָ פֿאַראַן אַ טיפֿער זינען. די נשמה דאָס איז דער גייסט פֿון מענטשן. און דער גייסט פֿון אַ מענטשן איז על־פּי רוב טאַקע אַן אַלטער, שוין פֿון דורות געווען אין פֿאָלק, שוין זיך אַריינגעלעבט און זיך איינ־געלעבט אין פֿאָלק, אין זיין גאַנג. קען אַ מענטש ריידן אָדער שרייבן פֿון זיך עפּעס נייעס, אָבער זיינע געדאַנקען, זיינע אידייען, אַפֿילו ווען ער טראַכט עס ניט לגמרי, זיינען שוין אַלטע, שוין געווען אין פֿאָלק.

די נביאים האָבן אַזאַ גליק ניט געהאַט, די חז״ל יאָ. די נביאים האָבן גע־רעדט מיט דעם רוח אלוהים, די חז״ל האָבן גערעדט מיט דעם רוח־הקודש. זיי האָבן אין די הלכות און אין די אגדות פֿאָרמולירט די געטלעכע אידייען וואָס אין געטלעכן פֿאָלק. די השׂכּלה האָט געהאַט גרויסע מענטשן, גרויסע און טיפֿע גייסטער, אָבער עס האָט ביי זיי געפֿעלט די איינשטימיקייט מיטן פּשוטן פֿאָלק. די חסידישע באַוועגונג האָט אפשר ניט פֿאַרמאָגט אַזוינע גייסטרייכע פּערזאָנען, אָבער פֿאָלקישקייט האָט דאָ ניט געפֿעלט. דערפֿאַר האָט חסידיש זיך צעוואַקסן.

חסידיש און מוסר — ביידע שטרענג רעליגיעזע באַוועגונגען. חסידיש איז דורכויס פֿאָלקיש, אין גאַנצן איינשטימיק מיט דעם פּשוטן פֿאָלק און זיין גייסט. די מוסר־באַוועגונג האָט געזוכט יחידים איבערן פֿאָלק, איז זי אונטערגעגאַנגען, ווי די השׂכּלה. צוויי פּרינציפּן האָבן אונדז געלאָזט די חז״ל און אָט זיינען זיי:

1. זוכט הייליקייט, קדושה ניט ביי גאָט אין הימל, נאָר אין פֿאָלק און אין זיין אויפֿפֿיר; דער רוח־הקודש איז ניט דווקא דער רוח אלוהים.
2. דער גייסט פֿון גאָט, דער רוח־הקודש ליגט ניט אין די שיינע רייד, נייערט אין דעם אויפֿפֿיר פֿון פּשוטן, פֿאַרזיכיקן פֿאָלק.

ביידע פּרינציפּן האָט די געשיכטע באַשטעטיקט. די צדוקים פֿאַרצייטן האָבן זיך געהאַלטן מסתמא פֿאַר די אמתע צדיקים: זיי היטן די יידישע תּורה וואָרט ביי וואָרט, ווי עס איז פֿאַרשריבן. אַלץ פֿון דער תּורה, ווי זי איז געשריבן! זיי האָבן מסתּמא געקוקט אויף די פּרושים ווי אויף אַפּיקורסים, וואָס דרשענען אַריין אין דער תּורה אַזוי פֿיל ענדערונגען, זיי גייען נאָך דעם פֿאָלק, זיי דערלויבן זיך צו זאָגן, אַז ווען אליהו וועט קומען און וועט זאָגן, אַז חליצה דאַרף מען פֿירן

אין איין וועג, דאַרף מען אים ניט פאָלגן, ווייל דאָס פאָלק פירט זיך שוין אַנדערש! (גמרא!) באשר מיר ווייסן גאָרנישט וואָס די צדוקים האָבן געטענהט — ניט געבליבן פון זיי קיין זכר. אויב עס איז דאָ אַ יידיש פאָלק, איז עס נאָר פון די פרושים און פון זייערע נאָכפאָלגער — די חז״ל.

די חז״ל האָבן אָפּגעהיט דעם תנך, אָבער אין דעם אינהאַלט און אין דער געשטאַלטונג, ווי זיי האָבן אים אויסגעשטאַלטיקט, אויסגעפורעמט. עס איז ביי אונדז דער תנך פון די חז״ל. די יידן אין העלעניזירטן מצריים האָבן געהאַט אַ צווייטן תנך. מסתמא האָבן אויך די צדוקים געהאַט אַן אַנדער תנך. יענער איז אָבער ביי אונדז ניט געבליבן. און דורך דער גאַנצער שטעטל־תקופה האָבן דאָך יידן בכלל געדענקט אַ פסוק פון תנך טאַקע פון דער גמרא אַרויס, ניט דירעקט פון תנך.

✶

עס פרעגט זיך: ווי איז עס געקומען צו אַט דער גרויסער ענדערונג אין פאָלקס פסיכיק פון רוח אלוהים ביז רוח־הקודש? האָבן די נביאים אין משך פון הונדערטער יאָרן געטראָגן אין זיך דעם רוח אלוהים און זיי זיינען געווען איינזאַם אין פאָלק? דאָס פאָלק האָט גאָר זיך געצויגן צו אלוהים אחרים, צו אַנדערע קולטורן און צו אַנדערע שטייגערס, און אָט איז עס געקומען צו חז״ל מיט דעם רוח־הקודש וואָס רוט אין פאָלק, אויף דעם פאָלק, ווען דאָס פאָלק ישראל איז געוואָרן איינס מיט אלוהי ישראל?

דער איבערגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן אין גלות בבל און האָט געדויערט די גאַנצע צייט פון דער פערסישער תקופה. די פאָר הונדערט יאָר האָבן יידן געלעבט אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע. אָן מלחמות, ווייל פּרעטענדענטן האָבן ניט געוואָלט אָנהייבן זיך מיט דער מעכטיקער פערסיע. זיינען יידן געזעסן איש תחת גפנו ותחת תאנתו, דאָס פאָלק האָט זיך פאַרמערט, געשטאַרקט, פאַרנומען דאָס גאַנצע לאַנד ישראל. דאָס איז געווען די ברכה פון שלום.

אָן אַסימילאַציעס, ווייל מיט סובאָרדינירטע פעלקער אַסימילירן זיך יידן קיין מאָל ניט, און דאָס הערשנדיקע פערסיע איז געווען ווייט, אָפּגעטיילט מיט אַ מידברדיקן שטח, האָבן די פערסיער בכלל נאָר געצויגן שטייערן, אָבער ניט געשאַפן קיין קולטור־השפעה. אַזאַ גליקלעכע צייט פון שלום און אָן אַסימילאַציע איז גאָר אַ זעלטנקייט אין דער יידישער געשיכטע. אייגענע יידישע טראַדיציעס האָבן זיך איינגעפעסטיקט ביי יידן, אַן אייגענער שטייגער. און דער עיקר: עס האָט זיך אויסגעאַרבעט אין פאָלק אַ שטאַרקע אַכטונג צו זיך אַליין, אַ דרך־ארץ צו יידישקייט, צו יידישע טראַדיציעס, צום יידישן שטייגער, צו יידישע באַגריפן.

די נבואה האָט אויפֿגעהערט, ניט געווען וואָס צו באַקעמפֿן, די נביאישע אמתן זיינען ערשט איצט געוואָרן דער אינהאַלט פֿון גאַנצן פֿאָלק. האָט עס הלל געקאָנט מיט דער גאַנצער ליבע און אַכטונג צום פֿאָלק זאָגן, אַז דאָס יידישע פֿאָלק, אַלע יידן זיינען „בני נביאים", „חכם עדיף מנביא" — אַ חכם (ניט סתם אַ קלוגער, נאָר אַ געלערנטער אין יידישקייט) שטייט העכער פֿון אַ נביא. די נביאים זיינען געווען קעמפֿערס, די חז"ל האָבן ניט געהאַט קעגן וועמען און קעגן וואָס צו קעמפֿן. זיינען געטלעכקייט און יידישקייט געוואָרן אידענטיש. איז דער רוח־הקודש פֿון פֿאָלק געווען אידענטיש מיט דעם פֿריִערדיקן רוח אלוהים, ווייל די קדושה, די געטלעכקייט איז דווקא נישט אַזוי פֿיל אין הימל, ווי אין דעם פֿאָלקס לעבן און אין זיין שטייגער. „לא בשמים היא", רופֿט אויס שטאָלץ אַ חכם, און אליהו איז דער עדות אויף דעם, אַז גאָט איז צופֿרידן. אין דער גמרא איז פֿאַראַן עטלעכע מאָל: געווען פֿערזאָנען, וואָס זיינען געווען ווערט אַז די שכינה (וועגן דעם באַ־גריף אַ ביסל שפּעטער) זאָל רוען אויף זיי, אָבער דער דור איז עס ניט ווערט געווען. דאָס איז ווידער אַ נייעס: די שכינה, גאָטס גייסט, געטלעכקייט קומט ניט דירעקט פֿון הימל, פֿון גאָט, נאָר פֿון פֿאָלק, אָן אַן אַרמיי איז דער קליגסטער גענעראַל שוואַך, אָנמעכטיק און איינזאַם ווי עס זיינען געווען די נביאים. מוז אליהו לויפֿן ווייט אין מידבר זוכן גאָטס גייסט אויף דעם באַרג — „הר אלוהים". פֿאַרשפּאָרן עס די חז"ל, „פּוק חזי" — גייט און זעט ווי עס פֿירט זיך דאָס פֿאָלק און טוט דאָס זעלבע. איז דער רוח־הקודש פֿון די חז"ל מער ניט געווען קיין רעליגיעזער באַגריף. ער איז געוואָרן אַ פֿאָלקיש־וועלטלעכער באַגריף. רוח אלוהים איז רעליגיע, רוח־הקודש איז פֿאָלקיש. האָבן חז"ל ווי אָפּגעהאַקט די שאַפֿונגען פֿון תּנכישן מין. נאָר פֿיר און צוואַנציק ספֿרים און מער דאַרף מען ניט. ניט אין שיינע ווערטער איז די ווערטיקייט פֿון פֿאָלק, ניט אין געטלעכקייט, נאָר אין שטייגער, אין אויפֿפֿיר פֿון לעבעדיקן פֿאָלק, אין זיין גאונות. און זיי, די חז"ל, האָבן עס געשאַפֿן אַ נייעם טערמין פֿאַר פֿאָלקישן שטייגער — „הלכה". ניט „מיצווה", אָנגעזאָגט, געהייסן, נאָר פֿון שטייגערישן אויפֿפֿיר, פֿון פֿאָלקישן גאַנג.

די צדוקים האָבן געהאַט רעליגיע פֿון פֿאַרצייטנס, פֿון אַמאָל, פֿאַרהייליקט ווי עס איז געשריבן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן. פֿאָלקישקייט און געטלעכקייט זיינען באַזונדער. די פּרושים און די חז"ל האָבן געהאַט אַן אַנדערן צוגאַנג, פֿאַר זיי איז געטלעכקייט און פֿאָלקישקייט געווען איינס. וואָס ניט אין פֿאָלק איז אויך ניט פֿון גאָט. קען ער זיין דער גרעסטער גדול, נאָר קוים איז דער דור ניט מיט אים, גייט נישט מיט אים די שכינה. פֿאַר די פּרושים און חז"ל איז ניטאָ מער קיין „גאָטס באַרג", זאָגט עס אַ גמרא פּשוט: „נסתּלקה קדושתו" פֿון באַרג סיני. איז פֿאַרקערט, יעדער לעבעדיקער מענטש וואָס שאַפֿט יידישקייט אין גייסט פֿון פֿאָלק, איז ער „סיני ועוקר הרים", ער רייסט אויס די הייליקייט פֿון שטיינערנע

בערג. די נביאים האָבן זיך באַמיט צו געבן די געטלעכע אידייען דירעקט. די חז״ל האָבן געפורעמט די אידייען אין האַנדלונגען, אין פירונגען, אין הלכות, זיי האָבן אויסגעמיטן צו געבן באַגריפן אין ווערטער, דעפיניציעס און טראַקטאַטן. אידייען זיינען אַזוי ווי ענערגיע, און ענערגיע קען זיך האַלטן בלויז מיט מאַטעריע. אידייען — בלויז מיט מעשים, מיט הלכות־פירונגען. עס טרעפט זיך אין תּלמוד אַ מין גרינגשעצונג צו די „סתם דברי נבואה״.

✶

איז דאָס יידישע פאָלק פון די צדוקים מיט זייער „רעליגיע״ אונטערגעגאַנגען, ס׳איז אויפגעקומען אַ נייע פאָלקישע און פאָלקיסטישע יידישקייט וואָס האָט באַזייטיקט אַלע מאַטעריעלע הייליקייטן, יעדער הגשמה, קערפּערלעכע הייליקייט. האָט גאָט אַליין זיך „באַזעצט״ אין יידישן פאָלק און אין זיין פירונג, אָט דאָס באַזעצן גאָט אין פאָלק האָט געשאַפן אַ נייעם טערמין: „שכינה״. בכלל איז גאָט גרעסער און ברייטער, ער איז מלך העולם, דער גאַנצער קאָסמאָס איז זיינער, כּי הוא מקומו של עולם, אָבער די שכינה, גאָטס „רוען״ איז ביי יידן. דער באַגריף איז אַ נייער, הגם שוין אַזוי פרי ווי אין דער צייט פון די וואַנדערונגען אין מידבר האָבן יידן געבויט אַ ספּעציעלן „משכּן״ פאַר גאָט. אין אַלע זייערע וואַנדערונגען האָבן יידן מיטגעטראָגן דעם ספּעציעלן „אָרון הברית״ — אַן אויסגעפּוצטע שאַפע מיט קאָנקרעטע מאַטעריעלע הייליקייטן אין דעם אָרון. ער איז געטראָגן געוואָרן מיטן פאָלק אויף מלחמות. ער איז געבראַכט געוואָרן אין בית־המיקדש אַריין. ערשט כּמעט ביים סוף פון בית־ראשון האָט מען דעם הייליקן מאַטעריעלן „אָרון הברית״ באַזייטיקט (מסתּמא ניט אָן דער השפּעה פון ירמיהו). דאָס איז געווען די „גניזת האָרון״. פאַרקערט, דערציילט די גמרא אַ לעגענדע, אַז ווען שלמה האָט געבראַכט דעם אָרון אין דעם בית־המיקדש וואָס ער האָט אויסגעבויט, האָבן זיך די טויערן פון זיך פאַרמאַכט און ניט געוואָלט אַריינלאָזן דעם אָרון. פאַר די חז״ל איז מער ניטאָ קיין מאַטעריעלע הייליקייט. ניטאָ קיין זאַכן פון גאָט, גאָטס גייסט, דער רוח־הקודש איז פאַראַן אין די פירונגען פון יידישן פאָלק, גאָטס גייסט „רוט״ אין יידישן פאָלק. דאָס איז דער באַגריף „שכינה״. דער עצם בית־המיקדש איז ביסלעכווייז פאַרביטן געוואָרן דורך דעם בית־הכּנסת, — פאַרזאַמלונג פון פאָלק, דער רוח־הקודש דאַרף ניט קיין ספּעציעלע בנינים אָפּגעזונדערט פון פאָלק. ער איז „שוֹכן״, ער רוט אין פאָלק, אין זיין שטייגער. און דערפאַר ניט דער אַלטער טערמין „משכּן״, נאָר „שכינה״. משכּן מיינט אַ פּלאַץ, אַן אָרט ספּעציעל פאַר גאָט. דאָס דאַרף מען מער נישט, עס איז שכינה — דאָס רוען. מיר דאַכט זיך אַז לכתחילה איז עס געווען דער טערמין

„שכינת אל״. עס האָט שוין ניט קיין גשמיותדיקע עלעמענטן, עס דאַרף ניט קיין ספּעציעלע פּלעצער און בנינים. דאָרט ווו יידן פאַרנעמען זיך מיט יידישקייט, דאָרט „רוט״ אויף זיי די געטלעכקייט, דאָרט איז די שכינה — דער רוח־הקודש, דער רוח אלוהים.

אמת, פאַראַן אין דער גמרא אָפּט פאַרקערטע מיינונגען. סע ווערט (יומא כ״א ב׳) געזאָגט, אַז אין צווייטן בית־המיקדש האָבן געפעלט אי דער רוח־הקודש אי די שכינה. אָבער פאַראַן דאָרט אויך אַנדערע געדאַנקען, ווי למשל, אַז מען קען ניט ביי איין מענטשן פרעגן וועגן אַ צווייטן. (אין דער גמרא גופא זאָגט זיך: „תנא אתנא קארמית?״ קען מען מיט אַ מיינונג פון איינעם אָפּפרעגן אַ צווייטן?) אין דער אמתן אָבער איז יידישקייט אין צווייטן בית־המיקדש געשטאַנען אַ סך העכער. עס זיינען אָבער דאָרט געווען צוויי ריכטונגען. איינע האָט זיך געהאַלטן ווערטלעך אָן דער תורה, אַזוי ווי דאָרט איז פאַרשריבן. די עצם פאַרמעטן פון דער תורה זיינען פאַר זיי הייליק געווען, אַ פּשיטא שוין די ווערטער פון דער תורה. די תורה איז פון גאָט. דער מענטש טאָר גאָרניט צוגעבן אָדער ענדערן. דער קיום פון פאָלק איז אין די מאַטעריעלע רייכקייטן פון פאָלק און פון לאַנד. פאָלק און תורה זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן. די הייליקע תורה האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם וואָכעדיקן פאָלק און מיט זיין וואָכעדיקן לעבן. דער בית־המיקדש איז אַ מאַטעריעלע הייליקייט. דאָס זיינען געווען די צדוקים.

גאָר אַנדערש איז געווען די צווייטע ריכטונג: נישטאָ קיין אַנדער הייליקייט, חוץ די פּירונגען פון לעבעדיקע יידן. דער קיום פון פאָלק איז אָפּהענגיק נאָר פון דעם ווי אַזוי עס לעבן יידן: האַלטן זיי זיך אין זייערע אייגענע טראַדיציעס אָדער גייען זיי אין פרעמדע וועגן און לעבן לויט פרעמדע מינהגים. ניט פאַראַן קיין מאַטעריעלע הייליקייטן! די געשריבענע תורה — כל־זמן זי איז ניט אין לעבן פון פאָלק, איז זי נישט הייליק. דער בית־המיקדש פאַר זיך איז הייליק, אָבער מיט זיין הייליקייט האָט דאָס פאָלק ניט קיין קיום. דער קיום פון פאָלק איז בלויז אין דעם גאַנג פון פאָלק, אין דער הלכה. דאָס האָט שוין דעם פאָלק געלערנט ערב דעם ערשטן גלות אין בבל דער נביא ירמיהו (קאַפּיטל ז׳), אָבער ער האָט דעם פאָלק פּראַקטיש ניט געוויזן וואָס ס׳וועט זיין דער קיום פון פאָלק אָן מאַטעריעלע הייליקייטן. ערשט די חז״ל האָבן עס אַנטפּלעקט ערב דעם צווייטן חורבן: דער רוח־הקודש, די שכינה זיינען ניט אין בית־המיקדש נאָר אין לעבעדיקן פאָלק. די תורה איז ניט אין די הייליקע פאַרמעטן פון דער תורה שבכתב, נאָר אין דער יידישקייט שבחיים, וואָס זיי האָבן גערופן „תורה שבעל־פּה״. די גאַנצע טעטיקייט פון די חז״ל איז געווען ווי אַ צוגרייטונג צום קיום פון פאָלק אָן מאַטעריעלע הייליקייטן, נאָר מיט דעם אויסגעהאַלטענעם, פאַרזיכיקן יידישן

גאַנג, נאָר מיט דער הלכה. דאָס יידישע פאָלק פון היינט שטאַמט נאָר פון דער שיטה, פון די חז״ל.

אַזוי איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון יידישן דענקען, פון דער יידישער באַגריפן־וועלט, דער דאָזיקער וועג איז אַזוי בולט קענטיק אויך אין די דריי באַגריפן: „רוח אלוהים״ — „רוח־הקודש״ און „שכינה״. יידישקייט איז געוואָרן ביסלעכווייז אויס רעליגיע פון גאָט, עס איז געוואָרן אַ רעליגיע פון דער געטלעכקייט אין פאָלק. ניט קיין גאָט־רעליגיע, נאָר אַ פאָלק־רעליגיע. איז די שכינה ניט אויף אַ הייליקן באַרג, וואָס אליהו לויפט צו אים אַזש אין ווייטן מידבר, ניט אין די הייליקע ווענט פון בית־המיקדש, אויך ניט דווקא אין ירושלים. די שכינה גייט מיט דעם יידישן פאָלק אומעטום, זי וואַנדערט צוזאַמען מיט דעם פאָלק אין אַלע זיינע וואַנדערונגען. איז ניט ירושלים, איז יבנה, סורא, פומפדיתא, איז מאַגענצע, איז לובלין און ווילנע. האָבן יידן אַנגעהויבן צו וואַנדערן טראָגנדיק מיט זיך דעם הייליקן אָרון־הברית. האָבן זיי זיך געלאָזט איצט וואַנדערן, טראָגנדיק מיט זיך די שכינה אָן שום מאַטעריעלע הייליקייטן, נייערט אין דעם אייגענעם, אויסגעהאַלטענעם פאַרזיכיקן יידישן אויפפיר. אַלץ וואָס איז אין געדאַנק אַפילו פאַרבונדן מיט מאַטעריעלע הייליקייטן, מיט גשמיות, אַלץ איז געצנדינסט און ניט־יידיש.

ניטאָ אין תלמוד, ביי די חז״ל, קיין דעפיניציעס פון זייער טיפער פילאָסאָפיע, אָבער מיר זעען עס אין זייערע הלכות, פראַקטישע שטייגער־טוּונגען, פירונגען. פאַראַן אין דער גמרא די פראַגע: וואָס שטייט העכער — לימוד אָדער מעשׂה? און אַלע מאָל קומט אויס, אַז מעשׂה איז העכער. דאָס איז דער אונטערשייד צווישן הלכה און נבואָה. נבואָה זיינען ווערטער, הלכה זיינען מעשׂים; דאָס איז דער אונטערשייד צווישן הלכה און פילאָסאָפיע; פילאָסאָפיע פאָרמולירט אידייען אין זאַצן, אין פאַראַגראַפן, הלכה פאָרמולירט אידייען אין מעשׂים; פילאָסאָפיע שאַפט ביכער, הלכה שאַפט שטייגער; הלכה פאַר פראַקטיק אין לעבן, פילאָסאָפיע פאַר טויטע פאַפירענע מומיעס אין ביבליאָטעקן. ניט קיין מאַטעריעס, ניט קיין האָלץ און שטיין, ניט קיין ספרים און ניט קיין ביבליאָטעקן. נאָר דאָס אויפפירן זיך פון לעבעדיקע יידן, וואָס איז אויך ניט פאַרשטיינערט, ניט איין מאָל פאַר אַלע אייביקייטן, נייערט תמיד אייגנאַרטיק, פאַרזיכיק, ניט נאָכגעמאַכט.

וואָס איז יידישקייט? — אַלץ וואָס עס איז ניט פרעמד, ניט קיין עבודה־זרה. ווער עס וואַרפט אָפּ עבודה־זרה, דער איז שוין אַ ייד. דאָס איז יידישקייט אָן קיינע מאַטעריעלע, קערפּערלעכע, גשמיותדיקע הייליקייטן, פאַרזיכקייט פון אויפפיר און דענקען.

עס איז באַקאַנט, אַז קריסטנטום האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע ירידה אין וויסנשאַפט און אין דענקען בכלל. אויך יידישקייט האָט אין די קריסטלעכע

לענדער דורכגעמאַכט אַ גרויסע ירידה: אַ סך גשמיותדיקע באַגריפן און פּרימיטיווע מאַטעריעלע פאָרשטעלונגען; פאַרשטיינערטע הלכות זיינען אויך אַ מין פאַר־הייליקטע מאַטעריע, גשמיות. פון אַ פאָלקס־רעליגיע איז יידישקייט אַלץ מער און אַלץ טיפער געוואָרן אַ גאָט־רעליגיע מיט מלאכים און שדים, מיט אַ מין מאַטעריעלן גן־עדן און גיהנום. די ירידה איז אויך קענטיק אין אַ סך תּפילות וואָס זיינען צוגעקומען שפּעטער, נאָך די חז״ל.

די ירידה פון געדאַנק איז אויך אַריבער צו די וועלטלעכע יידן. אַנשטאָט צו באַנעמען די וועלטלעך־נאַציאָנאַלע יסודות פון יידישקייט, אַנשטאָט צוריק צו פירן יידישקייט צו דער אידעאָלאָגישער פאַרזיכקייט, האָט וועלטלעכקייט געוווּסט נאָר איין זאַך: ניטאָ קיין גאָט און מען וועט ניט שמייסן אויף יענער וועלט. און דערפאַר מוז מען, דאַרף מען מיטגיין און נאָכמאַכן אַלע לאַנד־פעלקער. דאָס איז פונקט דאָס פאַרקערטע וואָס וועלטלעכע יידישקייט האָט געדאַרפט זיין. וועלטלעכע יידישקייט האָט געדאַרפט זיין:

די פאַרזיכיקע, אייגנטימלעכע יידישע שטייגערישקייט אין אויפפיר און מעשׂים, אין דענקען, אין שטייגער־טראַדיציעס און אין טראַדיציעס פון דענקען.

ווען מיר איצט סומירן אַלץ וואָס עס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן:

א. רוח אלוהים — דירעקט פון גאָט, מער ווינט איידער גייסט. צום פאָלק האָט גאָטס גייסט ניט קיין שייכות.

אויך די דריי מאָל וואָס אין תּנך קומט דאָס וואָרט „רוח־הקודש״ קומט עס אַלע מאָל מיט אַ כּינוי, וואָס באַווייזט, אַז רוח געהערט צו גאָט.

דער רוח אלוהים קען זיך געפינען אויף אַ באַרג אין מידבר, און אליהו לויפט פון יידישן פאָלק צום באַרג פון גאָט, וואָס איז גאָר וייט פון פאָלק.

ב. רוח־הקודש אין תּלמוד איז שוין נאָר גייסט, פאַר לופט האָבן שוין די יידן אָנגענומען דאָס גריכישע וואָרט „אַוויר״; רוח־ווינט האָט שוין ניט קיין שייכות צו רוח־גייסט. רוח־הקודש — דער גייסט פון הייליקייט, אָבער ניט דער „הייליקער גייסט״, ווי ביי די קריסטן.

ג. דער מקור פון הייליקייט איז נישט עפּעס אַ פאַרזיכיקע געטלעכע אייגנשאַפט. הייליקייט אָדער דער מאָראַלישער אויפפיר אין לעבן איז נאָר אין פאָלק. דאָס פאָלק איז דער מקור פון קדושה. אויסערן פאָלק איז ניט געמאָלט קיין קדושה, אַפילו דער סיני איז מער ניט הייליק. סיני איז אַ סימבאָל פון די מענטשן וואָס פון זיי קומט די תּורה. גאָט אַליין ווערט געהייליקט דורך צדקה (גערעכטיקייט) וואָס מענטשן טוען. גאָטס כּוח און מעכטיקייט איז אויך אָפּהענגיק פון פאָלקס אויפפיר. ארץ־ישראל ווערט קודש אָדער אויס קודש נאָר דורכן פאָלקס לעבן. דאָס האָט דאָס יידישע פאָלק הייליק געמאַכט דאָס לאַנד; די קדושה ראשונה דורך יהושע און דאָס צווייטע מאָל דורך עזרא הסופר.

ד. קדושה דאַרף מען זוכן ניט ביי די גרויסע אויסגעצייכנטע גדולים פון וואָרט, נאָר ביי דעם פּשוטן פאָלק, וואָס „קיין תורה פאַרמאָגט עס ניט, אָבער מעשׂים, אויפפיר האָט עס״, ווי עס דריקט זיך אויס דער רמב״ם: „והם טובים לישוב״. ווען דער דור (דאָס פאָלק אין געגעבענעם מאָמענט) איז ניט ווערט, ניט ראוי, קענען אויך ניט זיין קיין הייליקע יחידים. קיינע מאַטעריעלע הייליקייטן ניט.

ה. צווישן דעם יידישן פאָלק און דעם יידישן גאָט איז פאַראַן ניט קיין רעליגיע, נאָר אַ מין אָפּמאַך: יידן זיינען הייליק ביי גאָט, אַזוי איז גאָט הייליק ביי יידן. געטלעכקייט און יידישקייט ווערן ווי אידענטיש. די נביאים האָבן געבראַכט גאָטס וואָרט ניט אָפּהענגיק פון פאָלק. אָבער חז״ל זוכן גאָטס וואָרט אין דעם אויפפיר פון פאָלק.

די חכמי אתונה — די גריכישע פילאָסאָפן האָבן זיך באַמיט צו פאָרמולירן אידייען אין ווערטער, אין זאַצן; די חכמי ישׂראל — חז״ל — האָבן זיך באַמיט צו פאָרמולירן אידייען אין מעשׂים, אין אויפפיר. גאָט אַליין לערנט תורה פון יידן. די יידישע תורה איז די פאָרמולירונג פון יידישן אויפפיר, יידישן שטייגער. מען טיילט איין די נביאים אויף רייד־נביאים און שריפט־נביאים. די פאַרטיילונג וואָלט געדאַרפט זיין: נביאים פון מעשׂים און נביאים פון ווערטער. משה — דער אבי הנביאים — איז געווען אַ נביא פון מעשׂים, ישעיהו — אַ נביא פון ווערטער.

ו. משה קומט צו די יידן אין נאָמען פון גאָט פון די אָבות. פאָלקיש, נאַציאָנאַל איז דער נביא, דער חכם, דער דענקער, דער שרייבער, וואָס אין זיינע ווערטער איז אויסגעדריקט דער אויפפיר פון דורות, פון די אָבות. עס קענען ניט האָבן קיין אַחיזה די אידייען, וואָס זיינען ניט איינגעוואָרצלט אין אויפפיר פון דורות. דאָס איז דער זין פון דער זאָרג פון די חז״ל וועגן „מן התורה מניין?״. פון דאַנען דאָס צושרייבן ליטעראַרישע שאַפונגען צו קדמונים. פון דאַנען קומט דאָס צושרייבן שאַפונגען צו פאַרצייטיקע אויטאָריטעטן. זיי האָבן געגלייבט, אַז די אידייע איז בפירוש אַן אַלטע, זי איז אָבער ניט געווען פאַרשריבן אין ווערטער, ניט געווען פאָרמולירט אין זאַצן. חז״ל האָבן געקוקט אויף זיך, ווי זיי פאָרמולירן איצט די אידייען וואָס האָבן ביים פאָלק געלעבט פון פאַרצייטן נאָך.

ז. דאָס האָט די פּערסישע תקופה אין דער יידישער געשיכטע פאַרפעסטיקט ביי יידן דעם גלויבן אין פאָלקישקייט. די צדוקים האָבן אָבער געהאַט אַ „רעליגיע״ — אין חומש, די פּרושים האָבן געהאַט אַ גלויבן אין פאָלקישקייט. אין דעם זין פון פאָלקישקייט האָבן זיי געלערנט די תורה, די קולטור־שאַפונגען פון דורות פאַר זיי. פאָלקישקייט און געטלעכקייט זיינען פאַר זיי געווען אידענטיש. אָט די פאַרגעטלעכטע פאָלקישקייט האָט זיך ביי זיי גערופן „שכינה״, שכינת־אל: גאָטס גייסט, וואָס באַגלייט דאָס יידישע פאָלק אין זיין אייביקייט.

2

נביאים און חכמים

חכם עדיף מנביא
(ב״ב יב׳ א׳)

נביאים — הויפּטשעפּערס פון תנך; חכמים — פון תלמוד. יידישקייט איז פריִער פון סיני. אברהם — דער ערשטער באַוווּסטזיניקער ייד, אָבער פאַר אים אויך אומבאַוווּסטזיניקע יידן. יידישקייט אָן דער תורה, אָבער מיט פאַרזיכיקן שטייגער. שטייגער־יידישקייט רופט זיך אַנדערש: בעל־פּה־יידישקייט. פאָרמולירטע יידישקייט — שבכתב. נביאים, ניט סתּם פּאָרויסזאָגער, נאָר באַקעמפער פון אַסימי־לאַציע. רייד־נביאים און אויפפיר־נביאים; גלות־אשור און גלות־בבל — דער אונטערשייד צווישן זיי. יידישקייט ווערט תמיד קיין ארץ־ישראל געבראַכט פון גלות. מיצוות און הלכות, מדאורייתא און מדרבנן. גאָט איז ניט בלויז נותן התורה, נאָר און איז עוסק בתלמוד תורת־ישראל. דער ציל פון די חז״ל — די היסטאָרישע און געאָגראַפישע גאַנצקייט פון יידישן פאָלק. דער תּלמודישער באַגריף פון סיני. פּרושים און צדוקים. דער „פאָלקיזם״ פון די פּרושים, די פּערסישע תקופה — די גליקלעכסטע אין דער יידישער געשיכטע. פאַרצייטיקע און היינטיקע צדוקים. באַציִונג פון חז״ל צו דער פאָלקישער שפּראַך. פאַרצייטיקע און איצטיקע ישיבות. די ירושה פון נביאים און פון חז״ל.

✶

דאָס וואָרט חכמים ווערט דאָ גענוצט ניט ווי אין יידיש, סתּם אַ קלוגער מענטש, נאָר ווי דאָס וואָרט ווערט גענוצט אין תּלמוד — אַ טיטל פון אַ געלערנטן. חכם — די העכסטע מדרגה פון געלערנטקייט, אַ טיטל וואָס ווערט

געגעבן דורך אַ מין „גראַדויִרונג" מיט אַ דיפּלאָם (סמיכה). אין תּנך — די העכסטע מדרגה — נביאים; אין תּלמוד איז די העכסטע מדרגה — חכמים.

הייבט אָן די ערשטע משנה פון מסיכתא „אָבות": משה האָט באַקומען די תּורה אויפן באַרג סיני און האָט זי איבערגעגעבן צו יהושוע און אַזוי ווייטער. קיינער גלייבט ניט אַז אויפן באַרג סיני איז די יידישקייט אָדער די תּורה געשאַפן געוואָרן און זי איז דאָרטן געגעבן געוואָרן אַ פּאַרטיקע פון גאָט. עס איז דער געאָגראַפישער פּונקט, ווו יידישקייט איז פאָרמולירט געוואָרן שריפטלעך. אָבער אין יידישן שטייגער, אין אויפפיר איז יידישקייט געווען אויך פריִער. זאָגט דאָך אַ גמרא, אַז אַברהם אָבינו האָט שוין מקיים געווען די גאַנצע תּורה. דער סיני איז גאָר ניט הייליק אויף אייביק. פאַרקערט גאָר, איז „נסתלקה קדושתו" גלייך נאָך מתּן־תּורה, איז אויך זיין הייליקייט אַוועק. אויך אָן סיני איז געווען אַ פאָלק יידן, וואָס איז געווען אַנדערש פון אַנדערע מיט זיין שטייגער, מיט זיין פירונג. ביז סיני איז יידישקייט אויסגעדריקט געווען אין מעשׂים, אין פירונגען. פון סיני אָן איז יידישקייט אויך פאָרמולירט געוואָרן שריפטלעך. לויט דער אָנגענומענער טערמינאָלאָגיע קען מען זאָגן, אַז ביזן מעמד הר־סיני איז געווען די גאַנצע יידישקייט נאָר אַ תּורה־שבעל־פּה, ריכטיקער — אַ תּורה שבשטייגער, פון מעמד הר־סיני ווערט דאָס ערשטע מאָל יידישקייט אַ תּורה־שבכּתב. וואָלטן מיר איצט געשריבן די משנה, וואָלטן מיר מסתּמא געשריבן אַזוי: משה קיבל תּורה מישראל במצרים (עס זאָגט זיך טאַקע ערגעץ, אַז משה האָט געדאַרפט לאַנג זיין אין מצרים, צוזאַמען מיט יידן, כּדי ער זאָל קענען געבן די תּורה. געווי דאָס אָרט דערמאָן איך זיך ניט) ובני־ישׂראל קיבלו יידישקייט מהאָבות. די אָבות זיינען עס געווען די ערשטע באַוווסטזיניקע יידן, וואָס האָבן אָנערקענט זייער אַנדערש־קייט און זייער פאַרזיכיקייט. זיי האָבן זיך אָפּגעזונדערט און אַוועק מיט זייער אַנדערשקייט. באַוווסטזיניק זיך אָפּגעזונדערט — אָן אַנדער שבט. ס'איז אָבער אַ כּלל: ניטאָ קיין זאַך אין באַוווסטזיין וואָס עס איז פריִער ניט געווען אין אונטערבאַוווסטזיין. זיינען מסתּמא אויך פאַר די אָבות געווען נאָך פריִערדיקע יידן. די גמרא האָט אַזוינע לעגענדעס וועגן שם ועבר, וואָס צו זיי האָבן די אָבות געשיקט זייערע קינדער לערנען...

די זעלביקע משנה פירט די יידישקייט־טראַדיציע ווייטער: יהושוע — צו די זקנים, די זקנים צו די נביאים און די נביאים צו די אַנשי כּנסת הגדולה. דאָ שטעלט זיך די משנה אָפּ, ווייל עס איז געווען זייער צייט, ווען די משנה איז געשאַפן געוואָרן. מיר אָבער איצט דאַרפן די יידישקייט ציִען ווייטער ביז אונדז: די אַנשי כּנסת הגדולה האָבן איבערגעגעבן יידישקייט צו די חכמי התּלמוד (מיר וועלן שפּעטער אַלע מאָל שרייבן חז"ל: חכמינו זכרונם לברכה) און די חז"ל האָבן איבערגעגעבן יידישקייט צו ישיבות אין בבל — צו אשכּנז און אשכּנז —

צו די יידישע שטעטלעך אין מיזרח־איראָפּע. און די יידישע שטעטלעך פון מיזרח־איראָפּע גיבן איצט איבער יידישקייט צו... מיר ווייסן נאָך ניט צו וועמען. און טאַקע אין אָט דעם ניט וויסן ווער עס נעמט איבער יידישקייט פון די יידישע שטעטלעך נאָך זייער חורבן, ווער עס איז דער מקבל פון יידישער תּורה, פון יידישקייט בכלל — אין דעם איז די גאַנצע פּראָבלעם פון יידישן קיום ביי היינטיקן טאָג. מיט דער פּראָבלעם פאַרנעמען זיך אַלע דענקענדיקע יידן ביי היינטיקן טאָג. גערעכט איז די גמרא, אַז יידישקייט גייט איבער פון תּקופה צו תּקופה, מיט יעדער איבערגאַנג וואַקסט די יידישקייט, עס איז לגמרי ניט ווי עפּעס אַ צירונג וואָס גייט איבער פון אורעלטערן און עס ווערט אָפּגעהיט אומפאַרענדערט. עס איז ניט מער ווי אַ גוזמא וואָס די גמרא זאָגט, אַז אברהם אָבינו האָט אָפּגעהיט אַפילו אַן ערוב תּבשילין. יעדער תּקופה מיט איר יידישקייט. איז די יידישקייט פון די אָבות ניט געווען פונקט די זעלביקע תּורת־משה, און תּורת־משה איז ווייט ניט אידענטיש מיט דער וואָס עזרא האָט פּאַרפעסטיקט אין יידישן לעבן. און אַזוי ווייטער ענדערט זיך און וואַקסט אַ יידישקייט מיט יעדער איבערגאַנג פון תּקופה צו תּקופה. און די יידישקייט פון די חז״ל איז ווייט ניט אידענטיש מיט די „תּקנות עזרא" און נאָך מער איז אַנדערש יידישקייט היינט פון דער יידישקייט פון חז״ל. מיט די זעלביקע רעכט וואָס די גמרא זאָגט, אַז אברהם אָבינו האָט מקיים געווען אַן ערוב תּבשילין, מעגן מיר איצט זאָגן, אַז אַברהם אָבינו האָט געשיקט זיין זון פאַר אַ חלוץ אין ארץ־ישׂראל און אַז מען האָט אים צוזאַמען מיט טוביה דעם מילכיקער אַרויסגעטריבן פון דאָרף. אַזוי וואַקסט יידישקייט ווי אַ גרויסער בוים פון אַ קליין קערנדל און איז אַלע מאָל דער זעלביקער.

יידישקייט איז קיין מאָל ניט געווען און איז ניט ווי אַ שטייִק וואַסער, בייערט עס איז תּמיד ווי אַ שטראָם וואָס שטראָמט און ווערט כּסדר גרעסער, ווי אַ בוים וואָס האַלט כּסדר אין איין וואַקסן. אַן אַלטע סעקוואָיע (אַ בוים). מען האָט געזאָגט אַז זי איז אַלט אַרום דריי טויזנט יאָר. אָבער אויף איר זיינען געווען גרינע, פרישע נאָדלען, יונגע, דער בוים האַלט אין וואַקסן. אַ טייך שטראָמט אין שטחים צו מעסטן מיט קילאָמעטערס, יידישקייט שטראָמט ניט אין שטח נאָר אין צייט, צו מעסטן מיט יאָרן און יאָרהונדערטער.

מען קען נאָך פאַרגלייכן דאָס לעבן פון אַ פאָלק צו דעם לעבן פון אַ יחיד, פון איין מענטשן. אַ יונגער מאַן איז דורכויס אַנדערש ווי ער איז געווען קינדווייז, און דאָך איז ער דער זעלביקער. ער האָט איבערגענומען און געענדערט אַלץ וואָס ער האָט דערוואָרבן אין זיין קינדהייט. אין זיין אַלטהייט איז ער ווידער אַנדערש און דאָך ווידער — דער זעלביקער. אַ טייך נעמט צונויף גאָר די וואַסערן פון זיינע בייטייכן, זיי זאַמלען צונויף גאָר די וואַסערן פון זייער באַסיין. אַזוי

איז אויך מיט אַ פאָלק: עס זאַמלט אָן און נעמט צונויף אַלע השפעות און אַלע קולטורן, וואָס זיינע אַלע טיילן האָבן אָנגעזאַמלט, אין זיך אַריינגעלעבט. אין דעם איז זייער געשיכטע. אין דער תקופה פון די נביאים זיינען שוין יידן געווען גאָר ניט אַזאַ יונג פאָלק. יידן האָבן שוין איבערגעלעבט אַ גלות, זיך אָנגעוואָנדערט ווי נאָמאַדן, האָבן זיך שוין איינגעלעבט אין אַ לאַנד, וואָס איז שוין אין דער פסיכיק געווען אָנערקענט ווי זייערס. און זיי — די נביאים, האָבן דאָס איבער־גענומען יידישקייט פון די זקנים, געפירט אַ גאַנצע לאַנגע תקופה און צום סוף איבערגעגעבן צו די חכמים. האַלטן מיר ביי דער תקופה פון די נביאים, וואָס זיינען די הויפטשעפער פון גאַנצן תנך. וואָס איז עס געווען פאַר אַזאַ דערשיינונג?

נביאים

געווען אַ מלוכה, צוויי מלוכות, מדינה, שטעט, כּוהנים, אין זכרון פון פאָלק זיינען געבליבן נאָר די נביאים. ריכטיקער, ניט די נביאים מיט זייערע ביאָגראַפיעס, נאָר די נבואה גופא זייערע. ניט קיין מלכים, ניט קיין גרויסע פערזאָנען, ניט די נביאים, נאָר זייערע רייד האָט דאָס פאָלק איינגעהיט. אָן פאַפיר, אָן דרוקמאַשינעס, אָן ביבליאָטעקן און דאָך איינגעהיט!

וואָס איז עס פאַר אַ דערשיינונג די נבואה? איך ווייס ניט צי ביי אַנדערע פעלקער איז פאַראַן עפּעס ענלעכס. אָבער וואָס האָט דער דאָזיקער ביישטראָם אַריינגעטראָגן אין דעם אלגעמיינעם שטראָם פון דער יידישער געשיכטע? וואָס איז עס אַזוינס אַ נביא? — פאַרטייטשט מען — אַ נביא איז פאָרויסזאָגער, ער ווייס פאָרויס וואָס עס וועט זיין! רופט מען די וואָס זאָגן פאָרויס דעם וועטער אויף מאָרגן „וועטער־נביאים". אָבער דער באַגריף איז אין גאַנצן פאַלש. ניט דאָס איז געווען די וויכטיקע פאָרעם פון נבואה ביי יידן. אפשר זיינען די ערשטע נביאים נאָך געווען פון דעם מין. גייט דאָך שאול צו שמואלן נאָכפרעגן זיך וועגן די פאַרלאָרענע אייזלען. אָבער דאָס איז ניט געווען די נבואה. דער נאָמען איז אַפילו געווען אַן אַנדערער — „רואה אָדער חוזה" — אַ פאָרויסזעער, אָבער ניט נביא. דער תנך האָט אַפילו אַ ספּעציעלן אויסדרוק דערפאַר „לפנים בישראל" — פאַרצייטן איז עס געווען ביי יידן. די אמתע נביאים האָבן זיך פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש און נאָר מיט דעם אַנדערן זיינען זיי געבליבן ביי יידן. די נביאים זיינען אין דער אמתן געווען קעמפער, זייער גאַנצער היציקער קאַמף איז געווען פאַר עכטער יידישקייט, קעגן יעדער אַסימילאַציע, קעגן פרעמדע זיטן און פירונגען. איך ווייס ניט ווי עס איז געווען ביי אַנדערע פעלקער, אָבער ביי יידן האָט זיך דער דראַנג נאָכצומאַכן אַנטפּלעקט גלייך ווי זיי זיינען אַרויס פון מצריים. איז

די גאָלדענע קאַלב אין מידבר געווען אַ נאָמאַכונג פון דעם מיצרישן גאָט־אָקס, הגם די יידישע טעקסטן ריידן וועגן אַ קאַלב ניט קיין אָקס. אפשר איז אויך דאָס כּדי צו פאַרמינערן זיין ווערט. אפשר איז דער דראַנג נאָכצומאַכן געווען אויך פריִער, נאָך אין מצרים, אָבער די מיצריים האָבן ניט געלאָזן. אַלע מאָל איז אונטער אַ דרוק די נאָכמאַכונג שוואַכער. איז די גאָלדענע קאַלב ניט געווען נאָר איינס ביי יידן, געווען נאָך און נאָך. איך ווייס ניט מיט וואָס צו דערקלערן אָט דעם נאָכמאַכדראַנג ביי יידן, אָבער ער באַגלייט יידן אַלע מאָל כּמעט תּמיד אין דער יידישער געשיכטע — אַ מאָל ווי היינט. און אַלע מאָל ווען דער דרוק איז אַ ביסל שוואַכער. שווער צו דערקלערן דעם שטריך, בכל־אופן, ניט אין דער אַרבעט. אָט קעגן דער נטיה צו פרעמדס, קעגן דער מאָראַלישער געפאַלנקייט לגבי די שטאַרקע — קעגן דעם האָבן די נביאים געקעמפט מיטן גאַנצן פלאַמיקן ברען פון זייער הארצן. פלאַמיקע קעמפער פאַר ריינער יידישקייט, פאַר מאָראַלישער דערהויבנקייט. אָבער קיין פּאָזיטיווע פּראָגראַם געפינען מיר ניט ביי די גרעסטע נביאים אַפילו.

ס'איז אָנגענומען צו צעטיילן די נביאים אויף „רייד־נביאים" און אויף „שריפט־נביאים". דער סימן איז אַ ריין דרויסנדיקער — צי אין תּנך זיינען דאָ גאַנצע ספרים, וואָס ווערן צוגעשריבן צו איין נביא אָדער עס איז ניטאָ אַזאַ גאַנצע זאַמלונג פון דעם נביאס רייד. מיר דאַכט זיך, אַז ריכטיקער וואָלט געווען איינצוטיילן די נביאים לויט אַ צווייטער קריטעריע: נביאים פון מעשׂים, וואָס האָבן אָנגעגעבן אַ קלאָרע פּראָגראַם ווי זיך צו פירן, און די צווייטע גרופּע — נביאים פון וואָרט.

משה, דער אבי הנביאים, האָט ניט געמוסרט, ניט געשטראָפט, נאָר ער האָט געגעבן אַ גענויע פּראָגראַם — אַזוי דאַרפן יידן זיך פירן. משה איז, בכן, אַ נביא וואָס האָט געפורעמט דעם יידישן שטייגער. די שפּעטערדיקע נביאים האָבן קיין יידישן שטייגער ניט פאַרגעלייגט, זיי האָב קריטיקירט, אָבער זיי האָבן ניט אָנגעוויזן קיין קלאָרע פּראָגראַם, ווי עס דאַרפן זיך פירן יידן. אַ פּראָגראַם פון פּראַקטישער יידישקייט האָט יע געגעבן עזרא שוין נאָך די נביאים, נאָך דעם ווי אַלע נביאים האָבן געקעמפט, גערעדט, געמוסרט, געשטראָפט און קיין פעסט, צעמענטירט, שטייגעריש פאַרזיכיק יידיש פאָלק ניט געשאַפן. עזראס יידישקייט האָט זיך אויסגעפורעמט אין גלות־בבל — אָן מלוכה און אָן אַלע אירע אַטריבוטן — אַ יידישקייט וואָס באַשטייט נאָר פון פאַרזיכיקן שטייגער, און אָט די שטייגער־יידישקייט האָט עזרא געבראַכט קיין ארץ־ישראל. די יידן וואָס זיינען ניט געווען אין גלות, וואָס זיינען געבליבן אין ארץ־ישראל האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ טרויעריק בילד פון פולער אַסימילאַציע: געמישטע חתונות, שפּראַך־אַסימילאַציע, אייגנטלעך ניט בעסער ווי עס האָבן זיך אַסימילירט די יידן פון מלכות־ישראל,

באשר דער גלות האָט געדויערט נאָר עטלעכע צענדליק יאָר. וואָלט דער גלות־יהודה געדויערט לענגער, וואָלט זיכער עזרא אין ארץ־ישראל קיין יידן ניט געפונען מער.

דער אונטערשייד איז געווען ניט אין די יידן, נאָר אין דעם אונטערשייד צווישן דעם גלות־אַשור און דעם גלות־בבל: אין גלות־אשור — אַסימילאַציע און אויס מיט יידן; אין גלות־בבל: איינשטעלן און פאַרפעסטיקן אַ שטייגער־יידישקייט, און אַט די יידישקייט פון שטייגער איז געבראַכט געוואָרן קיין ציון פון גלות. אַ מאָדנע דערשיינונג, וואָס ווערט אונטערגעשטראָכן נאָך אין תלמוד: אין ארץ־ישראל ווערט יידישקייט פאַרגעסן און אַלע מאָל ווערט זי באַנייט דורך מענטשן וואָס קומען פון בבל. די גמרא רופט אָן — עזרא, הלל, חיא מיט די זין. מיר קענען אויך אָנרופן די היינטיקע עליות. ניט געווען קיין יידישקייט אין ארץ־ישראל, אַלץ איז איצט אויך געבראַכט געוואָרן פון... נו יע, פון מיזרח־אייראָפּע. אַלע טראַגישע דערשיינונגען אין איצטיקן ישראל נעמען זיך פון דעם, וואָס מען האָט אויך געבראַכט מיט זיך אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו אָט דער געבראַכטער יידישקייט. מיר דאַכט זיך, און איך וויל האָפן אַז אָט די שעדלעכע נעגאַציע ווערט איצט בטל. הלוואי וואָס פריִער. דאָס געהערט אָבער ניט צו דער טעמע דאָ. קערן מיר זיך אום צו דער טעמע: האָט עזרא געבראַכט קיין ישראל יידישקייט פון גלות און אָן פלאַמיקער פּאָעזיע פון די נביאים, נייערט מיט דער פעסטער האַנט פון נחמיה האָט ער די יידישקייט איינגעפעסטיקט אין שטייגער פון יידישן פאָלק און אויך די „גלותדיקע" שפּראַך פון פאָלק.

חכמים

ערשט איצט האָט זיך ענדגילטיק אויסגעפורעמט דאָס יידישע פאָלק אויף דורות און דורות. גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צום פאָלק: קריטיקירן — חס־ושלום! דעם פאָלקס שטייגער — דאָס איז יידישקייט! ווי דאַרפן יידן זיך פירן? — ענטפערט הילל: פוק חזי — גייט און זעט ווי יידן זיינען זיך נוהג — אַזוי דאַרף מען טאָן. ביז די חז"ל האָבן אַלע נביאים גערעדט אין נאָמען פון גאָט — „צו את בני־ישראל, אמור אל בני־ישראל; כה אמר אלוהי ישראל" — אַלץ גאָט און פון גאָט. אַלץ איז מיצווה — אָנגעזאָגט פון גאָט, זיינען איצט געקומען חז"ל, ניט די גרויסאַרטיקע נביאים, נאָר די וואָכעדיקע חכמים, און זיי האָבן איינגעשטעלט ניט מיצוות פון גאָט, נאָר הלכות — שטייגער פון פאָלק. דעם פאָלקס שטייגער איז אויך אַ תורה. און פון דעמאָלט אָן רעדט זיך ביי יידן ניט פון איין יידישקייט, פון איין תורה, נאָר פון צוויי. איינע איז די געשריבענע, די תורה־שבכתב, די

תורת־משה, און די צווייטע איז די תורה־שבעל־פּה, וואָס ריכטיקער וואָלט געווען זי אָנצורופן תורה־שבשטייגער.ביידע זיינען גלייך הייליק, צי עס איז „מדאורייתא״ פון דער תורה אָדער איז ניט פון דער תורה, נאָר „מדרבנן״ — פון אונדזערע לערערס.

וואָס טוט דער רבונו־של־עולם? — ער זיצט אויך צוזאַמען מיט חכמי־ישראל אין „ישיבה־של־מעלה״ און מען לערנט די „הלכות״, דעם גאַנג, דעם שטייגער פון עם־ישראל, און ער האָט הנאה ווען מען דיסקוטירט מיט אים, ער האָט איין מיינונג „וכולא מסיבתא דרקיע״, און אַלע האָבן אַ פּאַרקערטע מיינונג און מען שיקט פרעגן. ווע מען פרעגן? — ניט גאָט פּסקנט, נאָר אַ בשׂר־ודם. גאָט שמייכלט און האָט שטאַרק הנאה ווען חכמים פאָלגן ניט זיין געטלעכן בת־קול, און רבי יהושע שטעלט זיך און ענטפערט אים: „לא בשמים היא״ — שוין אַנדערש, די הלכה פּסקנט ניט גאָט; ער שמייכלט און ער זאָגט „נצחוני בני״ — מיינע קינדער זיינען שטאַרקער פון מיר, זיי זיינען גערעכט! גאָט מוז אויך אויספאָלגן דער הלכה — דעם גאַנג פון יידישקייט וואָס ביי זיין פאָלק. דער גאָט פון די נביאים איז אַ שטרענגער, אַ בייזער. הויך און העכער. דער גאָט פון די חכמים איז אַ גוטער, אַ סלחן ומחלן, ער ווערט גאָר ניט אין כעס. טאָמער ווערט ער אין כעס, דויערט דער כעס זיינער אַ גוואַלדיק קליינעם טייל פון אַ רגע.

גאָט — דער העכסטער מקור פון דער תורה; יידן מוזן זיך פירן לויט דער תורה ווייל אַזוי באַפעלט, הייסט גאָט. ניטאָ עפּעס וואָס זאָל זיין העכער פון גאָטס רצון — ביי די נביאים. גאָט מוז אויספאָלגן די געזעצן פון דער הלכה, וואָס שטאַמט ניט פון הימל, נאָר פון יידישן לעבן, פון דעם שטייגער פון יידישן פאָלק. די וועלט פירט זיך ניט לויט גאָטס רצון, נאָר לויט געזעצן, גזרות, וואָס אויך גאָט קען זיי ניט ענדערן. ער וויינט און פאַרגיסט טרערן אויף די צרות פון זיין פאָלק־ישראל, אָבער ענדערן קען ער ניט, ווייל אַזוי זיינען די געזעצן, „גזרה היא מלפני״. נאָר אַן אַנדער שטייגער, אַן אַנדער פאַרשטעלונג וועגן גאָט, וועגן יידישקייט! און דער מקור פון אָט דער יידישקייט איז דעם פאָלקס שטייגער, זיין אויפפיר.

יידישקייט איז איצט ניט בלויז די תורת־משה, — עס איז מדאורייתא פון דער תורה און די צווייטע תורה איז מדרבנן — פון אונדזערע געלערנטע. און די רבנן נעמען פון וואַנען? — פון דער הלכה — פון שטייגער. און אָט די צווייטע יידישקייט איז וויכטיקער. מען דאַרף אויף איר לייגן מער אַכט!

גאָט זיצט ניט אויף אַ הויכן טראָן און געוועלטיקט, נאָר אין ישיבה־של־מעלה און ער לערנט צוזאַמען — ניט מיט מלאכים — נאָר פּשוט, מיט חכמי־ישׂראל און ער לערנט תורת־ישׂראל, ניט די שיינע רייד פון די נביאים, ניט דעם תנך, נאָר ער לערנט די הלכות — דעם גאַנג, דעם שטייגער פון יידישן פאָלק.

אויך די נביאים האָבן זיך פאַרנומען מיט צוגרייטן נאָכפאָלגערס. האָבן זיי געלערנט די „בני נביאים". וואָס געלערנט? — ווייסן מיר ניט. ערשט די חז"ל האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט „תלמוד־תורה". צוויי אויפגאַבעס האָט געהאַט אָט דער תלמוד־תורה: אויב דער מקור פון יידישקייט איז דער שטייגער, די הלכה, מוז זי זיין איינהייטלעך אומעטום אין אַלע פּרטים. אַ מינהג איז טאַקע איינער, אָבער יעדער אָרט פירט דעם מינהג אַנדערש. אויב אָבער דער מינהג דאַרף ווערן אַ דין פאַר אַלע יידן אומעטום, אין אַלע דורות, מוז מען אים פירן איינהייטלעך אומעטום! און די צווייטע אויפגאַבע: — אַלץ, אַלע מינהגים און פירונגען מוזן אָפּשטאַמען פון יידישקייט, עס דאַרפן ניט זיין קיין פרעמדע מקורות, קיין שום „עבודה־זרה". דאַרף מען זאָרגן, זוכן פון וואַנען איטלעכער מינהג שטאַמט. דאָס איז דער זינען פון דער שטענדיקער פראַגע „מן התורה מניין?" פון וואַנען שטאַמט עס?

האָבן מיר איצט אַ בילד פון די זאָרגן פון די חכמים — די היסטאָרישע און די געאָגראַפישע איינהייט פון יידישן פאָלק: דער מקור פון יידישקייט איז דער שטייגער פון פאָלק. דאָס פאָלק איז שוין צעשפרייט איבער לענדער. דאַרף מען זאָרגן און באַזאָרגן די געאָגראַפישע איינהייט.

אַלע פירונגען פון יידישן שטייגער דאַרפן שטאַמען פון יידישקייט, קיינע פרעמדע השפּעות — די היסטאָרישע און די געאָגראַפישע איינהייט פון יידישקייט. און דער ש"ס — דאָס איז די פּראָטאָקאָלן פון דער אַרבעט אין די ישיבות. גאָר ניט די פּלאָמיקע רעדעס פון די נביאים, וואָס דאָס פאָלק האָט געהיט אין זכרון; גאָר ניט די רעליגיעז־אינטימע אויסגוסן פון תהילים, גאָר ניט קיין ליטעראַטור פון תנך; ניטאָ אַפילו קיין זאַמלונגען פון די קורץ געפאַסטע אידייען און לאַקאָנישע אַרויסזאָגונגען פון גרויסע דענקערס, נייערט פּשוטע פּראָטאָקאָלן פון די דיסקוסיעס אין די ישיבות. דאָס און אַפילו די פּרימיטיווע דערציילונגען און גלויבונגען פון פאָלק. דאָס איז דער תלמוד — גאָר אַנדערש פון תנך. איז עס אַ תהום צווישן דעם תנך און דעם תלמוד, ווייל גאָר אַנדערע פּראָבלעמען און צילן האָבן געהאַט די נביאים און די חכמים. די נבואה — די קאָמפּרעדעס פון די נביאים ווען דאָס פאָלק איז נאָך ווייט ניט געווען פאַרגלייבט אין זיך און אין זיין פאַרזיכיקייט.

דער תלמוד — מעשים; תנך — אידייען אין ווערטער, דער תלמוד — אידייען אין שטייגער־פירונגען. תנך — גייסטיקע רייכקייט פון שאַפונגען אין פאָלק; דער תלמוד — וואָכעדיקע אַרבעט אויסצושמידן די באַוווסטזיניקע פאַרזיכיקייט פון יידישן פאָלק אויף דורות און אייביקייט.

דער רעוואָלט אָן אַ רעוואָלוציע

פון די נביאים און זייער צייט ביז די חז״ל און זייער צייט איז, דאַכט זיך, גאָר ניט אַזאַ גרויסע צייטדיסטאַנץ, און דאָך איז דאָס גאַנצע פאָלק ווי עפּעס אַנדערש געוואָרן, ווי גאָרניט דאָס זעלביקע פאָלק. ווי דאָס פאָלק אין זיינע מאַסן, אַזוי האָבן אויך די פירערס זיך געענדערט, ניט צו דערקענען. דער כאַראַקטער, דער אויפפיר פון פאָלק איז אין גאַנצן געוואָרן אַנדערש. דאָס פאָלק — דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע ווי דאָס פאָלק האָט פאַרלאָרן זיין דראַנג נאָכ־צומאַכן אַנדערע, ווי דאָס פאָלק האָט געקראָגן אַ וואַרעמע באַציִונג, אַ ליבע צו אַלץ וואָס ס׳איז אייגנס, צו אייגענע יידישע טראַדיציעס און צום אייגענעם שטייגער.

מלכות שומרון, די צען שבטים, די גרעסטע מערהייט פון פאָלק האָט זיך גאָר גיך אַסימילירט, קיין זכר ניט געבליבן. שוין אַרום הונדערט יאָר שפּעטער בענקט ירמיהו נאָך דעם „בן יקיר לי אפרים״, אָבער ער איז ניטאָ מער, מער ניט ווי לעגענדעס וואָס די געבליבענע מינדערהייט האָט איינגעהיט. אָט די קליינע מינדערהייט פון פאָלק קערט זיך אום אויך פון אַ גלות מיט אַ פעסטן באַוווּסטזיין פון אייגענער פאָלקישקייט, מיט אַ שטאַרקן ווילן איינצוהיטן דאָס אייגענע, די אייגענע טראַדיציעס, דעם אייגענעם שטייגער. פריִער איז ביים פאָלק געווען אַ דראַנג פון זיך; איצט איז אַנטוויקלט אין פאָלק אַ דראַנג צו זיך. פאַר וואָס דער גלות־בבל האָט געהאַט אַ פאַרקערטע השפעה ווי דער גלות־אַשור (פון די צען שבטים) איז ניט דאָ דאָס אָרט צו פאַרשפּרייטן זיך. אָט דעם דראַנג צו זיך, צו אַלץ וואָס עס איז טראַדיציאָנעלע אייגנס האָט דאָס פאָלק געבראַכט קיין ארץ־ישראל און אים פאַרפעסטיקט.

אויך די פירער פון פאָלק, זיינע לערערס, זיינען געוואָרן אין גאַנצן אַנדערש, פאַרקערט, ניט ווי די נביאים. די חכמים מוסרן ניט, שטראָפן ניט, זידלען ניט, שרעקן ניט דאָס פאָלק מיט צרות און פלאָגן וואָס וועלן קומען. גראָד פאַרקערט, זיי טרייסטן דאָס פאָלק, זאָגן אים פאָרויס אַל דאָס גוטס, ווי אין דער ווייטער צוקונפט, אין די ימות המשיח, אַזוי אויך איטלעכן יידן באַזונדער אין זיין פריוואַטן „עולם־הבא״.

איז עס געווען בפירוש אַ ברכה פון גלות־בבל: יידן אין רייכן בבל האָבן זיך ניט אַסימילירט, און דווקא אין חרובן ארץ־יהודה, אין דעם אָרעמען, פאַר־חרובטן לאַנד יהודה האָבן זיך יידן יאָ אַסימילירט! איז יידישקייט געבראַכט געוואָרן פון גלות דווקא. ניט ארץ־ישראל האָט איינגעהיט יידישקייט, נאָר דווקא דער גלות.

קיין מאָל איז נאָך ניט געווען אַזאַ קעגנזייטיקע געטרייקייט צווישן פֿאָלק און זיינע לערערס, ווי עס האָט זיך איינגעשטעלט ביי יידן, איבערהויפּט אין אָט דער בעסטער תּקופה פֿון דער יידישער געשיכטע, ווי עס איז געווען די צייט פֿון גלות־בבל און פּערסישער הערשאַפֿט.

דער שטרענגער גאָט פֿון די נביאים איז גאָר ביי די חכמים אַן אל־מלא־רחמים, אַן אֶל־טוב־ומטיב, אַ סלחן־ומחלן, ער וויינט אויף די צרות פֿון זיין פֿאָלק, ער איז אָבער אָנמעכטיק קעגן געזעצן, גזירות, וואָס ער קען ניט ענדערן, ער לערנט הלכה פֿון זיין פֿאָלק, זיי דיסקוטירן מיט אים און ער איז צופֿרידן ווען ער דאַרף נאָכגעבן זיי, זיינע קינדער! ער איז גאָר ניט אין כּעס. עס שטייט טאַקע „אל זועם בכל יום" (תּהילים ז' 12), אָבער דאָס איז נאָר איין רגע און אַ רגע איז נאָר 1/53848 פֿון אַ שעה (עבֿודה זרה ד' א'; ברכות ז' א'). עס איז גאָר ניט דער שטרענגער גאָט, דער „אֵל־קנה־ונוקם, פּוקד עוון אָבות על בנים..." גאָר אַנדערע באַגריפֿן, אַנדערע פֿאָרשטעלונגען. עס איז געוואָרן אַ גאַנצע איבערקערע־ניש אין באַגריפֿן, אין פֿאָרשטעלונגען און אין באַציִונגען — גאָט, פֿאָלק און פֿירער — ווי איין גאַנצקייט, שלום געמאַכט!

עס איז צום באַוווּנדערן: מען קען ניט זאָגן אַז די חכמים האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם תּנך, פֿאַרקערט, און דאָך ניט אַריינגעמען אין קאַנאָן מער ווי די פֿיר און צוואָנציק שוין פֿאַרהייליקטע ספֿרים, איבערחזרן אַ סך מאָל אַז פֿאַרן לערנען דעם תּנך וועט מען אויף יענער וועלט ניט קריגן אָפּגעצאָלט. בכלל איז עס אַ מינהג ביי חז"ל: אָפּגעבן זיך איבערהויפּט מיט דעם וואָס עס איז נאָך ניט פֿאָרמולירט בכּתבֿ.

פֿאַראַן ערגעץ: בכלל איז די משנה וויכטיקער, אָבער זינט די משנה איז פֿאַרשריבן געוואָרן, איז בעסער צו פֿאַרנעמען זיך מיט גמרא, וואָס איז נאָך ניט פֿיקסירט. מיט אַנדערע ווערטער: פֿאַר חז"ל איז געווען וויכטיקער צו שטודירן דאָס דירעקטע פֿון זייער אַקטועלן לעבן, איידער דאָס אַלץ וואָס עס איז געווען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אַ מאָל. די באַציִונג איז פּונקט דאָס פֿאַרקערטע ווי מיר זעען דאָס היינט ביי די וואָס גלייבן צו זיין די העכסט־נאַציאָנאַלע יידן. עס קומט אויס, אַז לויט די באַגריפֿן פֿון די חז"ל האָט ניט גאָט געגעבן די תּורה און יידן האָבן זי מקבל געווען, נאָר פֿאַרקערט, גאָר גאָט איז מקבל די תּורה פֿון יידישן פֿאָלק. מדאורייתא איז — פֿון גאָט צום פֿאָלק, אָבער מדרבנן איז פֿון פֿאָלק צו גאָט און סיני איז ניט קיין באַרג אין מידבר, נאָר יעדער מענטש וואָס שאַפֿט און פֿאָרמולירט תּורה. עס איז אַ טיטול און ניט קיין שטיינערנער באַרג. עס איז אָבער ניט געווען קיין רעוואָלט: דאָס פֿאָלק איז געטלעך און זיין פֿירונג איז במילא געטלעך, אויך פֿון גאָט. דאָס פֿאָלק האָט דאָס געטלעכע פֿאָרמולירט אין מעשׂים,

אין הלכות, די רבנן האָבן די „הלכות" פאָרמולירט אין ווערטער, אָבער אַלץ איז פון גאָט, סיי ווי.

עס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער יידישער געשיכטע, אַז די פירערס פון פאָלק קריגן זיך ניט מיטן פאָלק; דאָס ערשטע מאָל, אַז דאָס פאָלק גייט ניט אין פרעמדע וועגן; ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע ווען די פירערס אין יידישקייט דאַרפן זיך ניט קריגן מיטן פאָלק — אַלע גייען איין גאַנג, איין וועג — איז איין יידישקייט!

דאָס ערשטע מאָל אין דער יידישער געשיכטע קעמפט דאָס פאָלק קעגן אַסימילאַציע. ביז דער תקופה האָבן קעגן אַסימילאַציע געקעמפט יחידים, די נביאים, קליינע גרופעס — זייערע אַנהענגערס. אָבער דאָס פאָלק ווי אַ גאַנצס האָט ניט געקעמפט קעגן דער אַסימילאַציע בכלל. פון די רייד פון די נביאים קען מען אַפילו אָננעמען, אַז דאָס פאָלק האָט געגרער געפאָלגט דער אַסימילאַציע־גיריקער אַריסטאָקראַטיע. ניט זעלטן האָבן גאָר די נביאים געגאָלטן ווי שונאים פון פאָלק, וואָס עס קומט זיי טויטשטראָף. דער קאַמף פון די חשמונאים איז דאָס ערשטע מאָל אין דער יידישער געשיכטע, ווען טאַקע דאָס פאָלק האָט געקעמפט קעגן דער אַסימילאַציע. און ווידער קענען מיר איבערחזרן: עס איז אויך דאָ ניט געווען דאָס גאַנצע פאָלק, עס איז געווען — דערפער קעגן שטעט, דאָס פראָסטע פאָלק קעגן דער אַריסטאָקראַטיע.

בכל־אופן איז יידישקייט שוין געווען פעסט איינגעפעסטיקט אין פאָלק. דאָס יידישע פאָלק איז שוין באַוווסטזיניק געגאַנגען זיין אייגענעם וועג און ניט גע־וואָלט נאָכגיין נאָך אַנדערע פעלקער. דאָס פאָלק און די אַריסטאָקראַטיע — צוויי שיכטן און צוויי כוחות אין דער געשיכטע.

דאָס וואָרט „פאָלק" האָט צוויי באַטייטן: פאָלק עטנאָגראַפיש נעמט אַרום ביידע קלאַסן: דאָס פויערים־פאָלק און די פריצים. דאָס „פאָלק" אָבער אין סאָציאַלן זינען נעמט אַרום בלויז דעם פויערים־טייל פון דעם גאַנצן עטנאָגראַפישן פאָלק; דאָס איז „פאָלק" ווי אַ קעגנזאַץ צו דער אַריסטאָקראַטיע. ביי יידן, אין דער יידישער געשיכטע האָט דאָס סאָציאַלע פאָלק, דאָס פאָלק אין די דערפער, פון אייביק אָן געשפילט אַ גרעסערע ראָל איידער ביי אַנדערע פעלקער. מען רופט ביי די היסטאָריקער די פערסישע תקופה אין דער יידישער געשיכטע „די תקופה אָן אַ געשיכטע". ניטאָ וואָס צו דערציילן, ניטאָ קיין מלחמות, קיין גבורות, קיין אַקטיווע פראַצעסן פון העכערן סאָציאַלן קלאַס. די היסטאָריקער זיינען ניט גע־ווווינט צו פאָרשן, צו לערנען די אינעווייניקסטע געשיכטע, די אַנטוויקלונג פון פאָלקס גייסט, זיין וועלטבאַנעם, זיין באַגריפן־וועלט. וואָלט אָט די גייסטיקע אַנט־וויקלונג פון פאָלק פאַרנומען מער אָרט אין דער געשיכטע, וואָלט דווקא אָט די תקופה פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט, די צייט פון דער וויכטיקסטער אַנטוויקלונג:

די אונטערשטע סאָציאַלע שיכטן אין פאָלק האָבן גענומען שפּילן זייער ראָלע אין דער געשיכטע פון פאָלק בכלל.

ווען מיר זאָגן דאָס „רוימישע פאָלק" מיינט עס מער די אויבערשטע שיכטן, די פּריצים; ווען מיר זאָגן אָבער „דאָס יידישע פאָלק" מיינט עס מער די אונטערשטע שיכטן — דאָס פּויערים־פאָלק. אויף אונדזער היינטיקער טערמינאָלאָגיע וואָלטן מיר געקאָנט זאָגן אַז דאָס יידישע פאָלק איז געווען מער דעמאָקראַטיש ווי די אַנדערע פעלקער אין יענער צייט. פאַרשטייט זיך, אַז אונדז גייט דאָ ניט די באַרימעריי מיט אונדזער „דעמאָקראַטישקייט", ווי אין פּשוטן אויפקלערן דעם אונטערשייד פון דעם אינעווייניקסטן פּראָצעס אין לעבן פון אונדזער פאָלק. פון איצט און ווייטער גייט ביי יידן די געשיכטע אַריבער צום „פּשוטן פאָלק". די רייכערע אַריסטאָקראַטיע הערט אויף צו שפּילן די הויפּטראָל אין דער געשיכטע.

פרושים

אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע באַווייזט זיך אַ נייער כּוח, אַ נייע ריכטונג — די „פּרושים" קעגן די „צדוקים". די פּרושים זיינען די פאָרשטייערס פון פּשוטן פאָלק, פון דעם פּויערים־פאָלק מיט זיינע איינגעשטעלטע טראַדיציעס אין לעבן, מיט די פּירונגען און מיט דעם גאַנצן שטייגער. אָט דער פאָלקישער שטייגער ווערט דורך די פּרושים פאַרהייליקט פונקט ווי די תּורה, אָפט נאָך אַפילו מער ווי די תּורה. עס איז ביי יידן ניט איין תּורה, נאָר צוויי: די געשריבענע תּורה (תּורה־שבכּתב) און די תּורה (אָדער יידישקייט) פון שטייגער (די תּורה־שבעל־פּה). זי איז אויך געטלעך, הייליק, פון גאָט. אויב פון פאָלק, איז עס פון גאָט, גלייך ווי פון גאָט. די מינדלעכע טראַדיציע איז די תּורה־שבעל־פּה און זי ווערט אָנערקענט ווי די תּורה פון פאָלק־ישראל. די תּורה איז ניט קיין אָפּגעשלאָסענע איין מאָל און אויף אייביק, נייערט פאַרקערט. מוז יעדער דור, יעדע תּקופה צו איר צוגעבן זיינס, יידישקייט אָדער תּורה הערט ניט אויף צו וואַקסן, טאָר ניט אויפהערן צו וואַקסן.

דער מקור פון אָט דער פּליסיקער, שטראָמיקער יידישער תּורה איז דעם פאָלקס שטייגער, זיין פּירונג. די צדוקים — די פּאַרטיי פון דער אַריסטאָקראַטיע רעכנט זיך ניט מיט דעם פאָלקישן שטייגער. די תּורה איז דער טייערער אוצר, וואָס דאַרף ווערן אָפּגעהיט ווי אַזאַ אוצר, ווי אַ צירונג פון פאַרצייטן. און עס איז גאָר ניט שייך אַריינצוטראָגן אין דער תּורה נייע אָנוואַקסונגען. די תּורה איז פון גאָט; דאָס וואָס עס איז פון פאָלק טאָר גאָרניט אַריינגערעכנט ווערן אין דער תּורה.

פרושים און צדוקים — פאָלק און אַריסטאָקראַטיע; פרושים און צדוקים — דאָרף און שטאָט. די צדוקים, דער שטאָטישער עלעמענט, די הערשערישע ריכטונגען, די הענדלערס האָבן מער פאַרבינדונגען מיט אַנדערע לענדער און אַנדערע פעלקער. זיי האַלטן ניט אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך אויסטיילן, זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער. יידישקייט איז זייער גוט אין שטוב, אָבער אין פאַרקער מיט אַלע אַנדערע פעלקער דאַרף מען זיין מיט אַלעמען גלייך. לעבן ווי עס לעבן בכלל מענטשן, און די תורה היטן ווי די טייערע צירונג פון עלטער־זיידעס. מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר שפּעטער האָט עס דער העברעיִשער פּאָעט י. ל. גאָרדאָן פאָרמולירט אין באַרימטן זאָץ „אַ ייד אין שטוב. אַ מענטש אין דרויסן״ (יהודי בביתך ואָדם בצאתך). פונקט אַזאַ אַכטונג ווי צום אויפפּיר האָבן חז״ל געהאַט צו דער שפּראַך פון פאָלק — אין יענער צייט גאָר אַראַמיש. עזרא דערקלערט די תורה אין אַראַמיש. איך גלייב אַז הלל האָט געקאָנט העברעיִש ניט ערגער פון היינטיקע העברעער. דאָך זיינען אַלע זיינע אַרויסזאָגונגען געגעבן דווקא אין אַראַמיש, אין דער שפּראַך פון פאָלק. קוים רעדט אַזוי דאָס פאָלק, איז „אַל יהא לשון ארמי קל בעיניך... שהקב״ה חולק לו כבוד״: מעגן מיר פון דעם לערנען אַ גזירה שווה: ווער עס האָט ניט קיין דרך־ארץ פאַרן לשון פון פאָלק האָט אויך ניט קיין דרך־ארץ פאַר דעם פאָלק גופא.

די צדוקים זיינען אונטערגעגאַנגען גלייך מיטן חורבן פון דער מלוכה. ניט געבליבן פון זיי אין יידישן פאָלק ניט זייערע ספרים, ניט זייערע תורות און פּירונגען. גאָרניט! דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון שפּעטער שטאַמט פון די פרושים; פון זייער צוגאַנג צו יידישקייט. דער קיוּם פון פאָלק הענגט ניט אָפּ פון דער מלוכה, פון רייכקייטן, נאָר פון שטייגער — כל־זמן יידן פירן זיך ווי יידן, וועט זיין אַ יידיש פאָלק. דערפאַר דאַרף די גאַנצע ענערגיע, גאָר די אַנשטרענגונג אַנגעווענדט ווערן ניט אויף מלחמות, ניט אויף פּאָליטישע און מאַטעריעלע פעסטונגען, נאָר אויף דעם שטייגער. טייטשט די גמרא אַ פסוק: „אני חומה ושדי כמגדלות״, וואָס איז עס דער מויער פון יידישקייט און די טורעמס (צום שיסן) — זאָגט ר׳ יוחנן: די תורה און די חכמים, זאָגט רבא: דאָס איז דאָס פאָלק ישׂראל און די לערנשולן (בתי כנסיות ובתי מדרשות, (פסחים פ״ז ע״א).

מען קען אין דעם איינזען אַ גאַנצע רעוואָלוציע: ניט די פאַרשריבענע תורה (שבכתב) איז גאָר די יידישקייט, נאָר דער פאָלקישער שטייגער פון לעבן, די פּירונגען, דער גאַנג פון לעבן. ניט די מיצוות, ווי זיי שטייען פאַרשריבן, נאָר די „הלכות״ — די גענג, דער גאַנג פון לעבן, דער שטייגער, ניט די פּאָליטישע פאַרזיכיקייט, נאָר די שטייגערישע פאַרזיכיקייט, אַנדערשקייט. דער פּרינציפּ פון די פרושים האָט געהערשט ביי יידן די גאַנצע צייט פון גלות. אָט דער פּרינציפּ האָט אויפגעהאַלטן דעם קיוּם פון פאָלק!

א. גאָלאָמב

חכמים

פאַר די פּרושים זיינען אויפגעקומען צוויי נייע אויפגאַבעס:

די תּורה איז ניט קיין פאַרענדיקטע; זי ווערט געגעבן מגילותוויז (תּורה מגילות, מגילות ניתנה), דאַרף מען זי דאָך פאָרמולירן, אָט די נייע, די כּסדרדיק נייע מגילות. איז ניט אויפן באַרג סיני, איז אין יידישן לעבן גופא. ווּ איז דאָ דער סיני? — איז סיני יעדער איינער וואָס קען, וואָס מעג פורעמען און פאָרמו־לירן תּורה. דער געלערנטער מאַן, ער איז דער „סיני ועוקר הרים”. ווּ איז דער סיני? — לגמרי ניט אין וויטן מידבּר, ווּ משה וואַנדערט מיט די יידן, לגמרי ניט יענער באַרג אין מידבּר וואָס אליהו לויפט צו אים זיך אויסבאַהאַלטן פון יידישן פאָלק... דער יידישער גאָט האַלט ניט זיין גייסט מער אין מידבּר. גאָטס גייסט און דעם פאָלקס גייסט זיינען איינס! אויב דאָס פאָלק פירט זיך אַזוי, איז עס געוויס פון גאָט. גאָט רעדט ניט מער צו יידן פון אַ ברענענדיקן דאָרן. בּכלל דאַרף מען ניט זוכן גאָט אין באַשטימטע הייליקע ערטער. אַלע ערטער קענען זיין הייליק, אויב יידן זאַמלען זיך צונויף דאָרטן צו לערנען תּורה, צו פורעמען דאָס יידישע לעבן אין געזעצן, אין שריפט, מאַכן פון תּורה־שבעל־פּה אַ תּורה־שבכּתב. מאַכן פון פאָלקס שטייגער אַ תּורה. דאָס איז גאָרניט פון די גרינגע זאַכן. ערשטנס, איז דאָ אַ פּסיכישע שוועריקייט. מען דאַרף נעמען פּשוטע פירונגען און דאָס מאַכן ווי אַ מיצווה פון גאָט. למשל, יידן אין די שטעטלעך פלעגן שבּת נאָכן טשאָלנט זיך לייגן שלאָפן און נאָכן שלאָפן פלעגט מען גיין שפּאַצירן. שבּתדיק אויסגעפּוצט, די הענט פאַרלייגט אַהינטער, די קעשענעס ליידיק, ווייל טראָגן טאָר מען דאָך ניט, דאָס נאָזטיכל פאַרבונדן אויפן האַלדז כּלומרשט אַ בגד אַזאַ. שמועסן ניט, חלילה, פון פּרנסה, פון „וואָכעדיקע זאַכן”. מען שמועסט פון „וועלטזאַכן”, פּאָלי־טיק, וועגן תּורה וכדומה... ווער עס האָט ניט געזען אָט די שבּתדיקע שפּאַצירנ־דיקע יידן, האָט ניט געזען קיין שלווה, קיין רויִקייט און „אויסגעטאָן זיך” פון אַלץ וואָס עס איז וואָכעדיק. אָבער גייט און פורעמט אויס פון דעם שבּתדיקן שפּאַציר אַ געזעץ, אַ דין, אַ הלכה! מאַכט פון דעם מינהג, אַ דין. און אַזוי איז דאָך געווען די גאַנצע יידישקייט, אָדער תּורה־שבעל־פּה פאַר די פּרושים. דאָס איז געווען די אַרבעט פון די ישיבות. ווידער אַ מאָל איז דאָס זעלביקע וואָרט אויך איצט פאַראַן, אָבער דער אינהאַלט פון וואָרט איז געווען אַן אַנדערער. די פאַרצייטיקע ישיבות זיינען געווען מער ווי אַזוי די היינטיקע אַקאַדעמיעס. אין די היינטיקע שולן און אויך אין די ישיבות לערנט מען שוין פאַראַנענע טעקסטן. אין די פאַרצייטיקע ישיבות האָט מען געשאַפן טעקסטן. גענומען עלע־מענטן פון שטייגער און פון דעם געשאַפן טעקסטן צום לערנען. קורץ געזאָגט:

די היינטיקע ישיבות לערנען טעקסטן, די פּאַרצייטיקע האָבן די טעקסטן געשאַפן. און זאָל עס ניט אויסזען צו גרינג, אַז דאָס פאַרוואַנדלען פירונגען פון לעבן אין געשריבענע הלכות: די געשאַפענע הלכות האָבן באַדאַרפט איינגעשטימט זיין מיט דער פירונג פון פאַרשיידענע יידישע שבטים אין פאַרשיידענע לענדער.

עס זיינען שוין געווען יידישע יִשובים אין פאַרשיידענע לענדער פון מיטעלן מיזרח און ווייטער אַפילו. אַלע זיי האָבן זיך געהאַלטן נאָר מיט זייער פירונג, אָבער דער אויפפיר האָט געקאָנט אין דעטאַלן זיין פאַרשיידן. ווי געפינט מען די איינהייט אין פּילפּאַכיקייט? ווי בויט מען אַ „ישׂראל אחד" אין איין אַלגעמיינעם אויפפיר? דער יידישער אייביקער לאָזונג פון „ה' אחד" — איין גאָט איז געווען און איז אידענטיש מיט דער פּראָבלעם פון ישׂראל אחד — איין יידיש פאָלק אין אַלע זיינע פאַרשידענע דעטאַלע אונטערשיידן. דאָס וועלן מיר רופן די געאָגראַפישע איינהייט פון יידישקייט און פון יידישן פאָלק. די פּראָבלעם האָט נאָך אַ צווייטע אַרבעט: די היסטאָרישע איניקייט. די פּרושים און זייערע פירער — די חכמים האָבן ריכטיק געגלייבט, אַז אַלץ אין פאָלק איז אַנגעוואַקסן, וואַקסט און צעוואַקסט זיך. פון גאָרניט איז גאָרניט. אַלץ וואַקסט פון אַ זאָמען. עס דאַרף גאָר ניט זיין פון דער פרעמד פאַרטראָגן. דאַרף מען פאַר אַלץ אין היינטיקער יידישקייט געפינען דעם זאָמען אין דער פריִערדיקער יידישקייט. דער גאַנצער היינט שטאַמט פון דעם נעכטן. און אויב עפּעס פון דעם היינט האָט ניט קיין אָפּשטאַם פון פריִער, פון נעכטן, איז עס מסתּמא געקומען גאָר פון פרעמדס. און פון דעם האָבן זיי זיך געהיט. דאָס זיינען די צוויי פּרינציפּן — פון געאָגראַפישער איינהייט און פון היסטאָרישער איינהייט פון יידישקייט — וואָס די פּרושים האָבן געהיט, זיי און זייערע פירער, די חכמים, די חז"ל, ווי עס איז אַנגענומען זיי צו רופן. די חז"ל האָבן יידישקייט איבערגענומען פון די נביאים, אָבער ווי אַנדערש! די נביאים האָבן גערעדט, די חז"ל האָבן געטאָן; זיי האָבן די אויפטוען פון די נביאים זייער וויניק גענומען אין אַכט. אַלע נביאים און זיבן נביאות האָבן ניט אויפגעטאָן גאָרניט! המנס גזירה האָט מער געווירקט איידער אַלע נביאים! אַזוי איז די מיינונג פון די חז"ל. זיי האָבן ניט מבטל געמאַכט, חלילה, די רייד פון די נביאים, פאַרקערט, זאָל מען לייענען מפטיר נאָך קריאת־התורה יעדן שבת. אָבער פאַרלאָזן זיך אויף דעם — דאָס קען מען ניט, דאָס טאָר מען ניט. מען טאָר זיך ניט פאַר־לאָזן! עס איז „סתּם דברי נבואה", סתּם נביאישע רייד. טאַקע פון אַ נביא, אָבער פאָרט נאָר רייד און מער ניט ווי רייד.

פאַראַן אין גמרא אַ פּראָבלעם: וואָס שטייט העכער — למידה אָדער עשׂיה — טעאָריע אָדער פּראַקטיק. פאַרשטייט זיך, עשׂיה — אַרבעט איז וויכטיקער! אַפילו אַ ברכה, אויב נאָך דער ברכה קומט ניט עפּעס אַ פּראַקטישע טוונג, איז אַ „ברכה לבטלה". אַנשטאָט מיצווה גייט עס אַריבער אין דער מדרגה פון אַן

עבירה גאָר. די נביאים ריידן אין נאָמען פון גאָט, די חכמים קומען פון פאָלק; די נביאים קריטיקירן — וואָס יידן טוען טויג ניט, — די חכמים געפינען ניט וואָס צו קריטיקירן ביי יידן, אַלץ איז גוט, „קוקט זיך צו ווי יידן פירן זיך און טוט אַזוי". טאָמער קומען יידן אין בית־המיקדש פראַווען אַ יום־טוב, זאָגט גאָט אַז ער וויל עס גאָר ניט, „ווער בעט עס גאָר ביי אייך איר זאָלט טרעטן מיינע הויפן?" (ישעיה און ירמיה). די חכמים רעדן מיט נאָסטאַלגיע וועגן יידישע יום־טובים. די נביאים ריידן מיט כּעס, ווי זיי וואָלטן, חלילה, פיינט געהאַט דאָס פאָלק! — ביי די חכמים — בלויז ליבע, ניטאָ קיין קריטיק. פאַרקערט גאָר, זיינען די חז"ל גאָר אין כּעס אויף דעם גרעסטן נביא ישעיה, וואָס האָט זיך דערלויבט צו שטאַרק צו מוסרן די יידן; זיי דערציילן גאָר אַז ער איז פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט פאַר זיין קריטיק. און דער גוטער רש"י דערקלערט אויפן אָרט, אַז ניט גאָט האָט דעם נביא געהייסן ריידן די בייזע רייד אויף יידן. ער האָט עס געזאָגט פון זיך, ניט פון גאָט. משה — דער ערשטער פון די נביאים — חלומט: „אַ, הלוואי וואָלט דאָס גאַנצע פאָלק געווען נביאים" (מי יתן והיה כּל עם ה׳ נביאים), און הלל — איינער פון די חשובסטע חכמים זאָגט עס: „אויב ניט קיין נביאים, זיינען יידן דאָך בני־נביאים".

פון וואַנען און פאַר וואָס אָט דער אונטערשייד? דער תּהום צווישן נביאים און חכמים? — טיילוויז איז עס מצד דעם פאָלק און טיילוויז איז עס מצד די חז"ל טאַקע.

אַנדערש איז געוואָרן מצד דעם פאָלק: די נביאים זיינען דאָך געווען פאַר דער פּערסישער תּקופה אין דער יידישער געשיכטע. דאָס פאָלק אַליין איז גאָר ניט אַזוי פאַרליבט אין יידישקייט; מען האָט געגרן נאָכגעמאַכט אַנדערע פעלקער און פרעמדע פירוגגען; דער אויפפיר פון יידן איז גאָר ניט געווען אַזוי אויסגע־האַלטן יידיש. די חז"ל זיינען אָבער געווען נאָך דער פּערסישער תּקופה. דאָס פאָלק איז טאַקע געווען אַנדערש, אויסגעהאַלטענער, פאַרזיכערער, שטאָלצער מיט זיין אייגענער יידישקייט. ניטאָ דאָס נאָכלויפן נאָך פרעמדע פירוגגען און פרעמדע מינהגים. דאָס פאָלק איז געווען אויסגעהאַלטענער און מיט מער אַכטונג און אַפילו מיט ליבע זיך באַצויגן צום אייגענעם, יידישן שטייגער.

מצד חז"ל איז אויך געווען אַנדערש: די חז"ל זיינען געווען אין זייער צייט דאָס, וואָס היינט וואָלט מען דאָס גערופן „פאָלקיסטן". זייער פאָלקיזם איז געווען זייער גרויס, ביז צו פאַרליבטקייט אין יידישקייט.

דער תּנך און דער תּלמוד

דער גאַנצער תּנך איז אויפֿבוי פֿון די נביאים. דער תּלמוד — אַ פּראָדוקט פֿון די חז״ל. און ווי אַנדערש עס זיינען געווען די חכמים לגבי די נביאים, אַזוי אַנדערש איז דער תּלמוד פֿון דעם תּנך. די תּקופֿה פֿון תּנך איז זייער לאַנג. עס איז גאָר ניט געווען קיין גרינגער איבערגאַנג פֿון תּנך צום תּלמוד; פֿון די ערשטע ספֿרים אין תּנך ביז צו די שפּעטערדיקע, ביז צו די לעצטע ספֿרים, פֿון די דער־ציילונגען וועגן די אָבות ביז צו ספֿרים פֿון די מלכים; פֿון די שופֿטים ביז צו דניאל, עזרא און נחמיה. אין דעם ספֿר פֿון דער רעליגיעזער פּאָעזיע, אין תּהילים, זיינען פֿאַראַן קאַפּיטלען פֿון פֿאָלקגעזאַנגען ביז צו טיפֿערע אַריינטראַכטונגען פֿון טיפֿע גייסטער. פֿון די ערשטע נביאים, וואָס האָבן נאָך געגאָלטן אין פֿאָלק ווי קענער פֿון צוקונפֿט, ווי וויסער פֿון סודות, וואָס מען גייט צו זיי פֿרעגן וועגן פֿאַרלוירענע אייזלען, ביז צו די גרויסע שאַרפֿע רעדעס פֿון די שריפֿט־נביאים, וואָס דאָס פֿאָלק האָט זיך באַמיט איינצוהיטן די רעדעס אָן פּאַפּיר, און אָן פֿעדערס — דער תּנך איז אַ גאַנצע ליטעראַטור פֿון גאָר אַ לאַנגער תּקופֿה. אין תּנך זיינען נאָך פֿאַראַן רעשטלעך פֿון פֿאָלקישע מעשׂיות און פֿאָלקישע געזאַנגען, ביז צו די טיפֿע פֿילאָסאָפֿישע פּראָבלעמען וואָס נאָר יחידים האָבן געקאָנט דערגיין צו זיי.

דער תּנך האָט זיך ניט געענדיקט, ווייל אין פֿאָלק זיינען מער ניט געווען קיין שעפֿערישע כּוחות. דאָס האָבן די חז״ל אָפּגעהאַקט די תּנכישע שאַפֿונג: נאָר די פֿיר און צוואַנציק ספֿרים און מער טאָר מען גאָרניט *. עס זיינען געווען נאָך ספֿרים. די חז״ל האָבן זיי אין הייליקן קאַנאָן ניט אַריינגענומען.

פֿאַר וואָס האָבן דאָס די חז״ל געטאָן? פֿאַר וואָס האָבן זיי אָפּגעשניטן די תּנכישע שאַפֿונג? פֿאַר וואָס ניט אַריינגענומען אין קאַנאָן ספֿרים וואָס זיינען שוין געווען?

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אויך געטאָן געוואָרן צוליב דעם פֿאָלקיזם. סתּם זאַמלען ביבליאָטעקן — דאָס האָט זיך געקאָנט פֿאַרגינען אַלעקסאַנדריע. ביכער האָבן געקאָסט צו טייער; ליימענע טאָוולען אָדער פּאַפּירוסן — קיין פּאַפּיר איז דאָך ניט געווען. איטלעכער ספֿר האָט דאָך געדאַרפֿט געשריבן ווערן. זיינען געווען

---

* פֿיר און צוואַנציק ספֿרים. אין העברעיִש עשׂרים וארבע. פֿון דעם איז ביי אונדז — ליטוואַקעס — געוואָרן אַ צווייטער נאָמען פֿאַרן תּנך: „שוואַרבע״, פֿון עשׂרים וארבע — שוואַרבע.

גאַנץ היפּשע צאָלן „בעלי־מלאכה“ פון איבערשרייבערס, סופרים. מיט וואָס זאָל מען זיך פּאַרנעמען? מיט פּראָדוצירן און אָפּהיטן אינדיווידועלע שאַפונגען, וואָס זיינען שוין געווען הויך און העכער פון דעם פאָלקישן ניווא, אָדער מען זאָל זיך אָפּגעבן מיט די פּשוטע פאָלקישע פירונגען און מיט פאָלקישע דערציילונגען, אויב אַפילו זיי זיינען פּרימיטיוו? דער פאָלקיזם פון די חז״ל האָט דעצידירט: דאָס פאָלק איז וויכטיקער פון די גרעסטע יחידים. משה, דער גרעסטער ייד, און דאָס פאָלק, — זאָגט רבי עקיבא: „צוליב דעם פאָלק רעדט גאָט צו משהן“. ווען דאָס פאָלק זינדיקט מיטן גאָלדענעם קאַלב און גאָט וויל אומברענגען דאָס פאָלק, ער וועט פון משהן שאַפן אַ נײַ פאָלק, אַ בעסערן, — ענטפערט משה: „זאָל אומקומען משה און טויזנט משהס און זאָל ניט געשעדיקט ווערן קיין נאָגעלע פון פאָלקישע יידן“. אַזוי דערציילט אַ גמרא. ביי אַזאַ באַציִונג פון די חכמים, איז פאַרשטענדלעך וואָס חז״ל האָבן זיך פאַרנומען מיט פאָלקישע פירונגען, מיט הלכה און לעגענדעס — אגדה, און געלאָזט פאַלן די אינדיווידועלע שאַפונגען ווי גרויס און ווי וויכטיק זיי זיינען ניט געווען. די תּנך־שאַפונגען אין יענער צייט זיינען שוין ווייט אַוועק פון די פאָלקישע פּרימיטיוון, זיי זיינען געווען הויכע ליטעראַרישע ווערק פון מחברים־יחידים, וואָס האָבן אָנגעגעבן ניט זייער פּריוואַטן נאָמען נאָר, זייער אָפּט, נעמען פון פאַרצייטיקע גדולים, וואָס פאַר זיי וואָלטן די שאַפונגען געפּאַסט. איז שלמה דער זינגער פון שיר־השירים אאַז״וו.

גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער טראָגט דער תּלמוד. עס איז ניט קיין ליטעראַטור אין דעם געוויינטלעכן זינען פון וואָרט. דאָס זיינען אַ סך מער אויך ניט קיין אויס־פירן פון די אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם אויפפיר פון יידן. דאָס האָט אַ סך שפּעטער געוואָלט געבן רמב״ם אין זיין „משנה תּורה“ אָדער „יד החזקה“. דער תּלמוד גופא באַשטייט, וואָלט איך געזאָגט, פון פּראָטאָקאָלן פון די אָפּהאַנדלונגען אין די ישיבות, די דיסקוסיעס.

הייבט זיך, למשל, אָן די ערשטע משנה אין תּלמוד בכלל: „פון ווען אָן מעג מען לייענען דאָס „שמע“ אין אָוונט? (שמע — קריאת־שמע) — פון דער צייט ווען די כּוהנים מעגן אַריינקומען עסן זייער תּרומה“ (איבערזעצונג פון ד״ר יעקב מאיר זאַלקינד, לאָנדאָן 1922). ניטאָ וועגן דעם אַז מען דאַרף בכלל לייענען „קריאת־שמע“ (די תּפילה איז אייגנטלעך „שמע“ — שמע־ישׂראל“, קריאת — פון קריאה, לייענען. אָבער אין יידיש קומט אויס אַז קריאת איז אַ טייל פון דעם נאָמען: מען זאָגט „לייענען קריאת־שמע“, חזרט מען איבער, לייענען און קריאת איז דאָס זעל־ביקע. אַזוי זאָגט מען „מים אחרונים־וואַסער“ — צו וואַשן די הענט נאָכן עסן. אויך איבערגעחזרט דאָס וואָרט מים — וואַסער). איז לגמרי ניטאָ אַז מען דאַרף לייענען „שמע“ בכלל, דאָס איז, ווייזט אויס, אַן אַלטע, אָנגענומענע זאַך, וואָס רופט ניט אַרויס קיינע ספקות און קיינע פראַגעס. אַזוי אויך וועגן די כּוהנים, ווען זיי

הייבן אָן צו מעגן עסן די תרומה. וועגן קריאת־שמע־צייט גייט אין דער משנה אַ פלוגתא, און די משנה ברענגט אַלע מיינונגען. אין גמרא גייען אַוועק נאָך עטלעכע בלאַט גמרא וועגן עלעמענטן פון דעם דין און וועגן אַנדערע זאַכן וואָס זיינען מיט דער משנה גאָרניט פאַרבונדן.

מיט איין וואָרט אָבער: פון דער גמרא דאָ און אומעטום אַנדערש ווי איז צו זען, אַז עס איז געווען ביי יידן אַ פעסט איינגעשטעלטער שטייגער, נאָר טיילן פון דעם שטייגער האָבן אַרויסגערופן חילוקי־דעות און דיסקוסיעס צווישן די חכמים.

וואָס מיינט „חכם"?

דאָס וואָרט חכם אין דער תלמודישער ליטעראַטור האָט ניט דעם זעלביקן באַטייט ווי ביי אונדז אין יידיש, אָדער ווי עס איז געווען אין דער תנך־צייט. ביי אונדז איז חכם סתם אַ קלוגער, ער האָט חכמה — לעבנס־קלוגשאַפט, עס האָט קיין שום שייכות ניט צו געלערנטקייט. אין תלמוד, ביי די חז"ל, איז דאָס וואָרט חכם געווען אַ טיטל פון געלערנטקייט. און עס איז גאָר ניט גרינג געווען צו דער־גרייכן דעם טיטל. געווען מדרגות אין לערנען. געווען תלמיד, תלמיד־חכם און די העכסטע — חכם. זיי האָבן איינגעפירט דעם אינסטיטוט פון סמיכא. ווען די רוימער האָבן פאַרבאָטן סמיכא, האָט רבי יהודא בן בבא זיך מוסר־נפש געווען פאַר דער סמיכא, עס זאָלן זיין געלערנטע וואָס האָבן רעכט פעסטצושטעלן הלכות. פאַר וואָס זיינען אַזוי פאַרבונדן געוואָרן געלערנטקייט מיט חכמה, אַזוי ווייט, אַז חכם איז געוואָרן אַ סינאָנים צו געלערנטן? איך גלייב, אַז דאָ האָט געקאָנט האָבן אַ ווירקונג, וואָס די חז"ל האָבן זייער הויך געשעצט די סברה, די אינטויציע. פאַראַן אַפילו אַ באַרימעריי, אַז ווען די תורה וואָלט פאַרגעסן געוואָרן, וואָלט „איך זי געקענט מחדש זיין מיט מיין סברה", און סברה איז אַ פּראָדוקט פון שׂכלדיקייט, פון חכמה. פאַראַן אין תלמוד אָפט באַמערקונגען פון ריין פּעדאַגאָגישן כאַראַקטער, וואָס האָבן געשטעלט זייער הויך דעם מאָמענט פון אַנטוויקלען די סברה, דעם שׂכל, די שאַרפזיניקייט. „עס איז בעסער איין שאַרף פעפערל איידער אַ פולער קאָרב מיט גראָז", עס איז גוט צו לערנען זאַלבע צווייט, כדי זיך קעגנזייטיק צו „שאַרפן".

מיט איין וואָרט: די חכמי־התלמוד, אָדער חז"ל, האָבן זייער גאַנצע ענערגיע און צייט אָפּגעגעבן כדי פעסטצושטעלן דעם שטייגער פון פאָלק, צו מאַכן אים איינהייטלעך, ווי געאָגראַפיש, אין אַלע יישובים, אַזוי אויך היסטאָריש, דורך אַלע דורות פון געווען און פון עס וועט זיין. איין שטייגער וועט אויך זיין אין

פאָלק. דאָס איז אויך דער מאָטיוו, פאַר וואָס חז״ל האָבן אָפּגעהאַקט די שאַפונג פון תּנך־ספרים. זיי האָבן געזאָגט „כל המכניס לתוך ביתו יותר מכ״ד ספרים מהומה הוא מכניס״...

האָבן די פּרושים אַריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציע: דער קיום פון פאָלק איז לגמרי ניט אין הסכם מיט דער מלוכה. ניט מלכים, ניט קיין מיליטערישע גבורות, ניט דער בית־המיקדש, — דער קיום פון פאָלק איז אין די אָפּגעהיטענע, פאַר־זיכיקע שטייגער־פירונגען פון פאָלק. אויך ניט דווקא אין ארץ־ישׂראל, נייערט אומעטום ווו נאָר יידן קענען זיין פאַר זיך און פאַרזיכיק. תּנך — מלכות, מלכים; תּלמוד — שטייגער.

וואָס לערנט עס אונדז פאַר אונדזער היינט?

ניט קיין געשיכטע סתּם, נאָר פאַר דעם אויפּפיר פון היינט. דער נעכטן לערנט דעם היינט ווי צו פורעמען דעם מאָרגן. ובכן, וואָס לערנט אונדז די גאַנצע אָפּהאַנדלונג פאַר אונדז היינט? — גאָר אַ סך. וועלן מיר מאַכן אַ קורצן אויספיר פון אַל דעם געשריבענעם ביז איצט: ווען עס צעוואַקסט זיך די תּורה, דער שעפע־רישער גייסט הייבט זיך אויף צו הויך, ווען עס קומען אין פאָלק גרויסע יחידים צו הויך, צו ווייט איבער דעם ניוואָ פון פאָלק; ווען עס ווערט אַ צו גרויסע דיסטאַנץ צווישן די פאָלקישע נאָרמעס און צווישן די שאַפונגען פון די שעפערס, דעמאָלט קומט אַ מין געראַנגל צווישן דעם פאָלקישן פרימיטיוו און צווישן די שעפערישע גדולים. צו דעמאָקראַטיש איז דאָס יידישע לעבן, עס זאָל לאָזן די שעפערישע פּראַצעסן אַוועק צו ווייט, צו הויך איבערן פאָלק. אַוודאי איז די תּנכישע שאַפונג געווען העכער ליטעראַריש פון דעם תּלמודישן גאַנג און דענקען, פון לערנען. פאָלק און אַריסטאָקראַטיע פון גייסט — דאָס פאָלק איז בילכער! דער פאָלקישער פּרימיטיוו קומט פריִער. דאָס איז די הלכה — דער גאַנג פון די פּרושים. און זיי האָבן אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק! הלכה כּפּרושים, וואָלטן מיר געקאָנט עס זאָגן מיט דעם אויסדרוק פון פאַרצייטן.

האָבן מיר דאָך היינט דעם זעלביקן צושטאַנד. לאָמיר זען. די תּלמודישע יידישקייט איז זיך צעוואַקסן איבער אַלע מאָסן אין די שטעטלעך פון מיזרח־איירָאָפּע. לאָמיר געדענקען: דער גאַנצער תּנך אין שטעטל איז געווען גאָר אַנדערש ווי ער איז געווען אין זיין תּנכישער צייט. דער אונטערשייד — ווי פון דודן אין תּנך, ביז דודן אין תּלמוד, ביז דודן אין קידוש־לבנה; ווי פון אברהם אין חומש און אברהמען אין מאַנגערס חומש־לידער; ווי פון יעקבן אין חומש, ביז יעקב וואָס שיקט אָנזאָגן עשׂון אַז „עם לבן גרתּי ותריג מצוות שמרתּי״, ביז ר׳ יענקל

דעם שטאָט־באַלעבאָס אין שטעטל. דאָס שטעטל האָט מער ניט געהאַט דעם אָריגינעלן תּנך מיט זיינע אָריגינעלע העלדן, נאָר ווי זיי האָבן זיך אַנטפּלעקט און אָפּגעשפּיגלט אין שטעטל. אַזוי דער תּנך און אַזוי אויך דער תּלמוד. כ׳דערמאָן זיך תּמיד יענעם בחורל אין קלויז וואָס לויפט אַרום נערוועז און דיסקוטירט מיט רבי עקיבא און זאָגט אים אַריין: „אוי, רבי עקיבא! דו פּלוידערסט דאָך ווי אַ שיכּורער פּויער״...

און צעוואַקסן האָבן זיך די שטעטלשע, די תּלמודישע העלדן אין שטעטל איבער אַלע מאָסן פון זייער אָריגינעלער צייט. זיי פּלעגן קומען צו די שטעטלשע יידן ווי די „אושפּיזין קדישין״ (הייליקע געסט) ניט נאָר אין סוכּה אַריין, נאָר געוויינטלעך יעדן שבת. משה דער שניידער זאָגט אַלע שבת־צונאַכטס, אין דער טונקלקייט פון בית־מדרש, די „ליקוטי מזמורים״ (פון תּהילים) מיט אַן עולם און ער שרייט אויס דעם „תּנחם סלה״ (תּהילים סז׳). טענהט ער מיט מיר: דו מסתּמא ווייסט דעם טייטש פון תּנחם. איך אָבער ווייס ניט און איך לעב מיט דעם תּנחם אַ גאַנצע וואָך פון שבת ביז שבת... אָדער מיין פעטער יאַנקל, וואָס איז מיר מכבד, ווען איך קום צו אים אַ שבת אין דער פרי, מיט טעלעכע זאַכן: מיט רעטעך מיט שמאַלץ, מיט אַ שטיקל שבתדיקן רעטשישניק און מיט אַזאַ „ברעקעלע אבן־עזרא״, און ער גיט צו: „זאָלן די גויִים אַזאַ הנאה האָבן פון בראָנפן, ווי איר, אַלע געבאָלבעטע (געבילדעטע), קענט האָבן הנאה פון אַזאַ ברעקעלע אבן־עזרא״... איז אָבער אויפגעקומען גאָר אַ ניי שטעטל. דער אורבאַניזם האָט זיך אַריינגעריסן אין שטעטל אַריין. אַ נייער סאָרט עם־הארצים איז אויפגעקומען. עס איז ניט פּרצעס יוחנן וואַסער־טרעגער, עס זיינען ניט שלום־עליכמס אַלע טיפּן. עס קומען די לייט פון „אונטער דער בימה״ שוין ניט דאַווענען, נאָר אָפּלאַכן פון יודל דעם קרעמער וואָס באַמיט זיך אָפּצוהיטן דעם „ש״ מיט דעם „ס״, וואָס ווילנע איז ניט גורס קיין אונטערשייד. אָדער גאָר קומען זיי אין בית־מדרש ניט דאַווענען, נאָר גאָר וואַרפן אַ „פּעקל״ (אַ צונויפגערוילטן האַנטעך) עמעצן אין באָרד אַריין.

אויסערן בית־מדרש זיינען אויפגעקומען נייע זאַמלפּונקטן אין שטעטל, מען קומט זיך צונויף טאַנצן. עס העלפט ניט די מוסר פון רב, מען קומט הערן אַ רעדנער, אַן „אַגיטאַטאָר״ אַפילו. עס קומען צו פאָרן לעקטאָרן, שרייבערס צו האַלטן אַ לעקציע... אַלץ נייע עלעמענטן אין שטעטל. און די האָבן אויך אַ קולטור. זי קען זיך ניט פאַרגלייכן מיט דער קולטור פון דורות. די לידלעך וואָס מען זינגט קאָנען זיך ניט גלייכן צו די שבתדיקע זמירות, להבדיל. ווידער איז די שפּראַך פון אָט דער פּראָסטער קולטור גאָר אַן אַנדערע, עס איז נישט לשון־קודש, נאָר פּראָסט־פּשוט יידיש. אַ מאָל, פאַר צייטן, איז עס געווען אַראַמיש — די שפּראַך פון פּשוטן פאָלק. היינט איז עס יידיש, „זשאַרגאָן״, ווי עס הייסט ביי

די הײנטיקע „צדוקים״. פאַראַן אין גמרא שפורן פון אַמאָליקן קאַמף קעגן יענער פאָלקשפראַך. געווען זיינען זיכער אַ סך מער. הײנטיקע צדוקים זיינען אַ סך מער און אַ סך שטאַרקער. די צדוקים זיינען דאָך אין צאָל און אין כוח פראָפאָרציאָנעל צו דעם פאַרקער צווישן יידן און ניט־יידן: וואָס מער עס האָבן יידן צו טאָן מיט ניט־יידן, אַלץ שטאַרקער איז די השפעה פון די צדוקים. זייער לאָזונג: „אַ ייד אין דער היים און אין גאַס — אַ מענטש״, לאָזט זיך אַלץ שטאַרקער הערן. און איצט לעבן מיר אין נאָענטער שכנות מיט די הויפטפעלקער פון די לענדער, ניט ווי עס איז געווען פאַר צייטן, אויך ניט ווי עס איז געווען אין די צייטן פון תחום אין צאַרישן רוסלאַנד. יידן האָבן געלעבט אין תחום און דאָרט זיינען קיין רוסן ניט געווען, ניט געווען מיט וועמען זיך צו אַסימילירן. ניט געווען קיין רוסן אין יידישע שטעטלעך. פונקט דאָס פאַרקערטע איז עס הײנט אין יידישן לעבן. איז די אַסימילאַציע גרעסער, זיינען די צדוקים מערער און שטאַרקער.

פאַרקערט, זיינען הײנטיקע פרושים, די „פאַרזיכיסטן״, וויניקער און שוואַכער. ווילן יונגע יידן קריגן אַרבעט פון דער רעגירונג, — דאַרפן זיי זיין אַסימילירטע; גרויסע אונטערנעמונגען זיינען ווידער פאַרבונדן מיט דער מלוכה־שפראַך און מיט דער הערשנדיקער קולטור פון לאַנד. סאָציאַל זיינען דאָך די יידן ניט אָפגעטיילט פון די ניט־יידן. די בילדונג איז איינע פאַר אַלע קינדער אין לאַנד. אַלץ איז אין גייסט פון צדוקים.

זיינען די הײנטיקע פרושים אַ סך שוואַכער און קנאַפער. און דער עיקר — פאַרלאָרענער, ביי זיך אַליין ניט גענוג פעסט, ניט זיכער. שווער גייסטיק און מאָראַליש צו שטעלן זיך באַזונדער. אין שטעטל האָט די אַסימילאַציע געדאַרפט פאַרמאָגן איניציאַטיוו, אַנשטרענגונג פון ווילן, עקשנות. אין שטאָט, אין אורבאַניזם איז עס, פאַרקערט, אויסגעהאַלטענע יידישקייט וואָס פאַרלאַנגט עקשנות, אָנשטרענג פון ווילן און אַקטיוו זיך אָפזונדערן; לעבן צוזאַמען מיט ניט־יידן און דאָך זיך אויסלעבן פאַר זיך, באַזונדער. אָט די אָפגעזונדערטקייט פון אויסלעבן זיך פאַרלאַנגט אַ מין פאַרליבטקייט אין יידישקייט, אין שטייגער, אין וואָכעדיקן גאַנג פון לעבן. יידיש לשון, ווייל איך וויל אַזוי, ווייל עס איז מיר ליבער אַזוי, ווייל איך וועל זיך אָנשטרענגען און דווקא נוצן אָט דעם לשון, ווייל עס איז מיינס, פון מיינע דורות. יידישע עסנס — ווידער דאָס זעלביקע — ווי מיין מאַמע, מיין באָבע פלעגט עס מאַכן! און אַזוי כסדר אויף אַלע געביטן פון לעבן, פון טאָג־טעגלעכן שטייגער.

דאָס אַלץ מיינט אַז די פשוטע יידישקייט זאָל ווערן ווי אַ „מוז״. דער עצם טאָג־טעגלעכער שטייגער דאַרף זיין ווי אַ „מיצווה״, אַזוי הייסט מיר זיך פירן מיין גלייבן אין יידישקייט, עס דאַרף זיין אַ מין רעליגיע. די פשוטע וועלטלעכע יידישקייט וואָס איז אין שטעטל געווען אַזוי נאַטירלעך, וואָכעדיק, דער פשוטער

גאַנג פון לעבן, ווערט אין אורגאַניזם אַ זאַך פון אָנשטרענג, פון ווילן. און דאָס איז דאָך רעליגיע: איך טו עס ווייל אַזוי הייסט מיר מיין גלויבן. גאָר פשוט — די שטעטלשע יידישקייט דאַרף ווערן דער גלויבן פון יידן אין אורגאַניזם. דאָס איז געווען דער אויפטו פון די פרושים פאַרצייטן, זיי האָבן זייער וועלטלעכן שטייגער פאַרוואַנדלט אין תרי״ג מיצוות, אין דער רעליגיע. אַ גאַנצער אָנבוי, אַ גאַנצע סיסטעם פון שׂכר־ועונש אויף יענער וועלט, מיט תּחית־המתים. וואָלטן דאָס געדאַרפט אויך היינטיקע פרושים אַזוי אויפטאָן, פאַרוואַנדלען די פּשוטע, וואָכעדיקע וועלטלעכע יידישקייט אין אַ נייער רעליגיע. אַ רעליגיע פאָדערט אמונה, מען דאַרף גלייבן אין דעם. האָבן די פאַרצייטיקע פרושים און די חז״ל געקאָנט פאַרבינדן זייער יידישקייט מיט עולם־הבא, און דווקא מיט פּריוואַטער עולם־הבא, איטלעכער ייד וועט אם־ירצה־השם קריגן פאַר זיין אויסגעהאַלטענער יידישקייט זיין חלק עולם־הבא מיט גאַנץ פּרימיטיווע פאָרשטעלונגען וועגן שור־הבר און ליוויתן. איטלעכער האָט דעם עולם־הבא געקאָנט אויפנעמען לויט זיין השׂגה. גאָר אַנדערש איז עס פאַר די היינטיקע פרושים. אונדזער עולם־הבא איז ניט קיין פּריוואַטער, פאַר איטלעכן יידן באַזונדער, ער איז פאַרן פאָלק בכלל, און ווידער איז דער עולם־הבא ניט באַלד נאָכן טויט, נאָר אין דער גאַנץ ווייטער צוקונפט. עס רעדט זיך דאָך וועגן קיום פון פאָלק ווי אַזאַ. וועלטלעכקייט איז ניט קיין אַנולירונג פון רעליגיע, וועלטלעכקייט איז אַן איבערפאָרעמונג פון רעליגיע.

די לאָגיק גייט אַזוי: די יידישע רעליגיע איז דאָך ניט קיין גאָט־רעליגיע, נייערט זי איז אַ פאָלק־רעליגיע, געצילט צו דערהאַלטן דעם קיום פון פאָלק. מיצוות — אַלץ וואָס העלפט דעם קיום, און פאַרקערט — אַלץ וואָס שטערט דעם קיום פון פאָלק — זיינען עבירות. דערצו זיינען די היינטיקע פרושים, די פאָלקיסטן, ניט דערגאַנגען. און אַ שאָד!

די נבואה די יידישע — דאָס איז די שענסטע ליטעראַטור וואָס די וועלט האָט געשאַפן. איך ווייס ניט, קען זיין, ניט אומזיסט האָט עס אַ וועלט מיט קולטור־פעלקער אָנגענומען. אָבער ניט די נבואה האָט געפאָרעמט דאָס יידישע פאָלק פאַר דער אייביקייט. דאָס יידישע פאָלק פון היינט, פון דער גאַנצער וועלט איז ניט אויפגעקומען פון די נביאים. מיר לערנען די נביאים, מען לייענט די רייד פון די נביאים און דאָס איז אַלץ, מיט דעם איז מען יוצא. מיט דעם קען דאָס יידישע פאָלק זיך ניט האַלטן, ניט לעבן. געפאָרעמט יידישקייט האָבן חז״ל, ניט די נביאים. ניטאָ ביי די חז״ל קיין שיינע רייד, קיין פּראַקטיקע רעדעס, קיין בליציקע געדאַנקען, קיין פּאָעזיע. עס איז אין גאַנצן גאָר וואָכעדיק. און דווקא אָט די וואָכעדיקייט — זי האָט אויסגעפאָרעמט און פעסטגעשטעלט דאָס יידישע פאָלק אויף דורות און דורות, אויף יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער.

די נביאים האָבן קריטיקירט: זיי האָבן געהאַט זייער אידעאַל ווי אַ פאָלק דאַרף זיין, ווי מען דאַרף לעבן. זיי האָבן ריכטיק געגלייבט, אַז זיי זיינען געשיקט פון גאָט צו מוסרן דאָס פאָלק. זיי האָבן געטאָן זייער שליחות מיטן גאַנצן האַרצן, מיט מסירת־נפש פון טיפן גלויבן. אָבער קריטיק פורעמט ניט קיין לעבן. קריטיק קען ווירקן, קען אַרויסרופן איבערלעבונגען אָן אַ סוף. אָבער קריטיק קען ניט פשוט נעמען דאָס קינד פאַר אַ האַנט און פירן. „גיי ניט! טו ניט! רייד ניט!" — בלייב איך שטיין און דאָס איז אַלץ. האָבן חז"ל געטאָן פאַרקערט: טו יאָ, גיי יאָ, און לעבט יאָ. ווי אַזוי? — דאָס האָבן זיי געוויזן.

פון וועמען האָבן זיי גענומען? ווו האָבן זיי געזוכט די ריכטיקע וועגן? — די חז"ל האָבן געלערנט פון פאָלק. די ריכטיקע יידישקייט איז אין פאָלקס שטייגער, אויף וויפל ער איז ניט נאָכגעמאַכט, אויף וויפל ער איז אָריגינעל יידיש און איז ניט קיין פרעמדער, קאָפּירטער. חז"ל רעדן ניט אין נאָמען פון גאָט „אַזוי האָט גאָט געזאָגט, אַזוי וויל ער און דאָס וויל ער ניט". חז"ל זאָגן אָפט פאַרקערט: אַזוי דאַרף מען זיך פירן און גאָט דאַרף אויך פאָלגן! ניט גאָט הייסט! און מען מוז פאָלגן ווי ער הייסט, נייערט — אַזוי איז די הלכה, דער גאַנג פון יידישקייט, און אָט דער יידישער גאַנג איז מחייב אויך דעם יידישן גאָט! דער גאַנג פון יידישקייט, — דאָס איז די תּורה, די תּורה איז ניט אין הימל, ניט ביים רבונו־של־עולם. די תּורה איז ביי יידן. פאַרן יידישן פאָלק און פאַרן יידישן גאָט גלייך!

די נביאים האָבן זייער אידעאַל געשעפּט פון זייער גייסט, פון גאָטס גייסט, וואָס האָט געברענט ביי זיי אין האַרצן. די חז"ל האָבן דעם אידעאַל געזוכט אין דעם שטייגער פון פאָלק, אָט דער שטייגער איז געטלעך. דאָס איז דער ריכטיקער וועג צו גיין. וואָס אָבער פון דעם יידישן שטייגער איז אָרגאַניש יידיש און וואָס איז פרעמדס? דאָס איז געווען די גאַנצע אַרבעט פון די חז"ל. צוויי פּרינציפּן האָבן זיי געהאַט: המשך און הבדלה. יידיש איז דאָס וואָס עס איז דורותדיק, וואָס עס שטאַמט פון פריערדיקע תּקופות. די פריערדיקע תּקופות זיינען סומירט אין דער תּורה. אויב עס איז יאָ פון דורות, איז עס געוויס פאַרשריבן אין דער תּורה־שבכתב. האָבן חז"ל תּמיד געזוכט „מן התורה מנין?"

דער צווייטער פּרינציפּ איז געווען הבדלה, אָפּגעזונדערט, אַנדערש ווי עס פירן זיך פעלקער. אָט די צוויי פּרינציפּן — המשך און הבדלה — זיי האָבן געהיט די חז"ל און מיט דעם האָבן חז"ל אויסגעפורעמט דאָס יידישע פאָלק לדורות. די נביאים האָבן געוואָרנט מען זאָל זיך היטן פון אלוהים אחרים — פון פרעמדע געטער. די חז"ל האָבן געזוכט צו פאַרהיטן יידן פון „עבודה־זרה" בכלל, פון פרעמדע שטייגערס.

שווער צו זוכן ביי די נביאים ליבע צום יידישן פאָלק, ווי עס איז. דאָס לעבעדיקע יידישע פאָלק איז גאָר ווייט פון דעם געגאַרטן אידעאַל. גאָט (און די נביאים אויך) זיינען אין כּעס אויף דעם פאָלק. די חז״ל זיינען ווי פאַרליבט אין פאָלק און אין זיין שטייגער.

דאָס איז געווען די באַציִונג פון די חכמים צום פאָלק. און ווי איז געווען די באַציִונג פון פאָלק צו די חכמים?

פאַראַן דער אויסדרוק חז״ל — חכמינו זכרונם לברכה. עס איז אָבער ניטאָ קיין אויסדרוק נביאינו זכרונם לברכה. אין שטייגער פאַררופט מען זיך כּסדר אויף די חז״ל. קיין מאָל ניט אָבער אויף די נביאים. איין המנס גזירה האָט אויפגעטאָן מער ווי אַלע נביאים און נביאות. פאַראַן פּסקי־הלכה, אָבער ניט פּסקי־נבואה. פאַראַן אין תּלמוד אַן אויסדרוק „סתם דברי נבואה״. פאַרן לערנען גמרא וועט גאָט באַצאָלן, אָבער ניט פאַרן לערנען די ספרי נבואה. אין דער ישיבה־של־מעלה לערנט אויך דער רבונו־של־עולם הלכות, אָבער ניט נבואה.

חכמינו זכרונם לברכה — כּסדר. אָבער נביאינו זכרונם לברכה — קיין מאָל ניט. בכלל קען אפשר אויסזען מאָדנע אַזאַ מאמר אין גמרא: לעולם וואָלט בעסער געווען צו לערנען די משנה, אָבער זינט די משנה איז שוין פאַרשריבן, איז בעסער צו „יאָגן זיך״ נאָך דער גמרא, וואָס איז נאָך ניט פאַרשריבן. קען זיך פרעגן: אויב ניט פאַרשריבן, איז דאָך ניטאָ וואָס צו לערנען? אָבער מיר לערנען טאַקע נאָר שריפטן, אָבער זיי האָבן געלערנט ניט קיין שריפטן נאָר דירעקט דאָס לעבן גופא.

איז נבואה — די שענסטע ליטעראַטור אין דער וועלט. די הייליקסטע, אַלע פעלקער אין דער וועלט, אַלע רעליגיעס האָבן זי אָנגענומען. אָבער פאַר יידן איז עס געווען ניט גענוג. אַלע פעלקער קענען לעבן מיט ליטעראַטורן, יידן מוזן אָבער האָבן ניט קיין ליטעראַטור נאָר אַ תּורה. אַלע פעלקער לעבן מיט מדינות, איז דער תּנך זייער הייליקע צירונג. יידן מוזן אָבער האָבן אַ „תּורת־חיים״ — אָנ־ווייזונגען ווי צו לעבן. דערפאַר האָבן חז״ל אָפּגעהאַקט די תּנך־שאַפונג. זיי האָבן עס געטאָן באַוווסטזיניק. פאַראַן אין תּלמוד און אויך אין מדרשים: דעם תּנך קענען אַלע איבערזעצן און זאָגן אַז זיי זיינען די אמתע יידן. ער טיילט ניט אויס די יידן באַזונדער פון צווישן אַלע אַנדערע פעלקער. דאָס קען ניט טאָן קיין ליטעראַטור, אַפילו די נביאישע. דאָס איז נאָר די „דברים שבבעל־פה״ — נאָר דער שטייגער, נאָר די „מיסטורין״ — דאָס מיסטעריעזע אין יידישקייט. דאָס וואָס איז אין פּראַקטישער יידישקייט פון לעבן, פון שטייגער.

א. גאָלאָמב

תנך — ליטעראַטור; תלמוד — שטייגער, בעל-פה.

וואָס לערנען מיר פון דעם פאַר אונדזער היינט? ניטאָ פאַר אונדז איצט קיין סתם שריפטן צו פאַרווײַלן זיך מיט זיי. אַלץ מוז אונדז לערנען, אָנווייזן ווי צו לעבן. תורה איז דער טייטש — אָנווייזונג, און אַזוי איז טאַקע געגאַנגען די אַנט־וויקלונג פון וואָרט. פון אָנווייזונגען אין פּרטים — די תורה פון חטאת, די תורה פון עולה ביז די אַלגעמיינסטע אָנווייזונגען בכלל, ביז „ספר־התורה". איז ווי איז היינט? צי איז דער תנכיזם „גוט פאַר ייִדישקייט היינט?" — ניין, קאַטעגאָריש ניט! ווי איז אויפגעקומען היינט דער תנכיזם? צוויי מאָטיוון זיינען געווען דערצו:

דער תנך איז חשוב אין דער וועלט, ביי אַלע פעלקער. עס איז אונדזער גדולה, דאַרפן מיר זיך מיט אים איבערנעמען. מיט געזאַנגען פון הייליקן תנך האָבן גויִים געברענט לעבעדיקע ייִדן; אָבער דער תלמוד — דעם ספר פון שטייגער האָבן זיי געברענט גלייך מיט ייִדן. ווידער איז דער תנכיזם אויפגעקומען איצט ווי פּראָטעסט קעגן דעם ייִדישן תלמודי״ש־שטעטלשן שטייגער, ווי אַן אַנטרינונג: פון דעם אומגעאַרטן גייען מיר אַוועק צו אַ שענערער, בעסערער ייִדישקייט, צום תנך. ביידע מאָטיוון זיינען פאַלשע.

אָבער צי איז דער תלמוד, ווי ער איז איצט פאַר אונדז בכתב, פאַרשריבן און פיקסירט, צי איז דער תלמוד, די גאַנצע תלמודישע ייִדישקייט דער וועג פון לעבן? — יאָ און ניט. יאָ — ווי אַזוי?

אַז אַ מענטש לעבט מיט דער הייליקייט פון תנך איז עס ניט קיין סימן אַז ער איז אַ ייִד. אָבער אַז אַ מענטש לעבט לויט דעם תלמוד איז עס אַ גענוגנדיקער סימן פאַר זיין ייִדישקייט, דער דאַרף ניט קיין „גיור כהלכה".

און ניט — פאַר וואָס? ווייל די הלכה, ווי זי איז פיקסירט, טאָר ניט הערשן איבער דער לעבעדיקער ייִדישקייט. הלכה איז ניט קיין מיצווה. מיצווה איז אייביק, הלכה — איז שטייגער, און שטייגער מוז זיין אַנדערש אין יעדער תקופה. דער מקור פון היינטיקער הלכה מוז זיין דאָס היינטיקע לעבן. חז״ל האָבן דאָס געוווּסט. פאַראַן אין גמרא: אויב אליהו וועט קומען (מיט מש׳חן) און זאָגן אַז חליצה דאַרף זיין לויט איין שטייגער, דאַרף מען אים ניט פאָלגן. ווייל „שכבר נהגו העם אחרת" (יבמות ק״ב, א׳).

— דאָס פאָלק פירט זיך שוין אַנדערש. דאַרף מען אָננעמען די פירונג פון פאָלק היינט און ניט די אָנווייזונג פון אליהו, פון הימל דאָך. די סכנה פאַרן קיום האומה היינט איז אין דעם טאַקע וואָס עס ווערט ניט געלערנט די היינטיקע ייִדישקייט פון היינטיקער צייט, דער „תלמוד השטעטל" פון היינט.

די תנך־תקופה האָט אונדז געלאָזן אַ פּראַקטיקע ליטעראַרישע ירושה — דעם תנך. אַ וועלט מיט פעלקער פאַרהייליקן דעם תנך. איבערגעזעצט אויף הונדערטער שפּראַכן; פעלקער דינען צו גאָט מיט דעם הייליק האַלטן אונדזער תנך, מיט דעם לייגן אין יעדער האָטעל־צימער אַ תנך, מיט דעם לייענען פאַרן עסן אַ קאַפּיטל תנך. מען הייליקט זיך מיט דער הייליקייט פון תנך.

די תלמודישע תקופה האָט אונדז געלאָזן גאָר אַן אַנדער ירושה — ניט קיין ליטעראַטור, נייערט דאָס עצם פאָלק, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון היינט איז אונדזער ירושה פון תלמוד. די נביאים האָבן מוטיק און העלדיש געקעמפט פאַר ריינער יידישקייט. די חז״ל האָבן פון יידיש־שטייגער אויסגעבויט אַ פעסטונג פאַר יידישקייט לדורות. די פעסטונג האָט קיין שונא ניט געקענט צעשטערן... ביז היינט. וואָס ווייטער? גאָט ווייס!.. די היטער פון תלמוד היטן אָבער די ווערטער פון תלמוד, ניט זיין גייסט.

3

רעליגיע און וויסנשאַפט

(די אַנדערשקייט פון יידישער רעליגיע)

„רעליגיע הייבט זיך אָן דאָרטן ווו וויסנשאַפט ענדיקט זיך" — אַזוי איז עס אָנגענומען, ביידע צוזאַמען — וויסנשאַפט מיט רעליגיע — הויזן ניט. ניט איין וויסנשאַפטלער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן, ווייל ער האָט „צעטרייסלט די זיילן פון רעליגיע". פון דער צווייטער זייט, קען מען הערן, „דאַכט זיך — אַ געבילדעטער מענטש, און ער גלייבט אין די נאַרישקייטן"... האָט אַ יידישער דיכטער געזונגען, אַז „מען דאַרף ניט מער קיין היטלמאַן, קיין טיטלמאַן ניט מער". מען האָט געגלייבט, אַז עס איז אַ גרויסער פּראָגרעס צו „באַפרייען די מענטשהייט פון די קייטן פון דער רעליגיע", „רעליגיע איז ווי אָפּיום, וואָס פאַרסמט די מענטשן". גייט עס אָן אַלטער קאַמף צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע. דערפאַר איז עס נייטיק צו באַהאַנדלען די באַציִונגען צווישן די צוויי געביטן פון מענטשלעכער קולטור.

ווען מען רעדט וועגן רעליגיע דאַרף מען אונטערשיידן צוויי באַזונדערע באַגריפן. מען קען רעדן וועגן דער רעליגיעזער איבערלעבונג אין מענטשן גופא און מען קען גאָר האָבן אין זינען רעליגיע ווי אַ סכום אָנגענומענע גלויבונגען און פירונגען, האַנדלונגען וואָס זיינען אָבליגאַטאָריש אָנגענומען און זיי פאַרפליכטן אַלע אָנגעהעריקע צו דער געגעבענער רעליגיע. זיינען דאָס צוויי באַזונדערע געביטן — רעליגיע, ווי אַן אינעווייניקסטע איבערלעבונג אין דעם מענטשן גופא, אַ געפיל; רעליגיע ווי פעסטגעשטעלטער שטייגער פון פירונגען און האַנדלונגען אין לעבן, אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע.

געפילן קענען זיין העכערע און נידעריקע. נידעריקע זיינען די וואָס באַזירן זיך אויף ריין פיזיאָלאָגישע באַזיסן. אין די העכערע געפילן זיינען די פיזיאָלאָגישע באַזיסן ניט קענטיק, ווי ניטאָ לגמרי. די קולטור דערהייבט און פאַרקאָמפּליצירט די עמאָציעס ביז עס איז לגמרי ניט קענטיק זייער פיזיאָלאָגישער מקור. די גאַנצע ציוויליזאַציע פון דער מענטשהייט איז באַזירט איבערהויפּט אויף דעם געפיל פון הונגער; ליבע איז באַזירט אויף פיזיאָלאָגיע, אָבער זי איז אָפט דערהויבן ביז עס איז שוין לגמרי ניט קענטיק דער פיזיאָלאָגישער באַזיס. וואָס מער עס איז קענטיק דער פיזיאָלאָגישער באַזיס, אַלץ חיהשער, אַלץ פּרימיטיווער איז דאָס געפיל. און פאַרקערט, וואָס העכער, וואָס ווייניקער עס איז קענטיק דער פיזיאָלאָגישער מקור, אַלץ העכער, אַלץ מענטשלעכער, און אַלץ „געטלעכער" איז דאָס געפיל. עס זאָגט אַ גמרא: „פאַרשאָלטן זאָל דער זיין, ווער עס גיט זיין טאָכטער פאַר אַן עם־האָרץ, עס איז ווי ער וואָלט זי געוואָרפן פאַר אַ לייב. אַ לייב פליקט און פרעסט, אַזוי אויך דער עם־האָרץ. דאָס איז די מדרגה פון אַ חיה. וואָס איידעלער עס איז דער מענטש, אַלץ איידעלער זיינען די געפילן זיינע.

אַזוי איז אויך דאָס רעליגיעזע געפיל. שוין אויף דער פּרימיטיווער מדרגה דערפילט זיך דער מענטש קליין און שוואַך קעגן דער נאַטור. די גרויסע וועלט האָט איר הערשער, און ער איז שטרענג, מען דאַרף אים איבערבעטן, געפעלן דאַרף מען אים, ער זאָל גוט זיין צו אונדז. דאָס איז גאָט דער בייזער, שטרענגער הערשער איבער אַלץ און איבער אַלעמען, דאַרף איך טאָן אַלץ אים צו געפעלן, ברענגען אים מתנות, ווי צו דעם מעכטיקסטן פּריץ, קרבנות. וואָס קען נאָך זיין מער קרבן ווי קליינע קינדער, גאָט איז מסתמא אַזוי ווי אַ מענטש, וואָס קען זיין בעסער פאַר אָט דעם שטרענגן גאָט, ווי דאָס האַרץ פון יונגע שיינע מיידלעך (אין פאַרצייטיקן מעקסיקע)? און ווי ווייט איז פון יענע פּרימיטיוון ביז צו די איצטיקע יונגע פרויען, וואָס האָבן ניט חתונה, נאָר זיי גיבן אָפּ זייער יוגנט אין דינען צו גאָט, און זיי רעכענען זיך פאַר גאָטס כּלות? פון דאַנען ביז די גאָר הויכע רעליגיעזע איבערלעבונגען איז גאָר אַ ווייטער מהלך, אָבער דער שטאָם איז דער זעלביקער... שרייבט איינשטיין, אַז אַ מענטש וואָס זעט די זון גייט אויף, די זון פאַרגייט, און ער האָט ניט דערביי קיין רעליגיעזע איבערלעבונג, איז ווי אַ טויטער מענטש. איינשטיין האָט זיכער ניט געוווסט אַז דעם זעלביקן געדאַנק, כּמעט מיט די זעלביקע ווערטער, האָט אַ מאָל געשריבן אַן אַלטער מדרש תּנחומא (סוף זאת הברכה). קאַנט שרייבט ערגעץ, אַז צוויי זאַכן פילן אים אָן מיט דער־הויבונג און מיט רעליגיעזער עמאָציע: דער געשטערנטער הימל איבער אים און דאָס עטישע געזעץ אין אים. די צוויי געביטן גייען על־פּי רוב צוזאַמען — די באַוווּנדערונג פון דער האַרמאָניע אין דער נאַטור און דאָס געפיל פון קאַטעגאָרישער עטישקייט אין מענטשן גופא.

איז אין פרימיטיוו — אַ שטרענגער, בייזער גאָט מיט טויזנטער אויגן, זיך ניט אויסצובאַהאַלטן פון אים, און איך מוז אים כּסדר איבערבעטן, און איינבעטן, ער זאָל זיך באַציִען גוט צו מיר, מוז איך אים תּמיד נאָכגעבן זיינע פאַרלאַנגען, אים כּסדר איבערבעטן און איינבעטן מיט מתּנות, מיט קרבּנות, מיט חניפה און מיט לויבגעזאַנגען. די גאַנצע מענטשהייט איז איינגעטיילט אין צוויי מינים: די וואָס גייען אין די ריכטיקע גאָטס וועגן, ווי ער האָט ליב און ווי עס געפעלט אים, און פון דער אַנדער זייט זיינען די אַלע וואָס ווייסן ניט, וואָס ווילן ניט וויסן גאָטס וועגן. און אַזוי ווי איך וויל געפעלן ווערן גאָט, וועל איך קעמפן זיינע קאַמפן, וועל איך אויסראָטן די וואָס גייען ניט אין גאָטס וועגן.

דאָ פאַרבינדן זיך דער רציחה־דראַנג פון מענטשן מיט די פאָרשטעלונגען וועגן דעם שטרענגן גאָט. איך קעמף ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר „גאָט"; איך טו גאָר אַ גרויסע מיצווה — איך ראָט אויס די שׂונאים פון גאָט... איז אַ טאָפּעלע גרויסקייט: אי מען טוט גאָטס אַרבעט, אי מען באַפרידיקט דעם אייגענעם רציחה־דראַנג. דאָס איז פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, דאָס געפיל פון דער גאַנצער האַרמאָניע אין גאָטס וועלט, די געזעצמעסיקייט פון דעם שטראָמען פון טייכן, פון וואַקסן פון אַ גרעזל און פון גיגאַנטישעביימער, דאָס שווימען פון די וואָלקנס אין הימל, ביז דעם „השמים מספּרים כּבוד אל", ביז דעם טיפן אויס־געשריי „מה רבּו מעשׂיך ה'"! דאָס איז טאַקע דער הויכער לייטער וואָס אונדזער עלטער־זיידע יעקב האָט געזען ווי ער שטייט אויף דער ערד און דער שפּיץ זיינער גרייכט ביזן הימל. מער ניט וואָס ניט מלאָכים גייען אויף דעם לייטער, נאָר מענטשן הייבן זיך פון גאָר אונטן ביז די העכסטע הייכן. פון איין זייט, פון אונטן — מען דאַרף ברענען דעם גוף פון די זינדיקע כּדי צו ראַטעווען זייער נשמה. אי אָנגעזעטיקט דעם אייגענעם מאָרדדראַנג און נאָך געטאָן אַ מיצווה צו גאָט. און פון דער צווייטער זייט, פון אויבן: „זאָלן די באַדערפעניש פון דעם צווייטנס גוף זיין די באַדערפעניש פון דיין נשמה" (ר' ישׂראל סאַלאַנטער). פון איין זייט — אַ וועלט מיט ניט־גוטע, מיט שדים און רוחות, וואָלקולאַקעס, בלאָנדזשנדיקע פאַרוואָגלטע נשמות, מלאכי־חבלה אונטער דער ערד, אין די שרעקלעכע מדורים פון גיהנום, פּעך און ברענענדיקע סמאָלע — אַלץ פאַר די זינדיקע, וואָס פאָלגן ניט די פאַרלאַנגען פון גאָט, און פון דער צווייטער זייט — מלאכי־השרת אויפן הימל, מיט צדיקים וואָס זיצן מיט קרוינען אויף די קעפּ און מען לערנט די יידישע תּורה...

רייך איז די פאַנטאַזיע פון מענטשן. דאָס איז געוואָרן פון די רעליגיעס. און די וויסנשאַפטן — אַ וועלט אָן אָן־סוף פון רוימען, אָן אָן־סוף אין צייט, און אומעטום און אַלע מאָל הערשן געזעצן, צי מענטשן ווייסן זיי יאָ אָדער די וויסנשאַפטן האָבן זיי נאָך ניט אַנטדעקט — אַלץ איינס — די געזעצן הערשן,

ווי אין דער וועלט פון די קלענסטע אַטאָמען, אַזוי אויך אין די אומענדלעך גרויסע גאַלאַקסן. און אַלע געזעצן פירן, ציִען זיך צו איין אַלגעמיינעם געזעץ, צי עס איז פאָרמולירט אָדער נאָך ניט פאָרמולירט, דאָך אָבער ווערט עס גע־פירט, ווי אַלע געזעצן פירן צו איין געזעץ איבער אַלע געזעצן...

אַ וועלט פון אַטאָמען און יעדער אַטאָם איז אַ וועלט, און אַ מיליאָנטל פון אַ מילימעטער איז אַ מאָס, און אַ טייל פון אַ סעקונדע איז אַ צייטמאָס און אַ וועלט פון גאַלאַקסן, מיליאָנען ליכטיאָרן איז די מאָס פון מרחקים... „איז וואָס איז דער מענטש, דו זאָלסט אים געדענקען? און דער מענטשנקינד, דו זאָלסט אים דער־מאָנען?" ווי עס פרעגט ביי גאָט איינער פון די תּהילים־זינגערס (קאַפּ' ח'). פון איין זייט — גאָט האָט זיך אָנגעברוגזט אויף זיין פאָלק און האָט אויף אים אָנגעשיקט שונאים־אשור — די רוט פון זיין כּעס, אַ המן, אַ כמעלניצקי, אַ היטלער! פון איין זייט — „אָבינו מלכּנו, חטאנו לפניך", און פון דער צווייטער זייט — זאָגט עס אַ גמרא — אַז גאָטס וועגן זיינען ניט רחמים, נאָר סאַמע געזעצן (גזירות). גאָט אַליין באַדויערט און באַוויינט די צרות פון זיין פאָלק, אָבער ער קען ניט ענדערן די געזעצן — „גזירה היא מלפני!"... איז דאָ ווידער יעקבס לייטער — פון די נידעריקסטע, נאַרישסטע פאָרשטעלונגען און באַגריפן ביז די העכסטע הייכן פון מענטשלעכן גייסט און געדאַנק...

די ריינע רעליגיעזע איבערלעבונג, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דעם אייביקן שפּאַציר פון דער זון איבערן הימל, פון דעם אייביקן שטראָמען פון אַ טייך, פון דעם בריל פון אַ לייב און פון דעם שמייכל פון אַ קינד; — אָט די רעליגיעזע איבערלעבונג שטאַרקט זיך מיט יעדער פּראָגרעס פון דער וויסנשאַפט. וואָס מער אַנטפּלעקטע סודות, אַלץ מער באַוווּנדערונג, אַלץ מער דערהויבונג, אַלץ מער רעליגיעזע עמאָציע. איז וויסנשאַפט לגמרי ניט קיין קעגנערין פון רעליגיע. רעליגיעזע אויטאָריטעטן האָבן אַ מאָל, פאַרצייטן, געלערנט זייערע פאַר־צייטיקע פאָרשטעלונגען וועגן וועלט און וועלטן. די היינטיקע וויסנשאַפט לערנט גאָר אַנדערש. קיינער איז ניט מחויב אָנצונעמען די פאַרצייטיקע באַגריפן און וועלטבאַנעמען. דערמיט וואָס איך פאַרשטיי איצט אַנדערש דעם רעגן־בויגן אין הימל, דעם דונער און בליץ, דערמיט ווערט מיין רעליגיעזע עמאָציאָנעלע איבער־לעבונג לגמרי ניט קלענער, נאָר גרעסער, טיפער. רעליגיע פּרעטענדירט ניט פאָרויסצוזאָגן אַלע וויסנשאַפטלעכע אמתן. וויסנשאַפטן שטרעבן לגמרי ניט אָפּצושוואַכן די רעליגיעזע עמאָציע פון דעם ווייסער. עס זיינען צוויי געביטן — וויסן די וועלט און פילן די וועלט. איך קען צוזאַמען מיט בעל־התּהילים זיך באַגייסטערן מיט אַלץ וואָס ער רעכנט אויס אין קאַפּיטל קד' (ברכי נפשי) און אין דער זעלביקער צייט קען איך וויסן אַז זיין וויסן וועגן גאָטס וועלט איז געווען גאָר אַ קליינע, פּרימיטיווע. אַדרבא — אויב זיין קנאָפּ, אָרעם וויסן האָט ביי אים

אַרויסגערופן אַזאַ באַגייסטערונג פאַר גאָט און פאַר זיין וועלט, אַ פּשיטא שוין מיר היינט מיט אונדזער וויסן (וואָס איז נאָך ווייט פון צו זיין פולקאָם). וויסנשאַפט טאָר ניט אַנולירן די רעליגיעזע עמאָציע, רעליגיע טאָר ניט וועלן אָפּלייקענען די גאַנצע וויסנשאַפט.

רעשטלעך פון אַמאָל

ס׳איז אַ כּלל אין דער נאַטור: רעשטלעך פון דעם אַמאָל, פון דעם פאַרצייטן בלייבן אין דער היינטיקער וועלט. זיינען ביז היינט געבליבן רעשטלעך פון די פאַרצייטיקע שרעקלעכע רעפּטילען, פון די פאַרצייטיקע געאָלאָגישע תּקופות. זיינען די היינטיקע רעשטלעך — די קליינע יאַשטשערקעס; זיינען די היינטיקע קליינע פעדערגראָזן רעשטלעך פון פאַרצייטיקע, גיגאַנטישעביימער אין אַמאָליקע געאָלאָגישע תּקופות. אַזוי זיינען אויך געבליבן רעשטלעך פון פאַרצייטיקע געדאַנקען, באַגריפן און פאַרשטעלונגען. זיינען נאָך געבליבן פאַרשטעלונגען וועגן גאָט, ווי עפּעס אַ פּערזאָן, ווי אַ מאַטעריע, ווי וועגן אַ גאַנצער געטלעכער משפּחה, טאַטע, מאַמע און זון, מיט אַ דינען צו גאָט. אויב ניט קיין קרבּנות, איז תּפילות און לויבגעזאַנגען. דינען פּרויען צו גאָט מיט זייער פּרויענשאַפט — פאַרצייטן אויף איין אופן, היינט — אויף אַ פאַרקערטן אופן. די אַלע צערעמאָניעס האָבן אייגנטלעך ניט קיין דירעקטע שייכות צו דער רעליגיעזער עמאָציע, צו רעליגיע. עס קענען זיין אוראַלטע פּירונגען און טראַדיציעס אין פאָלק, וואָס זיינען געהעריק ניט צו גאָט נאָר צום פאָלק, פאָלק־מינהגים, און ווי אַזוינע זיינען זיי אונדז טייער און באַליבט. איך האָב ליב מצה פּסח און יום־כּיפּור צו פאַסטן, ניט ווייל אַזוי איז דער באַפעל פון גאָט, און פאַרן ניט היטן וועט מען, אם־ירצה־השם, שמייסן, נייערט ווייל איך פאַרבינד זיך מיט דעם מיט מיין פאָלק איבער שטחים און איבער צייטן.

רעליגיע האָט, בכן, צוויי עלעמענטן: פון איין זייט איז עס אַ געפיל — מענטש און אַלוועלט, מענטש און קאָסמאָס, מענטש און גאָט; און פון דער צווייטער זייט — פאָלקישע שטייגער־טראַדיציעס וואָס זיינען פאַרהייליקט ווי פאָלקישע אייביקייטן, פון פאָלקישן גאָט.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ זיינען אָנגעוואַקסן פאַרשיידענע פּרימיטיווע באַגריפן: „גאָט, זאָל געזונט זיין, האָט מיר גוט צוגעהאָלפן אין אַמעריקע״, האָט מיר געזאָגט אַ קליינשטעטלדיקער שניידער וואָס איז רייך געוואָרן אין ניו־יאָרק. ווינטשט ער, צוליב דאַנקבאַרקייט, גאָט זאָל זיין געזונט. אָדער מיין באָבע ע״ה האָט מיר דערקלערט, אַז נאַסע האָלץ טרעשטשעט אין אויוון, ווייל דאָס שרייען די זינדיקע נשמות פון מענטשן וואָס זיינען מגולגל געוואָרן אין האָלץ, זיי ברענען

דאָס פּאָר זייערע זינד... דאָס האָט אָבער ניט קיין שייכות צו דער ריינער רעלי־גיעזער עמאָציע. גלייב איך ניט אין קיין יידישער גאָט־וויסנשאַפט, אין קיין „טעאָלאָגיע". אַלע וויסנשאַפטן צוזאַמען זיינען דאָך אייגנטלעך אַ שטרעבונג צו „אים, צו אים, צום כסא־הכבוד" (פּרץ, „גאָלדענע קייט"). איז די „יידישע טעאָלאָגיע" אַ גאָרניט קיין קלוגע נאָכמאַכונג נאָך פרעמדע, ניט־יידישע מוסטערן.

איך זע אַז ביי די חכמי התלמוד זיינען געווען וועגן וועלט און וועגן גאָט אַ סך טיפערע און „מאָדערנערע", וואָלט איך געזאָגט, באַגריפן איידער ביי די שפּעטערדיקע. אַזוי איז אויך דאָס קענטיק אין די תפילות וואָס שטאַמען פון די חז"ל און פון די שפּעטערדיקע. ניטאָ אין די תפילות פון חז"ל סתם רימערייען און ליבגעזאַנגען צו גאָט. דער טיטל איז „אלוהי אבותינו", דער גאָט פון די עלטערן, בעת ביי די שפּעטערדיקע, פון מיטל־עלטער, זיינען פאַראַן אַזוי פיל באַרימערייען און סתם ליבגעזאַנגען, ווי מען וואָלט געוואָלט חנפנען זיך צו גאָט. דער אויסדרוק „אלוהי אבותינו" — נעמט אַריין אַלע פאָלקישע טראַדיציעס אין יידישן שטייגער.

איך דערקלער עס מיט דעם וואָס די חז"ל האָבן געדענקט אַליין, אָריגינעל יידיש. די היינטיקע אָבער דענקער זיינען מער באַאיינפלוסט פון פרעמדע, מען איז שוין אין פּראָצעס פון דענקען נאָכמאַכעריש, נאָך איידער עס קומט צום אַרויסזאָגן זיך.

קודם־כל דאַרף מען דאָך נעמען אין אַכט, אַז קיין זאַך שטייט ניט אויף איין אָרט, אַלץ גייט פאָרויס, אויך געדאַנקען. זיינען די גאָטבאַגריפן אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון חומש זיכער פּרימיטיווער ווי די שפּעטערדיקע. עס איז זייער ווייט פון די באַגריפן אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון חומש ביז צו די גאָטבאַגריפן פון די נביאים און נאָך ווייטער, ביז צו די באַגריפן וועגן גאָט ביי די חז"ל. ביסלעכ־ווייז און פּאַמעלעך האָבן זיך די באַגריפן אַנטוויקלט, געגאַנגען אַלץ פאָרויס אויך אויף דעם לייטער פון עלטער־זיידע יעקב. דאָס מיינט אָבער ניט אַז מיר לייקענען אָפּ די פאַרצייטיקע, די פריערדיקע. אַ דערוואַקסענער מענטש באַמיט זיך ניט אָפּצולייקענען זיין קינדהייט און די באַגריפן־וועלט פון זיין קינדהייט. אַזוי אויך אַ פאָלק.

מאָנאָטעיִזם און דעמאַטעריאַליזאַציע

פעלקער האָבן אָנערקענט אונדזער „פּאַטענט" אויף מאָנאָטעיִזם — איין גאָט און ניט קיין סך געטער. נעמען זיך יידן איבער מיט דעם: מיר האָבן געגעבן דער וועלט דעם מאָנאָטעיִזם!

בין איך אָבער אַ שטיקל „אַפּיקורוס״: איך זע ניט קיין גרויסן אונטערשייד צווישן איין גען אָדער אַ סך געצן. אַ קנאַפּער אויפּטו. מען קען אויך איין גאָט זיך פאָרשטעלן זייער פּרימיטיוו — אַ קערפּער אַזאַ, אַ גוף אין געשטאַלט פון אַן אָקס, פון עפּעס אַנדערש, אַ מענטש אפשר, וואָס זיצט אויף אַ הויכן און דערהויבענעם שטול אַזאַ. בפרט נאָך אַז יענער פאַרצייטיקער יידישער סוחר האָט גענומען אַ יידישן יונגן מאַן און אים פאַרקויפט צו דער געצנדינערישער וועלט פאַר אַ גאָט, און ער האָט זיין „סחורה״ צוגעפּוצט לויטן געשמאַק פון די געצן־דינערס און פון דעם יידישן איינציקן גאָט איז געוואָרן אַ דריילינג — טאַטע, מאַמע און בן־יחיד, מיט אַ גאַנצער אַרמיי פון האַלבע געטער, וואָס רופן זיך „הייליקע״... און דערצו — אין גייסט פון די קונדן, נאָך צוגעטראָגן, אַז די יידן האָבן גאָר גענומען גאָטס זון און אים געקרייציקט, ניט פאַר קיין גאָט געדאַכט!..

וועלן מיר לאָזן צו רו די פעלקער מיט זייערע באַגריפן. פאַר זיי איז שווער צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן דעם אַריטמעטישן „איין גאָט״ און צווישן דעם יידישן „אחד״, וואָס מיינט ניט איינס, נאָר די איינהייט, דאָס באַנעמען אַלץ — הימל און ערד, יבשה און ימים און אַלץ וואָס אומעטום — באַנעמען ווי איין גאַנצקייט, ווי איין איינהייט. צו אָט דעם איז נאָך די מענטשהייט ניט דערגאַנגען ביז איצט. בין איך גאָרניט אַזוי שטאַלץ מיט דעם. אַ סך אַ גרעסערער טראָט פאָרויס, אַ סך מער אויפּטו איז די האַק, וואָס חז״ל האָבן געגעבן אין האַנט פון דעם ערשטן יידן — אברהם דעם זון פון תּרח און אים געהייסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּהאַקן אַלע מאַטעריעלע געטער. גאָט — דער יידישער גאָט איז ניט קיין מאַטעריע, ניט גשמיות. האָט דער יידישער געדאַנק געציטערט פאַר „הגשמת הבורא״. האָט דער רמב״ם דאָס געהאַלטן פאַר איינעם פון זיינע עיקרים: „אֵין לו גוף״ — גאָט איז ניט קיין קערפּער. האַלט ניט פון דעם דער „אָפּפרעגער פון רמב״ם, דער ראב״דער „בעל ההשגות״, שרייבט ער (אפילו גאַנץ האַמעטנע, עס שאַקירט ממש) אַז גרעסערע און בעסערע יידן פון אים (פון רמב״ם!) האָבן יאָ געגלייבט אין גשמיותדיקייט פון גאָט, און דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו זיין גוטע יידן״... כאַראַקטעריסטיש — דער ספרדישער רמב״ם האָט זייער הויך געשטעלט די פילאָסאָפישע פּרינציפּן פון יידישקייט. דער אייראָפּעיִשער אשכּנזי — ראב״ד, האָט ווייניקער געלייגט אַכט אויף דער פילאָסאָפיע און איבערהויפּט געטראַכט וועגן שטייגער, וועגן הלכה, גאָרניט וועגן פילאָסאָפיע. אַזוי אָדער ניט אַזוי, אָבער ווי די, אַזוי יענע, ווי די ספרדים מיט זייער פילאָסאָפיע, אַזוי די אשכּנזים מיט זייער פאַרפעסטיקן דעם שטייגער־הלכה, האָבן סיי די, סיי יענע ניט פאַרנומען זיך מיט קיין גאָט־וויסנשאַפט און ניט מיט קיין גאָט, נייערט מיט געטלעכקייט, מיט פאַרגעטלעכונג פון מענטשן. דאָס איז דער זינען פון „לתקן עולם במלכות שדי״, פון דעם „באחרית הימים״, און נאָך פריִער — פון דעם

„מי יתן והיה כל עם ה׳ נביאים״ (משה). פאַרגעטלעכן די מענטשהייט — דאָס איז געווען דער אידעאַל פון יידישן געדאַנק נאָך פאַר צייטן. פון דעם אָבער טרעפט מען אָפט אין דער שפּעטערדיקער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור און אין די תפילות אַ סך גאַנץ האַמעטנע „פאַרמענטשלעכונג״ פון די גאָט־פאַרשטע־לונגען, למשל, די תפילה „ונתנה־תוקף״ וואָס איז אַזוי פאַרהייליקט געוואָרן.

זאָל דאָס זיין אַ השפעה פון דעם ניט־יידישן אַרום אָדער בכלל פון דער אָפּשוואַכונג פון דעם פילאָסאָפישן דענקען אין אייראָפּע. עס איז דאָך באַקאַנט, אַז קריסטנטום האָט בכלל געבראַכט אַ ירידה פון וויסנשאַפטלעכן דענקען. קען זיין, אָבער דאָס איז שוין אַהער ניט שייך.

דער קאַמף קעגן מאַטעריאַליזאַציע פון גאָט

אין גאַנץ תנך האָב איך געפונען נאָר צוויי פסוקים וועגן מאָנאָטעיִזם. דאָס איז דער פסוק שמע־ישראל... ה׳ אחד״ (דברים ד׳), וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער לאָזונג פון אַ יידן צו לעבן, ווי צום לעבן, ווי אויך צום שטאַרבן, און דער צווייטער פסוק איז גאָר אין זכריה ט׳ י״ד, ביי דעם לעצטן נביא: „ה׳ אחד ושמו אחד״. קענטיק אַז לכתחילה איז דאָס ביי יידן געווען אַ זאַך, וואָס עס איז גאָר פשוט, ניטאָ וועגן דעם צו ריידן צו פיל. ערשט שפּעטער, ווי אַ קעגן־כוח צום גריכישן פּאָליטעיִזם, האָט מען גענומען אונטערשטרייכן די צוויי פסוקים.

אָבער וועגן אַמאַטעריאַליזם פון גאָט איז פאַראַן שוין אַפילו אין די עשׂרת־הדברות ביי משהן. האָט משה אָנגעזאָגט — ניט מאַכן קיין שום געטער! זוכט ניט קיין נאָמען פאַר גאָט; האָט משה זיך אַזוי אויפגערעגט פון דעם גאָלדענעם קאַלב, וואָס די יידן האָבן לכתחילה זיכער געמיינט ווי אַ סימבאָל פון יידישן גאָט, ניט ווי אַ גאָט אַליין. אַזוי האָט עס אויך פאַרשטאַנען אהרון. ניטאָ פאַר משהן קיין קערפּערלעכער סימבאָל פון גאָט! האָט עס משהן אַזוי אויפגערעגט, אַז די לוחות זיינען אים פשוט אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט... האָבן די נביאים געהאַט טענות קעגן די קרבנות פאַר גאָט, האָבן זיי אָנגעהויבן דעם געראַנגל פון אייביקער יידישקייט: דינען צום יידישן גאָט מיינט העלפן די געבייטיקטע מענטשן, וואָס זיי דאַרפן דיין הילף „כי לא יחדל העני מקרב הארץ״... האָבן די נביאים שוין ניט געוואָלט גלייבן אין דער אַבסאָלוטער הייליקייט פון גאָטס הויז.

הייליקייט איז נאָר אין אויפפיר פון מענטשן, האָבן דאָך זיי — די נביאים — אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר הייליקייט אין מענטשלעכן לעבן — דאָס וואָס די חכמים (חז״ל) האָבן דערנאָך דורכגעפירט אין דער פּראַקטיק (די הלכה!), דער אידעאַל — פאַרגעטלעכן דעם מענטשן, בעת אַנדערע רעליגיעס (און אויך ביי יידן

אין מיטל־עלטער) האָבן געוואָלט דאָס פאַרקערטע — פאַרמענטשלעכן די גאָט־באַגריפן. שפּעטער, נאָך די נביאים, האָבן די חז״ל אַנגעזאָגט זיך ניט צו פאַרנעמען מיט קיינע טעאָלאָגיעס, גאָט־וויסנשאַפטן, ניט פאַרהייליקן קיין ערטער, קיין באַרג סיני, קיין בית־המיקדש, ניטאָ קיין אייביקע, אַבסאָלוטע הייליקייט פון ארץ־ישׂראל אַפילו — אַל די הייליקייט, די געטלעכקייט הענגט אָפּ פון מענטשן, פון אויפפיר פון מענטשן. מען דאַרף זיך ניט פאַרנעמען מיט „מעשה מרכבה״, מיט „מה למעלה און מה למטה״. האָט שוין דער נביא ישעיהו דערלויבט זיך צו זאָגן „והאל הקדוש נקדש בצדקה״, דער יידישער גאָט ווערט הייליק דורך גערעכטיקייט וואָס מענטשן טוען. קומט עס אַרויס אין גמרא נאָך קלאָרער — גאָט איז אידענטיש מיט דער הייליקייט (אָדער מיט דער געטלעכקייט) פון יידן. איז דאָס יידישע לעבן הייליק, געטלעך — ווערט גאָט אויך שטאַרקער, מעכטיקער. פירן זיך די יידן ניט ווי געהעריק, שוואַכן זיי אָפּ גאָט. גאָט — ריכטיקער די געטלעכקייט — איז אין אויפפיר פון יידן. דער געדאַנק איז פאַראַן אין גמרא, אין מדרשים און אין זוהר. ער איז דורך און דורך יידיש, ער האָט ניט אין זיך קיין שמץ פון באַזונדער עקסיסטירנדיקן גאָטוועזן וואָס איז דאָך אין סאַמע תוך אויך געץ.

קומען מיר צו עפּעס אַ געדאַנק: רעליגיע איז אין איר מקור אַן איבערלעבונג. די רעליגיעזע איבערלעבונג — וואָס מער וויסן, אַלץ טיפער און אַלץ מער איז די איבערלעבונג, זיינען רעליגיע און וויסנשאַפט ניט קיין צוויי קעגנערס, נאָר צוויי אָרגאַנישע שוועסטער וואָס גייען האַנט ביי האַנט אַלע מאָל צוזאַמען; געפיל און געדאַנק, וויסן און פילן, וואָס מער וויסן, אַלץ מער געפיל; וואָס טיפער דאָס וויסן, אַלץ טיפער און אַלץ ברייטער איז דאָס פילן, וואָס זיין בראשיתדיקער מקור איז די רעליגיעזע איבערלעבונג. איז די געוויינטלעכע ברכה „המוציא לחם מן הארץ״ געבליבן ביז היינט די גרויסע טיפע באַוווּנדערונג ווי עס קען זיך שאַפן אָרגאַנישע שטאָף פון אומאָרגאַנישע, ווי עס קומט לעבן פון אומבאַלעבטקייט.

די וויסנשאַפט האָט דעם סוד יאָ געפונען, זי האָט צוגעגעבן צו דער ברכה „מן הארץ ומן האוויר״. געפונען יאָ, אָבער זיך ניט אויסגעלערנט, אַליין מאַכן — דאָס נאָך ווייט ניט. גייען רעליגיעזע איבערלעבונג און וויסנשאַפט דווקא צוזאַמען. מער ניט וואָס די רעליגיע וויל זיך ניט ענדיקן מיט דער פּריוואַטער איבערלעבונג אין מענטשן גופא. זי פאַרלאַנגט אַז די איבערלעבונג זאָל זיך אויסדריקן אין אויפפיר. אַ געפיל, אַ רעליגיעזע איבערלעבונג וואָס דריקט זיך אויס נאָר אין אַ ברכה, איז אויך די ברכה אַ „ברכה לבטלה״, פון אַ מיצווה ווערט עס גאָר אַן עבירה. בכן, וואָס איז רעליגיע ביי יידן?

— די כסדרדיקע איבערלעבונג פון דער קאָסמישער האַרמאָניע און אייביקייט, אויסגעדריקט אין עמאָציע און אין אויפפיר, אין מעשׂים. און וויסנשאַפט און רעליגיע זיינען צוויי זייטן פון איין מטבע.

א. גאָלאָמב

וואָס איז גאָט?

מען טאָר גאָר ניט זוכן קיין גאָט, יעדער גאָט פאַר זיך איז עפּעס אַ זאַך פון געצנדינסט. זוכט ניט גאָט, נאָר די געטלעכקייט פון קאָסאָמס, „כּבודו מלא עולם" — פון די עלעקטראָנען אין אַטאָם ביז די גאַלאַקסן אין חלל פון קאָסמאָס, „כּי הוא מקומו של עולם", „אלוהים בגמטריא הטבע". בעט זיך דער יידישער גאָט: „הלוואי אותי עזבו" — מיך לאָזט צו רו, פאַרנעמט זיך ניט מיט מיר, „ואת תּורתי שמרו" — זעט אייערע איבערלעבונגען צו פאַרוואַנדלען אין מעשים, אין אויפפיר. און די גאַנצע וויסנשאַפט איז ניט מער ווי די אַנטפּלעקונג פון נפלאות הטבע, פון די געזעצמעסיקייטן אין קאָסמאָס. און יעדער נייער געביט פון וויסן איז ווידער ניט מער ווי אַן אַנטפּלעקונג פון אייביקער געזעצמעסיקייט, וואָס איז פאַראַן פון אייביק אָן אין דער האַרמאָניע פון קאָסמאָס. און אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אין קאָסמאָס, אַלץ וואָס עס איז באַוווּסט און אַלץ וואָס עס איז נאָך ניט באַוווּסט — אַלץ קומט לויט די געזעצן, לויט פעסטע אייביקע געזעצן.

די געזעצן פון קאָסמאָס, פון דער נאַטור זיינען אייביק, לגמרי ניט אָפּהענגיק פון וויסן אָדער ניט־וויסן פון מענטשן. די געזעצן, די וויסנשאַפט (אָדער די תּורה, תּורת הקוסמוס) — זיי זיינען מעולם ועד עולם, פון אייביק ביז אייביק, און „מבּיט בּתּורה ובורא את עולמו" — אַלץ וואָס עס שאַפט זיך אין קאָסמאָס, אַלץ קומט לויט די געזעצן פון דער „תּורת הקוסמוס". די אמתע וויסנשאַפט פאַרשטאַרקט גאָר די רעליגיע — דאָס פילן געטלעכקייט און די געפילן אויסדריקן אין טוונגען, אין האַנדלונגען. און דו, בּן־אָדם, זײַ אין דיין לעבן אַזוי האַרמאָניש ווי עס איז גאָטס וועלט... גאָט און קאָסמאָס זיינען איינס, ריכטיקער — דער גאַנצער קאָסמאָס איז די אַנטפּלעקונג פון די געזעצן, די פאַרקערפּערונג פון די געזעצן. דאַרפן חז"ל גאָר ניט האָבן קיין נאָמען פאַר גאָט, איז גענוג „בּרוך המקום" — דער געבענטש־טער קאָסמאָס. גאָט און קאָסמאָס — דאָס זעלביקע. געזעצן פון גאָט און געזעצן פון קאָסמאָס — ווידער דאָס זעלביקע. זיינען וויסנשאַפט און רעליגיע צוויי וואָס זיינען איינס, און איינע אָן דער צווייטער — זאָל גאָר גאָט אויסהיטן.

האָט די רעליגיע פון רוצחישע פעלקער פאַרבלאָנדזשעט אין די געביטן וואָס געהערן ניט צו איר, האָבן פעלקער געהאַט מאָטיוון צו זעטיקן דעם מאָרדאינס־טינקט, כּלומרשט פאַר גאָט. האָט וויסנשאַפט געוואָלט אויסקומען אָן רעליגיע, אָן דער הייליקער גאָט־איבערלעבונג, האָט זיך באַקומען היטלערס וויסנשאַפטלערס. זאָגט עס נאָך אַ גמרא וועגן דער תּורה: „זכה — נעשׂה לו סם־חיים, לא זכה — נעשׂה לו סם־המוות".

צוויי מקורים פון דער יידישער רעליגיע

ביז איצט האָבן מיר אַלץ געשריבן וועגן איין מקור — דעם רעליגיעזן געפיל. געפילן זיינען פאַראַן נידעריקע און העכערע. די נידעריקע געפילן זיינען פשוטע באַגלייטערס פון איינגעבאָרענע אינסטינקטן — סעקס, הונגער. ביי חיות איז דער געפיל־באַגלייטער אָדער אין גאַנצן ניטאָ, אָדער ניט אַנטוויקלט, מחמת אויספעלן פון שפּראַך. אין באַשטימטע פאַלן רופן נאַטור־דערשיינונגען אַרויס אינסטינקט־געפילן — שרעק. רעליגיעזער געפיל וואָס איז ביי מענטשן דער מקור פון רעליגיע בכלל, איז מסתּמא ביי חיות לגמרי ניטאָ. ער פעלט אויך אויס ביי גאָר פּרימיטיווע מענטשן.

דאָס איז אָבער נאָר איין מקור פון דער יידישער רעליגיע. דער צווייטער מקור איז אַ פאָלקישער: שטייגער־עלעמענטן וואָס זיינען פאַרהייליקט ווי אָנגע־זאָגטע פון גאָט, ווי מיצוות. די געפיל־איבערלעבונגען זיינען ניט געגעבן אין דער תּורה; זיי זיינען אינטים, אין מענטשן גופא, געפילן קען מען ניט דעפינירן, דער־קלערן. זיי זיינען אָדער גלאַבאַל, ניט געטיילט אויף פּונקטן, אָדער זיי זיינען אין גאַנצן ניטאָ. אַנדערש איז עס מיט רעליגיע פון פאָלקישן מקור. אויך דאָ איז פאַראַן אַ פּלאָנטער: אין עצם תּוך איז דאָ די יידישע רעליגיע אַנדערש, ניט ווי אַנדערע רעליגיעס. אַלע פעלקער האָבן שוין געהאַט פון פריִער זייערע אייגענע, נאַטירלעכע רעליגיעס, וואָס זיינען געבאָרן, געוואַקסן צוזאַמען מיט די פעלקער. לויט אַ באַפעל האָבן זיי אָנגענומען אַ נייע, פרעמדע רעליגיע, וואָס איז געוואַקסן און אַנטוויקלט זיך גאָר אין מידבר אַרום ים המלח. ווי פעלקער האָבן זי צוגעפּאַסט, און איבערגעניצעוועט, זי זאָל פּאַסן פאַר זיי, וואָס פון איר איז אַרויס — דאָס אַלץ האָט דאָ ניט צו אונדז — זיי זיינען געבליבן ביי זייער דואַליזם: זייער פאָלקישקייט, זייער קולטור איז זיך געגאַנגען איין וועג און זייער רעליגיע — אַ צווייטער שטראָם, אַן אַנדער וועלט.

גאָט און פעלקער זיינען ביי זיי לגמרי באַזונדערע וועלטן. „וואָס פון גאָט — איז פון גאָט און וואָס פון קייסער, פון פאָלק — איז באַזונדער". יום־טובים — ניט פון פאָלקסלעבן, נייערט פון גאָטס לעבן זיינען זיי; מיצוות — גאָטס געבאָטן, אָן שייכות צום שטייגער און לעבן פון די פעלקער. זייער רעליגיע קען זיין אַן אוניווערסאַלע, זי האָט ניט קיין פאָלקישע עלעמענטן, זי איז ניט אויסגעוואַקסן ביי איין פאָלק. די יידישע רעליגיע איז דורכויס אַנדערש: זי האָט אירע צוויי מקורים — די רעליגיעזע איבערלעבונג און דעם פאָלקישן פאַרהייליקטן שטייגער. דערפאַר איז זי דורכויס נאַציאָנאַל, גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער זיינען די יום־טובים אונדזערע. קיין שום פאַרגלייך טאָר מען ניט פּרובירן דורכפירן. דערפאַר

איז יידישקייט און יידישע רעליגיע איינע און די זעלביקע, דערפאַר איז זי אין גאַנצן דורכגעפלאָכטן מיט דער געשיכטע פון פאָלק. דערפאַר קענען יענע אַלע רעליגיעס זיין פיקסירטע, פאַרענדיקטע, עס קען אָבער ניט זיין אַזוי פיקסירט און פאַרענדיקט די יידישע רעליגיע. זייערע אַלע רעליגיעס זיינען אָנגענומען, די יידישע — איז אַ פאָלקישע, אין פאָלק, מיטן פאָלק אויסגעוואַקסן, זיך אַנטוויקלט.

— וואָס אָבער הייסט אין רעליגיע „זיך אַנטוויקלט״?

— עס הייסט, אַז אַלע עלעמענטן פון דער גאַנצער רעליגיע — אַלץ איז פון יידישן פאָלקישן שטייגער, יעדער עלעמענט באַזונדער איז לכתחילה געווען פשוט אַ געוויינטלעכער פאָלקישער וועלטלעכער שטייגער: אַזוי פירן זיך יידן, אַזוי האַנדלען יידן. ערשט שפּעטער ווערן די פאָלקישע פירונגען פאַרהייליקט; וואָכעדיקע, וועלטלעכע פירונגען ווערן מינהגים, מינהגים ווערן דינים, דינים ווערן מיצוות. הרב קוק רופט עס אָן „העלת החול אל הקודש״. עס זאָגט אַ גמרא, אַז משה האָט אייגנטלעך ניט מחדש געווען די תורה, אברהם אָבינו האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה. מסתמא שוין אויך אַלע אָבות. יידן זיינען געווען אַ באַזונדער פאָלק, אַ פאַרזיכיק פאָלק אַ צייט פאַר דער תורה, פאַר מתן תורה. די גאַנצע יידישע רעליגיע איז געווען פריִער פאַר משהן. די נעמען פון די יום־טובים — חג־האָביב, חג־הביכורים און חג־האָסיף (פסח, שבועות און סוכות) ווייזן אַז זיי זיינען לכתחילה געווען ריין וועלטלעך, פאָלקיש.

משה האָט נאָר פאַרהייליקט דאָס וועלטלעכע, דאָס פאָלקישע (אין דער גאַנצער תורה איז ניט דערמאָנט קיין מאָל, אַז שבועות איז מתן־תורה. דער יום־טוב איז געווען פריִער איידער די תורה איז געגעבן געוואָרן). די גאַנצע תורה פאַרהייליקט דאָס וועלטלעכע, דאָס פאָלקישע. די יידישע רעליגיע איז אַ פאָלקישע, איר אָפּ־שטאַם איז אַ וועלטלעך־פאָלקישער. משה האָט ניט געבראַכט צו די יידן קיין נייע תורה. ער קומט צו די יידן אין מצרים אין נאָמען פון דער רעליגיע פון די אָבות, אלוהי אברהם, אלוהי יצחק, אלוהי יעקב. דאָס איז טאַקע דער איינציקער טיטל פון דעם יידישן גאָט ביי די חז״ל אין די תפילות, וואָס זיי האָבן געשאַפן. אלוהי אברהם איז אידענטיש מיט דעם אויסדרוק „אמונת אברהם, אמונת יצחק ואמונות יעקב״. דאָס וואָרט „אמונה״ האָט דאָך צוויי באַטייטן: אמונה — רעליגיע און אמונה — געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט. מאמין און נאָמן — ביידע שטאַמען פון אמונה. אמונה אין זינען פון רעליגיע איז אויך אַ שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג. אמונת ישראל איז אידענטיש מיט אלוהי ישראל. משה קומט צו די יידן ניט מיט אַ נייער רעליגיע, נאָר ער פאַרהייליקט דעם יידיש־פאָלקישן, וועלטלעכן שטייגער ווי די רעליגיע פון יידישן פאָלק. דאָס עצם וואָרט „תורה״ האָט אויך אַ לאַנגע אַנטוויקלונג. דאָס וואָרט גופא האָט בראשיתדיק איין באַטייט — אָנווייזונג. איטלעכע אָנווייזונג באַזונדער רופט אָן דער חומש מיטן וואָרט „תורה״. זאת תורת החטאת,

וכדומה. נאָר אַזוי ווערט דאָס וואָרט געניצט אין די ערשטע פיר ספרים פון חומש. נאָר אין ספר דברים ווערט דאָס וואָרט תּורה געניצט, כּל התּורה, ספר־התּורה — די זאַמלונג פון אַלע באַזונדערע, פּרטימדיקע תּורות ווערט איין תּורה, און די גאַנצע זאַמלונג פון דער יידישער תּורה ווערט פאַרהייליקט ווי די רעליגיע; דער יידיש־פאָלקישער, וועלטלעכער שטייגער ווערט פאַרגעטלעכט, ווי פון גאָט געגעבן, די עלעמענטן פון וואָכעדיקן שטייגער ווערן איצט אָנגענומען ווי געטלעכע מיצוות, באַפעלן פון גאָט, אויב פון פאָלק איז עס במילא אויך פון גאָט. דאָס יידישע פאָלק און גאָט זיינען צוויי גאָר נאָנטע באַגריפן, פון פאָלקיש־וועלטלעך ביז געטלעך־הייליק איז גאָרניט קיין ווייטער מהלך. משה האָט דער ערשטער צונויפגעזאַמלט די יידישע פירונגען, די באַזונדערע „תּורות" און זיי פאַרהייליקט ווי מיצוות; פון פאָלק איז — פון גאָט. שפּעטער האָט עס מיט מער דערפאָלג געמאַכט עזרא. עס איז נאָך עזראַן געקומען די פאַר הונדערט יאָר, די גליקלעכע תּקופה פון פּערסישער הערשאַפט אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע, ווען די צונויפגעזאַמלטע „תּורה הכּתובה" האָט זיך פאַרפעסטיקט אין שטייגער.

יידישע דענקערס האָבן געזוכט די „טעמי המצוות" — דעם זינען פון די מיצוות. זאָגט אַ מדרש „לא ניתנו מצוות אלא לצרף את ישראל" — דורך די מיצוות ווערט ישראל געריניקט (ווי זילבער, למשל, פון צומישונגען) — ריינע יידישקייט אָן פרעמדע צומישונגען, אָן אַסימילאַציע. מיט אַנדערע ווערטער חוץ דאָס יידן איבער אין די כּסדרדיקע ברכות „וקדשנו במצוותיו"; די מיצוות זיינען יידישע אַלטע טראַדיציעס, וואָס זיי שיידן אָפּ יידן פון אַנדערע פעלקער, אַלץ וואָס שיידט אָפּ יידן — דאָס איז מיצווה. ניט פון גאָט, ניט זיינע פאַרלאַנגען, זיין ווילן, נאָר עס איז דעם פאָלקס, פון פאָלק און פון זיינע טראַדיציעס, פון זיין שטייגער. זיי, די מיצוות, שיידן אָפּ די יידן פון אַלע אַנדערע פעלקער און זיי פאַרבינדן אויך אַלע יידן אין אַלע צעשפּרייטונגען אין איין פאָלק, „גוי אחד בארץ". ניט געקוקט אויף די ווייטע שטחים, אויף דער צעשאָטנקייט און צעשפּרייטקייט, דאָך איין פאָלק, איין פאָלק אין אויפפיר און איין פאָלק אין דענקען און פילן. עס איז אין תּוך אַריין פאַרקערט ווי עס שטייט. ניט „סוף מעשׂה במחשבה תּחילה", נאָר פאַרקערט: „סוף מחשבה במעשׂה תּחילה". אַז מען געוווינט זיך איין מיטן אויפפיר, גייט שוין אויך דער געדאַנק אין זעלביקן וועג. איין פאָלק מיט איין אויפפיר, איז שוין אויך איין פאָלק מיט איין דענקען. האָט משה ניט נאָר באַפרייט די יידן פון גלות־מצרים, נאָר ער דאַרף האָבן אַ ציל, צו וואָס? צו וואָס דאָס פאָלק? איז משהס ציל געווען „ממלכת כּוהנים וגוי קדוש"; האָט משה געחלומט „מי יתּן והיה כּל עם ה' נביאים".

ישעיה האָט דעם ציל נאָך ברייטער געמאַכט, נאָך ווייטער געזען און ער פילט דעם „באחרית הימים" פון „לא ישׂא גוי אֶל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה".

האָבן ווייטער שפּעטערדיקע יידן אויסגעדריקט דעם זעלביקן אידעאַל: „לתקן עולם במלכות שדי״ — פאַרגעטלעכן די מענטשהייט. דאָס איז דער אידעאַל וואָס קען דערגרייכט ווערן אין דער ווייטסטער צוקונפט, אין דעם „לעתיד לבא״ און עס איז געווען טאַקע אין דער גליקלעכער פּערסישער תּקופה, ווען יידן האָבן אויפ־געהערט נאָכצומאַכן אַנדערע פעלקער און גיין אין פרעמדע וועגן, דעמאָלט האָבן חז״ל ניט גערעדט מער פון מיצוות — באַפעלן — אַזוי הייסט גאָט צו טאָן. זיי האָבן איצט גערעדט פון הלכות, שטייגער — אַזוי פירן זיך יידן, דאָס זיינען די וועגן פון יידישן פאָלק, במילא איז עס געטלעך. כ׳ווייס ניט צי איז געווען ביי יידן ווען עס איז דורך דער גאַנצער געשיכטע נאָך אַזאַ צייט, ווען יידן זאָלן אַזוי שטאַרק אָפּהיטן די אייגענע יידישע וועגן און אויפפיר.

קענען מיר מאַכן אַן אַלגעמיינעם אויספיר: וואָס איז יידישע רעליגיע?

יידישע רעליגיע אָדער יידישקייט. מיט דעם אַליין שיידט זיך שוין די יידישע רעליגיע אויס צווישן אַלע אַנדערע רעליגיעס. פּוילישקייט און פּוילישע רעליגיע זענען ניט איינס, רוסישקייט איז ניט דאָס זעלביקע וואָס די רוסישע רעליגיע. גאָט און פאָלק זיינען ביי לייטן צוויי באַזונדערע זאַכן. ניט ביי יידן. ביי יידן איז יידישקייט און יידישע רעליגיע דאָס זעלביקע. יידישע רעליגיע איז דער יידישער שטייגער, וואָס איז פאַרהייליקט, ווייל דאָס יידישע פאָלק און דער יידישער גאָט זיינען ווידער גאָר נאָנטע קרובים צווישן אַנאַנד. דער יידישער שטייגער איז אויך ניט איינער אָן ענדערונגען. ער איז ווי אַ שטראָם, וואָס ציט זיך אין צייט. ווי יעדער אַנדער שטראָם ענדערט זיך אויך יידישקייט, זי וואַקסט און ענדערט זיך, אַלע מאָל איז זי אַנדערש, פאַרזיכיק און אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער. יידיש־קייט איז אַ שטראָם פון די ערשטע פּרימיטיווע באַגריפן ביז צו די הויכע, שטאָלץ־פאַרזיכיקע נאָרמעס און פאָרמעס, וואָס זיינען אינטים, פאָלקיש, ליב און אַנגענומען. און אַלץ וואָס איז ביים פאָלק ליב און טייער איז שוין במילא אויך געטלעך. ניט גאָט איז אָפּגעטיילט נאָר „קודשא בריך הוא״ — די געבענטשטע הייליקייט. די געבענטשטע הייליקייט, די יידישקייט, דאָס איז די תּורה און „קודשא בריך הוא ואורייתא״, גאָט און יידישקייט איז איינס. דאָס איז דער יידישער „אחד״.

נאָך קירצער — יידישקייט בכלל און אויך דער פאַרהייליקטער טייל פון יידישקייט איז ניט קיין פאַרענדיקטע, איין מאָל און אויף שטענדיק פעסטגעשטעלטע, נאָר עס איז אַ שטראָם, וואָס ציט זיך און וואָס גייט אַלץ פאָרויס, אַלץ ווייטער.

רעליגיעס פון אַנדערע פעלקער זיינען געקומען פון דער פרעמד, זיי האָבן ניט קיין שייכות צום דירעקטן לעבן פון די פעלקער, קענען זיי בלייבן פעסטגע־שטעלט אויף זייער שטאַנד. יידישקייט איז אַ שטראָם. יעדער שטראָם האָט זיין געלעגער, אָבער ער שטעלט זיך ניט אָפּ. אויך יידישקייט אַזוי: יעדער דור דאַרף אין יידישקייט צוגעבן זיינס, דאַרף זיין העכער ווי דער פריערדיקער דור. די

יידישקייט איז די תורה. די תורה מוז וואַקסן. אין דעם איז געווען די מחלוקת צווישן די צדוקים און די פרושים. די צדוקים האָבן געוואָלט אַ יידישקייט אַ פאַרענדיקטע, אַזאַ וואָס וואַקסט ניט, וואָס אַנטוויקלט זיך ניט און ענדערט זיך ניט. דאָס האָבן די פרושים פאַרבונדן די תורה — די פאַרהייליקטע יידישקייט, מיט דעם דירעקטן לעבן, די תורה דאַרף פורעמען דאָס לעבן און זי דאַרף געפורעמט ווערן פון דעם לעבן. יעדער תקופה מיט איר שטייגער און, אויף וויפל אָט דער שטייגער באַהעפט און פאַרבינדט אַלע יידן אין איין פאָלק, איז עס יידישקייט, יידישע תורה. די יידישע רעליגיע טוט, ווי עס זאָגט הרב קוק, זי פירט אַריבער וואָכעדיקס אין קודש אַריין. „העלת החול" — דערהייבן דאָס וואָכעדיקס. אויב פאָלקיש, איז עס הייליק. דאָס איז דער גאַנג פון יידישקייט אַלץ פאָרויס.

עס דערציילט אַ תלמודישע לעגענדע, אַז משה פאַרשטייט ניט וואָס רבי עקיבא לערנט. ער חלשט גאָר, אָבער ער באַרויִקט זיך ווען רבי עקיבא דער־קלערט: אַזוי איז עס דער גאַנג, דער שטראָם, די הלכה למשה מסיני (הלכה למשה מסיני). און מיר ווייסן דאָך שוין, אַז משה האָט אויך ניט „באַנייט עפּעס פון זיך", נאָר אַלץ געצויגן פון „אלוהי אבותינו" — דאָס איז דער אייביקער שטראָם פון יידישקייט. דאָס איז די „הלכה" — דער שטראָם און גאַנג פון אייביקער יידישקייט. דאָס איז דער פאָלקישער שטייגער־גאַנג פון יידישקייט, ער באַגעגנט זיך און פאַראייניקט זיך מיט דעם עמאַציאָנעלן, מיט דער רעליגיעזער איבערלעבונג צו איין גאַנצקייט.

דעם זעלביקן גאַנג אַלץ פאָרויס מאַכט דורך אויך די וויסנשאַפט אויף איר וועג.ביידע שטראָמען — דער שטראָם פון רעליגיע און דער שטראָם פון וויסנ־שאַפט הייבן זיך ביידע אָן פון דעם עץ־הדעת.

וואָס איז וויסנשאַפט? — עס איז ניט דער סכום פון קלאָרע וויסנס, וואָס מען ווייס שוין; וויסנשאַפט איז דער פּראָצעס פון זוכן דאָס וויסן, דער פּראָצעס, דער דראַנג צו דערוויסן זיך, צו דערגייין די געזעצן וואָס הערשן אין אַלע פּראָצעסן פון קאָסמאָס. „דער מענטש איז קלוג ווען ער שטרעבט צו וויסן. ווען אָבער ער מיינט, אַז ער ווייס שוין — דעמאָלט איז ער אַ נאַר". דאָס האָט געזאָגט שלמה איבן גבירול מיט אַ סך יאָרהונדערטער צוריק. „דאָס לעבן פון וויסנשאַפט איז אין דעם זוכן די געזעצן. דאָס וואָס מען ווייס שוין, איז טויטע וויסנס" — האָט געשריבן אַ פיזיקער אין אונדזער יאָרהונדערט. וואָס מער מען ווייס, אַלץ מער אַנטפּלעקן זיך פאַרבאָרגענישן וואָס מען ווייס ניט. ניט דאָס וויסן, נאָר דער וועג צום וויסן — דאָס זוכן צו וויסן — דאָס איז דער סימן פון מענטשהייט, דאָס צייכנט אויס דעם מענטשן פון צווישן אַלע באַשעפענישן. אָט איז איין דוגמא: אין סוף 1859 איז אַרויס ניט קיין גרויס בוך פון אַן אומבאַקאַנטן פאָרשער: „דער אויפקום פון אַרטן". „ניט פון די „אינטערעסאַנטע" ביכער וואָס „פאַרכאַפּן" דעם לייענער. דאָך

איז דאָס בוך אין זעקס טעג אויספּאַרקויפט געוואָרן, און אַלע רעליגיעס האָבן זיך דערשראָקן, אַ ציטער געטאָן — חרם, פאַרבאָטן, אַלע אַלטע מיטלען, מען האָט געצאָלט און באַשטעלט ספּעציעלע ביכער קעגן דעם „געפערלעכן אפּיקורס" — טשאַרלס דאַרווין. וואָס איז געווען אין דעם בוך, וואָס האָט אויפגערודערט די שטילע וועלט?

גאָט האָט באַשאַפן אַזוי פיל מינים, אַרטן און סאָרטן געוויקסן און חיות — גראָזן און ביימער, חיות און פייגל, און קריכיקע און ווערעם און אינסעקטן — אַלערליי. אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג. דאָך האָט אַריסטאָטעל געוואָלט איינשטעלן אַ שטיקל סדר, בעסער פון דעם וואָס אין חומש. עס איז אים קנאַפּ וואָס געלונגען. ערשט אין אַכצנטן י״ה איז געשאַפן געוואָרן דער יסוד פון דער סיסטעמאַטיק וואָס איז אָנגענומען ביז איצט. דער פאָטער פון דער סיסטעם — קאַרל ליניי — ער איז געווען זיכער אַז אַלע אָן אַ צאָל מינים און אַרטן זיינען היינט ווי זיי זיינען אַרויס פון דעם באַשעפערס האַנט. ערשט דאַרווין האָט עס פעסטגעשטעלט, אַז די גאַנצע אָנצאָליקע וועלט פון פאַרשיידנקייטן זיינען ניט סתם אַזוי אָנגעוואָרפן אָן אַ סדר, לויט עפּעס אַ קאַפּריז פון באַשעפער, נייערט זיי זיינען אויסגעסדרט אין אַ סדר פון פּרימיטיוו ביז פּערפעקציע. די גאַנצע אָרגאַנישע וועלט שטייט ניט אויף איין פּונקט, נאָר עס איז אַ שטראָם, אַלע מינים און אַרטן הייבן זיך אַזוי — אַלץ בעסער, אַלץ פּערפעקטער, העכער.

אָט דאָס האָט עס איבערגעשראָקן אַלע רעליגיעס און אַלע פירערס. ערשטנס שטימט עס ניט מיט דעם וואָס עס שטייט בפירוש אין דער תּורה, אין ערשטן קאַפּיטל פון בראשית. צווייטנס, וואָס הייסט עפּעס גאָטס באַשעפענישן זיינען ניט פּערפעקט? ניט געענדיקט אין באַשאַף? ענדערן זיך, אַנטוויקלען זיך? דאַרווינס גליק איז געווען, וואָס עס איז שוין ניט געווען קיין אינקוויזיציע אין זיין צייט.

אויך די טעאָריע וואָס דאַרווין האָט אַנטוויקלט אין זיין בוך איז געווען נאָר אָן אָנהייב פון דער וויסנשאַפט וועגן דער אַנטוויקלונג און זי איז לגמרי ניט געענדיקט ביז היינט. עס איז אָבער גרינג צו פאַרשטיין פאַר וואָס דאַרווין אַליין איז געווען אַ פרומער, רעליגיעזער מענטש: ער האָט דערפילט דעם אייביקן דראַנג אין דער נאַטור צו פּערפעקציע, די איינהייט און די גאַנצקייט אין גאָטס וועלט, דעם דראַנג צו כּסדרדיקער אויסבעסערונג. האָט שוין שלמה איבן גבירול געשריבן אַ סך וועגן דעם קאָסמישן ווילן וואָס איז געטלעך. אַ סך מער האָט געשריבן וועגן „רצון עולמי" הרב קוק. האָט עס דאַרווין געגעבן דעם אמתן פירוש אויף אָט דעם „רצון עולמי" — דעם אייביקן קאָסמישן דראַנג צו פּערפעקציע. די רעליגיע און די וויסנשאַפט גייען פּאַראַלעל צו איין ציל,ביידע באַמיִען זיך צו שטודירן, צו פאַרשטיין אָט דאָס הייבן זיך פון דער גאַנצער נאַטור אַלץ העכער, אַלץ העכער

אויף יעקבס לייטער — „צו אים, צום כסא־הכבוד", צו געטלעכקייט (ווי עס רעדט רבי שלמהלע אין דער „גאָלדענער קייט" פון פרץ).

אָט אַזוי ציִען זיי זיך — די אייביקע שטראָמען וואָס טאָרן זיך קיין מאָל ניט אָפּשטעלן: דער שטראָם פון רעליגיע, אָדער ריכטיקער — דער שטראָם פון געטלעכקייט אין מענטשן און דער שטראָם פון וויסנשאַפט. און זיי ביידע — רעליגיע און וויסנשאַפט — זיינען ביידע טיילן פון דעם גרויסן קאָסמישן דראַנג צו דעם אַלגעמיינעם „רצון עולמי", וואָס הערשט אין דעם גאַנצן באַשאַף. ביידע שטראָמען — רעליגיע און וויסנשאַפט — האָבן זיך אָנגעהויבן פון דעם עץ־הדעת און זיי ציִען פּאַראַלעל אין דער אומענדלעכקייט, צו דעם אין־סוף פון צייטן.

וואָס טרייבט אָבער דעם מענטשנס געדאַנק און געפיל — די וויסנשאַפט און די רעליגיע — אין אָט דעם אייביקן שטראָם? איז דאָס ניט אין מענטשן אַ טייל פון דעם גאַנצן, אייביקן שטראָם פון דעם קאָסמאָס? דער דראַנג איז קאָסמיש, עס איז אין דער נאַטור און עס איז העכער פון אונדזער שׂכל, פון אונדזער פאַר־שטאַנד. איז דאָך דער מענטש ניט מער ווי איין קליינער טייל פון גאָטס וועלט.

אָבער צוויי זיינען זיי די כוחות אין מענטשן — דער יצר־טוב און דער יצר־הרע — איינער איז פון גאָט און דער צווייטער פון אַשמדאַי: צו בויען און צו צעשטערן, ווי עס זאָגט אַ גמרא, אַז „זכה — נעשית לו סם חיים, לא זכה — נעשית לו סם המיתה". פּירט דער געטלעך־רעליגיעזער געפיל דעם מענטשן צו די העכסטע איבערלעבונגען. אָבער שטאַרק איז אין מענטשן דער יצר־הרע, דער דראַנג צו שאָלטעווען און צו הערשן, ברעכן און צעשטערן, כלומרשט הייסט אַזוי גאָט — ברענען לעבעדיקע מענטשן אויף הייליקע שייטערס, כדי צו ראַטעווען זייערע נשמות — אויך דאָס האָט אויסגעשׂכלט דער קרומער שׂכל פון אַשמדאַי אין מענטשן! דערמאָנען מיר זיך, אַז די עצם רעליגיעס זיינען גאָר ניט געוואָקסן צוזאַמען מיט די פעלקער, זיי זיינען געבראַכט פון דער פרעמד. פעלקער זיינען געבליבן ווי זיי זיינען געווען, און די רעליגיעס זיינען געבליבן דאָגמעס, פּרינ־ציפּן, גלויבונגען, ווי בגדים פון פרעמדע פּלייצעס, איבערגעניצעוועט, צוגעפּראַ־וועט, ניט אָרגאַניש געוואָקסן צוזאַמען. בלויז די יידישע רעליגיע איז אָרגאַניש יידיש, געוואָקסן צוזאַמען און צוזאַמען זיך אַנטוויקלט — איין שטראָם, ניט קיין צוויי. סיידן די פרעמדע השפּעות. דערפאַר איז יידישקייט אַנדערש:

1. יידישקייט און יידישע רעליגיע זיינען איינס. וואָכעדיקע שאַפונגען אין יידישקייט ווערן פאַרהייליקט, קודש, אַלץ וואָס עס איז אויסגעשפּראָכן יידיש איז במילא רעליגיע, הלכה, שטייגער און הלכה — דינים. אָפּטיילן רעליגיעזע יידיש־קייט באַזונדער און וואָכעדיקע — ווידער באַזונדער — איז קעגן דער נאַטור פון יידישקייט. פאָלקישע פירונגען, שאַפונגען זיינען אַלע יידישע רעליגיע. די יידיש־קייט פון משה איז ווייט ניט די זעלביקע וואָס אברהמס, און רבי עקיבאס יידישקייט

איז ווידער גאָר ניט די וואָס משהס און אַזוי כּסדר ביז אונדז. און די וואָס ווילן יידישע רעליגיע באַגרענעצן נאָר מיט דער יידישקייט וואָס בכּתב, אין שולחן־ערוך און ניט ווייטער, — די זיינען די צדוקים, די קאַראַימען פון היינט.

2. יידישקייט, אָדער יידישע רעליגיע, אָדער יידישע קולטור — אַלץ איינס, זיינען ניט קיין פיקסירטע, אָפּגעשטעלטע זאַכן, עס לעבט און אַלץ וואָס לעבט האַלט אין וואַקסן, ענדערן זיך, ניט ווי די רעליגיע פון די שומרונים, פון די קאַראַימען. אונדזער היינטיקע יידישע רעליגיע אָדער אונדזער יידישקייט איז אַריבערגעוואַקסן די יידישקייט פון שולחן־ערוך. יידישקייט, אָדער יידישע רעליגיע איז ניט סטאַטיש, אָפּגעשטעלט, עד־כּאן און ווייטער ניט. עס איז אַ פּראָצעס „העלת כּל החול אל הקודש" — דאָס וואַכעדיקע, אויף וויפל עס איז יידיש, פון יידישן לעבן, מוז ווערן קודש. גאָר דאָס הייליקע היינט שטאַמט פון אַמאָליקן וואָכעדיקן. היינטיקע יידעס זיינען אַ מאָל געווען קליינע אייניקלעך־קינדער, היינטיקע הייליקע דינים זיינען אַ מאָל געווען פּשוטע פאָלקישע פּירונגען. רעליגיעז אָדער וועלטלעך — דער אונטערשייד איז נאָר אין עלטער. ניט מער.

3. דער זינען און דער ציל פון יידישקייט, אָדער פון דער יידישער רעליגיע איז ניט צו פאַרדינען זיך אַ בעסערן חלק עולם־הבא, נאָר די פאַרגעטלעכונג פון דער מענטשהייט — „לתקן עולם במלכות שדי". עס איז לגמרי ניט סתּם אַזוי דינען אַ שטרענגן און אַ בייזן גאָט און פאָלגן סתּם זיינע מיצוות — פאַרזאָגן, ווייל ער הייסט און וויל דווקא אַזוי. עס גייט אין „הלכות" — גענג און פירונגען פון פאָלק, ניט גאָט הייסט, נאָר דאָס פאָלק פירט זיך אַזוי, און גאָט אַליין טוט און לערנט די פירונגען פון זיין פאָלק, ער דאַרף אויספאָלגן די הלכות פון פאָלק. מיצוות זיינען פון הימל, הלכות זיינען שטייגער פון פאָלק, און „לא בשמים היא", הלכות — גאָר די יידישקייט קומט ניט פון הימל נאָר פון פאָלקס פירונגען. וואָס עס איז פאָלקיש דאָס איז געטלעך בקדושת הפאָלק.

דריי שטראָמען זיינען אַרויס פון עץ־הדעת — רעליגיעזע איבערלעבונג, רעליגיעזע אינסטיטוציעס און וויסנשאַפט. בלויז איינס פון אַלע באַשעפעניש האָט זיך געלאָזט אויף די וועגן פון אָט די שטראָמען. אַלע דריי האָבן זיך אָנגע־הויבן פאַרצייטן ווי קליינע ריטשקעלעך, פּרימיטיוו זיינען זיי געוואַקסן ביז די היינטיקע מעכטיקע שטראָמען. יעדער פון זיי, ווען ער גייט באַזונדער — קען זיין שעדלעך. רעליגיעזע איבערלעבונג אַליין איז ווי אַ קינד, וואָס שטאַרבט איידער עס ווערט געבאָרן. רעליגיעזע אינסטיטוציע אַליין איז אין גאַנצן אין די הענט פון אַשמדאַי און זי טוט די אַרבעט פון אַשמדאַי מיטן נאָמען פון גאָט.

וויסנשאַפט אַליין אָן רעליגיעזע איבערלעבונגען דאָס איז היטלערס וויסנ־שאַפט. נאָר די דריי אַלע צוזאַמען זיינען איין שטראָם וואָס ציט זיך אַרויף אויף יעקבס לייטער צו אַלע געטלעכע הייכן.

די יידישע רעליגיע איז אַן אָרגאַנישע, אַ פאָלקישע — געוואַקסן און אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיטן פאָלק, ניט איבערגענומען פון קיין אַנדערע, פון דער פרעמד, אַ נאַטירלעכע איז זי ביי יידן, ניט צו פאַרגלייכן מיט אַנדערע רעליגיעס ביי שכנישע פעלקער. אַל דאָס פאַרהייליקטע הייסט איז אַ מאָל געווען וואָכעדיק, וועלטלעך. דאָס וואָס איז היינט פאָלקיש־וועלטלעך דאַרף מיט דער צייט אויך פאַרהייליקט ווערן רעליגיעז, מן החול אל הקודש. מען קען ניט אַנגעמען אַ צווייטע רעליגיע און בלייבן אַ ייד, יידישקייט און יידישע רעליגיע איז איינס. אָבער יידישקייט קען ניט בלייבן ווי אַ מאָל אומפאַרענדערט; יידישקייט מוז זיך באַנייען מיט יעדער תקופה. די וואָס ווילן איינהיטן היינט יידישקייט, ווי זי איז פיקסירט אין שולחן־ערוך, די זיינען היינט ווי די צדוקים פאַרצייטן.

די עצם רעליגיעזע איבערלעבונג, די עמאָציע אַליין קען זיין די זעלביקע ביי מענטשן פון פאַרשיידענע רעליגיעס, אָבער רעליגיע, ווי דער פאַרהייליקטער שטייגער פון פאָלקישן אויפפיר — דאָס איז יידישקייט, און וועלטלעכע יידן קענען ניט זיין באַפרייט פון דעם. פונקט אַזוי טאָרן ניט פרומע יידן זיך אָפּזאָגן פון דער נייער איצטיקער קולטור און פון דער יידישער שפּראַך, ווייל דאָס איז היינט יידישקייט און יידישע רעליגיע. אַלץ איינס.

4

גאָט, געטלעכקייט – פאָלק, פאָלקישקייט

דער מחבר קוקט אויף זיין אַרבעט דאָ, ווי אויף אַ מין אַני־מאַמין, אַ גלויבן וואָס רירט אָן איינע פון די טיפסטע און גרונטיקסטע איינגעשאַפטן פון מענטשלעכן געדאַנק. עס גייט אין די באַגריפן און פאָרשטעלונגען וועגן גאָט.

די פּראָבלעם איז אַזוי אַלט ווי עס איז אַלט די מענטשהייט אויף דער ערד. די מענטשלעכע פאָרשטעלונגען וועגן גאָט זענען זיכער אַזוי אַלט ווי עס איז אַלט ביי מענטשן די שפּראַך בכלל. די גאָטבאַגריפן באַגלייטן דעם מענטשן דורך דער גאַנצער געשיכטע. די באַגריפן האָבן דורכגעמאַכט אַ געוואַלדיקע עוואָלוציע — פון די פאָרשטעלונגען וועגן אַ גאָט, וואָס שפּאַצירט זיך דורך אין גן־עדן „לרוח היום", וועגן אַ גאָט וואָס האָט פאָדערונגען און פאַרלאַנגען, און מענטשן דאַרפן אים געבן מתּנות, קרבּנות, וואַרעמע הערצער פון יונגע מיידלעך (אין אַלטן מעקסיקע) — ביז צו די פאָרשטעלונגען פון די יידישע נביאים, אַז גאָט פאַרלאַנגט גאָר ניט קיין קרבּנות, נאָר גערעכטיקייט; ביז ווייטער — צו באַזייטיקן פון דעם יידישן געדאַנק אַלע פראַגן און פּראָבלעמען פון אַ פאַרזיכיקן גאָט, וואָס עקסיס־טירט באַזונדער, אומאָפּהענגיק פון קאָסמאָס, אומאָפּהענגיק פון וועלט, און ווי כמעט ווי פאַרבאָטן עס איז לגמרי די גאַנצע טעאָלאָגיע, די וויסנשאַפט וועגן גאָט און זיינע אַטריבוטן. און אַזוי ווייטער, ביז אַריבערצוטראָגן די הויפּט־וויכטיקייט פון גאָט אַליין צו דער תּורה, וואָס גאָט אַליין דאַרף זיצן און לערנען, ביז צו אידענטיפיצירן די באַגריפן גאָט און תּורה ווי איינס און דאָס זעלביקע, ביז צו פאַרבינדן גאָט און די תּורה און יידישקייט אין איינס; ביז צו דערפירן, אַז די

תּורה־שבכּתב, וואָס נעמט אַרום די מיצוות פון גאָט אַליין, איז נישט דאָס וויכטיקסטע, נייערט די „הלכה" — דער יידישער שטייגער־לעבן און די פּאַרזיכיקע פירונגען פון די יידן, וואָס זיי זיינען אַנדערש פון דעם ווי עס פירן זיך ניט־יידן און וואָס זיי שטאַמען אַרויס, זיי זיינען באַגרינדעט לויט דער תּורה־שבכּתב.

אויף דעם געביט זיינען די יידן אַוועק פאַרויס פאַר אַלע אַנדערע פעלקער. פעלקער זיינען מודה אַז מיר האָבן זיי געגעבן דעם מאָנאָטעיִזם — איין גאָט, איין דערהויבענעם „אחד", און אַז די פעלקער האָבן אים לגמרי פּאַלש אויפגענומען. ביי זיי איז אחד אַ צאָל, אַן איינס, וואָס איז אגב געוואָרן אַ סכום פון דריי, אַ גאַנצע משפּחה אַ געטלעכע מיט אַ סך האַלבע געטער, וואָס מען רופט זיי „הייליקע". ביי אונדז איז „אחד" ניט דווקא די צאָל איינס. נאָר די איינִיקייט, „אחד ואין שני", די איינהייט וואָס מוז באַהערשן אַלץ. און דאָך איז נאָך העכער, נאָך וויכטיקער אַפילו פון יידישן „אחד" — די דעמאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף: טראַכט ניט און רעדט ניט וועגן אַ מאַטעריעלן גאָט, וועגן אַ גאָט מיט אַ באַזונדער עקסיסטענץ.

אָט דער געראַנגל פאַר און קעגן „הגשמה", ווי עס איז דער טערמין פון מאַטעריעלע גאָט־פאַרשטעלונגען אין דער יידישער פילאָסאָפיע, די דיסקוסיע, איז אַן אוראַלטע, העט פון די צען געבאָטן אָן מיט דעם „לא תעשה" קעגן דער גאָל־דענער קאַלב. דער עגל הזהב האָט דאָך אייגנטלעך ניט געדאַרפט זיין אַן אַנדער גאָט. עס האָט געדאַרפט בלויז זיין אַ מאַטעריעלער סימבאָל פון דעם יידישן גאָט. משה — דער אַנטימאַטעריאַליסט, האָט זיך אַזוי אויפגערעגט. אהרן, משהס ברודער, האָט עס אויפגענומען ווי נאַטירלעך.

אינטערעסאַנט — גאָלדענע קעלבער האָט געשטעלט אין מלכות שומרון אויך דער מלך ירבעם בן נבט. די נביאים האָבן עס קוים אַ פאָר מאָל דערמאָנט. ערשט אין גלות־בבל, ווען יידן האָבן מסתּמא שטאַרקער אָנגעהויבן דינען צו פרעמדע געטער, ניט בלויז צו סימבאָלן פון אַ יידישן גאָט, ערשט דעמאָלט האָבן די נביאים גענומען קעמפן מיט זייער גאַנצער ענערגיע. די מחלוקת איז אָנגעגאַנגען אויך שפּעטער: ווען גריכן זיינען געקומען קיין ירושלים און דערזען אַ בית־המיקדש אָן גאָט און אָן סימבאָלן פון אַ גאָט, איז ביי זיי געוווען זיכער אַז יידן האָבן ניט קיין גאָט. האָבן דאָך די חז"ל געגעבן דעם ערשטן יידן, אַברהמען, אין האַנט אַ האַק און אים געהייסן צעברעכן זיין טאַטנס אַלע געצן. ניטאָ ביי יידן קיין מאַטע־ריעלע געטער און קיין סימבאָלן. ניטאָ און עס טאָר ניט זיין קיין סימבאָל פון גאָט. און מען טאָר גאָר ניט טראַכטן וועגן מה למעלה און מה למטה, וועגן מעשה מרכּבה. נאָר פיר האָבן געוואַגט אַריינצוגיין אין „פּרדס", פיר גדולי ישראל, און פון זיי איז נאָר איינער אַרויס בשלום — נאָר רבי עקיבאָ.

דעם זעלביקן גרעאַנגל קעגן פאַרשטעלונגען פון אַ באַזונדערן, פאַרזיכיקן גאָט האָבן געפירט ווייטער יידישע דענקער און איבערהויפט דער רמב״ם. ער איז דאָך געווען דער „ממשה ועד משה לא קם כמשה״. אָבער אויך זיינע קעגנערס, די קעמפערישע אַנטי־רמב״מיסטן אין משך פון דורות (זע „הויכוח האַנטי־מימני במשך הדורות״ פון ד״ר יהודה רוזנטל), אויך זיי זיינען ניט געווען, חלילה, קיין בעלי הגשמה, נאָר זיי האָבן געהאַלטן, אַז די פּראָבלעם איז ניט וויכטיק. מען קען זיין אַ גוטער, געטרייער ייד און יאָ גלייבן אין הגשמה, שרייבט בפירוש דער ראב״ד. דער עיקר איז ניט ווי מען גלייבט נאָר ווי מען פירט זיך, ווי מען טוט. איז דאָך פאַראַן אין ש״ס אַ גאַנצער טראַקטאַט, אַ מסיכתא, וועגן „עבודה־זרה״, און ניט וועגן „אמונה־זרה״. יידישקייט איז בכלל ניט קיין רעליגיע פון גלויבונגען, נאָר אַ סכום פירונגען; גלייב ווי דו גלייבסט, אָבער אויפפירן זיך זאָלסטו ווי אַ ייד.

מען האָט מיר געשטעלט פראַגעס צי איך גלייב אין גאָט, אָדער איך גלייב אַז דאָס האָבן מענטשן אויסגעטראַכט אַ גאָט. האַלט איך, אַז די גאַנצע פראַגע איז פרימיטיוו, זי איז פרעמד און ווייט פון יידישקייט. זי איז צו אונדז אַנגעטראָגן פון די מאָדערנע געצנדינערס, וואָס זייער גאָט האָט אַ משפחה מיט אַ בן־יחיד, מיט אַ גאַנצער ביאָגראַפיע פון אָט דעם זון גאָטס, מיט אַ גאָט־געאָגראַפיע, מיט הייליקע ערטער, וווּ ער אָדער זיין מאַמע האָבן זיך באַוויזן. און אַז עס זיינען דאָ ערטער מיט גאָט, מיינט דאָך, אַז עס קענען זיין ערטער אָן גאָט אויך... זיינען דאָס ניט קיין יידישע באַגריפן, פרעמדע זיינען זיי.

צי גלייב איך? פאַראַן מדרגות פון גלייבן: מיין באָבע האָט געגלייבט, אַז נאַסע האָלץ טרעשטשעט אין אויוון, ווייל דאָס וויינען די נשמות פון די רשעים, וואָס זיינען מגולגל געוואָרן אין האָלץ. אַ קליינשטעטלדיקער ייד, וואָס איז רייך געוואָרן אין אַמעריקע, האָט מיר געזאָגט אַז „דער רבונו־של־עולם, זאָל געזונט זיין, האָט אים גוט צוגעהאָלפן אין אַמעריקע״. פונקט אַזוי איז שרעקלעך פרימיטיוו דער „אַנטי־גאָט״ פון די וואָס האָבן געפּריידיקט, אַז דאָס האָבן רבנים און גלחים אויסגעטראַכט גאָט. זיי ווייסן אויף זיכער, אַז קיין גאָט איז ניטאָ, נאָר עס איז דאָ „וואָזדוך״ (לופט), אָדער ווי יענער „געבילדעטער״ בחור האָט דערקלערט זיין מיידל, אַז ליבע דאָס איז נאָר אַזאַ וואַרעמקייט, און ווען ער האָט איר געוואָלט געבן אַ קוש, האָט זי אים אָפּגעשטופּט און געזאָגט, אַז ער זאָל קושן דעם אויוון, ווייל ער איז הייסער... דאָס איז דער „אַנטי־גאָט־גלויבן״, וואָס לערערס האָבן געזונגען מיט יידישע קינדער: „נאַטור, נאַטור, גיב אַ רעגן״ (אַנשטאָט דעם אָריגינאַל „גאָט געטרייער״).

ניט פאַרשטאַנען האָבן אונדזערע „וואָזדוך־גלייביקע״, אַז די גאַנצע נאַטור האָט אַ שייכות צו גאָט. ניט פאַרשטאַנען, אַז גאָט מיינט ניט עפּעס איבערנאַטיר־לעכס, אומנאַטירלעכער ווילקיר פון עפּעס אַ בייזן וועזן אַזאַ, וואָס ווערט אין כעס

און מען קען אים איבערבעטן מיט געהעריקע מתנות און מיט „גוטע בעטערס״; ניט פאַרשטאַנען האָבן אָט די פּרימיטיווע „אַנטי־גאָטיסטן״ דאָס וואָס די גמרא האָט שוין געזאָגט, אַז די פּירונגען פון גאָט זיינען ניט קיין ווילקיר, נאָר געזעצן (גזרות. מגילה כ״ה א׳). פאַראַן דערשיינונגען, וואָס גאָט באַווייזט זיי צוזאַמען מיט יידן, אָבער ער קען זיי ניט ענדערן, ווייל דאָס זיינען גזירות. פאַראַן אַפילו זאַכן וואָס מען דאַרף ניט בעטן, טאַקע דערפאַר, ווייל גזירות־געזעצן ענדערט אויך גאָט ניט. דאָס איז דער פּרימיטיווער גלויבן און פּרימיטיווער אומגלויבן. דער טיפערער דענקער זוכט ניט גאָט, אָבער ער זעט געטלעכקייט אומעטום, און אַלע מאָל טאַקע אין דער נאַטור, אין דער וועלט, אין אַלע פּשוטע, נאַטירלעכע דערשיינונגען טאָג־איין און טאָג־אויס.

אומעטום איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל געטלעכער זינען, גרויסקייט און אויך שיינקייט, אַז דער מענטש מיט אַ טיפערער נשמה ווערט רעליגיעז באַגייסטערט. אָט די רעליגיעזע באַגייסטערונג איז אַן אינעווייניקסטע איבערלעבונג, וואָס האָט ניט קיין שייכות צו קיין אָפיציעלע רעליגיעס. זי איז אָבער דער מקור פון אַלע רעליגיעס. מיר רופן דאָס רעליגיעז געפיל. דאַרווין, וואָס די אָפיציעלע רעליגיעס האָבן אים באַקעמפט, איז אַליין געווען אַ טיף רעליגיעזער מענטש. און ווי האָט עס געקאָנט גאָר אַנדערש זיין, ווען ער האָט דערפילט (אַ סך פריער ווי ער איז ווויסנשאַפטלעך דערגאַנגען), אַז די גאַנצע לעבעדיקע נאַטור — געוויקסן און בעלי־חיים — זיינען ניט סתם אַזוי אַנגעוואָרפענע מינים און אַרטן אָן אַ צאָל, נאָר זיי זיינען אַלע־אַלע אין אַן אייביקן פּראָצעס פון פאַרפּולקאָמונג, עפּעס ווי אַזאַ מין קאָסמישע שטרעבונג פון דער גאַנצער נאַטור צו כסדרדיקער פּערפעקציע, אַ שטרעבונג וואָס הערשט אין דער נאַטור אין משך פון מילי־מיליאָסן יאָרן, און זיי אַלע — הונדערטער־טויזנטער סאָרטן געוויקסן און בעלי־חיים — זיינען אַלע אויסגעסדרט אין אַ געטלעכן סדר פון פּרימיטיוו צו פּערפעקציע, וואָס הערשט אייביק אין דער נאַטור, אין גאָטס וועלט...

צו דער זעלביקער רעליגיעזקייט איז געקומען דער טיף רעליגיעזער יידישער דענקער הרב א. י. הכּהן קוק ז״ל, מיט זיין „העלת העולם״, „רצון עולמי״ אאַז״וו. איך ציטיר ניט, ווייל איך וואָלט געדאַרפט ציטירן אַלע דריי בענד פון זיין „אורות הקודש״. אָט אַזוי זיינען צוויי ווייטע מענטשן, געקומען פון פאַרשידענע וועלטן — איינער דורך זיין וויסנשאַפט, דער צווייטער — דורך זיין טיפער רעליגיע — געקומען צו איין „אחד״.

נאָך טיפער איז געווען די רעליגיעזע עמאָציע ביי איינשטיינען. ער האָט געשריבן, אַז דער וואָס זעט אַ זונאויפגאַנג אָדער אַ זונפאַרגאַנג און ער לעבט ניט איבער קיין טיפע רעליגיעזע עמאָציע, איז ווי אַ געשטאָרבענער. פּונקט דאָס

זעלביקע, כּמעט מיט די זעלביקע ווערטער, זאָגט אַן אַלטער מדרש (תּנחומא, סוף „זאת הברכה״). ווידער אַ מאָל — אַ צוזאַמענטרעף פֿון רעליגיעזקייט און וויסנשאַפֿט.

מען דאַרף אָבער ניט זיין קיין וויסנשאַפֿטלער ווי איינשטיין, קיין תּורה־ייִד ווי הרב קוק, כּדי צו דערפֿילן די געטלעכקייט אין דער נאַטור. איך באַוווּנדער תּמיד, ווי אַ פּאַרזייט בעבל שפּראָצט אַרויס פֿון דער ערד און טראָגט אַרויס זיינע זאָמענטיילן (די צוויי האַלבע טיילן), ווי אַן ערדנוס (פֿיסטאַשקע) שטופּט אַליין אַריין די פּרוכט אין באָדן. נאָר דער וואָס זיין נשמה איז טויט דערזעט ניט די געטלעכ־קייט אין דעם אַלעם. און ווי יעדער געוויקס „ווייס״ די פֿאָרעם פֿון זיינע בלעטער, וואָס ער דאַרף פּראָדוצירן, און ווען עס דאַרף בליִען און צייטיקן פּרוכט, און ווי יעדער געוויקס איז זיך פֿאַר זיך אַ כעמישע לאַבאָראַטאָריע אויסצואַרבעטן זיינע ספּעציפֿישע טעם און ריחות!

איך פֿלעג אַ מאָל, אין אייראָפּע, אַלע פֿרילינג, מיט אַ קלאַפּן אין האַרצן באַוווּנדערן די בושלען, געקומענע פֿון ווייטע לענדער אָן מאַפּעס, און אָן קאָמפּאַסן, און טרעפֿן אַפֿילו צו זייערע אַלטע נעסטן! און כּמעט תּמיד צו דער דאַטע! און וויפֿל נפֿלאות הבורא עס איז פֿאַראַן אין וואַקסן פֿון אַ נאָגל. און אַזוי כּסדר. אין דעם, למשל, ווי אַ קינד לערנט זיך אויס רעדן ריכטיק אָן גראַמאַטיקס און אָן לערער, און ועל־כּולם — וויפֿל געטלעכקייט עס איז פֿאַראַן אין אַ קליינער פֿאָרמול פֿון איינשטיינען וועגן מאַטעריע און ענערגיע! טאַקע אַ ברכה צו מאַכן „ברוך שנתן מחכמתו לבשׂר ודם״. אומעטום געטלעכקייט, אומעטום איין שטרעבן צו דערהייבונג, אומעטום גאָט — כּבודו מלא עולם. אומעטום אין דער גאַנצער נאַטור איז דאָ אַזוי פֿיל געטלעכקייט, אומעטום, אַפֿילו אין וואַקסן פֿון אַ נאָגל אויף אַ פֿינגער, אין שמייכל פֿון אַ קינד. אומעטום, אין אַלע פּראָצעסן הערשן געטלעכע, אייביקע געזעצן, אַז „ברכי נפשי״ — (תהלים ק״ד) — די פֿילנדיקע נשמה פֿילט אין זיך די געטלעכקייט און עס זינגט זיך צו גאָט, וואָס איז אומעטום אין דער וועלט.

און יידן זיינען דאָס איינציקע פֿאָלק וואָס האָט זיך אין גאַנצן באַפֿרייט פֿון אַלע מאַטעריאַליסטישע, געצנדינערישע גאָטבאַגריפֿן. אַנדערע פֿעלקער, וואָס האַלטן זיך פֿאַר מאָנאָטעיִסטן, זיינען אָבער געבליבן ביים אַלטן גלויבן אין גאָטס לייב, אין זיין בלוט און נאָך און נאָך. ניט פֿאַר אונדז געדאַכט.

און ניט בלויז דער גאָטבאַגריף, אַפֿילו זייער פֿאַרהייליקט הימלאַנד האָבן יידן אויסגעטאָן פֿון דער מאַטעריע, און די נשמה מיטגענומען מיט זיך אין אַלע וואַנדערונגען. זיינען יידן דאָס איינציקע פֿאָלק, וואָס האָט צוויי טויזנט יאָר געלעבט אין שווערע גלותן און אומעטום געבויט „ירושלימס״, מיט גאָט און מיט זיין תּורה וואָס אין פֿאָלק, אין זיין לעבן, אין זיין פֿאָלקישקייט.

געצנדינער זוכן אַ גאָט. יידן זוכן (און געפינען!) געטלעכקייט. און — בעסער אַ גלות־ייד מיט גאָט און ארץ־ישראלדיקייט אין האַרצן איידער גאָר אַ סך ישׂראלים אָן געטלעכקייט, אָן „ישׂראלדיקייט"...

בכן, רעדט זיך לגמרי פון עפּעס אַ באַזונדערער, פאַרזיכיקער עקסיסטענץ, עפּעס איבער דער וועלט, אויסער דער וועלט. עס רעדט זיך און עס ווערט געדענקט וועגן דער אייביקער געזעצמעסיקייט, וואָס הערשט פון אייביק און ביז אייביק אין אַלע וועלטן, פון די געזעצן וואָס הערשן אין קליינעם אַטאָם און וואָס הערשן אין די אומענדלעך גרויסע גאַלאַקסן, אין דעם לעבן פון אַ מיקראָב, אין דעם שפּראָץ פון אַ גראָז און אין דעם מוח פון אַן איינשטיין. אומעטום איז געטלעכקייט, כבודו מלא עולם און „ניטאָ קיין אָרט אָן דו". ניטאָ און עס טאָר ניט זיין קיין גאָט־וויסנשאַפט — אַלע וויסנשאַפטן זיינען וועגן דער געטלעכקייט פון דער וועלט. ניטאָ און עס דאַרף ניט זיין ביי יידן קיין טעאָלאָגיע, קיין באַזונדערע וויסנשאַפט וועגן אַ באַזונדערן גאָט. אַלע וויסנשאַפטן פאָרשן און שטודירן די געטלעכקייט וואָס הערשט אין דער וועלט. זוכט ניט קיין גאָט אויסער און איבער דער וועלט, זוכט און פאָרשט די געטלעכקייט אין דער וועלט, אומעטום, אין אַלע וועלטן.

פאָלק און פאָלקישקייט

„הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו"
(איכה רבה, פתיחתא ב'. אויך אין ירושלמי).

יידישע רעליגיע איז אַנדערש פון די אַנדערע אָנגענומענע רעליגיעס. זי איז ניט קיין רעליגיע ווי און אין און וואָס צו גלייבן. ניטאָ אין דער תורה קיין מיצווה, קיין פאַרזאָג צו גלייבן און ווי צו גלייבן; ניטאָ אַזאַ מיצווה צווישן די תרי"ג מיצוות. יידישקייט איז ניט קיין רעליגיע פון דאָגמעס צו גלייבן, און וואָס מיט דעם גלייבן אין די דאָגמעס איז מען שוין אַ ייד. יידישקייט באַשטייט פון מיצוות „עשה", וואָס מען דאַרף טון, און פון „לא תעשה" — וואָס ניט צו טון. ניטאָ אָבער קיין מיצווה: אַזוי זאָלט איר גלייבן און אַזוי זאָלט איר ניט גלייבן. ניט פאַר גאָט זענען יידן געוואָרן אַ פאָלק, זיי זיינען געווען אַ פאָלק איידער זיי האָבן געקראָגן די תורה. די תורת־משה האָט נאָר פאָרמולירט און פאַרפעסטיקט וואָס עס איז געווען ביי יידן פריִער. דאָס איז דער ריכטיקער זינען פון דעם זאָג, אַז אברהם אבינו האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה. שפּעטער האָט עס ניט דער ש"ס באַשאַפן די גאַנצע הלכה־יידישקייט, נאָר ער האָט בלויז פאָרמולירט און איינגעשטעלט די „הלכה" — דעם שטייגער וואָס יידן האָבן געפירט. פונקט אַזוי איז עס שפּעטער

געוועזן מיט די טורים, מיט דעם שולחן־ערוך: פון פאָלקישן לעבן — אין ספרים אַריין פאַר ווייטערדיקע דורות. פונקט אַזוי האָט עס די היינטיקע ליטעראַטור אין יידיש ווי אין העברעיִש — געפורעמט און פיקסירט אונדזער פאָלקיש לעבן איצט אין מיזרח־אייראָפּע. זי האָט אָבער, צום באַדויערן, ניט געשאַפן פון דער ליטעראַטור קיין הלכה, קיין יידישקייט למעשׂה, קיין פראַקטישע יידישקייט.

דער תּנך קלאָגט זיך כּסדר, אַז יידן דינען צו פרעמדע געטער. ביז דער תּנך תּמיד דאָס וואָרט „עבודה״, ויעבדו אלוהים אחרים. עבודה מיינט אין העברעיִש אַרבעט, טווּנגען, עס איז אָבער ניטאָ אין תּנך אַן אָנקלאָג, אַז די יידן גלייבן אין אַנדערע געטער, ניט קיין ויאמינו באלוהים אחרים. אין ש״ס איז דאָ אַ גאַנצע מסיכתּא „עבודה־זרה״ — עס מיינט ניט דווקא רעליגיע, ניט דווקא דינען צו געטער, נאָר בכלל אַלע טווּנגען, טעטיקייטן, אַלע קולטור־עלעמענטן פון פרעמדע, ניט פון יידישן אָפּשטאַם. עס רעדט זיך אָבער ניט וועגן „אמונה־זרה״.

דורות נאָך דורות, יאָרהונדערטער נאָך יאָרהונדערטער, האָבן יידן רק געזוכט צו שמידן אַן איינהייטלעכע הלכה (שטייגער) פאַרן גאַנצן פאָלק, אין אַלע זיינע צעשפּרייטקייטן, אין אַלע לענדער. צעזייט און צעשפּרייט געאָגראַפיש, אָבער איינהייטלעך אין פירונגען, אַן השפּעות פון די בעלי־בתּים־פעלקער.

די משׂכּילים האָבן אַלע מאָל געחלומט וועגן „אמונה צרופה״ — אַ רעליגיע בלויז פון גלויבן, אָן מעשׂים, אָן פּראַקטישע מיצוות, נאָר דאָגמעס, וואָס מען קען יוצא זיין מיטן גלויבן אַליין — לעבן מעג מען ווי אַלע ניט־יידן, און יוצא זיין מיט דעם גלויבן. דאָס איז אַסימילאַציע. עס קען ניט זיין קיין יידישקייט אָן מעשׂים. די מעשׂים זענען אָבער ניט פאַר גאָט. יידישקייט האָט ניט געוווּצט דאָס וואָרט „רעליגיע״. זינט די צען געבאָט אין חומש האָט יידישקייט אָנגעזאָגט ניט צו פאַרנעמען זיך צו פיל מיט גאָט. נאָר צוויי פון די צען געבאָטן זיינען וועגן גאָט! יידישע נביאים האָבן געפאָדערט סאָציאַלע גערעכטיקייט און ניט שיינע צערעמאָניעס מיט גאָט־דינסטן. די חכמי התּלמוד האָבן אָנגעזאָגט זיך ניט צו פאַרנעמען מיט קיין וויסנשאַפטן וועגן גאָט; ניטאָ קיין טעאָלאָגיעס ביי יידן! פיר גרויסע יידן האָבן געפּרוּווט פאַרנעמען זיך מיט טעאָלאָגיע (פּרדס), זענען פון זיי דריי געניזקט געוואָרן! זייער זעלטן ווער עס טאָר זיך אָפּגעבן מיט „מעשׂה מרכּבה״ (וועגן מהות פון גאָט). די תּורת־משה דערקלערט אַלע מיצוות ניט מיט רעליגיע, נאָר מיט די נוצן פון פאָלק. וועט איר גיין אין די ריכטיקע וועגן, וועט דעם פאָלק זיין גוט; אַלץ איז אויסגערעכנט פאַרן פאָלק. יידישקייט איז פון אָנהייב אָן געוועזן ניט קיין גאָט־רעליגיע, נייערט אַ פאָלק־רעליגיע. ניטאָ קיין יידישע ליטעראַטור, קיין יידישע קונסט דאָרטן וווּ עס איז ניטאָ קיין יידיש־וועלטלעך לעבן, קיין יידיש לשון. עס מעג אַפילו זיין אַ שטאַרקע און פעסטע רעליגיע. אַ סימן — יידישקייט איז נישט אידענטיש מיט רעליגיע בלויז. שטייגער

און שפּראַך — זיי זיינען יידישקייט און זיי זיינען פאַרהייליקט געוואָרן ווי די יידישע רעליגיע.

די תּורת־משה, די נביאים, האָבן זיך באַמיט צו שמידן אַ פאָלק וואָס זאָל זיין אַ „ממלכת כּוהנים וגוי קדוש" — אַ פאָלק מיט הייליקן אויפפיר. דאָס אַלץ דורך מיצוות, ווי גאָט האָט געבאָטן. די אויסשמידונג האָט אָנגעהויבן משה און פאַרפעסטיקט האָט זי בלויז עזרא הסופר (די גמרא האַלט טאַקע פון עזרא אַזוי ווי פון משהן). נאָך דעם איז עס שוין ניט נייטיק געווען צו שרייבן ווערגן געבאָטן פון גאָט. די פירונגען פון יידישן פאָלק — זיי זיינען געטלעך, הייליק. דערפאַר איז געקומען דער נייער טערמין „הלכה" — שטייגער, וואָס איז אין תּנך לגמרי ניטאָ. דער שטייגער פון די יידן, פון יידישן פאָלק איז הייליק, איז פון סיני און איז ניט מער אין הימל (לא בשמים היא); די הלכה — דער הייליקער, געטלעכער יידישער שטייגער — ער ווערט פעסטגעשטעלט דורך די חכמים, און „מיר פאָלגן ניט אַפילו קיין בת־קול", אַפילו ניט גאָטס שטים אַליין!

און דער רבונו־של־עולם אַליין זיצט אין זיין ישיבה של מעלה און ער לערנט אויך די הלכה, און חכמים דיסקוטירן אַפילו מיט אים. גאָט האַלט אַזוי, און „די גאַנצע ישיבה זאָגט פאַרקערט", און מען שיקט פרעגן. ביי וועמען? ניט ביים רבונו־של־עולם, נאָר ביי אַ לעבעדיקן חכם, ער זאָל פּסקענען... און ער (רבה בר נחמני) איז „געבעטן געוואָרן אין דער הימלישער ישיבה אַריין" (ב׳ מציעא פ"ו א׳). אויסער די פיר איילן פון הלכה האָט דער רבונו־של־עולם גאָרניט. עס מיינט — די גאַנצע יידישקייט איז דער שטייגער (הלכה), ווי דאָס יידישע פאָלק פירט זיך. ניטאָ קיין אַנדער הייליקייט פאַר גאָט אויסער דעם יידישן שטייגער, דער הלכה. ניטאָ קיין קאַפּריזן, קיין גלוסטונגען און פערזענלעכער ווילן, נאָר „גזרות"־געזעצן. אַפילו באַשאַפן די וועלט האָט גאָט אויך: „געקוקט אין דער תּורה און באַשאַפן די וועלט". און די תּורה איז שוין ביים יידישן פאָלק, אין זיין שטייגער, אין זיין הלכה. די ערשטע דריי שעה אין טאָג זיצט דער רבונו־של־עולם און לערנט תּורה, ער לערנט די הלכה וואָס ביים יידישן פאָלק! גאָט לערנט יידישקייט, ווייל יידיש־קייט, יידישער שטייגער, יידיש לעבן איז אויך אַזוי געטלעך, ווי די גאַנצע נאַטור, דער גאַנצער קאָסמאָס.

וואָס איז די יידישע רעליגיע? דאָס איז יידישקייט, יידישער שטייגער. דער ציל און זינען פון יידישקייט, פון יידישן שטייגער איז ניט גאָט און ניט פאַר גאָט, ניט ווייל ער וועט באַצאָלן; די יידישע רעליגיע באַמיט זיך ניט צו ראַטעווען נשמות פון גיהנום־פייערן. דאָס האָבן אַנדערע „פרומע פעלקער" געברענט יידישע לייבער כּדי צו ראַטעווען יידישע נשמות פון גיהנום, ווייל דערמיט טוען זיי דעם רצון פון זייער גאָט, דעם רחמנותפולן... ניין, יידישקייט אָדער יידישע רעליגיע

איז לכתחילה אויסגערעכנט פאַרן קיום פון יידישן פאָלק, און דער קיום איז אין אָפּהיטן די פאָלקישקייט, דעם פאָלקישן שטייגער, די נשמה.

אַזוי ווייט דערגייט ביי יידן די אידענטישקייט פון געטלעכקייט מיט יידישקייט, מיט יידישן שטייגער, אַז „גאָט ברוך־הוא און די תורה און יידישקייט איז איינס" (זוהר, אמור, אחרי). ביז צו זאָגן אַז ווען יידן היטן ניט אָפּ קיין יידישקייט, ווערט דער רבונו־של־עולם אָפּגעשוואַכט (מדרש איכה)...

רעליגיע איז אין העברעיִש „אמונה". אָבער דאָס וואָרט אמונה האָט צוויי טייטשן. עס איז אמונה־גלויבן, און עס איז אמונה־געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט. אין תנך ווערט טאַקע דאָס וואָרט אמונה מער גענוצט ווי געטרייקייט. געטריי צו וועמען? צום יידישן פאָלק, צו דער יידישער פאָלקישקייט. אמונה, ווי גלויבן, איז איבערהויפּט אַריין אין געברויך אַ סך שפּעטער, אין מיטל־עלטער, איבערהויפּט טאַקע צוליב די אָנגריפן פון פאַרשידענע אַנדערע רעליגיעס און עבודה־זרות. דער עיקר פון די קאַראַיִמען, וואָס האָבן פון יידישקייט געוואָלט מאַכן אַ גאָט־רעליגיע, ווייל קיין פאָלקישקייט, קיין יידישן שטייגער, האָבן זיי ניט געוואָלט. זיי האַלטן ניט פון קיין פאָלקישער יידישקייט, וואָס עס איז ניט פאַרשריבן. דעמאָלט האָבן גרויסע יידישע דענקער אָנגעהויבן זיך צו פאַרנעמען מיט יידישקייט ווי אַ רעליגיע מיט גלויבונגען; פון דעמאָלט אויך דעם רמב"מס „אני מאמין". בכלל אָבער האָבן זיי מער געזאָרגט וועגן די קלענסטע פּרטים פון שטייגער איידער וועגן די פּרינציפּן פון גאָט־פילאָסאָפיעס.

מען קען, מיט רעכט, זען אויך אין די היינטיקע טעאָריעס פון אַ יידישער רעליגיע, ווי די אַנדערע רעליגיעס, אַ רעליגיע מיט קרעדאָס און דאָגמעס, אַ מין וועלן לעבן ווי ניט־יידן און יוצא זיין מיט צערעמאָניעס צו דעם יידישן גאָט. דאָס איז אַ פאַרגוייִשטע יידישקייט. מיר איז ניט לאַנג אויסגעקומען צו הערן אין אַ דיסקוסיע: „צאַצקעט זיך ניט מיט פאָלקישקייט־שאָלקישקייט, גאָט דאַרף ניט אייער פאָלקישקייט"... נו, וואָס גאָט דאַרף און וואָס ער דאַרף ניט — שווער פאַר מיר צו וויסן. איך ווייס אָבער זיכער, אַז דאָס יידישע פאָלק און זיין קיום דאַרפן יאָ, און זייער נייטיק דווקא פאָלקישקייט. שטייגער און המשך פון דעם וואָס יידישקייט איז געווען אין מיזרח־אייראָפּע. אַזוי ווי תורה האָט ניט געקאָנט און ניט געטאָרט בלייבן נאָר דאָס וואָס בכתב, אַזוי טאָר אויך די הלכה ניט בלייבן נאָר דאָס וואָס בכתב. אַלץ וואָס עס פירט זיך ביי יידן כדי צו זיין יידן, אַלץ ווי יידן פירן זיך ווייל זיי זיינען יידן — דאָס אַלץ איז יידישקייט און עס איז הלכה, און עס איז קודש, ווי הרב קוק ז"ל זאָגט עס: „הרמת כל החול כולו אל הקודש" („אורות הקודש" ב׳ סעיף י"ח).

דער אויספיר:

א) יידישע רעליגיע איז ניט קיין גאָט־רעליגיע, נאָר אַ פאָלק־רעליגיע. דער עולם־הבא מיטן ראַטעוועז זיך פון די פייערן פון גיהנום איז ניט דער ציל פון יידישער רעליגיע, נאָר אַ מיטל וואָס דאַרף העלפן אַז יעדער יחיד זאָל דינען דעם קיום־האומה, צו ברענגען דאָס פאָלק צו דעם „לעתיד לבא״ פאַרן פאָלק און פאַר דער מענטשהייט אויף דער וועלט.

ב) דאָס יידישע פאָלק קען בלייבן אַ פאָלק נאָר ווען עס וועט היטן זיין אייגענע הלכה. דאָס הייסט — שפּראַך און שטייגער. אַזוי זיינען אייגנטלעך אַלע פעלקער. נאָר ביי זיי היט הלכה זייער מלוכה, דאָס לאַנד. ביי אונדז, אַ פאָלק אין צעשפּרייטקייט, קען אַנשטאָט דער מלוכה דאָס טאָן נאָר די פאַרגעטלעכונג פון דעם פאָלקסשטייגער, פון דער הלכה.

ג) די הלכה ווערט גענומען דירעקט פון לעבעדיקן שטייגער, (היינט אָדער נעכטן). זי איז ניט און טאָר ניט זיין קיין פיקסירטע פון קדמונים. איר סימן איז: הבדלה — אַנדערש פון דעם ווי אַנדערע פעלקער פירן זיך און — המשך; עס מוז אָפּשטאַמען פון אייגענער, פאָלקישער טראַדיציע.

און גאָר צום סוף: פאַר וואָס האָט זיך ניט געשאַפן און עס שאַפט זיך ניט איצט ביי היינטיקע יידן קיין פאַרהייליקטע הלכה פון דעם דירעקטן נעכטן אין מיזרח־אייראָפּע?

דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס עס איז ניטאָ קיין אמתע, אויפריכטיקע אהבת־ישראל, אַזאַ געטרייקייט, וואָס זאָל ווערן אַן אמונה. אַלע ריכטונגען, וואָס ווילן באַגרענעצן יידישקייט צו אַ גאָט־רעליגיע, אַלע ליידן זיי אויף אַ פשוטער שׂינאת־ישׂראל. זי קומט אין פאַרשידענע מדרגות. זי איז אָבער דאָ אין אַלע ריכטונגען — פון דער עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע, ווי סאַטמאַר און נטורי־קרתא, ביז צו די עקסטרעמע רעפאָרמער׳ס, ביז די דזשודאַיִסטן... עס איז אין די אַלע ריכטונגען פאַראַן פאַרבאָרגן אַ טיפער פאַרלאַנג: מען שטרעבט צו ווערן אויס פאָלק פאַר זיך. עס ווילט זיך ווערן ניט „פאָלק״, נאָר בלויז „עטנישע סעקציע״, בלויז אַ טייל פון דעם לאַנדפאָלק, וואָס האָט אַ באַזונדערן „קלויסטער״ אַזאַ...

וועל איך פּרובירן סומירן דאָס געלערנטע

1. יידישקייט איז אַ רעליגיע אַנדערש פון אַנדערע רעליגיעס. זי איז ניט קיין סכום קרעדאָס, פּרינציפּן, גלויבונגען. יידישקייט איז ניט קיין פיקסירטע, געענדיקטע, ניט קיין פאָרמולירטער סכום מיצוות און עבירות, אָט אַזוי צו טאָן, און ווער עס פירט זיך אַנדערש, איז מער ניט קיין ייד. דאָס איז אַ פאַלשע אויפפאַסונג פון יידישקייט. יידישקייט איז אַ פונקציע פון אַ לעבעדיק פאָלק. כל־זמן

עס לעבט אַ פֿאָלק, שאַפֿט עס. עס שאַפֿט כּסדר אַ לעבעדיקער פּרט — אַ מענטש, אַ יחיד, און עס שאַפֿט אַ לעבעדיקער קאָלעקטיוו — אַ פֿאָלק. אַלץ וואָס דאָס יידישע פֿאָלק, דער לעבעדיקער פֿאָלקישער קאָלעקטיוו שאַפֿט ווי אַ פֿאָלק, אַלץ דאָס איז יידישקייט. עץ־החיים — אַ בוים, אַז עס לעבט, שאַפֿט עס יעדעס יאָר נייע און נייערע יונגע קנאָספּן, צווייגעלעך, בלעטער, בלומען און פּירות. אַלטע צווייגן ווערן פֿאַרהאַלצט, טויט, און בלעטער פֿאַלן אָפּ. אָנוואַקסן און אָפּדאַרן — דאָס איז לעבן... אַזוי איז יידישקייט: אַלטע, פֿאַרעלטערטע עלעמענטן פֿאַלן אָפּ, נייע עלעמענטן וואַקסן אָן אין יידישקייט. און דאָס נייע, פֿאָלקישע, פֿון פֿאָלק, פֿאַרן פֿאָלק, דורכן פֿאָלק געשאַפֿענע — דאָס איז אויך יידישקייט, אויב אַפֿילו ניט פֿאַרשריבן, ניט פֿאָרמולירט אין קיין רעליגיעזע קאָדעקסן.

2. רעליגיעס ענדגילטיק פֿאָרמולירטע, פֿאַרשריבענע געזעצן — די רעליגיעס זיינען מער ניט קיין לעבעדיקע. לעבעדיקע פֿעלקער האַלטן פֿון זיי, פֿון אַזוינע רעליגיעס, אָבער די פֿעלקער לעבן מיט זייער פֿאָלקישקייט באַזונדער, ניט מיט די רעליגיעס: פֿאָלישקייט און קאַטוילישקייט זיינען ניט אידענטיש. קיין קאַטויליש פֿאָלק אידענטיפֿיצירט זיך ניט מיט דער רעליגיע. פֿאַר יענע אַלע פֿעלקער זיינען די רעליגיע און זייער פֿאָלקישע קולטור — צוויי באַזונדערע שטראָמען, פּאַראַלעלע געביטן זיינען דאָס, אָבער באַזונדערע: „וואָס פֿאַרן קייסער איז פֿאַרן קייסער, און וואָס פֿאַר גאָט — דאָס איז באַזונדער״.

3. יידישע רעליגיע איז אָבער פֿול אידענטיש מיט לעבעדיקער יידישקייט. וואָס פֿון פֿאָלק, איז במילא פֿון יידישן גאָט. גאָט און פֿאָלק גייען ביי יידן צוזאַמען, וואָס פֿאָלקיש — איז געטלעך. יידישע קולטור און יידישע רעליגיע זיינען איין שטראָם, ניט קיין צוויי, ווי ביי אַנדערע פֿעלקער און ביי אַנדערע רעליגיעס.

4. פֿון צייט צו צייט, אין פֿעריאָדן פֿון גרויסע ענדערונגען אין לעבן פֿון פֿאָלק, ווערט יידישקייט פֿאָרמולירט, פֿאַרשריבן. די ניי־פֿאַרשריבענע יידישקייט (יידישקייט שבכּתב) איז ניט עפּעס נייע, ערשט געגעבן. ניין, דאָס נייע איז ניט פֿאַרשריבן, אָבער געלעבט האָט עס שוין פֿריִער אויך אין אַ ניט־פֿיקסירטער פֿאָרעם (בעל־פּה). משה רבינו האָט געגעבן דעם יידישן פֿאָלק די תּורה, אָבער זי איז ניט געווען קיין „שפּאָגל־נייע״, ערשט איצט געשאַפֿן. די אָבות — אברהם אָבינו האָט שוין געהאַט די גאַנצע תּורה און זיך געפֿירט לויט דער תּורה. (אַזוי דערציילט אַ גמרא). משה האָט די יידישקייט פֿון די אָבות, דאָס וואָס איז ביי זיי געווען בעל־פּה, געגעבן דעם יידישן פֿאָלק בכּתב, פֿאָרמולירט און דעפֿינירט.

שפּעטער מיט דורות, ביי אַ גרויסער ענדערונג האָט עס עזרא פֿון דאָס ניי געפֿורעמט, פֿאָרמולירט, באַשטימט. עזראַס טיטל איז „עזרא הסופֿר״ — דער פֿאַרשרייבער. וואָס פֿאַרשריבן? — פֿאַרשריבן די פֿירונגען פֿון פֿאָלק, פֿיקסירט דעם גאַנג — די הלכות.

נאָך שפּעטער זײַנען דאָס געװוען די חז״ל, װאָס האָבן אין משך פון לאַנגע דורות קאָלעקטיװ זיך פאַרנומען מיט די פּירונגען און הלכות פון פאָלק. שוין ניט מער מיצוות — באַפעלן, אַזוי האָט גאָט געהייסן, נאָר הלכות — שטייגער, נאָרמעס פון פאָלק. דער מקור פון יידישקייט איז גאָרניט קיין אַבסטראַקטער, פאַרזיכיקער גאָט, װאָס פאָרמולירט זײַנע געזעצן, דער מקור איז דאָס לעבעדיקע פאָלק און זײַנע פּירונגען, זײַן שטייגער, זײַנע הלכות. דער גאַנצער ש״ס, װי ער איז רעדאַקטירט געקומען צו אונדז, איז ניט קיין פאָרמולירטע געזעצן, נאָר ער איז אייגנטלעך די „פּראָטאָקאָלן פון די פאַרהאַנדלונגען און די דיסקוסיעס אין די אַקאַדעמיעס״ בעתן װעלן באַשטימען די מלכות־נאָרמעס.

5. יידישקייט אָדער יידישע רעליגיע איז אייגנטלעך קיין מאָל ניט געװוען קיין גאָט־רעליגיע, נאָר אַלע מאָל — אַ פאָלק־רעליגיע. אין צענטער איז אַלע מאָל געשטאַנען דאָס פאָלק. שוין אין די עשׂרת־הדיברות, װען דער יידישער גאָט שטעלט זיך פאָר פאַרן גאַנצן פאָלק, רעקאָמענדירט ער זיך ניט װי דער באַשעפער פון קאָסמאָס, נאָר מיט אַ ריין־יידיש־פאָלקישן ייחוס: דער כּוח, גאָט, װאָס האָט אייך באַפרייט פון קנעכטשאַפט אין מצרים. אַלע אַנדערע געבאָטן זײַנען ניט װעגן גאָט, נאָר ריין סאָציאַלע נאָרמעס װי צו לעבן. און גלייך נאָך די עשׂרת־הדיברות קומט אַ גאַנצע סדרה „משפּטים״ — סאָציאַלע געזעצן פאַרן פאָלק. און אַזוי װייטער, ביז די חז״ל האָבן גאָר פאַרבאָטן זיך צו פאַרנעמען מיט גאָט־פּראָבלעמען. ניטאָ אין יידישקייט קיין פאַרזאָג צו גלייבן אין גאָט־אַטריבוטן. פאַר־קערט, ס׳איז גאָר פאַרבאָטן געװאָרן צו פאַרנעמען זיך מיט טעאָלאָגיע. יידישע רעליגיע פאַרנעמט זיך ניט מיט טעאָס (גאָט) נאָר מיט עטאָס (מאָראַל).

6. יעדע רעליגיע האָט אַ ציל פאַר זיך. דער ציל פון אַנדערע רעלי־גיעס איז צו באַפרייען דעם מענטשן פון די גיהנום־פּייערן נאָכן טויט. דער ציל פון דער יידישער רעליגיע איז — אין חומש — דאָס גליק פון פאָלק אין זײַן לאַנד, אויף דער ערד. שפּעטער, װען דאָס לאַנד איז פאַרלאָרן געגאַנגען, אָדער נאָך פריִער, איז דער ציל פון יידישקייט געװאָרן דער „באחרית הימים״, דער „לעתיד לבא״, דער „ימות המשיח״, װען די גאַנצע מענטשהייט װעט אויסגעלייזט װערן, װען די מענטשן גופא װעלן בעסער װערן, װען מען װעט גאָר ניט דאַרפן קיין מיצוות („מצוות בטלות לעתיד לבא״), װייל דער שטייגער, די הלכה װעט זײַן אַ מענטשלעך־געטלעכע. די נאַטור פון מענטשן װעט זײַן געטלעך.

קומט אַרויס, אַז די אוניװערסאַלע רעליגיעס זײַנען גאָר עגאָיִסטישע, און די נאַציאָנאַלע יידישע רעליגיע איז מיט אַלמענטשלעכע צילן און אויפגאַבן.

7. פעלקער האָבן זייערע רעליגיעס באַקומען, איבערגענומען. גאָט הייסט און מענטשן דאַרפן פאָלגן. ביי יידן, פון חז״ל אָן, איז די קבלת־התורה װי געטלעך. זיי, די חכמי ישׂראל פורעמען די געזעצן פון דער תורה, זיי פאָרמולירן, זיי

באַשטימען, זיי פּסקענען. דאָס איז דער פּראָצעס פֿון „תּלמוד תּורה״: יידן פּיקסירן די הלכה און גאָט, דער גוטער יידישער גאָט זיצט און שטודירט און לערנט די תּורה וואָס דאָס יידישע פֿאָלק שאַפֿט. יידן אויף דער ערד האָבן זייערע ישיבות־אַקאַדעמיעס, און ער, דער רבונו־של־עולם, האָט אויך זיין ישיבה של מעלה, ווו ער זיצט מיט געקליבענע חכמי ישׂראל און שטודירט אויך. און מען דיסקוטירט אויך מיט אים: הקב״ה אומר טהור און די גאַנצע ישיבה האַלט אַנדערש...

...ביין! דערציילט ראַווידאָוויטש — גוייִשע טעאָלאָגן קענען עס ניט פֿאַר־שטיין. גאָר אַנדערע באַגריפֿן. קיין פֿאַרגלייך ניט.

דאָס איז די געבענטשטע יידישע „חוצפּה כּלפּי שמיא״, וואָס האָט געשטעלט יידן גאָר באַזונדער פֿון דער גאַנצער וועלט. עס איז ניט אַז גאָט האָט געצוווּנגען די יידן מקבּל צו זיין די תּורה פֿון גאָט, ווי די גמרא דערציילט עס אין אַ וויץ, נאָר פֿאַרקערט, די יידן האָבן דאָס אַרויפֿגעצוווּנגען די אייגענע שטייגערישע יידישקייט אויף דעם רבונו־של־עולם, און ער — דער הייליקער פֿון ישׂראל — האָט געמוזט זי אָנגענומען און זי פֿאַרגעטלעכט, ווייל „זינט דער בית־המיקדש איז חרוב געוואָרן האָט ניט די געבענטשטע הייליקייט אונדזערע אין דער וועלט, גאָרניט אַחוץ די פֿיר איילן פֿון דער שטייגערישער יידישער הלכה״ (אַ גמרא).

דאָס איז דער אייביקער, דויערנדיקער פּראָצעס פֿון מתּן־תּורה און קבּלת־התּורה, וואָס איז קעגנזייטיק: משה ברענגט די געטלעכע יידישקייט, וואָס אברהם האָט זי שוין געפֿירט. אברהם „העברי״ האָט זי געפֿירט בעל־פּה; יידן אין מצרים האָבן זי געהאַט און געהיט ווי די „מיסטוריין״ (איראַציאָנעל און אומגעפֿורעמט). נאָך טיפֿער און נאָך ווייטער זיינען שפּעטער אַוועק די חז״ל: זיי האָבן געלערנט, געפֿאָרשט און פֿאָרמולירט די הלכות פֿון יידישקייט. פֿון וואַנען האָבן זיי גענומען? פֿון וואַנען געשעפּט? ניט פֿון הימל, נייערט פֿון פֿאָלקס פּירונגען. אוודאי ניט קיין גרינגע אַרבעט: עס טאָר ניט זיין „משום דרכי האמורי״, עס טאָר ניט זיין חשש פּרעמדס, עס מוז זיין „מן התּורה מניין?״ — עס מוז האָבן וואָרצלען אין פּרייִערדיקער יידישקייט. דאָס איז יידישקייט, וואָס דער יידישער גאָט איז מקבּל און ער פֿאַרגעטערט עס.

8. דאָס איז דער פּראָצעס פֿון „תּלמוד תּורה״, וואָס איז וויכטיקער פֿון אַלע אַנדערע מיצוות פֿון יידישקייט צוזאַמען. עס איז ניט לימוד תּורה. לימוד תּורה מיינט דערגיין וואָס די פּרייִערדיקע האָבן שוין געוווּסט, האָבן געזאָגט שוין, פֿאָר־מולירט. תּלמוד תּורה מיינט: דערגיין און פֿאָרמולירן אַזוינע זאַכן וואָס די פּרייִער־דיקע האָבן ניט געוווּסט און ניט געקענט וויסן. האָט דאָס משה ניט געוווּסט וואָס רבי עקיבא האָט געדרשנט און געלערנט. און רבי עקיבא האָט דען שוין געוווּסט אַלץ וואָס עס האָט געדרשנט און רעגלאַמענטירט רבינו גרשום און רש״י? דאַרף

מען געדענקען: יידישקייט איז אַן „עץ החיים", אַ לעבעדיקער בוים: אַלטע צווייגן פאַלן אַראָפּ און נייע וואַקסן אָן.

(ברייטער וועגן „תלמוד תורה" — אין „אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק").

9. איז וועלטלעכע יידישקייט ניט קיין נעגאַציע, ניט קיין אָפּלייקענען: „מיר האַלטן ניט פון דעם, מיר גלייבן ניט", און במילא וואַרפן מיר אָפּ. דאָס איז הפקר, ניט וועלטלעך. אמתע וועלטלעכקייט מיינט: אַפילו אַ ייד, וואָס גלייבט ניט אין נסים, אין מעמד הר־סיני, אין תורה מן השמים, אין די עיקרים פון רמב״ם, אַפילו אַזאַ ייד האַלט פון יידישקייט, פון יידישע טראַדיציעס, יידישן שטייגער. די גאַנצע אוראַלטע יידישקייט אָבליגירט אויך דעם וועלטלעכן יידן, פאַר אים איז די גאַנצע יידישקייט, ווי זי איז דערגאַנגען צו אונדז אָבליגאַטאָריש, ניט ווייל גאָט האָט זי דערלאַנגט פּאַרטיקערהייט משהן אין האַנט, נאָר ווייל עס איז אַ פּראָדוקט, אַ פונקציע פון יידישן פאָלק. אין גלויבן מוז האָבן דער וועלטלעכער ייד. ער דאַרף גלייבן אין יידישן פאָלק. גלויבן מיינט ניט: זיין זיכער אַז אַלע לעגענדעס זיינען אמת, גלויבן מיינט געטריי זיין, איבערגעגעבן. אַ וועלטלעכער ייד איז געטריי זיין פאָלק, ליב און טייער, און דערפאַר באַמיט ער זיך אָפּצוהיטן אַלע שטייגער־פירונגען פון זיין פאָלק. אַ וועלטלעכער ייד האַלט ניט פון רעלי־גיעזן שמד. דער וואָס זאָגט זיך אָפּ פון יידישן שטייגער, ווייל ער גלייבט ניט, איז מער ניט קיין ייד, הגם ער איז ניט געשמדט רעליגיעז אין אַ קלויסטער.

10. דאָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ וועלטלעכן און רעליגיעזן יידן: אַ רעליגיעזער גלייבט ניט אין יידישקייט פון פאָלק, נאָר פון שולחן־ערוך, נאָר דאָס וואָס איז פאַרשריבן און ווי עס איז פאַרשריבן. אַ וועלטלעכער ייד גלייבט אין דער זעלביקער יידישקייט. ער זוכט זי ניט אין שולחן־ערוך, נאָר אין פאָלקישן שטייגער, ניט דווקא וואָס עס איז פאַרשריבן און ווי עס איז פאַרשריבן. אַ וועלט־לעכער ייד איז מדקדק אין די עלעמענטן וואָס זיינען אויפגעקומען נאָך דעם שולחן־ערוך, אויף וויפל זיי זיינען פאָלקיש און ניט נאָכמאַכעריש לויט „דרכי האמורי", נאָכגעקרימט די גויים. דער וועלטלעכער ייד האַלט די נייערע עלעמענטן נאָך טייערער (הייליקער!) ווייל זיי זיינען יינגערע, אַקטועלערע. די עלעמענטן זיינען געגליכן צו יונגע שוואַכע צווייגעלעך פון אַן אַלטן בוים, וואָס אין זיי איז דאָס לעבן פון בוים. אַ רעליגיעזער ייד גלייבט ניט אין פאָלק, נאָר אין גאָט. ער הייסט און ער צאָלט לאחר מאה ועשׂרים שנה. אַ וועלטלעכער גלייבט אין פאָלק, אויב ער גלייבט אַפילו ניט אין באַזונדערן פּאַרזיכיקן גאָט. ער היט יידישקייט ניט פאַר דעם אָפּצאָל, נאָר צוליב זיין אידענטיפיקאַציע מיט זיין פאָלק.

11. אַ וועלטלעכער ייד גלייבט אַז יידישקייט איז געגעבן געוואָרן, ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, ניט פון גאָטס האַנט דירעקט, נאָר פון פאָלקישן אומ־פאָרמולירטן שטייגער אין געפורעמטע, פאָרמולירטע זאַצן. אַ וועלטלעכער ייד

גלייבט ניט אין מיצוות נאָר אין הלכות. אַ וועלטלעכער ייד גלייבט אַז די גאַנצע פאַרהייליקטע יידישע רעליגיע איז לכתחילה געווען וועלטלעך, פאָלקיש, שטייגעריש. ביסלעכווייז, גאַנץ בהדרגה איז עס פאַרהייליקט, פאַרגעטלעכט געוואָרן. אַלע רעליגיעזע יידן — פון סאַטמאַר ביז די עקסטע רעפאָרמערס האַלטן ניט פון יידיש פאָלק, נאָר פון יידישער רעליגיע. מער ווי די רעליגיע גייט זיי ניט אָן. וועלטלעכע יידן האַלטן פון פאָלק, ניט פון רעליגיע.

12. וועלטלעכע יידישקייט איז ניט אויסגעטראַכט געוואָרן פון די לעצטע עטלעכע דורות, עפּעס אַ נייער אָנוווקס אין יידישן פאָלק. אָ, ניין! ביי יעדן יידן פריוואַט איז פאַראַן שבת און וואָך, קודש און חול, און אַזוי אויך ביים קאָלעקטיוו־פאָלק. יידישקייט האָט ווי חול, אַזוי קודש. אַזוי איז אַלע מאָל, אַן אייביקייט געווען: וועלטלעכע פּראָבלעמען, וועלטלעכע מענטשן און רעליגיעזע מענטשן — מענטשן וואָס האָבן געמאַכט אַ לעבן פון רעליגיע און וועלטלעכע, וואָס האָבן געהאַט וואָכעדיקע פּרנסות. נאָר די טערמינאָלאָגיע איז געווען אַנדערש. מען האָט געטיילט יידן לויט זייערע פּרנסות אויף קהלשע (פון רעליגיע) און „עולמשע" (וועלטלעכע).

13. וועלטלעכע יידישקייט איז די איינציקע ריכטונג, וואָס לייקנט ניט, וואָס וואַרפט ניט אָפּ ניט די נייע, ניט די אַלטע. יידישקייט איז איין גאַנצער שטראָם אָן איבעררייסן — פון אברהם אָבינו און ביז אונדז און ווייטער נאָך אונדז, ביז די ימות המשיח.

14. זוכנדיק היסטאָרישע פּאַראַלעלן, קום איך צום אויספיר: די היינטיקע רעליגיע־יידן, וואָס רעדן אין נאָמען פון גאָט, זיינען ווי אַמאָליקע איסיים. די היינטיקע רעפאָרמערס, פון כלערליי מדרגות, זיינען ווי צדוקים אַ מאָל. בלויז די וועלטלעכע גייען אין די דרכים פון די אַמאָליקע פּרושים מיט דעם גלייבן אין „קדושת הפאָלק".

ווו איז אָבער היינט דאָס „פאָלק"? איז איצט פאַראַן אין די גלותן אַזאַ פאָלק מיט פאָלקישע צילן, אויפגאַבעס, דרכים און שטריכן? איז דען אין אור־באַניזם דאָס יידישע פאָלק ניט צעשאָטן געוואָרן? ניט אַטאָמיזירט געוואָרן אויף מיליאָנען יחידים, וואָס זיינען דאָך ניט קיין פאָלק?

איז דאָס טאַקע אמת: מיטן חורבן פון מיזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום איז חרוב ונחרב געוואָרן ניט סתם אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, נאָר עס איז חרוב געוואָרן דער איינציקער פאָלקישער שבט, וואָס איז געווען דאָס פאָלק און געשאַפן, פּראָדוצירט קולטור ווי אַ פאָלק. אַלע אַנדערע שבטים זיינען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע שוין געוואָרן אויס פאָלק, זיי זיינען געבליבן נאָר ווי עטנישע גרופּעס, וואָס באַמיען זיך מיט אַלע מיטלען זיך אַריינצוגלידערן אין דעם לאַנדפאָלק, ווי אַן אָרגאַנישער טייל זיינער, אָן אַ פאַרזיכיקער קולטור און אָן אַ באַזונדערער

שפּראַך. אויף וויפל דאָס גיט זיך ניט איין, ווערט דער „ויתרוצצו" אין דעם מענטשן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, דער קאַמף פון יעקבן מיט עשׂיון אין דעם מענטשן גופא. דאָס איז די „עגאָפּאָביע" (זע מיין בוך: „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער", זייט 237; מיין בוך: „אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק", ז' 275 און ווייטער). אומעטום ווו עס איז נאָך דאָ אַ לעבעדיקע, אַקטיווע יידישקייט, איז דאָס נאָך דער אימפּעט, דער כּוח פון דאָרטן, פון דעם דאָרטיקן נעכטן. דאַרף טאַקע די וועלטלעכע יידישקייט שעפּן איר אַקטיווקייט פון דאָרטן און פון דעמאָלט. סיי ווי נעמט קיין מאָל ניט אַ „מאָרגן" דירעקט פון דעם היינט, תּמיד פון דעם וואָס איז שוין אָפּגעשטאַנען, קריסטאַליזירט. און אַזוי מוז, קען אויך איצט זיין.

15. שמידן דעם מאָרגן ניט לויט די לאַנג פיקסירטע, דעפינירטע דאָגמען, נאָר פון די לעבעדיקע נאָרמעס פון נעכטן — דאָס איז די אויפגאָב פון היינט. ווי אין די גלותן אַזוי אויך אין דער מדינה. פאַראַן אַ קלוגע גמרא וואָס זאָגט, אַז די שולן און בתּי־מדרשים פון בבל (גלות־בבל) וועלן איינגעפעסטיקט ווערן אין ארץ־ישׂראל. דערלויב איך זיך עטוואָס צו ענדערן דעם טעקסט און דעם זינען: ארץ־ישׂראל וועט ערשט דעמאָלט ווערן דאָס לאַנד פון די יידן — ארץ־ישׂראל — ווען מען וועט די קולטור־אַנשטאַלטן און דעם אינהאַלט פון די גלותן פאַרפעסטיקן אין ארץ־ישׂראל... עס גייט צו דעם.

5

אויף פֿאַלשע וועגן

קודם־כּל בין איך מוסר־מודעה, אַז מיין עסיי קומט ניט צו באַקעמפֿן די יידישע אמונה אין גייסט פֿון די אַמאָליקע באַקעמפֿער פֿון דער יידישער רעליגיע. חס־ושלום! די יידישע אמונה איז דורך און דורך אַ נאַציאָנאַלע, און אַלע וואָס האַלטן פֿון יידישן פֿאָלק, טאָרן ניט באַקעמפֿן די יידישע אמונה. די זאַך איז אָבער וואָס די גרופּעס און די פּאַרטייען וואָס אַרבעטן אין נאָמען פֿון דער יידישער רעליגיע גייען אויף גאָר אַ פֿאַלשן וועג, אויף ניט קיין יידישן וועג. זיי באַנעמען און ווילן פֿאַרוואַנדלען די יידישע אמונה אין אַ רעליגיע כּדרך כּל הגויים. כּלומרשט איז יידישקייט, יידישע אמונה, אויך אַ רעליגיע, ווי עס איז ביי אַנדערע פֿעלקער. און דאָס איז פֿאַלש: יידן האָבן ביז כּמעט אונדזער דור ניט גערעדט, ניט געשריבן, ניט גענוצט דאָס וואָרט „רעליגיע". יידן האָבן גענוצט „יידישקייט", זיך מוסר־נפֿש געווען פֿאַר יידישקייט, פֿאַר „יהדות". אָבער ניט פֿאַר יידישער רעליגיע. ניט געווען ביי יידן קיין „יידישע רעליגיע". די יידישע אמונה — אמונת ישׂראל — איז לגמרי אַן אַנדער באַגריף, און אַן אַנדער אינהאַלט, מיט גאָר אַנדערע דרכים פֿון אַנטוויקלונג. יידישקייט, יידישע אמונה און יידישע רעליגיע זיינען צוויי פֿאַרשיידענע באַגריפֿן און מען טאָר זיי גאָר ניט פֿאַרבייטן, ניט מישן.

רעליגיע בכלל האָט אין זינען און די אויפֿגאָב צו אָרגאַניזירן די פֿליכטן פֿון יעדער יחיד לגבי זיין פֿאָלק. פֿאָלק און גאָט זיינען באַזונדער, די פֿאָלקישע פֿליכטן האָבן ניט צו טאָן גאָרניט מיט די רעליגיעזע. „גיב דעם גאָט וואָס אים קומט און דעם קייסער דאָס זייניקע" — דאַכט זיך, אַזאַ פּסוק איז פֿאַראַן אין די הייליקע ספֿרים פֿון קריסטלעכער רעליגיע, און איך בין ניט קיין גרויסער

בקי אין זיי. ביי יידן וואָלט אַזאַ אָפּטיילונג געווען געגליכן צו... שמד. וועלן מיר אָבער גיין כסדר:

פעלקער האָבן אָנגענומען זייער רעליגיע ווען זיי זיינען שוין געווען „דערוואַקסן", גענוג אַלט, ווי פעלקער מיט זייער אייגענער קולטור, מיט זייערע נאַציאָנאַלע אמונות. זיי האָבן שוין געהאַט פון אַ סך דורות גאַנצע סיסטעמען פון גלויבונגען און אָנגענומענע טראַדיציעס, ווי צו דינען זייערע געטער.

איז געקומען אַ מושל און געהייסן: וואַרפט אַוועק אייערע אַלטע געטער און נעמט אָן אַ נייע רעליגיע. מיט איין מאָל איז ביי פעלקער געקומען צו אַ פאַרטיילונג — רעליגיעס באַזונדער און די פאָלקישע קולטורן ווידער באַזונדער, דאָס זיינען צוויי באַזונדערע חשבונות. גאָט און פאָלק האָבן מער ניט קיין געמיינזאַמע אויפגאַבן. רעליגיעס זיינען און קענען זיין אינטערנאַציאָנאַל, זיי האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דער קולטור, מיט די פאָלקישע טראַדיציעס און שטייגערס פון פעלקער. דער „נייער גאָט", די נייע רעליגיע, איז גאָר אָנגעוואַקסן און זיך אַנטוויקלט ווייט פון די אייראָפּעיש־קריסטלעכע פעלקער. גייט מיר דאָ ניט ווי די צוויי פאַרשיידענע וועלטן האָבן זיך צונויפגעלעבט, צונויפגעפּאַסט — ניט מיין פּראָבלעם. ס'איז מיר דאָ וויכטיק איין זאַך: נאַציאָנאַלע קולטורן, פאָלקישע טראַדיציעס האָבן גאָרניט מיט רעליגיע און מיט געטער.

גאָר אַנדערש איז עס ביי יידן. יידן האָבן קיין מאָל ניט אָנגענומען קיין רעליגיע, פון קיינעם, ניט איבערגענומען אַזאַ רעליגיע וואָס זאָל זיין אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון דעם פאָלקס קולטור און שטייגער. ניט געווען און ניטאָ ביי יידן קיין רעליגיע, ווי ביי די אַנדערע אייראָפּעיִשע פעלקער. גאָר אַן אַנדער אַנטוויקלונג, גאָר אַנדערע באַגריפן, אַן אַנדער וועלטבאַנעם. איז געקומען אברהם — דער ערשטער באַוווסטזיניקער ייד (אַנדערש, מיט אַן אייגענעם שטייגער, אָבער אַן ספּעציפישן באַוווסטזיין זיינען זיכער געווען אויך פריִער). האָט זיך אָפּגעטיילט און אַוועק פון די אַנדערע קרובישע פעלקער.

מיט וואָס האָט ער זיך אָפּגעשיידט? מיט „מאָנאָטעיִזם"? — פאַר פעלקער איז עס וויכטיק. יידן מאַכן פון דעם ניט קיין ווען. איין גאָט קען אויך זיין אַ געץ (אין געשטאַלט פון אַן אָקס אָדער אַ מענטש — קיין שום אונטערשייד ניט). צדקה ומישפט, דער „השופט כל הארץ לא יעשה משפט?" דאָס איז אברהמס ערשטער פּרינציפּ פון יידישקייט. שפּעטער, אַ לאַנגע צייט שפּעטער זיינען געקומען די חז"ל מיט זייער וועלטבאַנעם, האָבן זיי דערלאַנגט אברהמען אין האַנט אַ האַק און אים געהייסן צעברעכן אַלע מאַטעריעלע געטער, גיין באַדיי אויף מסירת־נפש, אָבער ניטאָ מער קיין מאַטעריעלע געטער ביי יידן, ניט קיין „הגשמה", קיין גאָט מיט אַ קערפּער, חלילה... אָבער לאָמיר ניט פאַרלויפן דעם וועג. מיר

האַלטן דערוויִיל נאָך גאָר ביים אָנהייב פֿון יידישקייט. דער עיקר: האָבן דען די יידן ביז משהן געהאַט אַ רעליגיע? אַ סיסטעם פֿון גלויבונגען, פֿון גאָט דינען?

מיר ווייסן ניט. קען זיין יע און קען זיין ניט. ניטאָ אין חומש גאָרניט וועגן דעם. זיי האָבן אָבער געהאַט זייער לעבן־שטייגער, ווי דאָס איז קענטיק פֿון אַ פּאָר ערטער אין חומש. מדרשים דערציילן, אַז אָט דער שטייגער איז באַשטאַנען אין באַזונדערער שפּראַך, נעמען און „מיסטורין״ — אומדעפֿינירטע פּאַרזיכיקע אַנדערשקייטן אין שטייגער־לעבן. פֿעלקער שיידן זיך אונטער מיט זייערע שטייגערס. פֿאָלק און שטייגער. שטייגער איז פֿאָלק. איז דאָס געווען אַ רעליגיע? ניין. עס איז געווען אַ נאַציאָנאַלער פּאַרזיכיקער פֿאָלקישער שטייגער־לעבן און שטייגער איז קולטור, יידישקייט און יידישע קולטור איז איינס און דאָס זעלביקע. גאָרניט קיין באַזונדערע רעליגיע! יידישקייט איז ניט קיין רעליגיע, נאָר דער פֿאָלקישער שטייגער, די פֿאָלקישע קולטור.

איז געקומען משה. האָט ער געבראַכט אַ רעליגיע? הייבט זיך גאָר ניט אָן. ער האָט אָנגעזאָגט: „איך בין דיין גאָט — דער כּוח וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פֿון קנעכטשאַפֿט״, (אין אַנדערע ערטער רעדט ער אין נאָמען פֿון גאָט פֿון די אָבות, פֿון דער אוראַלטער יידישער טראַדיציע); „מאַכט זיך ניט קיין געטער, גאָט, אייער גאָט דאַרף ניט קיין נאָמען אַפֿילו״. דער אידעאַל משהס איז גאָר געווען דאָס פֿאָלק. „אָ, ווער קען עס מאַכן, דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָל זיין נביאים!״, „ממלכת כּוהנים וגוי קדוש״. ניט קיין גאָט־רעליגיע האָט משה געבראַכט, נאָר אַ פֿאָלק־אמונה, אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל, ריכטיקער — אַ סאָציאַלן אידעאַל פֿון אַ נייער מענטשהייט, וואָס משה האָט עס געוואָלט, די יידן זאָלן עס זיין אַ מוסטער פֿון דעם אידעאַלן פֿאָלק...

לאָמיר דאָ אָפּנייגן אָן אַ זייט אַ ביסל: עס האָט אַן אַנטיסעמיטישער געלערנטער דייטש „געכאַפּט״ משהן פֿאַר דער האַנט: „פּלאַגיאַט!״ משה האָט זיין אידעאַל גענומען ביי כאַמוראַבי („ביבעל און באַבעל״, דעליטש). יידן האָבן זיך דערשראָקן: גוואַלד! אָבער די וועלט קען עס פֿון משהן. כאַמוראַבי איז גאָר געווען פֿאַרגעסן, מען האָט אים אויסגעגראָבן. דאָס איז נאָר אגב־אורחא.

מיר קערן זיך אום צו אונדזער טעמע. גלייך נאָך די עשׂרת־הדיברות קומט אין חומש אַ גאַנצע סדרה סאָציאַלע מישפּטים. גאָרניט וועגן דינען גאָט. און ווידער — אַ צייט שפּעטער דערציילט אַ גמרא, אַז דער יידישער גאָט זאָגט גאָר „הלוואי וואָלטן זיי מיך פֿאַרלאָזן און די תּורה געהיט״. אין חומש איז עס ניטאָ, אָבער דער גייסט איז יאָ דאָ. עס גייט ניט וועגן דינען גאָט, וועגן רעליגיע. עס גייט וועגן פֿאָלק און זיין סאָציאַלן אויפֿפֿיר. משה גייט צו די יידן קיין מצרים ריידן אין נאָמען פֿון גאָט פֿון די אָבות, אברהם, יצחק און יעקב, אין נאָמען פֿון

יידישער טראַדיציע און אין נאָמען פון אַ גרויסן סאָציאַלן אידעאַל, וואָס ער וויל פאַרווירקלעכן דורך די יידן, וועלכע ער האָט באַפרייט פון מצרים.

משה רעדט ניט און דיקטירט ניט קיין גאָט־רעליגיע, ווי צו דינען גאָט. ניטאָ וועגן דעם גאָרניט אין די עשׂרת־הדיברות. משה רעדט צו די יידן וועגן זייערע פאָלקישע יום־טובים פון פרילינג, זומער און האַרבסט (חג־האביב, חג־הביכּורים און חג־האסיף), וועגן אַ סופער־פאָלק, וועגן אַ פאָלק וואָס וועט געבן דער וועלט אַ פאַרקערפּערונג פון אַ סאָציאַלן אידעאַל, — ממלכת כּוהנים וגוי קדוש. זיינען די אַלע רייד פון אַסימילאַטאָרן אין פאַרשיידענע לענדער צו זיין פּאַליאַקן, דייטשן, פראַנצויזן, רוסן פון „משהס גלויבן" ניט מער ווי אַ פּשוטע אַנזיניקייט: גאָר ניטאָ אַזאַ מין זאַך ווי משהס רעליגיע. פאַראַן יע משהס פאָלק־אידעאַל, וואָס פאַרבינדט פאָלקישע טראַדיציעס מיט אַ גרויסן סאָציאַלן אידעאַל. האָט, בכן, משה געגעבן ניט קיין גאָט־רעליגיע נאָר אַ נאַציאָנאַלן פאָלק־אידעאַל.

די נביאים

עס האָט געדויערט ביז די יידן זיינען אַ פאָלק געוואָרן. ווען דאָס איז סוף־כּל־סוף געוואָרן, זיינען אויפגעקומען די נביאים. האָבן זיי געשאָטן פּעך און שוועבל אויף רעליגיע. „ווער בעט אייך צו קומען אין מיין בית־המיקדש, צו טרעטן מיינע הייפן?" „אייערע יום־טובים און אייערע פייערונגען זיינען מיר געוואָרן צו לאַסט, איך קען זיי ניט פאַרטראָגן", „וואָס האָט איר געמאַכט פון מיין הויז? טוט איר אַל דאָס שלעכטס און קומט נאָך דעם צו מיר אין מיין הויז און איר מיינט: שוין גענוג. מיר זיינען געראַטעוועט". „ווער בעט אייך פאַסטן און מאַטערן אייער גוף? איז דען דאָס אַ תּענית פאַר גאָט?" — דאָס אַלץ זיינען ציטאַטן פון נבואה. קיין שום שייכות ניט צו רעליגיעס! ניט קיין גאָט־רעליגיע, נאָר אַ פאָלקס־אידעאַל. גאָר אַן אַנדער באַגריף וועגן גאָט, וועגן דעם יידישן גאָט האָבן געהאַט די יידישע נביאים. דער יידישער גאָט וואַרט און האָפט, די יידן זאָלן פאַרווירקלעכן אַ גרויסן פאָלק־אידעאַל. ניטאָ ביי די נביאים קיין וואָרט וועגן דינען גאָט, וועגן רעליגיעס און וועגן רעליגיעזן ריטואַל.

אַזוי ביז עס זיינען אויפגעקומען די חז"ל.

חז"ל

ביי די חז"ל איז שוין יע דאָ און טאַקע גאָר אַ סך ווי צו דינען גאָט. אָבער אויך זיי גייען אויף גאָר אַן אַנדער וועג, ניט אויף דעם וועג פון רעליגיעס. קודם־

כּל — די באַגריפן פון די חז״ל וועגן גאָט. חז״ל פאַרנעמען זיך ניט מיט דעפינירן זייערע באַגריפן פון גאָט, אָבער עס איז גרינג אַרויסצונעמען פון זייערע רייד עטוואָס וועגן זייערע גאָט־באַגריפן. קודם־כּל קומט די דעמאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף, ניטאָ ביי זיי קיין מאַטעריעלער גאָט, וואָס עקסיסטירט ווי אַזאַ פאַר זיך, באַזונדער. דאָס ניט. פאַראַן אומעטום, אין גרויסן קאָסמאָס געטלעכע געזעצן, וואָס זיי הערשן, און גאָט אַליין קען זיי גאָר ניט ענדערן. די וועלט פירט זיך לויט באַשטימטע געזעצן (גזירות), זיי זיינען פעסטגעשטעלטע, אייביקע. גאָט איז דער סכום פון אַלע אידעאַלע, גוטע מידות.

ווּ איז גאָט? — אומעטום, דער גאַנצער קאָסמאָס, ווי גרויס ער איז, — איז געטלעך, „כּי הוא מקומו של עולם״, „ברוך המקום״. חז״ל האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן פאַרנומען זיך אין די ישיבות מיט פורעמען, פעסטשטעלן און פיקסירן דעם גאַנצן פאָלקישן שטייגער מיט אַלע זיינע דעטאַלן, טאַקע אין נאָמען פון דעם נאַציאָנאַלן יידישן גאָט. אָבער וואָס דאַרף עס גאָט? וואָס דינט און צו וואָס די גאַנצע געביידע פון „השגחה פּרטית״, אַז יעדער ייד האָט זיין פּריוואַטן חשבון פון „שכר ועונש״ אויף יענער וועלט? די גאַנצע „יענע־וועלט״, די „עלמא דקשוט״ — די וועלט פון דער אמתער גערעכטיקייט, פון גן־עדן און גיהנום? ניטאָ וועגן דעם אַלעם קיין שום אָנווונק אין דער תּורת־משה. וואָס האָבן דאָס געדאַרפט די חז״ל? היינט איז דאָס אַלץ ווייניק, איז נאָך אויפגעקומען די אמונה אין תּחית־המתים, ווידער אַ מאָל אָן עפּעס אַ רמז פאַר דעם אין תּורת־משה. זוכט די גמרא „תּחית־המתים מן התּורה מניין?״ און מען געפינט טאַקע ניט, אָבער די אמונה אין תּחית־המתים ווערט אַ יסוד אין יידישקייט, איינע פון רמב״מס עיקרים, אין שמונה־עשׂרה. אַ יסוד פון יידישער אמונה!

וואָס איז עס געווען? וואָס איז געווען דער זינען פון דעם אַלעם?

איז דאָ געווען אַ טיף נאַציאָנאַלער, אַ פאָלקישער זינען. אָן דעם אַלעם וואָלט אפשר קיין יידיש פאָלק ניט געווען מער. די עיקר־זאָרג פון די חז״ל איז געווען דער קיום־האומה — די עקסיסטענץ פון פאָלק־ישׂראל. אָן די יידן האָט די גאַנצע וועלט ניט קיין זינען. אָבער וואָס קען פאַרזיכערן דעם קיום פון פאָלק? חז״ל האָבן פאַרלאָרן דעם גלייבן אין פיזישן מיליטערישן כּוח. „אלה ברכב ואלה בסוסים״ — פעלקער גלייבן אין דעם כּוח פון מיליטערישער מאַכט. אָבער ניט די חז״ל. האָבן חז״ל אויפגעשטעלט גאָר אַ נייעם גלויבן, דער יסוד פון קיום איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז ביז היינט נאָך ניט אָנגענומען. דער קיום פון פאָלק איז דער איינהייטלעכער שטייגער. ביז היינט עקסיסטירן אַלערליי דעפיניציעס פון נאַציע, פון פאָלק. און די בעסטע, די ריכטיקסטע דעפיניציע איז געווען די פון די חז״ל: נאַציע איז אַ גרופּע מענטשן וואָס לעבן, וואָס פירן זיך לויט איין און דעם זעלביקן שטייגער. פאָלק און שטייגער זיינען סינאָנימען.

דער שטייגער פון יידן איז ניט אידענטיש מיט דעם וואָס עס איז פאַרשריבן אין תּורת־משה. איז דערפאַר פאַראַן ביי יידן צווייערליי יידישקייטן. יידישקייט איז שטייגער. שטייגער איז תּורה. זיינען ביי יידן צוויי תּורות, ווי שמאי דערקלערט עס: פאַראַן אַ תּורה־שבכתב — די תּורת־משה און די יידישקייט, אָדער תּורה וואָס איז גאָר ניט פאַרשריבן — זי איז תּורה־שבעל־פּה. און פאַרן קיום האומה איז זי — די שבעל־פּה — וויכטיקער. דער מקור פון דער יידישקייט שבכתב האָט זיך גערופן „מדאורייתא" (אורייתא איז תּורה אין דעם אַראַמישן יידיש, וואָס די יידן האָבן דעמאָלט גערעדט. אַגב, זאָל דאָ זיין באַמערקט, אַז אונדזער הייַנטיקער יידיש האָט אַדאָפּטירט אַ סך מער העברעיִשע ווערטער ווי דער פאַרצייטיקער אַראַמישער יידיש). דאָס עצם וואָרט „תּורה" מיינט אָנווייזונג. די בעל־פּה־יידישקייט האָט זיך גערופן „מדרבנן" — פון אונדזערע געלערנטע.

אָט די אַלע פּרטימדיקע אָנווייזונגען און די דעטאַליזירטע פּירונגען פון שטייגער האָבן אין זיינען לגמרי ניט צו דינען גאָט מיט דעם. נייערט עס איז דער ציל געווען צו פאַראיינהייטלעכן דעם שטייגער פון פאָלק, און כּל־זמן עס וועט זיין איין און דער זעלביקער שטייגער, וועט אויך זיין איין פאָלק. קומען מיר ווידער צו דער איינציקער הויפּטזאָרג פון יידישן פאָלק — צו דער פּראָבלעם פון קיום פון יידישן פאָלק. דער קיום איז אָפּהענגיק פון קיום פון יידישקייט. יידישקייט איז דער שטייגער. דער שטייגער באַשטייט פון דעם סכום דעטאַליזירטע פּירונגען ביי אַלע געלעגנהייטן אין לעבן. ווידער איז דער ציל און דער זינען געווען ניט דינען צו גאָט, נאָר מען קען זאָגן, דינען דעם קיום פון פאָלק.

פאַראַן אין תּלמוד דער אויסדרוק „שמא תּשכּח תּורה מישׂראל" (דאַכט זיך — עטלעכע מאָל, איך ווייס נאָר איין מאָל — שבת קל"ח ב'), קומט עס מיט אַ פּחד, מיט אַ „חס־ושלום", ווייל אויב די תּורה וועט פאַרגעסן ווערן, האָט דאָס יידישע פאָלק ניט מיט וואָס זיך צו האַלטן, איינהאַלטן דעם קיום־האומה. בכן, איז גערעכט שמאי וואָס זאָגט אין אַן ענטפער צו אַ צדוקי, אַז יידן האָבן (אין זיין צייט) צוויי תּורות — בעל־פּה און בכתב, מדאורייתא און מדרבנן. חז"ל פאַרנעמען זיך מיט דער תּורה־שבעל־פּה, די צדוקים ווילן זי גאָר ניט. זיי האָבן נאָר די תּורה־שבכתב — זי איז זייער טייערע צירונג, וואָס מען דאַרף זי היטן ווי טייערע דימענטן פון דער באַבען. מען טאָר זיי ניט אָנרירן, ווער רעדט: פּוצן, שלייפן — איבערמאַכן! חלילה! דאָס טאָר מען גאָר ניט.

די חז"ל אָבער גייען פונקט מיט אַ פאַרקערטן וועג: „לא ניתנה תּורה אלא לדרש בה" — די גאַנצע תּורה דאַרף געדרשנט ווערן, צוגעפּאַסט ווערן צו דעם לעבן — דרשנט רבי עקיבא אַלע „את" און אַלע עגלעכע ווערטער און אותיות. נעמען די חז"ל און שליסן אָפּ דעם גאַנצן תּנך. מער טאָר מען גאָרניט אַריינגעמען ווי די! קלייבן זיי אָפּ, נעמען ניט אַריין די ספרים פון די חשמונאים, בן־סירה

און נאָך, נעמען יאָ אַריין די זאַמלונג ליבע־לידער „שיר־השירים״ און „אסתר״. מיר דאַכט זיך, אַז זיי האָבן געהאַט מער חוש צו פשוטע פאָלקישע זאַכן איידער צו גרויסע און טיפע שריפטן פון גרויסע יחידים: נענטער צום פאָלק! ווייל דווקא אין זכות פון פשוטן פאָלק האָט אַ קיום די אומה. וויכטיק איז דער שטייגער. און דעם שטייגער דאַרף מען זוכן ביי פשוטע יידן,ביים פשוטן פאָלק. האָט עס שפעטער געשריבן די גמרא אַז: הזהרו מבני עמי הארץ שמהם תצא תורה (ניט צונויפמישן מיט אַ צווייטן מאמר וועגן די בני־עניים). מיט איין מאָל וואַקסט אויס די חשיבות פון פשוטן פאָלק אין די אויגן פון חז״ל: נאָר אין זכות פון פאָלק־ישראל רעדט גאָט צו משהן און נאָך און נאָך פון דעם מין.

איז ביי די חז״ל געווען אַ פרינציפּ — ווען עס קומט אַ קאָנפליקט צווישן דעם פאָלק און דער תורה, דעמאָלט זוכט מען אַ וועג ווי אַזוי צוצופּאַסן די תורה צום אַקטועלן לעבן. איז „נרות של שבת״ לגמרי ניט אין הסכם מיט אַ פסוק אין דער תורה. האָבן חז״ל איינגעפירט אַ כתובה, אַ פּרוזבול, אַ יום־טוב שני של גלויות, מכירת חמץ, ערובין, מער ניטאָ די „מים המררים״, דער „עין תחת עין״, דער „וקצות את כפה״ פון דער תורה (פאַר אַ פּרוי פאַר אַ באַשטימטער עבירה). זיי האָבן דאָס אָפּן געזאָגט „פעמים שביטולה של תורה זוהי יסודה״. זיי האָבן ריכטיק געזען — יידישקייט ענדערט זיך מיט דעם גאַנג פון שטייגער. קיין מאָל ניט געמאַכט אַז „יקוב הדין את ההר״, דער פסק־דין זאָל דורכלעכערן דעם באַרג.

וואָס איז געווען זייער פרינציפּ? דער פרינציפּ איז געווען — ווי דאָס פאָלק פירט זיך. פאַראַן אַ מאמר אין גמרא, אַז אויב אליהו וועט קומען (מיט משיחן) און וועט זאָגן אַז חליצה דאַרף מען דורכפירן אויף איין שטייגער, דאַרף מען ניט פאָלגן אליהון, ווייל „דאָס פאָלק פירט זיך שוין אַנדערש״, דער פרינציפּ איז, הייסט עס, ביי די חז״ל געווען, ווי דאָס פאָלק פירט זיך אין זיין יידישקייט, ניט נאָכגעמאַכט אַנדערע פעלקער. ניט קיין „עבודה־זרה״, ניט קיין „מנהגי אמורי״.

ווער שטעלט איין אָט די פירונגען אין שטייגער, די איינהייטלעכקייט פון אויפפיר? דאָס איז די אויפגאַבע פון די חכמים. זיי נעמען די ריכטיקע פאָרעם פון דעם פאָלקס אויפפיר און דאָס גאַנצע פאָלק אין אַלע יישובים פאָלגט זיי. דערמיט ווערט דערגרייכט דער ציל פון „ישראל אחד״, איין יידיש פאָלק איבער אַלע יישובים, אין אַלע צעשפּרייטונגען, אין אַלע גלותן.

ביים יידישן פאָלק איז פאַראַן פון אייביק אַן אָפּמאַך מיט זייער גאָט: „איר וועט זיין מיין פאָלק און איך — אייער גאָט״ (ברית). פון דעם ברית בין הבתרים מיט אַברהם (בראשית ט״ז) אָן. וואָס זשע מיינט אַזאַ אָפּמאַך? — עס מיינט אַז דאָס פאָלק דאַרף טאָן דאָס געטלעכע אויף דער וועלט און אַז גאָט דאַרף טאָן די פאָלקישע יידישע באַדאַרפן. גאָטס פאָלקישע אידעאַלן האָבן יידן געטאָן, איז עס אברהמס „צדקה ומשפט״, איז דאָס משהס „ואלה המשפטים״! איז

„לתקן עולם במלכות שדי״, איז דאָס „ובכן תן פחדך על כל מעשיך״ און „ויאתאו לעבדך״. ווי דער יידישער גאָט האָט געהאַלטן זיין אויפגאַב — דאָס זאָל ר׳ לוי יצחק מבערדיטשעוו מישפּטן... מיר דאַכט זיך אַז ביידע זיינען באַנקראָט. בכלל איז אין תּלמוד אונטערגעשטראָכן תּמיד די מיצוות פון סאָציאַלן כאַראַקטער, ניט דאָס דינען גאָט. אין דער מסיכתּא פּאה (משנה ב׳) זיינען אויסגערעכנט די וויכטיקע מיצוות און עס זאָגט זיך אַז תּלמוד־תּורה איז וויכטיקער פון זיי אַלע. און אַזוי האָבן טאַקע חז״ל געפּירט. אָבער די תּורה איז גרויס. וואָס חז״ל האָבן אויסגעקליבן צו לערנען, האָבן זיי צעטיילט — די תּורה־שבכּתב — דאָס איז „מקרא״ — לעקטור, און עס איז ניט אַזוי וויכטיק. וויכטיקער איז זיך צו פאַר־נעמען מיט משנה, און אַז די משנה איז אויך פאַרשריבן געוואָרן, איז בעסער „זיך צו יאָגן צו דער גמרא״, וואָס איז נאָך געווען ניט פאַרשריבן. בכן, וויכטיק איז צו פאַרנעמען זיך מיט דער יידישקייט, וואָס איז נאָך ניט פאַרשריבן, בעל־פּה.

ווי לערנט מען אָבער דאָס וואָס עס איז ניטאָ דערויף קיין טעקסטן? דאָס מיינט נעמען עלעמענטן פון פאָלקישן שטייגער און מאַכן פון דעם טעקסטן, פאָרמולירן בכּתב דאָס וואָס איז נאָך ניטאָ בכּתב. דערפאַר גאָר אַ נייער טערמין: ניט לימוד, נאָר תּלמוד — אַ וואָרט וואָס איז אין גאַנצן אין תּנך ניטאָ. אַ נייע פאָרעם פון גייסטיקער אַרבעט און אַ נייער טערמין. לימוד מיינט לערנען פאַראַ־נענע טעקסטן. תּלמוד מיינט שאַפן פון שטייגער נייע טעקסטן, נעמען די יידישקייט וואָס איז געווען בעל־פּה און עס מאַכן בכּתב. דאָס איז ביי חז״ל אין די אויגן די וויכטיקסטע מיצווה, וויכטיקער פון אַלע מיצוות. לאָמיר זשע ריכטיק פאַר־שטיין דעם געדאַנקען־גאַנג פון די חז״ל:

לעולם איז ווי אַ פאָלק לעבט און האָט אַ קיום מיט זיין שטייגער. דער שטייגער פון אַ פאָלק איז בעיקר ניט פאַרשריבן, בעל־פּה. דער שטייגער מוז פאַר יידן זיין איינהייטלעך — פאַר אַלע יישובים איין שטייגער. וועט שוין זיין איין פאָלק. דער גאַנצער „בונד מיט יידן, מיטן יידישן פאָלק איז צוליב די דברים שבעל־פּה״ — זאָגט רבי יוחנן — איינער פון די ערשטע און וויכטיקסטע אמוראים (גיטין ס׳). אָבער דאָס וואָס עס איז נאָר בעל־פּה קאָן ניט איבערגעגעבן ווערן בירושה, ווען עס ענדערט זיך אַ תּקופה. דעמאָלט מוז מען דעם בעל־פּה־שטייגער פורעמען בכּתב. דאָס האָט געטאָן משה, ווען עס האָט זיך געענדיקט גלות־מצרים, דאָס האָט געטאָן עזרא נאָך גלות־בבל און דאָס האָבן געטאָן חז״ל ערב דעם גרויסן גלות און ערב דער צעשפּרייטונג פון פאָלק־ישראל — געשאַפן אַ רעליגיע אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון פאָלק, אַזאַ וואָס האָט נאָר אין זינען דעם פּריוואַטן חשבון, יחיד צו גאָט, — אַזאַ רעליגיע האָבן געשאַפן ביי יידן נאָר די וואָס האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון פאָלק און גענומען זאָרגן נאָר וועגן דעם פּריוואַטן חשבון פון יעדער יחיד מיט גאָט. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט

פון פאָלק און פון זיינע אינטערעסן, זיינען אַוועק אין מידבר, אָפּגעזאָגט זיך פון משפחה־לעבן, אָן פרויען און אָן קינדער. ניטאָ אין גאַנצן קיין זאָרג וועגן צוקונפט פון פאָלק ווי אַזאַ. פאַראַן בלויז דער יחיד און זיין אייגענער חשבון מיט גאָט. ביי זיי — ביי די איסיים — איז אויפגעקומען אַזאַ רעליגיע אין גאַנצן אָן אַ שום שייכות צו פאָלק. פון זיי, ביי זיי, ביי די איסיים האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט אַ ריינע גאָט־רעליגיע — דער ציל פון מענטשן איז פאַרדינען זיך ביי גאָט און דאָס איז אַלץ. זיי האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעטיילט פון יידישן פאָלק און זיי האָבן ניט געהאַט קיין השפעה און קיין ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון יידישקייט.

*

ווו האַלטן מיר איצט, אין היינטיקן מאָמענט, אין דער געשיכטע פון יידן און יידישקייט? עס האָט זיך געענדיקט די שטעטל־תקופה. עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה — די אורבאַנישע, אומעטום, אין דער גאָרער וועלט. אויך אין דער מדינה. דער קיום פון פאָלק איז אין סכנה. קלאָר, מיר זעען דאָס. אַפילו אַ בלינדער זעט עס. אָדער קיום און המשך אָדער אונטערגאַנג פון דעם אוראַלטן „ישראל סבא", דעם גרוי־אַלטן יידישן פאָלק. צי וועט נאָך אים זיין אַן אַנדער פאָלק, צי ישראלים אַנשטאָט יהודים, אָדער דאָס אויך ניט — דאָס איז אָפּהענגיק צי דער אורבאַניזם וועט ירשענען דאָס שטעטל אָדער ניט.

ירשענען קען מען אָבער נאָר דברים שבכתב, ניט קיין בעל־פה. בכן איז דער קיום פון פאָלק איצט אָפּהענגיק, צי עס וועט איצט געשאַפן ווערן אַ נייער „תלמוד־השטעטל" אָדער ניט. אויב יאָ, איז קיום, אויב ניט — איז אונטערגאַנג. קלאָרע און פשוטע דיבורים. דער תלמוד, דער ש"ס מיט אַלע מדרשים און אַלע מפרשים זיינען איצט ניט קיין תורה־שבעל־פה, ווי זיי טראָגן דעם אַלטן נאָמען פון פאַרצייטן. זיי זיינען איצט אויך בכתב, תורה־שבכתב. האָבן מיר איצט ניט קיין צוויי תורות, ווי שמאי האָט עס בשעתו געענטפערט, נאָר גאַנצע דריי: דער תנך, אָדער מקרא — דער בכתב פון דער ערשטער תקופה. דער תלמוד־בבלי און ירושלמי, די גאַנצע תלמודישע ליטעראַטור איז ווידער די תורה־שבכתב פון דער צווייטער תקופה. און מיר האָבן אַ יידישקייט שבעל־פה — די יידישקייט פון שטעטל־תקופה, וואָס איז נאָך ווייט ניט בכתב. און דווקא זי איז איצט די וויכטיקסטע, פון איר איז אָפּהענגיק דער קיום פון יידישן פאָלק...

קוק איך אין אַלע זייטן און זוך: ווער יאָ פאַרנעמט זיך מיט „תלמוד־השטעטל"? איך קוק אויס די אויגן און — ניטאָ! פאַראַן אַ יידישע וויסנשאַפט, איז זי געוואָרן אַ „וויסנשאַפט דעס יודענטומס", „מדעי היהדות". דאָס מיינט:

געווען פאַרצייטן קולטור־פעלקער און זיי זיינען מער ניטאָ. גראָבט זיי די וויסנ־שאַפט אויס און שטודירט זייער געשטאָרבענע קולטור. פאַראַן דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער וואָס שטודירן „אַסיראָלאָגיע", „עגיפּטאָלאָגיע", זיינען אויך פאַראַן דייטשן און רוסן און פּאָליאַקן וואָס שטודירן די אַרכעאָלאָגישע „ישראללאָגיע" — די אַרכעאָלאָגיע פון „אויסגעשטאָרבענעם" ישראל. זיי אַליין, די וויסנשאַפט־לערס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם געביט זיינען שוין מער ניט קיין יידן, זיי געהערן צו די היינטיקע מאָדערנע פעלקער. ניטאָ פאַר זיי קיין לעבעדיקע יידישקייט מער, דאָס וואָס לעבט ביי יידן, פון יידן — דאָס אַלץ לערנט מען ניט, דאָס איז פרעמד און ניט ווערט געלערנט צו ווערן. מען נעמט ניט עלעמענטן פון אָקערשט געלעבטער יידישקייט, מען פאָרמולירט עס און מען נעמט עס איבער אין נייעם לעבן. חס־ושלום! מען זוכט כּסדר נאָר דאָס וואָס עס איז געשטאָרבן, וואָס האָט ניט מער קיין שפּורן אין לעבן. פאַרצייטיקע אויפשריפטן און מגילות פון פאַרצייטן, פון ישראל־אַרכעאָלאָגיע.

יידן זיינען ביז איצט גערימט ווי אַן „עם הספר" — דאָס הייסט, אַ פאָלק וואָס הערט ניט אויף צו שאַפן נייע און נייע ספרים, ספרים פון לעבן, פון דירעקטן לעבן. געהערן ניט די ספרים צו דעם „היכל־הספר", ער איז אַן אָרט פאַר געשטאָרבענע מגילות פון געשטאָרבענע שבטים; שבטים וואָס זיינען נאָך פאַר־צייטן געשטאָרבן און ניט געלאָזן קיין לעבעדיקע ירושה פאַר לעבעדיקע יורשים. אַלע פעלקער אַרום זיינען יונגע, זיי האָבן ניט קיין אַרכעאָלאָגיע, פאַרנעמט מען זיך מיט פרעמדע, פאַרצייטיקע אַרכעאָלאָגיעס פון אויסגעשטאָרבענע פעלקער. האָט די „וויסנשאַפט פון פאַרצייטיקן, אויסגעשטאָרבענעם ישראל" יאָ אַן אַרכעאָלאָגיע, אַזוי ווי אַסיראָלאָגיע. אַזוי שטודירט מען אויסגעשטאָרבענע פאַר־צייטיקע געוויקסן און בעלי־חיים פון אַמאָליקע געאָלאָגישע תּקופות. „פּאַלעאָנטאָ־לאָגיע" הייסט יענע וויסנשאַפט. עס איז די וויסנשאַפט וועגן אויסגעשטאָרבענע מאַמאָנטן און איכטיאָזאַווערן, אָדער וועגןביימער אַזוי מאָדנע ווי „לעפּידאָדענ־דראָנען" און „סיגילאַריעס". אַזוי זיינען אויך די צופעליק געפונענע מגילות פון אויסגעשטאָרבענעם ישראל.

מיין גרעסטער כּבוד צו דער גאַנצער „היסטאָרישער געאָלאָגיע", צו דער גאַנצער אַרכעאָלאָגיע, אָבער ניט דאָס זוכן מיר, מיר זוכן די יידישקייט וואָס דער איצטיקער אורבאַניזם דאַרף איבערנעמען פון שטעטל. ווי בבל האָט איבער־גענומען פון ארץ־ישראל, ווי איראָפּע האָט איבערגענומען פון בבל. דאָס איז לא יזכר ולא יפקד. זוך איך ווייטער.

תּנכיזם

איז אויפגעקומען אַ גאַנצע באַוועגונג: צוריק צום תּנך! דאָס יידישע פאָלק פון שטעטל גייט אונטער, זאָל עס אונטערגיין! אַדרבא! זאָל עס גיין, עס איז סיי ווי פאַרהאַסט! און מיר בויען אַ נייע יידישקייט פון דער אוראַלטער תּנכישער, פון דער יידישקייט, וואָס האָט נאָך אין די צייטן פון תּלמוד געהייסן „מקרא". אַ נייע באַוועגונג פון „מיקראַיסטן", אַזוי ווי די אַמאָליקע „קאַראַימער" (פון זעלביקן וואָרט מיקרא). גייט די באַוועגונג באַנייען די תּנך־תּקופה, ווייל זי אַ תּנכיזאַציע פון יידישקייט. פאַר וואָס? — ווייל די שפּעטערדיקע יידישקייט פון נאָכן תּנך איז ניט באַליבט, פאַרהאַסט איז זי. מיר אַנערקענען גאַרניט פון גלות. און אַלץ וואָס נאָכן תּנך איז דאָך גלות אָדער עס שמעקט מיט גלות. דער תּנך איז חשוב ביי פעלקער, וואָס נאָכן תּנך האָט מען פיינט. און מיר, זאָל ניט אויסגערעדט זיין, האָבן אויך פיינט.

איז אָבער די גאַנצע טעאָריע אַ פאַלשע: עס קענען ניט קיין הייַנטיקע העלפאַנדן זיך אומקערן און ווערן מאַמאָנטן. אַזוי קענען ניט די הייַנטיקע יידן ווערן צוריק תּנך־יידן. עס קען ניט אַן אַלטער זיידע ווערן צוריק אַ קינד און אַן אַלט פאָלק קען ניט ווערן צוריק יונג, קינדיש. איז דער תּנכיזם אַ סך נענטער צו „כּנעניזם", ווי צו יידישקייט. ביידע — דער תּנכיזם און דער כּנעניזם פירן ניט צו, נאָר פון יידישקייט. צו וואָס פירן זיי? — ניט צום תּנך און ניט צו כּנען, נייערט זיי פירן צו אַנקולטוריקער ערב־רב גאָר.

און די פרומע

ווענד איך זיך צו די פרומע. זיי האַלטן דאָך כּסדר אין איבערחזרן אַז זיי קעמפן פאַר המשך פון יידישקייט, פאַר ריינער יידישקייט. זיי קעמפן דאָך מיט אַלע מיטלען — כּשרע און ניט כּשרע, מיט געלטער אַ סך און מיט פויסטן אַפילו, פאַר טראַדיציעס! אָבער דווקא דאָ איז די גרעסטע אַנטוישונג. דורך און דורך פאַלש.

פאַר וואָס פאַלש? מיט וואָס פאַלש? וועלן מיר גיין כּסדר:

1. דער ערשטער חטא לא יכופּר. זיי נעמען אויף יידישקייט ווי אַ רעליגיע, אַזוי ווי די אַנדערע פעלקער. און יידישקייט איז פאָרט ניט קיין רעליגיע, נייערט אַ נאַציאָנאַלע קולטור, ווי מיר האָבן דאָס געזען צום אָנהייב פון דער אַרבעט. רעליגיעס וואַקסן ניט, קולטורן האַלטן כּסדר אין וואַקסן. מיט אַנדערע ווערטער:

יידישקייט איז ניט קיין גאָט־רעליגיע, נאָר אַ פאָלק־רעליגיע. גאָר אַנדערש. ניטאָ קיין גלייכקייט, קיין גזירה שווה.

2. יידישקייט טאָר ניט ווערן פאַרפיקסירט. ניט: אַזוי איז עס פאַרשריבן, אַזוי מוז עס בלייבן! פאַראַן אַ וויכטיקע גמרא: „וואָלט די תורה געגעבן געוואָרן אָן אָפגעשניטענע, וואָלט ניט מעגלעך געווען צו שטיין", צו בלייבן. זיי, די פרומע, ווילן אָנערקענען נאָר אַלץ וואָס עס איז פאַרשריבן, ווי עס איז פאַרשריבן. זיי אָנערקענען נאָר תורה־שבכתב. מיר האָבן שוין פריִער געזען, אַז די אַמאָליקע תורה־שבעל־פה איז איצט אויך בכתב. זיי פאָכן כסדר איבער אונדזערע קעפּ מיט דעם תלמוד און מיט די פסוקים און זיי ווילן פאַרגעסן אַז „מנהג ישׂראל דין הוא", אַז „אַ מנהג ברעכט אַ דין".

3. זיי גייען פאַרקערט ווי די חז"ל. יענע האָבן צוגעפּאַסט די גאַנצע אמונה צו די באַדאַרפן פון זייער לעבן אין זייער צייט. די היינטיקע פרומע ווילן פאַרקערט, צופּאַסן דאָס לעבן צו די פאַרשריבענע הלכות. יקוב הדין את ההר. חרוב זאָל ווערן די גאַנצע יידישקייט, דאָס גאַנצע פאָלק, אויב עס פּאַסט זיך ניט צו צו דעם, וואָס מיר לערנען!

4. הלכה איז אָבער פאָרט ניט קיין מיצווה. הלכה איז גאַנג, שטייגער, לעבעדיקער אויפפיר פון לעבעדיקע יידן. און זיי ווילן נאָר פאַרפיקסירן די הלכה, און די וואָס ווילן דווקא פאַרשריבענע הלכות, פיקסירטע, זיינען „כשׂורפי התורה" — זיי פאַרברענען יידישקייט, ברענגען אום יידישקייט (אַ גמרא), ווייל „אי אתה כותב הלכות" — מען טאָר גאָר ניט פאַרפיקסירן הלכות אויף אייביק. „עץ־חיים היא" — יידישקייט איז ווי אַ בוים וואָס לעבט, ער בייט זיינע בלעטער, די אַלטע וואַרפט ער אַראָפּ און לאָזט שפּראָצן נייע. אַזוי אויך יידישקייט. יידישקייט מוז וואַקסן, זיך באַנייען, יעדער תקופה וואַרפט אָפּ און שפּראָצט נייע. פאַרשטייט ניט משה וואָס רבי עקיבא לערנט, אָבער עס איז פאָרט „הלכה למשה מסיני" (אַ גמרא). מעגן מיר גיין ווייטער און זאָגן: רבי עקיבא פאַרשטייט ניט וואָס עס לערנט היינט די וועלטלעכע יידישקייט, אַ ביאַליק, אַ פּרץ וכדומה, אָבער עס איז פאָרט אַ „הלכה למשה"! די וואָס פאַרשטיינערן יידישקייט, וואָס ווילן דווקא זי פיקסירן, — די פאַרברענען יידישקייט. דאָס איז געזאָגט אויף די היינטיקע פרומע.

5. יידישקייט איז געוואַקסן, געגעבן פרוכט. עס איז אויסגעוואַקסן אַ רייכע ליטעראַטור אין יידיש און אין העברעיִש. איז זי פאַר די פרומע פסול, בטל ומבוטל, עס איז ביי זיי אין די אויגן ניט וועלטלעך, נייערט עס איז טריף און מען טאָר זיך גאָר דערמיט ניט פאַרנעמען. ניטאָ אין דער וועלט ביי קיין אומה ולשון, אַז זייערע פרומע זאָלן פאַרלייקענען געשאַפענע. אַזוי איז דער דרך פון שאַפן: לכתחילה איז אַלץ וואָס עס ווערט געשאַפן נאָר וועלטלעך. די הייליקייט

קומט שפּעטער, ווען דאָס פאָלק אָנערקענט עס. זיינען די ספרים פון תּנך געשאַפן געוואָרן ווי וועלטלעכע. ערשט שפּעטער זיינען זיי אָנערקענט געוואָרן ווי קודש.

אַוודאי איז טיילן פון ביאַליק, פון לייוויק, איז טביה דער מילכיקער מער קודש ווי אַ סך רבנישע ספרים. אַוודאי איז קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון אויס־געהרגעטן יידישן פאָלק" מער הייליק ווי „קינות לתשעה באב". די פרומע אָנערקענען עס ניט. זיי לערנען נאָר און פאַרנעמען זיך נאָר מיט דעם וואָס איז פיקסירט בכּתב. אַזוי ווי די פּאַרצייטיקע צדוקים אין זייער צייט, אַזוי טוען היינט אויך די איצטיקע פרומע און זיי פאַרוואַרפן די גאַנצע יידישקייט שבעל־פּה פון היינט. איבערפראַזירנדיק אַ זאָץ פון גמרא קומט אויס: „עושים מעשי צדוקים ומבקשים שׂכר כּפרושים". ווייסן זיי נאָר פון אַ „דף יומי", פון אַ פּרק יומי, און זיי ווילן גאָר ניט וויסן וועגן דער גאַנצער קולטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן אָן אַ רעליגיעז העמדעלע. זייער צוקונפט היינט איז אויך ווי פון די אַמאָליקע צדוקים.

6. אויפנעמען יידישקייט ווי אַ פיקסירטע רעליגיע, איז פאַלש און מסוכּן. יידישקייט און יידישע אמונה (דאָס זעלביקע!) איז פאַרט אַ נאַציאָנאַלע קולטור פון יידישן פאָלק און זי האַלט כּסדר אין וואַקסן און אין אַנטוויקלען זיך און אַל דאָס נייע איז לכתּחילה וועלטלעך, די קדושה קומט שפּעטער. שיר־השירים איז אויך וועלטלעך ביז דער גרויסער תּנא און חסיד פון פאָלקישקייט רבי עקיבא (לויט אים איז ניט משהס ייחוס אויף יידן, נאָר פאַרקערט, דער ייחוס פון פאָלק אויף משהן) האָט עס געקרוינט ווי קודש־קדשים. ווילן זיי ניט אָנערקענען דעם כּלל־גדול אין יידישקייט: „החדש מתישן והישן מתקדש". אָן דעם כּלל זיינען די פרומע אמתע צדוקים פון היינט.

7. די פרומע ווילן ניט אָנערקענען דאָס רעכט פון יידישן פאָלק אויף די שאַפונגען פון קולטור ביי יידן. זיי טיילן פונאַנדער: דאָס האָט געגעבן גאָט פאַרטיקערהייט, פון האַנט צו האַנט, פון גאָטס האַנט צו משהס און אַל דאָס וואָס דאָס פאָלק האָט באַשאַפן באַזונדער איז גאָר אָן גאָט. איז אַזאַ פאַרשטעלונג גראָב מאַטעריאַליסטיש, מגושם. מען טאָר גאָר ניט אַזוי זיך פאַרשטעלן, ניט אַזוי האָבן עס באַנומען חז"ל. שאַפן שאַפט דאָס פאָלק מיט דעם געטלעכן גייסט וואָס לעבט אין אַ לעבעדיקן פאָלק. אַלץ איז געשאַפן פון פאָלק, נאָר מיט דעם געטלעכן כּוח וואָס איז אין פאָלקס לעבן. סיני איז ניט קיין הייליקער באַרג ערגעץ אין מידבר, סיני מיינט גאָר יעדער לעבעדיקער שאַפערישער ייד וואָס שאַפט קולטור. אַזוינע באַגריפן ווי: גאָט רעדט, גאָטס האַנט, גאָטס באַרג, גאָטס גייסט, רוח אלוהים, זיינען פרימיטיוו, מאַטעריאַליסטיש, ניט אין גייסט פון חז"ל. באַגרייפן יידישקייט ווי אַ גאָט־רעליגיע איז אין תּוך אַריין ניט קיין יידישער דרך, עס איז אין גאַנצן קריסטלעך, פרעמד און ווילד פאַר דעם יידישן גייסט. די יידישע

רעליגיע איז אין גאַנצן נאַציאָנאַל, האָט אין זינען דעם פאָלק קודם־כּל, צום לעבן פון פאָלק פּאַסט זיך צו די רעליגיע, די גאַנצע תּורה האָט אין זינען דעם קיום פון פאָלק און זיין ווילזיין. אָן אַ נאַציאָנאַלער רעליגיע — מענטש און גאָט — דאָס איז אין גאַנצן ניט אין גייסט פון יידישקייט.

8. לעצטנס איז עס גאָר געוואָרן אַ מיאוסע מעשׂה: פרומע זיינען אָנגעפאַלן אויף הרב גורן אים צו שלאָגן. געלייענט אין דער ענגלישער צייטונג און עס איז אַ חורבן פון יידישקייט: כּלומרשט אין נאָמען פון דער תּורה. ווער עס הייבט אויף אַ האַנט אויף אַ צווייטן אים צו שלאָגן איז אַ רשע — זאָגט אַ גמרא (סנהדרין נח). קומען הייסט עס רשעים אין נאָמען פון יידישקייט צו שלאָגן אַ רב, דעם הויפּט־רב אין מדינת ישׂראל. וואָס? האָבן שוין די פרומע אייגענע רשעים צו שלאָגן רבנים, גאונים, וואָס פּסקענען ניט ווי זיי ווילן! פרומע רשעים היטן די תּורה! אָך און ווי דער תּורה, וואָס רשעים היטן זי.

און פאַרשטייט זיך, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו זוכן אַ המשך פון יידישקייט ביי די אַלערליי רעפאָרמערס: זיי ווילן בכלל אויסראָטן יידישקייט ווי אַ פּאַרזיכיקע קולטור. זיי ווילן געהערן אין יעדער לאַנד צום הויפּט־פאָלק, מער ניט וואָס זיי ווילן דאַוונען אין אַ באַזונדערן יידישן „טעמפּל". די רעפאָרעם איז נאָר אַ קורצער אָפּשטעל אויף דעם וועג פון אונטערגאַנג, פון אויסיידישונג. חוץ אַלעם דעם איז דאָ פאַראַן די שפּראַך־אַסימילאַציע אַפילו אין טעמפּל. און עס איז אַ כּלל אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע: יידן האָבן גענוצט אַ סך שפּראַכן, צענדליקער. צווייערליי שפּראַכן זיינען דאָס געווען: געווען שפּראַכן וואָס יידן האָבן איבערגענומען פון הערשנדיקע פעלקער אָן קיינע ענדערונגען, און געווען נאָר דריי שפּראַכן, וואָס יידן האָבן איבערגעאַרבעט, צוגעפּאַסט, געענדערט. נאָר די דריי זיינען געוואָרן יידישע שפּראַכן. דאָס זיינען העברעיִש, אַראַמיש און יידיש. צוזאַמען מיט די שפּראַכן וואָס זיינען אונטערגעגאַנגען זיינען אויך אונטערגעגאַנגען די יידישע שבטים וואָס האָבן זיי גענוצט. דאָס יידישע פאָלק ציט זיין געשיכטע אין איר לאַנגער המשכדיקייט נאָר אין אָט די דריי שפּראַכן — העברעיִש, אַראַמיש־יידיש און יידיש־יידיש. די רעפאָרמערס אין אַלע זייערע מדרגות און פאָרמעס זיינען נאָך דערווייל יידן, קאַנדידאַטן פון פולן אונטערגאַנג.

איז אשא עיני, זוך איך אין אַלע זייטן „מאַין יבא עזרי" — פון וואַנען קען יידישקייט האָבן אַ לעבעדיקן, וואַקסנדיקן קיום? ווו און ביי וועמען איז עס פאַראַן אָט דאָס לעגענדאַרע ביינדעלע „לוז", וואָס עס טראָגט די אמתע אייביקייט? קום איך צו די שוואַכסטע — צו די וועלטלעכע. איז וועגן זיי געשריבן באַזונדער, דאָ איז גענוג צו זאָגן, אַז עס איז קלאָר וואָס זיי ווילן אָפּוואַרפן, אָבער עס איז לגמרי ניט קלאָר פאַר זיי גופא וואָס זיי ווילן איינהיטן. אָן אַ נעכטן קען ניט זיין קיין מאָרגן. עס איז אין גאַנצן ניט קלאָר ווי זיי האָבן אויפגענומען די גאַנצע

יידישע געשיכטע אין איר וועלטלעכקייט, במילא איז ניט קלאָר, ווי קען די געשיכטע גיין ווייטער. יידישקייט האָט ניט פֿאַרלאַנגט קיין אָנשטרענגונג כּל־זמן עס איז געווען דאָס שטעטל, און אַ ייד האָט במילא געקענט זיין נאָר אַ ייד, פֿון זיך אַ סך ביימער אין אַ וואַלד, אָבער איטלעכער וואַקסט פֿאַר זיך. אַזוי אויך אין שטעטל — אַ פֿאַרזיכיקע, אַ באַזונדערע וועלט. אַ ייד קען ניט זיין אַנדערש ווי נאָר אַ ייד. ערשט איצט, אין אורבאַניזם פֿאָדערט יידישקייט אַן אָנשטרענגונג פֿון איטלעכן יידן. יידן דאַרף מען ספּעציעל האָדעווען, עס איז נייטיק אַ ספּעציעלע אָנשטרענגונג צו זיין אַ ייד. פֿרעגט זיך, צו וואָס די אָנשטרענגונג? אין נאָמען פֿון וואָס? יידישקייט מוז איצט האָבן אַן אידעאַל, יידישקייט גופֿא איז דער אידעאַל. דאַרף מען גלייבן אין דעם, איז וועלטלעכקייט אויך אַן אמונה. און דאָס איז לגמרי ניט אויפֿגעקלערט געוואָרן.

*

און דערווייל גייט אָן אַ שטאַרקע אויסיידישונג, צי מיט שמד, צי אָן שמד, און ווו איז די צוקונפֿט? ווו איז די צוקונפֿט פֿון דעם יידישן פֿאָלק? ווי גייט איבער די יידישקייט פֿון די שטעטלעך אין שטאָט אַריין? ווי אַזוי און ווו?

6

אויף די וועגן פון יידישקייט

וווהין גייט דאָס יידישע פאָלק? וואָס איז דער מאָרגן פון אונדזער פאָלק? וואָס דערוואַרט אונדז? וואָס קען געשען מיט אונדז אויב די וועלט וועט זיין רויִק, אָן קאַטאַסטראָפעס? —

קיין מאָל איז די פראַגע ניט געשטאַנען אַזוי שאַרף, ווי זי שטייט איצט. ביז איצט האָט דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט געהאַט אַ באַשטימטן סטאַטוס. די סיטואַציע האָט זיך געצויגן, ניט געענדערט זיך. וואַקסט אַ בוים אין וואַלד. וואַקסן נאָך ביימער, האָט זיך איטלעכער בוים זיין חלק זון, זיין חלק באָדן. אַלע לעבן. שפּילן אין לעבן צווייערליי פאַקטאָרן: די אינערווייניקסטע פאַקטאָרן פון לעבן אין דעם בוים גופא און די דרויסנדיקע באַדינגונגען. זיינען ביידערליי פאַקטאָרן געווען סטאַביל, די אינעווייניקסטע פאַקטאָרן פון אונדזער לעבן, איינגעשטעלטע, דורותדיקע זיינען זיי געווען, און די דרויסנדיקע באַדינגונגען האָבן אויך זיך ניט געביטן. האָט זיך אַזוי געצויגן אונדזער לעבן אין אייראָפּע לאַנגע יאָרהונדערטער. בעסער־ערגער, זיכערער־אומזיכערער. אָבער די פראַגע, וואָס עס דערוואַרט אונדז מאָרגן, האָט זיך ניט געקענט שטעלן.

אַנדערש איז איצט. דער „איצט" הייבט זיך אָן פון, אָן־ערך, דער ערשטער וועלט־מלחמה, עטוואָס פריִער, מיר לעבן אין אַ יאָרהונדערט ווען די גאַנצע ערד האָט זיך אונטער אונדז אַ טרייסל געטאָן, אין דער גאַנצער וועלט זיינען מיר ווי אויף אַ ווולקאַן. יאָרהונדערטער איז ער שטיל געווען — דער ווולקאַן. מיט איין מאָל האָט ער אַ ציטער געטאָן, אַ טרייסל געטאָן זיך, און דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דאָס יידיש־פאָלקישע לעבן האָט

אויפגעשווידערט, צעציטערט, און וואָס גייט דאָ וואָרן מיט דעם יידישן פאָלקס־לעבן? אָט אין דעם דאַרף מען זיך אַריינטראַכטן.

*

מיר טראַכטן בכלל צו ווייניק, צו קנאַפּ. האָבן מיר זיך צוגעוווינט פון דורות זיך צו פאַרלאָזן אויף גאָט: „ווי גאָט וועט געבן", „וואָס גאָט וועט מאַכן" וכדומה. העכסטנס דאַרפן מיר בעטן ביי גאָט, ער זאָל היטן, ער זאָל שומר־ומציל זיין „שומר ישׂראל! שמור שארית ישׂראל"...

ניטאָ איצט אַזאַ טיפע אמונה אין גאָט, מען זאָל זיך פאַרלאָזן נאָר אויף גאָט. און מיר דאַכט זיך, ווי גאָט וואָלט געענטפערט: „און אַליין וואָס טוט איר? דעם אָפּגעהיטענעם היט גאָט. איז בנוגע צום פּריוואַטן לעבן פאַרלאָזן זיך שוין יידן ניט אויף גאָט אַליין: ער שפּייזט אַלע באַשעפענישן, וועט ער אויך מיך און מיין משפּחה שפּייזן. ניטאָ מער אַזוינע צדיקים. בנוגע אָבער צום לעבן, צום קיום פון פאָלק־ישׂראל, האָבן מיר געוויינלעך אַן אַלטן ענטפער: „וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זיין"... מיט אַזאַ פאַרלאָזן זיך אויף גאָט קען קיין פאָלק ניט לעבן. פאַרן פּריוואַטן לעבן פון דער אייגענער משפּחה זאָרגן יידן, פאַרן כלל־לעבן פון פאָלק ווי אַזאַ, זאָרגן מיר ניט. און דאָס איז טראַגיש. ביי פעלקער זאָרגן די מלוכות פאַרן לעבן פון פאָלק, קעמפן פעלקער פאַר דער מעגלעכקייט צו קענען זאָרגן פאַרן לעבן פון פאָלק. דאָס איז דאָך דער זינען פון קאַמף פאַר אַן אייגענער מדינה. די מדינה איז ניט קיין ציל פאַר זיך, נייערט עס איז די מעגלעכקייט צו זאָרגן פאַרן קיום און פאַרן ווילזיין פון פאָלק.

וואָס איז עס אַזוינס פאָלק?

פעלקער זיינען פון דער נאַטור, מדינות האָבן מענטשן צוגעטראַכט און געשאַפן. פעלקער זיינען אָבער פון דער נאַטור. מענטשן, ווי חיות און אויך געוויקסן, זיינען פאַראַן פון פאַרשיידענע סאָרטן. איבערהויפּט זיינען סאָרטן פאַראַן ביי קולטיווירטע געוויקסן און בעלי־חיים. ניטאָ קיין סוף צו סאָרטן ווייץ און וויינטרויבן אָדער הינט, און קי, און טויבן.

מענטשן זיינען די מער קולטיווירטע באַשעפעניש אין דער וועלט. דערפאַר זיינען ביי מענטשן פאַראַן אַזוי פיל סאָרטן, אַזוי פיל פעלקער.

פאַראַן אַ סך דעפיניציעס פון באַגריף „פאָלק". לאַנד, שפּראַך, געשיכטע — זיינען אָנגענומענע סימנים פון פעלקער. פון אַלע מיר באַקאַנטע דעפיניציעס

געפעלט מיר צום בעסטן די דעפיניציע פון תּלמוד. די גמרא פאַרנעמט זיך ניט מיט שאַפן דעפיניציעס. איך האָב דאָ אין זינען אַ מאמר פון רבי יוחנן, אַז גאָט האָט געמאַכט אַ ברית, אַן אָפּמאַך, אַ בונד צווישן זיך מיט דעם יידישן פאָלק נאָר צוליב די זאַכן וואָס בעל־פּה. (גיטין ס׳). ניט די תּורת־משה איז דער אָפּמאַך פון גאָט מיט זיין פאָלק, נאָר דווקא די ניט־פאַרשריבענע יידישקייט. עס שטייט ניט „תּורה בעל־פּה״, עס שטייט „דברים שבעל־פּה״.

וואָס מיינט, בכן, דער אויסדרוק בעל־פּה? עס מיינט זאַכן וואָס אין דער געשריבענער תּורה זיינען זיי גאָר ניטאָ, אָבער זיי זיינען פאַראַן אין דעם שטייגער, אין דעם אויפפיר פון יידישן פאָלק, און אָט דער אויפפיר צייכנט אויס דאָס יידישע פאָלק פון צווישן די אַנדערע פעלקער. אויף אונדזער הייַנטיקער וואָכע־דיקער שפּראַך וואָלט מען דאָס געקאָנט פאָרמולירן, אַז פעלקער שיידן זיך אונטער אַ דאַנק זייער שטייגער.

וואָס איז פאָלק? — אַ סכום מענטשן מיט איין פאַרזיכיקן שטייגער. און רבי יוחנן, דער מחבר פון דעם מאמר, איז געווען איינער פון די גרעסטע אין זיין צייט, דירעקט נאָכן פיקסירן די משנה, מצה אום פּסח און קוגל אום שבת — און אַלע אַנדערע פירונגען — זיי זיינען סימנים פון יידישקייט. ניט דער „אני־מאמין״, ווי עס האָט אַ סך שפּעטער געוואָלט איינשטעלן דער רמב״ם, נאָר דער „אני נוהג״ — איך פיר זיך אַזוי — דאָס איז דער סימן פון יידישקייט. דערפאַר האָט דער תּלמוד אָפּגעגעבן זיך אַזוי פיל מיט די פירונגען פון יידן און האָט זיך אין גאַנצן ניט פאַרנומען מיט די גלויבונגען פון יידן.

אַ צווייטער מאמר איז פאַראַן אין מדרשים אין עטלעכע נוסחאות: יידן זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, ווייל זיי האָבן אָפּגעהיט זייערע אייגנ־טימלעכע פירונגען פון שטייגער. קיין געשריבענע תּורה איז גאָר ניט געווען. ניט זי היט אָפּ דעם קיום פון יידישן פאָלק, נייערט דער פאַרזיכיקער שטייגער, אויב אַפילו ער איז ניט פאָרמולירט און ניט דעפינירט. פון דעם פירן מיר אַרויס די תּלמודישע דעפיניציע פון פאָלק: פאָלק דאָס איז אַ גרופּע מענטשן מיט איין שטייגער, מיט די זעלביקע פירונגען. די גמרא זאָגט אַפילו (יומא כ״ח ב׳) אַז אברהם אָבינו האָט מקיים געווען די גאַנצע תּורה אַ צייט פריִער פאַר משהן און אַפילו סך פריִער איידער די חז״ל האָבן זי פאַרשריבן. דער שטייגער האָט אים געמאַכט פאַר אַ יידן. ניט דער מאָנאָטעיִזם וואָס ער זאָל האָבן איינגעשטעלט, נייערט דער פאַרזיכיקער שטייגער, די פירונגען. פעלקער שיידן זיך אונטער מיט זייער פאַרזיכיקן שטייגער, מיט זייער אויפפיר, וואָס זיינע דעטאַלן זיינען דאָס די מיצוות. ניט די טעאָרעטישע פּרינציפּן פון פאָלק זיינען מאַסגיביק, נייערט די פּראַקטישע פירונגען. יע, איטלעך פאָלק האָט זיינע פילאָסאָפישע פּרינציפּן, זיין צוגאַנג צו וועלט, זיינע פאַרשטעלונגען וועגן מענטש און גאָט.

אָבער ניט זיי באַשטימען דעם אויפּפיר, נאָר פאַרקערט: דער אויפפיר איז פריִער און פון אים קומען שפּעטער אַרויס די פּרינציפּן.

זיינען יידן אַ באַזונדער פאָלק?

געוועוען וועגן דעם אַ סך רייד, אַ סך טעאָרעטישע אויספירן. איבערהויפט ביי אַסימילירטע יידן. „היות יידן האָבן ניט קיין אייגן לאַנד, היות זיי זיינען צעשפּרייט איבער דער וועלט, זיינען זיי מער ניט קיין פאָלק פאַר זיך, זיי זיינען אין איטלעכן לאַנד ווי מיטגלידער פון הויפּטפאָלק. מיר זיינען אומעטום טיילן פון הויפּטפאָלק מיט אַן אַנדער, מיט אַ באַזונדערער רעליגיע. שטאַרק באַליבט איז די טעאָריע געווען ביי אַלע אַסימילאַציע־גיריקע יידן. אין דייטשלאַנד זיינען יידן ניט אַנדערש ווי דייטשן, אין רוסלאַנד — רוסן, און אַזוי אומעטום. איז עס אַ פאַלשע טעאָריע. יידן זיינען אַ פאָלק פאַר זיך, אַ באַזונדער פאָלק, ווייל אין משך פון זייער לאַנגער געשיכטע האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ באַזונדערן, פאַרזיכיקן שטייגער. ביז וואַנען וועלן יידן זיין אַ פאָלק? ביז עס וועלן ניט אָפּגעמעקט ווערן די שפּורן פון דעם פאַרזיכיקן שטייגער. אָט דער יידישער שטייגער — ער איז דער אָפּמאַך צווישן יידישן פאָלק און דעם יידישן גאָט — „איר וועט זיין מיין פאָלק און איך וועל זיין אייער גאָט”.

יידן ריידן טאַקע אַ סך לשונות. אָבער ווייט ניט אַלע לשונות וואָס יידן רעדן זיינען יידישע. אַ יידיש לשון איז בלויז דער וואָס טיילט אויס יידן ווי אַ באַזונדער פאָלק, אַנדערש, פאַרזיכיק, באַזונדער. ווען אַלע יידן אין דער גאָרער וועלט וועלן ריידן אַפילו דעם בעסטן ענגליש, וועט עס ניט זיין קיין יידיש לשון. העברעיִש לשון איז געוואָרן יידיש, ערשט ווען די אַנדערע פעלקער און שבטים וואָס האָבן גענוצט דאָס לשון זיינען מער ניט געווען, נאָר די יידן. אַראַמיש איז געוואָרן אַ יידיש לשון, ווען בלויז יידן האָבן עס גענוצט. אונדזער הייִנטיק יידיש איז געוואָרן יידיש, ווען אַנדערע פעלקער האָבן מער עס ניט געקאָנט ריידן, ניט פאַרשטיין.

פאַרקערט גאָר, זיינען יידן מער און טיפער אַ באַזונדער, פאַרזיכיק פאָלק ווי אַנדערע פעלקער. און אָט פאַר וואָס: פעלקער זיינען אַזוי ווי סאָרטן ביי געוויקסן און חיות — אַ תולדה פון דורותדיקער, פילאָגענעטישער אַנטוויקלונג. און יידן זיינען ביז דעם איצטיקן אורבאַניזם תמיד און אייביק געווען פאַר זיך, אָפּגעזונדערט ביאָלאָגיש, ניט געווען קיין בלוטגעמיש ביי יידן, געמישטע חתונות זיינען אַרויסגעפאַלן פון יידישן פאָלק. אַזוי אויך זיינען יידן געווען ביזן אורבאַניזם ווייט אָפּגעשיידט פון אַלע אַנדערע פעלקער גייסטיק און קולטורעל.

יידן האָבן קיין מאָל פון קיינעם ניט איבערגענומען קיין פּאַרטיקע רעליגיע, אַלץ איז אָרגאַניש יידיש. קיינע שותּפים ניט אין רעליגיע, ניט אין קולטור, ניט אין וועלטבאַנעם, אַלץ פאַר זיך און פון זיך. איז בכן, אויב פאָלק איז אַ פּראָדוקט פון פאַרזיכיקער פילאָגענעטישער אַנטוויקלונג, זיינען יידן ביזן אורבאַניזם געווען אַ מוסטער פון אַ ריינעם, ביאָלאָגישן און קולטורעלן פאָלק. קיין שום אייראָפּעיִש, קריסטלעך אָדער מאָכמעדאַניש פאָלק קען זיך ניט גלייכן מיט יידן אין זינען פון עכטקייט, פון אָרגאַנישער פאַרזיכיקייט און פילאָגענעטישער אייגנאַרטיקייט.

און דער מקור פון אָט דער אָרגאַנישער פאָלקישער פאַרזיכיקייט איז תּמיד געווען דער באַזונדערער יידישער שטייגער. פון שטייגער קומט דער וועלטבאַנעם. פאַראַן אָדער געווען אין דער פּסיכאָלאָגיע אַ טעאָריע, אַז דער געדאַנק בכלל איז אַ טוונג, וואָס איז ניט אויסגעפירט געוואָרן, געבליבן אין געדאַנק און ניט דערגאַנגען צו די מוסקולן. ניט „סוף מעשׂה במחשבה תּחילה״ נאָר פאַרקערט, „סוף מחשבה במעשׂה תּחילה״. אַזוי איז אין דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט, אַזוי איז עס אויך ביי איטלעכן מענטשן אין זיין אַנטוויקלונג: דאָס זיין קומט פריִער פאַרן באַוווּסטזיין. ביי יידן איז דער גאַנצער פאָלקישער באַוווּסטזיין — די רעליגיע, די פילאָסאָפיע, אַלע גלויבונגען, די גאַנצע קולטור אַ תּולדה פון דעם פאַרזיכיקן זיין און שטייגער. יידן זיינען מער פאָלק ווי אַלע אַנדערע פעלקער.

יידישקייט איז פיקסירט געוואָרן אין תּורות ניט איין מאָל — משה, עזרא, חז״ל, דער תּלמוד און דער שולחן־ערוך. אַלע מאָל איז עס אַ סומירונג פון אויפפיר, פון שטייגער, ניט קיין פילאָסאָפיעס. אין דער העלעניסטישער און אין דער שפּאַנישער תּקופה איז עס געווען ביי יידן אַ נטיה צו פאָרמולירן די פילאָסאָפיע פון יידישקייט. איז טאַקע יידישקייט אין יענע תּקופות געווען שוואַך, ניט דויערהאַפט. אשכּנז מיט אירע הלכות און ספרד מיט איר „גאָלדענער תּקופה״. דער דויער און אויסדויער איז פאָרט מיט דער הלכה, מיט די פירונגען און שטייגער. אָט אַזוי פירן זיך יידן. אידעען און פילאָסאָפיעס — דאָס זיינען תּולדות, פּראָדוקטן און ניט די פונדאַמענטן.

פאַר די חז״ל אין די צייטן פון תּלמוד און אין אשכּנז איז געשטאַנען די פראַגע, נאָר איינע — ווי דאַרפן יידן זיך פירן, ניט ווי יידן דאַרפן דענקען. אין ספרד האָבן די גדולי ישׂראל געטראַכט וועגן יידישן דענקען. נאָר דער רמב״ם האָט געשריבן, ווי די משנה־תּורה, — פירונגען און דינים, און אַזוי אויך דעם מורה־נבוכים אין פילאָסאָפיע. וואָלטן היינט געווען חז״ל וואָלטן זיי אונדז געלערנט:

איר טראַכט וועגן קיום פון יידישן פאָלק, טאָ היט זיינע פירונגען. זוכט זיי אָבער ניט אין אוראַלטע ספרים, זוכט די פירונגען אין דעם ספּעציפישן יידישן שטייגער כּל־זמן עס איז געווען אַזאַ באַזונדערער, פאַרזיכיקער יידישער שטייגער.

וואָס איז פֿאָלק? — פֿאָלק איז אַ גרופּע מענטשן וואָס האָבן אײן געמײנזאַמען לעבן־שטײגער, אומאָפּהענגיק פֿון אָרט און שכנים מיט אַנדערע שטײגערס און אַנדערע שפּראַכן: פֿאָלק דאָס איז אַ סכום טראַדיציעס פֿון אױפֿפֿיר. פֿון דעם געמײנזאַמען, פֿאַרזיכיקן שטײגער קומען אַרױס סעקונדער אַלץ וואָס מיר רופֿן קולטור — מעשׂיות, געזאַנגען, טענץ און, נאָך שפּעטער — אידעען און אידעאָלאָגיעס. זײנען יידן אַ פֿאָלק? קײן פֿראַגע ניט. טאַקע צעזײט און צעשפּרײט, אָבער דער אײנהײטלעכער שטײגער פֿאַרבינדט זײ.

שפּראַך איז יע אַ סימן פֿון אַ פֿאָלק, אַ טײל פֿון אָרגאַנישן שטײגער. ווען אַ פֿאָלק נעמט אָן אַ שפּראַך, ענדערט איר אױסשפּראַך, איר אינטאָנאַציע, איר בױ — ווערט זי זײנע.

געבורט און טויט פֿון פֿעלקער

עס איז אָן אַלגעמײנער געזעץ אין דער נאַטור: אַלץ וואָס לעבט מוז שטאַרבן. בלױז טויטע קענען אױסמײדן טויט. עס ווערן געבאָרן און עס שטאַרבן יחידים, עס ווערן געבאָרן און עס שטאַרבן אַרטן און מינים באַשעפֿענישן — חיות און געוויקסן. די גאַנצע נאַטור איז איצט אַן אַנדערע, ניט ווי זי איז געווען אין פֿריִערדיקע געאָלאָגישע תּקופֿות. אין דער געשיכטע פֿון מענטשן אויף דער וועלט זײנען פֿעלקער אויך אַזוי: געבאָרן, געלעבט און געשטאָרבן. כּמעט אַלע הײנטיקע פֿעלקער זײנען „יונגע", ייִנגער פֿון יידן. זײנען יידן געבליבן אײן פֿאָלק פֿון צווישן די וואָס זײנען געווען אַ מאָל, ווען מיר זײנען אױפֿגעקומען ווי אַ פֿאָלק.

דאָס לעבן פֿון יחידים איז קירצער, אין די ראַמען פֿון דורות. דאָס לעבן פֿון פֿעלקער איז דויערנדיקער, אין די ראַמען פֿון געשיכטע: דאָס לעבן פֿון אַרטן און מינים איז אַ סך דויערנדיקער, שוין איבער די צײטמאָסן פֿון געשיכטע. דאָ גילט שוין די צײט — די געאָלאָגישע. קײן אײביקײט אָבער איז ניטאָ. קײנער וויל ניט שטאַרבן, ניט קײן יחיד און אויך ניט קײן ציבור, קײן פֿאָלק. טויט איז אַלע מאָל אַ גוואַלטאַקט, וואָס מען וויל אים אָפּציִען, פֿאַרהאַלטן. ווערט אַ פֿאָלק געבאָרן — אַ גרופּע מענטשן הײבט אָן מחמת עפּעס סיבות צו פֿירן אַן אַנדער שטײגער, לעבט אַ געוויסע צײט ביז עס קומט צום פֿאָלקישן באַוווּסטזײן פֿון אַן אײגענעם פֿאַרזיכיקן איך — קריגט עס אײגן־ליבע, קאָלעקטיוון עגאָיִזם.

קומט די פֿאָלקישע פֿאַרזיכיקײט זיך צונויף מיט אַנדערע פֿעלקער, ווערט איטלעך פֿאָלק ווי פֿאַרליבט אין זײן שטײגער, עס איז ליבער, טײערער ווי דאָס פֿרעמדע, פֿון אַנדערע פֿעלקער. ווערט דאָס אײגענע נאָך ליבער, ווערט עס הײליק, ווי פֿון גאָט געגעבן, ווערן פֿאָלקישע פֿירונגען מיצוות ווי פֿון גאָט. אין קאַמף

מיט די פרעמדע השפעות קענען זיין צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען: אָדער דאָס אייגענע ווערט פאַרגעטערט, פאַרהייליקט, און פאַרשטויסט אַל דאָס פרעמדס, אָדער דווקא דאָס פרעמדס ציט שטאַרקער צו, מען לעבט זיך אַריין אין דעם פרעמדס, דאָס אייגענע גייט אין גאַנצן פאַרלאָרן. דאָס איז דער וועג פון אַסימילאַציע און אונטערגאַנג. פעלקער פאַרלירן זייער פאַרזיכיקן שטייגער, זייער שפּראַך און זיי גייען אונטער. ווי איז עס ביי יידן?

דער פאַלשער „נצח ישׂראל לא ישקר"

האָבן יידן ליב צו דעקלאַמירן אָט דעם פסוק (שמואל א׳ ט״ו 29). כלומרשט איז עס טאַקע אַזוי אַן אייביק פאָלק, ווער פון אונדז האָט דעם „נצח ישׂראל" ניט איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט געווען אַן אמת. און מען פאַרלאָזט זיך אויף אים: נישקשה, זאָרגט ניט, נצח ישׂראל... אין דער אמתן אָבער איז דאָס יידישע פאָלק לגמרי ניט קיין אויסנאָם. עס העלפט ניט לגמרי די לעגענדע, אָנגענומען ביי אַלע פעלקער, אַז מיר זיינען אַן אייביק פאָלק! געבענטשט אָדער פאַרשאָלטן מיט אייביקייט. איך האָב אַליין אַ מאָל געשריבן און געגלייבט אַז מיט איין פוס שטייט אונדזער פאָלק אויף יענער זייט פון די מיצרישע פּיראַמידן און מיטן צווייטן פוס שפּאַצירן מיר אויף דער לבנה. און אין אונדזער טראָט גייט דורך די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע... דאָס איז אָבער בלויז באַרימערייען. אין דער אַמתן גייען מיר אונטער ווי אַלע אַנדערע פעלקער. מיט דעם איינציקן אונטערשייד: לאַנדפעלקער, קאָנצענטרירטע אין איין לאַנד, גייען אונטער דאָס גאַנצע פאָלק מיט איין מאָל. צעשפּרייטע פעלקער, צעשאָטן איבער אַ סך לענדער — האָט יעדער שבט אַן אַנדער מזל. די גמרא זאָגט (אין פסחים) אַז אונדזער גליק איז אונדזער צעשאָטנקייט איבער פעלקער, איז עס ניט בלויז כדי מען זאָל ניט קענען אומ־ברענגען מיט איין מאָל, ווי רש״י שרייבט, נאָר מיר זאָלן אַליין ניט אונטערגיין מיט איין מאָל. אַ סך יידישע שבטים זיינען אונטערגעגאַנגען און ניט פון פאַגראָמען, נאָר ווייל זיי האָבן פאַרלאָרן זייער שטייגער־פאַרזיכיקייט, און זיך אַסימילירט. פאַראַן אַפילו אַזוינע וואָס האָבן ניט געלאָזן קיין זכר אַז זיי זיינען געווען אַ מאָל. גאָרניט געלאָזן קיין ירושה.

— איינגעהיט יאָ דעם פאַרזיכיקן שטייגער האָבן יידן אין גלות־מצרים, ווייל אַ באַזונדערע טעריטאָריע (גושן).

די מצרים האָבן ניט אויפגענומען קיין אַסימילאַנטן (בראשית מ״ג ל״ב).

און אין גלות־בבל —

ווידער — אַ באַזונדערע אויטאָנאָמיע (סאָציאַל, יורידיש און מסתמא אויך טעריטאָריעל).

אין דער גאַנצער שטעטל־תּקופה אין אייראָפּע, ווייל:

ייִדן זײַנען געווען אַ באַזונדערער קלאַס: פּריצים, פּויערים און ייִדן — ניט קיין פּויערים און ניט קיין פּריצים. הייפן, דערפער און שטעטלעך. יעדער אויסמישונג — אוממעגלעך.

אין רוסלאַנד, — אין תּחום:

ייִדן אַ פּאַרזיכיקער קלאַס;

ייִדן צווישן סובאָרדינירטע פעלקער, וואָס מיט אַזוינע אַסימילירן זיך ייִדן קיין מאָל ניט;

דאָס הערשעריש פאָלק (רוסן אין רוסלאַנד, דייטשן אין גאַליציע) איז כּמעט ווי ניט געווען אין די ייִדישע ייִשובים.

יורידישע אָפּזונדערונג — ספּעציפישע אויסנאַם־געזעצן פאַר ייִדן. ייִדן האָבן ניט איינגעהיט דעם אייגענעם, פּאַרזיכיקן שטייגער און זיך יע אַסימילירט:

אין ארץ־ישׂראל — אין די צײַטן פון די שופטים און אויך שפּעטער.

מלכות שומרון; אויך גלות־אשור;

די געבליבענע אין ארץ־ישׂראל אין דער צײַט פון גלות־בבל;

אין דער העלעניסטישער תּקופה;

די געבליבענע אין ארץ־ישׂראל נאָכן חורבן.

ייִדן האָבן ניט געהאַט קיין אייגענעם שטייגער, קיין אייגענע שפּראַך, הגם זיי האָבן יע געהאַט אַ פּאַרזיכיק ייִדישן באַוווּסטזײַן אין העלעניזירטער אַלעקסאַנדריע אין מצרים.

אין רוימישן גלות און אין נאָך פאַרשיידענע גלותן, וואָס מיר ווייסן אַפילו ניט פון זיי.

אין מוסולמענישער שפּאַניע (דערפאַר דער שפּעטערדיקער אונטערגאַנג פון ספרד);

מעריב־אייראָפּע נאָך דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע;

אין דרום־אַמעריקאַנער לענדער (די עלטערע ייִשובים. די איצטיקע זײַנען נײַע, ניט לאַנג אויפגעקומען).

דער גאַנצער „נצח ישׂראל" איז אַ לעגענדע. ייִדישע ייִשובים גייען אונטער.

אין יעדער געשיכטלעכער תּקופה איז ממשיך דעם קיום פון ייִדישן פאָלק בלויז איין שבט, איין ייִשוב. דאָס איז דער „העגעמאָן־שבט" (דער אויסדרוק איז פון דובנאָוון). אַלע אַנדערע ייִשובים זײַנען אין פּראָצעס פון אונטערגאַנג.

ביימער זײַנען פאַראַן פון צוויי סאָרטן: פאַראַן ביימער וואָס זייער הויפּטשטאַם ציט זיך אײַנער און דער זעלביקער פון אָנהייב ביזן סאַמע שפּיץ (מאָנאָ־

פּאָדיאַלעביימער) און פאַראַן ביימער וואָס זיינען צעצווייגט און איטלעך מאָל איז עס אַ צווייג וואָס איז ממשיך דעם הויפּטשטאַם (סימפּאָדיאַלע ביימער). יידיש פאָלק איז דורך דער גאַנצער געשיכטע סימפּאָדיאַל. אין יעדער נייער תקופה נעמט דער „העגעמאָן־שבט" איבער די גאַנצע ירושה פון דעם פריערדיקן העגעמאָן און טראָגט ווייטער דעם המשך פון יידישקייט. די גאַנצע געשיכטע פון דעם „אייביקן אַהאָספער" איז נאָר די געשיכטע פון די העגעמאָן־שבטים. און דאָס זיינען זיי ביז אונדז: קרובישע שבטים צוועלף. אַ סך „עברים־שבטים" זיינען צום יידישן פאָלק ניט צוגעשטאַנען: מלכות יהודה, גלות־בבל, פערסישע תקופה (שוין ניט מער שבטים, נאָר איין גאַנץ פאָלק). פאַרטייען אַנשטאָט שבטים. פרושים. בבל, אשכנז, שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע. עד־כאן געשיכטע פון יידישן פאָלק. די לעצטע היסטאָרישע תקופה: שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע: גרויסע ביאָלאָגישע פאַרמערונג: פון אַרום פיר מיליאָן יידן אין אָנהייב פון 19טן י"ה ביז 17 מיליאָן ערב היטלער. אַלע אַנדערע יישובים זיינען כמעט דעם גאַנצן י"ה געווען אין פּראָצעס פון פיזישן און גייסטיקן אונטערגאַנג.

אייגענע שפּראַך, אויפבלי פון אייגענער קולטור; נייע קינדער־יישובים אין אַלע לענדער פון דער וועלט; די מדינה. עד־כאן האָט אונדז געבראַכט די געשיכטע.

ווו האַלטן מיר איצט?

אַ סך לאַנדצווייגן פון יידישן פאָלקישן העגעמאָן־שבט — אַמעריקע — אַ קורצע צייט בלויז און שוין אויס. אַ סך שפּראַכן, אַלע פרעמדע. אין פרעמדע (ניט איבערגעאַרבעט, לויט גראַמאַטיק פון אַנדערע פעלקער) איז קיין מאָל ניט געווען קיין קיום פון יידישן פאָלק. ניטאָ מער קיין קולטורשאַפונג; ביאָלאָגישע פאַרמערונג האָט אויפגעהערט אין אַלע יישובים; די צאָל יידן ווערט ניט גרעסער. פאַרקערט, קלענער. אומעטום אין דירעקטער שכנות מיט די הערשנדיקע לאַנדפעלקער; קולטורעלע אויסיידישונג, אונטערגאַנג פון רעליגיעזער פאַרזיכיקייט; אורבאַניזם — איין קלאַס פאַר אַלע איינוווינערס, אויך יידן; איין שול פאַר אַלע קינדער. צעפאַלונג אויף פאַרטייען־שבטים, וואָס ווילן ניט אָנערקענען איינער דעם צווייטן. אַזוי אַרום האַלטן אַלע נייע יישובים אין אונטערגאַנג. (וועגן דער מדינה מוז גערעדט ווערן גאָר באַזונדער). קען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אונטערגיין? אין אַלע יישובים? מיט איין מאָל אָדער ביסלעכווייז? — קיין שום ראַציאָנעלע אָפּהאַלטן פון דעם אונטערגאַנג־פּראָצעס זיינען ניטאָ. דער „נצח ישראל" איז לגמרי ניט קיין נצח. אָט דערביי האַלטן מיר איצט. ווילן יידן ניט טראַכטן וועגן דעם, „מען טאָר ניט זיין קיין פּעסימיסטן". עס איז מיר אָבער ניט אויסגעקומען

צו הערן, צו לייענען אַ באַגרינדעטן אָפּטימיזם. הלוואי וואָלט אַזאַ געווען. סתם אָפּטימיזם וואָס איז אויף גאָרניט באַגרינדעט, נאָר ווייל מען וויל ניט טראַכטן קיין אומעטיקע געדאַנקען — דאָס איז אויך איינער פון די סימנים פון אונטערגאַנג.

צי איז דאָס אונטערגייענדיקע פאָלק ישׂראל באַוואָרנט פון אומקום, דורך רציחה פון פעלקער? — אַזוי באַוואָרנט ווי די יידן אין דייטשלאַנד זיינען געווען ערב היטלער. ניט מער. פאַרקערט, פעלקער זיינען איצט צעווילדעט, דער מאָרדלוסט שטאַרקט זיך, די יוגנט אין אַלע לענדער איז דעמאָראַליזירט; דער אַנטיסעמיטיזם שטאַרקט זיך. ניטאָ קיין שום באַוואָרענישן קעגן אומקום. און דער יידישער ווידערשטאַנד־כוח איז פאַרקערט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער דעקולטורי־זאַציע. וואָס מער אַסימילירט, אַלץ קנאַפּער ווידערשטאַנד. אַסימילאַציע שוואַכט אָפּ דעם זיך־געפיל. אָן דעם געפיל איז אַ מענטש, אַ ציבור, ווי אַטראָפירט, מען קען זיך ניט פאַרטיידיקן און ניט באַשיצן זיך.

דאָס איז דער מצב היינט. גייט זייט אַ בריה צו זיין אַן אָפּטימיסט. וועלן מיר אַנשטאָט צו שפּילן זיך מיט ווערטער, זיך טיפער אַריינטראַכטן אין די פּראָצעסן פון קיום.

פאָלק דאָס איז שטייגער. אָן שטייגער זיינען אונטערגעגאַנגען אַ סך יידישע ישובים, אָן אַ באַזונדערן שטייגער גייען אויך איצט אונטער אַ סך — אויב ניט אַלע — יידישע שבטים. דאָס האָבן קלאָר פאַרשטאַנען די חז״ל. זיי האָבן דאָס געשאַפן דעם טערמין הלכה — שטייגער. דער שטייגער דאָס איז יידישקייט וואָס איז ניט בכתב, דאָס איז בעל־פה, און הגם ניט פאַרשריבן, דאָך איז עס יידישקייט. און דווקא אָט די ניט־פאַרשריבענע יידישקייט איז דער בונד, דער אָפּמאַך פון דעם יידישן גאָט מיט זיין פאָלק — דער קיום פון פאָלק, ווי דאָס זאָגט ר׳ יוחנן (גיטין ס׳).

וויל מען דעם קיום פון פאָלק — היט, שטודירט דעם שטייגער, זעט אים אויפצוהיטן אין לעבן, אין דער פּראַקטיק, באַמיט זיך ער זאָל זיין איינהייטלעך און טראַדיציאָנעל. שטייגער — דאָס איז הלכה. עלעמענטן פון יידישקייט שבעל־פה, וואָס פירט זיך אין יידישקייט הגם ניט פאַרשריבן. הלכה דאַרף מען ניט פיקסירן אויף אייביק. דאָס פון דער הלכה וואָס בלייבט אייביק — דאָס איז שוין מיצווה. זיי קען מען יע פאַרשרייבן. מצה פסח — איז אַ מיצווה, טשאָלנט שבת — איז אַ הלכה. מען טאָר ניט פאַרשרייבן קיין הלכות.

די גאַנצע צייט פון למוד איז אָנגענומען געווען אַז „אי אתה כותב הלכות״ מען טאָר גאָר ניט פאַרשרייבן די הלכות. דער גאַנצער סכום פון די הלכות איז געווען און געבליבן ביי דעם נאָמען „תורה־שבעל־פה״, הגם שוין פאַרשריבן, פאַרשריבן על־פי הדחק, וואָרעם מען קען בשום־אופן ניט געדענקען אויסווייניק. אָט די יידישקייט שבעל־פה איז ניט ווייניקער הייליק ווי די תורה־

שבכתב. זי איז אויך מסיני, הגם ניט פאַרשריבן. פאַר וואָס אָבער טאָר מען עס ניט פאַרשרייבן קיין הלכות? פאַר וואָס האָט מען עס פאַררעכנט די „כותבי הלכות כשורפי התורה״, ווי זיי פאַרברענען די תורה? איז עס בלויז ווייל זיי זיינען מסיני געגעבן בעל־פה, דאַרפן זיי בלייבן בעל־פה? ניט פאַרשריבן? אָדער עס זיינען דערביי געווען אויך ראַציאָנעלע מאָטיוון?

גאָר פשוט — די פירונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן איז אוממעגלעך צו פאָרמולירן, צו פיקסירן אין שריפט. ביי זיי זיינען ניט געווען קיין שריפטלעכע „נאָטיצן״, ווי היינט ביי אונדז. ניט געווען קיין פאַפּיר, קיין פעדערס, קיין טינט. שרייבן איז בפירוש געווען אַ גאַנצע אַב־מלאכה — אַ שווערע אַרבעט. פאַר־שרייבן אויף פאַרמעט פלעגט מען בלויז אַזוינס וואָס מען האָט געוואָלט עס זאָל בלייבן לדורות, אויף אייביק. די הלכות — די עלעמענטן פון שטייגער זיינען אָבער געווען נאָך ניט איינגעשטעלט, איינהייטלעך פאַר אַלע יישובים, זיי זיינען געווען פאַרשיידן ביי פאַרשיידענע יידן. מען קען ניט פאַרפיקסירן דאָס וואָס עס איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט איינהייטלעך אין לעבן.

פאַרשרייבן, וואָס פאַר זיי איז עס געווען פיקסירן לדורות — קען מען, טאָר מען, נאָר דאָס וואָס עס איז איינהייטלעך אין לעבן, פאַר אַלע יידן גלייך, אָבער פאַרפיקסירן, פאַרפעסטיקן דאָס וואָס האַלט זיך ערשט אין פורעמען, וואָלט געווען ניט קיין איינהייטלעכע יידישקייט, נאָר אַ פילפאַרמיקע, אַ פאַר־שיידנאַרטיקע, ווי אַ סך יידישקייטן פון פאַרשיידענע פעלקער. יידן וועלן אָבער זיין איין פאָלק, נאָר אויב די יידישקייט זייערע וועט זיין איינפאַרמיק, איינהייטלעך פאַר אַלע יישובים, אומעטום. איין יידיש פאָלק — אויב עס וועט זיין איין פאָרעם פאַר יעדער הלכה. מען דאַרף ניט פאַרשרייבן (פאַרפיקסירן לדורות!) קיין שטייגער־נאָרמעס כל־זמן זיי זיינען ניט אויסגעהאַלטן איינהייטלעך. דאָס איז דער זינען פון ניט פאַרשרייבן קיין הלכות.

פאַרשריבענע יידישקייט איז פאַר זיי געווען ווי מומיעס פון שוין געשטאָר־בענע נאָרמעס. פון מענטשן וואָס לעבן נאָך מאַכט מען ניט קיין מומיעס, קיין הלכות — שטייגער־נאָרמעס פון לעבעדיקע יידן פאַרפיקסירט מען ניט, טאָר מען ניט פאַרשרייבן, ווייל איין פאָלק מיינט אויך איין הלכה־פאָרעם. עטלעכע פאַרשיידענע פאָרמעס פון איין הלכה מיינט אויך עטלעכע יידישע פעלקער. טאָר מען עס ניט.

וואָס איז יידישקייט? לעבעדיקע יידישקייט היינט? — מען דאַרף עס ניט זוכן אין ספרים, ניט ביים רמב״ם אין זיינע עיקרים, ניט אַפילו אין די עשׂרת־הדיברות, ניט אין שפּעטערדיקן שולחן־ערוך, נאָר מען דאַרף שטודירן די יידיש־קייט ווי זי האָט געלעבט אין די שטעטלעך פון מיזרח־אייראָפּע און זי אוניפיצירן,

זי פאַרפּיקסירן. זי קען מען שוין, מעג מען שוין, מוז מען שוין פאַרפּיקסירן, ווייל קיין יידישע שטעטלעך זיינען שוין מער ניטאָ און סע וועלן ניט זיין.

מלוכה־הלכה

אַלע אָרגאַניזמען ווילן לעבן, קיינער וויל ניט שטאַרבן. אַלע געזעלשאַפט־לעכע באַשעפענישן, ווי בינען, מורעשקעס, וועספּעס קעמפן פאַרן קיום פון זייער קאָלעקטיוו, ניט ווייניקער ווי פאַר זייער יחידיש לעבן. אָפט זיינען זיי מפקיר זייער פּריוואַט לעבן פאַרן קיום פון זייער געמיינזאַמען נעסט. מענטשן — ניט אַנדערש. יעדער איינער וויל לעבן און מען גייט איינשטעלן דאָס אייגן לעבן פאַרן קיום פון כלל, פאַרן לאַנד, ווען פאָלק און לאַנד זיינען געוועזן סינאָנימען. די אָרגאַני־זאַציע פון לאַנד, די מלוכה האָט געזאָרגט פאַרן קיום און פאַר דער שטאַרקייט פון לאַנד, פון דער מדינה. פאַרן קיום פון יחיד זאָרגט דער יחיד, פאַרן קיום פון מדינה, — די מלוכה.

ווי אַזוי? מיט וואָס קען מען עס באַזאָרגן? — מיט פיזישן כּוח. מלוכות מעגן זיך דערלויבן זאַכן וואָס פּריוואַטע יחידים טאָרן ניט. רציחה פאַר דער מלוכה — איז אַן אָנגענומענער וועג, אַ העלדישקייט, וואָס ווערט באַזונגען און באַלוינט. יחידים איז פאַרבאָטן צו פאַרגיסן בלוט, מיליטערישער כּוח פון מדינות איז זייער גרויסקייט און זייער אַכטונג.

יידן איז ניט באַשערט געווען צו ווערן אַ גרויסע און מאַכטיקע מדינה. בלויז אין דודס און אין שלמהס צייטן האָט עס אפשר עמעצן געקאָנט זיך אויסדאַכטן. ניט דערגאַנגען דאָס יידישע פאָלק צו מיליטערישער מאַכטיקייט. אין דער צייט פון בית־שני האָבן זיך ביי יידן איינגעשטעלט צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען. איין ריכטונג האָט געוואָלט גלייבן אין פיזישער מאַכטיקייט. יאָ מאַכטיק, אָדער ניט מאַכטיק, אָבער עס מוז זיין אַ מדינה!

די צווייטע ריכטונג האָט, פאַרקערט, אָנגעוואָרן די גאַנצע אמונה אין מלוכה. דער קיום פון פאָלק און דער קיום פון דער מדינה זיינען אין גאַנצן באַזונדער, צוויי זאַכן אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון אַנאַנד. די מעכטיקסטע מדינות זיינען אונטערגעגאַנגען. מיט די מדינות איז אויך דאָס פאָלק ווי פאַרלאָרן געגאַנגען, אַסימילירט זיך.

ניט די מלוכה וועט איינהיטן דעם קיום פון פאָלק, נאָר די הלכה — כּל־זמן יידן וועלן האָבן זייער באַזונדערן, פאַרזיכיקן, איינהייטלעכן שטייגער, וועט זיין אַ יידיש פאָלק. שטאַרק צי שוואַך — ניט אין כּוח איז דער קיום פון אַ פאָלק,

ניט די מלוכה, נאָר די הלכה וועט איינהיטן דעם קיום פון פאָלק ישׂראל. די מלוכה־ריכטונג האָט ניט געדאַרפט צעוויקלען קיין אייגענע, פאַרטיקע טעאָריע — עס איז דער כּלל־גדול אין לעבן פון פעלקער. גאָר אַנדערש איז עס אָבער מיט דער הלכה־ריכטונג, איר כּלל: „כּל־זמן עס וועט זיין ביי אַלע יידן איין הלכה, איין שטייגער וועט אויך זיין איין פאָלק, צי מיט אַ מדינה צי אָן אַ מדינה". אָט פאַר וואָס די חז"ל האָבן די מדינה כּמעט ווי ניט באַמערקט און די גאַנצע ענערגיע אָפּגעגעבן דער הלכה — איר אוניפיצירונג, איר פיקסירונג, איר פאַרפעסטיקונג לדורות.

און די הלכה־ריכטונג איז געווען גערעכט: קיין שום „שטאַרקע" מלוכה האָט ניט איינגעהאַלטן איר כּוח, איר שטאַרקייט, אַלע שטאַרקע און מעכטיקע מדינות זיינען אונטערגעגאַנגען, אומגעקומען; דאָס פאָלק אָבער אָן אַ לאַנד, אָן אַן אַרמיי, אָן שטאַרקייט, נאָר מיט אַן איינהייטלעכן פאַרפיקסירטן שטייגער — דאָס פאָלק האָט זיך איינגעהיט, עס האָט אויסגעהאַלטן! איין פאָלק קעגן זיבעציק וועלף, קעגן אַ וועלט פון שׂונאים, פון רוצחישע פעלקער! „אלה ברכב ואלה בסוסים, ואנחנו בשם אלוהינו" (תהלים כ' 8). „די מיט די רייטוועגן, און די מיט פערד, אָבער מיר וועלן דערמאָנען דעם נאָמען פון גאָט, אונדזער גאָט. זיי בייגן זיך און פאַלן, אָבער מיר הייבן זיך און שטעלן זיך ווידער" (יהואש). און דאָס איז געווען ריכטיק די גאַנצע צייט פון שטעטל. „איך הייב זיך אויף און גיי ווייטער" (לייוויק).

מיט וואָס און ווי אַזוי האָבן יידן אויסגעהאַלטן די גלותן און די גרושים בעסער ווי אַלע שטאַרקע פעלקער מיט זייערע אַרמייען און מיליטערן? — אַלץ מיט דעם כּוח פון דער הלכה. מלוכה אָדער הלכה — איז געווען די מחלוקת ביים יידישן פאָלק די גאַנצע צייט פון דעם צווייטן בית־המיקדש און די מחלוקת האָט זיך געענדיקט: ירושלים מיט מלוכה־פּרינציפּ איז געפאַלן, יבנה — מיט הלכה־פּרינציפּ האָט איינגעהיט דעם קיום פון יידישן פאָלק. רבי עקיבא — די נשמה פון בר־כּוכבא־אויפשטאַנד איז געפאַלן, רבי עקיבא — די נשמה פון דער הלכה איז אייביק צוזאַמען מיטן יידישן פאָלק. און לאָמיר געדענקען און ניט פאַרגעסן אַז „הלכה" מיינט ניט דעם פיקסירטן און פאַרשריבענעם דין מיט הונדערטער יאָרן צוריק, הלכה מיינט דעם גאַנג, דעם שטייגער פון אַ לעבעדיק פאָלק. כּל־זמן דער יידישער שטייגער איז פאַרזיכיק, איז אויך דאָס יידישע פאָלק פאַר זיך, באַזונדער. די סכּנה פאַרן קיום פון פאָלק קומט ווען עס הערט אויף אַ באַזונדערער פאַרזיכיקער שטייגער.

א. גאָלאָמב

דער אמתער מקור פון דער הלכה

פון וואַנען אָבער האָבן די חז״ל געשעפּט די הלכה? האָבן זיי דאָס אַלץ מחדש געווען? איינגעשטעלט? חס־ושלום! מען דיקטירט ניט אַ פאָלק אַ פירונג, מען טראַכט ניט אויס קיין נייע פאָרמען פון יידישקייט. די הלכה איז גענומען פון פאָלקס פירונג. „גיי און זע ווי דאָס פאָלק פירט זיך און טו אַזוי". מיצוות זיינען אָנגעזאָגט, פון הימל, פון גאָט, פון סיני, — הלכה איז פון פאָלקס פירונג. די חז״ל אַליין האָבן איינגעטיילט די גאַנצע יידישקייט אויף אירע צוויי מקורים — מדאורייתא — פון דער תורת־משה און מדרבנן — פון דעם ווי די רבנים אונדזערע האָבן איינגעשטעלט.

און זיי האָבן איינגעשטעלט גאָר אַ סך. דאָס גאַנצע לעבן פון אַ יידן, פון זיין געבוירן ווערן און ביזן טויט האָבן זיי נאָרמירט און איינגעפעסטיקט, אויסגעפורעמט און פאַרפעסטיקט, אין אַלע פרטים פון לעבן זאָל זיין און זאָל בלייבן קענטיק דער ייד. זיי האָבן איינגעפירט קדושין, כתובה, פאָרמען פון ברית, עירובין — אַלץ און ביז קדיש, שבעה, אבלות. אַלע מאָל און תּמיד האָבן זיך חז״ל באַמיט צו נעמען פון פאָלקס פירונגען. פון דאַנען שטאַמט דאָך אויך דער עצם נאָמען „הלכה". עירובין, דער צווייטער טאָג יום־טוב ספּעציעל פאַר די גלותן (יום־טוב שני של גלויות), שבת־ליכט און נאָך אַ סך האָבן איינגעשטעלט חז״ל.

עס איז „מדרבנן" ניטאָ אין תּורת־משה. אַפילו אַזאַ מין נייער פּרינציפּ פון רעליגיע ווי די אמונה אין שכר ועונש אויף יענער וועלט און די אמונה אין תחית־המתים. ניטאָ אין תּורת־משה. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס זוכן „מן התורה מניין?" — ווו קען מען געפינען עפּעס אַ סימן, אַן אָנווונק אין דער תורה? איז אַן אַ סמך אין דער תּורה, אָבער אין שטייגער פון פאָלק איז עס דאָ, איז גענוג! דאָס וואָרט „מדרבנן" האָט געקאָנט פאַרביטן ווערן און עס האָט געקאָנט זיין „מדישׂראל" — סתם פון יידן.

און דאָס איז געבליבן און זאָל עס בלייבן אַ געזעץ לדור־דורות: יידישקייט — דאָס איז דער אייגענער, פאַרזיכיקער שטייגער־לעבן פון פּשוטן יידישן פאָלק. יעדער איינפיר, יעדער נייער איינשטעל וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען אין שטייגער פון פאָלק, איז פרעמד, איז ניט יידיש, איז „אש זרה", איז „עבודה זרה", איז נאָכמאַכונג, איז אַסימילאַציע און עס איז אין דעם פאַראַן אַ סכנה פאַרן קיום פון פאָלק ישׂראל. די הלכה קען ניט זיין אומפאַרענדערט, איינגעשטעלט לעולם־ועד, איין מאָל און אויף אייביק. אָ, ניין! זי איז און דאַרף זיין „פּושט צורה און לובש צורה" — די פאָרעם דאַרף זיך ענדערן, אָבער אַלע מאָל דאַרף זי זיין צוגעפּאַסט צום לעבן, צום פאָלקישן שטייגער.

די חז״ל האָבן געהאַט אַן איינשטעל צו פרעגן תמיד „מן התורה מניין?״ קענען מיר די פראַגע טייטשן איצט — ווי פירן מיר אַרויס דאָס נייע פון דער אוראַלטער יידישקייט? אין אונדזער היינטיקער נייער צייט פון אורבאַניזם זיינען פאַראַן אַ סך נייע פאָרמען פון לעבן. זיינען צווישן זיי פאַראַן נייעסן צום לעבן און נייעסן צום אונטערגאַנג. דער סימן זיי אָפּצושיידן — האָבן זיי וואָרצלען אין יידישן לעבן פון שטעטל אָדער זיי זיינען פשוט איבערגענומען פון אַנדערע פעלקער?

די חז״ל האָבן ביי יעדער איינפיר זיך געשטעלט די פראַגע „מן התורה מניין?״ ווי שטאַמט דאָס נייע, דער נייער איינפיר אַרויס פון דער פריִערדיקער יידישקייט? צי שטימט עס, צי שטאַמט עס אַרויס אָרגאַניש פון יידישקייט. היינט וואָלטן מיר געדאַרפט זיך שטעלן די פראַגע „מן השטעטל מניין?״ — ווי קומט אונדזער היינטיקע יידישקייט, די אורבאַנישע, אַרויס פון פריִערדיקער, פון שטעטל־שער? צי איז עס ניט קיין פשוטע נאָכמאַכונג, איבערגענומען פון דער פרעמד?

געשיכטלעכע תקופות

די יידישע געשיכטע שיידט זיך אונטער פון דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער מיט דעם וואָס זייער געשיכטע איז איין לאַנגע תקופה. די יידישע געשיכטע אָבער איז דורכגעגאַנגען אַ צאָל פאַרשיידענע תקופות, פאַרשיידענע שבטים פון יידישן פאָלק האָבן געפירט די געשיכטע — אין יעדער תקופה אַן אַנדער שבט. יעדער תקופה מיט איר העגעמאָן־שבט, בעת אַלע אַנדערע שבטים זיינען בלויז ווי צוגאָבן.

דובנאָוו האָט געוואָלט שאַפן איין אַלגעמיינע „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק״, אַרויס זיינען אָבער געשיכטעס פון באַזונדערע שבטים פון דעם אַלגעמיינעם פאָלק. ביז איצט זיינען מיר דורך דריי הויפּט־תקופות: תנך־תקופה, די תלמודישע און די שטעטלשע. איין תקופה ירשנט די פריִערדיקע. דריי תקופות און דריי טערמינען פון יידישקייט — מיצוות, הלכות און שטייגער; דריי תקופות און דריי שפּראַכן, וואָס יידן האָבן געשאַפן און געלעבט אין זיי, מיט זיי: תנך־תקופה מיט העברעיִש, די תלמודישע תקופה מיט צוויי שפּראַכן — העברעיִש און אַראַמיש און די דריטע תקופה מיט דריי שפּראַכן — העברעיִש, אַראַמיש און יידיש, וואָס האָט זוכה געווען צו טראָגן דעם נאָמען פון פאָלק — יידיש פאָלק — און יידיש לשון. דריי תקופות און דריי הויפּט־טעריטאָריעס ווו די געשיכטע האָט זיך אָפּגעשפּילט: ארץ־ישראל, בבל און אייראָפּע. די לעצטע, די אייראָפּעיִשע תקופה צעפאַלט זיך אויף צוויי עפּאָכעס: מעריב־אייראָפּע און מיזרח־אייראָפּע. די ערשטע תקופה מיט איין טעריטאָריע — איין לאַנד. לאַנד פאַרלאָרן — פאָלק

פאַרלאָרן; די צווייטע תּקופה — גלות, אַ צעשפּרייטקייט איבער לענדער פון גאַנצן מיזרח; די דריטע — אין אייראָפּע — מעריב און מיזרח.

פון דער ערשטער תּנכישער תּקופה איז אונדז געבליבן בלויז אַ ספר — דער תּנך. פון אים קענען מיר זיך פאָרשטעלן זייער שטייגער, זייער אָרט לעבן. פון דער צווייטער — דער תּלמודישער תּקופה, האָבן מיר אַ ירושה ווי אין ספרים, אַזוי אויך אַ ירושה אין שטייגער לעבן. אונדזער שטייגער אין דער דריטער תּקופה איז געווען אַ דירעקטע ירושה פון דעם שטייגער אין דער תּלמודישער תּקופה. מען קען זאָגן אַז די גאַנצע געשיכטע פון צווייטן בית־המיקדש איז געווען אַ צוגרייט צו לעבן אָן אַ טעריטאָריע, אָן אַ מדינה; אַן איבערגאַנג פון מלוכה־באַזיס צו דעם הלכה־באַזיס.

שוין אין דער צווייטער תּקופה איז געווען אַ גלות־צעשפּרייט, דאָס יידישע פאָלק האָט שוין געלעבט אין עטלעכע לענדער. אויפגעהאַלטן דאָס פאָלק, זיין מאָניזם, זיין גאַנצקייט איבער אַלע לענדער פון זיין גלות, זיין אייניקייט איבער דורות, האָט שוין ניט די מלוכה, נאָר די הלכה — איין שטייגער איז איין פאָלק. די מלוכה־ריכטונג איז בהדרגה, ביסלעכווייז אונטערגעגאַנגען, די הלכה־ריכטונג איז אויפגעקומען. די מלוכה־ריכטונג מיט די חשמונאים אין שפּיץ; די הלכה־ריכטונג מיט די תּנאים; די מלוכה־ריכטונג מיט ירושלים; די הלכה־ריכטונג מיט יבנה. מסדה און בר־כּוכבא זיינען דער סוף פון דער מלוכה־ריכטונג; יבנה איז דער אָנהייב פון הלכה־ריכטונג. ביז עס איז אונטערגעגאַנגען די מלוכה־ריכטונג איז אויפגעקומען די הלכה־ריכטונג און זי האָט אויפגעהיט דעם קיום פון פאָלק די לענגסטע צייט — באַלד צוויי טויזנט יאָר! שווער איז דער גלות, זייער שווער, און דאָך אויסגעהאַלטן! קיין יידישע מלוכה האָט ניט אויפגעהאַלטן דאָס פאָלק אַזאַ לאַנגע צייט.

די הלכה — דער שטייגער, האָט געבאָרן די וואָרטקולטור, די גאַנצע ליטעראַטור, ווי די רבנישע, די נאָכתּלמודישע, אַזוי אויך די וועלטלעכע אין מיזרח־אייראָפּע. אַלץ קומט, אַלץ שטאַמט פון הלכה, פון שטייגער. אַ סך נעגאַטיווע שטריכן אין גלות־לעבן. זיי האָבן אויסגעווירקט זיך אויפן כאַראַקטער פון פאָלק, זיי האָבן אָפּגעשוואַכט דאָס פאָלק פיזיש און גייסטיק, איינגעפלאַנצט אַ מינדער־ווערטיקייט, אַן אומכּבוד צו זיך אַליין, צום אייגן פאָלק, אַ געוווינהייט צו שטעלן אַנדערע פעלקער העכער ווי דאָס אייגענע פאָלק אַליין. אָבער קיין מלוכה, קיין מדינה קען זיך ניט באַרימען מיט אַזאַ לאַנגן דויער ווי די הלכה, אַפילו אין גלותן! זי האָט אונדז געבראַכט ביז היינט. ביז איצט. איצט לעבן מיר, האַלטן מיר אויף אונדזער פאָלקישקייט נאָר מיט די רעשטלעך פון שטעטל. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אין קולטור, אַלץ קומט פון שטעטל, אַלץ וואָס מיר האָבן געשאַפן און אַלץ וואָס מיר שאַפן — אַלץ פון דעם זעלביקן שטעטלשן מקור.

דער תּנך איז ביי אונדז היינט לגמרי ניט ווי ער איז געווען אין זיין תּנך־צייט, נאָר ווי דער תּלמוד און ווייטערדיקע מפרשים האָבן אים פאַרדייט. אויך דער תּלמוד איז ביי אונדז ניט אין דער געשטאַלט ווי ער איז געשאַפן געוואָרן אין יבנה און נהרדעה, נאָר ווי דאָס שטעטל האָט אים פאַרדייט און איבערגעקאָכט. אַלץ קומט פון שטעטל; אויף אַלץ קומט דער „מן השטעטל מניין”. איצט שטייען מיר ביים חורבן פון שטעטל.

ניטאָ מער דאָס שטעטל און עס וועט ניט זיין. די גאַנצע תּקופה פון מיזרח־אייראָפּע איז געענדיקט. אַ רייכע ירושה האָט די תּקופה אונדז געלאָזן. די העגעמאָניע פון יידישן פאָלק טראָגט זיך אָבער איצט איבער קיין אַמעריקע, קיין ארץ־ישׂראל. ווי עס וועט זיך אַנטוויקלען ווייטער דאָס יידישע פאָלק — דאָס ווייסן מיר נאָך ניט. מיר ווייסן אַפילו ניט צי וועט עס זיין אַ המשך פון יידישן פאָלק, אָדער עס וועט אויפקומען עפּעס אַ ניי פאָלק, אַ במקום דעם יידישן פאָלק פון שטעטל — אַפילו דאָס ווייסן מיר ניט.

סכּנות

אַ סך סכּנות זיינען אָנגעוואַקסן און לויערן אויף דעם קיום פון יידישן פאָלק. איך וויל דאָ אויסרעכענען נאָר די אינעווייניקסטע, אין יידישן פאָלק גופא, אין זיין כאַראַקטער, און אויך ניט אַלע. איך וועל דאָ אָנרופן:

א. דער פאַלשער גאַנג פון דער רעליגיעזער וועלט היינט. לויט דעם מקור און אַנטוויקלונג איז די יידישע רעליגיע ניט קיין גאָט־רעליגיע נאָר אַ פאָלק־רעליגיע. ניט גאָט־דינען נאָר דעם פאָלק דינען, אָפּהיטן זיין שטייגער און זיין קיום. די עלעמענטן פון שטייגער זיינען פאַררעכנט ווי מיצוות, אָנגעזאָגט פון יידישן גאָט „למען יאַריכון ימיך על האדמה” — דאָס יידישע פאָלק זאָל לאַנג לעבן אויף דעם לאַנד. די רעליגיע דינט די אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק.

דאָס זעלביקע מיט נאָך מער אָפּגעהיטקייט איז עס געווען אין דער צווייטער, דער תּלמודישע תּקופה. דער שטייגער פון פאָלק — דאָס איז די רעליגיע. די געטרייקייט צום פאָלק, די אהבת־ישׂראל — די ליבע צו אַלץ וואָס עס איז יידיש — דאָס איז דער זינען און דער תּוך פון דער יידישער רעליגיע. איצט איז עס ניט אַזוי. ניטאָ קיין אהבת־ישׂראל. די פרומע האָבן אפשר אַן אהבת תּורת־ישׂראל — אפשר, אָבער קיין אהבת־ישׂראל דירעקט איז ניטאָ. די הלכה אין איר פאַר־צייטיקער אויספורעמונג איז ווי געוואָרן אַ ציל פאַר זיך, פאַר דעם פּריוואַטן „שׂכר ועונש”, גן־עדן נאָכן טויט. ניט די הלכה דינט דעם קיום פון פאָלק, נאָר פאַרקערט גאָר, מען דאַרף דעם קיום פון פאָלק כּדי צו קענען מקיים זיין גאָטס ווילן.

צו וואָס דאַרף עס גאָט? וואָס גיט אים צו אָדער נעמט אים אָפּ אויב איך — יעקל בן־פּלעקל — בין מקיים די מיצווה אָדער ניט? — דאָס בלייבט אַ קשיא, וואָס מען טאָר גאָר ניט פרעגן. מען קען נאָך פאַרשטיין די מיצוות בין אדם לחברו. זיי זיינען כּדי „לתקן עולם במלכות שדי״, אָבער די מיצוות בין אָדם למקום — זיי זיינען אין גאַנצן איבעריק. אַלע מיצוות און אַלע הלכות זיינען לכתחילה געווען „בין אדם לעמו״ — אין די אינטערעסן פון יידישן פאָלק און פאַר זיין קיום, ניט פאַר דעם פּריוואַטן גן־עדן און גיהנום. די פּריוואַטע אינטערעסן וועגן אָבער היינט שטאַרק אַריבער, דאָס אייגענע פאָלק ווערט אַלץ קנאַפּווערטיקער אין פאַרגלייך מיט דער ווערטיקייט פון הויפּטפאָלק אין לאַנד; די אמונה אין יענער וועלט ווערט סיי ווי אָפּגעשוואַכט, שטאַרקט זיך דער דראַנג צו אַסימילאַציע, וואָס קען אין גאַנצן אומברענגען דאָס יידישע פאָלק. איבערהויפּט אין די לענדער ווו די רעגירונג שאַפט ניט קיין בולטע דיסקרימינאַציע פון יידן און דאָס העלפט דער אַסימילאַציע.

ב. די צווייטע סכּנה איז די שפּראַך־אַסימילאַציע. די שפּראַך וואָס אַ פאָלק באַשאַפט, בילדעט אויס, איז קודם־כּל אַן אוצר פון פאָלקס פּסיכיק, פון זיין גייסט: שפּראַך פאַרלאָרן — איז במילא פאַרלאָרן די גאַנצע קולטור־ירושה. די קולטור־ירושה קען זיין בכּתב. זי איז ניט אַזוי וויכטיק ווי די קולטור שבעל־פּה, די ירושה. די שיכטן וואָס פאַרלאָזן יידיש, — פאַרוואַרפן די ירושה פון קולטור שבעל־פּה. די קרייזן זיינען אַנקולטוריקע. קולטור איז ניט בילדונג: מען קען עס ניט אויסלערנען ניט פון ביכער, ניט אין שולן, ניט פון לערערס, ניט דורך ווערטער בכלל. קולטור שבעל־פּה — דאַרף מען זיך אין איר אַריינלעבן אין משך פון לעבן, אין משך פון קינדהייט איבערהויפּט. שפּראַך פאַרלאָרן — איז פאַרלאָרן די גאַנצע קולטור־ירושה. מענטשן אָן דער מוטער־קולטור זיינען אָן גייסט, ווי מענטשן וואָס האָבן אין קינדהייט ניט געהאַט קיין מוטערמילך: זייער פאַרדיי־אַפּאַראַט איז פאַרדאַרבן אויף אַ גאַנץ לעבן. מענטשן וואָס זיינען געוואַקסן אָן דער מוטער־קולטור קענען שפּעטער ניט איינזאַפּן אָרגאַניש אויך אַ צווייטע קולטור, אַ פרעמדע.

אַ מענטש איז געגליכן צו אַ בוים. אוודאי קען מען אויף אַ בוים אַרויפגרעפטן אַ צווייטע קולטור, אַ מער געוווּנטשטע, אָבער פריִער דאַרף דער יונגער בוים האָבן זיינע נאַטירלעכע וואָרצלען. זיי דאַרפן זיין פון נאַטירלעכע זאָמען. אין אַסימילאַציע ווערט דער מענטש אין מענטשן פאַרמינערט. איז אַסימילאַציע טראַגיש, אָבער נאָך ערגער איז די דעקולטוריזאַציע, מענטשן ווערן אָן, פאַרלירן די גאַנצע ירושה וואָס בעל־פּה, וואָס עס גיט די נאַטירלעכע מוטערשפּראַך פון אַ פאָלק. קיין שום אויסגעלערנטע שפּראַך גיט עס ניט און קען עס ניט געבן. די דעקולטוריזאַציע איז ערגער פון אַסימילאַציע. אמתע אַסימילאַציע מוז דויערן

עטלעכע דורות. באַריס פּאַסטערנאַק האָט שוין אַפּילו געהאַט אַ נאָבעל־פּרייז פֿאַר זיין רוסישן ראָמאַן „ד"ר זשיוואַגאָ". די שפּראַך איז באמת זעלטן שיין, אָבער עס איז נאָך אַ גרויסע פֿראַגע, צי דער געפּרייזטער ראָמאַן וועט אָרגאַניש אַריין אין דער רוסישער ליטעראַטור, הגם פּאַסטערנאַק אַליין איז שוין געווען געשמדט, און אויסגעיידישט איז ער שוין געווען אַפּילו אין זיין עלטערן־הויז. יאַנוש קאָרטשאַק איז געוויס געשטאָרבן ווי אַ קדוש, זיין שטאַרבן איז געווען פֿון אַ יידישן קדוש, אָבער אַ שרייבער און אַ פּעדאַגאָג איז ער שוין ניט געווען קיין יידישער, און צי וועט די פּוילישע קולטור אים אַריינגעמען אין איר פּאַנטעאָן איז נאָך אַ גרויסע פֿראַגע. דאָס זעלביקע קען מסתמא געזאָגט ווערן וועגן דעם „בעסטן פּוילישן דיכטער" יוליאַן טובים... יעדער אַסימילאַציע הייבט זיך אָן מיט דעקולטוריזאַציע, מיט אויסיידישונג, מיט פֿאַרלירן די קולטור פֿון אַ פֿאָלק און פֿון אָט דער דעקולטוריזאַציע ביז פֿולער אַסימילאַציע מוז דויערן דורות. דער פּראָצעס דויערט וויניקער ווען קליינע גרופּעס אָדער יחידים האַלטן אין אַסימילירן זיך. גרעסערע גרופּעס, קענטיקע מינדערהייטן, קענען בלייבן אין דער דעקולטוריזאַציע און פֿאַרלירן אין גאַנצן, ניט דערגיין ביז אמתער אַסימילאַציע. די דעקולטוריזאַציע איז פֿאַרבונדן מיט אַ גאַנצער ריי פּסיכישע ענדערונגען אין דעם מענטשן און זי אַטראָפֿירט קודם־כּל דעם ווידערשטאַנד־כּוח קעגן יעדן אַנטיסעמיטיזם, ווען אַזאַ ווערט אַקטיוו.

אָט די סכּנה פֿון דעקולטוריזאַציע איז אַ נייע. זי איז ניט געווען אין דער שטעטל־תּקופֿה. יידן זיינען געבליבן לעבן באַזונדער, אין דעם יידישן שטייגער, אַפּילו ווען זיין האָבן גערעדט די שפּראַך. אַנדערש איז אין אורבאַניזם, ווען יידן לעבן מיט די ניט־יידן אין איין סאָציאַלן קלאַס, און יידן בילדן ניט קיין באַזונדערן סאָציאַלן קלאַס. די דעקולטוריזאַציע איז בפֿירוש אַ נייע סכּנה. מען האָט נאָך גאָר וויניק זי באַהאַנדלט אין שריפֿט.

די דעקולטוריזאַציע איז אויך באַקאַנט ביי געוויקסן. די בעסטע סאָרטן פֿרוכטן, ווען זיי בלייבן אָן ספּעציעלער באַזאָרגונג עטלעכע יאָר פֿאַרלירן זייערע קולטור־אייגנשאַפֿטן, די פֿרוכטן ווערן צוריק אַזוי ווי ביי זייערע „ווילדע" אורעלטערן. דאָ רופֿט מען די דערשיינונג „פֿאַרווילדונג": די קולטור־געוויקסן אָן באַזאָרגונג קערן זיך אום צו זייער אוראַלטער, ווילדער נאַטור. איך האָב דאָ ניט גענוצט דעם טערמין „פֿאַרווילדונג", נאָר „דעקולטוריזאַציע", ביים באַהאַנדלען דעם דויערנדיקן פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע ביי יידן.

מיר טרעפֿן כּסדר איצט די דעקולטוריזירטע (אָדער פֿאַרווילדעטע) יידן. מיר לעבן מיט זיי צוזאַמען, מיר לעבן צווישן זיי, וויל זיי זיינען מערער, אָפֿטער. זיי קוקן אויף אונדז ווי אויף אָפּגעשטאַנענע, ניט־דערבאַקענע, פֿון אונדז הערט זיך נאָך מיט „כאַנדריקעווע", מיט דער קליינשטעטלדיקייט, בעת זיי לעבן שוין

מיט דער „קולטור פון לאַנד", פון די נייע לענדער געמיינט. דאָ איז אָבער אַ טעות: מען פאַרבייט די באַגריפן קולטור און בילדונג. אמת, בילדונג קענען זיי האָבן מער, זיי האָבן שוין על־פּי רוב דורכגעמאַכט אַ שול אין די נייע אימיגראַציע־לענדער, זיי קענען האָבן דיפּלאָמען פון הויכשולן, זיי קענען זיין פּראָפעסיאָנאַלן. דאָס אַלץ קען מען קריגן דורך בילדונג. אָבער קולטורעל זיינען זיי, דווקא זיי — די געבילדעטע — שרעקלעך אָרעם. אַ פּשוטער קליינשטעטלדיקער שוסטער, וואָס קען קוים זאָגן עברי איז ניט אין פאַרגלייך קולטורעלער פון זייַנס אַן אייניקל אַ פּראָפעסאָר, אַ פילאָסאָפיע־דאָקטאָר וכדומה. מיר קענען זען די מדרגות פון דעקולטוריזאַציע אין די דורות פון איין משפּחה — זיידעס, קינדער און קינדסקינדער. די זיידעס אָן בילדונג, אָבער זיי לעבן נאָך מיט דער געבראַכטער קולטור פון די אָרעמע שטעטלעך, פון די חרובע היימען. די קינדער און די אייניקלעך האָבן שוין בילדונג, אָבער די קולטור פון די אַלטע היימען האָבן זיי ניט געהאַט און קיין נייע האָבן זיי נאָך ווייט ניט דערוואָרבן. זיי זיינען געבילדעטע אָן אַ קולטור.

אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן — אַלץ קומט פון שטעטל, פון דער פאַרזיכיקייט, פון שטייגער־לעבן. עס גייט ניט אין דעם וואָס דער אָדער יענער שרייבער האָט זיך אָנגעלערנט אַ סך פון דער פרעמד, — דער יסוד אָבער, דער באַזיס איז אַלע מאָל געווען און געבליבן דאָס שטעטל. דער בעסטער קולטור־בוים מיט די בעסטע פרוכט וואַקסט אויס פון זיינע נאַטירלעכע וואָרצלען. שפּעטער, ווען די וואָרצלען זיינען שוין פאַרפעסטיקט, קען מען אויף אים אַרויפגרעפטן די קולטור וואָס מען וויל. אַזוי איז אויך אַ מענטש: די שטעטלשע פאַרזיכיקייט האָט געגעבן די פעסטע, אייגענע קולטור־וואָרצלען. אויף דעם האָט שוין די שטאָט געקאָנט „אַרויפגרעפטן" (אויסלערנען) אַ געווונטשענע קולטור. און ניט נאָר שרייבערס! ביי אַלע גרויסע יידן דאַרף מען זוכן די שטעטלשע וואָרצלען, — און מען וועט זיי זיכער געפינען! אַלע באַרימטע ווינער יידן שטאַמען מסתמא פון גאַליציע, אַלע גרויסע יידן פון פּרייסן ציִען זייער ייחוס פון פּוילישן יידנטום און אַלע באַרימטע יידן פון מאָסקווע שטאַמען זיכער פון דעם יידישן תּחום־המושב.

דער תּחום־המושב — דאָס איז דער גרויסער ראַיאָן, וואָס רוסלאַנד האָט צוגענומען פון פּוילן, מיט די יידישע שטעטלעך. דאָרטן איז די יידישע באַפעלקערונג געבליבן. אַנדערש ווו, אויסערן תּחום, צווישן די רוסן האָבן יידן גאָר ניט געהאַט קיין רעכט צו וווינען.

יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק, ווען זיי האָבן פאַרלאָרן זייער באַזונדערן לעבן־שטייגער. דאָס איז געשען מיט דעם אורבאַניזם. מיט דעם אויפקום פון שטאָט. שטאָט אַנשטאָט הויף־דאָרף־שטעטל איז געקומען אין רעזול־טאַט פון ענדערונג אין ענערגיע־פאָרמען. ווען מען האָט געוווסט נאָר פון מענטשן־

כוח צו אַרבעטן, האָט זיך איינגעפעסטיקט קנעכטשאַפט — פרייע מענטשן אַ ביסל, קנעכט אַ סך. גריכישע פילאָסאָפן האָבן געזען אין קנעכטשאַפט אַ נאָרמע.

מלחמות צוליב קנעכט. קנעכט צו אַרבעטן און צו פאַרוויילן (רוים) און אַז פאַרוויילונגען זיינען בלוטיקע, מענטשן פאַרוויילן זיך מיט רציחה, דאַרף מען קנעכט אויך פאַר גלאַדיאַטאָרן וכדומה. מענטשנרעכט און קנעכט. ווען מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט צו באַנוצן מיטן כוח פון פליסיק וואַסער און פון ווינט, דאַרף מען אָבער פּויערים צו ערדאַרבעט. איז קנעכטשאַפט פון פּויערים — צו ערדאַרבעט, צו געיעגן און צו פירן מלחמות. ווען מען האָט אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט מעכאַנישן כוח (דאַמף), מיט מאַשינען, פּראָדוקציע איז געשטיגן, האַנדל-ספערן גרויסע — זיינען אויפגעקומען שטעט. און שטעט דאַרפן ניט קיין קלאַסן-פאַרטיילונג. איז געקומען די פראַנצייזישע רעוואָלוציע און עס איז געקומען די פראַגע וועגן יידן. אין פריערדיקער קלאַסן-געזעלשאַפט זיינען שטעטלעך געווען נאָרמאַל, אָבער אין שטעט מיט איין שטייגער אין לעבן, ווי קען מען ז״אַ אויסטיילן יידן? דעמאָלט איז אויפגעקומען די פאָרמול: „יידן ווי בירגער — אַלע רעכט, יידן ווי אַ פאָלק — קיינע רעכט״.

יידן זיינען געווען להוט אָנצונעמען גלייכע פערזאָנען־רעכט און זיי האָבן גאָר גרינג מוותר געווען אויף פאָלקישע רעכט. די יידישע פאָלקישע אויטאָנאָמיע האָט זיך געענדיקט... מען דאַרף ניט ריידן וועגן „פּראָגרעס״, עמאַנציפּאַציע און אַנדערע שיינע ווערטער. גאָר פּשוט — געענדיקט די אוראַלטע שטאַנדן־געזעל־שאַפט, ניט פּויערים, ניט פּריצים. במילא אויך ניט מער יידן. אַזוי איז אונטער־געגאַנגען יידישקייט אין גאַנץ מערב־אייראָפּע. מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט פון סאָציאַלן, פון עקאָנאָמישן לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך דאָרטן איינגע־האַלטן דער שטאַנדן־שטייגער, די קלאַסן־צעטיילונג און די יידישע פאַרזיכיקייט אין שטעטלעך. אַ צרהדיקע אויטאָנאָמיע, אָבער דאָך אַ פאָלקישע פאַרזיכיקייט! שטעטל און שטאָט אין געמיש, האָט די השפּעה פון שטאָט דאָך געהאָלפן בייע ווינטן אַריינצודרינגען אויך אין שטעטל. כּל־זמן דאָס שטעטל איז עקאָנאָמיש געווען אַן אינסטיטוציע, האָט זיך אויך געהאַלטן דער טראַדיציאָנעלער שטייגער פון יידישן שטעטל.

אין די פערציקער יאָרן פון פאָריקן י״ה האָט די צאַרישע רעגירונג געשיקט אַ ספּעציעלן יידישן שליח אויסצופועלן ביי יידן, צו שיקן קינדער אין שולן. יידן האָבן דעם שליח געענטפערט: „שקאָלעס ניע זשעלאַיעם״ (קיין שולן ווילן מיר ניט), אָבער מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין די זעכציקער יאָרן, ווען אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ אינדוסטריע, עס זיינען אויפגעקומען באַנען, עס האָבן געוואַקסן די שטעט, האָבן שוין יידן אַליין, אָן פּראָפּאַגאַנדע אָנגעפילט די אַלגעמיינע שולן. אַזוי ווייט, אַז די רעגירונג האָט

זיך דערשראָקן און געפונען פאַר נייטיק איינצושטעלן די פּראָצענט־נאָרמע פאַר ייִדן (פאַזין, „ייִדן אין אַלגעמיינע שולן". רוסיש). עס האָבן זיך באַוויזן פּעריאָדישע צייטונגען, ייִדן אין שטעט האָבן גענומען ריידן און לערנען רוסיש, אַפילו אין תּחום, צווישן זיך.

די פאַרזיכיקייט פון שטעטל האָט זיך גענומען אויסלעשן, די שטאָט האָט זיך אַריינגעריסן אויך אין שטעטל.

אין אַזוינע סיטואַציעס זיינען אַ סך ייִדישע שבטים טאַקע אויסגעגאַנגען, אויסגעשטאָרבן אָן יורשים און אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. ווו זיינען אַהינגעקומען די ייִדישע שבטים פון קליין־אַזיע? ווו איז דער ישוב אין רוים און די ישובים וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין יענע צייטן פון דער רוימישער אימפּעריע? — מיר ווייסן אַפילו ניט פון זיי. און ווו איז אַהינגעקומען דער גרויסער און מעכטיקער ייִדישער ישוב פון העלעניזירטן מצרים. ער האָט דאָך אַפילו געהאַט אַן אייגענעם בית־המיקדש, אַן אייגענעם תּנך. דער ישוב איז דאָך געווען שטאַרקער פון דער מלוכה אין ארץ־ישׂראל. ניטאָ אין היינטיקן ייִדישן שטייגער קיין שום לעבעדיקער מינהג, וואָס מען זאָל אויף דעם זאָגן — דאָס שטאַמט פון מצרים און — נענטער צו אונדזער צייט. אין מיטל־עלטער איז דער ספרדישער שבט געווען דער שטאַרקערער, דער גרעסערער, דער קולטורעלסטער. אַרום 60% פון ייִדישן פאָלק זיינען געווען ספרדים. און נאָך דעם גירוש האָבן זיי זיך צעשפּרייט. אָבער זיי זיינען אין אַ כּסדרדיקער ירידה. דער גאַנצער אויפשטייג פון ייִדישן פאָלק, זיין פאַרמערונג ריין פיזיש אַפילו — אַלץ שטאַמט פון אשכּנז. אַפילו די „גאָלדענע תּקופה" אין ספרד האָבן פון דאָס ניי אויפגעדעקט און באַקאַנט געמאַכט די אשכּנזים. די ישובים וואָס ספרד האָט געשאַפן נאָכן גירוש זיינען ניטאָ, ניט געוואַקסן, ניט אַנטוויקלט זיך. מיר האָבן אין דער וועלט אָבער די ישובים וואָס אשכּנז האָט געשאַפן אין זיין צעשפּרייטונג.

און נאָך נענטער צו אונדז — מערב־ און מיזרח־אייראָפּע. פון אשכּנז שטאַמט דאָך אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן איצט אין דער וועלט, אַלע נייע ישובים און אַלע נייע שאַפונגען, אַלע באַוועגונגען — אַלץ שטאַמט דאָך נאָר פון מיזרח־אייראָפּע. אַפילו די עצם פיזישע פאַרמערונג פון ייִדישן פאָלק ביז דעם היטלער־חורבן — אַ פּירפּאַכיקע פאַרמערונג פון דער צאָל ייִדן אין משך פון קנאַפּע הונדערט יאָר! — אַלץ קומט נאָר פון מיזרח־אייראָפּע.

אין דער זעלביקער צייט זיינען די ישובים אין מערב־אייראָפּע געבליבן פאָסיל, ווי אָפּגעשטאָרבן. מיר קענען און מיר מוזן אַרויספירן אַ געזעץ אין דער ייִדישער געשיכטע: די ישובים וואָס נעמען איבער די שפּראַך פון לאַנד ווי דאָס הויפּטפאָלק האָט זי געשאַפן, — די ישובים גייען אונטער. די לאַנדשפּראַך, דער

לאַנדשטייגער ברענגען אַ סוף צו יידישקייט און צו די יישובים גופא, צו דעם יידישן פאָלק אין די לענדער.

יידישע יישובים פון קיום זיינען בלויז די וואָס לעבן באַזונדער, אָפּגעטיילט פון הויפּטפאָלק. האָט בבל געבויט די יידישע פאַרזיכיקייט און די יידישע אייבי־קייט מער ווי די יידישע פאַרזיכיקע מדינה. איז ארץ־ישׂראל נאָכן חורבן ביסלעכ־ווייז אונטערגעגאַנגען און ווי פאַרגעסן געוואָרן. און דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט שטאַמט ניט פון ארץ־ישׂראל דירעקט, נאָר דווקא פון בבל. חרוב איז געוואָרן דאָס יידנטום פון בבל ניט וויניקער ווי ספרד בשעתו, ווי די העלעניס־טישע מצרים, ניט וויניקער חרוב ווי דאָס יידנטום פון ארץ־ישׂראל, אָבער יידישקייט און יידנטום פון בבל האָט זיך איבערגעפלאַנצט און ניט אונטער־געגאַנגען.

דאָס איז דער אויספיר פון דער יידישער געשיכטע; דער אויספיר לערנט אונדז אויך ווי עס וועט גיין די יידישע געשיכטע ווייטער. דער עיקר: דאָס יידישע פאָלק איז גאָר ניט געבענטשט מיט עפּעס אַ מיסטישן „נצח ישׂראל", מיר גייען ניט אונטער; אַז מיר פאַלן, „הייבן מיר זיך אויף און מיר גייען ווייטער" (לייוויק).

מיט איין פאַלשער טרייסט וויניקער!

רעליגיע

פאַראַן אַ צווייטע טרייסט: די יידישע רעליגיע האָט ביז איצט אויפגעהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק און די רעליגיע וועט ווייטער אויך אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק. איז אָבער, צום באַדויערן, אויך די טרייסט אַ פאַלשע. איז די רעליגיע אַ היטערין אָדער מען דאַרף זי היטן? די גאַנצע יידישע רעליגיע האָט געביטן איר כאַראַקטער. פריִער איז געווען אַל דאָס ספּעציפיש־יידישעס אונדזער רעליגיע. דאָס איז געווען אין שטעטל. איצט איז עס פאַרקערט: נאָר די רעליגיע איז אונדזער גאַנצע יידישקייט (אין אורבאַניזם).

אַלץ וואָס עס איז ניט בפירוש פאַרשריבן אין שולחן־ערוך — אַל דאָס איז ניט חשוב אין יידישקייט. די גאַנצע פירונג אויסער דעם טעמפּל, אויסער דעם גאָטעסדינסט — דאָס קען מען, מעג מען נעמען פון אַנדערע פעלקער. פאַראַן קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן, וועלן זיין אויך יידן, ניט קיין צוויי, נאָר דריי טיילן פון הויפּטפאָלק אין לאַנד מיט איין קולטור און פּטור. עס קענען זיין צוויי פאַרשיידענע צערעמאָניעס אין צווייערליי קלויסטערס, קען זיין נאָך אַ דריטע אויך. אַזאַ „יידישע" רעליגיע איז, פאַרקערט, ניט קיין היטערין פון יידיש פאָלק,

נאָר עס איז אַ מין דערלויבעניש אויף אַסימילאַציע: מען מעג און מען דאַרף טאַקע זיך אַסימילירן און מען קען יוצא זיין פאַר יידישקייט מיט דער טעמפּל־צערעמאָניע.

אויך די אָרטאָדאָקסיע גייט אויף אַ פאַלשן וועג און זי נעמט דעם באַגריף הלכה ניט ווי ער איז געווען פאַרצייטן. פאַרצייטן איז עס געווען הלכה — דער גאַנג פון יידישן פאָלק איז יידישקייט. דער באַטייט פון די ווערטער זאָגט עס קלאָר: מיצוות זיינען פון גאָט, הלכות זיינען פון פאָלק, עס איז געווען ליבע און אַכטונג צום פאָלק און אַל דאָס פאָלקישע איז געווען פאַר זיי הייליק, געטלעך. היינט פעלט ביי דער אָרטאָדאָקסיע אהבת־ישראל, איז דער מקור פון הלכה ניט דאָס פאָלק אין זיין לעבן, נאָר דער ספר ווי ער איז פאַרשריבן געוואָרן מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

איז ניטאָ מער קיין אמתע הלכה — דער פאַרזיכיקער גאַנג און שטייגער פון יידישן פאָלק, נאָר הלכה מיינט גאָר פאַרשריבענע און פיקסירטע מיצוות. איז ווידער די אָרטאָדאָקסישע רעליגיע אויך ניט קיין שמירה פאַר יידישן שטייגער, פאַר יידישקייט, איך רייד שוין ניט וועגן דער פּאָליטיק וואָס די אָרטאָדאָקסיע פירט. עס קומט אויס, אַז ניט די הלכה איז פאַר דעם קיום פון יידנטום, נאָר פאַרקערט, דער קיום האומה איז פאַר דעם קיום פון דער הלכה.

די מדינה

די מדינה האָט אָנגעהויבן גאָר אַ ניי קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע. קודם־כל האָט זי געענטפערט אויף אַ פּראָבלעם פון צרת היהודים. מיר זיינען געווען להרוג ולאבד. דווקא דער שעפערישטער חלק פון יידישן פאָלק איז שוין אומגעקומען, און די רישעותדיקע וועלט האָט לגמרי ניט געענדיקט. איז געקומען די מדינה און קעגן דעם ווילן פון „גוטע" פעלקער געראַטעוועט גאַנצע שבטים יידן.

צווייטנס האָט די מדינה געענטפערט אויף צרות היהדות: ניטאָ איצט אין אורבאַניזם קיין איין מדינה אין דער וועלט, ווו יידישקייט זאָל קענען זיך האַלטן מיט אַן אייגענעם שטייגער. אָן אַן אייגענעם שטייגער קומט דעקולטוריזאַציע, צו טיילווייזער אַסימילאַציע און צו דעגענעראַציע, און צום סוף איז עס גאָר אומקום.

האָט די מדינה אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל. האָט שוין די מדינה אויסגעלערנט די וועלט און אויך יידן אַליין גאָר אַ נייעם פּשט אויף אַנטיסעמיטיזם. די מדינה האָט אויסגעלערנט די יידן אַן אַלטן מאמר פון דער גמרא „הבא להרגך השכם

והרגו״ — אַז מען קומט דיך הרגענען, הרגע דו דעם רוצח פֿריִער. איך ווייס: אַ סך יידן טוט עס ווי דאָס האַרץ — ניט קיין יידישע אַרבעט צו הרגענען עמעצן. איך פֿאַרשטיי און איך פֿיל זיי מיט, אָבער קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. ווען ניט די מדינה — ווי, ווי, וויפֿל יידיש בלוט סע וואָלט זיך איצט געגאָסן אויף דער וועלט. די מדינה האָט געראַטעוועט פֿון אַנטיסעמיטיזם ווי די יידן, אַזוי אויך די אַנדערע פֿעלקער (פֿון צו זיין רוצחים).

און ווייטער — מען רעדט זייער פֿיל וועגן דעם וואָס יידן האָבן געלעבט אין אַ „געטאָ״. איז עס פֿאַלש: אַלע פֿעלקער, די גרעסטע מערהייט פֿון אַלע פֿעלקער האָבן געלעבט אין ערגעץ געטאָס — די פּויערים דורכויס אַנאַלפֿאַבעטן, האָבן זיי אויסער קנעכטשאַפֿט גאָרניט געוווּסט. מחוץ דער געטאָ האָבן געלעבט קליינע גרופּעס פּריצים, וואָס האָבן זיך פֿאַרווײַלט מיט קונסטן און וויסנשאַפֿטן. לערנען און לעבן מיט וויסנשאַפֿט און מיט תּורה — דאָס האָבן אויך דעמאָלט געקענט נאָר יידן. אָבער גוט, זאָל זיין געטאָ. האָט די מדינה אויסגעלערנט יידן אַריינצונעמען די גאַנצע וועלטקולטור צו זיך אין „געטאָ״ אַריין. יעדע היים איז דאָך ווי אַ געטאָ, אָפּגעצאַמט זיך, יעדער לאַנדפֿאָלק בויט זיין מדינה אויך ווי אַ געטאָ־היים. פֿאַר זיך, אָפּגעצאַמט. האָבן אין גלות יידן, לויפֿנדיק פֿון גלות, פֿון געטאָ, אַריינגעשפּרונגען צו די לאַנדפֿעלקער, גענאַשט פֿון די וועלטקולטורן, אָבער ניט אויף דעם אייגענעם טיש.

מיר האָבן עס געמיינט און געפּרובירט אויפֿטאָן אין די גלותן — פֿאַר דער רוסישער רעוואָלוציע און נאָך איר. האָבן דאָס פֿעלקער אומגעבראַכט צוזאַמען מיט די טרוימערס. יחידים פֿון יענעם דור זיינען נאָך געבליבן. די מדינה האָט אויסגעלערנט יידן גלייבן אין זיך, אין יידישקייט און אין יידן. ביז דער מדינה האָבן פֿרומע יידן געוואַרט און געגלייבט און געבעטן גאָט, ער, „דער שומר־ישׂראל זאָל איינהיטן דעם שארית־ישׂראל״ און ער האָט גאָר ניט שומר געווען. ניט־פֿרומע יידן האָבן געוואַרט אויף דעם משיח וואָס פֿעלקער האָבן געוואָלט ברענגען. איז זייער משיח נאָך ערגער פֿון זיי גופֿא. יידן האָבן געוואַרט, אָבער וואַרטן אויף זיך אַליין, אויף יידן — דאָס ניט. ווי־ווי, וויפֿל שפּאָטלידלעך מען האָט געזונגען וועגן דעם אַז יידן קענען אין פּתח־תקווה אויסבויען אַזש אַ כשרע מיקווה, און אויפֿן הר הזיתים — אַ פֿאַבריק פֿון טליתים... האָט די מדינה באַוויזן אַז זי קען עפּעס מער, אַז יידן קענען גאָר אַ סך. נאָך ווייטער — האָט די מדינה באַוויזן צו פֿאַרבינדן כּמעט דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק, איז די מדינה געוואָרן דער צעמענט וואָס העפֿט צונויף די צעשאָטענע זעמדעלעך.

דאָס אַלץ האָט די מדינה שוין איצט אויסגעלערנט, און זי קען נאָך, און מיר האָפֿן אַז זי וועט נאָך אויסלערנען אַ סך מער און מער, אָבער עס איז שוין אונדזער מזל, אַז צוזאַמען מיט דער ברכה קומט אויך אַ קללה. אַז גאָט האָט

געגעבן יידן אַ פּיינע און אַ גוטע תּורה, איז זי באַגלייט מיט אַ שווערער תּוכחה. האָט אויך די מדינה גאָר אַ סך דעפּעקטן און סכּנות. לאָמיר אַ ביסל פון זיי אויסרעכענען:

קודם־כּל האָט די מדינה שטאַרק פּאַרשפּעטיקט. זי האָט געדאַרפט קומען איידער מען האָט ביי די אַראַבער צעהיצט זייער פלומרשטן נאַציאָנאַליזם, צווייטנס, וואָלט די היטלער־מגפה ניט אַזוי צעבושעוועט זיך. וואָלטן מיר היינט גאָר אַנדערש אויסגעזען. דריטנס, האָט די גאַנצע וועלט־געשיכטע געלערנט: ניט פאַרלאָזן זיך אויף מדינות. מיין באָבע פלעגט אָפט זאָגן: אונדזערע שונאים זאָלן האָבן איין אויג אין קאָפּ — אַ קלוג פאָלקסווערטל.

בכלל דאַרף מען אויף מדינות ניט שטאַרק זיך פאַרלאָזן. מדינות שטאַמען נאָך פון יענע צייטן ווען די גאַנצע וועלט האָט געהערט צו פּריצים און דער קייסער איז געווען דער פּריץ איבער אַלע פּריצים און ער האָט אַלץ געמעגט. הרגענען טאָר מען ניט, אָבער פאַרן קייסער און פאַר זיין מדינה מעג מען, עס איז נאָך אַ מיצווה. מדינות מעגן רויבן, מעגן אָנכאַפּן פון אַלע שוואַכערע. עס איז „העלדישקייט". און מענטשן אויף צו שלאָגן האָבן פּריצים געהאַט „וואָלוועלע" — פּויערים־קנעכט... מדינות האָבן מענטשן אויסגעטראַכט, זיי וועלן ניט אָנהאַלטן לאַנג.

פעלקער זיינען פון דער נאַטור, אַזוי ווי סאָרטן. די מענטשהייט וועט זיך מוזן רעאָרגאַניזירן לויט פעלקער, ניט לויט מדינות. די טעכניק צעשפּרייט פעלקער. ניטאָ מער קיין מדינות פון איין פאָלק, וועלן מדינות ניט אויסהאַלטן, אַלע פעלקער וועלן קומען צו דער מדרגה פון „צעזייט און צעשפּרייט", צו אונדזער לאַגע. דעמאָלט וועט די וועלט זיך איבערבויען. אויס מיט מדינות! אָבער די יידישע מדינה האָט זיך געבויט מיט אַ פאַלשער כּוונה, זי האָט זיך געבויט ניט ווי אַ היים פאַר יידיש פאָלק און פאַר זיין יידישקייט, נאָר ווי אַ היים צו אַנטלויפן פון יידישער פאָלקישקייט און פון יידישקייט. די מדינה האָט זיך געבויט לכתחילה מיט אַן אידעאַל פון „שלילת הגלות", וואָס איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווי שלילת היידישקייט.

שעדלעכע אידעען אין ציוניזם

די אָפּשוואַכונג פון אָריגינעלן, אייגענעם דענקען; דאָס פאַרקוקן זיך אויף פרעמדע, ניט נאָר ביים טאָן, נאָר אויך ביים דענקען, האָט אויך אַריינגעפירט אין יידישן לעבן עטלעכע פרעמדע אידעען, וואָס זיינען לכתחילה געווען פאַלש און שעדלעך פאַר יידן. איך וועל דאָ נאָר אָנמערקן אַ פּאָר.

דער פויערים־אידעאַל. פויערים ווי אַ שטאַנד, ווי אַ קלאַס פון דער באַפעל־קערונג איז אין תוך אַריין אַ רעשטל פון מיטל־עלטער. עס זיינען געווען פּריצים און לייבקנעכט, פויערים. פּרימיטיווע ערדאַרבעט. אַפילו נאָך דער באַפרייונג איז דער סאָציאַלער מצב און די באַשעפטיקונג אויך געבליבן. געבליבן איז אויך די גאַנצע פסיכיק, אַ ירושה פון הונדערטער יאָרן. ניט געווען קיין פויערים־קלאַס ביי יידן. האָט דאָס די יידישע משׂכּילים שטאַרק ווי געטאָן. פויערים זיינען געווען ביי די יידן אין די אויגן דער סימבאָל פון ערלעכקייט, פון פיינקייט. אַלע יידישע פּרנסות זיינען ניט נאָר אָרעמע, „לופט־פּרנסות", נאָר זיי זיינען פאַלשע, אָפּנאַרערישע, עקספּלאָאַטאַטאָרישע און וואָס ניט... פאַלש און שלעכט, אַזוי ווי די יידן, אַזוי אויך זייערע פּרנסות, זייערע מינהגים און זייער גאַנצער שטייגער. וואָס ביים הויפּטפאָלק — איז גוט, וואָס ביי יידן — זייער שלעכט. האָט מען זיך פאַרמאָסטן צו האָדעווען יידן־פויערים. אומעטום — אין רוסלאַנד גופא האָט מען געבויט „קאָלאָניעס", אין אַרגענטינע און אויך אין ארץ־ישׂראל. און אומעטום האָט ניט געטויגט. די בעסטע זיינען געווען אין אַרגענטינע. אָבער אויך דאָרטן איז געווען גענוג שלעכט. אַ פאָלק לאָזט זיך ניט איבערמאַכן. און ווען האָט מען עס אָנגעהויבן די „פויערימיזאַציע" פון יידן? — ווען אין דער וועלט האָט מען שוין אָנגעוואָרן די באַדערפעניש אין פויערים. מענטשן זיינען געוואָרן בירגער פון איין קלאַס; ניטאָ קיין באַזונדערע פויערים. ערדאַרבעט האָט זיך גענומען אינדוסטריאַליזירן. מען דאַרף גאָר מער ניט קיין פויערים. אייַן מאַשין מאַכט מער און בעסער ווי גאַנצע דערפער פויערים. וואָס קולטורעלער עס איז אַ פאָלק, אַלץ ווייניקער ערדאַרבעטער זיינען דאָ. די שטאָט האָט זיך אַריינגעריסן אין דאָרף אַריין. בכלל איז עס אויס מיט דערפער, מיט פויערים. אָט דעמאָלט האָבן יידן גענומען חלומען וועגן אַ פויערים־קלאַס ביי יידן. באַלד אַ יאָרהונדערט האָבן יידן געזונגען אַז „אין דער סאָכע (אַ פויערישער פּרימיטיווער אָקער) ליגט די מזל־ברכה"... איז דער גאַנצער פויערים־אידעאַל געווען בלויז אַ נאָכמאַכונג, לאָמיר זיין ווי אַנדערע, „בעסערע" פעלקער זענען. אין גאַנצן אַ פרעמדער, אַ ניט־יידישער געדאַנק. דער דאָזיקער פויערים־אידעאַל האָט אַ סך מאָל גאָר געשטערט — ער האָט פאַרשטעלט, פאַרשטויסן דעם אמתן אידעאַל — בויען נייע גרעסערע יידישע ראַיאָנען, אין נייע ערטער. איבערהויפּט איז עס שווער גאָר היינט זיך פאַרצושטעלן וואָס עס האָט געקאָנט ווערן אין אַרגענטינע, ווען דאָרטן וואָלטן ניט געוועלטיקט קיין אַסימילאַטאָרן, ווען דאָרטן וואָלט לכתחילה געבויט געוואָרן איין געדיכטער, אַלזייטיק יידישער יישוב, מיט יידישע שטעט. אין ארץ־ישׂראל איז דער דאָזיקער אידעאַל פון „פויערישע קאָלאָניעס" גאָר גיך פאַרגעסן געוואָרן, צום גליק!

לענגער, דויערנדיקער האָט זיך געהאַלטן און האַלט זיך די ספּעציפֿישע פֿאָרעם פֿון אויסיידישונג, פֿון אַסימילאַציע אָן אַן אַסימיליר־פֿאָלק. איך וואָלט זיך דערלויבט עס אָנצורופֿן אַ מין „אויטאָאַסימילאַציע", ד"ה אַסימילירן זיך נישט אין אַ צווייטן פֿאָלק נאָר אין אייגענעם יידישן פֿאָלק פֿון אַן אַנדערער „בעסערער" תּקופֿה. דאָס איז געווען און איז דער תּנכיזם. אַ מין אידעאַל — די היינטיקע יידן זאָלן זיך אַסימילירן, ווערן אַ המשך פֿון די תּנך־יידן. אַנטלויפֿן פֿון לעבעדיקן יידישן פֿאָלק — דאָס איז ביי די „סופֿער־נאַציאָנאַלע" תּנך־אידעאַליסטן שותּפֿות מיט אַלע אַסימילאַטאָרן אין דער וועלט. דאָס „גוטע" פֿאָלק צו וועמען עס ציט איז בלויז אַן אייגנס, אַ יידישעס, פֿון תּנך אַרויסגעלערנט... און ווי ווייט איז עס פֿון תּנכיזם ביז כּנעניזם ?.. דער „פֿון וועמען" צו לויפֿן — דאָס איז איינער: מען דאַרף לויפֿן פֿון יידן. דער „צו וועמען" איז אַן אַנדערער. ער איז אַזוי מעגלעך ווי אַן אַלטער מאַן זאָל וועלן צוריק ווערן אַ קינד. אָבער דער דראַנג־פֿאַרלאַנג צו אַנטלויפֿן פֿון זיך, פֿון דעם היינטיקן יידישן פֿאָלק איז אַזוי שטאַרק געווען (און איז נאָך ביז היינט!), אַז ער האָט דעם עצם געדאַנק פֿאַרפֿירט, און זיין סוף זעען מיר נאָך נישט. דאָס וועט נאָך קלאָרער ווערן ערשט ווען עס וועט זיך איינשטעלן אַ שלום מיט די שכנים און די סכּנות פֿון אַראַביזאַציע און — נאָך מער — אַנגליזאַציע וועלן שטאַרקער ווערן.

פֿון דעם זעלביקן אַנטי־יידישן דראַנג־פֿאַרלאַנג שטאַמט אויך די העברעיִ־זאַציע. עס איז אַ בפֿירושער ליגן, אַז יידן האָבן באַוויזן אַ „קונץ" וואָס קיין אַנדער פֿאָלק האָט עס נישט געקאָנט: געגומען אַ טויטע שפּראַך און זי לעבעדיק געמאַכט. עס הייבט זיך גאָר נישט אָן: העברעיִש האָט מען נישט לעבעדיק געמאַכט, ווייל עס איז קיין מאָל נישט געווען געשטאָרבן. העברעיִש — ריכטיקער לשון־קודש — האָט אין די שטעטלעך געלעבט אין דאַווגען, אין לערנען, אין פּשטלעך, אין גאַנצן לעבן, צוזאַמען מיט יידיש. אויף טויטע שפּראַכן גייען נישט אַרויס קיין טאָג־צייטונגען, ווי עס איז געווען אויף העברעיִש, פֿריִער ווי אויף יידיש. און מען האָט נישט געדאַרפֿט קיין „אולפּנים", קיין קורסן, קיין שולן צו לערנען העברעיִש — דאָס וואָס עס איז אין לעבעדיקן לעבן, דאָס פֿאַרשפּאָרט מען צו לערנען.

העברעיִש האָט אויפֿגעהערט צו זיין אַ לעבעדיק לשון ביי יידן ערשט מיטן חורבן פֿון שטעטל, אין אורבאַניזם. העברעיִש האָט מען אַריינגענומען אין טאַנץ פֿון אַ פֿרעמדער חתונה — פֿון אַסימילאַציע. אַזוי אין אַלע גלות־יישובים. אין דער מדינת ישׂראל איז די סכּנה פֿון פֿרעמדע שפּראַכן אָפּגערוקט געוואָרן. צי איז זי אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן? ווי וועט העברעיִש קענען גובר זיין ענגליש? — דאָס איז נאָך אַ ווייטערע פֿראַגע. הלוואַי! אין דעם פּראָצעס ווי העברעיִש ווערט אַ יידיש לשון, פֿאַרלירט זי דעם „ייחוס" פֿון זיין העכער פֿון יידיש, און זי ווערט

אויס יחסנטע, זי ווערט אַזוי ווי יידיש, אַזוי ווי אַלץ וואָס איז יידיש, גרינגער זי צי פאַרוואַרפן. הלוואי זאָל איך זיין אַ פאַלשער נביא.

איין שאָדן האָט שוין דער העברעיִזם זיכער געבראַכט. לאָמיר עס דער־קלערן: די לעבעדיקע שפּראַך פון אַ פאָלק איז זיין אוצר, דער אוצר פון זיין גייסט, פון זיין נשמה. דער שפּראַך־אוצר פון יידישן פאָלק איז ביי אונדז געווען אין צוויי פאָרעמס — בעל־פּה און בכתב — די שפּראַך פון דער ליטעראַטור און דער „יידיש־העברעיִשער" וואָרט־אוצר, וואָס איז נאָך צו דער ליטעראַטור נישט געקומען. טוביה דעם מיליכיקערס וואָרט־אוצר האָט שלום־עליכם געירשנט נישט פון דער ליטעראַטור, נאָר דירעקט פון פאָלקס מויל, פון דעם יידיש־העברעישן בעל־פּה. העברעיש מיט יידיש האָט אַ לעבעדיקן אַנטייל אין פאָלקלאָר פון יידישן פאָלק; העברעיִש אָן יידיש (איבערהויפּט נאָך דאָס ספרדישע!) האָט שוין ניט קיין חלק אין דער גאַנצער שפּראַך־ירושה פון יידישן פאָלק.

איז די העברעיִשע יוגנט פון ארץ־ישׂראל אַ סך ווייטער פון יידישן פאָלק, ווי דאָס איז געווען יידישע יוגנט אין דער ליטע, למשל, וואָס האָט אויך געלערנט אין העברעיִשע שולן. יענע האָבן געהאַט יידיש דירעקט פון לעבן. די ישׂראל־יוגנט האָט עס נישט, איז זי פרעמדער, ווייטער, איז איר דאָס יידישע פאָלק פרעמד, אַזוי ווי פאַר דער יידישער יוגנט אין אַלע פרעמדע שפּראַכן. און מען טאָר נישט פאַרגעסן אַז אָט די יוגנט פון מדינת ישׂראל איז איצט די איינציקע יידישע יוגנט אין דער גאַנצער וועלט, וואָס ווערט דערצויגן אין איין יידישער קולטור, אין איין שפּראַך. אין אַלע אַנדערע לענדער ווערן יידישע קינדער לכתחילה געהאָדעוועט אין פרעמדע שפּראַכן, אין פרעמדע קולטורן, אויב אַפילו זיי געניסן שוין יע פון אַ יידישער דערציונג... עס איז פשוט אַ האַרצווייטיק וועגן דעם צו שרייבן קאָלט־בלוטיק... מיט איין וואָרט: דער העברעיִזם שטאַמט נישט פון „אהבת־ישׂראל" און ער ברענגט בפירוש אַ סכּנה פון איבעררייסן די יידישע געשיכטע. געענדיקט דאָס גלות־פאָלק יידן, מיט זיין לשון יידיש, לעבן זאָל דאָס נייע עברים־פאָלק, מיט זיין נייעם לשון עבר! אַ גדולה דעם נייעם פאָלק, אַ ביטול דעם אַלטן יידישן גלות־פאָלק מיט זיין גלותדיקייט!

דער איבערגאַנג צו יידיש האָט אין זיין צייט נישט געטראָגן די סכּנות. אין פלוג קומט דאָך אויס אַ האַרבע קשיא: יידן האָבן דאָך אין אייראָפּע אויך דורכ־געמאַכט דעם איבערגאַנג פון שפּראַך צו שפּראַך. און דאָך האָט זיך די המשכדיקייט פון אונדזער געשיכטע נישט איבערגעריסן. און יידיש־טייטש איז געווען דאָך אין גאַנצן אַ פרעמדע שפּראַך. נישט ווי העברעיִש, להבדיל, וואָס איז קיין מאָל נישט געווען פרעמד דעם יידישן פאָלק. דאַרף מען דען נישט לערנען פון דעם אַ קל־וחומר: מה דאָך דאָס איבערגיין צו אין גאַנצן אַ פרעמדער שפּראַך האָט דעם יידישן קיום נישט געשאַדט און נישט געשטערט, איז דאָך אַ פשיטא שוין צו

לערנען, אַז דער איבערגאַנג צו אַן אייגענער אוראַלטער, הייליקער יידישער שפּראַך, צו העברעיִש וועט לגמרי נישט שטערן דעם היסטאָרישן גאַנג און דער המשכדיקייט פון יידשן פאָלק...

וואָלט עס גוט געווען, ווען דער משל וואָלט געווען גלייך צום נמשל. יידן זענען איבערגעגאַנגען צו טייטש, אָבער לעבן האָבן זיי געלעבט אין גאַנצן פאַר זיך, נישט מיט די פּריצים אין הייפן און נישט מיט פּויערים אין דערפער. נייערט אין גאַנצן באַזונדער און אָפּגעזונדערט. וואָס זיי וואָלטן גערעדט, ווי זיי וואָלטן גערעדט, וואָלט עס געוואָרן יידיש, יידיש־דייטש אָדער לאַדינאָ.

אין אַ באַזונדערן, פאַרזיכיקן לעבן האָבן זיך געשאַפן אַלע שפּראַכן און אַזוי האָט זיך אויך געשאַפן יידיש. און ווידער, יידיש איז געוואָרן יידיש, נישט אויף דעם באָדן פון דייטשלאַנד, נאָר טאָקע אין מיזרח־איראָפּע, ווו די פעלקער האָבן נישט גערעדט קיין דייטש. לאַדינאָ איז געוואָרן יידיש אין די לענדער ווו די אַרויסגעטריבענע יידן האָבן זיך איינגעאָרדנט. היינט איז עס אַנדערש: יידן הייבן אָן צו ריידן העברעיש, אָבער אין זייער לעבן זענען פאַראַן אַזוי פיל פרעמד־קייטן, וואָס עס איז אַ גרויסע פראַגע צי העברעיש וועט זיי אַלע קענען פאַרדייען.

און ווידער, איז דאָך דער ייחוס פון היינטיקן עברית געווען נישט דאָס וואָס ער איז געווען דאָס לשון הקודש פון יידישן פאָלק, נאָר פאַרקערט, דאָס וואָס ער איז נישט געווען ענלעך צום לשון הקודש פון אונדזערע דורות. קיין שום פאָלק אין דער וועלט אָנערקענט נישט פאַר ריכטיק די שפּראַך וואָס איז גערעדט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק. און דווקא אין דעם איז דאָך געווען דער ייחוס פון היינטיקן עברית — דאָס נישט זיין אָנגענומען אין די מיילער פון פאָלק ישׂראל. מיר ווייסן אָבער יע, אַז דער איבערגאַנג פון יידיש צום „ריינעם דייטש" איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ מאַסן־שמד, אַזוי אין דייטשלאַנד, אַזוי אין פראַנקרייך און אַזוי אויך שפּעטער אין איטאַליע. קיין שמד וועט נישט זיין אין דער יידישער מדינה, אָבער אַ דערווייטערונג צווישן יהודים און ישׂראלים — וועט זיכער יע זיין. הלוואַי זאָל די מדינה קענען גובר זיין אָט די סכּנה.

אַזאַ ישׂראל וואָס זאָל קומען אַנשטאָט דעם יידישן גלות־פאָלק, אַזאַ ישׂראל האָט נישט קיין שייכות צום יידישן גלות־פאָלק. עס גייט אויס דאָס גלות־פאָלק, — זאָל עס! עס קומט אויף אַ ניי פאָלק, אַ ישׂראל־פאָלק. נישטאָ מער קיין יהודים, עס זענען דאָ ישׂראלים. דאָס קען זיין, חלילה, אַ סוף פון דעם יידישן פאָלק אַפילו מיט דער מדינת ישׂראל.

גאָר אַן אַנדער צוגאַנג איז געווען ביי די פאַרצייטיקע גדולי ישׂראל: ווען גאָט איז אין כּעס געוואָרן אויף די יידן און ער וויל זיי אומברענגען — ער וועט פון משהן שאַפן אַ ניי גרויס פאָלק — ענטפערט, לויט דער אגדה, משה: „זאָל

שטאַרבן משה און טויזנט משהס, אָבער עס זאָל נישט אומקומען קיין נאָגעלע פון יידישן פאָלק".

מדינת ישׂראל מיינט — די מדינה פון גאַנצן היסטאָרישן יידישן פאָלק. די גרענעצן ביים ירדן, ביים סיני זענען אפשר די גרענעצן פון דער מדינה, אָבער די גרענעצן פון יידישן פאָלק זענען ווייט נישט דאָרטן. זיי זענען נישט ווייניקער ביים הודסאָן און ביי דער לאַ פּלאַטאַ און אומעטום ווו יידן לעבן. שמע ישׂראל! איין ישׂראל איבער דער גאָרער וועלט, און מדינת ישׂראל איז די מדינה פון אָט דעם גאַנצן און איינהייטלעכן יידישן פאָלק וואָס איבער דער וועלט, וואָס דורך אַלע דורות. עס גייט וועגן דעם קיום פון אוראַלטן פאָלק־ישׂראל און נישט וועגן אַ ניי פאָלק אין אַ נייער מדינת ישׂראל.

דער שאָדן פון העברעיזם הייגט

עס איז אַ ווייטיק, אַ פאַרדרוס וועגן דעם צו שרייבן, צו טראַכטן אַפילו. אָבער נאָך מער שאָדן איז וועגן דעם צו שווייגן, צו פאַרשווייגן. די טענות פון דער ישׂראל־יוגנט קעגן די פּריווילעגיעס וואָס מען גיט די עולים פון רוסלאַנד זענען אַ סימן, אַ סימפּטאָם פון עפּעס טיפערס, פון אַ טיפערן ריס צווישן דורות אין ישׂראל. עס איז נישט קיין פראַגע וואָס גאָלדע מאיר קען דערקלערן מיט אירער אַ רעדע אין באר־שבע, צי ערגעץ אַנדערש ווו. גרויס איז דער אויטאָריטעט פון גאָלדען, קיין שום ספק נישט. אָבער מיט דערקלערונגען קען מען נישט ענדערן די פּסיכיק וואָס איז איינגעפּלאַנצט דורך אַ פּאָר דורות שול און שטייגער אין לאַנד בכלל.

דערציִונג בכלל האָט די וויכטיקסטע אויפגאַב פאַר אַלע פעלקער, אומעטום אין דער וועלט: זי דאַרף די יוגנט, וואָס וואַקסט, אַריינוועבן אין דעם לעבעדיקן פאָלק. די יידישע יוגנט אין ישׂראל איז די איינציקע אין דער גאָרער וועלט, וואָס ווערט דערצויגן אין אַ מאָניסטישער קולטור, אין אַ מאָניסטישער שול אויף איין שפּראַך, אַ יידישער. נישטאָ אין שול קיין אַלגעמיינע לימודים באַזונדער און יידישע לימודים באַזונדער. די גאַנצע וועלטקולטור איז אַ יידישע, די גאַנצע וועלטקולטור און די גאַנצע וויסנשאַפט קומט צו דער יוגנט דורך די קאַנאַלן פון יידישקייט.

נישטאָ איצט אין דער גאַנצער וועלט ערגעץ אַ ווינקעלע מיט אַזאַ מין דורכויס יידישער דערציִונג. מען האָט געוואָלט בויען אַזאַ שול אויך אין די גלותן. האָבן גויים נישט דערלאָזן און יידן האָבן גאָר עס נישט געוואָלט. איז ישׂראל געבליבן אַן איינציק אינדזעלע מיט אַ דורכויסיקער וועלטקולטור אין אַ יידיש

לשון, אין יידישע פאָרמען. און דאָך! דאָך איז ביי דער יוגנט נישטאָ דאָס געפיל פון צונויפגעבונדנקייט מיט דעם גאַנצן פאָלק פון אַלע גלותן, פון אַלע דורות; דאָך איז ביי דער יוגנט פאַראַן גאָר אַ פאַרקערט געפיל — פון ישׂראלים, וואָס זענען אַנדערש, וואָס זענען העכער און בעסער פון יהודים, אַ מין אַתּה בחרתּנו מכּל היהודים. עס שאַפט זיך אַ דראַנג־פאַרלאַנג זיך אָפּצוזונדערן פון די „יהודונים" (יידליקעס). איז דער נאָמען „ישׂראל" אויך צו פיל יידיש, איז „כּנענים" בעסער פון „ישׂראל", וואָס ווייטער פון יידן — אַלץ בעסער. קומען יידן קיין ארץ־ישׂראל, זענען זיי פרעמדע פאַר די סאַברעס. געקומען עטלעכע פּאָעטן יידישע פון רוסלאַנד, אָבער וואָס קענען זיי זאָגן דער ישׂראל־יוגנט מער ווי דער אַסימילירטער, אָפּגעפרעמדטער יוגנט פון די גלותן?

דאָס האָט דער אַנטי־יידישער העברעיִזם אָפּגעריסן די ישׂראל־יוגנט פון דעם פאָלק־ישׂראל. אַז מען איז אַריינגעוועבט אין יידישן פאָלק, איז העברעיִש טייער. דער העברעיִזם אָבער האָט אָפּגעריסן פון יידישן פאָלק, טאָ וואָס איז דער ייחוס פון העברעיִש? אין די גלותן לערנען אַלע העברעיש און... מען קען נישט. העברעיִש דאַרף מען זוכן נאָר צווישן די יידיש־ריידנדיקע יידן. אין מדינת ישׂראל האַלט זיך העברעיש אין אַ גרויסער מאָס מיטן כּוח פון מדינהשאַפט, מיטן כּוח פון דער אויסגעדערוויילטקייט מכּל היהודים. איז די עליה פון רוסלאַנד אַ פרעמדע. קען זיין (איך האָב נישט קיין זיכערע באַווייזן), אַז די ירידה פון ארץ־ישׂראל (וואָס מען רעדט פון איר זייער ווייניק) איז טיילווייז מאָטיווירט מיט דעם, וואָס דאָס לאַנד ישׂראל איז „צו פיל יידיש".

העברעיִש איז אַ נייטיקער אָנבוי אויף יידיש, אָבער העברעיִש במקום יידיש איז שעדלעך, איז אָפּרייסן נישט פון יידיש, נאָר פון יידישן פאָלק. יידיש (אַל דאָס יידישעס) איז אַ באַהעפטונג צום לעבעדיקן פאָלק. העברעיִש, אויף דעם, איז די באַהעפטונג צו אַלע דורות און תּקופות ביז היינט. העברעיִש אָן יידיש מיינט אָפּרייסן פון דעם היינט לעבעדיקן פאָלק. איז דער העברעיִזם לכתּחילה אויפגעקומען נישט פאַר העברעיִש, נאָר אַנשטאָט יידיש. איז דער העברעיִזם אויפגעקומען נישט אין דייטשלאַנד און נישט אין פראַנקרייך, ווו עס איז געווען אָפן דירעקט דער וועג צו אַסימילאַציע. איז ער אויפגעקומען בלויז אין מיזרח־אייראָפּע, ווו קיין דירעקטע אַסימילאַציע איז נישט געווען און נישט געקאָנט זיין, ווייל „איוואַן" האָט נישט געוואָלט. דאָס אויספעלן פון יידיש אין דער מדינה פאַרשטאַרקט די דערווייטערונג פון דער יוגנט פון דעם פאָלק, פאַרמינערט דעם ווערט פון העברעיִש, און דער עיקר נאָך — עס האָט אַ שעדלעכע השפּעה אויף די גלותן: מה דאָך, אין דער אייגענער מדינה דאַרף מען נישט קיין יידיש, מעגן מיר דאָך אין די גלותן געוויס זיך אָפּזאָגן פון יידיש און איבערגיין דירעקט צו די לאַנדשפּראַכן. איז העברעיִזם אַ הילף נישט דער שפּראַך העברעיִש, נאָר אַ

הילף דער אַסימילאַציע אין די גלותן, אומעטום. איז העברעיִזם אומעטום געוואָרן אַ מיטל צו אויסיידישונג בכלל. מען לערנט און מען לערנט גאָר אַ סך, כּדי צו פאַרגעסן און אין לעבן בלייבט נאָר די לאַנדשפּראַך.

העברעיש, אַראַמיש און יידיש

צוויי מאָל האָט דאָס יידישע פאָלק, כּמעט דאָס גאַנצע פאָלק, אָנגענומען אַ נייע שפּראַך, וואָס עס האָט אַדאַפּטירט, איבערגעמאַכט און זי פאַראייגנט. דאָס איז גלות־בבל מיט אַראַמיש און גלות־אייראָפּע מיט יידיש.ביידע שפּראַכן זענען פון פרעמדן מקור, ביידע זיינען איבערגעשאַפן געוואָרן. אין נאָמען איז געבליבן דער פרעמדער מקור — אַראַמיש, הגם אַן אייגענער דיאַלעקט, אַנדערש גאָר פון פרעמדן. דער צווייטער — יידיש־טייטש, יידיש פון גערמאַנישן אָפּשטאַם. אָבער דאָך זוכה געווען צו קריגן דעם נאָמען פון פאָלק — יידיש פאָלק און יידיש לשון.

איך ווייס נישט צי אַראַמעער האָבן געקאָנט פאַרשטיין דעם „תּרגום־לשון" פון יידן. דייטשן קענען נישט פאַרשטיין קיין יידיש. אַ באַזונדערע שפּראַך פון גערמאַנישן אָפּשטאַם און ווי גרויס און פאַרשיידן עס איז די באַציונג צו די ביידע שפּראַכן! דער אַראַמישער „תּרגום" ווערט געדרוקט צוזאַמען מיט דעם העברעיִשן אָריגינאַל. ביים „מעביר קריאה" זיין די סדרה אַלע שבת דאַרף מען לייענען „שנים מקרא ואחד תּרגום" — צוויי מאָל דעם אָריגינאַל און איין מאָל דעם אַראַמישן תּרגום... עזראַ — וואָס אייגנטלעך האָט ער געבראַכט די תּורה צו יידן. משה — די עשׂרת־הדיברות, און עזרא — דעם גאַנצן חומש (די גמרא פאַרגלייכט אים צו משהן) — ער האָט זיין ספר אַריינגענומען אין תּנך, אין דער יידישער שפּראַך פון זיין צייט — אין אַראַמיש. נישט געבליבן קיין פּראָטעסטן פאַר וואָס עס קומט אַראַמיש אין תּנך. פאַרקערט, איז דער העברעיִשער נחמיה־ספר — די מעמואַרן פון געטרייסטן יידן, וואָס האָט געוואָרפן דעם הויכן אַמט אין פּרס און אָפּגעגעבן זיין לעבן דעם אויפבוי פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישׂראל, זיינע העברעיִשע מעמואַרן רעכענען זיך טראַדיציאָנעל נישט פאַר אַ באַזונדער ספר, נאָר מער נישט ווי צוגאָב צום אַראַמישן ספר עזרא (עזרא און נחמיה רעכענען זיך ווי איין ספר).

אַ גמרא דערקלערט עס מיט אַנדערע מאָטיוון, נישט מיט דער שפּראַך. כּמעט אַלע תּפילות וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין בבל זענען געבליבן אין אַראַמיש, אַפילו די הייליקסטע — קדיש, כּל־נדרי (מסתּמא געשאַפן שפּעטער, נאָכן תּלמוד). די גאַנצע גייסטיקע אַרבעט פון די חז"ל איז אין דער פאָלקישער שפּראַך. דער תּלמוד איז דאָך אין אַראַמיש! און די חז"ל האָבן דאָך געקאָנט העברעיִש!

איך ווייס נאָר איין מאָל פון אַ פּראָטעסט קעגן דעם תּרגום. דאָס איז אַ גמרא: „אָמר רבי בארץ ישׂראל לשון סורסי למה? או לשון הקודש או לשון יווני... ואמר ר׳ אסי: בבבל לשון ארמי למה? — או לשון הקודש או לשון פּרסי״ (בבא קמא פּג׳ א׳). דאָס קען מען פאַרגלייכן צו דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם „לשון המדינה״ אין פאַריקן יאָרהונדערט ביי אונדז. דאָס איז כּמעט דער זעלביקער נוסח ווי אושיסקינס „עברית או רוסית״ אין אונדזערע צייטן. עס האָט דער פּראָטעסט נישט געהאָלפן — עס זענען געוואָרן ביי יידן צוויי שפּראַכן — אַ לשון־הקודש און אַ לשון חול, אַ וואָכעדיקע שפּראַך. און הגם „דברים של קודש״ — הייליקע זאַכן טאָר מען גאָר ניט זאָגן בלשון חול (עבודה זרה מד׳ ב׳), פון דעסטוועגן פאַלט קיינעם נישט איין אַפילו היינט צו זאָגן קדיש אין העברעיִש. ביז היינט ווערן אַ סך תּפילות געזאָגט אין אַראַמישן פאַרצייטיקן יידיש. עס איז געבליבן ביי אונדז ווי נאָך אַ הייליקע שפּראַך.

גאָר פאַרקערט איז די באַציונג צו דער צווייטער יידישער שפּראַך פון גלות־אייראָפּע — צו יידיש. זי איז געווען די וואָכעדיקע שפּראַך פון יידן נאָר ביז דעם אורבאַניזם, די אינטעליגענץ האָט אויסגעמיטן די שפּראַך יידיש. מ׳האָט זי גענומען נאָר ווי אַ ריידשפּראַך, שרייבן ספרים האָט מען געשריבן נאָר אין לשון־הקודש.

אין אורבאַניזם האָט אויך די וועלטלעכע אינטעליגענץ זיך גענומען אויס־ראָטן יידיש — די השׂכּלה. צו ערשט איז עס געווען לטובת דעם „לשון המדינה״ — די גאַנצע השׂכּלה אין דייטשלאַנד פון מענדעלסאָנס תּנך־איבערזעצונג ביז דעם אונטערגאַנג פון יידיש, אַן ערך אין מיטן פון י״ה. אין רוסלאַנד האָבן די משׂכּילים צום אָנהייב געוואָלט באַגליקן די יידן מיט דייטש, ווייל דאָס יידישע לשון שטערט דער עמאַנציפּאַציע פון יידן. יידיש לשון איז געווען ביי זיי אין די אויגן אַ „זשאַרגאָן״, אַ חרפּה־שפּראַך. יידן וועלן זיין אַ קולטורפאָלק ערשט ווען זיי וועלן אָוועקוואַרפן יידיש!... דער העברעיִזם איז אויפגעקומען שפּעטער, נאָך די פּאָגראָ־מען אין רוסלאַנד. אין מערב־אייראָפּע איז שוין נישט געווען פאַר וועמען צו פּראָפּאַגאַנדירן העברעיִש, ווייל ווו יידיש איז נישטאָ, איז שוין פאַר העברעיִש זיכער נישטאָ קיין אָרט.

פרעגט זיך — פאַר וואָס דער גרויסער אונטערשייד: ווי איז פאַרצייטן אויפגענומען געוואָרן דאָס אַראַמישע תּרגום־לשון און שפּעטער, אין גלות־אייראָפּע — דאָס יידישע לשון? פאַר וואָס דער כּבוד פאַר אַראַמיש און דער אומכּבוד פאַר יידיש?

מען דאַרף עס דערקלערן מיט דעם גוואַלדיקן אונטערשייד אין באַציִונג צום פאָלק אין בבל און שפּעטער אין אייראָפּע. אין בבל האָט די אינטעליגענץ (די חז״ל) פאַרהייליקט דאָס פאָלק. לערנט הלל (שטאַמט פון בבל טאַקע) אַז דאָס

יידישע פאָלק זענען „בני נביאים״, „גייט און זעט ווי דאָס פאָלק פירט זיך און טוט אַזוי״. „הלכה״ איז דאָך דער אויפפיר פון פאָלק.

פונקט פאַרקערט איז געווען די באַציִונג צום פאָלק ביי דער אינטעליגענץ אין אייראָפּע. דער גלות אין אייראָפּע (אדום, רופט עס די גמרא) איז געווען נישט אין פאַרגלייך שווערער! „היינו לעג וקלס בגויים״ — צו שאַנד און צו שפּאָט ביי יעדער פּריץ, וואָס וויל פאַרווײַלן זיינע געסט מיט אָפּשפּאָטן פון זיין „יאַנקל״. ביסלעכווייז, אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט זיך די געפאַלנקייט, דער אומ־כבוד איבערגעגעבן צו די יידן גופא. פון דאַנען די געפאַלנקייט פון יידן ביי זיך אַליין. דערפאַר דער כבוד צו יידישקייט ביי די יידן אין בבל און דער אומכבוד ביי יידן צו יידישקייט אין אייראָפּע.

די באַציונג צו דער שפּראַך האָט בלויז אָפּגעשפּיגלט די באַציונג צו דעם פאָלק בכלל... און זי איז געווען די השפעה פון גלות. דער גלות האָט אַרויס־געשלאָגן ביי יידן די אַכטונג צו זיך אַליין, צום אייגענעם פאָלק. האָבן די משׂכּילים נאַיִוו געגלייבט, ווי יענע דינסטמיידל, אַז ווען זיי וועלן זיך אויספּוצן מיט דער שפּראַך פון דער „באַלעבאָסטע״, וועט זיין שענער... דערפאַר האָבן די משׂכּילים נאַיִוו געגלייבט אַז דאָס פאָלק איז אַ מין טייג, וואָס מען קען פון דעם קנעטן וואָס מען וויל, און מען האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער און פּראָיעקטן וואָס מען זאָל אויסקנעטן פון דעם געפאַלענעם, דערדריקטן „מאַטעריאַל צו בויען אַ פאָלק״ ווי מען וויל, ווי מען שטעלט זיך פאָר אַן אידעאַל פון אַ פאָלק... פון דאַנען דער אונטערשייד: כבוד פון יידן צו אַראַמיש און אומכבוד פון יידן צו יידיש.

איז לכתחילה געווען דער אידעאַל די לאַנדשפּראַך. „דו רייד דאָס לשון המדינה״ האָט אין אַ ליד אויף יידיש געשריבן מיכל גאָרדאָן, ווייל דאָס יידיש לשון איז „פאַרדרייט״. ערשט שפּעטער, שוין נאָך די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן, ווען יידן האָבן אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין עמאַנציפּאַציע און אין די גליקן פון רוסיפיקאַציע, דעמאָלט איז אויפגעקומען דער אידעאַל פון העברעיִש. צו גלייך מיט „אויטאָעמאַנציפּאַציע״. אויב זיך אַליין עמאַנציפּירן דורך אומקערן זיך צום פאַרצייטיקן מוסטער, איז אויך די שפּראַך פון פאַרצייטן — העברעיִש!

נישט געווען קיין אָרט פאַר העברעיִזם אין מערב־אייראָפּע: דאָרטן זענען קיין פּאָגראָמען נישט געווען, ווי אין רוסלאַנד, דאָרטן איז נישט געווען אַזאַ אַנטוישונג מיט דער לאַנדקולטור, מיט דער שפּראַך פון הערשנדיקן פאָלק. דאָרטן האָבן שוין יידן נישט געהאַט לגמרי קיין אייגענע שפּראַך. דאָרטן האָבן נאָך יידן געגלייבט אין עמאַנציפּאַציע, נישט געדאַרפט קיין אויטאָעמאַנציפּאַציע. דאָרטן האָבן יידן געלעבט אין די „גליקן״ פון דער לאַנדשפּראַך, האָט מען נישט געזוכט קיין העברעיִשן „סוראָגאַט״ צו דער לאַנדשפּראַך. אָבער דער אומכבוד, די פּשוטע פאַראַכטונג צו דער פאָלקשפּראַך איז געבליבן.

„מעולם לא טינפתי את עטי בזשאַרגון" (איך האָב קיין מאָל נישט פאַר־שמוצט מיין פעדער מיט זשאַרגאָן") — האָבן זיך באַרימט אַ פּאָר העברעיִשע שרייבערס. אַזאַ האָס צו דער שפּראַך פון 97% פון פאָלק האָט געקאָנט געמאָלט זיין, נאָר ווייל ממש אַזאַ האָס איז געווען צום פאָלק גופא. האָט אַ יידיש־רוסישער שרייבער לעוואַנדע, וואָס האָט פאַר די פּאָגראָמען אָפּגעלאַכט פון די וואָס שרייבן נאָך „מיט די אַסירישע קוואַדראַטעלעך" (יידיש און העברעיִש), נאָך די פּאָגראָמען אַליין געוואָרן פון אַ „ליעוו אָסיפּאָוויטש" אַ יהודה לייב לעוואַנדע און געשריבן אַ ביסל העברעיִש. אַ ביסל, ווייל ער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע.

אַז איוואַן בריקעט זיך — ער וויל נישט קיין יידן, אַפילו רוסיפיצירטע, דעמאָלט בלייבט נאָר: זיך אומקערן צום אייגענעם פאַרצייטן און צו דער פאַר־צייטיקער שפּראַך, וואָס איז „זיכער געווען שענער פון יידיש" (זשאַבאָטינסקי אין אַ בראָשור, 1936). דעמאָלט איז אויפגעקומען דער העברעיִזם. די פּסיכישע צו־שטאַנדן דערביי זענען געווען: יידן זענען אַ נעבעך־פאָלק, ללעג ולקלס, אַלץ וואָס ביי יידן — איז נעבעכדיק, שלעכט ביז גאָר. איז מילא, דאָס פאַר וואָס גאָט וועט אי"ה צאָלן אויף יענער וועלט — איז נאָך ווי עס איז. געוווג ליידט מען זיך אָן אויף דער וועלט, טאָ זאָל כאָטש זיין אַ שטיקל גן־עדן אויף יענער וועלט. אָבער דאָס אַלץ, וואָס גאָט צאָלט נישט דערפאַר גאָרנישט — פון דעם דאַרף מען פּטור ווערן וואָס גיכער. און דער ערשטער קרבן איז, פאַרשטייט זיך, יידיש לשון.

אַלע גערמאַנישע שפּראַכן זענען שפּראַכן, אָבער יידיש איז נישט מער ווי אַ זשאַרגאָן, אַ חרפּה־שפּראַך. נישט יידיש איז דאָ געווען שולדיק, די פּסיכיק פון יידן איז דאָ שולדיק געווען. נישט בלויז יידיש לשון איז אַ חרפּה־זשאַרגאָן, נייערט אַלץ וואָס ביי יידן אין שטייגער, אין לעבן, אין אויפפיר — אַלץ שלעכט און מיאוס און העסלעך און יידן אַליין אויך, פאַרשטייט זיך.

די רוסן האָבן אַ פאַרשקלאַפט, פאַרשיכורט און אַן אַנאַלפאַבעטיש, פאַרפינצ־טערט פויערים־פאָלק! איז — איי, גוואַלד! ווען וועלן דאָס יידן זוכה זיין צו האָבן אַ פויערים־קלאַס! זענען פויערים געוואָרן אַ אידעאַל. און ווען? — ווען לאַנד־ווירטשאַפט האָט שוין נישט געדאַרפט קיין פויערים בכלל... אַזוי האָבן זיך צע־בענקט משכּילים.

פאַרשטייט זיך אַז יידיש לשון האָט געשניטן די אויערן ביי די משכּילים. אַ קראַנק פאָלק רעדט אַ קראַנקע שפּראַך, אַ זשאַרגאָן, אַ פּלוידערשפּראַך. אַט דאָס „לשון המדינה" איז אַזוי שיין און פיין! אַ נעבעך־פאָלק מיט אַ נעבעך־שפּראַך... איז אַז איוואַן וויל נישט, טאָ זאָל כאָטש זיין דאָס לשון פון ירובעל און אַחימעץ, די שפּראַך פון תנך. און פאַרשטייט זיך — אויך נישט אַזוי ווי דאָס יידישע נעבעך־פאָלק האָט דאָס „צעקאַרדאַשעט" די שיינע שפּראַך פון ישעיהו און

ירמיהו, נאָר אַן אויסגעפּוצטע, אַ באַפּרייטע פון אַלע גלותדיקע צעדרייטקייטן, עס זאָל חלילה נישט זיין ענלעך צו דעם צעקאַלעטשעטן לשון־קודש פון גלות... איז נישט דאָרטן יאַנקל און שמערל, און אַפילו נישט משה־דוד, וואָס הגם טאַקע פון תּנך, אָבער יידן האָבן דאָך עס פּאַראומרייניקט מיט זייער באַנוצן!

אַ שרעקלעכע געפּאַלנקייט איז עס געווען ביי די משׂכּילים. זיי האָבן זיך פיינט געהאַט ווייל זיי זיינען נעבעך־יידן, און ווי מאַכט מען, מען זאָל זיך פאַרגעסן אַז מען איז, נישט פאַר קיין מענטשן געדאַכט, מער נישט ווי יידן?.. דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון דער גאַנצער השׂכּלה אין דער ליטעראַטור און אין זייער גנזעלשאַפטלעכקייט. האָבן רות און עמינדב געדאַרפט קאָמפּענסירן דאָס נישט קענען ווערן קיין איוואַן און אַפּאָלאָני... קיין מאָל איז קיין העברעיִזם נישט אויפגעקומען דאָרטן ווו מען האָט גערן אויפגענומען אַסימילירטע יידן. זענען משׂכּילים אַרומגעגאַנגען מיט אַ שרעקלעכן נאַציאָנאַלן קנאַפּוועריקייט־קאָמפּלעקס.

צי זענען יידן שוין אויסגעהיילט פון דער קראַנקייט? — ווייט נאָך נישט! און יידיש לשון איז איינע פון די בעסטע רפואות קעגן דער קראַנקייט.

פון דער גרויסער צאָל לשונות וואָס יידן האָבן גערעדט זענען נאָר דריי געוואָרן אמת יידישע שפּראַכן. דאָס איז העברעיִש, אַראַמיש און יידיש. ריכטיקער — דער יידישער דיאַלעקט פון דער „עבר הנהר־שפּראַך", וואָס עס האָבן גערעדט די פעלקער פון „עבר הנהר" (געמיינט דעם טייך פּרת); דער יידישער דיאַלעקט פון דער אַראַמישער שפּראַך, און דער יידישער דיאַלעקט פון דעם אור־גערמאַנישן לשון. די שפּראַך פון דעם שטיין פון משע מלך מואב איז דאָך כּמעט העברעיִש. אַז יענע פעלקער זענען אונטערגעגאַנגען איז געבליבן בלויז ביי יידן דער יידישער דיאַלעקט פון העברעיִש, פון תּנך. אַזוי איז עס שפּעטער אויך געווען מיט אַראַמיש. דער אַראַמיש־יידישער דיאַלעקט איז געבליבן אין דער רייכער יידישער ליטעראַטור (אין תּלמוד!). אַזוי ווייט האָט זיך אַראַמיש אַריינגעלעבט אין יידישן פאָלק, אַז אין גמרא איז פאַראַן אַזאַ מין פּראָבלעם: ווי איז, אַז מען האָט געלייענט די מגילה אין „עברית", צי איז מען יוצא אָדער נישט? קומט אויס אַז „עברית" איז גאָר נישט די שפּראַך פון דער מגילה. יאָסטראָוו, אין זיין תּלמודישן ווערטערבוך, האַלט אַז דאָס וואָרט „עברית" מיינט דאָ גאָר אַראַמיש, וואָס די „עברים" האָבן גערעדט. מעגלעך אויך אַז דאָס וואָס נחמיה באַקלאָגט זיך, אַז יידישע קינדער קענען נישט קיין „יהודית" (די שפּראַך פון יהודה) מיינט ער אויך נישט העברעיִש, וואָס די דערוואַקסענע האָבן אויך דאָך נישט געקאָנט, נאָר די ריידשפּראַך פון די יידן, טאַקע אַראַמיש. קען זיין. האָט נחמיה אויך געמיינט דעם אַראַמיש־יידישן דיאַלעקט, וואָס איז געווען די שפּראַך פון די יידן אין יענער צייט — לשון יהודית.

אויף אַן ענלעכן אופן האָט זיך אַנטוויקלט די דריטע יידישע שפּראַך. טאַקע כּמעט דורכויס פון גערמאַנישן אָפּשטאַם, אַזוי ווי נאָך פעלקער האָבן גענומען

זייער שפּראַך פון זעלביקן אָפּשטאַם. האָבן יידן איבערגעאַרבעט, איבערגעבויט, זי געמאַכט אַקוראַט צו זייער גייסט, צו זייער שטייגער און צו זייער געמיט, ביז עס איז געוואָרן די פאַרזיכיקע יידישע שפּראַך, וואָס קיין שום אַנדער פאָלק האָט אין דעם קיין חלק נישט. אַלע אַנדערע שפּראַכן וואָס יידן האָבן אָנגענומען פאַר־טיקערהייט פון אַנדערע, נישט צוגעפּאַסט די שפּראַכן צו זיך, נאָר פאַרקערט, זיי האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די פרעמדע שפּראַכן, — אַלע די שפּראַכן זענען געווען מכשירים פון אונטערגאַנג, אונטערגעגאַנגען די שבטים וואָס האָבן גענוצט פרעמדע שפּראַכן.

אייגענע שפּראַכן — איבערגעאַרבעטע, מיט אַ פאַרזיכיקער גראַמאַטיק און דיקציע.

פרעמדע שפּראַכן — לויט דער גראַמאַטיק און וואָרט־אוצר פון אַ פרעמד פאָלק.

ווען אַלע יידן אין גאַר דער וועלט זאָלן נעמען ריידן און שרייבן ענגליש; ווען די בעסטע ענגלישע פּאָעטן זאָלן זיין יידן, וועט דאָך ענגליש זיין אַ פרעמדע שפּראַך, וואָס שטעלט דעם קיום פון יידישן פאָלק אין אַ סכּנה פון אומקום — אַ פרעמד פאָלק האָט די שפּראַך געשאַפן. פון אַלע צענדליקער שפּראַכן וואָס יידן האָבן גערעדט אין משך פון זייער געשיכטע, זענען בלויז דריי געווען יידישע, **יידן האָבן זיי באַאַרבעט, איבערגעשאַפן. אַלע אַנדערע פרעמדע שפּראַכן, וואָס יידן** האָבן ווען עס איז גערעדט — אַלע זיי זענען אונטערגעגאַנגען און געהאָלפן אומ־ברענגען די שבטים וואָס האָבן זיי גענוצט. גייט דער שטראָם פון יידישער געשיכ־טע נאָר דורך די דריי שפּראַכן: העברעיִש־יידיש, אַראַמיש־יידיש און יידיש־יידיש. מער נישט!

די מענטשהייט דערנענטערט זיך צו אונדזער מצב

אונטער אַלע הימלען,
אונטער אַלע קעלער־שימלען
אויסגעשטאַנען
און דערברויזט ביז דאַנען
(ד. האָפשטיין)

„גענוג זיך שוין צו וואַלגערן איבער דער וועלט"! גענוג זיך אָנגעליטן פון אַלע קאַפּריזן און משוגעתן פון אַלע פעלקער! גענוג! לאָמיר זיין אַ פאָלק אין אונדזער אייגן לאַנד, אין אונדזער אייגענער היים!".. אָפּט הערן זיך אַזוינע און ענלעכע טענות. און זיי זענען פאַרשטענדלעך: אַזוי פיל אָנגעליטן זיך פון בעלי־

בתּים־פעלקער, אַזוי פיל בלוט אונדזערס פאַרגאָסן אומעטום! אַזוי פיל שפּראַכן זיך אָנגערעדט, אַזוי פיל קולטורן אָנגעלערנט זיך, אַזוי פיל צעריסן, צעפליקט און צעפּיצלט זענען מיר! „און איך וועל אייך צעשפּרייטן איבער דעם פּנים פון דער ערד" — דאָס איז אַ קללה פון דער תּוכחה... לאָמיר זיך שוין אָפּרוען פון שכנהשאַפט ביי אַלעמען, לאָמיר שוין אַ מאָל זיין ביי זיך אַליין, אַליין אַ בעל־הבית, זיין אַ ביסל מיט זיך, ביי זיך.

אָט די באַרעכטיקטע טענות קומט אויס אָפּט צו הערן. און נישט אָן רעכט! האָט דאָך די מדינה פאַר אַ פּאָר צענדליק יאָר באַוויזן אַזאַ לעגענדאַרע אַנט־וויקלונג! האָט דאָס פאָלק אין לאַנד אַזוי פיל נייע און מעכטיקע קוואַלן פון ענערגיע, פון מוט, פון איניציאַטיוו אַרויסגעוויזן, מער ווי אומעטום און אַלע מאָל. דאָס איז דאָך די ברכה פון זיין אַליין פאַר זיך, אָן בעלי־בתּים איבער זיך.

זאָגט אַ גמרא, אַז די צעשפּרייטונג צווישן אַ סך פעלקער איז גאָר אַ ברכה! גאָט האָט אונדז געטאָן אַ טובה, וואָס ער האָט אונדז צעשפּרייט איבער פעלקער. און אין גמרא דווקא געפינט מען אָפט אידעען אָריגינעלע און ריכטיקע. און רש"י, וואָס האָט אַליין זיך נישט ווייניק אָנגעליטן פון גוייִשער רציחה, גיט צו: „מען זאָל זיי נישט קענען אומברענגען מיט איין מאָל". (פּסחים פּ"ז ב'). און טאַקע — פון אַלע פעלקער וואָס זענען דערמאָנט אין תּנך איז געבליבן נאָר דאָס יידישע פאָלק. אַלע אַנדערע פעלקער זענען נישט געבליבן. זיי זענען געוווען לאַנדפעלקער, זענען זיי אומגעקומען און נישטאָ. יידן זענען געווען און געבליבן אַ צעשפּרייט פאָלק; אַלע פעלקער — איין מאָל אומגעקומען, האָבן זיי נישט קיין „תּחיית־המתים", יידן קומען אום און לעבן ווייטער. עס קען זיין אַ מיינונג: בעסער אומ־קומען איידער אַזאַ לעבן, עס קענען זיין אַלערליי מיינונגען, אָבער דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט!

און ווידער איז היינט די לאַגע אַזאַ, אַז מיר ווערן אויס איינציק פאָלק וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט. אויך אַנדערע פעלקער ווערן אַזוי. נישטאָ שוין היינט קיין מדינות פון איין פאָלק, פעלקער זענען געוואָרן באַוועגלעכער, מען זיצט נישט אויף איין אָרט. פעלקער צעשפּרייטן זיך, צעשיטן זיך. און פעלקער ווערן באַ־ווסטזיניקער. נישטאָ מער דער פּרינציפּ, אַז איין מדינה איז אויך איין פאָלק. פעלקער באַמיען זיך איינצוהיטן די אייגענע פאָלקישקייט איבער דער צעשפּריי־טונג. מדינות מיט פעסטע גרענעצן וועלן ווערן אויס; פעלקער, אַפילו צעשאָטענע, וועלן בלייבן. מיר וועלן אויפהערן צו זיין דאָס איין איינציק צעשאָטן פאָלק. די צוקונפט פון דער מענטשהייט איז אין פעלקער, אָבער נישט מדינות. אַלע צרות און אַלע חורבנות נעמען זיך פון די פאַרעלטערטע מדינות. איז — אָדער די מדינות וועלן אומברענגען די מענטשהייט, אָדער די מענטשהייט וועט אַנולירן די מדינות. דעמאָלט וועט אויך אונדז זיין גרינגער איינצוהיטן דעם אייגענעם פאָלקישן

פּרצוף אין דער וועלט. קלאָר — צו אָט דער צוקונפט איז נאָך אַ ווייטער וועג, אָבער אויך ווייטע וועגן ווערן דורכגעגאַנגען!

די פּראָבלעם פון יידישן פאָלק בלייבט פּאָרט אַן אינעווייניקסטע, אין אונדז גופא: ווי ווייט מיר — יידן — וועלן זיך באַמיִען איינצוהיטן אונדזער אייגענע פאָלקישקייט, ווי ווייט מיר וועלן קענען און וועלן קעגנשטעלן זיך די אַסימילאַ־טאָרישע טענדענצן אין אונדז; ווי ווייט מיר וועלן קענען אַכטן און שעצן אונדזער אייגענע קולטור. יידישקייט איז אַלץ וואָס צייכנט אויס די יידן באַזונדער צווישן אַלע אַנדערע פעלקער, נישט נאָר דאָס וואָס עס איז אָנגעזאָגט און פאַרשריבן; יידישקייט אין ברייטסטן זינען איז אונדז ליב און טייער, ווייל עס איז אונד־זערס, נישט ווייל גאָט האָט עס דאַרף עס האָבן און ער ווערט דערפאַר באַצאָלן איטלעכן פּריוואַט. אין דער ענדערונג אין אונדז דאַרף די מדינת ישׂראל שפּילן אַ גרויסע ראָל. דערווייל איז עס נאָך נישט קענטיק. צום באַדויערן. מען דאַרף אָבער שטרעבן אַז איטלעך אָרט ווו יידן לעבן זאָל זיין אַ שטיקל ארץ־ישׂראל.

דאָס וועט יע מעגלעך ווערן, ווייל אַלע פעלקער וועלן שטרעבן דערצו, די גאַנצע מענטשהייט וועט דערצו שטרעבן און פירן — אויס מיט מדינות און הערשנדיקע פעלקער, אויס מיט מדינה־אייגנטום! די וועלט וועט מוזן באַשטיין פון פרייע פעלקער אין די ראַמען פון אַ מין „פאַראייניקטע מדינות". אַלע פעלקער מיט זייערע פּאַרזיכיקע קולטורן און אַזוי אויך די יידן. מיר האָבן לאַנגע יאָר־הונדערטער געלעבט אין קולטורעל פאַרזיכיקע שטעטלעך... מיר וועלן אויך ווייטער האָבן אַ קיום אין אַ מין שטעטלשער פאַרזיכיקייט. דער אידעאַל איז אַריינפירן די גאַנצע וועלטקולטור אין שטעטל, אָבער נישט קיין אַנטלויפן פון דעם שטעטל אין דער וועלט אַריין, אין פרעמדע וועלטן אַריין.

ירושלים של מעלה

צווייערליי פעלקער פאַראַן. איך וועל זיי דאָ רופן „צוצענטרישע" און „פונ־צענטרישע". אַלע פעלקער באַמיִען זיך, ווי זיי קענען, איינצוהיטן זייער אייגענעם שטייגער און זייער שפּראַך. ווען וואַנדערער פון אייראָפּע האָבן זיך באַזעצט אין דרום־אַפריקע, האָבן זיי געזוכט אַן אָרט פאַר זייער פאָלקישקייט. זענען דאָס געווען די בורן, זענען דאָס געווען די ענגלענדער, — זייער קאָלעקטיוון גייסט האָבן זיי געוואָלט איינהיטן און ווייטער פירן. אַזוי האָבן זיך געפירט די ערשטע אייראָפּעיִשע באַווינער פון אַמעריקע, פון אויסטראַליע.

יידן אָבער האָבן אין זייערע וואַנדערונגען תּמיד געזוכט אַ בעל־הבית איבער זיך, וועמען צו דינען, וועמען נאָכצומאַכן. העכסטנס האָבן יידן געטראַכט וועגן איינ־

היטן זייער רעליגיע, אָבער זיי האָבן נישט געטראַכט וועגן אייגהייטן זייער גאַנצע פאָלקישקייט. עס האָבן אין דער זעלביקער צייט, פון די זעלביקע לענדער אויס־געוואָנדערט יידן און אוקראַינער. געקומען קיין קאַנאַדע, האָבן אוקראַינער געשאַפן פאַרזיכיקע דערפער, ראַיאָנען. עס האָבן זיך שוין אַפילו געלאָזט הערן פאַרלאַנגען צו בויען אַ „נייע אוקראַינע". יידן אָבער זוכן לכתחילה זיך צו צעשפּרייטן. אַ מנין האָבן צוזאַמען מיט אַנדערע יידן — דאָס יע, אָבער מער נישט. שפּראַך, שטייגער, וואָך און אַרבעט — דאָס איז ביי יידן לכתחילה נישט נייטיק אייגצוהיטן. אין איינער אַ קאַנאַדישער שטאָט וואָס איז דורכויס ענגליש זענען פאַראַן אויך פראַנ־צויזן און יידן. פראַנצויזן — אַ סך ווייניקער פון יידן. האָבן די פראַנצויזן זיך איינגעאָרדנט אַן אייגן שטעטל, אויף יענער זייט טייך, אייגענע גאַסן, מיט אייגענע נעמען, מיט אייגענע שולן פאַר די קינדער, אייגענע קינאָס אין פראַנצייזיש! — אַ קליין פראַנצייזיש ווינקעלע אין אַן אַרומיקן ענגלישן ים.

יידן האַלטן זיך צוזאַמען נאָר צום אָנהייב, כּל־זמן זיי זענען נאָך פרעמדע אין גאַנצן און פילן זיך פרעמד אין נייעם אָרט. ווי נאָר גאָט העלפט אַ ביסל, ווי נאָר מען שטייט שוין עקאָנאָמיש אויף די אייגענע פיס, אַנטלויפט מען פון יידישע ראַיאָנען. מען זוכט אַ „בעסערן" ראַיאָן. און בעסער איז דאָרטן ווו עס זענען ווייניקער יידן. וועגן שאַפן באַזונדערע יידישע שטעטלעך, פאַרזיכיקע יידישע ראַיאָנען — וועגן דעם טאָר מען אַפילו נישט ריידן צו יידן; מען וועט אייך אויס־לאַכן. יידן האָבן יע געבויט „קאָלאָניעס", אָבער נישט קיין מאָדערנע, איני־דוסטריעלע לאַנדווירטשאַפטן, נאָר פאַרעלטערטע פויערישע. לויטן מוסטער פון די רוסישע פויערים. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אַלע געפּלאַצט.

יידן וואָלטן גרינג געקאָנט האָבן אין אַמעריקע איינעם אָדער עטלעכע באַזונדערע פאַרזיכיקע שטאַטן, אויך אין אַנדערע לענדער, איבערהויפּט אין אַרגענטינע. דאָ וואָלט בפירוש געקאָנט געשאַפן ווערן אין יענער צייט אַ פאַרזיכיק־יידישע ארץ־ישׂראל. באשר די אָנפירער האָבן לכתחילה געחלומט נישט וועגן אַ באַזונדערער יידישקייט, נאָר וועגן אַ גיכערער אַסימילאַציע. אַפילו אין ארץ־ישׂראל האָבן דאָך יידן נישט געטראַכט ווייטער ווי קאָלאָניעס מיט פויערים. באַזונדערע יידישע שטעטלעך און שטעט האָבן אַרויפגעצווונגען אויף יידן דווקא די אַראַבער מיט זייער רציחה. די הגנה האָבן אַרויפגעצווונגען ווידער די אַראַבער. די אידעע פון אין גאַנצן אַ פאַרזיכיקן לאַנד איז אָנגעוואַקסן ביסלעכווייז און זייער פּאַמעלעך. און אויך דאָס איז געווען אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער: אַלע אַנדערע אימי־גראַנטן וואָס האָבן געבויט לענדער, מדינות, האָבן עס געטאָן כּדי צו בויען אַ היים פאַר זיך, פאַר זייער פאָלקישקייט, ווי זיי זענען. יידן האָבן געבויט אַ לאַנד, נישט קיין היים פאַר זיך, נאָר אַ היים פאַר אַ יידיש פאָלק וואָס דאַרף זיין, וואָס מען דאַרף ערשט איצט אויסהאָדעווען. אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין ירושה פון

גלות, וואָס שטאַמט דירעקט פון תּנך־פאָלק, פון תּנך־צייט. פאַר וואָס? — ווייל דאָס יידישע פאָלק, ווי מען האָט עס געקאָנט און געוווּסט, איז געווען נישט ליב, מען האָט עס נישט ליב געהאַט, אָפט אַפילו פאַרקערט.

דער גרעסטער, דער וויכטיקסטער היסטאָרישער פאַקטאָר איז פאָרט די פסיכיק פון פאָלק. די מאַטעריעלע באַדינגונגען זענען נאָר די ראַם. און איטלעכער פאַסט זיך אַריין אין דער ראַם, אַזוי ווי זיין פילאָגענעטישע אַנטוויקלונג האָט אים געבראַכט... אין אַ קליינער סאַזשלקע לעבן פאַרשיידענע בעלי־חיים און געוויקסן. זיי האָבן לגמרי נישט איין געשטאַלט, איטלעכער פאַסט זיך צו און פאַסט זיך אַריין לויט זיינע איינגעבאָרענע פילאָגענעטישע דורותדיקע אייגנשאַפטן. אַזוי אויך מיט מענטשן: איטלעך פאָלק פאַסט זיך אַריין אין די זעלביקע באַדינגונגען לויט די אייגנשאַפטן וואָס די געשיכטע האָט אין אים אַנטוויקלט.

נאָך לאַנג פאַרן גלות האָבן יידן זיך אַנטווישט אין די גליקן פון דער מדינה, זיי האָבן געדענקט די גוטע עטלעכע הונדערט יאָר פון דער פּערסישער הערשאַפט, אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע (די הערשנדיקע פּערסיער זענען געווען ווייט, אָפּגעשניטן מיט אַ מידבר), נישטאָ קיין סימנים אַז די חז״ל האָבן שטאַרק ליב געהאַט דאָס מלכות פון די חשמונאים. די צייט איז געווען פול מיט אָפּטריניקייט און אַסימילאַציע, מיט מלחמות און מיט גרויסע שטייערן. און די חז״ל האָבן פאַרגעשטעלט די מיינונגען פון פאָלק. דאָס פאָלק איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און מיט שווערע שטייערן אין די מלחמות, וואָס האָבן אים נישט אינטערעסירט.

די פאָלקישע אינטעליגענץ האָט געקלעפּט צום פאָלק און צו זיין שטייגער, האָט נישט געמאַכט קיין גרויסן טרויער פון גאַנצן „פּולמוס טיטוס" (נישט חורבן נאָר „פּולמוס"). די הלכה וועט אויפהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק. די גאַנצע צייט פון גלות האָבן יידן געבענקט נאָך דער גאולה. עס וואַרטן אויף דער גאולה עם־ישׂראל און ארץ־ישׂראל. בעטן יידן מער, דאַכט זיך, פאַר „ובא לציון גואל" (דער פּסוק איז פון ישעיהו נ״ט כ׳) ווי פאַר „ובא לישׂראל גואל". דאָס לאַנד ישׂראל איז טאַקע געלעגן אין חורבות, אַ פּשוטער מידבר, ביז יידן האָבן אים געראַטעוועט פון מידבר. אָבער דאָס פאָלק ישׂראל איז נישט ווייניקער געלעגן אין חורבן. אָבער אין די תּפילות ווערט מער געבעטן וועגן ארץ ישׂראל ווי וועגן עם ישׂראל. אָט איז אַ תּפילה „ובנה ירושלים", וואָס יידן זאָגן נאָך דעם עסן. אָבער עס ווערט נישט געבעטן „ובנה עם ישׂראל". איך דערמאָן זיך גאָר נישט אַזאַ תּפילה.

עס איז דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין 1903. נאָך אַ הפסקה פון אַ פּאָר צענדליק יאָר האָבן זיך אין רוסלאַנד באַנייט די פּאָגראָמען. קישענעוו האָט שטאַרק אויפגערודערט די יידן. די אויסנאַם־געזעצן און די אָרעמקייט זענען שרעקלעך. יידן לויפן וווּהין נאָר מען קען, מען איז גרייט זיך צו לאָזן גיין צו פוס, וואַנדערן. הערצל ברענגט דעם פאָרשלאָג וועגן אוגאַנדע. האָבן די רוסישע ציוניסטן זיך

צעוויינט: אַ פּאַרראַט קעגן ארץ־ישׂראל! האָבן דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין די מערבדיקע ציונים. נישט ד״ר הערצל, נישט נאָרדוי, נישט זאַנגוויל און אויך נישט דער קיעווער ד״ר מ. מאַנדעלשטאַם, וואָס איז געווען מער אַסימילירט ווי אַנדערע: איז דען ציוניזם אַ באַוועגונג צו ראַטעווען ארץ־ישׂראל? און כּדי צו ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק, קענען דאָך די אָביעקטיווע באַדינגונגען אין אוגאַנדע זיין בעסערע ווי אין ארץ־ישׂראל. פאַר וואָס זשע פּראָטעסטירן אַזוי שטאַרק דווקא די רוסישע ציונים, די וואָס זענען נענטער צום טראַגישן מצב?

און עס איז גוט וואָס די מעשׂה אוגאַנדע איז נישט געלונגען. נישט ווייל אָביעקטיוו איז אוגאַנדע געווען ערגער. נאָר עס וואָלט נישט געלונגען, ווייל אין ארץ־ישׂראל האָבן יידן געהאַט אַ קדושה־געפיל, און דאָס געפיל האָט אַרויסגערופן גוואַלדיקע סכומים ענערגיע, קרבנות-גרייטקייט. אין קיין שום אַנדער לאַנד וואָלט עס נישט געקענט זיין. דער גרויסער עמיגראַציע־שטראָם איז געגאַנגען קיין אַמעריקע. דאָס האָט נישט אַרויסגערופן קיין טרערן, איז נישט געווען קיין „פּאַרראַט״, אוגאַנדע — יע. פאַר וואָס? — ווייל קיין אַמעריקע זענען געגאַנגען באַזונדערע יידן, עס איז נישט געווען קיין שום רייד וועגן אַ היים פאַרן יידישן פאָלק. אין אוגאַנדע האָט מען יע געחלומט פון אַזאַ. איינאָרדענען פאַר יידן אַן אָרגאַניזירטע היים ערגעץ אַנדערש ווו, נישט אין ארץ־ישׂראל — דאָס האָבן יידן, וואָס זענען מער געווען איינגעלעבט אין דער טראַדיציע, נישט געקאָנט פאַרטראָגן. יידן קענען איינאָרדענען זיך אומעטום, פּריוואַטע יידן, אָבער אַ היים פאַר יידיש־קייט — דאָס איז נאָר אין ארץ־ישׂראל! יידן זענען געפאָרן קיין ארץ־ישׂראל מיט אַן אידעאַל „אנו באנו ארצה לבנות ולהבנות״ — בויען און זיך אויפבויען. אויפ־בויען דאָס לאַנד ישׂראל קומט פריִער ווי אויפבויען זיך, דאָס פאָלק ישׂראל. ארץ־ישׂראל איז ביי יידן אין געפיל געווען הייליק, אָבער נישט דאָס עם-ישׂראל. דאָ איז געווען אַן אויסנאָם־דערשיינונג אין יידישן גייסט.

מאַטעריעלע קדושה

פון די נביאים אַן קעמפט דער יידישער גייסט קעגן מאַטעריעלער קדושה. לויפט נאָך אליהו ערגעץ קיין מידבר ווייט צום הייליקן „געטלעכן באַרג״. אָבער ירמיהו באַמיט זיך צו דערקלערן די יידן, אַז דער בית־המיקדש פאַר זיך איז נישט הייליק. הייליק זענען די געפילן אין די לעבעדיקע יידן, אין זייער אויפפיר. זענען ביי ירמיהו אין די אויגן די יידן אין בבל געגליכן צו די גוטע פייגן, בעת די יידן אין ארץ־ישׂראל זענען ווי די שלעכטע פייגן, טויגן שוין צו גאָרנישט. און באמת, אויפגעבויט אַ יידישע פאַרזיכיקע ארץ־ישׂראל האָבן נישט די געבליבענע

יידן אין ארץ־ישׂראל, נאָר טאַקע די יידן פון גלות־בבל. אַלע מאָל ווען ארץ־ישׂראל איז געבויט געוואָרן, האָט עס אויפגעטאָן דער גלות, נישט ארץ־ישׂראלדיקע יידן. די זענען גלייך פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפער אַסימילאַציע. נחמיה גיט אין זיינע מעמוארן (אין תנך) אַ טראַגישן בילד פון דער אַסימילאַציע וואָס ער געפינט אין ארץ־ישׂראל.

אין גמרא ווערט דערציילט אַז די תורה (יידישקייט) האָט אַלע מאָל אַ טענדענץ פאַרגעסן צו ווערן אין ארץ־ישׂראל און אַלע מאָל אָבער קומען יידן פון גלות און באַנייען זי. (סוכה כ׳ א׳) אָבער טאַקע נאָכן חורבן איז ביי יידן אין האַרצן איינגעבאַקן געוואָרן אַ ליבע צו ארץ־ישׂראל. בעסער לעבן אין אַ שטאָט מיט גויים אין ארץ־ישׂראל איידער אין אַ שטאָט מיט יידן אין גלות (כתובות קי״ב). דער וואָס לעבט אין ארץ־ישׂראל, איז ווי ער האָט אַ גאָט (דאָרטן). אין בבל איז גאָר נישטאָ די שכינה (מועד קטן כ״ה א׳). דער וואָס לעבט אין גלות איז ווי ער דינט עבודה־זרה, אויב אַפילו נישט ווילנדיק (עבודה זרה ח׳ א׳). אמת, פאַראַן אויך פאַרקערטע מיינונגען, אָבער ווייניקער אַ סך. און ביי יידן האָט זיך איינגעבירגערט דאָס געפיל פון אַ מאַטעריעלער הייליקייט פאַר ארץ־ישׂראל, הגם אַנדערע מאַטער־יעלע הייליקייטן זענען באַקעמפט געוואָרן. אַזוי האָט זיך עס איינגעבירגערט ביי יידן דאָס געפיל, אַז גאולת־ישׂראל קען זיין נאָר אין ארץ־ישׂראל. ווו יידן זענען געגאַנגען, עמיגרירט, האָבן זיי אַלע מאָל געגלייבט אַז זיי גייען פון גלות אין גלות. קיינע אַנדערע אַמביציעס האָבן זיי קיין מאָל נישט געהאַט. אין ארץ־ישׂראל איז עס אַנדערש געווען. אויב נישט לעבן אין ארץ-ישׂראל, איז כאָטש שטאַרבן דאָרטן, פאַרשפאָרן גילגול מחילות, ווען משיח וועט קומען... איז מען געפאָרן מקיים זיין די מיצווה פון „ישוב ארץ ישׂראל״. איז גאולת־הארץ געוואָרן פאַר זיך אַ מיצווה נישט קיין קלענערע ווי גאולת־העם, בכל־אופן איז דער אויסדרוק „גאולת־הארץ״ אַ סך אָפטער באַנוצט ווי „גאולת־העם״.

אין דעם אויפבוי פון דער מדינה האָט דער אידעאַל פון גאולת־הארץ גע־שפילט נישט קיין קלענערע ראָל ווי דער אידעאַל פון גאולת־העם. אויפן פאָלק־ישׂראל האָבן אַלע, פון די נביאים אָן, געפונען גרויסע עבירות, דעפעקטן. אויף דעם לאַנד־ישׂראל זענען קיין דעפעקטן נישט געזוכט געוואָרן. ארץ־ישׂראל אין די הענט פון די אַראַבער איז געווען אַ וויסטער, קראַנקער מידבר; שלאַנגען און שאַקאַלן, און וועספּעס גיפטיקע, מיט קראַנקע פויערים, וואָס האָבן געלעבט אייגנטלעך פון פּיליגרימען. קיין מילך, קיין פרוכט, קיין בוים, קיין שאָטן — גאָרנישט. שווער געווען צו גלייבן אַז עס קענען אין דעם לאַנד לעבן כאָטש איין מיליאָן איינוווינער.

כדי צו מאַכן פון אָט דעם לענדל דאָס וואָס ארץ-ישׂראל איז איצט, האָט זיך געפאָדערט ימים ענערגיע און איבערגעגעבנקייט, קרבנות־גרייטקייט אָן אַ

ברעג. יידן האָבן מחיה־מתים געווען אַ טויט שטיקל מידבר, די צאָל אַראַבער אין ארץ־ישׂראל איז איצט זיכער גרעסער ווי עס איז געווען פריער אין אַראַבישן ארץ־ישׂראל. אַזאַ מין מוט, גלויבן, ענערגיע און אַרבעט האָבן געקאָנט אַרויס־ווייזן נאָר יידן מיט דער אמונה אין גאולת־הארץ. דאָס איז די אמונה אין קדושת־הארץ, וואָס איז געווען אין האַרצן פון יידן הן רעליגיעזע און הן וועלטלעכע. דאָס איז געווען „ירושלים של מעלה", קיין געפיל אָבער פון קדושת־העם איז ביי יידן נישט געווען, נישטאָ.

קדושת עם-ישראל

וואָלט ביי יידן געווען אַזאַ געפיל, אַזאַ באַציִונג צו אַלץ וואָס עס איז יידיש, וואָלט דער גלות נישט אַזוי לאַנג געווען. איז ביי יידן יע געווען טייער און הייליק תּורת־ישׂראל, האָבן יידן אָבער פאַלש פאַרשטאַנען דעם עצם באַגריף פון תּורת־ישׂראל. וואָס מיינט „תּורת־ישׂראל"? עס קענען זיין צווייערליי אויסטייטשן: עס קען מיינען אַלץ וואָס טיילט אָפּ און טיילט אויס יידן פון צווישן אַלע אַנדערע פעלקער, אַלץ וואָס עס איז ספּעציפיש יידיש; יידן האָבן עס געשאַפן, איינגעלעבט זיך מיט דעם, דערפאַר איז עס יידיש און דערפאַר איז עס ליב און טייער, הייליק. און עס קען זיין אַן אַנדער צוגאַנג: לעולם איז יידישקייט נישט קיין שאַפונג, נישט קיין פּראָדוקט פון יידיש לעבן, נייערט עס איז געגעבן פאַרטיקערהייט פון גאָט און אָנגעזאָגט: איר זייט מחויב צו היטן, ווייל אַזוי הייסט גאָט און ער וועט איטלעכן באַצאָלן דערפאַר; נישט יידישקייט איז ליב, נאָר גאָטס תּורה, נישט דאָס יידישעס איז אונדז ליב און טייער, ווייל עס איז יידיש, ווייל פון יידן, נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז דער שטרענגער גאָט הייסט אַזוי, און ער שטייט איבער יעדערן מיט שרעקלעכע פייערדיקע ריטער און באַפעלט אויף גוואַלד, אויב נישט וועט מען שמייסן... יידישקייט איז גאָר נישט יידישקייט, עס איז איינגעטיילט פון שטרענגן, בייזן גאָט מיט זיין שרעקלעכן גיהנום... וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז פאָלגן — צי מען וויל צי מען וויל נישט. און ווער עס גלייבט נישט אין דעם, דער וואַרפט אַוועק אַלץ וואָס עס איז יידיש. צו וואָס? פאַר וואָס?

אַז דאָס איז אַ פּרימיטיווער, פאַלשער צוגאַנג — פאַרשפּאַר איך דאָ צו דערקלערן. פאַר מיר איז יידישקייט אַ פּראָדוקט פון יידישן פאָלק, זיין שאַפונג, זיין פירונג, זיין שטייגער. און נאָר דערפאַר, ווייל עס איז יידיש, פון יידישן פאָלק, דערפאַר איז עס ליב און טייער — דאָס מיינט הייליק. וואָס עס איז פון פאָלק ישׂראל דאָס איז הייליק. נישט מחמת מורא פאַרן שטרענגן גאָט מיט זיין שוידערלעכן גיהנום היט אַ ייד יידישקייט, נאָר ווייל עס איז יידיש-

פאָלקיש, ווייל עס שטאַמט פון יידישן פאָלק, און וואָס עס איז פאָלקיש — דאָס איז געטלעך, אין דעם פאָלקישן אַנטפּלעקט זיך דער גייסט פון יידישן פאָלק, און דער גייסט פון פאָלק — דאָס איז זיין גאָט. עס איז ליב דער גייסט פון פאָלק און עס ווילט זיך זיין באַהעפט צו אַלעמען, וואָס לעבן מיט אָט דעם פאָלקישן גייסט, מיט דעם גאָט פון פאָלק. יידישקייט איז תורה; זי פאַרבינדט און באַהעפט אַלע יידן אומעטום, איבער דער גאָרער וועלט אין איין פאָלק, מיט איין גייסט, מיט איין גאָט. צו אָט דעם פאָלקיזם זענען יידן ניט דערגאַנגען נאָך.

בעל-פה און בכתב

אָט דער פאָלקישער צוגאַנג צו יידישקייט איז נישט מיינע אַן אויסטראַכטונג, נישט קיין נייעס. עס איז דער צוגאַנג פון די וואָס האָבן געשאַפן און איינגעשטעלט די אייביקע יידישקייט, פון די חז״ל, עס איז זייער פילאָסאָפיע, זייער צוגאַנג, זייער גלויבן. זיי האָבן נאָר גענוצט אַן אַנדער טערמינאָלאָגיע לויט די באַגריפן פון זייער צייט. אַלץ ווי יידן פירן זיך, זייער גאַנצער שטייגער — דאָס איז יידישקייט. יידישקייט איז תורה; אַ טייל פון יידישקייט איז פאַרשריבן, דאָס איז „תורה־שבכתב״ און אַ טייל איז נישט פאַרשריבן. עס איז טראַדיציע אין דעם שטייגער. דאָס איז אויך יידישקייט, אויך תורה. דאָס נישט־פאַרשריבענע דאַרף אוניפיצירט ווערן, אויסגעגליכן, פאַראייניהייטלעכט ווערן, עס זאָל זיין איין אויפפיר, ווייל איין אויפפיר איז אויך איין פאָלק; איין גייסט — איין גאָט.

אָט מיט דעם פאַראייניהייטלעכן יידישקייט איבער אַלע יישובים, איבער אַלע פאַרשפּרייטונגען — דערמיט האָבן זיי זיך פאַרנומען. דורות גאַנצע. דער גאַנצער תלמוד איז פול מיט דעם. דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון זייער גאַנצן לערנען, דער זינען פון זייער אַרבעט און פון זייער גאַנצן לעבן. צוויי תורות זענען דאָ ביי יידן — די וואָס איז פון פון דער תורה אַן, (מדאורייתא) און די וואָס איז נישט פאַרשריבן, נישט פון דער תורה, נאָר פון שטייגער, וואָס איז איינגעשטעלט, וואָס איז איצט איינגעשטעלט געוואָרן, הגם אין דער תורת־משה איז עס נישטאָ. דאָס איז „מדרבנן״ — פון אונדזערע לערערס. וואָס עס איז אָנגעזאָגט אין דער תורה — דאָס זענען מיצוות, וואָס פון די „רבנן״ — דאָס איז הלכה. מיצווה — אָנגעזאָגט; הלכה — גאַנג, שטייגער, פון פאָלק. נאָר פאָרמולירט, איינהייטלעך געמאַכט — דאָס האָבן געטאָן די „רבנן״ — אונדזערע געלערנטע.

פון וואַנען האָבן דאָס די געלערנטע גענומען? — פון פאָלקס שטייגער. פון וואַנען האָט עס דאָס פאָלק גענומען? — פאַר די חז״ל איז עס געווען קלאָר: אויך פון גאָט, מערנישט וואָס יענץ איז פאַרשריבן — תורה־שבכתב; און דאָס איז

נישט פאַרשריבן, נאָר איבערגעגעבן אויסווייניק, בעל־פה. וואָס פון פאָלק איז אויך פון גאָט. אַל דאָס פאָלקישע איז געטלעך, פאַרשרייבן טאָר מען עס נישט, ווייל פאַרשרייבן מיינט דאָך פיקסירן אויף שטענדיק. און דאָס וואָס עס איז אין לעבן איז נאָך נישט אויסגעפורעמט ענדגילטיק, איז נישט איינהייטלעך אומעטום, נאָך נישט צייטיק פאַרשריבן צו ווערן. ערשט שפּעטער, ווען דאָס לעבן איז שוין געענדערט, עס קומען אויף נייע פירונגען, נייע זיטן, דעמאָלט איז צייט צו פאַר־שרייבן אויך דאָס וואָס עס איז געווען ביז איצט בעל־פה.

די תורה־שבעל־פה, די נישט־פאַרשריבענע, וואָס איז דאָ אין לעבן, איז וויכטיקער ווי דאָס פאַרשריבענע. דאָס פאַרשריבענע קענען אַלע פעלקער אָננעמען, עס טיילט נישט אָפּ די יידן באַזונדער. דווקא דאָס נישט־פאַרשריבענע, דאָס וואָס איז שטייגער — דאָס טיילט אויס יידן (סופרים טו׳ ד׳; בבא מציעא לג׳ א׳; סנהדרין פה׳ ב׳. פאַראַן נאָך). איבערהויפּט איז אינטערעסאַנט אַזאַ מאמר: „דער וואָס פאַרנעמט זיך נאָר מיט תורה איז גלייך ווי ער האָט ניט קיין גאָט״.

תורה־שבעל־פה

עס איז אַלעמען באַקאַנט די פאַרצייטיקע דורות־לאַנגע מחלוקת צווישן פּרושים און צדוקים וועגן דער תורה־שבעל־פה. די צדוקים האָבן בשום־אופן נישט געוואָלט אָננעמען קיין תורה־בעל־פה און די פּרושים האָבן זיך איינגעעקשנט דווקא יאָ, און זיי האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען די צדוקים פאַר יידן. ביי זיי אין די אויגן זענען די צדוקים גאָר קיין יידן נישט, נישטאָ קיין יידישקייט אָן תורה־שבעל־פה.

שטעלן זיך דאָ פאַר אונדז צוויי פראַגעס: ערשטנס, וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט די מחלוקות פון אַ מאָל פאַר אונדז היינט? מיר פאַרנעמען זיך נישט מיט געשיכטע. וואָס זשע, איז די מחלוקת פאַר אונדז היינט אַקטועל וויכטיק אין אונדזער היינטיקן לעבן, אין אונדזערע היינטיקע פּראָבלעמען? די צווייטע פראַגע איז: פון וואַנען, מיט איין מאָל, האָט זי זיך גענומען בכלל אָט די תורה־שבעל־פה? אין גאַנצן תנך ווערט זי קיין מאָל נישט דערמאָנט, ווי זי וואָלט גאָרנישט געווען. עזרא, ווען ער ברענגט יידישקייט (אָדער תורה) פון בבל צום צווייטן אויפבוי פון מדינת־ישׂראל, דערמאָנט זי ווידער נישט, נישטאָ פאַר אים קיין תורה־שבעל־פה. ער מאַטערט זיך שטאַרק מיט דער תורה־שבכּתב און קיין וואָרט נישט וועגן דער בעל־פה־תורה. נישטאָ אַזאַ פאַר אים! פאַר די יידן אויך שפּעטער, נאָך אים. און ווי מיט איין מאָל איז זי אויפגעקומען פאַר די חז״ל, פאַר די פּרושים? פון וואַנען? ווי אַזוי? ווי אַזוי צעטיילט זי דאָס פאָלק אויף צוויי ריכ־טונגען, וואָס זענען ווי צוויי פעלקער?

ווייל איך דאָ פּרובירן אויפקלערן די צוויי פראַגן. איך וועל אָבער נעמען די צווייטע פראַגע פריִער, וועגן דער ערשטער וועל איך דאָ נאָר זאָגן, אַז מיר לעבן היינט איבער די זעלביקע מחלוקת, זי איז פאַר אונדז אַלע מאָל נישט בלויז אַ היסטאָרישע, אַן אַמאָליקע, זי איז פאַר אונדז אַקטועל היינט נישט ווייניקער ווי אַ מאָל. אָט דערפאַר פאַרנעמען מיר זיך מיט איר דאָ. מיר גייען איבער דירעקט צו דער צווייטער פראַגע:

פון וואַנען נעמט זי זיך די תורה־שבעל־פה? זי איז בעל־פה, נישט פאַרשריבן, ווי די תורת־משה. מיט אַ צווייטן נאָמען: „מסטורין" און מסתורין־מיסטעריעזע, פאַרבאָרגענע יידישקייט, וואָס מען טאָר גאָר נישט פאַרשרייבן, וואָס דער וואָס פאַרשרייבט זי איז ווי ער „וואָלט פאַרברענט יידישקייט". ביי די פרושים גופא איז זי נישט קלאָר. אין די אַקאַדעמיעס וואָס זיי האָבן אַנטוויקלט צו לערנען, און צו לערנען דווקא אָט די בעל־פה יידישקייט, אין די אַקאַדעמיעס וואָס זיי האָבן אָנגערופן ישיבות, זענען ווידער דיסקוסיעס און גאַנץ פעסטע קריגערייען וועגן דעם אינהאַלט און פאָרעם פון די עלעמענטן פון אָט דער נישט־פאַרשריבענער תורה, וואָס זי איז ביי זיי אין די אויגן אַזוי וויכטיק, ווי דער עיקר פון יידישקייט בכלל, וואָס זי איז וויכטיקער ווי די תורה־שבכתב, וואָס דער וואָס לערנט נאָר די תורה־שבכתב, איז ווי „ער האָט נישט קיין גאָט", טאָ פון וואַנען נעמט זי זיך?

לויט דער טראַדיציע האָט די בעל־פה־תורה דעם זעלביקן מקור ווי תורה בכלל. זי איז פון גאָט, פון באַרג סיני. זי איז געגעבן גלייך מיט משהס תורה. מערנישט וואָס — משהס תורה איז געגעבן לכתחילה בכתב, אין שריפט, און די וואָס בעל־פה — האָט גאָט געזאָגט און משה האָט זי פאַרגעדענקט און אַזוי גייט זי פון דור צו דור לויטן זכרון. אַזוי איז די טראַדיציע. דאָס פאָלק האָט ליב נסים, איז דאָס אויך איינער פון די נסים.

עס איז אָבער אַ גרויסער ספק צי האָבן די חז"ל, די פרושים גופא, אַזוי נסימדיק באַנומען די זאַך. היינט זענען מיר ווייט נישט פאַרגלייבט אין נסים, איז פאַר אונדז שווער אָנצונעמען אַז די גראַנדיעזע תורה־שבעל־פה האַלט זיך, האָט זיך געהאַלטן נאָר מיטן זכרון פון לעבעדיקע מענטשן. בפרט אַז זיי אַליין האָבן יאָ געמאַכט נאָטיצן, געהאַט גאַנצע ספרים, ווי עס ווערט דערמאָנט נישט איין מאָל אין גמרא. און ווידער, אויב די תורה־שבעל־פה האַלט זיך פון אייביק אָן „הלכה למשה מסיני", טאָ פאַר וואָס אַזוי פיל דיסקוסיעס ביי די חז"ל, ווי וועגן עפּעס נייעסן, וואָס דאַרפן ערשט איצט איינגעשטעלט ווערן ווי נייעסן? פאַר וואָס טיילן זיי גופא איין יידישקייט אויף צוויי פאַרשיידענע אָפּשטאַמען: דאָס איז „מדאורייתא" פון דער תורה און דאָס אַנדערע איז נישט פון דער תורה, נאָר „מדרבנן" — פון אונדזערע געלערנטע? און בכלל, די עצם חכמים, חז"ל, פון וואַנען קומען זיי? ביז די פרושים ווערן גאָר נישט דערמאָנט אַזוינע אויטאָריטעטן

אין יידישקייט, ווי רבנן, ווי חכמים. אין תּנך־צייט זענען פֿאַראַן כּוהנים, נביאים אָבער נישט קיין חכמים. זיי גופֿא זענען אַ נייעס, און די חכמים זענען העכער, וויכטיקער ווי די נביאים אַפֿילו („חכם עדיף מנביא״).

נעמען מיר אָן אַז די חז״ל גופֿא האָבן אָפּט גערעדט סימבאָליש. „די תּורה איז פֿון גאָט״ — זי איז געטלעך, הייליק, טייער, ליב, פּונקט ווי מיר נוצן היינט דעם אויסדרוק געטלעך, געטלעכע שיינקייט, געטלעכע גוטסקייט וכדומה. זאָגט דאָך דאָס אויך די גמרא גופֿא: „גאָט ענטפֿערט משהן בקול, מיט אַ שטים? זאָגט די גמרא „בקולו של משה״ — אין משהס שטים גופֿא איז עס די געטלעכקייט.

פֿון וואַנען האָט זי זיך גענומען די בעל־פּה־תּורה? — פֿון פֿאָלקס שטייגער, פֿון דעם דירעקטן לעבן. עס איז געווען אַ צייט, בערך אַ העלפֿט פֿון דער צייט פֿון צווייטן בית־המיקדש — אַ גליקלעכע צייט, אפֿשר די גליקלעכסטע אין דער גאַנצער יידישער לאַנגער געשיכטע, אַ צייט אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציעס. דאָס איז די צייט פֿון דער פּערסישער הערשאַפֿט. קיין יידישע מלוכה איז טאַקע נישט געווען, אָבער אויך קיין מלחמות, און די פּערסיער אַליין זענען געווען ווייט, זיך נישט געמישט אין יידישן לעבן. האָבן יידן זיך פֿאַרמערט ווי אַ פֿאָלק, פֿאַרנומען גאַנץ ארץ־ישׂראל, פֿאַרפֿעסטיקט זיך אין לאַנד, געוואָרן אַ פֿאָלק אָן אַסימילאַציעס! קיינע נאָכמאַכונגען! זיך נישט געמישט אין די וועלט־ענינים, געלעבט פֿאַר זיך. האָט זיך איינגעשטעלט אַן אייגענער, ריין יידישער שטייגער, אָן פֿרעמדע השפּעות. האָט יידישקייט געקראָגן צוויי מקורים: די תּורה וואָס עזרא הסופֿר האָט געבראַכט און זי איינגעשטודירט מיט יידן — איין מקור, און דער צווייטער — דער לעבעדי־קער שטייגער פֿון פֿאָלקס לעבן. ביידע זענען געטלעך, הייליק, טייער, — ווייל פֿון פֿאָלק, און וואָס פֿאָלקיש דאָס איז פֿון גאָט.

קיין מאָל און קיינער האָט נישט געהאַט אַזאַ אַכטונג, אַזאַ דרך־ארץ פֿאַר פֿאָלקישער יידישקייט ווי די חז״ל בשעתם. דער שטייגער צעגייט זיך אָפּט מיט דעם וואָס עס איז פֿאַרשריבן אין תּורת־משה, די צייט האָט אָפּט נישט געפּאַסט צום פֿאַרשריבענעם דין. דאָ זענען אויפֿגעקומען די חז״ל. צוויי אויפֿגאַבעס האָבן זיי געהאַט: אויסגלייכן דעם שטייגער מיט דער תּורת־משה, עס זאָלן נישט זיין קיין סתּירות. די תּורה און דאָס לעבן זענען צוויי וואָס זענען איינס. און די צווייטע אויפֿגאַב איז געווען אוניפֿיצירן דעם שטייגער, איין שטייגער אין אַלע פּרטים, פֿאַר אַלע יידן ווו נאָר זיי זענען. איין שטייגער, איין אויפֿפֿיר איז אויך איין פֿאָלק. אַזוי האָבן ריכטיק אויפֿגענומען די חז״ל און צו דעם האָבן זיי געפֿירט.

כּדי צונויפֿצופּאַסן די תּורה מיטן שטייגער האָבן די חז״ל זיך דערלויבט מבטל צו מאַכן בפּירושע שטעלן אין דער תּורה. ווייל זיי האָבן געהאַט אַ כּלל: „ווען מען דאַרף איינהיטן יידישקייט, מעג מען צעשטערן די תּורה״ („עת לעשׂות לה׳ — הפֿירו תּורתך״). האָבן זיי דערקלערט די זאַצן פֿון דער תּורה ווי עס פּאַסט

פאַר זייער צייט. האָבן זיי געטייטשט „עין תחת עין" — איז נישט קיין אויג אַרויס־נעמען, נאָר געלט פאַר אַן אויג. סטייטש, מען זאָל נישט אָנצינדן שבת קיין פייער, האָבן חז"ל איינגעשטעלט: דווקאַ אָנצינדן שבת־ליכט. אַזוי האָבן זיי זיך באַמיט צו פאַרבינדן אַלע פּרטים פון שטייגער מיט דער תּורה. זיי האָבן תּמיד געזוכט דעם „מן התורה מניין?" אַלץ קומט פון איין מקור. עס קען זיין פריִער־שפּעטער, די תּורה איז יידישקייט פון אַ פריערדיקער תּקופה, דער שטייגער אָדער די „תּורה־שבעל־פּה" איז פון דער אַקטועלער תּקופה.

די צדוקים האָבן פון דעם אַלעם נישט געוואָלט וויסן. יידישקייט איז תּורת־משה און מער דאַרף מען נישט. „פאָלק" — גאָרנישט! נישט וויכטיק. מען קען זיך פירן ווי מען וויל, ווי עס פירט זיך ביי לייטן. גענוג מיט תּורת־משה. דאָס פאָלקישע איז אין גאַנצן נישט וויכטיק. לויט דעם מוסטער פון היינט קענען מיר פאַרשטיין, אַז די צדוקים אַ מאָל האָבן די זעלביקע אידעאָלאָגיע וואָס די היינטיקע משׂכּילים. „אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס" (יהודי בביתך ואדם בצאתך).

די היינטיקע „צדוקים" זענען איצט די מערהייט פון פאָלק. די פּרושים היינט זענען נישט אין פאַרגלייך ווייניקער און שוואַכער און אין זייער גלויבן וועט נישט אַזוי פעסט ווי די אַמאָליקע, אָבער די מחלוקת בלייבט די זעלביקע: איז דאָס פאָלק יע אַ מקור פון קולטור, אָדער נישטאָ מיט אים זיך צו רעכענען. זענען די חז"ל געווען „פאָלקיסטן", ווי היינט, נאָר מיט מער עקשנות, מער געטרייקייט, מער גלויבן אין פאָלק און פאָלקישקייט ווי די היינטיקע. ניט פאַר איין באַשטימטער צייט, עס איז אַן אייביקע שפּאַלטונג אין יידישן פאָלק, היינט אפשר נאָך מער ווי אַ מאָל. מיר האָבן גאָרנישט פון די אַמאָליקע אָריגינעלע ספרים פון די צדוקים, הגם זיי האָבן געהאַט זייער ליטעראַטור. די פּרושים האָבן דאָך נישט געדאַרפט און נישט געוואָלט איינהיטן די ספרים פון זייערע קעגנערס, און די צדוקים אַליין זענען פאַרלאָרן געוואָרן אין אַסימילאַציע.

דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון היינט שטאַמט נאָר פון די פּרושים, נישטאָ קיין אָפּשטאַם פון די צדוקים. די היינטיקע פּרושים, די אמתע פאָלקיסטן זענען, צו אונדזער טראַגעדיע, גאָרנישט אַזוי פעסט ביי זיך, גאָרנישט פעסט אין זייער גלויבן, אין זייער פאָלקיסטישן אויפפיר, זיי זאָלן קענען פאַרזיכערן די צוקונפט פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

זענען אָבער די פאַרצייטיקע פּרושים געווען ביי זיך אַזוי פעסט, אַז אַן אמורא קען זיך דערלויבן צו זאָגן אַזאַ מאמר: „אָמר רב הונא — דער וואָס פאַרנעמט זיך נאָר מיט דער תּורה איז גלייך ווי ער האָט נישט קיין גאָט" (עבודה זרה י"ז ב'). פאַר וואָס אַזאַ שטרענגקייט? — גאָר פּשוט, באַשר זיי האָבן נישט געשריבן קיין טראַקטאַטן, אַרויסגעזאָגט קורץ אַ אידעע און „ווייטער גיי אַליין און לערן". האָט רב הונא געזאָגט אַזוי, ווייל דער גייסט פון פאָלק — זיין גאָט —

איז תּמיד מיט דעם אויפפיר פון לעבעדיקן פאָלק און נישט אין דעם פאַרשרי־בענעם פון פאַרצייטן.

אַ פיזיקער פון הייבטיקן יאָרהונדערט האָט אַ מאָל געזאָגט: דאָס לעבן פון ווימנשאַפט איז אין דעם וועג, אין דעם זוכן צו וויסן. דאָס וואָס עס איז שוין באַוווסט און פאָרמולירט — דאָס איז שוין אַ טויט וויסן. רב הונא אין גמרא האָט עס אויף זיין געביט געזאָגט אַ „ביסעלע" פריִער, מיט דער לאַקאָנישקייט פון די חז"ל: „יידישע וויסנשאַפט (תּורה) איז אין באַאַרבעטן דעם אויפפיר פון לעבעדי־קער יידישקייט. דאָס וואָס עס איז שוין פון פאַרצייטן פאַרשריבן, פאָרמולירט — דאָס איז שוין טויטע יידישקייט, נישטאָ אין דעם דער לעבעדיקער גייסט פון יידישן גאָט". אַז די גאַנצע תּורה איז גאָר ביי זיי געווען „מקרא" — לעקטור, צום לייענען, נישט צום לערנען. אַזוי ווייט אַז אַ גאון האָט זיך דערלויבט צו שרייבן אַז „מקרא דאָס איז אשה יפה וחסרת טעם".

אין מסיכתּא סופרים איז פאַראַן אַ מאַמר: בעסער איז געווען צו לערנען די משנה אָבער זינט די משנה איז פאַרשריבן איז בעסער צו לערנען די גמרא, נישט די פאַרשריבענע משנה (סופרים ט"ו ז'). לערנען מקרא איז גאָר נישט וויכטיק, משנה — איז וויכטיקער, גמרא — גאָר וויכטיק. מקרא איז ווי וואַסער, משנה — ווי וויין; דער ש"ס — ווי פאַרצוקערטער וויין (דאָרטן). און רבי יוחנן (איינער פון די וויכטיקסטע אמוראים נאָך רבין) זאָגט, אַז „דער גאַנצער בונד צווישן גאָט און זיין פאָלק איז נאָר צוליב דער תּורה־שבעל־פּה (גטין ס' ב'). אין הקדמה צום זוהר איז פאַראַן אַ משל אויף דער זעלביקער טעמע, אַז לערנען מקרא איז ווי עסן נישט־געמאָלענע, נישט קיין געבאַקטע קערנער.

היינט איז אָבער פונקט פאַרקערט: אַלע לערנען נאָר דאָס פאַרצייטיקע, נישט דאָס אַקטועלע, די היינטיקע יידישקייט פון דעם לעבעדיקן פאָלק. אַלע פאַרנעמען זיך מיט דער היסטאָרישער יידישקייט, נישט מיט דער היינטיקער. פאַר וואָס? — גאָר פּשוט: יידן האָבן יע דרך־ארץ, אַפילו ליבע צו פאַרצייטיקער יידישקייט, אָבער גאָרנישט צו די איצטיקע יידן און צו דער היינטיקער יידישקייט. יידיש לשון — אַ זשאַרגאָן; יידישע שטעטלעך — בלאָטעס, אָרעמקייט און פינצטערקייט. אַלץ נאָר בלאָטע שבבלאָטע און ווייטער גאָרנישט. די יידישע ליטעראַטור, פּאָעזיע — וואָס? דער נאַרישסטער מאמר פון עפּעס אַ רב איז טויזנט מאָל וויכטיקער. כ'וויים, עם־הארצות און ווייטער גאָרנישט. איז אָט דער גאַנצער צוגאַנג נאָר אַ סימן פון נישט פאַרשטיין, פון נישט וועלן פאַרשטיין דעם גאַנג פון דער יידישער אוראַלטער געשיכטע. איז די גאַנצע יידישע געשיכטע געגליכן צו אַ לאַנגן אומענדלעכן שטראָם. אַ טייך שטראָמט אין שטחים, געשיכטע שטראָמט אין צייט. שטראָמט אַזוי יידישקייט פון פאַר אברהם (אברהם — דער ערשטער באַוווסטזיניקער ייד, געווען פריער שם ועבר אָן באַוווסטזיין פון באַזונדערער

פאָלקישקייט), גיסן זיך כסדר אַריין אין אָט דעם יידישן שטראָם נייע און פרישע ביישטראָמען, בייטייכן. יעדער ביישטראָם האָט זיינע וואַסערן, ער האָט דורכגעמאַכט זיין אַנטוויקלונג — קינדהייט פון פאָלק, יוגנט, דערוואַקסנקייט ביז ער גיסט זיך צונויף מיט דעם אַלטן הויפּטשטראָם, וואַקסט זיך צונויף מיט אים און זיי גייען ווי איין שטראָם.

די יידישקייט שבעל־פּה פון יעדער נייער תּקופה גיסט זיך אַריין אין דעם אייביקן שטראָם פון אייביקער יידישקייט. דאָס איז געווען דער גרויסער אויפטו פון די חז״ל בשעתם. דער „מן התּורה מניין?״ איז דער טייטש: ווי גיסט זיך דאָס נייע צונויף מיט דעם פריִערדיקן? איז דער יידישקייט־שטראָם אַזוי געגאַנגען ביז אין די יידישע שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע. האָט זיך דאָ אַנטוויקלט אַן אייגנאַרטיקער נייער שטראָם, אַ פרישער צופלוס צום אוראַלטן שטראָם. עס איז געקומען די יידישע פרוי, דער עם־הארץ מיט דער בעל־פּה־יידישקייט. דער תּלמיד־חכם — דער המשך פון אַלטן שטראָם, דער עם־הארץ — דער אָנהייב פון נייעם שטראָם. אַ נייע קולטור, אַ נייע שפּראַך מיט אַ נייער ליטעראַטור, פאָלקלאָר, פּראָזע און פּאָעזיע, פאָלקישע שפּרוכן און פרימיטיווע געדאַנקען, ביז טיפע און טיפערע פילאָסאָפיעס — אַלץ איז אויסגעוואַקסן און אָנגעוואַקסן אין דעם צושטראָם, וואָס גיסט זיך אַריין אין דעם אַלטן אורשטראָם וואָס שטראָמט פון תּנך אָן.

אָט דער צושטראָם פרישט אָפּ, באַנייט דעם אוראַלטן שטראָם און זיי ווערן איינס, איין שטראָם. עס טרעפט, אַז טייכן פליסן אין אַ מידבר, קיינע פרישע צושטראָמען קומען נישט אָן, אָט די טייכן זענען „בלינדע״, זיי טריקענען אויס, טרעפט זיך דאָס זעלביקע מיט היסטאָרישע שטראָמען: פעלקער „טריקענען״ אויס, זיי פאַרשווינדן. האָט דער יידישער שטראָם אויסגעטריקנט אין אַ סך לענדער, אין גאַנץ מעריב־אייראָפּע. האָט דער צושטראָם פון יידישער קולטור פון מיזרח־אייראָפּע אָפּגעפרישט און באַנייט דעם אוראַלטן שטראָם... אַנטלויפן אָבער אַלע היינטיקע „צדוקים״ פון אונדזער אַקטועלן היינט. אַלערליי צדוקים האָבן מיר היינט, און אַלע זיי קרימען זיך, ווילן בשום־אופן נישט לאָזן דעם נייעם צושטראָם אַריינשטראָמען אין דעם אייביקן שטראָם פון יידישקייט. דאָ איז די סכּנה: עס קענען אויסטריקענען ביידע — דער נייער צושטראָם, ווי אויך דער אַלטער הויפּטשטראָם.

דאָס שטעטל

עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אַז די בעסטע צייט אין דער יידישער געשיכטע איז געווען די תּקופה „אָן אַ געשיכטע״. אַזוי רופט מען די תּקופה פון עזרא און

נחמיה ביז די חשמונאים. אַ שטילע תּקופֿה אָן העלדישקייטן און אָן העלדן, אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע, אָן אינעווייניקסטע קריגערייען און קאַמפֿן. נישטאָ וואָס צו דערציילן פֿון אָט דער שטילער, רויִקער תּקופֿה. די בעלי־בתּים איבער ארץ-ישׂראל זענען געווען די פּערסיער. פּערסיע האָט זיך אָבער נישט געמישט אין ישׂראל: געווען צו ווייט, אָפּגעטיילט פֿון ארץ־ישׂראל מיט אַ ווייטן מידבר. אָבער קיינע אַנדערע פֿעלקער און מדינות זענען אויף ארץ־ישׂראל נישט אָנגעפֿאַלן. צו שטאַרק איז געווען פּערסיע עמעצער זאָל וועלן זיך אָנהייבן מיט איר. דאָס האָט זיך געקאָנט פֿאַרגינען אַלעקסאַנדער מוקדון, אָבער נישט קיין אַנדערער.

זענען יידן געווען אַ פּאָר הונדערט יאָר אַליין. פֿאַר דער צייט האָט זיך דאָס יידישע פֿאָלק פֿאַרמערט, געוואָרן אַ גאַנץ היפּש פֿאָלק, באַזעצט גאַנץ ארץ־ישׂראל, נישט בלויז ירושלים און די אומגעבונג, ווי עזרא און נחמיה האָבן עס געלאָזן. עס האָט זיך ביי יידן איינגעשטעלט אַן אייגענער שטייגער פֿון לעבן, אָן פֿרעמדע השפּעות. גייסטיק זענען יידן געוואָרן פֿאַרזיכיק, מיט אַכטונג צו זיך, צו דער אייגענער פֿאָלקישקייט. די תּורה וואָס עזרא האָט איינגעשטעלט איז געוואָרן דער אויפֿפּיר פֿון גאַנצן פֿאָלק; גאָרנישט די נעבעכדיקייט און די אַסימילאַציע וואָס נחמיה האָט געפֿונען אין ארץ־ישׂראל ווען ער איז געקומען פֿון גלות.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דעם אינטערעסאַנטן פֿאַקט: יידישקייט האָט זיך געשטאַרקט אין גלות, אין ארץ־ישׂראל איז די יידישקייט אין גאַנצן פֿאַרגעסן געוואָרן. יידישקייט איז געבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישׂראל. נישט אומזיסט זאָגט עס אַ גמרא אַז די בתּי־כּנסיות און די בתּי־מדרשים פֿון בבל וועלן איינגעפֿעסטיקט ווערן אין ארץ־ישׂראל (מגילה כ״ט א׳). געבראַכט האָט מען יידישקייט קיין ארץ־ישׂראל און זי איז דאָ פֿאַרפֿעסטיקט געוואָרן אין אָט דער גליקלעכער צייט פֿון פּערסישער תּקופֿה „אָן געשיכטע״ — אָן מלחמות, אָן השפּעות פֿון אַנדערע פֿעלקער, אָן מלכים און אָן אינעווייניקסטע קריגערייען.

קיין מאָל פֿריִער זענען יידן נישט געווען אַזוי פֿעסט אין זייער פֿאָלקישן באַוווסטזיין, קיין מאָל פֿריִער זענען יידן נישט געווען אַזוי גייסטיק פֿאַרזיכיק ווי אין אָט דער צייט, אפֿשר מעג מען זאָגן אַז ערשט אין יענער פּערסישער תּקופֿה זענען יידן געוואָרן איין גאַנץ פֿאָלק אָן שבֿטים, אָן שפּאַלטונגען, אָן העלדן און אָן העלדישקייטן. געענדיקט האָט זיך אָט די גליקלעכע תּקופֿה מיט דעם ניצחון פֿון אַלעקסאַנדער מוקדון איבער פּערסיע.

ווידער מלחמות און קריגערייען, ווידער אַסימילאַציע און אַזוי שטאַרק, אַז אין עטלעכע און דרייסיק יאָר האָט דאָס יידישע פֿאָלק געקאָנט אין גאַנצן אונטערגיין (קלויזנער). די גאַנצע ווייטערדיקע תּקופֿה פֿון די חשמונאים איז אייגנטלעך געווען אַ לאַנגע צוגרייטונג צום גלות. דעמאָלט האָט זיך עס אַנטוויקלט דער גלויבן

אין הלכה אַנשטאָט מלוכה (זען פריִער). מלוכה מיינט קריגערייען, מלחמות, גרויסע, שווערע שטייערן, עמיגראַציע פון ארץ־ישׂראל.

דריי זענען געווען די הויפּט־יישובים: ארץ־ישׂראל, מצרים און בבל. ארץ־ישׂראל אין כּסדרדיקע קריגערייען און מלחמות אינעווייניק און צווישן בעלי־בתים, פאָלק און אַריסטאָקראַטיע, און די לעצטע מיט מאַכטלוסט, און מיט אַסימילאַציע אָן אַ ברעג; מצרים, איבערהויפּט די שטאָט אַלעקסאַנדריע מיט איר רייכן און פעסטן יישוב, דורך און דורך העלעניזירט, אמת, מיט אַ יידיש־פאָלקישן באַוווּסטזיין, אָבער אין שטייגער, אין אויפפיר אין גאַנצן העלעניזירט; בבל אָבער, אונטער פּערסיע — אָן אַ זייט, באַשיידן, אָן רייכקייטן, אויטאָנאָם, אָפּגעזונדערט פון הערשערישן הויפּטפאָלק, מיט אַ באַזונדערער שפּראַך, פעסט אין שטייגער, אַ יישוב פון הלכה. די גמרא האַלט פון דעם יישוב. ער קאָנקורירט אין גמרא מיטן יישוב פון ארץ־ישׂראל, מיט דער מדינה — ווער איז וויכטיקער פאַרן קיום פון פאָלק! דערציילט עס די גמרא, אַז יידישקייט (די תּורה) איז כּסדר פאַרגעסן געוואָרן אין ארץ־ישׂראל, און עס זענען געקומען פון בבל און זי ווידער פאַרפעסטיקט — עזרא, הלל, חיא ובניו.

דער קיום פון יידישקייט ליגט אין גלות מיט הלכה, נישט אין דער מדינה. אונטערגעגאַנגען די מדינה אין בלוט און פייער, אין אינעווייניקסטע קריגערייען און קאַמפן, די בלוטיקע מחלוקתן האָבן צוגעגרייט דעם חורבן דורך רוים. אונטער־געגאַנגען אויך, שפּעטער, דער יישוב אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים. און גאָר שפּעטער איז אונטערגעגאַנגען אויך בבל, אַ צייט שפּעטער. אַלץ וואָס לעבט מוז אונטערגיין. קיין פראַגע נישט. די פראַגע קען זיין נאָר וועגן יורשים. וואָסער יישוב עס לאָזט יע יורשים און וואָסער יישוב עס שטאַרבט אין גאַנצן אָן יורשים. פון די דריי גרויסע יישובים האָט אָנגעוואָרן אין גאַנצן מצרים. נישטאָ קיין יורשים. פאַראַן, אמת, געלערנטע וואָס שטודירן פילאָנס פילאָסאָפיע, עס זענען דאָך פאַראַן געלערנטע וואָס פאַרנעמען זיך מיט אין גאַנצן אויסגעשטאָרבענע קולטורן און שפּראַכן. אָבער אין לעבן פון לעבעדיקע יידן זענען נישט געבליבן קיינע שפּורן. אויך פון יישוב אין ארץ־ישׂראל, וואָס איז געבליבן אין לאַנד נאָכן חורבן פון דער מדינה, זענען געבליבן ספרים, אָבער נישט קיין לעבעדיקע יידישקייט, הגם אין משך פון עטלעכע הונדערט יאָר איז די צאָל יידן געווען אַ היפּשע, אפשר אַפילו די מערהייט פון דער באַפעלקערונג.

שפּעטער מיט אַ צייט איז אויך אונטערגעגאַנגען בבל. אָבער דאָס גאַנצע פאָלק ישׂראל אין דער וועלט שטאַמט דווקא פון בבל. אין גאַנצן נישט וויכטיק צי יע געלערנט אָדער נישט געלערנט. אָבער די גאַנצע יידישקייט פון שטייגער היינט איז אַ תּולדה, אַ פּראָדוקט פון יענער בבלישער יידישקייט. דאָס איז די פראַגע פון יורשים. די ערשטע משנה פון אָבות, וואָס דערציילט ווי די תּורה איז

איבערגעגאַנגען פון משה צו יהושוע און אַזוי ווייטער מיינט נישט פשוט פער־זאָנען — באַקומען די תּורה און זי איבערגעגעבן צו אַ צווייטן. עס מיינט אַז יידישקייט איז איבערגעגאַנגען פון תּקופה צו תּקופה: פון משהס תּקופה צו יהושועס און ווייטער צו די זקנים און נביאים. די משנה שטעלט זיך אָפּ ביי איר צייט, ביי דער כּנסת הגדולה. מיר אָבער קענען און דאַרפן ציִען די טראַדיציע ווייטער ביי אונדז, אנשי כּנסת הגדולה צו חז״ל, אין ארץ־ישׂראל, צו בבל און בבל — צו אשכּנז, און אשכּנז — צו די יידישע שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע. דאָ האַלטן מיר.

מיט וואָס איז בבל אַנדערש געווען, וואָס דווקא זי האָט זוכה געווען צו האָבן יורשים? איך פּרוביר עס דערקלערן מיט דעם פאַקט פון פאַרזיכיקייט. אין מצרים האָבן יידן געלעבט דעם זעלביקן שטייגער וואָס די העלעניזירטע מיצרים. גערעדט זייער שפּראַך, געשטודירט זייער קולטור, געלעבט מיט איר, אַנטייל גענומען אין איר שאַפן. אויך אין ארץ־ישׂראל זענען יידן נישט געווען אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון די רוימער. אַפילו אין תּלמוד זענען פאַראַן דערציילונגען, לעגענדעס וועגן טרעפונגען, וועגן יידן וואָס זענען געפאָרן קיין רוים.

גאָר אַנדערש איז עס געווען מיט בבל. אויף וויפל איך קען וויסן זענען אין תּלמוד בבלי נישטאָ קיין סימנים פון אַ צווייט פאָלק, וואָס האָט אויך געלעבט אין זעלביקן לאַנד בבל. עס קען אויסקומען, אַז די יידישע שטעט נהרדעא, פּומפּדיתא, סורא זענען געווען אויסשליסלעך יידישע, אָן גויים לגמרי. איך פּרוביר פאַר־בינדן דעם קיום פון אַ שבט מיט דער פאַרזיכיקייט: וואָס מער אַ יידישער שבט איז אָפּגעשלאָסן, אָפּגעשניטן פון אַנדערע פעלקער, אַלץ פעסטער איז זיין קיום, אַלץ מער איז ער געזיכערט צו האָבן יורשים. יידן אין בבל האָבן געלעבט אין גאַנצן באַזונדער, אָפּגעטיילט פון אַנדערע פעלקער אין לאַנד. זיי זענען געווען מיט זיך, נאָר צווישן יידן. זייער שפּראַך, זייער אויפפיר, דער גאַנצער שטייגער איז געווען פאַרזיכיק יידיש. אויך זייערע געדאַנקען און אידעען זענען געווען דורכויס אָריגינעל יידישע, וויל מען קענען לערנען דעם ריינעם, פאַרזיכיקן יידישן גייסט און וועלטבאַנעם, — דאַרף מען עס זוכן אין תּלמוד, מער ווי אין תּנך אַפילו. בכּל־אופן, מער פאַרטיפט ווי ביי די נביאים אַפילו. עס איז נאָר אַ שאָד וואָס חז״ל האָבן זייערע אידעען נישט פאָרמולירט, נישט דערקלערט. מיר קענען זיי איצט בלויז אַרויסדרינגען פון קורצע, לאַקאָנישע זאַצן, אָפט בלויז סימבאָלישע.

— נו, וועט מען מיט רעכט פרעגן: און די שפּאַניש־אַראַבישע „גאָלדענע״ תּקופה פון כּסדרדיקער געמיינזאַמער אַרבעט פון אַראַבער מיט יידן, און די רייכע יידישע פילאָסאָפיע, גאַרנישט ווי די חז״ל וואָס האָבן אויסגעמיטן לגמרי פילאָ־סאָפיע? און די גאַנצע רייכע ליטעראַטור אין אַראַביש, צי איז עס נישט קיין

אָפּלייקענונג פון דער טעאָריע, אַז יידישקייט קען זיך האַלטן נאָר ביי אַבסאָלוטער אָפּגעזונדערטקייט פון יידן, ביי אַ פולער פאַרזיכיקייט?

דווקא נישט! דווקא די גאָלדענע תקופה באַרעכטיקט די טעאָריע. עס איז געווען אַ וווּנדער, נישט געקאָנט פאַרשטיין בשום-אופן פאַר וואָס איז דער שטאָל־צער שבט פון די ספרדים, וואָס האָבן אַלע מאָל אַזוי שטאָלצירט מיט זייער געהערן צו דעם שבט ס"ט (ספרדי טהור), פאַר וואָס איז דער שבט גלייך נאָכן גירוש געוואָרן אַ יורד? נאָך אין 15טן, אין 16טן י"ה זענען זיי דאָך געווען אַ גרויסע מערהייט פון יידישן פאָלק, פון אַרום 60 פּראָצענט זענען זיי אַראָפּ ביז צו אַ זעקס פּראָצענט. פאַר וואָס אַזאַ ירידה? פאַר וואָס איז די גרויסע שעפערישקייט פון דער גאָלדענער תקופה ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן? פאַר וואָס האָבן דווקא אשכנזים אַנטפּלעקט און אויפגעדעקט די עצם גאָלדענע תקופה און אירע שאַפונגען? מען קען עס נישט דערקלערן מיט דעם גירוש, ווי כלומרשט צוליב אים איז דער שבט און זיין שעפערישקייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אויף גירושים און אויף חורבנות זענען די אַשכנזים נישט קיין קלענערע מומחים. זייער שעפערישקייט האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט. בבל איז חרוב געוואָרן, האָבן די בבלים צעטראָגן זייער יידישקייט (תורה) איבער אַלע לענדער ווו זיי האָבן זיך באַזעצט. מיזרח־איראָ־פּעישע יידן האָבן זיך צעשאָטן איבער דער וועלט, האָבן זיי אומעטום פאַרזייט און פאַרפלאַנצט זייער יידישקייט. פאַר וואָס נישט די יידישקייט פון דער „גלענצנדיקער תקופה ספרד"? מיט דער גאָלדענער תקופה איז דאָך געשען עפּעס אַנדערש: די ספרדים האָבן זי פאַרלאָרן, געפונען זי האָט אַשכנז. מיר דאַכט זיך, אַז די זאַך דערקלערט זיך איינפאַך: אין אַלעקסאַנדריע־של־מצרים און אַזוי אויך אין דער אַראַבישער שפּאַניע איז די יידישע שעפערישקייט געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט דעם לאַנדפאָלק. אַוועק פון דעם לאַנד, האָט מען אויך פאַרלאָרן די קולטור פון לאַנד. אין בבל אָבער איז די גאַנצע קולטור געווען דורכויס פון יידישע קוואַלן; נישט פון לאַנד געשעפּט, נאָר פון פאָלק אַליין. איז לאַנד פאַרלאָרן, אָבער נישט דאָס פאָלק. זאָגט רבי עקיבא (אין אָנהייב פון פרק „חלק"), אַז די וואָס לערנען ספרים חיצוניים האָבן נישט קיין עולם־הבא. רבי עקיבא אַליין איז געפאָרן צו יידן אין אַנדערע לענדער, ער איז גאָר נישט געווען אַזאַ קנאי, ווי מען קען מיינען פון דעם זאַץ, ווען מען נעמט אים אויף פשוט, וואָרט אין וואָרט. דאָס איז ווי אַלע מאָל ביי די חז"ל — אַ טיפע אידעע אין סימבאָלישע ווערטער. פון עטלעכע ערטער אין ש"ס נעם איך אַרויס, אַז מיטן וואָרט „עולם־הבא" האָבן זיי אָפט געמיינט די „ימות המשיח", אַ חלק לעולם־הבא מיינט ביי זיי אַן אָנטייל אין צוגרייטן דאָס פאָלק צו אייביקייט, צו ימות המשיח. אָבער דער וואָס לערנט ספרים חיצוניים — פרעמדע קולטור, דער פאַרבינדט זיך מיט דעם פרעמדן לאַנד, מיט דער פרעמדער קולטור, פאַרלירט ער זיין חלק אין צוגרייטן דאָס יידישע פאָלק צו זיין אייביקייט,

ער פאַרלירט זיין חלק אין שמידן אָט די יידישע אייביקייט, דעם עולם־הבא פון יידישן פאָלק.

יידן זענען אַ פאָלק פון וואַנדער, זייער קיום טאָר נישט זיין פאַרבונדן מיט אין באַשטימט לאַנד. רבי עקיבא אַליין האָט געדינט דיביידע געטער, ביידע אידעען. ער האָט געדינט דער אידעע פון לאַנד, פון מלוכה (דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא) און געדינט דער הלכה. די מלוכה (בר־כוכבא) איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין ימים בלוט, די הלכה-יידישקייט איז געבליבן. האָט עס רבי עקיבא פון זיין אייגענער דערפאַרונג געלערנט: דער וואָס וויל באַזירן דעם קיום פון פאָלק, זיין עולם־הבא לויט ספרים חיצוניים, לויט פרעמדע באַגריפן, קעמפן קעגן רוים מיט רוימישע וועגן, דער פאַרלירט דעם עולם־הבא פון פאָלק.

קענען מיר אַזוי איינטיילן די גאַנצע געשיכטע פון יידישן פאָלק: לאַנד־קולטור אָדער פאָלקקולטור: שומרון, עשׂרת השבטים — לאַנד פאַרלאָרן איז פאָלק פאַרלאָרן געוואָרן. יהודה אָבער האָט קולטורעל זיך צעוויקלט דווקא אין גלות־בבל. אַוועק אין גלות זענען עטלעכע באַזונדערע שבטים, געקומען איז איין גאַנץ פאָלק מיט אַן אויסגעפורעמטער יידישקייט (תּורה). די צדוקים מיט דער תּורה־שבכּתב, וואָס איז דורך און דורך נאָר מיט דעם לאַנד, די צדוקים זענען גלייך מיטן חורבן אונטערגעגאַנגען. די פּרושים און די חז״ל האָבן אָפּגעריסן יידישקייט פון לאַנד. ביי זייער גאַנצער געטרייקייט צו ארץ־ישׂראל, האָבן זיי יידישקייט דאָך געבויט אומאָפּהענגיק פון לאַנד ישׂראל. אַזוי ווייטער אין בבל, אין דער קריסט־לעכער אייראָפּע, אין שטעטלעך פון מיזרח-אייראָפּע. יידישקייט פאַר זיך און פון זיך. דאָס איז דער הויפּטשטריך פון דעם שטעטל: דורכויסיקע קולטורעלע פאַר־זיכיקייט, אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון לאַנד און פון לאַנדקולטור.

יידן אין אַמעריקע, אין די נייע יישובים בכלל פאַרשטייען פאַלש דעם באַגריף „שטעטל״. ווען זיי הערן נאָר דאָס וואָרט „שטעטל״ דערמאָנט מען זיך תּיכּף די בלאָטעס, די אָרעמקייט, די אומבאַקוועמלעכקייט, דאָס טראָגן וואַסער מיטן עמער און נאָך און נאָך, און יידן דערשרעקן זיך. „שטעטל״, חס־ושלום, ווילן מיר נישט!.. די גאַנצע קולטור־פאַרזיכיקייט פון שטעטל האָט מען אַנגענומען ווי אַ גייסטיקע געטאָ. די גאַנצע וועלט האַלט שוין ביי עלעקטרישער באַלייכטונג און יידן אין די שטעטלעך שטייען נאָך אויף צו זאָגן תּהילים ביי אַ חלבנעם ליכטל, מען האַלט נאָך אַלץ ביי שור שנגח... דערביי האָבן אָבער די משׂכּילים, די פאָנען־טרעגערס פון „יפותו של יפת באהלי שם״, גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז די נאָענטסטע שכנים פון יידישע שטעטלעך — די פּויערים אין די דערפער, האָבן געלעבט נאָך אַ סך אָפּגעשטאַנענער ווי די יידן. פאַר די דערפער איז דאָס יידישע שטעטל געוועזן דער מוסטער פון מאָדערנער קולטור. דאָס און נאָך ערגער: עס קענען זיין צוויי וועגן: מען קען אַריינפירן די קולטור פון דער וועלט אין די

שטעטלעך, איינהיטנדיק די פּאַרזיכיקייט און מען קען אויך נעמען און אַליין אַנטלויפן פון דער גייסטיקער, קולטורעלער פּאַרזיכיקייט. אַ געלאַף פון די שטעט־לעך בכלל. פּאַר אונדז זענען די שטעטלעך געווען דורכויס פּאַרזיכיקע פּאָלק־קולטור און נישט לאַנדקולטור. האָבן יידן גענומען לויפן אין די שטעט צו לאַנד־קולטורן און גאָרנישט פון פּאָלקקולטור. אַנשטאָט צו אַסימילירן קולטור אין זיך, האָט מען זיך אַ יאָג געטאָן צו אַסימילירן זיך אין אַל דעם פרעמדן. אַבי מען זאָל נאָר לאָזן...

אַזוי האָבן מיר אויף דער שוועל פון אורבאַניזם פאַרלאָרן אין גאַנצן זיך אַליין. די גאַנצע פּאַרזיכיקייט. מיר האַלטן אין פאַרלירן די פּאָלקקולטור, מיר ווערן איינגעשלונגען אין די לאַנדקולטורן, און אין דעם ליגט די דירעקטע סכּנה פאַרן קיום פון פּאָלק, ווי אַלע מאָל דורך דער גאַנצער געשיכטע.

— מיר האָבן פריִער געשריבן אַז עס קענען זיין צוויי וועגן אין קולטור: אַסימילירן די וועלטקולטור אין זיך, אין אייגענע פאָרמען און אַ צווייטער וועג — אַסימילירן זיך אין די פרעמדע קולטורן. ווי יידן אַסימילירן זיך אין דער פרעמד־קייט — דאָס איז אונדז באַקאַנט, דאָס זעען מיר אויף טריט און שריט. ווי אָבער אַסימילירן יידן קולטור אין זיך — דאָס איז אַ סך זעלטענער, דאָס זעען מיר בלויז אין ארץ־ישראל, אין דער יידישער מדינה. איך וויל גלייבן אַז אין דעם ליגט דער גרעסטער פאַרדינסט פון דער מדינה. פאַראַן אַ סך זאַכן אין דער מדינהשאַפט, וואָס איך בין אַ קנאַפּער גלייבער אין זיי, אָבער אָט דאָס אַריינגעמען די וועלט־קולטור אין דער אייגענער „קולטור־געטאָ״ — דאָס וועגט אַריבער ביי מיר אין די אויגן. קען די מדינה ווערן אַ שטעטל אין אַ וועלטמאַסשטאַב, אַ שטעטל מיט דער גאָרער וועלטקולטור אין זיך. עס גייט, דאַכט זיך, צו דעם. הלוואַי!!

עס קען זיך אויסדאַכטן, אַז עס זענען פאַראַן אויף דעם וועג נאָך און נאָך, למשל די „ישיבה־אוניווערסיטעט״ וכדומה. אָבער עס איז פּאָרט נישט ריכטיק: דאָ איז פאַראַן אַ דואַליזם: די יידישע קולטור אין איר אַלטער פאָרעם, אין איר אַלטן לבוש און די וועלטקולטור אין די לאַנדפאָרמען, אַ בלאָט גמרא באַזונדער, ווי אונדזערע אבות אבותינו האָבן עס געלערנט, און אַ קאַפּיטל פיזיק, ווי דאָס לאַנדפאָלק לערנט. צוויי וועגן, צוויי שולן אונטער איין דאַך. דאָס איז נאָך אָבער גאַנץ ווייט פון דעם אַסימילירן די וועלטקולטור אין זיך, אין אייגענע פאָרמען און אין אַ יידישן געשטאַלט. מיר האַלטן נאָך זייער ווייט פון מאַכן אַ מסיכתא פיזיק אָדער אַ מסיכתא ביאָלאָגיע. אויך אין דער מדינה איז מען נאָך צו דעם נישט דערגאַנגען. אָבער צו דעם גייט עס. עס מוז זיין אין יידישער צוגאַנג, אין יידישער מעטאָד און אין יידישע פאָרעם! אַ יידישע פיזיק איז נישט סתּם אַן איבערזעצונג פון פיזיק אויף יידיש, ווי מיר האָבן עס אָפט געמיינט אין דעם קורצן פרילינג פון יידישער וויסנשאַפט אין מיזרח־איראָפּע וכדומה. אַ יידישע

פֿיזיק איז אין גייסט אַנדערש. אויך אַ גוט לערנבוך פֿון פֿיזיק איז אַ סכום פֿון פֿאָרמולירטע געזעצן און אויספֿירן, איז אַ יידישע פֿיזיק דער היסטאָרישער וועג צו די אויספֿירן, דער הומאַנישער עלעמענט פֿון דער וויסנשאַפֿט, די זוכונגען, ראַנגלונגען, ספֿקות. האָט אַריסטאָ אַזוי געלערנט, האָט גאַליליי אים אָפּגעפֿרעגט, האָט טאָריטשעלי געפּסקנט... ביז מען איז געקומען צום קלאָרן אויספֿיר. נישט אומזיסט האָב איך פֿריער גענוצט אַן אויסדרוק „מסיכתא פֿיזיק”. אַנדערש איז דער גייסט פֿון פֿאָלק, אַנדערש איז דער צוגאַנג צו פּראָבלעמען און אַנדערש איז דאָס לערנען. מיר זענען נאָך ווייט פֿון אַזאַ יידישן צוגאַנג, פֿון אַזאַ היסטאָריש־הומאַנישן צוגאַנג צו עקזאַקטע וויסנשאַפֿטן. די חכמי־ישׂראל און די „חכמי־אתונא” זענען געגאַנגען און זיי גייען אויף צוויי באַזונדערע וועגן. אַ יידישע פֿיזיק איז נישט אַ פֿיזיק אויף יידיש אָדער העברעיִש.

פֿון אונדזער גאַנצער געשיכטע קומט אויס, אַז אַ פֿאַרזיכיקע, שעפֿערישע יידישקייט איז געווען נאָר דאָרטן ווו יידן האָבן געלעבט אין גאַנצן פֿאַר זיך, באַזונדער, אָפּגעזונדערט פֿון אַנדערע פֿעלקער און פֿון אַנדערע קולטורן. צי מען האָט עס גערופֿן ווי פֿאַרצייטן „אלוהים אחרים”, אָדער „עבודה־זרה” — ווי מען האָט עס גערופֿן אין די תּלמודישע צייטן, אָדער ווי מען רופֿט עס איצט מיט דעם לאַטײַנישן נאָמען אַסימילאַציע — אַלע מאָל איז עס דאָס זעלביקע, דער דראַנג צו פֿרעמדע קולטורן. יידישקייט האָט זיך איינגעהיט און אַנטוויקלט נאָר אין סאָציאַלער פֿאַרזיכיקייט. אַ פֿאָלק זענען יידן געוואָרן אין גלות־מצרים, פֿון איין משפּחה — אַ גאַנץ פֿאָלק. נאָכמאַכן מצרים האָבן יידן אָנגעהויבן נישט אין מצרים, נאָר גלייך אין מידבר, ווי נאָר מען איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון מיצרישן יאָך (די גאָלדענע קאַלב איז געווען אַ נאָכמאַכונג דעם מיצרישן אָקס־גאָט — אַפּיס). אַזוי שפּעטער די אַסימילאַציע אין שלמהס צייטן און נאָך מער — ביי ירבעם בן נבט מיט זײַנע גאָלדענע קעלבער, וואָס האָבן גאָרנישט אַרויסגערופֿן אַזוינע שטורמישע פּראָטעסטן. אַ פֿעסטער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין — ווידער אין גלות (בבל).

די איינציקע תּקופֿה אָן אַסימילאַציע אין דער אייגענער היים איז געווען, ווי געזאָגט, די פּערסישע הערשאַפֿט איבער ארץ־ישׂראל. שפּעטער איז געווען די יורידישע אויטאָנאָמיע אין בבל, און אין דער קריסטלעכער אייראָפּע — אין די שטעטלעך. נישט יידן האָבן געבויט פּריוויליק די פֿאַרזיכיקע שטעטלעך. עס איז געווען אַזאַ סאָציאַלע סיטואַציע. די קריסטלעכע אייראָפּע האָט פֿאַרמאָגט צוויי באַזונדערע סאָציאַלע קלאַסן: פּריצים און פּויערים. יידן האָבן זיך נישט אַרייַנגעפּאַסט אין קיין איינעם פֿון די צוויי קלאַסן — נישט קיין פּריצים און נישט קיין פֿאַרשקלאַפֿטע פּויערים. אַ דריטער קלאַס, פֿון פֿאַרמיטלערס (גאָרנישט אַזאַ מיאוסע פּראָפֿעסיע, ווי די משׂכּילים האָבן עס געמיינט! אָן פֿאַרמיטלערס קען די וועלט נישט אויסקומען). יידן אַליין האָבן אויף דעם שטעטל געקוקט ווי אויף

אַ געטאָ, אָבער דווקא אין שטעטל האָט זיך יידישקייט אַנטוויקלט און אויסגעוואָקסן. גלייך ווי נאָר די צוויי קלאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן ניוועלירן אין אייראָפּע (אורבאַניזם), האָבן זיך יידן אַ לאָז געטאָן לויפן פון שטעטל, אַפילו מיט „שמד־מגפות" אומעטום. (אין מערב-אייראָפּע אין ניינצטן י"ה, אין רוסלאַנד — אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן). האָבן יידן פון דאָרטן גענומען לויפן אין לענדער ווו אַסימילאַציע איז מעגלעך געווען, און אַ קליינע באַוועגונג צו ארץ־ישׂראל, נישט צו פאַרזיכיקע שטעטלעך, נאָר צו פאַרזיכיקע דערפער, צו אויסיידישונג יאָ (שלילת הגלות), נאָר אָן אַ אַסימיליר־פאָלק. די מדינה — אייגנטלעך אַ שטעטל אין אַ לאַנדמאַסשטאַב — איז אויסגעוואָקסן כמעט בהיסח הדעת, נישט ווילנדיק. איצט, מיטן חורבן פון שטעטל, איז אויפגעקומען די קאַרדינאַלע פּראָבלעם פאַרן יידישן פאָלק אין דער וועלט — קיום אָדער אונטערגאַנג.

פאָלק און שפּראַך

דער וויכטיקסטער סימן פון יידישער שעפערישקייט אין דער שטעטל־תקופה איז די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך. כ'ווייס גאָר נישט צי יידן האָבן באַוווסטזיניק, מיטן פולן ווילן גענומען בויען אַ פאַרזיכיקע שפּראַך. גיכער איז עס גאָר געווען פאַרקערט, אַ ווילן איבערצונעמען די לאַנדשפּראַך. אָבער היות דער גאַנצער שטייגער איז געווען דורכויס פאַרזיכיק, האָט דער שטייגער אויך אויסגעפורעמט די שפּראַך אין גאַנצן פאַרזיכיק, איז עס געוואָרן אַ יידיש, יידיש פאָלק און יידיש לשון, דאָס פאָלק לעבט אַ לעבן פאַר זיך און רעדט אַ שפּראַך אַ פאַרזיכיקע. דאָס שטעטל האָט געבוירן און אויסגעהאָדעוועט יידיש און דער אור־באַניזם שטיקט זי. ווען דאָס יידישע פאָלק אין אורבאַניזם יע איינהיטן יידיש לשון, וועט עס זיין אַ סימן פון קיום. ווען דאָס לשון אונטערגיין, איז עס אַ טראַגישער סימן פאַרן פאָלק בכלל.

מיט יידיש לשון איז פאַרבונדן דער אויפפיר, די גאַנצע טראַדיציע, דער וועלטבאַנעם, די גאַנצע קולטור פון פאָלק. שפּראַך באַשטייט פון ווערטער, זיי זענען די ציגל צום בנין פון שפּראַך, אָבער ציגל זענען ווייט נישט דער בנין. איטלעך וואָרט האָט חוץ זיין טייטש אַ שלל מיט פאַרבאָרגענע אונטערטענער און אויבערטענער, מיט געפילן, געדאַנקען און איבערלעבונגען פון אַ פאָלק. אַ „פלאָקן" איז טאָקע אַ שטעקן, אָבער איז אַ שטעקן אַ פלאָקן? און אָט אין די „בייטייטשן" פון וואָרט ליגט עס די נשמה פון אַ פאָלק. עס איז דעם פאָלקס זכרון פון דורות. אַ מענטש וואָס פאַרלירט זיין פּריוואַטן זכרון איז אויס מענטש און אַ פאָלק וואָס פאַרלירט זיין פאָלקישן זכרון הערט אויף צו זיין אַ פאָלק.

מיר האָבן פֿריִער געבראַכט די ריכטיקע מיינונג פֿון רב יוחנן, אַז דער קיום פֿון יידישן פֿאָלק איז פֿאַרבונדן דווקא נישט מיט די געשריבענע תּורות, נאָר מיט די „דברים שבבעל־פּה", מיט דער „מסטורין" וואָס קען גאָר נישט אויסגעשריבן ווערן (דער זאָג „אי אתה כותב" קען דאָך פֿאַרשטאַנען ווערן נישט דו טאָרסט נישט, נאָר דו קענסט נישט פֿאַרשרייבן). אַ שפּראַך קען מען יע אויסלערנען, זיך צו פֿאַרשטענדיקן אין קראָם, אָבער נישט כּדי מען זאָל זיין שעפּעריש אין איר. דאָ איז נייטיק אַז אין דעם יחיד זאָל זיין לעבעדיק דעם פֿאָלקס קאָלעקטיווער זכּרון פֿון אַלע דורות. עס איז ווערט צו באַמערקן דעם פֿאַקט: העברעיִש איז ביי אונדז די שפּראַך פֿון דער בכּתב־קולטור. דער העברעיִשער פֿאָלקלאָר פֿון דער תּנך־צייט, יענער „בעל־פּה" איז דאָך ביי אונדז נישט געבליבן. ריידן שוין אַ פּאָר דורות אין מדינת ישׂראל העברעיִש, אָבער ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, איז עס אָבער אַזוי: זיי פֿאַרמאָגן נישט די זאַפֿטיקייט פֿון דער שפּראַך. די אמתע זאַפֿטיקייט, די דורותדיקע רייכקייט פֿון אַ זאַפֿטיקן העברעיִש קען מען געפֿינען דווקא ביי די העברעיִשע שרייבערס וואָס זענען געוואַקסן אין יידיש. די פֿאָלקס־טימלעכע זאַפֿטיקייט פֿון יידיש איז משפּיע אויך אויף דעם העברעיִש, וואָס עבֿרית אַליין האָט נישט אַזאַ פֿאָלקסטימלעכקייט. עס איז ביי אונדז געבליבן דאָך נאָר בכּתבֿ; די זאַפֿטיקייט פֿון עבֿרית ליגט אין יידיש.

נישטאָ ביי אונדז אין די נייע יישובֿים קיין יינגערע שרייבערס, דיכטערס. פֿאַר וואָס? עס זענען דאָך דאָ יינגערע יידן מיט יידיש, עס זענען דאָ אויך שולן וווּ מען לערנט יידיש, אָבער צו שעפּערישקייט קומט עס נישט. כּדי צו זיין שעפּעריש דאַרף מען האָבן אין זיך אַריינגעוועבט די נשמה פֿון פֿאָלקישע דורות, מען דאַרף זיין אַריינגעלעבט אין דעם. דאָס קען נישט געבן קיין לערער, קיין שול. עס איז אינטימער, עס ליגט אין די ביי־טענער פֿון אַ שפּראַך, ווי מיר האָבן עס פֿריִער געזאָגט. און די ביי־טענער קען מען נישט אויסלערנען, מען דאַרף אין זיי זיך אַריינלעבן. אָן דעם בלייבן מענטשן גייסטיקע בעטלערס. אַ גרויסע צאָל יידן וואָס האָבן אין זייער קינדהייט נישט געהאַט קיין שטייגער, בלייבן אַזוינע גייסטיקע בעטלערס.

איך האָב געזען יידן מיט אַ סך וויסן און קולטור, אָנגעלערנט זיך און אַפֿילו אָנגעלייענט זיך מיט ליטעראַטורן פֿון פֿרעמדע פֿעלקער, און זיי זענען ווייט נישט קיין שעפּערישע, זיי לויפֿן אַלע אָוונט הערן קאָנצערטן, רעפֿעראַטן, זיי זוכן מיט וואָס אָנצוזעטיקן די אויסגעהונגערטע נשמה. קיין אייגנס אין זיך פֿאַרמאָגן זיי נישט, זוכט מען פֿרעמדס. איך האָב אַ מאָל געקענט גוט די רוסישע שפּראַך און איר ליטעראַטור, אָבער קיין רוס בין איך ווייט נישט געוואָרן. זיכער מסתּמא — בעסער געקענט רוסיש ווי אַ נייניציק פּראָצענט רוסן. אָבער איך האָב פֿאַרגעסן מיין רוסיש, זיי קענען נישט פֿאַרגעסן. ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל

געקומען אין אַן עכט רוסישער שטאָט, אויף דער וואָלגאָ, האָב איך שוין אויפן וואָקזאָל דערפילט, אַז דאָ בין איך אין גאַנצן אַ פרעמדער, הגם איך האָב נאָך געקענט עטלעכע יאָר לערנען מיט געבאָרענע רוסן זייער שפּראַך און ליטעראַטור. זיי האָבן געקאָנט זיין די גרעסטע אַנאַלפאַבעטן, זענען זיי דאָך די רוסן. איך נישט. זיי האָבן געהאַט די „רוסישקייט שבעל־פּה". איך — נאָר די „שבכתב".

אורבאַניזם

אַזוי האָט זיך געצויגן אונדזער אויטאָנאָם, פאַרזיכיק לעבן הונדערטער יאָרן. אין בבל איז עס געווען יורידיש. אין אייראָפּע פאַקטיש, הגם נישט יורידיש. עס האָט געלעבט דאָס יידישע פאָלק אין גאַנצן פאַרזיכיק, אָן קיינע השפעות פון דעם אַרום. דער יידישער שבת, דער יום־טוב — גאָר אַן אַנדער וועלט. ייד און גוי — צוויי ווייטע וועלטן. „יורקע־פּעטרוק" איז געווען אַ זידלוואָרט, אַז „שיכּור איז ער, טרינקען מוז ער, ווייל ער איז אַ גוי". איז געווען אַ מאָניזם אין לעבן, איז אויך געווען אַ מאָניזם אין דענקען, אין פילן זיך, אין פירן זיך. איז יעדער ייד געווען אַ גאַנצער, אַ דורכויסיקער ייד און מער נישט. איז יעדער ייד — דער עם־הארץ, נישט ווייניקער ווי דער תּלמיד־חכם — געווען גייסטיק דורכויס ייד, האָט אין יעדן יידן געלעבט דער יידישער גייסט. דער עם-הארץ — קיין תּורה האָט ער נישט, אָבער פירונג און מעשׂים האָט ער, „והם טובים לישוב" — זאָגט דער רמב"ם, ווייל די פּסיכיק פון אַ מענטשן ווערט געפורעמט דורך די מעשׂים, דורך דעם אויפפיר און די האַנדלונגען. און אין דעם אויטאָנאָמען, פאַרזיכיקן לעבן, איז קיין אַנדער אויפפיר נישט געווען. איין מאָל אין שטעטל, קינדהייט און יוגנט אין שטעטל, איז שוין דער גייסט פון יידישן שטעטל איינגעפלאַנצט אויף אַ גאַנץ לעבן. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין יידישקייט, אַלץ שטאַמט פון שטעטל, אַלץ קומט פון שטעטל, אַלץ האָט זיינע וואָרצלען נאָר אין שטעטל, די שטאָט האָט נאָר געקאָנט און געדאַרפט נאָר באַאַרבעטן, נאָר צו־גרייטן צום פאַרברויכן וואָס דאָס שטעטל האָט פּראָדוצירט. נישט אומזיסט האָט דובנאָוו — אונדזער יידישסטער היסטאָריקער אַזוי געגלייבט, אַזוי שטאַרק גע־גלייבט אין דער אויטאָנאָמיע.

אַ פולער און אַ טראַגישער איבערבראָך איז אין יידישן לעבן געקומען מיט דעם אורבאַניזם אין מערב־אייראָפּע אין אָנהייב פון ניינצנטן י"ה און אין מיזרח־אייראָפּע אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן י"ה. די אוראַלטע אויטאָנאָמע פאַרזיכיקייט האָט זיך געענדיקט. דאָס יידישע שטעטל איז אונטערגעגאַנגען און גייט אונטער, יידן זענען געוואָרן אַ פאָלק פון שטאָט און די שטאָט איז איינקלאַסיק, אַלע שטאָ־

טישע איינוווינערס געהערן צו איין קלאַס. ווי מיט איין מאָל איז אָפּגעהאַקט געוואָרן די יידישע פּאַרזיכיקייט, יידן און יידיש לעבן איז איינס מיט דעם נישט־יידישן.

מיטן חורבן פון שטעטל איז אויך חרוב געוואָרן די יידישע פּאַרזיכיקייט פון אויפפיר און במילא אויך די יידישע פּאַרזיכיקייט פון גייסט. יידן האָבן אויפגעהערט און הערן אויף צו דענקען פאַר זיך און צו פילן פאַר זיך. ווי דאָס פירן זיך, אַזוי אויך דאָס פילן זיך. און ווי דאָס פילן זיך אַזוי איז אויך דאָס דענקען. דער „סוף מעשׂה במחשבה תּחילה" דאַרף גאָר זיין פאַרקערט — „סוף מחשבה במעשׂה תּחילה", און דער סוף מחשבה איז פריִער אין געפיל. יעדער געדאַנק קומט אַרויס פון אַ געפיל; אַ מענטש דענקט ווי ער פילט און ער פילט ווי ער פירט, און אין אורבאַניזם פירט נישט דער ייד קיין פאַרזיכיק־יידישן אויפפיר, במילא פילט ער נישט תּמיד ווי אַ ייד, איז במילא אויך זיין דענקען נישט אויטאָנאָם יידיש.

האָט שוין אין מיטן פון נייַנצנטן י"ה דאָס יידנטום פון מערב־אייראָפּע פאַרלאָרן זיין יידישן פאַרזיכיקן כאַראַקטער; אַ ייד לעבט ווי אַלע גויים, פירט ער זיך ווי אַלע גויים פירן זיך, פילט ער און דענקט מיט אַלע גויים צו גלייך. צוזאַמען מיטן שטייגער איז אויך פאַרלאָרן געגאַנגען די יידישע גייסטיקע פאַרזיכיקייט. זענען יידן דאָרטן יאָ געבליבן ביאָלאָגישע יידן, אַנטראָפּאָלאָגישע, עטנאָגראַפישע יידן, אָבער קולטור און גייסט — דאָס שוין נישט, נישטאָ מער קיין יידישע שעפערישקייט. ווי די שפּראַך, אַזוי אויך דער גייסט. מיטן אונטערגאַנג פון שטעטל גייט אונטער דער יידישער גייסט, גייט אונטער דאָס יידישע פאָלק.

דער פּראָצעס פון אונטערגאַנג איז אַנדערש ווי דער פּראָצעס פון אומקום (פון די הענט פון שׂונאים). אומקום איז קורץ, אונטערגאַנג איז דויערנדיק. וואָס גרעסער, וואָס צאָליקער עס איז דער יידישער יישוב, אַלץ פּאַמעלעכער גייט דער אונטערגאַנג. אין די גאָר קליינע יידישע יישובים זענען שוין קיין יידן נישטאָ, כּמעט נישטאָ. אין די גרויסע שטעט מיט אַ סך יידן וועלן נאָך יידן זיַין, אָבער אָן שעפערישער יידישקייט. זי גייט פאַרלאָרן צוזאַמען מיט דער שפּראַך, מיט יידיש. די יידישקייט וואָס בלייבט איז אַ מין „פאָסילע" יידישקייט אַזאַ. עס איז פאַראַן אָבער עס וואַקסט נישט און עס פאַרמערט זיך נישט, ווי פאָסילן אַזוינע. דער פּראָצעס קען זיך ציִען דורות גאַנצע. ביי דער מדרגה שטייען מיר איצט אין אַמעריקע, אין די נייע יישובים בכלל.

אַקטיווע שעפערישע יידישקייט איז פאַראַן בלויז אין איין יישוב. מער נישט. עס שטעלט זיך אַ פראַגע: האָט עס דובנאָוו נישט געזען, נישט באַמערקט? ער האָט שוין געקענט דאָס זען אין אַמעריקע, אין אַלע נייע יישובים. האָט ער דאָך די אויטאָנאָמיע געזען בלויז אין דער געשיכטע, בעת דעם אונטערגאַנג האָט ער

געקאָנט זען אין אַלע נייע יישובים, בענטער אויך, אַפילו אין רוסלאַנד אויסערן תחום, אין זיין פּעטערבורג. ווי האָט ער נאָך געקאָנט גלייבן אין דער אויטאָנאָמיע, אין דער תקופה פון אורבאַניזם?

איז דער תירוץ אַ טאָפּעלער. ערשטנס זענען אויך גרויסע מענטשן נישט באַוואָרנט פון טעותים און גרייזן. האָט דאָך אַפילו משה רבינו אויך געזינדיקט! און ווער נישט? און די פעלערן, די טעותים פון גרויסע יידן זענען געפּערלעכער ווי די טעותים פון פּראָסטע מענטשן. אַזוינע טעותים אין דענקען, איבערהויפּט אין „צווישן־תקופות" זענען ביי יידן זייער אָפט און זיי האָבן געקאָסט און וועלן קאָסטן דעם פאָלק זייער טייער.

צווייטנס, האָט דובנאָוו געקענט גלייבן, אַז דאָס יידישע פאָלק אין רוסלאַנד איז אין תוך גאָר פון אַן אַנדער שניט ווי די יידן פון מערב־אייראָפּע. אין היגזיכט פון פאַרזיכיקייט ווירקן צוויי פאַקטאָרן: אָביעקטיווע באַדינגונגען און סוביעקטיווע פאַרלאַנגען פון די יידן גופא. דובנאָוו האָט געקאָנט גלייבן אַז די יידן פון תחום וועלן זיך פירן אַנדערש, נישט ווי די יידן אין מערב־אייראָפּע. יע, עס קען געמאָלט זיין אַ פאַרזיכיקייט אויך אין אורבאַניזם, מען קען אויך זיין אַ מינדערהייט און פירן אין גאַנצן אַן אויטאָנאָם לעבן אין זינען פון שפּראַך און קולטור־שטייגער. האָט דובנאָוו געקענט טראַכטן אַז אַזוי וועלן זיך פירן די יידן פון מיזרח־אייראָפּע. אין אורבאַניזם איז אַזאַ אויטאָנאָמע פאַרזיכיקייט אין שטייגער און אין שפּראַך — אין גאַנצן אָפּהענגיק פון ווילן, פון געטרייקייט, פון איבערגעגעבנקייט צו אייגענער פאָלקישקייט, נישט צו רעליגיע, נאָר בפירוש צו פאָלקישקייט.

דובנאָוו איז געשטאָרבן אין מיטן פון י"ה (הי"ד), נישט באַוויזן צו דערזען זיין טעות, אַז אויך זיינע, מיזרח־אייראָפּעיִשע יידן גייען אויף די וועגן פון מערב. די זעלביקע שמד־מגפה ווי אין מערב. מערנישט מיט הונדערט יאָר שפּעטער, אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן י"ה (ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה). עמיגראַציע: קיין אַמעריקע, אין אַנדערע לענדער, ווו נאָר מען לאָזט אַריין. פאַרשטייט זיך — אַ שטראָם אַ סך אַ גרעסערער; לאַנדסמאַנשאַפטן — די זעלביקע יידישע שטעט־לעך אויף אַ נייעם, פרייען באָדן. אָבער נאָר אויף איין דור. אידעאַלן: רעליגיע, אַנאַרכיזם, סאָציאַליזם, אַמעריקאַניזאַציע (אַסימילאַציע), ציון, טעריטאָריע, וועלט־לעכקייט, אויסיידישונג „פּויערימיזאַציע" — אַלערליי אידעאַלן געווען, געבראַכטע פון דער אַלטער היים.

איין אידעאַל — דער סאַמע איינפאַכסטער — האָט געפעלט: איינהיטן פּריוויליק די אייגענע פאָלקישקייט. אַלע האָבן גערעדט אין נאָמען פון פאָלק, פאַר דער גוטס פון פאָלק, און אַלע האָבן געצויגן דווקא פון פאָלקישקייט, פון זיטן, געוווינהייטן, לשון פון פאָלק. עס ברענט אַ שטוב, כאַפּט איטלעכער עפּעס

פון פייער און וויל זיך איינריידן אַז דאָס איז אַלץ, מער דאַרף מען גאָרנישט. מיט אַ מאָל האָבן יידן זיך פאַרליבט אין תּנך. אַלץ! מער דאַרף מען נישט, יוצא. דערווייל ווערט די גאַנצע שטוב פאַרברענט. אָט דער תּנכיזם איז איצט פּשוט געפערלעך. אין מדרשים איז פאַראַן אַ ריכטיקער געדאַנק וועגן דעם: אַלץ וואָס עס איז שוין בכתב, פאָרמולירט און פאַרשריבן, קענען דאָך אַלע קומען און זאָגן: מיר קענען בעסער דעם תּנך ווי איר, מיר זענען בעסערע יידן. ביי היינטיקן טאָג איז די סכּנה אַ פאַרקערטע: פאַראַן איצט אַזוינע „יידן" וואָס זאָגן, אַז מיטן תּנך זענען זיי יוצא, זיי קענען האַלטן אַפילו פון גוייִשן גאָט, ער איז דאָך געבאָרן און זיך געהאָדעוועט אין אַ כּשרער יידישער היים. איז געווען פאַר זיי זיין יידישקייט.

אין דער פריער אימיגראַציע האָבן די יידן פון מיזרח־אייראָפּע אַריינ־געבראַכט אַ שטאַרקן פאָלקישן שטראָם, אָבער נאָר אויף איין דור, ביז מען האָט זיך נאָר אויסגעגרינט. דער זעלביקער וועג: די געקומענע — גוטע געטרייע יידן, די זין — „אַמעריקאַניזירט" — אַסימילירט. די אייניקלעך געדענקען שוין נישט די יידישקייט פון די זיידעס. פון די ערשטע געקומענע קיין אַמעריקע יידן. נישטאָ מער קיין אָפּשטאַם אין יידישקייט, געווען אַ שטאַרקע אימיגראַציע פון דייטשישע יידן קיין אַמעריקע. פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין יידישן לעבן. פון זייערע קינדער הערט מען נישט אין יידישן לעבן. דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער מיט די יידן פון מיזרח־אייראָפּע. אַלץ וואָס מיר האָבן אין אַמעריקע, געזעלשאַפטלעכע יידישקייט — אַלץ איז פון די געקומענע, פון ערשטן דור. כּמעט יעדער צווייטער ייד האָט פאַרדינט אַ נאָמען אין יידישקייט: ליטעראַטור, טעאַטער, הילפאַרבעט — אַלץ פון די געקומענע. פון די קינדער הערט מען שוין נישט אין יידישקייט. יעדן יאָר קומען צו נייע „יידן-קריסטן" אַרום זעקס־זיבן טויזנט („טיים"), יידישע „טעמפּלען" — אַלע אויף ענגליש — נעמען אָן אַלערליי מיטלען צוצוציען די יוגנט און עס העלפט נישט. כּסדר נאָר גרויע קעפּ. די יידישע יוגנט קען מען יע געפינען אין אַלערליי באַוועגונגען, צווישן נישט־יידן. אין יידישן לעבן זענען זיי נישטאָ. אין ענגלאַנד האָט מען זיך אַרומגעזען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אַז עס פעלן, לגבי פריִער, אַרום אַ צען טויזנט יידן. נישטאָ קיין נאַטירלעכע פאַרמערונג, נאָר פאַרקערט. אין די שטאַטן נישטאָ די רובריק וועגן פאָלק אין די ציילונגען, אָבער עס חזרט זיך איבער די זעלביקע דערשיינונג. די צאָל ביישטייערערס אויף יידישער צדקה ווערט קלענער; ישׂראל וויזיטירן על־פּי רוב עלטערע יידן; אין די רעליגיעזע טעמפּלען — ווידער עלטערע יידן און אַזוי כּסדר; דאָס רוב קינדער פון יידישע שרייבערס קענען נישט לייענען די ווערק פון זייערע עלטערן — באַרימטע יידישע שרייבערס. אָט לייען איך נעקראָלאָגן נאָך איינעם אַ באַרימטן, אַ באַליבטן יידיש־העברעיִשן שרייבער, אַז נאָך זיין טויט איז געקומען אָן אייניקל אַ קאַטאָליק און צוגענומען די ירושה פון זיידן... צווישן די „עולים" (אימיגראַנטן)

פון אַמעריקע קיין ישׂראל איז מסתמא אויך די מערהייט אימיגראַנטן פון מיזרח־אייראָפּע, אָבער נישט פון דעם דריטן דור אַמעריקאַנער יידן.

געקומען קיין קאַנאַדע אין דער זעלביקער צייט און פון די זעלביקע לענדער יידן און אוקראַיִנער. די לעצטע וועלן אַ סך גיכער שאַפן אוקראַיִנישע ראַיאָנען, די יידן וועלן זיך, פאַרקערט, צעשיטן כּדי צו זיין וויניקער קענטיק. יידן מיט רייכע יידישע, העברעיִשע ביבליאָטעקן זוכן ערגעץ אַן אָרט ווו אַהינצוטאָן די רייכע ביבליאָטעקן, ווייל די קינדער וועלן סיי ווי זיי אַרויסוואַרפן אין מיסטקאַסטן.

ניין, דובנאָוו האָט נישט געהאַט, נישט געטאָרט האָבן אַזאַ גלויבן אַז „זיינע" יידן, די יידישע יידן פון מיזרח־אייראָפּע וועלן מיט זייער אייגענעם פרייען ווילן אויפהאַלטן אַן אייגענע יידישע קולטור־אויטאָנאָמיע, דאָרטן ווו עס איז נישטאָ קיין אָפענע שׂינאה און צוואַנג־אַסימילאַציע. אַפילו אין דער יידישער מדינה האָפט מען אַז די עליה פון רוסישע יידן וועט אַריינברענגען אַ בעסערן, אַ מער יידישן גייסט. און הלוואַי זאָל עס מקוים ווערן! ווען ביי יידן וואָלט געווען אַ דראַנג צו אויטאָנאָמער, פאַרזיכיקער יידישקייט, אַפילו דאָרטן ווו מען לאָזט זיך אַסימילירן, וואָלט מען פאַרשפּאָרט צו זוכן טעריטאָריעס. יידן וואָלטן במילא שוין געהאַט אַזוינע טעריטאָריעס אַפילו אין סאַמע ניו־יאָרק, אין ניו־דזשערסי, אין קאַנאַדע, אין בראַזיל און איבערהויפּט אין אַרגענטינע, ווו יידישע פּאָלקישקייט האַלט זיך איין לענגער, הגם די פירער פון קאָלאָניזאַציע האָבן בפירוש געשטרעבט וואָס גיכער צו אַסימילירן די קאָלאָניסטן. אויך דאָרט ווערט ביסלעכווייז די יידישקייט אָפּגעשוואַכט.

אַ כּלל — עס פעלט ביי יידן דער דראַנג צו פאַרזיכיקייט, אויב יע — איז עס בלויז צו דער רעליגיע שבכּתב, צום שולחן־ערוך־יידישקייט, אָבער נישט צום יידישן שטייגער, צו יידישקייט שבשטייגער, וואָס „בעל־פּה". און דערפאַר דראָט עס דער אורבאַניזם מיט אַ פולן אונטערגאַנג פון יידישקייט אין דער גאַנצער וועלט. די מיזרח־אייראָפּעיִשע יידן האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, נישט באַרעכטיקט די האָפענונגען וואָס גרויסע יידן האָבן אויף זיי געלייגט. און אָן דער הילף פון יידן אין דער וועלט, פון פעסטע יידישע יידן אין דער וועלט — צי וועט זיך קענען האַלטן די מדינה? — צו פיל שׂונאים אין דער וועלט פון נאָענט און פון ווייט. און נאָך אַ טריט ווייטער: אָן אָט דעם אינעווייניקסטן דראַנג צו אויטאָנאָמער, פאַרזיכיקער יידישער שטייגער־יידישקייט (שבעל־פּה) איז פאַראַן אַ בולטע סכּנה אַז אויך די יידישע מדינה אַליין וועט ווערן אַ מדינה פון ישׂראלים, וואָס ווילן נישט וויסן פון קיין יהודים. ישׂראלים און יידן (יהודים) — צוויי באַזונדערע פעלקער, און אויף קיין ליבע מצד די ישׂראלים צו די יהודים איז נישטאָ וואָס צו האָפן. שוין איצט איז צו זען אַזאַ טענדענץ מצד אַ סך ישׂראלים אין זייער נעגאַטיווער באַציִונג צו די רוסישע יידן.

דאָס זענען די סכנות פון אורבאַניזם פאַרן קיום פון יידישן פאָלק. יידן האָבן אין זייער גאַנצער געשיכטע נאָך קיין מאָל נישט געלעבט אין אַן אורבאַניזם, און דאָרטן ווו עס איז אויסגעקומען צו לעבן צוזאַמען מיט הערשנדיקע פעלקער, דאָרטן איז יידישקייט אונטערגעגאַנגען. אַזוי איז דער געזעץ פון יידישער געשיכטע, וואָס דראָט מיט אונטערגאַנג אויך איצט. אָבער אויך דאָס איז אַ געזעץ ביז איצט, נישט קיין מוז אויך אויף ווייטער. אויב עס וועלן זיך געפינען גענוג יידן מיט אַ קלאָרן באַוווסטזיין און מיט אַ קלאָרן פאַרלאַנג, אַ ווילן און אַ וויסן וואָס צו טאָן כּדי מקיים צו זיין אָט דעם קיום-ווילן, קען גאָר אַנדערש אָוועקגיין די יידישע געשיכטע.

דער כאַראַקטער פון פאָלק איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון זיין געשיכטע. עס איז נישט קיין קונץ צו קומען קיין אַמעריקע און האַלטן רעדעס: יידן לויפט קיין מדינת ישׂראל כּל־זמן מען קען, ווייל עס דערוואַרט אייך דער גורל פון יידן אין אייראָפּע. איז דאָך דער ציל פון כּהנאס ליגע געוווען אויפצובויען עפּעס אַזאַ כּוח, וואָס זאָל פאַרמיידן דאָס לויפן... און יידן לויפן נישט כּל־זמן דער חלף ליגט נישט אויפן האַלדז. און ווען יידן וועלן, חלילה, טאַקע דאַרפן לויפן פון אַמעריקע, וועט אויך די מדינה, גאָט וייס, צי זי וועט קענען זיין אַ זיכערע אַנטרינונג. יע, קיין שום לאַנד איז נישט אויסגעהיט פון עפּעס ענלעכס ווי אין אייראָפּע. דער פּלאַן פון צאַרישן אַנטיסעמיט פּאָביעדאָנאָסצעוו, אַז איין דריטל יידן זאָל מען אויסמאָרדן, איין דריטל וועט זיך דעמאָלט אויסשמדן און איין דריטל וועט אַליין אַנטלויפן, דער פּלאַן איז גאָר נישט אויסגעשלאָסן פאַר אַנדערע לענדער. אַפילו דער מער ראַדיקאַלער פּלאַן פון דייטשלאַנד איז אויך מעגלעך. אַלץ איז מעגלעך ביי דער היינטיקער מאָראַל פון פעלקער.

אָבער עס לויפט זיך נישט. און ווער קען וויסן פון וואַנען מען דאַרף לויפן און וווּהין? אַוודאי האָט גרינבוימס (אָדער זשאַבאָטינסקיס) רייד וועגן אַן איבער־ריקן מיליאָן יידן אין פּוילן געהאַט אין זיך אַ שמץ פון נבואה. דאָס וואָלט נישט געראַטעוועט. עס האָבן יידישע סאָציאַליסטן געשטורעמט קעגן דער טעאָריע פון דעם „איבעריקן מיליאָן"! — אָבער זיי האָבן געהאָפט אויף די „פריינד" פון יידן — אויף די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן פון אַנדערע פעלקער. כּהנא האָט דאָך עפּעס עמעצן אַנדערש, ווער עס זאָל העלפן און ווי אַזוי צו העלפן. האָט דאָך די מדינה אויך די בלוטיקסטע שׂונאים רונד און אַרום, און נאָר עפּעס — אויף זיך אַליין צו פאַרלאָזן זיך...

...וועלן יידישע פרעגערס פרעגן: איז וואָס ווילט איר?! אַז יידן זאָלן אומע־טום שאַפן קליינע ארץ־ישׂראלס? — דאָס בפירוש ווערט דאָ געמיינט. כּדי דאָס זאָל קענען צו שטאַנד קומען, מוז געענדערט ווערן די באַציונג פון יידן צום שטעטלשן נעכטן. נישט קבצנסק און נישט טונעיאַדעווקע, נאָר דאָס שטעטל מיט

זיין פולער פאַרזיכיקייט אין לעבן. נישט אַן אָפּלאַך־אָביעקט איז בנימין השלישי, נאָר באַוווּנדערונג־אָביעקט: אַפּילו אַזוינע יידן לאָזן זיך ביי יידן זוכן גאָטס הילף פאַרן פאָלק. אַוודאי דאַרף מען אַ סך לערנען, אָבער נישט די יידישקייט פון ספרים אַרויס מיינט היינט לערנען. פאַר וואָס פאַרשטייען היינטיקע יידן — רעליגיעזע און וועלטלעכע, אַלע — יידישקייט ווי די פאַרצייטיקע צדוקים דווקא? פאַר וואָס איז ביי זיי לערנען נאָר דאָס פאַרמולירטע, נאָר דאָס וואָס בכתב? פאַר וואָס איז פאַר דער יידישקייט בעל־פה, פון שטייגער, נאָר איין אַנשטאַלט אין דער גאַנצער וועלט, און אַלע צאָלרייכע און רייכע אוניווערסיטעטן און אינסטיטוטן פאַרנעמען זיך נאָר מיט יידישקייט שבכתב? —

דער תּירוץ איז אַ פּשוטער: די יידישקייט פון שטייגער האָט מען פיינט צו גלייך מיט די יידן וואָס לעבן מיט דעם שטייגער, אויב אַזוינע שטייגער־יידן זענען נאָך ערגעץ ווו פאַראַן. (מיר דערמאָנען דעם לייענער, אַז שטייגער איז יידישקייט שבעל־פה). אַזאַ יידישקייט שבעל־פה איז ביי אונדז געווען אין שטעטל אָבער נישט אין שטאָט. די פרומע אין אורבאַניזם היטן נישט יידישקייט שבעל־פה, נישט דעם שטייגער נאָר דעם שולחן־ערוך, נאָר יידישקייט שבכתב. די באַציִונג צו יידיש לשון איז נאָר אַ באַווייז ווי פרומע יידן באַציִען זיך צו יידישקייט וואָס איז נישט פיקסירט, נישט בכתב.

אַזוי אַרום דערפירן מיר די פּראָבלעם פון ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאָלק אין דער וועלט צו אַן אינעווייניקסטער פּראָבלעם פון צדוקים און פרושים. די אוראַלטע מחלוקת איז נישט געווען אַ מחלוקת פון איין תּקופה, נאָר זי איז פּערמאַנענט אין יידישער געשיכטע היינט, נישט ווייניקער ווי ווען עס איז פריער.

אורבאַניזם בכלל איז ביז איצט אין דער גאַנצער געשיכטע געווען אַ סכּנה פאַרן קיום, אַפּילו אין דער אייגענער מדינה. די תּקופה פון העלעניזם האָט געקאָנט אָפּמעקן יידישקייט אין גאַנצן. דער חשמונאים־קאַמף איז אייגנטלעך געווען אַ קאַמף פון שטעטל קעגן שטאָט. נישטאָ אָבער היינט אַזאַ מעכטיקע שטעטלשע יידישקייט. עס מוז אין אורבאַניזם אויפקומען אַזאַ כּוח.

שטעטל אין שטאָט

דאָס איז דער כּוח וואָס קען און וואָס דאַרף ראַטעווען דעם קיום פון יידישן פאָלק. עס מיינט די יידישע פאַרזיכיקע, אויטאָנאָמע יידישקייט אויך אין די ראַמען פון אורבאַניזם. נישט חלילה די בלאָטעס מיט די טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייטן. חס־ושלום! מיר מיינען איינהיטן די גייסטיקע און קולטורעלע פאַרזיכיקייט פון שטעטל אין די ראַמען פון אורבאַניזם. נישט אַנטלויפן פון קאַסרילעווקע קיין

יעהופעץ, נישט פאַרוואָרפן דעם יידישן פּאַרזיכיזם און אַריינקלייבן זיך אין די פרעמדע קולטורן, נאָר אַריינפירן די גאַנצע וועלטקולטור אין קאַסרילעווקע. אַזוי ווי די גאַנצע קולטור און ציוויליזאַציע קען זיין אין ענגליש, אין רוסיש, אין אַלע שפּראַכן, אַזוי קען זי אויך זיין אין קאַסרילעווקע, אין יידישן שטעטל, אין יידישן יישוב. אַלץ וואָס די יידישע מדינה האָט אויפגעטאָן — און אויפגעטאָן האָט זי גאָר אַ סך, איז עס נאָר מיט דעם כּוח פון „יפותו של יפת באהלי שם" (ווי דאָס האָבן חז"ל אָנגערופן). נאָר אַריינבנעמען די גאַנצע מענטשלעכע קולטור, פאַר זיך, מיט די אייגענע כּוחות און אויף דעם אייגענעם חשבון, מיט דעם אייגענעם פּרצוף. קען פיזיק און מעדיצין זיין אין ענגליש, קען עס זיין אויך אין יידיש און אין העברעיִש.

דאָס איז דאָך געווען דער גאַנצער זינען און דער גאַנצער אינהאַלט פון דער פּאַרזיכיק-יידישער שולסיסטעם און קולטור, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן בויען אין רוסלאַנד און אין פּוילן: די גאַנצע וועלטקולטור אין יידיש. די גויים האָבן עס נישט געלאָזן, די יידן האָבן עס נישט געוואָלט, נישט פאַרשטאַנען צו וועלן.

עס גייט נישט וועגן אַריינפירן דאָס אַלטע שטעטל אין אורבאַניזם, עס גייט פאַרקערט — וועגן אַריינברענגען די גאַנצע וועלט אין שטעטל אַרײַן, פאַריידישן, מגייר זיין די גאַנצע וועלטקולטור. דאָס וועט קענען געשען ווען יידן וועלן קריגן אהבת־ישׂראל. ביז איצט האָבן יידן אַרויסגעוויזן אהבת־ארץ־ישׂראל, אהבת־תּורת־ישׂראל, אהבת-לשון־ארץ־ישׂראל, אָבער בשום־אופן נישט אהבת־עם־ישׂראל. אָן אהבת־ישׂראל איז אַפילו מדינת ישׂראל אין סכּנה: אומבאַליבט, און „ואחריתן מי ישורנה?" ווער קען און ווער וויל פאַראויסזען וואָס עס וועט און וואָס עס קען ווערן אין דער מדינה און מיט דער מדינה. דאָס פאָלק גופא מיט זיינע באַגריפן און אידעען איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין געשיכטע.

דער גלות איז קודם־כּל אַ פּראָדוקט פון יידישן גאַנג און געדאַנק. „מפּני חטאינו" זאָגן יידן. נישט גאָט שטראָפט מיט זיין שטרענגקייט, קעגן דעם פאָלק גופא זינדיקן מיר און מיר ליידן פאַר די זינד קעגן דעם פאָלק. מיר האָבן נישט געקאָנט באַפרייען ארץ־ישׂראל. אָבער מיר האָבן געקאָנט פאַרמאָגן „טעריטאָריעס" אין די לענדער ווו מיר האָבן איצט גלותן. קען זיין אַז אונדזער גאַנצע געשיכטע וואָלט געגאַנגען אַנדערש. קען זיין. אויך די מדינה — גאָט ווייס, איז אַוועק אויף אַ פאַלשן וועג: אַנטלויפן פון שטעטל מיט זיין שטייגער־קולטור, מיט זיין יידיש־קייט שבעל־פּה. הלוואי זאָל די שטראָף פאַר דער עבירה זיין נישט קיין גרויסע. די מדינה איז און דאַרף זיין נישט קיין נייע יידישקייט, נישט קיין תּנכישע, נישט קיין כּנענישע, נאָר זי דאַרף זיין אַ שטעטל אין אַ וועלטפאַרנעם — די גאַנצע וועלטקולטור אין יידישן פאַרזיכיקן שטייגער. דאָס וועט זיין, דאָס וואָלט געווען מעגלעך ווען מיר וואָלטן אין דער וועלט געהאַט „קליינע ארץ־ישׂראלס". מדינת

ישראל (ריכטיקער וואָלט געווען „מדינת היהודים") — אַ גרויס שטעטל. די יישובים אין דער וועלט: „קליינע ארץ־ישׂראלס". דאָס וואָלט געווען דער ריכטיקער וועג.

איז עס נישט באַשערט געווען אונדז. ווייל יידן האָבן נאָך נישט קיין חוש פאַר פאַרזיכיקייט אין דער וועלט. פאָרן יידן קיין ארץ־ישׂראל, באַגייסטערן זיך, קומען צוריק קיין אַמעריקע און טראַכטן אַפילו נישט, אַז אייגנטלעך וואָלטן זיי געקאָנט אין אַמעריקע שאַפן קליינע ארץ־ישׂראלס. נישטאָ פאַר דעם קיין חוש, קיין ווילן. האָבן יידן אין קוויבעק־פּראָווינץ אין קאַנאַדע (מיט דער שטאָט מאָנט־רעאָל) מיט איר גרויסן יידישן יישוב געקאָנט האָבן אַן אייגענעם יידישן שולוועזן, פּונקט אַזוי ווי די פּראָטעסטאַנטן (ענגלענדער) און די קאַטאָליקן (פראַנצויזן) מצד דער רעגירונג. דאָס וואָלט געקאָנט זיין אַזאַ שול ווי מיר האָבן אין פּוילן און אין רוסלאַנד געחלומט און געבויט: די גאַנצע וועלטקולטור אין יידיש...

האָבן יידן עס נישט געוואָלט. איז ביי זיי געווען בעסער זיך איינבעטן ביי די פּראָטעסטאַנטן צו זיין אַ פּולער שותּף צו די שולשטייערן, און אַ שטיפקינד צו די לימודים. אַבי נישט קיין פאַרזיכיקייט. איך גלייב אָבער, אַז אָט די „אהבתי את אדוני"־פּסיכיק וועט זיך מוזן ענדיקן, ווייל אַלע פעלקער אומעטום וועלן זיין אין דער לאַגע און זיי וועלן עס אַרויפצווינגען אויך אויף יידן. עס וועט נאָך געדויערן, אָבער עס מוז קומען. דערוויילע האָבן יידן גוואַלדיקע שוועריקייטן אין זייערע שולן, מיט פיר שפּראַכן אין פאָלקשולן; די ערשטע כּפּרה זענען, פאַרשטייט זיך, די יידישע לימודים, די יידישע שפּראַכן. ווידער אַ מאָל די זעלביקע פּראָ־בלעם: וועלטפאָלק אָדער לאַנדפאָלק. זענען מיר פאָרט געבענטשט־פאַרשאָלטן מיט דעם „גוי אחד בארץ" אין דער גאַנצער וועלט, אויף דער גאַנצער ערד און פאָרט איין פאָלק! נישט איין רעליגיע, נאָר איין פאָלק, וואָס זיין רעליגיע איז נישט בלויז די פּיקסירטע, די וואָס בכּתב, נייערט די גאַנצע פאַרזיכיקע יידישקייט פון שטייגער, די שבעל־פּה איז זיין רעליגיע. דאָס וועט נאָך קומען. — באחרית הימים...

7

ישׂראל אחד

פון דער תּורת־משה אָן איז ביי יידן דער פּסוק „שמע־ישׂראל... ה׳ אחד״ (דברים ו׳ ד׳). שפּעטער איז דער פּסוק געוואָרן דער סימבאָל פון יידישקייט. מיט דעם „שמע־ישׂראל״ פלעגן יידן לעבן און מיט אים פלעגט מען שטאַרבן על קידוש־השם. דער פּסוק פלעגט באַגלייטן יידן אין די פייערן פון אַלע אינקוויזיציעס. „ה׳ אחד!״ היינטיקע צייטן וואָלט מען געדאַרפט צוגעבן צו דעם פּסוק נאָך צוויי ווערטער: „וישׂראל אחד״ — איין גאַנץ און צונויפגעבונדן יידיש פאָלק. אַז גאָט איז איינער — דאָס חזרן איבער איצט כּמעט אַלע פעלקער פון דער וועלט. עס איז נישט אונדזער ענין דאָ צו באַטראַכטן ווי זיי פאַרשטייען די איינציקייט פון גאָט. אָבער די צרה איז היינט וואָס מיט ישׂראל אחד ווערט אַלץ ערגער, שוואַכער. און אין דעם ליגט אַ סכּנה פאַרן קיום פון יידישן פאָלק בכלל.

פאַראַן אַ גמרא וואָס זאָגט, אַז ווען יידן וואָלטן געהיט צוויי שבּתים, וואָלטן זיי אויסגעלייזט געוואָרן. דער גאַנצער גלות איז נאָר ווייל יידן קענען זיך נישט צונויפריידן. וואָלטן יידן יע זיך געקאָנט צונויפריידן, זיך פאַרשטיין צווישן אַנאַנד, וואָלטן אַלע יידן געהאַט איין לשון, איין געפיל און איין געדאַנק, — וואָלט קיין גלות נישט געווען. אין דעם מאמר, ווי אין אַ סך אַנדערע, איז פאַראַן אַריינגעלייגט אַ טיפער סימבאָלישער געדאַנק — דער אומגליק פון נישט קענען זיך צונויפריידן. אַ צווייטע גמרא דערציילט אַז דער גאַנצער חורבן איז געקומען נאָר מחמת קליינ־

לעכע, פּריוואַטע קריגערייען. צוליב דער שׂינאה צווישן קמצא און בר־קמצא איז חרוב געוואָרן ירושלים. און אַזוי נאָך און נאָך. אַ גרויסער שטאַרקער פעלדז, ער קען אויסהאַלטן די שווערסטע משׂא, מען קען פון אים בויען די גרעסטע בנינים. אָבער ווען דער שטיין וויטערט זיך אויס און ער ווערט אַ באַרג זאַמד, איז יעדער ווינט און ווינטל איבער אים אַ בעל־דעה, טראָגט אים, טרייבט אים, יאָגט אים אַרום. געווען אַ שיינע וואַזע. איז זי צעבראָכן געוואָרן, — גיי נעם צונויף די שטיקלעך גלאָז און שטעל צוריק צונויף די צעבראָכענע וואַזע. אַ פעסטער אייזצודעק קען טראָגן די גרעסטע שווערקייטן. צעגייט אָבער דער אייז, קען ער שוין אויף זיך נישט איינהאַלטן גאָרנישט. און ווער רעדט, אַז עס צוואַרעמט זיך און דער אייז ווערט אַ דאַמף, — דעמאָלט צעפליִען זיך די מאָלעקולן וואַסערדאַמף, איינע וואָס ווייטער פון דער צווייטער, מען קען זיי איינהאַלטן נאָר מיט שטאַרקע שטאָלענע ווענט פון דרויסן; צונויפדריקן זיי...

דערציילט די יידישע געשיכטע: ערב דעם חורבן, פון דרויסן, אַרום ירושלים שטייט אַ רוימישע אַרמיי, באַלאַגערט די שטאָט און אין שטאָט קריגן זיך יידן, מלחמות צווישן זיך; מען קען זיך נישט צונויפריידן, זיך פאַרשטענדיקן, צו גיין צוזאַמען... און אַפילו מיטן רוימישן מיליטער זענען אויך פאַראַן יידן. פאַראַן אַ „יידישער" גענעראַל, פון גרויסן ייחוס (אַ פלימעניק פון פילאָן). אַפילו דער יידישער „קיניג" איז אויך געווען מיט די רוימער. קען זיין אַז דער יונגער טיטוס האָט געטראַכט ווי זיין טאַטע — ער האָט זיך נישט וואָס צו איילן. ער קען די טעג און די נעכט פאַרברענגען מיט דער שיינער שוועסטער פון יידישן קיניג (בעראָניקע), און די יידן וועלן אין ירושלים אַליין זיך אומברענגען קעגנזייטיק... דאָס איז געווען פאַרצייטן. איז איצט בעסער?

איך לייען יידישע צייטונגען, שריפטן. די גרעסטע טיילן פון פאָלק זענען אין גאַנצן ווייט און נישט אינטערעסירט אין די אַלע יידישע פּראָבלעמען, און די וואָס זענען יע פאַראינטערעסירט, זענען צעקריגט, צעריסן, שיטן פעך און שוועבל איינע אויף אַלע אַנדערע, — נאָר זיי זענען די אמתע יידן, און אַלע אַנדערע איז גאָר אַ שאָדן וואָס די ערד טראָגט זיי. איך קען נישט פאַרגעסן דעם שוידער וואָס עס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ פראַזע, וואָס איך האָב געהערט פון אַ יונגן סאַברע, אַ שאַפער, פאַרנדיק פון תל־אביב קיין פתח־תקווה: „עוד נשחט אותם ברחובות" — אַ אידעאַל אַזאַ פון אַ יידישן בחור אין מדינת ישׂראל — זיי וועלן נאָך קוילן אין די גאַסן (די פרומע וואָס ווילן נישט לאָזן פאָרן אום שבת). און עס זענען שוין געווען נישט איין מאָל געשלעגן צווישן יידן מיט יידן, עס פעלן נישט קיין קריגערייען, רייסערייען, און וואָס נישט?

און אין די תפוצות נאָך ערגער — וויפל לענדער, אַזוי פיל פאַרשיידענע יידישע „פעלקער". מען קען זיך נישט צונויפריידן, מען וויל זיך נישט צונויפ־

ריידן, מען קריגט זיך אַפילו נישט: וואָס פאַר אַ שייכות האָט מען צווישן אַנאַנד? זאָגן יידן אין קאַנאַדע, אַז זיי זענען קאַנאַדער פון יידישן אָפּשטאַם. יידן, קינדער פון אימיגראַנטן אין מעקסיקע, די גרעסטע מערהייט פון זיי געלערנט אין יידישע טאָגשולן, ווילן נישט ריידן קיין יידיש, ווילן נישט דערלאָזן ריידן יידיש אין זייער ספּאָרטצענטער, ציוניסטישע יוגנט פירט די אַרבעט דווקא אין שפּאַניש. עס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון שפּראַך, מען וויל זיין מער מעקסיקאַנער איידער יידן. אין אַלע נייע יישובים אין דער וועלט זענען יידן בכלל זייער באַוועגלעך: יידן בויען אויף אַ ראַיאָן אין אַ שטאָט; ווי נאָר מען ווערט עטוואָס רייכער, אַנט־לויפט מען פון דעם ראַיאָן, מען קלייבט זיך אַריבער אין נייע ראַיאָנען, מוזן אויך געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס מיטוואַנדערן. יידישע אינסטיטוציעס — שולן, ישיבות, ווערן אָפט באַפאַלן פון כוליגאַנעס, צעראַבירט, יידישע קינדער ווערן באַפאַלן, געשלאָגן, ווערן שיקאַנירט אין די מלוכה־שולן. יידישע יוגנט, וואָס נעמט זיך אָן פאַר אַלע באַעוולטע, פאַר נעגערס, פאַר אַלע אַנדערע, מיידן אָבער אויס זיך אָנצונעמען פאַר יידן. די צאָלביישטייערערס פאַר יידישע קהלשע נויטן ווערט נישט גרעסער; דאָס רוב טוריסטן קיין ישׂראל זענען מסתמא עלטערע יידן, אָדער יונגע וואָס די עלטערן שיקן. יונגע יידן זענען פול אין „אַלגעמיינע" נישט־יידישע אָרגאַניזאַציעס, מען זעט אָבער זייער ווייניק יונגע יידן אין טעמפּלען, שוין נישט ריידנדיק וועגן אָרטאָדאָקסישע שולן.

פרומע יידן זענען אפשר געטריי דער יידישער רעליגיע, אָבער קיין ליבע, קיין אַכטונג צו יידן ווי יידן — דאָס געפינט מען נישט. זייערע זשורנאַלן זענען פול מיט ביטול און האַס צו אַלע אַנדערע יידן, זעלטן צו געפינען אַ סימן פון פּשוטער אהבת־ישׂראל, עס דערגייט אָפט צו דעם פאַרקערטן פון אהבת־ישׂראל. און דאָס דווקא אין מדינת ישׂראל. פרומע יידן וואָס שווייגן, וואָס באַמיִען זיך נישט צו ראַטעווען דעם שבת אונטער זייער נאָז, וואָס ריידן נישט קיין וואָרט, פאַר וואָס אין יידישע שפּיטאָלן איז נישטאָ קיין כשר עסן, די זעלביקע יידן קערן וועלטן פאַר יעדן ספק עבירה אין מדינת ישׂראל. כשרות — לאָזט זיי, גיור, מגייר זיין קריסטן — נאָר זיי, שבת, חתונה — נאָר זיי און ווייטער קיינער. און טאָמער פאָלגט מען זיי נישט, וועט מען מסרן קיין אַמעריקע, מען זאָל נישט געבן קיין געלט.

ישיבה־בחורים — אין מיליטער טאָרן זיי נישט גיין — ביטול תורה! אַ קלייניקייט! אָבער זיי האָבן יע צייט צו גיין מאַכן אַ פּאָגראָם אין אַ הויז פון אַ יידישן דאָקטאָר, ווייל מען זאָגט אויף אים אַז ער האָט געפּאַלמעסט טויטע. איך ווייס נישט צי על־פּי דין מעג מען מחלל שבת זיין און וואַרפן שטיינער, און ברעכן שויבן אין אויטאָבוסן וואָס זענען מחלל שבת, אָדער עס איז „עת לעשׂות", אַז מען דאַרף ברעכן יידישע זינדיקע קעפּ, מעג מען אויך מחלל שבת זיין? אָדער

וויפל פּשוטע שׂינאה צו אַנדערע יידן עס דאַרף פֿאַרמאָגן אַ רבֿ, אַ מנהיג, אַ כּנסת־דעפּוטאַט, צו נעמען מיט זיך אין כּנסת אַריין אַ רעפֿאָרעם־סידור, מיטנעמען אים אויף דער טריבונע בכּוונה, שפּעטער דעמאָנסטראַטיוו אים צו שליידערן אויף דער ערד, שפּייען און טרעטן אויף אים, ווייל ער געפֿעלט אים נישט, דעם רבֿ (מיר — אויך נישט)?

אַזוינע דעמאָנסטראַציעס זענען זייער געפֿערלעך. וואָס וואָלטן מיר אַלע געזאָגט, ווען אַ פֿרומער קריסט, אַן אַנטיסעמיט טוט דאָס זעלביקע מיט אַ יידישן סידור, ווייל ער געפֿעלט אים נישט? און אין יענעם רעפֿאָרעם־סידור איז דאָך נאָך מסתּמא געווען נישט איין מאָל גאָטס נאָמען, און דער פֿרומער רבֿ טרעט עס מיט זיינע פֿיס! און אַזוינע בלומען פֿון שׂינאת־ישׂראל קען מען דאָך געפֿינען אין די צענדליקער ביי די פֿרומע, ווי אין דער מדינה אַזוי אויך אין חוץ־לאָרץ.

מיר האָבן שוין ברוך־השם זוכה געווען צו דעם, אַז פֿרומע ישיבה־בחורים ווערן כוליגאַנעס און באַפֿאַלן דעם הויפּט־רבֿ פֿון לאַנד, אים צו שלאָגן. און טאָמער האָבן זיי אים נישט געקאָנט עס טאָן, האָבן זיי צעשלאָגן דעם פֿורמאַן. דאָס איז דער „כּבֿוד התּורה“, וואָס די ישיבה האָט אויסגעלערנט! באַפֿאַלן, שלאָגן אַ רבֿ, אַ גדול בישׂראל, אָנערקענט פֿון דער מערהייט, אַ גאון, שיקן צו אים בריוו־באָמבעס. ווייל אַזוי ווילן די קעגנערס, די פּאָליטישע קעגנערס. די גמרא דער־שרעקט זיך פּשוט פֿאַר „רבן דקרו“, שטעכן אַ שפּיז אין אַן אָרון פֿון אַ טויטן רבֿ, און דאָ גייען ישיבה־בחורים שלאָגן און אויך טייטן אַ רבֿ דערפֿאַר וואָס ער האָט געפֿונען אַ היתּר מתּיר, צוויי יונגע יידן חתונה צו האָבן!

אָט אַזוי לערנען זיי די יידישע תּורה, אָט אַזוי; אָט אַזוי פֿאַרשווערכן זיי יידישקייט. ווי וואָלטן זיי געשריִען, די היינטיקע פֿרומע, געקערט וועלטן, ווען עס קומט היינט אַ פּוסק און פּסקנט אַז עין תּחת עין — איז גאָר ממון, נישט ווי דער פּסוק זאָגט בפּירוש! זיי וואָלטן דאָך חרובֿ געמאַכט אַ וועלט. זע איך וואָס די פֿרומע פּאַרטייען טוען היינט און איך ווייס נישט צי עס איז קנאַפּער, ווייניקער ווי דאָס וואָס עס האָט זיך געטאָן אין ירושלים גופא, ווען טיטוס מיט זיינע אַרמייען זענען געווען אַרום ירושלים. „מפּני חטאינו גלינו מארצנו“ — עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז מער ווי רוימישע אַרמייען, האָבן יידן אַליין געבראַכט דעם חורבן. יידן קענען עס ברענגען מיט זייערע קריגערייען צוליב אַ האָן מיט אַ הון, צוליב פּריוואַטע חשבונות פֿון אַ קמצא און בר־קמצא.

און לאָמיר זיך עטוואָס דערמאַנען, עטוואָס ווי יידן האָבן אין אַמעריקע זיך געפֿירט בימי היטלער הרשע: צי האָבן אַמעריקאַנער יידן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט און געקאָנט טאָן צו ראַטעווען זייערע ברידער אין איראָפּע? צי האָבן זיי כאָטש געפּרוּווט ווירקן אַז אַמעריקע זאָל עפֿענען די טויערן צו ראַטעווען יענע פֿאַרמישפּטע דורך אַ רויבערפֿאָלק? צי האָבן די יידן כאָטש גע-

שריַען פאַר ווייטיק? געפרווט אויפוועקן דעם טויטן געוויסן ביי פעלקער? האָבן דאָך יידן אין אַמעריקע געלעבט נאָרמאַל, געפרייט זיך און פאַרווײַלט זיך ווי אַלע מאָל און געוואַרט אויף די פירערס. און די פירערס? — זיי פירן ווען דאָס פאָלק צווינגט זיי...

רייד איך שוין נישט וועגן דער אַנטיסעמיטישער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, וואָס האָט געהיט די הייליקע „קוואָטע", נישט אַריינגעלאָזן קיין איין יידן, חלילה, איבער דער קוואָטע, — איך רייד וועגן דער פירונג פון די יידן אין אַמעריקע... איך בין זיכער אַז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה וואָלט אַזאַ באַציִונג נישט מעגלעך געווען. יידן אין אַמעריקע זענען געווען אַ סך ווייניקער, אָבער די מערהייט איז געווען נאָך אימיגראַנטן, געקומען פון דאָרטן, פון די אַלטע היימען, איז דער ייד־באַוווסטזיין געווען נישט אין פאַרגלייך שטאַרקער, געווען נאָך די אַלטע גע־טרייקייט, איין פאָלק — איין אָרגאַניזם און אַז מען רירט אָן איין אָרגאַן, טוען אַלע אָרגאַנען פילן דעם ווייטאָג. דעמאָלט האָבן יידן נישט געוואַרט אויף די פירערס, מען האָט געמאַכט אַז די פירערס זאָלן טאָן, יעדער צווייטער ייד איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, געטריי, איבערגעגעבן. געווען איין פאָלק מיט איין כּללישן פאָלקגעפיל, מיט איין פאָלקישער אחריות. איצט איז דאָס יידישע פאָלק צעברעקלט, צעפאַרטייעוועט, צעגרופּירט, און עס איז נישט קלאָר, צי מען נעמט זיך אָן און מען קעמפט פאַר דער אידעע, אָדער פאַר מאַכט איבערן פאָלק. איין שולחן־ערוך, און וויפל רעליגיעזע גרופּעס עס זענען דאָ! איין יידיש לשון, און וויפל באַזונדערע גרופּעס „קעמפן" פאַר יידיש לשון. מער נישט וואָס יעדע איינע איז מבטל אַלע אַנדערע. במילא „קעמפן" אַלע און טוען גאָרנישט אויף.

אין כּנסת איז פאַראַן אַ קאָאַליציע. האַלטן פּאַרטייען אין האַנט אַ פּאַרטיקן גט — פאָלגט איר אונדז נישט, רייסן מיר באַלד אויף די קאָאַליציע!... אַזוי ווי יענער גבאי האָט עס געזאָגט: קלייבט איר מיך אויס פאַרן פּרעזידענט, איז גוט, אלא נישט — וועל איך אַליין אויפרייסן די גאַנצע קהילה און עס וועט פון איר גאָרנישט בלייבן... יעדע גרופּע באַמיט זיך אָפּצוטיילן, אָפּצוגרענעצן פון אַלע אַנדערע: זיי זענען נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי, נאָר מיר זענען די עכטע, די אמתע... פרעגט זיך: ווי לאַנג קען זיך האַלטן אַזאַ צעריסן, צעפליקט פאָלק? ווי קען עס עפּעס אויפטאָן, בויען, שאַפן?

און געדענקן דאַרף מען די ביטערע לעקציע פון חורבן ירושלים: דער כּוח פון יידישע שונאים איז אַלע מאָל פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צעשפּליטערטקייט פון יידישן פאָלק. וואָס גאַנצער, געמיינזאַמער, וואָס מער פאַרבונדן, צונויפגעהעפט עס איז דער ישׂראל אחד, וואָס שטאַרקער, — אַלץ שוואַכער זענען די אַנטיסעמיטן. ווידער אַ מאָל די זעלביקע גמרא וואָס מיר האָבן דערמאָנט אויבן, אַז יידן וואָלטן זיך געקאָנט צונויפריידן (און נישט דווקא וועגן שבת) וואָלטן זיי אויסגעלייזט

געוואָרן. קריגן זיך יידן צווישן זיך ביז זיי הערן אויף צו זיין ישׂראל אחד. דעמאָלט קומט דער שׂונא און פאַרטיליקט זיי אין גאַנצן. וואָלטן יידן געקענט זיך צונויפ־ריידן, וואָלטן זיי געקענט זאָרגן געמיינזאַם, דענקען געמיינזאַם, וואָלטן זיי די כוליגאַנעס אויסגעלערנט אַכטונג האָבן, דרך־ארץ און טאַקע אויך מורא, אַז די כוליגאַנעס וואָלטן פאַרשפּאָרט אויסצווואַקסן דערוואַקסענע אַנטיסעמיטן. איז אָבער די צרה, ווי מאַכט מען יידן זאָלן זיך קענען יע צונויפריידן, אַז אַפילו וועגן דער דאַטע פון יאָרצייט פון וואַרשעווער אויפשטאַנד האָט מען זיך נישט צונויפ־גערעדט. און, אגב, איז פון יאָרצייט געוואָרן אַ קאָנצערט.

אַז מען קוקט זיך צו צום היינטיקן יידישן פאָלק איז שווער צו גלייבן אַז ערשט מיט איין דור צוריק זענען מיר באמת געווען גוי אחד בארץ, מיט איין גייסט, מיט איין אינהאַלט און מיט איין אויפפיר, איין פאָלק און איין לשון — אַ שפּראַך וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַליין געבאָרן, אַליין אַנטוויקלט, אויסגעהאָדעוועט, אַריינ־געלייגט אין איר אַלע פאָלקישע געפילן, די גאַנצע נשמה, אַ שפּראַך וואָס האָט די איינציקע זוכה געווען צו טראָגן דעם נאָמען פון פאָלק — יידיש פאָלק און יידיש לשון. אַ ייחוס וואָס קיין שום אַנדער שפּראַך האָט דערצו נישט זוכה געווען... איין דור און אַזאַ חורבן, אַזאַ פאַרלענדונג און אַזאַ אַנטלויפן פון זיך, ווי מיר זעען עס אין אַלע נייע יישובים בעת די אַלטע זענען חרוב געוואָרן. איין דור און אַזאַ צעברעקלונג, אַזאַ צעבראָכנקייט פון פאָלק. ווי קען מען גאָר טראַכטן פון איין ישׂראל אחד, אַז נטורי קרתּא זענען גרייט געווען אין דער זעקסטעג־מלחמה צו באַגעגענען די אַראַבער מיט ווייסע פאָנען? ווי קען מען גאָר האַלטן אין איין פאָלק דעם סאַטמאַרער רבין מיט ראַבי סטעפאַן ווייז, וואָס איז דאָך געווען אַ געטרייער ייד? בעת הרב הגאון ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק ז״ל איז קראַנק געווען זיין לעצטע קראַנקייט, און יידן האָבן געזאָגט פאַר אים תהילים, האָבן ישיבה־בחורים ביים כותל געטיילט פּראָקלאַמאַציעס, אַז מען טאָר נישט זאָגן קיין תהילים פאַר אַזאַ „אפיקורס" ר״ל. דערמאָנען זיך מיר ווערטער וואָס אחד־העם האָט געשריבן מיט אַן אַכציק יאָר צוריק, און מיין דור יידישע אינטעליגענטן האָט די זאַצן געדענקט אויסווייניק ווי מען געדענקט אַ פּסוק צי מאַמר חז״ל. איך וועל די ווערטער דאָ איבערגעבן בקיצור:

„אַז אַ לאַנד ווערט חרוב קומט אַ פאָלק און בויט עס אויף, אָבער אַז אַ פאָלק ווערט חרוב — ווער וועט עס אויפבויען?"

איך האָב נאָך אין האַרצן נאָך אַ גרעסערע עבירה קעגן די פרומע, קעגן די פאַרענגלשטע יידן וכּדומה. לאָמיר דאָס איצט דערקלערן: יידישקייט איז נישט קיין שטייַק וואַסער, „ווען די תורה וואָלט געגעבן געוואָרן אַן אָפּגעשניטענע, איין מאָל פאַרענדיקט און געענוג, וואָלט קיין אָרט נישט געווען פאַר יידן צו שטיין" — ווידער זאָגט עס אַן אַלטע גמרא. יעדער תקופה אין דער יידישער געשיכטע שאַפט

און שאַפט נייע תורה און נייע ספרים, און ווידער פסקנט נאָך אַ גמרא, אַז די נייערע תורה, די נייערע שאַפונגען זענען וויכטיקער ווי די אַלטע. זיי האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען ווי אָפּצושאַצן, וואָס דורות האַלטן אין שאַפן. אונדזער תקופה האָט אויך געשאַפן יידישע ספרים — אין יידיש און אין העברעיִש, — קומען די פרומע און זענען מבטל אַלץ וואָס עס איז געשאַפן אין יידישקייט אין די לעצטע דורות. קומען די היינטיקע „חכמי ישׂראל" — די פאַרצייטיקע ספרים דאַרף מען לערנען — פרק יומי, דף יומי — פאַר דעם וועט גאָט ברוך־הוא באַצאָלן אויף יענער וועלט; די נייע ספרי היהדות טאָר מען גאָר נישט לערנען; דאַרף מען גאָר נישט לערנען, עס איז נישט קיין „וויסנשאַפט דעס יודענטומס", נישט קיין „חכמת ישׂראל".

איז געקומען אַ וועלט מיט נישט־יידן, גענומען אַ ספר פון עם־ישׂראל, אַוועקגעזעצט אַ פידלער אויפן דאַך, און מען פאַרווײַלט זיך מיט דעם. אָבער יידן פאַרווײַלן זיך אויך ווי גויים, אָבער לערנען נישט ווי יידן דאַרפן עס לערנען. לערנען דאָס יידישע פאָלק פון זײַנע נייערע ספרי האומה, פון דער לעצטער תקופה, — דאָס דאַרף מען נישט.

✶

„ישׂראל אחד" האָט עטלעכע באַטייטן. קודם־כּל איז דער אידעאָלאָגישער באַטייט: אַ ייד מעג געהערן צו פאַרשיידענע ריכטונגען, האָבן פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס, אָבער איבער זיי אַלע שטעלט ער און אים איז טײַער יעדער ייד, יעדער פּרט אין יידישקייט, יעדער שאַפונג אין יידישקייט. יידישקייט איבער אַלע ריכטונגען און פאַרטייען. לאָמיר דאָס אָנרופן מיט דעם אַלטן נאָמען „אהבת־ישׂראל". מיט אַזאַ אַהבת־ישׂראל איז באַרימט ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, הרב קוק אין ירושלים און נאָך און נאָך אַנדערע יידן פון אַלערליי ריכטונגען. דאָס איז די אידעאָלאָגיע אַחדות־ישׂראל. פאַראַן אַ צווייטע — די געאָגראַפישע אַחדות־האומה: אַלע יידן פון אַלע לענדער זענען מיר אַלע איין פאָלק. נישט קיין אַמעריקאַנער, מעקסיקאַנער, פראַנצייזישע און אויך נישטאָ קיין ישׂראלים. אַלע יידן זענען אַלע גלייכע יחסנים און מיט גלייכע אָבליגאַציעס, חובות.

און פאַראַן נאָך איין אַחדות־ישׂראל — אַ היסטאָרישע: איין יידיש פאָלק פון אברהם אָבינו און ביז אונדז און ווייטער און ווייטער, עד סוף כּל הדורות. נישט ווי עס זענען געקומען די וועלטלעכע, למשל, און געמאָלדן: ביז איצט איז געווען אַ רעליגיעזע יידישקייט, פראָקלאַמירן מיר אַ וועלטלעכע, אָן רעליגיע, אָן אַנטי־רעליגיעזע, און מיר הייבן זי אָן פון אָנהייב. חס־ושלום! יידישקייט מוז האָבן

וואָרצלען און דאָס וואָס איצט איז וועלטלעך וועט אין דער צוקונפט ווערן הייליק ווי רעליגיע. און דאָס וואָס איז איצט הייליק, איז אַ מאָל געווען וועלטלעך. אַזוי איז יידישקייט — עץ־החיים — ווי אַ לעבעדיקער בוים וואָס וואַקסט כּסדר. גרינע צווייגעלעך ווערן עלטער, שטאַרקער, ווערן פאַרהאַלצט און בלייבן, ווערן אַלץ דיקער, גרעבער, שטאַרקער. זיי האַלטן דעם בוים. אָבער דאָס לעבן פון בוים, זיין וואַקסן איז דווקא אין די דינע, שוואַכע, גרינע צווייגעלעך.

אָט פאַר וואָס ישׂראל־אחד איז איצט די וויכטיקסטע תּפילה, דער וויכטיקסטער טייל פון דעם אייביקן „שמע־ישׂראל... ה׳־אחד" און מען דאַרף צוגעבן „וישׂראל־אחד".

אָבער פאַר וואָס איז עס געוואָרן אַזוי? פאַר וואָס איז דאָס יידישע פאָלק אַזוי צעבראָכן געוואָרן? אַזוי צעפּיצלט? — גאָר פּשוט. עס חזרט זיך ביי יידן איבער דאָס וואָס דער תּנך, אַן אוראַלטער ספר פון תּנך דערציילט (שופטים): ווי נאָר יידן ווערט פרייער, בעסער, פאַרגעסט מען באַלד יידישקייט און מען נעמט זיך דינען פרעמדע געטער, פרעמדע זיטן, פרעמדע מינהגים, פרעמדע פירונגען. ביז זיי ווערן שוואַך און שוואַכער, ביז עס קומען שׂונאים און פאַרשקלאַפן זיי. דאָס זעלביקע איז געווען ביי יידן אין שפּעטערדיקע צייטן און דאָס זעלביקע איז איצט אין די פרייערע לענדער: ווען מען לאָזט נאָר, אַסימילירט מען זיך, פאַרגעסט מען ישׂראל, פאַרוואַרפט מען יידישקייט — און אָן יידישקייט איז מען ווי אַ הילצערנע פאַס אָן רייפן, קלעפּקעס צעשיטן זיך, ווי אַ פעלדז וואָס וויטערט זיך אויס און ווערט אַ קופּע זאַמד. אַן אוראַלטע אייביקע קראַנקייט פון אונדזער יידישן פאָלק. אָט פאַר וואָס אין רוסלאַנד איז איצט אַנדערש: איוואַן טרייבט, איוואַן דערמאָנט אין ישׂראל. די אַלטע מעשׂה פון פאַרצייטן, פון די ערשטע ספרים נאָך פון תּנך...

אין די נייע יישובים האָבן יידן נאָך די פרייהייט, פאַרגעסט מען וועגן ישׂראל, אין אַמעריקע האָבן יידן אין די גרויסע שטעט געמאַכט אַן אַנדער שטייגער. יידן בויען אויס אַ ראַיאָן, באַפעלקערן אים, בויען אויס שולן צום דאַוונען און צום לערנען, זיי מאַכן אָבער דאָרטן נישט קיין פולע יידישקייט. יידישע שפּראַך, יידישע טעאַטערס, יידישע שולן, אָבער נישט די קבצנישע צוגאָבשולכעלעך אין אַ פּאָר אָוונטן, נאָר אמתע שולן וואָס זאָלן באַפרייען פון די מלוכה־שולן, און אַלץ אויף יידיש, און אומעטום זאָל הערשן יידישקייט, עס זאָלן זיין יידישע שטעטלעך אין די גרויסע שטעט פון אַמעריקע, טוען דאָס יידן נישט, גרייטן זיי צו גוטע ראַיאָנען פאַר אַנדערע, קומען די אַנדערע, געפינען זיי שוין צעשאָטענע יידן, נישט קיין אָרגאַניזירטע, פעסטע יידישע מאַסיוון, לאָזט מען זיך ווילגיין אויף יידן, כולי־גאַנעוועט מען. האָבן יידן זייער אַלטע תּרופה — מען לויפט. אין דער אַלטער היים פלעגן יידן לויפן פון די שטעטלעך אין די שטעט, פון די לענדער אין נייע לענדער. אין אַמעריקע לויפן יידן פון „שלעכטע" שטאָטראַיאָנען אין גוטע.

האָט זיך אין אַמעריקע געשאַפן אַ זעלבשוץ־ליגע. איז איר אויפגאַב געווען צו מאַכן, יידן זאָלן נישט דאַרפן לויפן; יידן זאָלן נישט זיין שוואַך קאָלעקטיוו; זיי זאָלן זיך אַליין פילן פעסטער אין קאָלעקטיוו; זיי זאָלן דערפילן אַז דער כוח און מוט און זיך־געפיל איז אויך ביי יידן פאַרבונדן מיטן כלל יידן.

האָט זי אָבער נישט פאַרשטאַנען איר אייגענע ראָל. קומט צו גיין דער גרינדער אַליין און ער עצהט אַמעריקאַנער יידן: „יידן לויפט, יידן אַנטלויפט וואָס גיכער. אַמעריקע ברענט אונטער אייך, לויפט קיין מדינת ישראל. אין פּרינ־ציפּ האָט די ליגע געדאַרפט דאָך מאַכן מען זאָל נישט דאַרפן לויפן, מען זאָל קענען באַקעמפן דעם כוליגאַניזם פון יונגע, און דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער־וואַקסענע. צו דער טעאָריע פון לויפן דאַרף מען דאָך נישט קיין ליגעס. און צוויי־טנס, אויב לויפן, שטעלט זיך אַ פראַגע: ווען אין אַמעריקע וועט הערשן, חלילה, אַ היטלער — צי וועט דעמאָלט מדינת ישראל קענען זיין אַ מיקלט וווהין צו לויפן?.. קומט אויס אַז די ליגע לייקנט זיך אַליין אָפּ. קיינער קען נישט גאַראַנטירן אַמע־ריקע פון אַלערליי מעגלעכקייטן. קען יע אָדער נישט קומען אַ היטלעריזם. דאָס הענגט אָ סך אָפּ טאַקע פון יידן גופא: וועלן איצט און אַלע מאָל יידן, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין אַמעריקע זיין אַן אָרגאַניזירטע גאַנצקייט קולטורעל און סאָ־ציאַל, וועלן יידן זיין אַ קאָלעקטיווער כוח, אַ שטענדיקער, וועט דער פאַקט אַליין זיין גענוג, עס זאָל קיין אַנטיסעמיטיזם נישט אָנוואַקסן, זיך נישט אַנטוויקלען. וועט דאָס יידישע פאָלק כסדר שטרעבן צו גוייִשקייט און איטלעכע גרופּע וועט באַזונדער זיך באַמיִען צו זוכן חן וחסד ביי גוים, זיך „איינקויפן אין ליבע", — דעמאָלט וועט זיכער אָנוואַקסן אַ שׂינאה מיט אַלע מעגלעכע רעזולטאַטן... דער כוח פון מדינת ישראל איז אין דער קולטורעלער און סאָציאַלער אָרגאַניזירטקייט. אָט דאָס דאַרף זיין אין אַלע גלותן.

די „תּורה פון לויפן" ווייסן יידן גאַנץ גוט, דאַרף מען נישט דערצו קיין ליגעס. לויפן האָט, אַגב, געקענט זיין אַ הילף אַ מאָל, ווען מדינות און מלוכות זענען געווען טאַקע אָפּגעטיילט פון אַנאַנד, נישט היינט, ווען מלוכות זענען אַ סך מער פאַרבונדן צווישן אַנאַנד. און אַפילו שוין פאַרצייטן איז דער עיקר־פאַקטאָר פון גלות, פון חורבן געווען די צעקריגטקייט, די צעשפּליטערטקייט פון יידישן פאָלק. זאָגט עס אַ קלוגע גמרא: „פאַר וואָס אָבער איז חרוב געוואָרן דער צווייטער בית, ווען מען האָט זיך יע פאַרנומען מיט תורה, מיצוות און גמילות־חסדים (קעגנזייטיקע הילף)? — ווייל עס איז געווען ביי יידן שׂינאת חינם" (יומא ט' ב') פון אייביק אָן, הייסט עס, איז דער גורל פון יידישן פאָלק בעיקר אָפּהענגיק פון דעם וואָס עס הערשט ביי יידן — אהבת־ישראל אָדער עגאָפאָביע (קעגנזייטיקע שׂינאה).

שטעלט זיך די גרונטפראַגע: וואָס איז מיט אונדז געוואָרן? ווי אַזוי און ווען האָבן מיר פאַרלאָרן דעם „קלעפּשטאָף" וואָס האַלט צונויף די יידן אין איין גאַנצ־קייט? אין איין פעסטן פאָלק? מיט איין דור צוריק — אַ גאַנץ, פעסט פאָלק, און איצט — אַ צעשאָטענער זאַמד פון אַ פאָלק?

ווען מען רעדט מיט יידן אויף דער טעמע, קומט אויס צו הערן פשוטן פאַטאַליזם: „פאַרפאַלן, איר וועט די וועלט נישט איבערמאַכן, מען קען נישט העלפן, טאָ לאָמיר ריידן וועגן פריילעכערע זאַכן"... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ פאַלשער וועג. און די זאַך איז גענוג פשוט: כל־זמן דער רוב מנין און בנין פון יידישן פאָלק איז געווען אין שטעטל, און דאָרטן איז אַסימילאַציע געווען זייער שווער, זענען מיר געווען איין פאָלק אין זיין גאַנצקייט. אין אורבאַניזם אָבער, ווו עס איז פאַרקערט, שווער צו זיין אַ ייד, האָט די עגאָפאָביע — די שינאת־ישראל געקראָגן די אויבערהאַנט איבער אַהבת־ישראל.

אויך די מדינהליידט פון דער עגאָפאָביע, וואָס טראָגט דאָרטן אַ שענערן נאָמען: „שלילת הגלות", אָבער וואָס איז דאָרטן ערשט אויסגעוואַקסן צו אַן אמתער שינאה פון גלות־יידישקייט בכלל. איז כל־זמן קיין ארץ־ישראל איז געגאַנגען אַ שטאַרק סעלעקטירטע, אידעיִשע און אידעאַליסטישע אימיגראַציע, האָט די אַנטי־גלותדיקייט געהויבן דעם מוט, די מאָראַל און געהאַלטן די ישראל־יידן אין אַ העכערער מדרגה. גאָר אַנדערש איז עס אָבער געוואָרן ווען קיין ארץ־ישראל האָט אַ שטראָם געטאָן אַ גרויסע אימיגראַציע, אַן עליה בכלל, אויך ישראל איז געוואָרן „גלותדיק", האָט זיך טאַקע דאָ גופא אַנטפּלעקט די גאַנצע עגאָפאָביע.

ווען איך לייען אין דער ישראל־פרעסע וועגן די כסדרדיקע ווילדע שטרייקן, וועגן דער צו גרויסער צאָל וועג־קאַטאַסטראָפעס, וועגן די צו פיל פאַרברעכנס קעגן געזעץ, וועגן רויבערייען, אָנפאַלן, שווינדלערייען וכדומה, — טוט פשוט ווי דאָס האַרץ, פשוט פיזיש: סטייטש! עס דאַכט זיך מיר אַז יידן־אימיגראַנטן אין יעדער אַנדער לאַנד זענען אין ערגעץ נישט פאַרמישט אַזוי פיל אין קרימינעלע פאַרברעכנס, ווי אין ישראל. די זעלביקע יידן — אַז זיי קומען אין אַ ניי לאַנד, היטן זיי זיך, נישט צו זיין אין קאָנפליקטן מיט די געזעצן פון לאַנד, מען באַמיט זיך וואָס גיכער צו קענען דאָס לשון און צו זיין „ווי אַלע"; מען האָט אַ שטאַרקן, איבערגעטריבענעם דרך־ארץ פאַר דעם לאַנד, פאַרן פאָלק פון לאַנד. מען וואַגט גאָרנישט צו האָבן טענות צו דער רעגירונג פון לאַנד: גיב, דערלאַנג, אונדז קומט, אַניט פאַרן מיר צוריק... אומעטום אַנדערש ווו איז מען דאַנקבאַר דער רעגירונג וואָס מען לאָזט אַריין און מען באַמיט זיך וואָס גיכער זיך אויסצוגלייכן מיט אַלעמען (אַסימילאַציע מיינט טאַקע בוכשטעבלעך — זיך אויסגלייכן).

אין ישראל איז עס פאַרקערט, „מיר טוען גאָר אַ טובה". עס איז אַ מיצווה און מען דאַרף דערפאַר באַצאָלן. און דערפאַר איז אויך אַ גרויסע עמיגראַציע פון

לאַנד, אַ ירידה. אין אַלע אַמעריקאַנער שטעט זענען צו פיל ישׂראלים־יורדים. עס טוען די צייטונגען פון ישׂראל אַ ספּקדיקע טובה דעם לאַנד וואָס מען פאַרשווייגט דעם פאַקט. אַ קראַנקייט דאַרף מען נישט, טאָר מען נישט פאַרשווייגן. די אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען און נאָך אַנדערע וואָס איך האָב נישט אויסגערעכנט דאָ — אַלע זיי שטאַמען פון אַן אומאַכטונג צום אייגענעם פאָלק, אַן אומאַכטונג צו אַלץ וואָס איז פאָלקיש, יידיש, פון דעם פאַלש אויסגעטייטשטן שלילת הגלות. אין שטעטל ווו עס איז געווען שווער צו ווערן אַ גוי, האָט מען נישט געדאַרפט אַזוי שטאַרק די אהבת־ישׂראל, אין אורבאַניזם און אין מדינת ישׂראל, ווו עס איז אַ סך גרינגער צו ווערן אויס־ייד, דאָ מוז מען האָבן גאָר נייטיק אַ פאַרשטאַרקטע אהבת־ישׂראל, דאָ איז שלילת הגלות שעדלעך, געפערלעך ממש.

צוויי זייטן אין יעדער גלות — דער דרויסנדיקער דרוק און דער אינע־ווייניקסטער כאַראַקטער, דער טיפ און דער אינהאַלט. דעם ערשטן דאַרף מען באַקעמפן, דעם צווייטן — טייער האַלטן, היטן און אָפּהיטן ווי אַ רעליגיעזע הייליקייט. יידן טוען דווקא פאַרקערט.

אין מדינת ישׂראל מיט שלילת הגלות — זענען קיינע אויפטוען נישט זיכער, קיינע פון די גרויסע נסימדיקע גראַנדיעזע דערגרייכונגען נישט גאַראַנטירט. פריִער איז די באַציִונגען פון עגאָפּאָביע געווען נאָר צו דער גלותדיקער יידישקייט, איצט אַז „דער גלות" איז עולה געווען אין דער מדינה אַריין, איז אויך די עגאָפּאָביע גילטיק אויף אַלץ פון ישׂראל גופא נישט ווייניקער. פריִער איז העברעיִש געווען אַ גרויסער ייחוס לגבי יידיש, ביסלעכווייז הערט אָבער אויף אין ישׂראל גופא העברעיִש צו זיין אַ יחסנטע לגבי ענגליש וכדומה. פריִער האָט די ספרדישע הברה געקאָנט העלפן העברעיִש זאָל נישט זיין „צו פיל ענלעך צום גלותדיקן לשון־קודש", היינט איז העברעיִש מיט דער הברה געוואָרן אויס יחסנטע. די באַציִונג צו העברעיִש ווערט ביסלעכווייז אַזאַ ווי צו יידיש...

דאָס איז אַלץ אַן אָפּשטאַם פון דער שלילת הגלות, וואָס מען האָט פאַר־שטאַנען פאַרקערט ווי מען האָט עס געדאַרפט פאַרשטיין. אַנשטאָט שלילת הגלות האָט מען עס געמאַכט שלילת יהדות הגלות. און דאָס ווייל מען האָט געבראַכט מיט זיך נאָך פון רוסלאַנד די ירושה פון דער השׂכּלה — די נעגאַציע פון יידישקייט. האָט מען געוואָלט אין ארץ־ישׂראל זיך באַפרייען נישט נאָר פון גלות־צרות פון די פרעמדע הענט, נייערט בעיקר — פון דער יידישקייט. האָט מען געמיינט, אַז מיט דעם טיפן לערנען תּנך קען מען אַליין ווערן תּנך־יידן, דירעקטע אָפּשטאַמיקע פון בועז און פון ישי, אין גאַנצן איבערהיפּנדיק די יידישקייט פון תּלמודיש־שטעטלשער תּקופה. צאָלט היינט מדינת ישׂראל זייער טייער פאַר דעם פאַלשן שלילת הגלות און הלוואַי זאָל זי מער נישט דאַרפן צאָלן ווייטער.

בכן פּירן מיר אַרויס כּמעט אַלע צרות פון גלות צו דעם אויספעלן פון אַחדות־האומה. פון ישׂראל־אחד. דאָס ברענגט צום אויספעלן פון נאַציאָנאַלן כּוח, פון צעשפּליטערונג, צום אָנווערן דעם פאָלקישן שטאָלץ, צו דער אָפּשוואַכונג פון קולטור און פון פאָלקישן באַוווּסטזיין און צו דער אָפּהענגיקייט פון אַנדערע פעלקער און פון זייער חסד און רחמים. מיר זענען דערפאַר אין גלות ביי אַנדערע ווייל דער גלות איז אין אונדז גופא.

קענען מיר זיך באַפרייען פון אָט דעם גלות אין זיך? — איך גלייב אַז יע, אָבער ווי אַזוי?

מען גלייבט אַ סך און מען מיינט אַז די שולן קענען דאָ אַ סך אויפטאָן. איז דאָס אַ טאָפּעלער טעות: די שול־דערציִונג קען קיין מאָל נישט גובר זיין דאָס לעבן, די סביבה; והשנית, האָבן יידן אין אַמעריקע נישט קיין אמתע פאָלקיש־יידישע שולן. אַז די רוסישע צאַרישע רעגירונג האָט געוואָלט דערציִען יידישע לערער־רוסיפיקאַטאָרן, האָט זי גענומען יינגלעך און זיי געהאַלטן אין אַ געשלאָ־סענעם אינטערנאַט, מיט אַ פולער רוסישער סביבה גאַנצע פינף יאָר. טאַקע אין סאַמע ווילנע, אָבער הינטער די געשלאָסענע טויערן האָט געהערשט דורכויס אַ רוסישע קולטור און סביבה. יידישקייט קען מען נישט אויסלערנען, מען דאַרף זיך אין דעם אַריינלעבן. מען קען קיין פאָלקישקייט נישט קריגן דורך ווערטער, דורך פּראָגראַמען, קורסן און וויסן. בכלל, לעבעדיקע יידישקייט איז נישט אין פאַרטיקע, געדרוקטע ספרים, אַפילו נישט אין דער הייליקער תּורה וואָס איז פאַרשריבן אַפילו אויף הייליקע פאַרמעטן. יידישקייט איז נאָר אין פּראַקטישן, פשוטן שטייגער, ווי עס האָט געזאָגט רב יוחנן — נאָר אין „תּורה־שבבעל־פּה“. עס מיינט אין יידישקייט שבשטייגער (גטין ס׳ ב׳).

גרויסע געלערנטע אין יידישן וויסן זענען אָפט געווען קריסטן, נישט־יידן און אַפילו גאַנץ היפּשע אַנטיסעמיטן, און יידן עם־הארצים זענען געווען פולע, גאַנצע יידן. נישט אויפן באַרג סיני איז איצט די יידישקייט, און נישט אין די הייליקע ספר־תּורות, נישט אין ספרים בכלל און נישט אין געלערנטקייט אין די ספרים, נייערט אין אויפפיר, אין שטייגער פון לעבן. שולן קענען זיין גוט ווען אַרום זיי איז פאַראַן אַ פולער יידישער שטייגער אין דער היים און אין סביבה בכלל. נישט מיר האָבן אַזאַ סביבה און נישט מיר האָבן פאָלקיש־יידישע שולן. די יידישע שולן וואָס זענען דאָ זענען אָדער נישט קיין שולן, אָדער זיי זענען נישט קיין פאָלקישע און זיי קומען אָפּצורייסן פון פאָלק. די אָונטשולן זענען בכלל אַ קבצנישע אויסטראַכטונג פון דער רייכער אַמעריקע. נישט זיי קענען עפּעס אויסלערנען, נישט זיי קענען דערציִען. די אַנדערע שולן, די טאָגשולן לערנען יידישקייט פון אַ מאָל, דאָס היינטיקע יידישע פאָלק און זיינע שאַפונגען זענען דאָרטן נישטאָ. די שולן זענען ווי באַשאַפן אָפּצורייסן די קינדער פון יידישן

היינטיקן פאָלק. היינטיקע יידן זענען נישט ווערט מען זאָל זיי לערנען און נישט זייער יידישקייט... נישט קיין שולן און נישט קיין סביבה. וואָס זשע קען מען דערוואַרטן פון די שולן?

הכּלל, שולן, אַפילו די בעסטע, אָן אַ סביבה אַרום דער שול, קענען נישט איינפלאַנצן קיין געטרייקייט, ליבע און אַכטונג צו יידישקייט. אַזאַ מין סביבה האָבן יע די פרומע, אָבער זייער סביבה און זייערע שולן האָבן דעם גוואַלדיקן חסרון, וואָס זיי באַמיִען זיך אָפּצושליסן די יידישע שעפערישקייט, גאָט איז הייליק און ווייטער גאָרנישט — טריף־פּסול. זיי ווילן נישט פאַרשטיין אַז יידישקייט איז אַ שטראָם וואָס טאָר נישט אָפּגעשטעלט ווערן, אַז וועלטלעכקייט איז נישט אַ בייער אויסגעטראַכטער צוגאָב, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו יידישקייט. נאָר עס איז פאַרקערט, איין סטאַדיע פון אַלץ וואָס יידן פאַרמאָגן: עס הייבט זיך אָן ווי פאָלקיש־וועלטלעך, ערשט שפּעטער ווערט דאָס וועלטלעך־וואָכעדיקע פאַרהייליקט. די פרו־מע ווילן אָפּהאַקן די יידישע שעפערישקייט, און דאָס איז דער פאַלשער וועג פון די צדוקים, אָדער קאַראַימער.

ובכן — קומט דער אַלגעמיינער אויספיר: די אמתע גאולה דאַרף קומען פאַרן גאַנצן פאָלק אומעטום, אין דער גאָרער וועלט, ווייל יידן וועלן בלייבן אַ וועלטפאָלק; די דאָזיקע גאולה־שלמה קען קומען נאָר ווען יידן וועלן ווערן אַ „ישׂראל־אחד" — גייסטיק, קולטורעל און סאָציאַל.

ישׂראל אחד קען זיין נאָר ווען יידן וועלן זיך באַפרייען פון דער עגאָפּאָביע (האָס צו זיך אַליין). דער גלות איבער אונדז וועט אויפהערן, ווען מיר וועלן זיך באַפרייען פון דעם גלות אין זיך. וועלן מיר זיך אויף דעם אָפּשטעלן עטוואָס לענ־גער. ווער און וואָס איז שולדיק אין אָט דעם מאָראַלישן גלות אין זיך?

ערשטנס, זענען דאָס נביאים מיט זייער „עם כּבד עוון, זרע מרעים, בנים משחיתים" — אַזוי ווייטער אָן אַ סוף.

צווייטנס, זענען אויך די חז"ל טיילווייז שולדיק. הגם זיי זענען ווייט נישט געווען צופרידן מיט כּסדרדיקע באַשולדיקונגען פון די נביאים, דאָך האָבן זיי אַליין איבער גענוג אָנגעמאַכט „אשמנו, בגדנו" אאַז"וו.

דריטנס, די השׂכּלה מיט איר אָפּשפּאָטן און אָפּלאַכן פון דעם שטעטל, פון גלופּסק (נאַראַנים־שטאָט) און קאַבצאַנסק וכדומה. זי האָט געזען די בלאָטע פון שטעטל און נישט געזען דאָס שטעטל גופא.

דאָס פאַרליבן זיך אין תּנך און דער גאַנצער קולט פון תּנכיזם וועט נישט העלפן און קען נישט העלפן, ער קען נישט באַפרייען יידן פון דער עגאָפּאָביע. עס איז אויך אַ מין אַנטלויפן פון יידן, ווייל יידן „טויגן נישט", ווייל זיי זענען בלויז אַ טייג צו קנעטן פון דעם עפּעס אַנדערש. „איחוד גלויות" קען זיין נאָר אויף דעם אינהאַלט פון אונדזער גאַנצקייט אין דער לעצטער תּקופה, ווען מיר

זענען געוועזן אַ „גוי אחד בארץ״. מען דאַרף ליב האָבן דעם נאָרמאַלן יידן אין גלות — אַלע נייע יישובים אין דער גאָרער וועלט, גאָר די גאַנצע קולטור, וואָס מיר האָבן געשאַפן, די גאַנצע מדינת ישראל מיט אַלע אירע אויפטוען — אַלץ קומט דאָך טאַקע פון דער אויסגעלאַכטער גנילאָפּיאַטעווקע און פון שניפּישאָק.

נישט מערב־אייראָפּע מיט די געבילדעטע יידן, אָט די „קנעכט אין פרייהייט״ (אחד־העם), אויך נישט די פּאַרצייטיקע תּנך־יידן האָבן דאָס אַלץ געשאַפן, נאָר דווקא די „געטאָ״ און די געטאָ־יידן. נישט ישי און בועז, פון תּנך, פון בית־לחם, נאָר דווקא מנחם־מענדל פון כּתרילעווקע מיט זיינע קינדער האָבן עס אַלץ אויפגעבויט און געשאַפן. מנחם־מענדל איז טאַקע געפאַלן אין זיין דראַנג, אין זיין פּיאָנערן־געראַנגל, אין דעם איבערגאַנג צום אורבאַניזם, אָבער זיינע קינדער און אייניקלעך האָבן דאָס אויפגעבויט יידיש לעבן אין אַמעריקע. וויפל שטיינער פון שפּאָט און געלעכטער מיר האָבן דאָס פאַרוואָרפן אויף די אָרעמע בנימין דעם דריטן און אויף זיין סענדערל די יידענע, וואָס לאָזן זיך זוכן די צען שבטים, אָבער זייערע אייניקלעך האָבן דאָס געשאַפן די מדינת ישׂראל מיט אַלע נסים־ונפלאות אין איר. און דער פּשוטער ייד פון אַנאַטעווקע — טוביה דער מילכיקער — אַ פּשוטער „ייד שבייד״ מיט זיין גאַנצער גלותדיקער סבלנות, מיט זיין פּיקחות און עקשנות, מיט זיינע פּסוקים און מאַמרים — מאַי קאַ משמע לן, וואָס לאָזט ער אונדז צו הערן? — מילא די „וועלט״ — די וועלט ווייס אַז ליטעראַטור און קונסט בכלל זענען דאָס „וואָס מיר פאַרוויילן זיך מיט דעם״ — איז אַלץ צום פאַרוויילן זיך — דאָס לעבן פון גלאַדיאַטאָרן און דאָס יידישע פאָלק וואָס אין טוביהן, אָבער יידן וואָס האָבן אַן אייביקייט געלערנט אַז ספרים זענען נישט, חלילה, צום פאַרוויילן זיך, נאָר צו לערנען פון דעם — פאַרוויילן זיך אויך מיט דעם פידלער וואָס זיצט אויפן דאַך און קיצלט די פּיאַטע.

דאַרפן מיר — די גרויסהאַלטער פון ניו־יאָרק און פון ירושלים זיך שטעלן מיט דרך־ארץ און יראת־הכבוד פאַר אָט די טוביהס און מנחם־מענדלס און זיך לערנען — נישט פאַרוויילן זיך פון זייערע צרות, נאָר לערנען זיך פון זיי ווי איז מען אַ ייד און מיט וואָס איז מען אַ ייד „כּהלכה״? — אַז מיר וועלן זיך לערנען פון זייער יידישקייט, פון קאַבצאַנסק און כאַנדריקעווע, פון קאַסרילעווקע און שניפּישאָק, דעמאָלט וועלן מיר קומען צו ישׂראל־אחד, און עס וועט קענען קומען די גאולה שלמה. האָט אחד־העם מורא געהאַט פאַר דעם „עם בּי יחרב״, אַז אַ פאָלק ווערט חרוב, ווער קען עס אויפבויען? האָט יחזקאל קויפמאַן געקלאָגט אויף דעם „חורבן־הנפש״, וועלן אָבער יידן צוריקקומען צו די טוביהס מיט זיין „גאולת הנפש״ — דעמאָלט וועט זיין ישׂראל אחד, ווי די טוביהס האָבן געהאַט, און במילא וועט אויך קענען זיין די גאולה שלמה.

פון אַלע פּאַרצייטיקע פעלקער און פעלקערלעך וואָס זענען אַרויס אויף דער געשיכטע־אַרענע מיט אונדז גלייך זענען מיר געבליבן איין פאָלק. זענען מיר געוואָרן אַ לעגענדע ביי פעלקער: זיי קענען עס נישט פאַרשטיין; זיי טוען אַלץ „וואָס מען דאַרף", כדי פון אונדז פּטור צו ווערן, און מיר זענען פאָרט דאָ! איז דאָס אַ קללה פון גאָט — דער אייביקער אַהאַספער, דער וואַנדערנדיקער ייד וכדומה.

נעמען זיך אויך יידן איבער מיט „אונדזער אייביקייט". איז דאָס נישט מער ווי אונדזער פלאַך דענקען. ערשטנס, זענען מיר גאָר נישט קיין אייביקייט. מיר זענען אַלע מאָל געבליבן קליינע רעשטלעך פון אַ פאָלק. גרעסערע טיילן גייען אַוועק און ווערן פאַרגעסן. צען שבטים זענען נאָך פאַרלאָרן געגאַנגען אין תנך־צייט — צען צוועלפטל פון יידישן פאָלק. געוועזן יישובים יידישע אין קליין־אַזיע. קיין זכר נישטאָ פון זיי; געוועזן אַ גרויסער, שטאַרקער יישוב אין אַלעק־סאַנדריע־של־מצרים, נישטאָ קיין זכר פון אים, סיידן אויף בית־עולמס פון „גניזות" פאַר געלערנטע ד"ר שעכטערס. ספרד — רעשטלעך פון דעם גרויסן שטאָלצן שבט (ס"ט־ספרדי טהור!); פון אַשכּנז איז געבליבן בלויז דער טייל וואָס איז אַריינגעפאַלן צו רוסלאַנד. פאַר וואָס, מיט וואָס געבליבן? — רעליגיע? — נישט אמת. נישט זי האָט איינגעהיט, נאָר מען האָט זי איינגעהיט. יידן האָבן געלעבט צווישן סובאָרדינירטע פעלקער, וואָס מיט זיי אַסימילירט מען זיך קיין מאָל נישט; צווייטנס, זענען יידן געווען אַ באַזונדערער קלאַס: געווען פּריצים, פּויערים און אָפּגעזונדערט יידן. ווו עס זענען די צוויי תּנאים נישט געווען, האָבן יידן זיך אַסימילירט, ווי אַלע אַנדערע פעלקער. קיינע נסים! קיינע קללות, אָדער ברכות.

ארץ־ישׂראל האָט עס איינגעהיט דאָס יידישע פאָלק, דאָס בענקען קיין ציון?

— אויך נישט! נאָכן חורבן זענען יידן געבליבן אין ארץ־ישׂראל, געווען אַפילו אַ מערהייט. נישט געבליבן! האָט בן־צבי ע"ה זיך געפּרייט: ער האָט געפונען אין אַן אַראַבישן דאָרף פּקיעין אַ רעשטל — אַן אַראַביזירטן יידן וואָס איז אין גלות נישט געווען. נישט ארץ־ישׂראל האָט איינגעהיט דאָס יידישע פאָלק, נאָר דווקא דער גלות. זאָגט עס אַ קלוגע גמרא: „גאָט האָט צעשפּרייט יידן צווישן (אַ סך) פעלקער, דערפאַר זענען זיי געבליבן. מאַכט רש"י: גויים קענען זיי נישט אומ־ברענגען אַלעמען מיט איין מאָל" (פּסחים, פ"ז ב'). גאָר פּשוט, אָן נסים און אָן גבורות, נישט די יידן זענען דאָס די גיבורים וואָס האָבן אויסגעהאַלטן אַלע גלותן: ווו מען האָט געקענט, האָט מען זיך אַסימילירט. מיר זעען דאָס איצט אויך: פאַראַן לענדער ווו מען האָט יידן אַזוי פיינט, אַז מען לאָזט זיך נישט אַסימילירן. דאָרטן איז יידישקייט פעסטער.

שטייען מיר איצט פאַר אַ נייעם היסטאָרישן עקספּערימענט: נישט גויים מיט זייער שׂינאה ברענגען אונדז צו יידישקייט, נאָר יידן אַליין דאַרפן בויען, אין

גאַנצן פאַר זיך, אַן אייגענע מדינה. איז די מדינה נאָך ווייט נישט באַוואָרנט פון דרויסן, און שוין אינעווייניק אַרבעטן כּוחות פון אויפבוי און פאַרקערט, פון צעשטער. און הלוואי זאָלן די לעצטע נישט גובר זיין. דערווייל איז די סכּנה זייער גרויס. איך זע זי אין דער צאָל ריכטונגען ביי יידן אין ישׂראל. צו פיל ריכטונגען, און אין יעדער ריכטונג זענען אַן אַ צאָל „סובריכטונגען", אַן אַ שיעור ניואַנסן, מיינונגען און נייגונגען און מען קריגט זיך עפּנטלעך אָדער שטילערהייט. נישט ווילנדיק קומט תּמיד דער פאַרגלייך מיטן בבל-טורעם. און דערצו קומט נאָך צו דער פאַקט, וואָס אַלע ריכטונגען אין יידישן לעבן זענען דאָך ריכטונגען פון יידישקייט: אַלע ווילן עפּעס אַ נייע יידישקייט, קיינעם געפעלט נישט די יידישקייט וואָס איז דאָ. אַ וואָגן וואָס אַ פאַר צענדליק פערד ציִען — איטלעך אין אַן אַנדער ריכטונג...

עס שטעלט זיך אַ פראַגע: איז די דאָזיקע אייגנשאַפט, די קעגנזייטיקע פאַרקערטע אהבת-ישׂראל אַן אוראַלטע באַגלייטערין פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע, אָדער זי איז לכתּחילה נישט געווען און זי איז לעצטנס דערוואָרבן. די פראַגע איז נישט סתּם אַ טעאָרעטישע. אויב די אייגנשאַפט איז אַן אוראַלטע, אַן אָרגאַנישער שטריך אין כאַראַקטער, איז זי שווער אויסצוראָטן, שווער זי צו באַקעמפן, וועט זי חלילה בלייבן, איז יעדער אויפבוי נישט זיכער. דאַרף מען אַזוי דורכקוקן די גאַנצע געשיכטע אונדזערע. נעמען מיר זיך איצט צו דעם.

ווי יעדער אַנדער פאָלק איז דאָס יידישע פאָלק אויך צונויפגעזעצט פון שבטים, צי האָבן אַלע קרובישע שבטים זיך פאַראייניקט אין איין פאָלק, איז פאַר אונדז נישט וויכטיק דאָ. די פאַראייניקטע שבטים זענען אָבער נישט גלייך. פיר שבטים שטאַמען פון יעקבס דינסטן, איז זייער ייחוס דורך דער געשיכטע אַ קנאַפּערער. צווישן אפרים און יהודה גייט אַן אַ שטענדיקע קריגעריי. אין גלות-מצרים זענען אַלע שבטים גלייכע, נישט קענטיק קיין ייחוס. אַלע יידן, פון אַלע שבטים זענען גלייך צווישן זיך. אין אַלע גלותן איז עס „ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף" — וואָס וויל נישט וויסן פון יוספס פאַרדינסטן און — אַלע יידן זענען גלייך.

אויך משה רעדט נישט וועגן אַ טייל שבטים, נאָר וועגן אַ גאַנץ פאָלק, וואָס ער חלומט פון אים צו שאַפן אַ ממלכת כּוהנים וגוי קדוש... אָבער די שבטים וואַנדערן באַזונדער, נישט ווי איין געמיינזאַם פאָלק. קיין פרידלעך צונויפלעבן איז דאָך נישטאָ. גלייך הייבט זיך אָן די מעשׂה „עגל הזהב", משה באַקלאָגט זיך: „איכה אשׂא לבדי" (דברים א׳), ווי קען ער אַריבערטראָגן זייערע קריגערייען, מחלוקתן און זייער טירחה? פון רש"יס דערקלערונגען אויפן אָרט איז צו זען, אַז אויך אין יענע, רש"יס צייטן איז געווען נישט בעסער: יידן קריגן זיך. עס קומט דער אויפשטאַנד פון קורח ועדתו: וואָס איז עפּעס משה דער גאַנצער יחסן?

אַלע יידן זענען די זעלביקע מיוחסים! אַקוראַט ווי אַ היינטיקער רב שרייבט: „די ווייצמאַנס מיט די סאָקאָלאָווס״ — נישט זיי, נאָר מיר — די גדולי ישׂראל און רבנים דאַרפן האָבן די ממשלה... די קריגערייען זענען משהס פערזענלעכע טראַגעדיע. ער האָט עס נישט געקאָנט בייקומען.

שפּעטער, אין לאַנד, באַזעצן זיך די שבטים באַזונדער. נישטאָ קיין גאַנץ פאָלק. עס געלינגט נישט די שופטים צו פאַראייניקן אַלע שבטים, עס געלינגט נישט שאולן. דוד פאַראייניקט כּלומרשט אַלע שבטים, אָבער זיין צייט איז פול מיט אויפשטאַנדן און קריגערייען. שלמהס צייט איז איין גאַנץ פאָלק, אָבער שוין באַלד נאָך שלמהן איז שוין נישטאָ מער קיין איין געמיינזאַם יידיש פאָלק. די צוויי גרעסערע יחסנים־שבטים — יהודה און אפרים צעטיילן דאָס פאָלק. צוויי פעלקער, צוויי מלוכות, צוויי פאַרשיידענע גורלות און צוויי פאַרשיידענע קולטורן. עס דערגייט אַפילו צו קריגערייַ צווישןביידע מדינות. ווען ישׂראל גייט אונטער, איז אין תּנך נישטאָ קיין טרויער, סתּם אַ באַרעכטיקונג און מער נישט. נישטאָ קיין טרויער אויך נאָך דעם, סיידן ביי ירמיהו הנביא (ירמיהו ל״א), „הבן יקיר לי אפרים״. דאָס געבליבענע פאָלק יהודה פאַרגעסט גאָר גיך דאָס צווייטע פאָלק אפרים, וואָס איז אונטערגעגאַנגען. דאָס געבליבענע יהודה פאַרגעסט נישט די שבטים־פאַרטיילונג. ערשט אין גלות־בבל ווערן יידן צוריק איין פאָלק. נישטאָ מער קיין שבטים! אַוועק אין גלות זענען דאָך שבטים, געקומען פון גלות איז פאָרט איין גאַנץ פאָלק: ווידער האָט עס דער גלות פון באַזונדערע שבטים צונויפגעזעצט איין גאַנץ פאָלק.

אָבער דאָס פאָלק האַלט זיך גאַנץ, געמיינזאַם בלויז אַ העלפט בערך פון בית־שני־צייט. זינט ארץ־ישׂראל פאַלט אונטער דער העלעניזירטער מצרים און סיריע גייען ווידער קריגערייען און מחלוקתן, מחלוקתן אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג. קריגערייען פאַר דער מאַכט, און קריגערייען צווישן פּאַרטייען. די קריגערייען פירן צום חורבן, וואָס די גמרא שאַצט אָפּ ריכטיק, אַז זיי האָבן געבראַכט דעם חורבן — קמצא און בר־קמצא...

ווידער גלות! איין פאָלק מיט איין גורל. דער קליינער ייחוס פון די כּוהנים שטערט נישט דער געמיינזאַמקייט פון פאָלק. האַלט זיך די געמייבזאַמקייט כּל־זמן עס ציט זיך דער גלייכער גלות. צעפאַלט דאָס פאָלק אויף ספרדים און אשכּנז, וואָס האַלטן זיך גאַנץ באַזונדער. אויך אַשכּנז צעפאַלט אויף באַזונדערע טיילן לויט די מדינות. עס ציט יידן מער צו די לאַנדפעלקער ווי קעגנזייטיק צווישן אַנאַנד. אַ שעפעריש יידיש פאָלק בלייבט בלויז אין מיזרח־איראָפּע, דווקא אין דעם שטאַרקסטן גלות. די קריגערייען ווערן גאָר שטאַרק דווקא אין דער מדינה, ווו עס איז נישטאָ מער קיין גלות. הלוואי זאָל די מדינה גובר זיין די קריגערייען. גאָר גרינג וועט עס נישט אָנקומען...

8

עטוואָס וועגן יידן אין אַמעריקע

פרייעלעכקייט אָן פרייד

נאָך אויף יענער זייט ים ווען איך בין געווען, פלעגט זיך מיר שטעלן אַ פראַגע: עס קומען אָפּט אַמעריקאַנער קיין ארץ־ישׂראל, קיין ווילנע, אָנשעפּן אַ ביסל מוט, גייסטיקע ענערגיע. עפּעס אַ קינאה, פלעג איך זען, ברענט אין זייערע אויגן. זיי, די אַמעריקאַנער, פרייע און רייכע יידן זיינען בפירוש מקנא די אָרעמע, די געדריקטע, די גערודפטע יידן פון אַ ווילנע. פלעג איך ניט פאַרשטיין! ווער און וואָס לאָזט ניט זיי, אַט די גוטע, האַרציקע אַמעריקאַנער יידן אַנטוויקלען און פונאַנדערבויען אַ יידישקייט רייכער און טיפער און שענער? איז די מוט, די עקשנות בלויז מעגלעך, ווו מען דריקט, ווו מען פּלאָגט? פלעגן די אַמעריקאַנער געסט שלינגען מיט לייכטנדיקע אויגן די דערשיינונגען פון יידישן קולטור־לעבן. פלעגט מען ביי זיי בעטן — „דערציילט ווי איר אין אַמעריקע לעבט דאָרטן", — פלעגט אַ וואָלקן אויף זיי אָראָפּגיין. פלעג איך עס ניט פאַרשטיין. בין איך אַריבערגעפאָרן דעם אַטלאַנטיק, געזען אַ שטיקעלע פון אַמעריקע און — איך האָב פאַרשטאַנען דעם... „פּירוש" אויף פּרצעס אַ מעשׂה.

פאַראַן ביי פּרצן אַ פאָלקסטימלעכע געשיכטע „דער בעל־שם פּירט אויס אַ שידוך". דער דייטשישער יידישער בעל־צדקה, דער גוטהאַרציקער ייד איז רייך, אָבער אין טיפן אייביקן אומעט, ער און זיין משפּחה: דאָס קינד זייערס, די טאָכטער קאָן קיין שידוך ניט טאָן און קיין גלויבן אין גוטער יידישקייט איז אויך ניטאָ...

בלויז טרויער, עצבות. ביז דער אָרעמער גייער, דער גלות־אַפּריכטער, וואָס האָט זיין רייכקייט אַוועקגעגעבן פאַר אַ קינד, פאַר אַ המשך, פאַר אַ יורש פון יידיש־קייט (ניט פון זיין געלט!), וואָס גייט איבער דער וועלט מיט דעם טיפן גלויבן אין „זיין ליבן נאָמען" — ביז אָט דער אָרעמאַן ברענגט דעם רייכן אַ טרייסט, אַ גלויבן און אַן אויסלייזונג. — איך האָב קיין מאָל ניט געוווסט דעם טיפערן זינען פון דער מעשׂה: פּרצעס אַ מעשׂה אָן אַ טיפער אידעע?.. דאָ, צווישן די אַמעריקאַנער יידן האָב איך פאַרשטאַנען די מעשׂה.

אַמעריקאַנער יידן זוכן זיך צו פאַרווילן. זיי זיצן אין עצבות. עס קומט אַ רעדנער, דאַרף ער פאַרווילן, פריילעך מאַכן, פאַרשאַפן „גייסטיקן פאַרגעניגן" (אַזאַ ספּעציעלער טערמין). ווילט איר עפּעס שאַפן, מוזט איר צוגרייטן אַ פּראָ־גראַם, אַ טיי, עפּעס געשמאַקערס פון טיי. איר דאַרפט פאַרווילן. שולן דאַרפן פון זייער קנאַפּער צייט אָפּרייסן אויף קאָנצערטן. קומט צו פאַרווילן אַ שרייבער, מאַכט מען אַ קבלת־פּנים, — טאָ זאָל ער ניט ריידן קיין סך, זאָל מען פון אים ניט פאַרלייענען קיין סך. ער דאַרף ניט באַלערנען, ער דאַרף פאַרווילן. זאָל זיין אַ „פּראָגראַם" — אַ גרינגער, פאַרווילנדיקער מאַטעריאַל. ערשטער מאַי — דאַרף מען פאַרווילונג. און אין ווייניקער אינטעליגענטע שיכטן איז — טענץ און קאָרטן. ניט קיין עבירה צו טאַנצן, קאָרטן זיינען ניט טריף. אָבער ווען עס ווערט אַן אינ־האַלט אין לעבן, דעמאָלט איז שוין אַנדערש: וויין צום סדר איז אַ מיצווה, — שיכּרות איז — אַן אומגליק. אַ לעבן פאַרווילן זיך מיט טענץ און קאָרטן — דאָ איז שוין פאַראַן טראַגישעס.

עפּעס איז אין אַמעריקע ביי די יידן פאַראַן אַ קולט פון פאַרווילן. זיי דאַרפן זיך פאַרווילן, מען דאַרף זיי אַמוזירן, אַלץ וואָס מען טוט דאַרף פאַרווילן. פון קאָרטן ביז גרויסע נאַציאָנאַלע טוונגען — אַלץ דאַרף פאַרווילן אַזוי אָדער אַנדערש. אָט דער קולט נעמט זיך פון טיפער, טיפער גייסטיקער אומעטיקייט. עס פעלט אין לעבן פריידיקייט, דאַרף מען מאַכן פריילעכקייט. עס איז ניטאָ קיין אָרגאַנישע פרייד, מוז מען ברענגען געקינסטלטע, געמאַכטע פריילעכקייט.

איך בין אַנומלט געווען אויף אַ פאַרווײלונג אין אַ פּריוואַט הויז. לעבן מיר איז געזעסן אַ פרוי און האָט מיר דערציילט אירע צרות און שוועריקייטן, וואָס זי האָט מיט אירע צוויי קינדער. און אין צימער האָבן צוויי עלטערע מיידלעך זיך פריילעך געמאַכט, מיט אַלעמען געטרונקען, געזונגען, געטאַנצט, געלאַכט אויפן קול, פאַרקלונגען דאָס הויז. און איך האָב געטראַכט: ווי גליקלעך וואָלטן די צוויי מיידלעך געווען ווען זיי קאָנען פאַרבייטן זייער פריילעכקייט, זייער לאַכן אויף די צרות פון אָט דער מוטער... ווער זאָגט עס, אַז דאָס גליק פון לעבן איז פאַרווילן זיך, זיין פריילעך? — דאָס איז געווען דער לאָזונג פון אונטערגייענדיקן, דעגראַדירטן, דעגענערירטן רוים: „ברויט און פאַרווילונג". ניין און ניין! דאָס

גליק אין לעבן איז האָבן צער, שרעק און יסורים פון שאַפן, טרוים, פאַרלאַנג, ציטער, האָפענונג. ווייען פון שאַפן זיינען פרייד פון שאַפן. דאָס גליק פון מענטשן זיינען קינדער, פיזישע און גייסטיקע. האָבן און האָדעווען קינדער, אידעען, אידעאַלן, אויפטועון — אָט דאָס גליק איז גאָרניט לאַכעדיק-פריילעך! „זייען מיט טרערן" — אָט די טרערן פון זייען — בלויז זיי קאָנען ברענגען געזאַנג פון שניידן.

אַ ליידיק לעבן, אַ לעבן אָן שאַפן, אַ לעבן אָן האָפענונג אויף פריידיקן שניט — אַזאַ לעבן איז דורך און דורך טראַגיש, טרויעריק — אַזאַ לעבן פון איבערגעעלטערטע איינזאַמע מיידלעך קאָן געמאַכט ווערן פריילעך, טאַנצעווודיק, מען קאָן אַ לעבן פאַרשיכּורן, פאַרשפּילן אין פריילעכע קאָרטן.

דאָס איז די טראַגעדיע פון פריילעכקייט. מען דערציילט, אַז אין גיהנום שטראָפט מען אייניקע זינדיקע מיט אייביקן טאַנצן. דאָס טרויעריקסטע, אומגליקלעכסטע לעבן איז דאָס לעבן פון כּסדרדיקע פאַרווייַלונגען, פון תּמיד פאַרוויילן זיך.

פריילעכקייט איז אַ מאָמענט, ניטאָ קיין נעכטן, ניטאָ קיין מאָרגן. עס איז אַ מין שיכּרות, ביז מען ניכטערט זיך אויס. עס איז געבראַכט, געקויפט פון דרויסן. פריידיקייט קוועלט פון אינעווייניק, עס האָט דויער, עס שטאַמט פון נעכטנס, עס האָפט אויף מאָרגנס. פריידיקייט איז אָרגאַניש, ניט פּראָדוצירט, ניט געמאַכט.

פאַראַן אין אַמעריקאַנער יידיש צוויי באַגריפן: „מען מאַכט אַ לעבן" און „מען לעבט זיך אויס". ווען דאָס לעבן איז ליידיק, גאָרנישטדיק, דעמאָלט זוכט מען אָן „אויסלעבן" זיך, דעמאָלט ווערט אַ געיעג נאָך „אויסלעבעכץ", און אין אַ לאַנד פון קאַפּיטאַליזם, אַלץ ווערט פּראָדוצירט דורך קאָמפּאַניעס, דאָרטן ווערט אויך „אויסלעבן" פאַרקויפט. פירמעס, טראַסטן, פּראָדוצירן און שטעלן אייך צו „אויסלעבעכץ" פאַר אייערע פאַר דאָלער. און ווי צווישן אַנדערע פירמעס גייט דאָ אויך אַ קאָנקורענץ. און — אָט איז דאָס קולטור-לעבן פון יידן אין אַמעריקע. און דאָס אַלץ, ווייל דאָס עצם לעבן פון די אַמעריקאַנער יידן, ניט דאָס אויסלעבן זיך, נאָר דאָס לעבן אַליין, איז אָן פרייד, איז טרויעריק און דער עיקר — אָן צער פון שאַפן, פון טראָגן דעם מאָרגן. עס פעלן יסורים און גלויבן פון טראָגן און שאַפן און בויען, און האָדעווען. עס פעלט אַ אידעע פון יידישער צוקונפט, פון אַ מאָרגן.

פאַראַן ביי שלום-עליכם אַ מאָנאָלאָג „נחת פון קינדער". ס׳הייסט, אַז אַלע קינדער זיצן ביי דעם טאַטן אויפן קאַרק, אַז קיין חיונה האָבן די קינדער ניט. אָבער — אַז עס קומט אַ יום-טוב, אַ פּורים און די גאַנצע משפּחה מיט די קינדער מיט די אייניקלעך קלייבן זיך אַרום טיש, און „די שקצימלעך גיבן אַ כאַפּ אונטער ׳צהלה ושמחה׳ — ווער איז צו מיר גלייך? וואָס מיר בראָדסקי, ווען מיר ראָט-

שילד ?״ — און ער איז גערעכט: זיין פרייד איז פון אַ קאָסמישן כאַראַקטער, עס איז די פרייד פון אַ בוים וואָס וואַקסט, די פרייד פון פייגעלעך וואָס בויען נעסטן און האָדעווען אין זיי נייע דורות. עס איז לעבן, עס איז די יסורימדיקע פרייד פון טראָגן און געבוירן און האָדעווען. עס איז די פרייד פון צער גידול בנים.

און אָט די אָרגאַנישע פרייד פעלט ביים אַמעריקאַנער יידנטום, ריכטיקער — ביי דער אַמעריקאַנער יידישקייט. ווערט אַ טיפערן יידן מיט אַ טיפערער נשמה אומעטיק פון דער געקויפטער, געמאַכטער פריילעכקייט, — לאָזט ער זיך ערגעץ איבער דער וועלט זוכן יידישע פריידיקייט, זיך אָפפרישן מיט יידיש לעבן.

פרייד קומט פון שאַפן, שאַפן מיינט פראָדוצירן עפּעס אַרום זיך, וואָס עס איז פריִער געווען אין זיך, וואָס איך האָב אויסגעטראַכט, אויסגעחלומט; פרייד שטעקט אין מענטשן — פריילעכקייט קומט אַלע מאָל פון דרויסן, פרייד שאַף איך, פריידיקייט קוועלט אין מיר. פריילעכקייט קריגט מען ווען עס איז ניטאָ קיין פריידיקייט, פרייד איז געלאַסן. פריילעכקייט איז ראַשיק, טומלדיק, צו פאַרהילכן דעם אינעווייניקסטן אומעט. פריידיקייט איז פאַרנומענקייט, ניטאָ קיין צייט, פריי־לעכקייט קומט ספּעציעל צו פאַרטרייבן די ליידיקע צייט, ווען עס איז ניטאָ וואָס צו טאָן. וואָס צו טאָן איז אַלע מאָל דאָ אַ סך, נאָר מען איז ליידיק און מען ווייס ניט וואָס. דער אינעווייניקסטער גייסט איז ליידיק, ניטאָ קיין אידעע אינע־ווייניק, ניטאָ וואָס צו טאָן אויסנווייניק.

פרייד שפּראָצט און קוועלט פון לעבן. פריילעכקייט מאַכט מען, פּראָדוצירט מען, קויפט מען. פעלט פרייד אין פריילעכן יידישן לעבן אין אַמעריקע. האָט מען פיינט דעם, וואָס דערמאָנט עס, איז מען ברוגז אויף דעם וואָס וואָגט אויסצוזאָגן דעם סוד, אַז דער מלך איז אייגנטלעך גאָר נאַקעט; איז מען ניט צופרידן מיט דעם, וואָס דעקט אָפּ פון אונטער דער געמאַכטער פריילעכקייט די אינעווייניקסטע אומצופרידנקייט, דעם טיפן אומעט און טרויער.

האָט זיך אויפגעהויבן אַ בייזער ליאַרעם:
צו וואָס פּייניקט ער אונדז מיט בלוט?
האָבן האַרטע שטימען געשאָלטן
מיינע לידער, געסמט זיי די טריט...
געשמיסן מיט שינאה־געמיטער
מיינע לידערס נאַקעטן גוף.

(לייוויק)

„לאָזט צו רו״, „צו וואָס אויפדעקן וווּנדן?״, „מען דאַרף דאָך זיך פאַרגעסן״, „זייט ניט קיין פּעסימיסט״, מען דאַרף זיך באַנוגענען מיט אַ ביסעלע״, „מען טאָר

ניט זיין קיין מאַקסימאַליסט". — וויפל פאַריאושטער פעסימיזם, האָפענונגלאָזיקייט עס ליגט אין אָט די באַקאַנטע רייד! וויפל טרויער — אין דעם יאָגן זיך נאָך זיך צו פאַרגעסן! אידעעס האָבן אָפּגענאַרט, חלומות — זיך אויסגעוועבט; נייע וועגן געבויטע לויט פאַלשע קאָמפּאַסן האָבן פאַרפירט אין אַ טעמפּן ווינקל, מוז מען גיין צוריק, צוריק צום אויסגאַנגפּונקט, זוכן דעם ריכטיקן וועג פון דאָס ניי. פעלט שוין אָבער מוט און כּוח, „מיר האָבן אונדזערס שוין געטאָן. זאָלן זיי, די נייע, ווייטער טאָן". האָט זיך די שכינה אָפּגעטאָן פון פאָלק. זוכט מען זיך צו פאַרגעסן, צו פאַרוויילן זיך און זיך צו באַרויִקן. און אין האַרצן הילכט אָפּ נאָך פון אַלטן חדר אַרויס אַ בת־קול „אָ, ווי צו אייך, די רויִקע אין ציון און די זיכערע אין שומרון, די וואָס פאַרוויילן זיך, — צו אונדז וועט דאָס שלעכטס ניט קומען"... (עמוס) און ווי צו די פאַלשע נביאים, צו די כּלומרשטע גוטע פון אַלע דורות. איז דער נשמה אומעטיק און דער גוף מאַכט זיך פריילעך.

אין איינעם פון די אַרטיקלען אין דער פּאָלעמיק איקו"ף — ציק"אָ, האָב איך איבערגעלייענט אַזוינע עטלעכע ווערטער פון אַ באַקאַנטן יידישן שרייבער און קולטור־טוער:

„לאָמיר האַלטן ריין דאָס קליין אָרעם ווינקעלע פון דער יידישער קולטור, וווּ אונדז איז באַשערט אויסצולעבן זיך". „קליין אָרעם", „ווינקעלע", „אונדז באַשערט אויסצולעבן זיך"... האָט דאָס מיר דערמאָנט אַלטע לייט אין אַ מושב־זקנים — כּ'ווייס — אַ גאַנץ לעבן אָפּגעדאַוונט אין אַ מתנגדישן מנין, ווילט זיך שוין „אויסלעבן" אין אַזאַ — דאָס ביסל יאָרן... איז נאָך פאַראַן אַ טיפערער פעסימיזם ווי אָט דער? איז נאָך פאַראַן אַזאַ יאוש? קען נאָך זיין אַזאַ מין דיס־האַרמאָניע? פון איין זייט דער גרעסטער יידישער קיבוץ, דער קיבוץ וואָס שפּייזט און האַלט אויף אַלע קיבוצים, און פון דער צווייטער זייט — „קליין אָרעם ווינ־קעלע", „באַשערט אויסלעבן זיך?" טיף, טיף אין דער נשמה איז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אין עצבות און טרויער און אין יאוש און מען פאַרדעקט עס מיט גע־קויפטער פריילעכקייט, געמאַכט ביי דער אָדער יענער פירמע. דאָס איז די קללה פון גייסטיקער קינדערלאָזיקייט. ניטאָ קיין יורש, קיין המשך; דאָס איז די תּוכחה־קללה: „דיינע זין און טעכטער וועלן אָפּגעגעבן ווערן צו אַן אַנדער פאָלק. דיינע אויגן זעען און גייען אויס נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג און דיין האַנט וועט זיין אָן מאַכט" (דברים, כ' תבא). זין און טעכטער וועסטו געבוירן און זיי וועלן אין געפענגעניש גיין. און טיף אין האַרצן, ערגעץ אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך וויינט די נשמה פון אַ פאָלק, די שכינה פון פאָלק, און דאָס פאָלק פאַרהילכט אָט דאָס געוויין מיט „אויסלעבעכץ" און פאַרשפּילט אין קאָרטן.

א. גאָלאָמב

היימען אָן היימישקייט

אין אַמעריקאַנער יידיש האָט דאָס וואָרט „היים" אַן אַנדער ניואַנס: עס מיינט — דירה, הויז. מען אָרדנט איין אַ „היים", מען „בויט זיך אויס אַ היים" וכדומה. אַט דאָס וואָרט האָט, קלאָר, אַ שטיקל צויבער אין זיך. מען בענקט נאָך אַ גוטער היים. אָבער, עס איז געגוג אַ קליינער אַנאַליז כּדי צו זען, אַז די היים איז קיין היים ניט. היים איז ניט בלויז פיר ווענט מיט אַ דאַך. „היים" מיינט אַ סך מער — דאָס אָרט ווו מען איז היימיש, ווו מען פירט זיך לויט איינגעשטעלטע געוווינהייטן, ווו מען איז „ווי ביי זיך אין דער היים". ווי איז אָבער דער דין פון אַזעלכע היימען, ווו אַלץ איז ווי אין פרעמד? איז ניט היימיש און ניט היימ־לעך?

צענדליקער יאָרן זיצט אָפּ אַ ייד אין אַמעריקע. ווערט רייך און באַלעבאַטיש, מיט קינדער שטודירטע, מיט הייזער און ברייזער און — בענקט נאָך אַלץ נאָך זיין „אַלטער" היים, ווייל דאָרטן, אין די שטעטלעך, דאָרטן איז מען געווען היימיש, ביי זיך, פאַר זיך. בעת דאָ, מיט אַלע גליקן איז מען ווייט פון זיך צו פילן היימיש. נעמט אַזאַ יידן, אַן אַמעריקאַנער, וואָס האַלט זיך „שטאָל און אייזן" פאַר זיין אַמעריקע און פרעגט אים שטילערהייט אַזוי, — אינטים: איז ער צופרידן מיט אַמעריקע? — און ער וועט אייך כּמעט תּמיד ענטפערן נעגאַטיוו, און אַ מאָל, ביי אָפנהאַרציקייט, וועט ער אייך צוגעבן, אַז אַפילו ביי זיך אין דער היים איז ער — אַ פרעמדער מענטש. היים איז פאַרבונדן מיט אַלטגעזעסנקייט, מיט געוווינ־הייטן, וואָס מען טראָגט מיט זיך.

די, ביי וועמען די יידן האָבן איבערגענומען דעם טערמין „היים", — זיי האָבן טאַקע די נאַטור מיטצונעמען זייער „היים" מיט זיך אין קעשענע. ווען זיי פאָרן אַפילו אין עק וועלט. „היים" איז ניט אַן אָרט ווו מען שטעלט אויס זאַכן מיט זאַכעלעך, היים איז מער — אַ סכום פירונגען, האַנדלונגען, ירושה־געוווינ־הייטן, וואָס שאַפן אַ געפיל פון „ביי זיך", פון „ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן", דאָס שאַפן אַ צושטאַנד ווען אַ מענטש פילט זיך, אַז איך און בלויז איך מיט מיינע געוווינהייטן זיינען דאָ הערשער. דאָס איז דער זינען, די נשמה פון „היים". אַלע זאַכן, צימערן, מעבל, — דאָס זיינען בלויז „גוף" פון היים. יידן אָבער זיינען גע־וווינט צוליב אַ פּסיכישער אייגנשאַפט וואָס ניט דאָ איז אַן אָרט זי צו באַשרייבן, צו פאַרוואַרפן זייער היים און בענקען נאָך היימישקייט. אין אַמעריקע האָבן יידן געבויט היימען — דירות, הייזער, אָבער פון גייסטיקער היימישקייט אין די „היי־מען" איז גאַנץ ווייט. פילן דאָס יידן. מען באַגרייפט עס ניט, אָבער מען פילט עס און — עס פעלט די צופרידנקייט פון אמתער היימישקייט.

האָב איך געזען ביי יידן „היימען”, אָן עין־הרע — פּאַלאַצן, מוזייען פון מעבל — אַ לאַ אַלט־ענגליש, אַ לאַ פֿאַרצייטיק פראַנצייזיש, מיט ספּעציעלע ווינקעלערס, וואָס מען האָט קיין מאָל ניט גענוצט און מען וועט קיין מאָל ניט נוצן, מיט צאַצקעלעך און פליטערלעך, און אין די „היימען” זיצן גוטע, האַרציקע יידן און — בענקען נאָך אַ ביסעלע היימישקייט, וואָס מען האָט אַ מאָל, אין קינדהייט יאָ געהאַט ערגעץ אין אַ פּאַלעסישער כאַטע מיט אַ ליימענעם דיל. מען בענקט און מען האָט ניט די היימישקייט וואָס מען קאָן געפינען בלויז „ביי זיך”, אין דער אייגענער נשמה.

„הייזער וועסטו בויען, וועסטו זיצן אין זיי, אָבער ניט לעבן אין זיי”. „האָבן וועסטו לעקעך און וויין און בענקען וועסטו נאָך אַ שטיקל שוואַרץ ברויט”. „קינדער וועסטו האָדעווען אין רייכער זאַטקייט און בענקען נאָך דער באַפרידיקונג פון פולן לעבן מיט אַן עק פון אַ הערינג”... און ווי זאָל ער זיך פילן היימיש, אַז אין שטוב רעכנט ער זיך קודם־כל מיט דער דינסט, אין געשעפט — מיטן קונה, תמיד מיט יענעם, קיין מאָל ניט מיט אייגענע געוווינהייטן. אין געזעלשאַפט — מיט יענעמס מיינונג און פאַרלאַנגען... יענעמס שפּראַך, יענעמס יום־טובים, יענעמס גענג, אַלץ איבערגענומען. איז מען פון איין זייט שטאַלץ מיט דעם: „מיט לייטן גלייך, מיט לייטן צוזאַמען”. פון דער צווייטער זייט אָבער בענקט מען טיף אין זיך נאָך היימישקייט, נאָך אַ קאָפּעלע אינעווייניקסטער היימישקייט.

„היים” איז אין דער נאַטור און אויך ביי מענטשן פאַרבונדן אויך מיט צו־קונפט, מיט אויסהאָדעווען קינדער. אַ נעסט, אַ נאָרע — ביי חיות און אַ היים — ביים מענטשן — „פאַר קינדער און קינדסקינדער”. און דאָ, טיף, טיף אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון אונטערבאַוווסטזיין האָט דער ייד איצט אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין זיין „היים”... ער רעדט פון דעם ניט: „אַל תפתח פה לשטן”, ער באַמיט זיך צו פאַרטרייבן די ביטערע מחשבות, אָבער זיי בלייבן און עגבערן אין מוח: „ווי לאַנג נאָך?”... אַ מאָל האָבן יידן געגלייבט, אַז איינאָרדענען אַזאַ „היים” איז בלויז אַ פּראַגע אַן עקאָנאָמישע, אַ אינדיווידועלע, אַ פּריוואַטע. צו „יידישקייט” האָט די פּראַגע קיין שייכות ניט. פאַרקערט — וואָס ווייניקער יידישקייט, אַלץ גרינגער איז איינצואָרדענען די „היים”. איז געקומען די ביטערע ווירקלעכקייט און האָט געגעבן יידן אַ ביטערע לעקציע: — אַ ייד קאָן ניט איינאָרדענען קיין היים פּריוואַט, כל־זמן דער כלל יידן איז ניט איינגעאָרדנט. מען קאָן ניט אויסמיידן יידישקייט אַפילו אין פּריוואַטן לעבן, אַפילו ווען מען וויל פון איר אַנטלויפן. ניטאָ קיין זיכערקייט פאַר דעם יחיד, פאַר דער אינדיווידועלער היים, אַפילו ווען מען איז אַ ראָטשילד, אויב עס איז ניט פעסט פאַרזיכערט די היים פאַרן כלל... אַ ביטערע לעקציע, וואָס קלאַפּט אין קאָפּ אַריין. אמת, — דער אינערטנער ווילן זוכט אָוועקצוטרייבן די לעקציע, ווי מען טרייבט אַ זלידנע פליג.

„היטלער איז אַ שגעון פון דער וועלט", „אַמעריקע איז ניט דייטשלאַנד". און נאָך און נאָך אַזוינע תירוצים געפינט מען אָוועקצוטרייבן די פליג. האָבן דאָך דייטשישע יידן ביז ניט לאַנג זיך גרויס געהאַלטן מיט דעם וואָס „דייטשלאַנד איז ניט רוסלאַנד"... און מאַלע וואָס פאַר אַ מיטלען יידן טראַכטן צו כּדי אַוועקצוטרייבן די זלידנע פליג פון יידישקייט... איז דער געיאָגטער יידישער געדאַנק צו שוואַך צו ברענגען עפּעס צו מעשׂים, צו קלאָרע אויספירן און מעשׂים. אָבער ער, דער געדאַנק, איז גענוג שטאַרק צו פאַרביטערן דעם יידן זיין געמיט און באַרויבן אים זיין רויִקייט. איז דער ייד אין אַמעריקע אומעטיקער געוואָרן, און די אינעווייניקסטע, אָרגאַנישע אומעטיקייט איז געוואָרן גרעסער, טיפער, אַ וואָרעם פון אומזיכערקייט האָט זיך פאַרקליבן טיף־טיף אין אונטערבאַוווּסטזיין: ווער ווייס וועמעס מאָרגן עס איז? און בפרט, אַז דער אייביקער שׂונא, דאָס ווילדע, חיהשע יידן־פרעסעריי איז ניט בלויז ערגעץ ווייט אין רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד, אין פוילן, אין רומעניע, אין מעקסיקאָ. די מגיפה איז דאָ אויך דאָ אויפן אָרט. דער שׂטן איז געצאַמט מיט אַ קמיע פון דעמאָקראַטישן רעזשים. אָבער ווער ווייס? ווער קאָן גלייבן איצט אין כּוח פון אַ קמיע?

האָט זיך אַנומלט אויסגערעדט פאַר מיר אַ ייד אַ גביר, וואָס האָט מיר געוויזן זיין נייעם אויטאָמאָביל: „ס'וואָלט גאָרניט שלעכט געווען צו לעבן, ווען ניט היטלער". אָט דער „ווען ניט" — איז שוין דער ספק־וואָרעם. — איז אָט דער טיפערער, פאַרבאָהאַלטענער קאָמפּלעקס אין נשמה פון אַמעריקאַנער יידן. ער ווערט דורך דעם באַוווּסטזיין פאַרשטויסן, פאַרטריבן, אָבער קאָנפּליקטן פּסיכישע שאַפּט ער. און די גיריקייט צו פאַרוויילן זיך, צו שאַפן פריילעכקייט איז דער רעזולטאַט פון דעם.

9

וועלטלעכע ייִדישקייט

(אַרײַנפֿיר)

שוין גאַר לאַנג ווי עס ווילט זיך מיר אַרײַנזאָגן אונדזערע ייִדן אַ שאַרף וואָרט, עפּעס אַזוינס וואָס זאָל די צוהערערס אָדער די לייענערס וויי טאָן, אַזוי ווי עס טוט מיר וויי אַליין. עס קומט מיר אויס ווי איך שרייב און איך דערשרייב ניט, איך רעד און דערזאָג ניט, ווי איך וואָלט אַליין באַהאַלטן דאָס וואָס מאַטערט מיך, עפּעס באַהאַלט איך אַזוינס וואָס מען טאָר גאָר ניט באַהאַלטן, וואָס, פֿאַרקערט, מען דאַרף וועגן דעם אַ סך ריידן. אָבער וואָס איז עס אַזוינס, וואָס איך האָב מורא צו זאָגן אָפֿן? ווען איך דאָ איין מאָל זיך אָננעמען מיט מוט און לאָמיר ריידן אָפֿן און קלאָר ווי ווייט מען קען מיט ווערטער איבערגעבן געפֿילן. און אָט וואָס עס איז:

עס דאַכט זיך מיר, אַז מיר — אונדזערע ייִדן — האָבן פֿאַרלאָרן די פֿעיִקייט צו דענקען אייגענע געדאַנקען, צו טראַכטן אַליין, עס דאַכט זיך מיר, אַז ניט נאָר מיר חזרן איבער געדאַנקען פֿרעמדע, וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט, ניט נאָר אַלץ וואָס מיר ריידן, — איז וואָס מיר האָבן געהערט, וואָס מיר האָבן געהערט און געלערנט פֿון אַנדערע, נייערט אַפֿילו די געדאַנקען וואָס מיר טראַכטן זײַנען שוין ניט אונדזערע, ווי אונדזער „איך" וואָלט שוין געווען ניט אונדזערער, אַז שוין אין אונדזער דענקען און פֿילן זײַנען מיר ניט מיר, נאָר אַ קאָפּיע פֿון עמעצן אַן אַנדערן, אַפֿילו אונדזערע אינטימע געפֿילן זײַנען ניט עכט. אַזוי דאַכט זיך מיר. אַז איך הער עמעצן פֿון אונדז ריידן, טראַכט איך: פֿון וועמען האָבן מיר די ווערטער, די געדאַנקען? וועמען קאָפּירן מיר? נאַטירלעך

איז אַ מענטש דאָס וואָס ער לעבט איבער, וואָס ער טראַכט און וואָס ער פילט. ביי אונדז איז עס אָבער ניט אַזוי.

דער יידישער משלים־שרייבער אליעזר שטיינבאַרג האָט אַ משל „דער שפּיגל און דאָס בילד״. דער שפּיגל האָט טענות צום בילד פאַר וואָס ער איז תמיד דער זעלביקער, בעת ער — דער שפּיגל — איז תמיד עפּעס אַנדערש. ענטפערט אים דאָס בילד:

„דו ביסט דער און יענער / און יעדער איינער, ווייל אַליין ביסטו ניט קיינער״.

דאַכט זיך מיר אָפט, אַז מיר זיינען ווי יענער שפּיגל אין שטיינבאַרגס משל. דער שפּיגל האָט ניט קיין שטענדיקן „איך״, אויך מיר שפּיגלען נאָר אָפּ עמעצן. מיר האָבן יאָ אַן אייגענעם „איך״, אָבער ער איז אין אונדז דערשטיקט, ער איז אונטער אַלעם פרעמדן, וואָס דערשטיקט אונדזער „איך״, ער קומט ניט צום וואָרט. ווי נאָר מיר הייבן אָן צו ריידן, אַזוי שפּרינגט באַלד אַרויס אַ פרעמדער, אַ צווייטער, און ער רעדט אין אונדז. אונדזער אייגענע נשמה איז שטום. אונדזערע לאָזונגען זיינען געבאָרגטע, אונדזערע גלויבונגען זיינען פרעמדע, אַפילו אונדזער משיחן האָט מען אויסגעפּוצט אין אַ קאַזאַקישן שינעל.

געלייענט אַז איינשטיין זאָל האָבן געזאָגט: נייע געדאַנקען קומען נאָר אין יונגן עלטער, עלטערע מענטשן זיינען ניט פעיִק אַרויסצוברענגען עפּעס אַ ניי געדאַנק. זיינען מיר מסתמא זייער אַלט געוואָרן. אָבער ביי אונדז איז עפּעס אַנדערש: ניט מיר חזרן איבער דאָס וואָס מיר האָבן אַ מאָל געזאָגט, נייערט מיר זאָגן איבער כּסדר וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט.

ווילט זיך אָפט קומען צו יידן און אויסשרייען אַפילו אַ בייזע פראַגע: יידן, ווו איז אייער אייגענער יידישער „איך״? פאַר וואָס זיינען אייערע געדאַנקען ניט אייערע? איבערגענומענע, פרעמדע? פאַר וואָס פילט מען ניט אין אייערע רייד, אין אייערע מעשׂים, דעם אָפּהילך פון יידישע דורות?..

עס איז ניט קיין שווערע אַרבעט צו פרעגן. דער עיקר איז, צי קען מען מאַכן, מען זאָל דיין פראַגע דערהערן, און דערצו בין איך ניט זוכה געווען. אָפט דאַכט זיך מיר גאָר, אַז איך רייד בלויז צום שטומען פּאַפּיר און מיינע רייד ווערן לגמרי ניט געהערט, זיי בלייבן שטום ווי דאָס פּאַפּיר, וואָס צו אים רייד איך...

צווייטנס, איז דאָ נאָך אַ פראַגע: צי מעג אַ ייד זיך דערלויבן צו זיין אין כּעס און צו שטעלן בייזע פראַגעס צו יידן? ווער מעג זיך עס דערלויבן צו שטעלן זיך העכער פון פאָלק? אים שטעלן פראַגעס? די נביאים האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מיצווה, צו זאָגן מוסר, צו שטראָפן דאָס פאָלק און אים זאָגן שאַרפע רייד, וואָס שאַרפער אַלץ בעסער. האָבן חז״ל, פאַרקערט, דאָס געהאַלטן פאַר אַן עבירה, אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן געהאַלטן דעם גרעסטן נביא ישעיהו פאַר אַ שטאַרק

זינדיקן, אַז ער האָט גאָר אין זיין צייט פֿאַרדינט טויטשטראָף פֿאַר זיין זאָגן „בתוך עם טמא שפתיים אנוכי יושב". די גמרא־לעגענדע דערציילט אַז מנשה האָט טאַקע געהרגעט דעם נביא דערפֿאַר. און דער גוטער רש"י דערקלערט: דער נביא האָט די בייזע רייד געזאָגט ניט אין גאָטס נאָמען, נאָר פֿון זיך, ניט ווי אַ געשיקטער פֿון גאָט...

היינט מה דאָך די נביאים האָבן זיך ניט געטאָרט דערלויבן צו ריידן בייז קעגן יידן, אַ פּשיטא שוין אַ פּראָסטער ייד פֿון אַ גאַנץ יאָר. וועל איך פּרובירן דעם ענין באַהאַנדלען.

געדאַנק און וואָרט

נאָרמאַל איז דער געדאַנק אַ סך ברייטער פֿון דעם וואָרט. דער געדאַנק קען מיט איין מאָל אַרומנעמען אַ סך צייטן. ער קען אַרומנעמען דעם איצט און גאָר אַ סך „אַמאָל איז געווענס" און אויך „אַמאָל וועט זיין". דאָס וואָרט קען אַרומ־נעמען נאָר דעם היינט, דעם איצט. אַלטע לעבן נאָר מיט דעם איצט. מער באַ־נעמען זיי ניט.

איך קען אַ פֿריינד, אַן עלטערן אַלמן. קיין פּרנסה פֿעלט אים ניט. גייט ער אַלע טאָג נאָך מיטאָג טאַנצן. ער דאַרף פֿאַרברענגען אַן אָוונט. דער אַנגענעמער אָוונט באַפֿרידיקט אים, מער דאַרף ער גאָרניט. מיר, אינטעליגענטע יידן, אַז עס טאַנצט זיך שוין ניט, קומען איין מאָל אַ וואָך צי איין מאָל אַ חודש און מיר לאָזן אונדזער געדאַנק זיך דורכטאַנצן אַ ביסל. עס איז אויך אַ מין פֿאַרברענגען אַן אָוונט אָדער אַ פֿרימאָרגן.

ניט מער און ניט אַנדערש. אונדזער געדאַנק שלאָפֿט און אונדזער וואָרט איז גאָר אַ פֿרעמדס, ניט אונדזערס, ניט פֿון אונדזער לעבן, ניט פֿון אונדזער דענקען, ניט פֿון אונדזערע פּראָבלעמען, ניט פֿון אונדזער געפֿיל. עפּעס פֿון אַ פֿרעמדן סידור, פֿון פֿרעמדע געוווינהייטן, פֿון אַ פֿרעמד לעבן. וואָרט און געפֿיל, וואָרט און געדאַנק דאַרפֿן זיין פֿון איין מקור, ווי נשמה און גוף. דאָס וואָרט דאַרף זיין דער לבוש פֿון האַרץ. זעלטן ווען איר דערפֿילט עס ביי אַן אונדזעריקן.

מיין אייביקע פֿראַגע

איך קען זיך קיין מאָל ניט באַפֿרייען פֿון דעם שווערן געדאַנק: ווער זיינען מיר? זיינען מיר נאָך אַלץ אַ פֿאָלק? געהערן מיר אַלע, וואָס טראָגן דעם נאָמען

„ייד", צו איין און דער זעלביקער עדה, וואָס האָט איר ספּעציפישן גייסט און כאַראַקטער? אָדער מיר האָבן שוין פאַרלאָרן די פאָלקישע סימנים און איטלע־כער פון אונדז איז ניט מער ווי אַ שפּיגלבילד פון עפּעס אַ צווייטן? צי זיינען מיר אַ באַזונדער פאָלק וואָס האַלט ווייטער אין וואַקסן, אין פּראָדוצירן ווייטער אייגענע קולטורפּרוכט, אָדער מיר זיינען בלויז קאָפּיעס פון אַנדערע און מיר לעבן דערוויל ווי אַ מאַטעריאַל פאַר אַ קומענדיקן היטלער?

אָט אַזוינע פראַגעס קומען מיר אויפן געדאַנק.

צי זיינען די פראַגעס באַרעכטיקט, אָדער מאַלע וואָס עס ליגט אַ צעדרייטן אין קאָפּ? מאַלע וואָס אַ יידן פאַרוועלט זיך צו טראַכטן?

זיינען אָבער דאָ בולטע סימנים פון אונטערגאַנג:

1. אונטערגאַנג פון שפּראַך און צעפאַלונג אויף אַ גאַנצע ריי שפּראַכן. ווען אַ פאָלק לעבט אין פאַרזיכיק לעבן, ווערט ביי אים אַ שפּראַך געבאָרן, זיין שפּראַך. ווען אַ פאָלק גייט אויס, פאַרלירט ער קודם־כל זיין שפּראַך. די יידישע שפּראַך איז דער ערשטער סימן פון אונטערגאַנג פון פאָלק, אויב אַפילו מען קען נאָך אָנציילן גרויסע מיליאָנען פון דעם פאָלק.

2. דער צווייטער סימן איז דאָס אויספעלן פון קולטור־שעפערס. ניטאָ מער קיין שרייבערס, דיכטערס, הגם עס זיינען דאָ שולן און מען לערנט ליטעראַטור. עטלעכע יידישע שרייבערס זיינען איצט געקומען פון רוסלאַנד. פאַר וואָס דאָרטן יאָ און אין דער גאַנצער וועלט ניט? דאָס איז אַ צווייטע פראַגע.

3. ניטאָ מער קיין פולדיקע קהילות — ניט פון אַלע גלותן איבער דער גאָרער וועלט, אין באַזונדערע לענדער, אין גרויסע שטעט. פאַראַנען נאָך קלענערע סימנים, ווי דאָס אויספעלן פון פאַרלאַגן, דער אונטערגאַנג פון צייטונגען, דאָס ניט האָבן ווו אַהינצוטאָן יידישע ביכער וכדומה...

אָוונטן פון יידישן געדאַנק

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער יִיווָא אין לאָס־אַנדזשעלעס איינגעאָרדנט „אָוונטן פון יידישן געדאַנק". געמיינט האָט מען, אַז אָט די אָוונטן וועלן צוגע־וווינען מענטשן צו דענקען, צו שטעלן פראַגן און צו זוכן ענטפערס. איך האָב אַפילו געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט פון דעם אַרויסוואַקסן די נייטיקייט פון אַ געדרוקטן זשורנאַל. נאָך אַ שטיקל צייט האָבן מיר איבערגעריסן די אָוונטן. פאַר וואָס אַנדערע האָבן פאַרלאָרן דעם אינטערעס, ווייס איך ניט, איך אָבער האָב איינגעזען: עס קומען אַ פאָר צענדליק יידן, צו פאַרוויילן זיך אַן אָוונט. די אָוונטן אָבער זיינען צו אומעטיק. דער עולם זוכט אַ פאַרווייַלונג, און פּראָבלעמען פון יידישן לעבן היינט און מאָרגן זיינען גאָר ניט קיין פאַרוויילונג.

דער אינהאַלט פֿון אונדזער פּעריאָדיק און ליטעראַטור

וועגן וואָס שרייבן די שרייבערס וואָס זיינען נאָך געבליבן? וועגן וואָס רעפֿערירן די רעדנערס? די לעקטאָרן? עס איז „ליטעראַטור", גוטע אָדער בעסערע דערציילונגען, פֿאַראַן אַ סך געשיכטע, ביאָגראַפֿיעס. מען מיידט אויס „שווערע" פּראָבלעמען. מען רעדט יאָ וועגן דעם „אַמאָל איז געווען", מען רעדט זייער ווייניק וועגן דעם וואָס אַ מאָל וועט זיין. עס האָט מיר דערציילט אַ בוכהענדלער, אַ יידישער, וואָס קיין יידישע ביכער האָט ער שוין ניט אויסגעשריבן:

„עס קומט אַריין אַ יונגער מאַן, בעט אין ענגליש: גיט מיר פּאָר דעם אַלטן טאַטן אַ בוך מיט יידישע „דזשאָקס" (וויצן). ער ליגט אין שפּיטאָל און ס'איז אים אומעטיק. אָבער דאָס בוך זאָל זיין מיט גרויסן שריפֿט — זיינע אויגן זיינען אים שוין שוואַך... קיין אַנדערע ביכער פֿאַרקויפֿן זיך ניט. אַזוי פֿירן זיך אויך די ציייטונגען. דער איינציקער וואָכנבלאַט אין העברעיִש קריגט שטיצע פֿון עטלעכע קוואַלן און שיקט ווענדונגען נאָך שטיצע. זיינען די ווענדונגען אין ענגליש. די פֿאַרוואַלטונג האָט זיך פֿאַרענטפֿערט: אַ גרויסע צאָל אַבאָנענטן קענען ניט קיין העברעיִש. זיי שרייבן אויס נאָר כּדי צו שטיצן. שרייבט שוין דער זשורנאַל צו אַלע אַבאָנענטן אין ענגליש.

אונדזער ליטעראַטור איז אין משך פֿון אַ הונדערט יאָר אויסגעוואַקסן, מיר האָבן גרויסע „אָבות", גרויסע שעפֿערס, זיי פֿאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער וועלט-ליטעראַטור, אָבער זייערע קינדער, אָדער אייניקלעך קענען שוין ניט די שפּראַך, קענען שוין ניט לייענען וואָס די טאַטעס און זיידעס האָבן געשריבן, אָפֿט אַפֿילו געהערן זיי שוין ניט צום פֿאָלק פֿון זייערע זיידעס.

פֿאָלק און שפּראַך

דער שרייבער און זיינע קינדער — צוויי פֿעלקער זיינען זיי שוין. דער שרייבער אַליין איז געוואַקסן אין שפּראַך פֿון זיין פֿאָלק. ער איז אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט דעם גייסט פֿון זיין פֿאָלק. אָבער ער אַליין האָדעוועט זיינע קינדער ניט אין דער שפּראַך, זיי קענען שוין ניט זיין שפּראַך, די שפּראַך פֿון זיין שאַפֿן. זיי קענען אַפֿילו ניט לייענען וואָס ער שרייבט. זייער שפּראַך איז אַ צווייטע, זייער וועלט איז שוין ניט זיינע, ניט די שפּראַך וואָס האָט אים אויסגעהאָדעוועט. ער אַליין האָט זיינע קינדער דערווייטערט פֿון זיך און פֿון דעם קוואַל פֿון זיין שאַפֿן. אין אים ריידן דורות, ניט ער אַליין רעדט און שרייבט, נייערט דורות

גאַנצע. וויפל דורות זיין פאָלק לעבט, אַזוי פיל דורותריידן אָדער שרייבן מיט זיין פען, מיט זיין האַנט. די קינדער אָבער זיינע זיינען שוין אָפּגעריסן פון די דורות, פון דעם פאָלק וואָס האָט די שפּראַך געשאַפן אין זיין לעבן, זייער שפּראַך איז שוין אַ צווייטע. זייער שפּראַך האָט אויך אַ פאָלק געשאַפן, אָבער אַ צווייט פאָלק.

יענץ פאָלק מיט זיין שפּראַך איז איינס. איטלעך וואָרט אין יענער שפּראַך איז אַ קלאַוויש וואָס רופט אַרויס טענער און אויבערטענער, איבערלעבונגען פון זיינע דורות. אַלץ וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט אין גייסט, אַלץ ווערט באַהאַלטן אין די קלאַנגען פון דער שפּראַך אַחוץ די טייטשן. די טייטשן פון ווערטער זיינען בלויז איין עלעמענט פון פענאָמען שפּראַך. דאָס איז די שפּראַך ווי אַ פאַרשטענדיקונג צווישן מענטשן. דאָס זאָגט גאָרניט וועגן דער שפּראַך ווי אינעווייניקסטע אויסלאָדונג פון אייגענע איבערלעבונגען.

נאָך איידער קינדער קענען ריידן כּדי זיך צו פאַרשטענדיקן, ליגן זיי און פּלאַפּלען, זינגען, מוזיצירן פאַר זיך אַליין. לויט דעם „געזאַנג" פון קינד קען מען דערקענען זיין „שטימונג". דאָס קינד רעדט צו זיך אַליין און אָט דאָס ריידן איז אַ סך וויכטיקער ווי דאָס צונויפריידן זיך מיט אַנדערע. צו אַנדערע רעדט דער באַוווּסטזיין, צו זיך אַליין רעדט דער טיפערער שיכט פון מענטשן, וואָס ער אַליין קען נאָך ניט אָנרופן מיט ווערטער. ווען דער מענטש — דאָס קינד — הייבט אָן צו ריידן, איז ווידער דאָס זעלביקע: ער טראַכט, ער רופט אָן זאַכן, ער איז מיט זיך אַליין און מיט מענטשן אַרום. מיט זיך — אַ סך מער ווי מיט אַנדערע. רעדט דאָס קינד מיט דער שפּראַך פון זיין פאָלק, ירשנט ער מיט די ווערטער אַלע די איבערלעבונגען וואָס די ווערטער האָבן אַרויסגערופן ביי זיין פאָלק אין משך פון אַלע דורות ביז אים. ווערט די שפּראַך אין אים דער אוצר פון זיין פאָלקס דערפאַרונג ביז אים. דאָס איז אַ שלל עמאָציאָנעלע „מיטהילכערס" וואָס באַגלייטן דאָס וואָרט, זיי זיינען אָן אַ נאָמען, שטומע זיינען זיי.

אַזוי איז ביי יעדער מענטש, וואָס רעדט די שפּראַך פון זיין פאָלק. אַנדערש איז עס ווען אַ קינד רעדט אַ שפּראַך פון אַ צווייט פאָלק. זיינע עלטערן האָבן אים געגעבן ווערטער, זיי האָבן אָבער ניט די „בייהילכערס", וואָס באַגלייטן די ווערטער פון דער שפּראַך, די אַלע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס באַגלייטן דורותדיק דאָס וואָרט. דאָס קינד קריגט אַ שפּראַך צונויפצוריידן זיך מיט אַנדערע מענטשן, עס האָט אָבער ניט קיין שפּראַך צו זיך אַליין, פאַר זיינע אייגענע איבערלעבונגען. זיין שפּראַך איז זיינע, איין דור, מיט זיינע פּערזענלעכע שטימונגען און איבערלעבונגען איז זי יאָ פאַרבונדן אָבער מער ניט, מער האָט זי ניט, מער פאַרמאָגט זי ניט. די שפּראַך וואָס עס רעדט, וואָס די עלטערן האָבן אים געגעבן

פאַרבינדט אים ניט מיט קיין פאָלק, ניט מיט דעם פאָלק פון וועמען ער שטאַמט אַליין און ניט מיט דעם פאָלק, וועמעס שפּראַך ער רעדט.

אַ שפּראַך האָט דאָס קינד, אָבער קיין פאָלק האָט עס ניט. זיין שפּראַך, די שפּראַך וואָס ער רעדט פאַרבינדט אים ניט מיט קיין פאָלק, ניט מיט דעם פאָלק פון זיינע דורות און ניט מיט דעם פאָלק פון דער שפּראַכס דורות. אין די שריפטן פון די יידישע שרייבערס רעדן ניט די שרייבערס אַליין, ניין, אין די שריפטן רעדן אַלע דורות פון זייער פאָלק, אויף וויפל פאָלק און שפּראַך איז ביי זיי איינס. אָבער די מערהייט פון אונדזערע שרייבערס, כּמעט אַלע אפשר, האָבן אַליין אָפּגעריסן זייערע קינדער פון זייער פאָלקס שפּראַך, צוזאַמען מיט דעם אויך פון זייער פאָלק גופא און מיט זייערע אייגענע שריפטן אויך.

ווי איז דער גאַנג פון אַ ליטעראַטור? זי ווערט ניט געשאַפן נאָר פון די שרייבערס פּערזענלעך, פון זייער פּערזענלעכן טאַלאַנט און פעיִקייטן.

קיין איין שול אין דער וועלט קען ניט אויסלערנען צו זיין אַן אַנגעהעריקער פון דעם אָדער יענעם פאָלק, מען קען ניט אויסלערנען צו זיין אַ ייד, פּונקט ווי מען קען ניט אויסלערנען צו זיין אַ רוס, אָדער פּאָליאַק, אָדער טערק. אויס־לערנען אַ פאָלקישע אַנגעהעריקייט — דאָס קען מען ניט. יידן האָבן זיך באַמיט צו פאַרגויִשן זייערע קינדער, אַסימילירן זיי. און דאַך איז דער „בעסטער פּויליי־שער פּאָעט פון זיין צייט" פאַרט געבליבן ייד (יוליאַן טובים), און קאַרטשאַק איז געבליבן אַ ייד. און צענדליקער „אויסגעלערנטע רוסן" זיינען קעגן זייער ווילן דאַך געבליבן יידן און דער גרעסטער עם־הארץ, אַנאַלפאַבעט, איז פאַרט געווען אַ רוס. איך ספק זייער צי ווען עס איז וועט דער נאָבלפּרייז־געווינער פאַר זיין רוסיש ב. פּאַסטערנאַק פאַרט אַריינגענומען ווערן צווישן די עכטע רוסן.

אין שטעטל האָט מען פאַרשפּאַרט צו לערנען יידישקייט, אין שטאָט האָט דאָס לערנען ניט געהאָלפן צו זיין, צו ווערן אַ ייד. כּמעט אַלע יידישע שעפערס — די שרייבערס, די דיכטערס, די טוערס — כּמעט אַלע שטאַמען פון שטעטל. מען דאַרף געדענקען, אַז די שטעט זיינען ביז מיט אַ דור צוריק געווען אין יידישן זינען נאָר אַ סכום פון עטלעכע שטעטלעך. ווילנע, למשל — פון אַ זיבן אָדער אַכט באַזונדערע קהילות, מיט באַזונדערע כּלי־קודש, אפילו מיט אַ פאַרשיידע־נעם כאַראַקטער פון דעם טיפּ ייד (אפילו אַזוי ווייט!). אָט פאַר וואָס עס זיינען מער ניטאָ קיין יידישע שרייבערס, דיכטערס און אַנדערע שעפערישע מענטשן. שעפערישע מענטשן זיינען פּראָדוקטן פון דורות, ניט פון קיין שולן, אַפילו פון די בעסטע. ניטאָ אין אורבאַניזם קיין יידיש לעבן, איז אויך ניטאָ קיין שעפער. עס לערנען שולן און אַ סך יונגע יידן קענען דאָס יידישע לשון, אָבער עס איז אַן אויסגעלערנט יידיש, ניט קיין איינגעלעבט. די נשמה פון די מענטשן איז

איינס און די שפּראַך איז באַזונדער. קענען די מענטשן ניט זיין שעפעריש. די שטאָטישע, די אורבאַנישע יידישקייט איז דערוויל סטעריל, אומשעפעריש.

מען קולטיווירט געוויקסן. מען האָט אַנטוויקלט אַ סך סאָרטן ווייץ, וויינטרויבן, אַ סך סאָרטן פערד און הינט און אַנדערע. אָבער עס איז נאָך ניט געלונגען אויסצוהאָדעווען פון אַן עפּלבוים אַ מאַנדלבוים, אַן אַראַבישע קו צו פאַרוואַנדלען אין אַ האָלענדישע. אַזוי אויך איז עס אוממעגלעך פון אַ יידן צו שאַפן אַ פּאָליאַק דורך דערציִונג. מען קען דורך דערציִונג אויסהאָדעווען אַלערליי יידן, אָבער מען קען ניט דורך קיין שום דערציִונג האָדעווען פון יידן אמתע ענגלענדער, קיין רוסן. פעלקער ביי מענטשן זיינען אַזוי ווי סאָרטן ביי געוויקסן און חיות. ניטאָ אַזאַ דערציִונג וואָס קען פון אַ יידן אויסהאָדעווען אַן עכטן דייטש.

צי וועט די שטאָטישע יידישקייט קענען ווערן שעפעריש

איך גלייב קוים. עס קומט מיר אויס אוממעגלעך. און אַט פאַר וואָס: אין בעסטן פאַל זיינען די קינדער אין שטאָט אין צוויי קולטורן איינצייטיק. די יידישע קולטור טרעט אָפּ אַ גרויסן טייל פון איר צייט דער צווייטער קולטור. אויך די שול איז על־פּי רוב צווייקולטוריק איינצייטיק. דער מענטש וואָס וואַקסט אין אַט די צוויי קולטורן איז שוין ניט גאַנץ, ער איז געשפּאָלטן און אַזוינע געשפּאָלטענע מענטשן זיינען מסתּמא ניט פעיִק צו זיין שעפעריש.

בנוגע צו צוויי קולטורן, מוזן מיר אָננעמען אַ פּעדאַגאָגישן געזעץ: אַ מענטש קען אויפנעמען אָרגאַניש צוויי און מער קולטורן איינע נאָך דער צווייטער. פריִער איינע, נאָך דעם אַ צווייטע. ניט איינצייטיק. שטעטלשע קינדער האָבן געקאָנט שפּעטער אַריינדרינגען אין אַ צווייטער, און אָפט אַפילו אין אַ דריטער קולטור. ווען זיי זיינען שוין געווען אַריינגעלעבט אין איינער, אין דער שטעטלשער. שטאָטישע קינדער ווערן פון אָנהייב אָן באָמבאַרדירט פון צוויי קולטורן איינצייטיק, קענען זיי זיך ניט אַריינלעבן אין קיין איינער ניט. און דער סימן פון צוויי קולטורן זיינען די צוויי שפּראַכן. קינדער קענען גרינג זיך אויסלערנען צוויי שפּראַכן, אָבער עס איז אין דיביידע אַ קנאַפּע ברכה: קיין שעפערישקייט איז ניטאָ אין ביידע.

שטאָטישע יידן האָבן אַ סך געזאָרגט פאַר דער יידישקייט פון זייערע קינדער, ניט ווייניקער און אַ סך מער ווי די שטעטלשע יידן. מען האָט זיך געלאָזט קאָסטן, מען האָט געבויט שולן און אָפט אַפילו גוטע שולן אויך. בעסערע פון די שטעטלשע חדרים. אָבער די נוצן זיינען געווען מינימאַלע: די קינדער זיינען שוין געוואַקסן לכתחילה ניט אין איין מאָניסטישער קולטור אין זייער קינדהייט.

אַנדערע פעלקער לעבן אין גרויסע שטעט אויך צוזאַמען. פאַראַן ראַיאָנען באַ־וווינט מיט אַ מערהייט פון אַ געגעבענעם פאָלק. די גאַס איז מער־ווייניק איינ־קולטוריק. יידן, צום באַדויערן, האָבן אַ דראַנג זיך צו צעשפּרייטן, צו צעשיטן זיך וואָס ווייטער איינער פון צווייטן. אַפילו אין די אַזוי גערופענע יידישע ראַיאָנען. די גאַס, די סביבה איז ניט קיין יידישע. יידן טוען נאָך מער, זיי טראָגן אַריין, זיי ברענגען די פרעמדע שפּראַך מיט דער פרעמדער קולטור אַריין אין די אייגענע הימען. קינדער וואַקסן ניט אין איין מאָניסטישער קולטור. דאָס גיט ווייניק האָפענונג אַז עס זאָל זיך קענען אַנטוויקלען אַ באַזונדערע יידישע אורבאַנישע קולטור.

די צוויי קולטורן, די פרעמדע און די אייגענע טראַדיציע סומירן זיך ניט. פאַרקערט, שטערט איינע דער צווייטער. וואַקסן יידישע דורות אָן אַ קולטור־פּרצוף. ווייל אָן אַ קולטור־באָדן. זיינען די יונגע יידן ווי צעבראָכן, האַלבירטע, ניט אַהין און ניט אַהער. קיין שעפערישע מענטשן קענען זיך אַזוי ניט אַנטוויק־לען. יידישע שרייבערס, דענקערס זיינען ניט קיין פּראָדוקטן פון איין דור. אין יעדער געזעלשאַפטלעכן טוער, אין יעדער שעפערישקייט אַנטפּלעקן זיך דורות. אָט דאָס דורותדיקע גיט זיך ניט איבער צו דער יידישער שטאָטישער יוגנט, וואָס וואַקסט אין אַ צעבראָכענער אַטמאָספער. ניטאָ קיין יינגערע יידישע שריי־בערס, הגם עס זיינען פאַראַן אויך גוטע שולן, וואָס האָבן אויסגעלערנט יידיש לשון — דאָס דורותדיקע פעלט אין דעם מענטשן. דאָס קען די שול ניט אויס־לערנען, אַפילו די בעסטע.

יעדע ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך אַזוי :

בראשית איז דאָ אַ פאָלק, וואָס לעבט זיין אייגן לעבן, עס דערציילט זיך מעשיות, זינגט, וויצלט זיך, זאָגט „חכמות". דאָס אַלץ איז ליטעראַטור שבעל־פּה. ערשט פון דעם קומען שרייבערס און פּאָעטן. אונדזער גאַנצע ליטעראַטור שטאַמט אַלץ נאָך פון שטעטל, ווו מיר האָבן געהאַט אַ פאָלק. מיר נעמען נאָך אַלץ אַראָפּ די פּרוכט פון יענעם גאָרטן. אָבער מיר פלאַנצן ניט קיין נייע גערטנער ; מיר שניידן אונדזערע אַלטע פעלדער, אָבער מיר פאַרזייען ניט קיין נייע פעלדער. גרויסע שעפערס און פרעמדע קינדער. מען האָט געשניטן און ניט געזייט, גע־שפּייזט זיך מיט פּרוכט און ניט געזאָרגט עס זאָלן ווייטער זיין פּרוכטן. ניטאָ מער קיין יידיש לעבן און ניטאָ מער קיין ליטעראַטור.

אָרעם איז געווען דאָס שטעטל, אָבער עס איז געווען אַן אייגנס, אונדזערס. האָט עס געהאָדעוועט שעפערס, שרייבערס און דענקערס. מער ניטאָ. דאָרטן, אין אַמאָליקן שטעטל, אין אַלטן בית־מדרש האָט זיך געהאָדעוועט ביאַליקס „מתמיד", אָן לערערס און אָן דיפּלאָמען זיינען יענע ביאַליקס מתמידים געווען צוקונפטיקע גדולי ישראל. און אָט קומט דער פריַערדיקער מתמיד צוריק פון

דער גרויסער וועלט מיט דער גאָר קליינער נשמה, צוריק צו דער „שוועל פון אַלטן בית־מדרש" אין אַלטן שטעטל.

ביאַליק האָט נאָך געלאָזן דאָס שטעטל. געקומען דער מתמיד צוריק, קוים זיך געראַטעוועט, געקומען אָנזאָגן: „די שלעגערס האָבן געזיגט", געקומען מיט אַ געפיל „אַ גוטע נאַכט דיר, גרויסע, שטינקעדיקע וועלט"... אָבער אויך מיט דעם גרוס איז דער מתמיד נאָר איינער. דאָס פאָלק בלייבט אין דער גרויסער וועלט מיט איר קליינער נשמה. זיינען מיר געבליבן ניט אַהער און ניט אַהין, זיינען מיר אין כּעס אויף אַלעמען, זיי גייען פאַרביי אונדז. זיינען מיר געגליכן צו יענעם פויגל מיט די קראַנקע פליגלען וואָס בלייבט ליגן אויפן וועג, ווען די גאַנצע טשאַטע פליט ווייטער אין די וואַרעמע לענדער. זיינען מיר אין כּעס אויף די ציוניסטן וואָס זיינען געלאָפן פון שטעטל צו בויען אַ נייע גרויסע „מדינה־שטעטל". זיי האָבן אין געלאָף ניט מיטגענומען די נשמה פון שטעטל. צאָלט דער־פאַר דער יישוב אין ישׂראל זייער אַ טייערן פּרייז און ער וועט נאָך צאָלן מער און מער, אָבער ווייניקער ווי ווער עס איז קענען, מעגן מיר האָבן טענות, וואָרעם וואָס האָבן מיר געטאָן? מיט קריטיקירן יענעם טוט מען גאָרניט אויף אַליין. זיינען מיר געוואָרן קריטיקערס און ביי דעם בלייבט עס.

זיינען מיר אין כּעס אויף די וואָס ליגן נאָך ביי די שוועלן פון יענער גרוי־סער קליינלעכער וועלט און קענען זיך אַלץ ניט אָפּרייסן פון איר. אָבער אַליין עפּעס אויפטאָן — דאָס האָבן מיר ניט געפּרובירט יונגערהייט און אַפשיטא שוין איצט, ווען מיר זיינען אַלט געוואָרן. מיר האָבן אַפילו ניט געפּרובירט אויפקלערן גענוי אונדזערע פּרינציפּן, וואָס מיר גלייבן אין זיי. איינער פון אונ־דזערע וויכטיקסטע פּרינציפּן איז וועלטלעכקייט.

ווער זיינען מיר? מיר זיינען וועלטלעכע יידן. אָבער וואָס מיינט עס וועלט־לעכקייט? און פאַר וואָס זיינען מיר וועלטלעך? מיט וואָס זיינען מיר וועלטלעך? — דאָס איז פאַר אונדז אַליין געבליבן ניט אויפגעקלערט. מיר ווייסן צו זאָגן אַז וועלטלעכקייט איז ניט־רעליגיעז, אָבער שוין אין אלף־בית פון לאָגיק ווערט עס געלערנט, אַז אַ נעגאַטיווע דעפיניציע זאָגט גאָרניט, דערקלערט גאָרניט. אַז איך זאָג: — „אַ טויב איז ניט קיין העלפאַנד" — האָב איך גאָרניט געזאָגט.

מיט דעם זאָגן אַז וועלטלעכע יידישקייט איז ניט קיין רעליגיעזע, האָבן מיר נאָך לחלוטין גאָרניט געזאָגט, וואָס איז יאָ אָט די וועלטלעכע יידישקייט. און עס איז ניט געווען בלויז אַ לאָגישער פעלער אין דערקלערן, — עס איז געווען אַ דעפעקט אין עצם באַגריף פון וועלטלעכקייט: מען האָט טאַקע ניט געוווּסט וואָס עס איז יאָ אָט די וועלטלעכע יידישקייט, וואָס איז איר פּאָזיטיווער אינהאַלט, וואָס וויל זי אַריינפירן אין יידישן לעבן. מיט „כּל־נדרי־בעלער" און מיט עסן קרעבסן ווייזט מען נאָר אַז מען „קעמפט" קעגן גאָט, מען טוט עמעצן עפּעס אָפּ

אַ צולהכעיס אַזאַ: „זעסט, גאָט, איך טו דיר להכעיס — און טו מיר עפּעס. איך האָב ניט קיין מורא". איז דאָס גוט איין מאָל, אָבער דאָס דריטע מאָל, איז עס שוין אַ געוווינהייט ווי אַלע טאָג. טאָקע ניט קיין רעליגיע, אָבער קיין פּראָגראַם פון וועלטלעכקייט איז אויך ניטאָ. בלייבט גאָרניט. איז וועלטלעכקייט נאָר אַ פּוסטער קלאַנג, אַ וואָרט אָן אַן אינהאַלט.

בכלל לעבן מיר אַזוי, מיט ווערטער אָן אינהאַלט, מיט לאָזונגען וואָס מיר טראַכטן זיך גאָר ניט אַריין אין זיי, ווי פּרויען וואָס לעבן מיט דער מאָדע. אָנגע־כאַפּטע פראַזעס, אָנגענומענע לאָזונגען און גאַנגבאַרע אידעען. לעבן מיר מיט פראַזעס.

פאַלשע וועלטלעכקייט

דאָס הייסט אַז בנוגע צום מהות פון וועלטלעכקייט זיינען מיר געבליבן אויף דער מדרגה פון יענעם כעלעמער אַפּיקורס, וואָס האָט אין אַ לעקציע דערקלערט: ער ווייס אויף זיכער, אַז קיין גאָט איז טאָקע ניטאָ, עס איז פאַראַן „וואָזדוך" (לופט), אַלץ איז וואָזדוך, וואָזדוך און וואָרעמקייט. און גאָט האָבן אויסגעטראַכט נאָר די רבנים און די גלחים. אָבער ער ווייס אַז עס איז אַ ליגן. און ווייל גאָט איז אַ ליגן, און אַלץ וואָס פיגורירט אין גאָטס נאָמען איז אַלץ אַ ליגן, וואָס רבנים, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט, האָבן אויסגעטראַכט, כדי צו געוועלטיקן איבער דעם פראָסטן „נאַראָד" (פאָלק), דעריבער דאַרף אַ וועלטלעכער ייד טאָן אַלץ פאַרקערט, ניטאָ קיין „מען טאָר ניט!" אַלץ מעג מען, פאַרקערט, איז עס גאָר אַ מיצווה צו טאָן פונקט פאַרקערט ווי די „גזלנישע רבנים" האָבן אויסגעטראַכט...
אַזוי האָט מען פאַרקריפּלט דעם עצם געדאַנק פון וועלטלעכקייט. אָן אַ פּאָזיטיוון אינהאַלט, אָן אַן אידעאַל, אָן אַ פּראָגראַם, איז די עצם וועלטלעכע יידישקייט געוואָרן אַ הפקר־יידישקייט און זי האָט ניט געהאַט מער ווי איין דור. דאַרפן מיר צוריק אָנהייבן פון אָנהייב און לערנען אַ ניי קאַפּיטל אין יידישקייט: וואָס איז עס אַזוינס?

וועלטלעכע יידישקייט

הייבן מיר אָן: וועלטלעכע יידישקייט איז אַ פילאָסאָפישע סיסטעם, וואָס באַמיט זיך אַנדערש צו פאַרשטיין דעם גאַנג און די אַנטוויקלונג פון יידישקייט. אַלץ וואָס לעבט האָט אַן אָנהייב, עס ווערט געבאָרן און עס וואַקסט, עס אַנטוויקלט

זיך. קיין שום לעבעדיק וועזן פֿאַלט ניט אַראָפּ פֿאַרטיקערהייט פֿון הימל. קיין שום פֿאָלק איז ניט געקומען אויף דער וועלט קיין יש מאַיִן — עפּעס פֿון גאָרניט. אַזוי איז אויך יידישקייט, ווי אַלע לעבעדיקע אָרגאַניזמען: געבאָרן און געוואַקסן, זיך אַנטוויקלט ביז עס איז געוואָרן דאָס וואָס עס איז. דאָס יידישע פֿאָלק איז פֿון די עלטסטע פֿעלקער, דורך פֿאַרשיידענע תּקופֿות. יעדער תּקופֿה אין יידישקייט האָט אַריינגעבראַכט נייעסן, נייעסן אין שטייגער, נייעסן אין שאַפֿונגען, אין באַגריפֿן און אין אידעען.

עלטערע אידעען זענען ביים פֿאָלק פֿאַרהייליקט געוואָרן. דאָס פֿאַרהייליקטע, וואָס דאָס גאַנצע וועלט האָט אָנגענומען פֿון דורות נאָך דורות זיינען ביים פֿאָלק ווי געגעבן פֿון גאָט. האָט עס דאָס פֿאָלק באַפּוצט מיט געשיכטעס, לעגענדעס, לויטן גייסט און לויט די באַגריפֿן פֿון דער תּקופֿה. שפּעטער איז עס פֿאַרשריבן געוואָרן ווי געגעבן פֿון גאָט. מען טאָר גאָרניט ספֿקן אין דעם, אין דער געטלעכ־קייט פֿון דעם וואָס דאָס פֿאָלק האָט געשאַפֿן און עס איז פֿאַרשריבן געוואָרן. דאָס פֿאָלק נעמט זאַכן בילדעריש, מאַטעריעל, ניט סימבאָליש. אויב געטלעך, מיינט עס — גאָט האָט געגעבן, פּשוט גענומען און דערלאַנגט, פֿון האַנט אין האַנט. וועלט־לעכקייט דערלויבט ניט אויפֿנעמען פּראַצעסן אַזוי פּשוט, אַנטראָפּאָמאָרפֿיש. דער עצם באַגריף „גאָט" איז אויך ניט סתּם עפּעס אַ מאַטעריעלע סובסטאַנץ. אַזוי פּשוט, ריין מענטשלעך האָבן עס באַנומען די געצן־דינערס. אַזוי האָבן עס פֿאַר־שטאַנען די גאָר אַמאָליקע יידן.

ביסלעכווייז און אין משך פֿון גאַנצע תּקופֿות האָט זיך דער באַגריף גאָט באַפֿרייט פֿון אָט די אַלע גראָב מאַטעריאַליסטישע פֿאָרשטעלונגען, ער איז ביי יידן דער „קדוש ישראל" — דאָס הייליקע ביי יידן, דאָס הייליקסטע ביים יידישן פֿאָלק, דאָס איז דער יידישער גאָט. ניט קיין מאַטעריעלע סובסטאַנץ, ניט קיין קערפּער, ניט קיין גוף. דער כּלעמער אַטעיִסט, וואָס ווייס אַז קיין גאָט איז ניטאָ, איז פּונקט אַזוי נאַיִוו און אַנטראָפּאָמאָרפֿיש, ווי עס זיינען די פֿעלקער, וואָס שטעלן זיך פֿאָר ווי אַ טאַטע מיט אַ מאַמען מיט אַ זון, מיט אַ סך „גאָטס כּלות", וואָס זיינען מותּר זייער פּרויענשאַפֿט, זייער משפּחה־לעבן כּדי צו זיין פֿאַררעכנט פֿאַר גאָטס כּלות. ביי זיי קענען זיין סימבאָלן פֿון גאָטס לייב און פֿון זיין בלוט. ביי זיי קען זיין אַ גאָט אין געשטאַלט פֿון עפּעס. ניט ביי יידן! גאָט ביי יידן איז אידענטיש מיטן גייסט פֿון פֿאָלק, מיט די פּרינציפּן וואָס הערשן אין דער וועלט. דאָס האָט דער געצנדינערישער כּלעמער ניט־ייִד אויסגעטראַכט אַ געצנ־דינערישן גאָט מיט אַ יידישער ווייב וואָס האָט געבאָרן אַ גאָט־זון, וואָס „זשידעס" האָבן אים שפּעטער געהרגעט, כּדי, ברידערלעך, דאַווי, שלאָגט די יידן און ראַטעוועט רוסלאַנד... דאָס האָט דער כּלעמער ייד, דער וועלטלעכער חכם־עתיק

אויסגעטראַכט: קיין גאָט איז גאָר ניטאָ, אַלץ האָבן אויסגעטראַכט „רוצחישע" רבנים און דערפאַר איז הפקר פּעטרישקע.

זאָגט אָבער דער אמת־וועלטלעכער געדאַנק: די וועלט — דער קאָסמאָס עקסיסטירט אַ סך מיליאָנען יאָרן, ביליאָנען, נאָך איידער עס איז געקומען דער מענטש אויף דער ערד. און אין גאַנצן קאָסמאָס קומען פאָר פּראָצעסן לויט פעסטע געזעצן אין אַטאָמען, אין מאָלעקולן און פּלאַנעטן — אין גרויס און אין קליין. אָט די געזעצן — דאָס זיינען זיי די קאָסמישע תורה, וואָס הערשט אין דער וועלט. ניט אומזיסט זאָגט עס די גמרא אַז די תורה עקסיסטירט אַ סך טויזנטער יאָרן איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. די קאָסמישע תורה איז זיכער ביליאָנען יאָרן עלטער פון דער מענטשהייט. און אַלע קאָסמישע נאַטור־געזעצן שטרעבן צו איין „אחד", און אָט דער „אחד" פון קאָסמאָס, וואָס די וויסנשאַפט האָט נאָך ניט אַנטפּלעקט — דאָס איז דער אלוהי העולם — דער גאָט פון קאָסמאָס. זיינע געזעצן (די גמרא רופט זיי „גזרות") הערשן אין דער וועלט פון אייביק ביז אייביק. שפּעטער, אַז עס איז געקומען דער מענטש און עס האָבן זיך איינגעשטעלט געזעצן פון מענטשלעכן לעבן, איז אויפגעקומען די „זאת תורת האָדם" (די גמרא רופט עס די „מיצוות פון די בני נוח"). נאָך שפּעטער איז עס אויפגעקומען די יידישע תורה פון „צדק ומשפט", וואָס אברהם האָט אָנגעהויבן פון דעם. און זי ציט זיך, וואַקסט און אַנטוויקלט זיך ביז אונדז און וועט אפשר אויך עקסיסטירן ווייטער. וואָרעם אויב עס וועלן מער ניט זיין קיין יידן, וועט אויך די יידישע תורה ניט זיין מער און דער יידישער גאָט וועט אָרעם ווערן אָדער ער וועט אין גאַנצן פאַרגעסן ווערן.

יידישקייט האַלט זיך מיט דעם יידישן גייסט, מיט דעם יידישן גאָט. און פאַרקערט, ווען יידן פירן זיך ניט ווי יידן, ווערט אויך דער יידישער גייסט, אָדער דער יידישער גאָט אָרעמער. יידיש פאָלק האַלט זיך מיט זיין ספּעציפיש יידישן גייסט, אָדער גאָט. און אַזוי איז פאַרקערט, איז דער יידישער גאָט שטאַרק מיט דער יידישקייט פון יידן, יידן שטאַרקן זייער גאָט און דער יידישער גאָט איז שטאַרק אָדער שוואַך, ווי די יידן פירן זיך. דאָס האָבן שוין געוווּסט צו זאָגן די חכמי התלמוד און דער זוהר. מסתמא אויך אַנדערש ווו. מער ניט וואָס איך ווייס ניט דערפון.

יידישקייט איז עלטער פון דער תורה. יידן זיינען געווען פריִער אויך אָן דער געשריבענער תורה. אברהם אָבינו — זאָגט עס אַ גמרא — האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה. זי איז געווען ביי יידן אין שטייגער, אין טראַדיציע, הגם ניט פאַרשריבן, ניט פאָרמולירט. האָט עס משה די יידישע טראַדיציעס, דעם אור־אַלטן שטייגער פאַרפיקסירט. פון שטייגערישער יידישקייט האָט ער געשאַפן אַ תורה־שבכתב. דאָס וואָס עס איז פאַראַן אין שטייגער, דאָס איז יידישקייט שבעל־

פּה. דאָס פאָלק האָט עס באַפּוצט מיט לעגענדעס, מיט נסים, ווי די געוווינהייט פון פאָלק, גלייבט אַזוי אייביקע דורות דאָס פאָלק ישׂראל, איז דאָס זיין אמת.

אַזוי פאַרשטייט וועלטלעכקייט דעם גאַנג, די אַנטוויקלונג פון יידישער רעליגיע. די חז״ל האָבן געזען די אַנטוויקלונג פון יידישקייט גאַנץ וועלטלעך, זיי האָבן אָבער געהאַלטן, אַז קוים גלייבט דאָס פאָלק אין די אַלע נסים, איז דאָס דער גלויבן! די אַכטונג און דרך־ארץ צום פאָלק און צום פאָלקישן — דאָס איז אַ כאַראַקטער־שטריך פון די חז״ל, וואָס אונדז פעלט ער, צום באַדויערן.

דאָס אַלץ איז שוין באַקאַנט געווען די חכמי התלמוד. מערניט ווי כעלע־מער וועלטלעכע ווילן דאָס ניט וויסן. דאָס איז דער יסוד פון דער וועלטלעכער אמונה. ווייל וועלטלעכקייט איז אויך אַ רעליגיע, אַ אמונה. דאָס איז די פילאָ־סאָפיע פון וועלטלעכער יידישקייט. און איך גלייב אַז איך האָב דאָ גאָרניט מחדש געווען, אַז אַזוי איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון יידישן געדאַנק פון אברהם, דורך משה ביז צו די חז״ל און ביז צו אונדז.

ניט גאָט האָט געגעבן משהן אַ פאַרטיקע תורה, וואָס ניט יידן האָבן זי געשאַפן, נאָר גאָט אַליין, און יידן דאַרפן זי היטן, ווייל אַזוי הייסט דער שטרענ־גער גאָט. אַזוינע באַגריפן זיינען ניט אין גייסט פון יידישקייט. זיי פּאַסן זיך פאַר די קריסטלעכע געצן־דינערס, ניט פאַר יידן.

די גאַנצע יידישקייט (אָדער די תורה) איז אַלע מאָל אין פּראָצעס פון אַנט־וויקלונג פון יידישן געטלעכן גייסט און אַזוי האָט עס דאָס יידישע פאָלק אָנגע־נומען, עס איז הייליק, געטלעך, עס איז אין דעם דער גייסט פון יידישן פאָלק, פון יידישן גאָט. ער איז אויפגעקומען מיטן יידישן פאָלק און וועט אַוועק מיט דעם אומקום פון יידישן פאָלק. דער יידישער גאָט לעבט אין די הייכן פון יידישן געדאַנק, פון יידישן גייסט. צו דעם איז דער יידישער גייסט־געדאַנק דערוואַקסן, זיך אַנטוויקלט נאָך אין די תלמוד־צייטן. באשר די כעלעמער וועלטלעכע קענען עס ניט פאַרשטיין. תורה, גאָט און פאָלקישקייט — אָט די דריי באַגריפן זיינען איינס. דאָס האָט נאָך געוווסט צו שרייבן דער „זוהר״ — „קודשא בריך הוא וישׂראל ואורייתא — חדא״. יעדער פאַרלאַנג אָפּצוטיילן גאָט באַזונדער און יידיש פאָלק באַזונדער איז פאַלש, איז געצן־דינעריש, קען זיין אין זינען פון קריסטנטום, אָבער ווייט ניט ביי יידן.

דערמיט טיילט זיך אויס וועלטלעכקייט פון אַלע אַנדערע פילאָסאָפיעס אין יידישקייט: די רעליגיעזע ווילן, ניט אַנדערש, האָבן אַ ווייטן גאָט אין הימל, וואָס האָט געהייסן און יידן מוזן פאָלגן, אַניט וועט ער, דער שטרענגער גאָט — גאָר שמייסן. און די רעפאָרמערס פון אַלע סאָרטן — זיי ווילן זיין גויִם וואָס דאַווענען אין אַ באַזונדערער קירכע, וואָס מען רופט עס טעמפּל. קיין אייגענער יידישער געדאַנק איז דאָ ניטאָ. זיי נעמען אָן אַלץ וואָס ס׳איז אָנגענומען ביי

אַנדערע, ביי די הערשנדיקע פעלקער. וועלטלעכע יידישקייט גלייבט אין די געט־לעכע הייכן פון יידישן געדאַנק, פון יידישן פאָלק. וועלטלעכע יידישקייט וואַרפט ניט אָפּ גאָרניט פון די יידישע שאַפונגען ביז אונדז, זי באַנעמט עס בלויז אַנדערש — ווי שאַפונגען פון יידישן גייסט אין יידישן פאָלק. די „יום־כּיפּור־בעלער" און אַנדערע ענלעכע אויסטראַכטונגען פון כּלומרשטער, פאַלשער וועלטלעכקייט זיינען געווען פּשוט אַ גראָבקייט קעגן דעם יידישן פאָלק. אַן אמתער וועלטלעכער זאָגט: „בעסער צו זיין אַ נאַר מיט כּל־ישׂראל, איידער אַן אָפּגעריסענער חכם". בעסער מיטמאַכן דעם פאָלקס פּירונגען, ווי אַלע יידן דורך דורות פירן זיך, איידער אַרויסרייסן זיך פון פאָלק ווי דער כּלעמער חכם.

דאָס איז די אידעע פון וועלטלעכער יידישקייט און דאָס איז איר אידעאַל — פאַרשפּרייטן אַכטונג און דרך־ארץ צום יידישן פאָלק און זיין גייסט, און דורך דעם אויך צו דעם יידישן גאָט, ניט אין די הימלען, נאָר אומעטום אין קאָסמאָס און איבערהויפּט אין די טיפע הייכן פון יידישן פאָלק.

וועלטלעכקייט און פאָלקישקייט זיינען איינס. איז די אויפגאָב פון וועלטלעכ־קייט צוריק צו גיין צו דער יידישקייט וואָס אין די אָרעמע שטעטלעך. עס איז אונדזער אייגענער וועלטבאַנעם, און עס איז די אויפגאָב פון אונדזער דור — אונדזער גייסט פון שטעטל אַריינפירן אין היינטיקן אורבאַניזם. מיר האָבן אַ סך וואָס צו לערנען זיך און די וועלט. די אמתע היינטיקע יידישקייט אָדער תּורה איז ניט ווי זי איז געווען אין תּנך־צייט, ניט ווי אין תּלמוד־צייט, אַלץ ווי דאָס שטעטל האָט זיי איבערגעשאַפן; די תּורה פון שטעטל־תּקופה אַריינפּאַסן אין היינטיקן אורבאַניזם — דאָס איז דער אידעאַל, די אויפגאָב פון וועלטלעכער יידישקייט היינט, אין אורבאַניזם.

1. פעלקער ביי מענטשן זיינען ווי סאָרטן ביי בהמות און קולטור־געוויקסן. זיי זיינען פּראָדוקטן פון קולטור. זיינען אַלע קולטור־געוויקסן און אַלע קולטי־ווירטע בהמות יאָ צעטיילט אויף סאָרטן, און מענטשן — אויף פעלקער. פעלקער ביי מענטשן — ווי סאָרטן ביי חיות און געוויקסן.

2. דער אונטערשייד צווישן פעלקער און סאָרטן בהמות איז וואָס פעלקער האָבן אויך אַ גייסטיק לעבן און סאָרטן — ניט. איטלעך פאָלק מיט זיין גייסטיקן פּרצוף, מיט אַלע פּראָדוקטן פון זיין באַזונדערן גייסט, במילא מיט זיין שטייגער און קולטור, מיט זיין שפּראַך און מיט אַלץ וואָס אַ פאָלק דריקט אויס אין ווערטער פון זיין שפּראַך אין משך פון זיינע דורות, מיט די פּירונגען און גלייבונגען, מיט די טראַדיציעס פון פעלקער און מיט זייער פאָלקלאָר, מיט דער וואָכעדיקייט און מיט אַלע אָנגענומענע הייליקייטן. איטלעך פאָלק מיט זיין קולטור און מיט זיין נאַטור.

3. קען זיין אַז דאָס קריסטנטום וואָס אַלע אייראָפּעיִשע פעלקער האָבן אָנ־גענומען האָט טיילווייז דעם נאַטירלעכן אייגנטימלעכן גייסט פון פעלקער. דאָס האָט ניט קיין שייכות אַהער, צו אונדזער אַרבעט. אָבער דאָס יידישע פאָלק פירט זיין גאַנצע אַנטוויקלונג פאַר זיך און פאַרזיכיק דורך דער גאַנצער לאַנגער געשיכטע.

4. אויך די יידישע רעליגיע איז דורכויס אַ פּראָדוקט פון יידישן גייסט און פון זיין פאַרזיכיקייט.

וועלטלעכע יידישקייט איז ניט און טאָר ניט זיין קיין „נייע" יידישקייט, וואָס איז פריִער ניט געווען. זי איז די זעלביקע יידישקייט, איין יידישקייט איז פאַראַן. זי ווערט אָבער פאַרשטאַנען אַנדערש, אָן נסים. וועלטלעכע יידישקייט איז אויך אַ אמונה, אַ פילאָסאָפישע סיסטעם, ווי יידישקייט האָט זיך אַנטוויקלט ביז היינט און זי אַנטוויקלט זיך כּסדר ווייטער און ווייטער.

פּרינציפּן פון וועלטלעכער יידישקייט

1. יידישקייט איז ניט קיין רעליגיע, ניט קיין סכום קרעדאָס צו גלייבן אין זיי און אַ סכום מיצוות צו טאָן, ווייל אַזוי דאַרף עס גאָט. ניין! יידישקייט איז אַ שטייגער־קולטור פון פאָלק, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן. אַלע מיצוות זיינען אויסגערעכנט געוואָרן ניט פאַר גאָט, נאָר פאַר דעם גליק פון פאָלק — אין תּנך — פאַרן פאָלק אין זיין לאַנד; אין תּלמוד — פאַרן פאָלק אָן אַ אייגן לאַנד. ניט גאָט דאַרף, נאָר דאָס פאָלק דאַרף עס. בכן, איז יידישקייט ניט קיין גאָט־רעליגיע נאָר אַ פאָלק־רעליגיע.

2. אַלע רעליגיעס פון אייראָפּעיִשע פעלקער זיינען אָנגענומען, ווען די פעלקער זיינען שוין געווען דערוואַקסן מיט אייגענע קולטורן. דעריבער האָט די רעליגיע ביי זיי ניט קיין שייכות צום פאָלקישן לעבן; צוויי שטראָמען ביי זיי — קולטור באַזונדער און רעליגיע פאַר זיך. ביי יידן איז דער קולטור־שטייגער גע־וואָרן פאַרהייליקט ווי די רעליגיע; קולטור און רעליגיע איין שטראָם, איין גאַנג. זיי זיינען דאָס זעלבע.

3. דעריבער איז פון די חז"ל (חכמי התלמוד) איינגעשטעלט — ניט קיין פיקסירטע מיצוות, נאָר „הלכות" — דער גאַנג, דער שטייגער, דער שטראָם פון יידישקייט. דערפאַר האָבן זיי פאַרבאָטן צו פאַרשרייבן די הלכות. פאַרשרייבן איז ביי זיי דעמאָלט געווען פיקסירן אויף דורות. קיין שטראָם טאָר מען ניט פאַר־האַלטן, טאָר מען ניט פיקסירן איין מאָל און אויף שטענדיק. ווער עס וויל הלכה באַגרייפן ווי אַ מיצווה פאַר אַלע דורות, דער זינדיקט קעגן דעם יידישן גייסט.

4. דער גייסט פון יידישן פאָלק — דאָס איז דער יידישער גאָט. ביי קריסטן איז גאָט אַ פאַרזיכיקע עקסיסטענץ, אומאָפּהענגיק פון פעלקער, צי אַ דרייַיִקע אָדער אַן איינציקע, אָבער באַזונדער, פאַר זיך. ביי יידן איז דאָס גאָר אַ זינד, „הגשמת הבורא״, פאַרקערפּערן גאָט טאָר מען ניט! מיט יידישקייט שטאַרקט זיך גאָט — דער גייסט פון פאָלק, און מיט יידישקייט ווערט גאָט אָפּגעשוואַכט. לויט ריינער יידישקייט איז גאָט ניט קיין באַזונדערע עקסיסטענץ ערגעץ אין הימלען. ער איז אין פאָלקישן אויפפיר, אין שטייגער, ער אַנטפּלעקט זיך אין די פּירונגען פון יידישן פאָלק. מיט גאָטגייסט שטאַרקט זיך די יידישקייט און מיט שטאַרקער יידישקייט שטאַרקט זיך דער יידישער גאָט.

5. יידישקייט קען מען ניט אויסלערנען, מען קען יידישקייט ניט פאָרמו־לירן אין ווערטער, אין דעפיניציעס, אין ביכער. יידישקייט איז אין אויפפיר, אין שטייגער, אין גאַנג פון לעבן און פון דענקען. יידישקייט איז ניט קיין באַזונדערער סכום וויסנס, אָפּגעטיילט פון „אַלגעמיינעם וויסן״, וואָס האָבן כלומרשט ניט קיין שייכות צו יידישקייט. פאַרקערט, יידישקייט נעמט אויף די גאַנצע וועלטקולטור, די גאַנצע מענטשלעכע קולטור, אַלץ לויט דעם ספּעציפישן יידישן גייסט. אַלע ביימער האָבן גרינע בלעטער מיט די זעלביקע אויפגאַבעס, אָבער איטלעכער סאָרט האָט זיך זיינע פאָרמעס און זיין געשטאַלט. איטלעך פאָלק נעמט אויף די וועלט לויט זיין גייסט, לויט זיינע באַגריפן.

6. יידישקייט שעפּט זיך ניט אויס מיט יידיש לשון, אָבער דער גורל פון פאָלק איז ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון יידיש לשון. פאַרצייטן האָבן אַלע שכנהשע פעלקער גערעדט העברעיִש. זיי זיינען אונטערגעגאַנגען, העברעיִש איז געבליבן מיט יידן און איינגעהיט די יידישע נשמה פון יענער תּנכישער תּקופה. אין די תּלמודישע צייטן האָבן ווידער אַ סך פעלקער גערעדט אַראַמיש. פעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען, דאָס יידישע אַראַמיש איז געבליבן און איינגעהיט די נשמה פון יידישן פאָלק אין דער צווייטער (תּלמודישער) תּקופה. יידיש לשון האָט דאָס יידישע פאָלק געשאַפן, אויסגעפורעמט און אַנטוויקלט — איין יידיש פאָלק און איין יידיש לשון, קיינע שותּפים ניט. אין דעם לשון ליגט דער גייסט פון יידישן פאָלק, פון זיין גאָט. שפּראַך פאַרלאָזן — דעם גייסט פאַרלאָרן. אָן גייסט, אָן נשמה קען קיין גוף ניט לעבן. דאָס איז דער גורל פון יידישן פאָלק אָן יידיש לשון.

7. יידישקייט האַלט זיך אָן אייביקייט אָבער תּקופותווייז. יעדע תּקופה נעמט איבער די יידישקייט פון דער פאַרענדיקטער תּקופה און פאַרהייליקט זי, און זי הייבט אָן איר נייע יידישקייט פון איר נייער תּקופה ווי אַ וואָכעדיקע, ווי אַ וועלטלעכע, נאָך ניט קיין פאַרהייליקטע. פאַר אונדזער היינטיקער נייער אורבאַ־נישער תּקופה איז איצט די שטעטלשע יידישקייט צייט צו פאַרהייליקן — אינ־האַלט און שפּראַך. דורך דער שטעטלשער ירשענען מיר די פריִערדיקע קולטורן

פון די פּריִערדיקע תּקופֿות. מען קען ניט ירשענען איצט דירעקט די תּנך־יידן, ווי מען קען ניט ירשענען קיין עלטער־באָבען, סיידן דורך די עלטערן. די קול־טור פֿון יעדער תּקופֿה איז פֿון אָנהייב, פֿון איר בראשית געווען וואָכעדיק, וועלט־לעך, פּשוט, פֿאָלקיש און פֿאָלקסטימלעך. אַזוי דער תּנך, אַזוי אויך דער תּלמוד.

צו די העכערע הייכן דערגייט די קולטור פֿון דער תּקופֿה ערשט שפּעטער, אין אַ צייט אַרום. איצט האַלטן מיר ביים איבערגאַנג פֿון דער שטעטל־תּקופֿה צו דער אורבאַנישער, און דער דור מוז איצט פֿאַרהייליקן דעם „תּלמוד־השטעטל". אין דער זעלביקער צייט מוז אָבער די תּקופֿה ווייטער שאַפֿן און פּראָדוצירן איר קולטור. אַ תּקופֿה וואָס שאַפֿט ניט קיין נייע, קיין פֿרישע קולטור איז ווי אַ בוים וואָס שאַפֿט ניט מער קיין פֿרישע, גרינע בלעטער און נייע פּרוכטן. דער בוים שטייט נאָך אויף זיינע וואָרצלען, אָבער ער איז שוין טויט. אַ סך צווייגן פֿון יידישן בוים זיינען אַזוי אָפּגעשטאָרבן.

8. דאָס יידישע פֿאָלק האָט אין זיין געשיכטע ניט געשאַפֿן קיינע מאַטע־ריעלע גיטער אויסער ספֿרים. יעדע תּקופֿה מיט אירע ספֿרים. דערפֿאַר קליידט אונדז דער נאָמען „עם הספֿר". די ספֿרים זיינען אונדזערע גיטער, אונדזער פֿאַר־מעגן — די איינציקע ירושה פֿון תּקופֿות קולטור. דער תּנך — די ירושה פֿון זיין תּקופֿה; דער תּלמוד — אַ ירושה פֿון דער לענגסטער תּקופֿה און איצט די יידישע ליטעראַטור — די רייכע ירושה פֿון שטעטל. תּקופֿות און שפּראַכן: די ערשטע תּקופֿה מיט איין שפּראַך; די צווייטע תּקופֿה מיט צוויי שפּראַכן און די דריטע תּקופֿה מיט דריי שפּראַכן — העברעיִש, אַראַמיש און יידיש. נאָר דורך אייגענע טאַטע־מאַמע קען מען ירשענען די אורעלטערן. נאָר דורך דער קולטור פֿון דער לעצטער, שטעטלשער תּקופֿה קענען יידן ירשענען די קולטורן פֿון די פּריִערדיקע תּקופֿות.

9. קיינע תּורות זיינען ניט דערלאַנגט געוואָרן פֿאַרטיקערהייט פֿון גאָטס האַנט צו משהן, ניט אויף דעם אָדער אויף יענעם באַרג. אַלע יידישע תּורות (קולטורן) זיינען געשאַפֿן געוואָרן דורך דעם געטלעכן גייסט וואָס אין דעם פֿאָלק ישׂראל. און סיני איז נאָך פֿון תּלמוד דער טיטול פֿון יעדער שעפֿערישן יידן, וואָס שאַפֿט תּורה (קולטור); „סיני ועוקר הרים". די הייליקייט פֿון באַרג סיני איז נאָך אַנולירט פֿון תּלמוד (נסתּלקה קדושתו).

10. הגם דאָס יידישע פֿאָלק האָט פֿאַרהייליקט זיינע ספֿרים און לעבט מיט זיי אין פֿריידן און אין ליידן (אין ליידן מער ווי אין פֿריידן!), דאָך אָבער איז דער קיום פֿון יידישן פֿאָלק ניט אין די שוין פֿיקסירטע און פֿאַרהייליקטע ספֿרים, ניט מיט דעם אַלעם וואָס עס איז שוין „בכּתב" — פֿאַרשריבן — נייערט מיט דער יידישקייט וואָס אין לעבעדיקן שטייגער, מיט דעם וואָס די גמרא רופֿט אָן „דברים שבבעל־פּה" און עס איז נאָך לגמרי ניט פֿאַרשריבן...

די אַלע פּרינציפּן זיינען ניט קיין נייע, איצט אויסגעטראַכטע, נייערט מען קען זיי אַלע שוין געפינען אין דער תלמודישער ליטעראַטור. מער ניט וואָס די חז״ל — די שעפער פון תלמוד האָבן די אידעען ניט פאָרמולירט אין זאַצן. זיי האָבן בכלל זיך ניט פאַרנומען מיט פילאָסאָפישע טראַקטאַטן, נאָר מיט פורעמען אַן איינהייטלעכן שטייגער. קען מען דערפאַר די אידעען געפינען צעוואָרפן, אַרויסגעבראַכט ניט סיסטעמאַטיש.

11. איז בכן וועלטלעכע יידישקייט ניט עפּעס גאָר אַ נייע, וואָס קומט אָפּצולייקענען גאָר די פריִערדיקע. זי איז בלויז אַ סטאַדיע פון איבערגאַנג און איר אויפגאַב איז צו פאַרוואַנדלען דאָס וואָכעדיקע לעבן, דעם יידישן שטייגער פון דער חרובער תקופה אין אַ נייע תורה, פון בעל־פה זאָל עס זיין בכתב.

אויף פאַלשע וועגן

אַ גרויסע היסטאָרישע עוולה זיינען באַגאַנגען די ערשטע וועלטלעכע אָדער „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע״, ווי זיי האָבן זיך גערופן אין אַמעריקע. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט דער בלויזער נעגאַציע. קיין שום נעגאַציע קען זיך ניט האַלטן לענגער ווי איין דור. זיי האָבן ניט אָנגעוויזן קיין פּראַקטיש־קאָנקרעטע פּראָגראַם אויף ווייטער. דערפאַר איז זייער עוולה אַ היסטאָרישע, זי האָט געווירקט אויף דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און זיין היסטאָריע, אין דעם צווייטן דור. יידישקייט איז דער שטייגער. אויב וועלטלעכע יידישקייט וואַרפט אָפּ איין שטייגער, האָט געמוזט זיין אַ צווייטער שטייגער. ווייל די וועלטלעכע יידישקייט האָט ניט געשאַפן קיין שטייגער, דעריבער איז זי שטאַרק געפאַלן שוין אין צווייטן דור. די עוולה איז דער שאָדן ניט בלויז פון דער וועלטלעכער יידישקייט, עס איז דער שאָדן פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק. דאָס פאָלק באַשטייט איצט פון עטלעכע ריכטונגען. ניטאָ קיין איין ריכטונג וואָס זאָל ציִען אָרגאַניש ווייטער דעם קיום פון פאָלק. לאָמיר זיך באַמיִען אויסרעכענען די ריכטונגען:

די אָרטאָדאָקסן פון אַלערליי ריכטונגען קענען ניט ממשיך זיין דעם שטראָם פון יידישן פאָלק שוין דערפאַר אַליין וואָס זיי אָנערקענען בלויז די פיקסירטע יידישקייט, נאָר דאָס וואָס עס איז בכתב. דאָס הייסט אַז זיי גייען אין די וועגן פון די פאַרצייטיקע צדוקים. דאָס יידישע פאָלק קען זיך ניט האַלטן קיין מאָל בלויז מיט דער פאַרשריבענער און פיקסירטער תורה. יידישקייט, ווי געזאָגט, איז אַ שטראָם און ניט קיין שטייִק וואַסער. אין פלוג קען זיך אויסדאַכטן אַז דווקא די אָרטאָדאָקסיע איז שטאַרק מיט אַ יונגן דור. אָבער אין אַ ווייטערער פּערספּעקטיוו איז עס פאַלש: אין אורבאַניזם קען זיך ניט האַלטן די זעלביקע יידישקייט וואָס איז געווען אין שטעטל.

יידישקייט איז, ווי שוין אַ סך מאָל געזאָגט, ניט קיין גאָט־רעליגע, נאָר אַ פאָלק־רעליגיע און די באַדאַרפן פון פאָלק זיינען היינט אַנדערע. די הלכה טאָר ניט גענומען ווערן ווי אַן אייביקער דין וואָס מוז אָפּגעהיט ווערן לויט אַלע פּרטים. די הלכה מוז אויך זיין אַ שטראָמיקע, ניט קיין אָפּגעשטעלטע, ניט אָן ענדע־רונגען. ביז דעם אורבאַניזם האָט יידישקייט געקאָנט באַשטיין פון ספּעציפיש יידישע געביטן. יידן זיינען דאָך געווען אויטאָנאָם אין זייער קולטור. איין קולטור־פאָלק צווישן פעלקער אַנאַלפאַבעטן. האָבן יידן זיך געקאָנט אָפּגרענעצן מיט זייער תורה־יידישקייט און אין גאַנצן ניט נעמען אין אַכט אַלע אַנדערע געביטן פון וויסן און קולטור, וואָס זיינען איינגעשטאַנען ביי מאַנכן, און וואָס אייגנטלעך האָבן אויך פעלקער ניט געהאַט קיין שייכות צו זיי. אין אורבאַניזם קענען יידן זיך ניט אָפּגרענעצן פון אַלגעמיינעם וויסן. אַלע געביטן פון וויסנשאַפט מוזן אַריינדרינגען אין יידישקייט. ניטאָ מער קיין „יידישע און אַלגעמיינע געביטן״. אַלע — אויך די אַלגעמיינע געביטן — מוזן ווערן יידישע. זיינען אַטאָם־פיזיק און מאַטעמאַטיק ניט ווייניקער יידיש ווי שור שנגח און עדים זוממין. אַזוי איז עס געוואָרן אין מדינת ישראל און אַזוי דאַרף עס זיין ביי יידן אין ד׳ער גאַנצער וועלט.

אַלע אַנדערע רעפאָרעם־יידישקייטן, ווי זיי רופן זיך און ביז וואַנען זיי דער־גייען, קענען בכלל ניט גענומען ווערן אין באַטראַכט ווי יידישקייט לדורות, ווייל זיי אַנערקענען ניט קיין יידישקייט ווי אַ קולטור, פאַר זיי איז דאָך יידישקייט בלויז אַ רעליגיע. קיין יידישקייט ווי אַ פאָלקקולטור אַנערקענען זיי דאָך ניט. יידן געהערן צום לאַנדפאָלק מיט אַ באַזונדערן גאָטעסדינסט. ניט מער. זייער יידישקייט איז בלויז אין טעמפּל. וואָלטן די וועלטלעכע יידן געדאַרפט זיין דער המשך־גאַנג פון יידישקייט פאַר דער תקופה פון אורבאַניזם. יידישקייט איז אַ קולטור וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ, וואָס שאַפט כּסדר ווייטער און ווייטער. יידיש־קייט פון דער נייער תקופה איז נאָך ניט פאַרהייליקט, זי איז נאָך וועלטלעך, וואַכעדיק, זי דאַרף נאָך פאַרהייליקט ווערן ווי אַלע קולטור־געביטן פון פריִער־דיקע, פאַרגאַנגענע תקופות. קאָנסערוואַטיווע יידישקייט איז אַ סטאַדיע אויף דעם וועג צו גויִישקייט. וועלטלעכקייט האָט געדאַרפט גיין אויפן וועג צו יידישער פאָלקישקייט...

האָבן אָבער די וועלטלעכע יידן ניט באַנומען, ניט באַגריפן די אויפגאָב זייערע; נעגירט און יוצא מיט מיט נעגאַציע. העכסטנס האָבן זיי אָנגענומען יידיש לשון ווי אַ צוגאָב צו דער קולטור פון הויפּטפאָלק. די צוגאָבשולן פאַר יידיש לשון — דאָס איז בלויז אַ קבצנישע השגה פון אַמעריקאַנער יידן. האָבן די פירערס און לערערס פון וועלטלעכער יידישקייט זיך אַליין באַגרענעצט מיט לעקציעס און רעפעראַטן פאַר דערוואַקסענע, כּדי צו פאַרווילן דעם דערוואַקסענעם עולם, ניט טראַכטנדיק, ניט זאָרגנדיק פאַר יידישקייט פון די קומענדיקע דורות. האָבן

אייגנטלעך וועלטלעכע יידן אָנגענומען דעם קולטור־שטייגער פון די לאַנדפעלקער און זיך פאַרווילט מיט יידישע רעפּעראַטן. אַזוי אַרום איז וועלטלעכקייט ניט געוואָרן קיין היסטאָרישע ריכטונג פון יידישן פאָלק. דאָס איז אַלץ צוליב דער שולד פון די וועלטלעכע יידן גופא.

ווי אַ היסטאָרישע ריכטונג וואָלט וועלטלעכקייט געדאַרפט אומבאַדינגט שאַפן אַ באַזונדערן יידישן שטייגער, וואָלט זי געדאַרפט זאָרגן פאַר איר אייגענעם המשך, ווי זי שטאַמט אַרויס פון דער פריִערדיקער יידישקייט, פונקט ווי די חז״ל האָבן בשעתם געזאָרגט פאַר דעם „מן התורה מניין?״ עס וואָלט געדאַרפט זיין: יידישקייט ניט פאַר רעפּעראַטן און באַנקעטן, נאָר למעשה, פּראַקטיק, אין שטייגער פאַר קינדער און קינדסקינדער — אין שטוב און אין געזעלשאַפט, אין דער היים און אין בית־מדרש; וועלטלעכקייט ווי אַ המשך פון פריִערדיקע ריכטונגען; וועלטלעכקייט ווי אַ פילאָסאָפיע פון יידישקייט בכלל... האָבן וועלטלעכע יידן פאַרזען זייער היסטאָרישע אויפגאַב. ניט געשאַפן קיין יידיש־אורבאַנישן שטייגער, קיין אורבאַניש־יידישע פאַרזיכיקייט.

די פרומע יידן פאַרקריפּלען דעם באַגריף פון יידישער רעליגיע

בדרך־כלל האָבן יידן ניט גענוצט דאָס וואָרט „רעליגיע״. יידן האָבן גערעדט וועגן יידישקייט, וועגן יהדות, אָבער ניט וועגן רעליגיע. דאָס וואָרט צוזאַמען מיט דעם באַגריף זיינען לגמרי פרעמד דעם יידישן פאָלק; און דאָס איז לגמרי ניט צופעליק. די יידישע רעליגיע האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער געשיכטע און גאָר אַן אַנדער אַנטוויקלונג. דערפאַר זיינען די עצם באַגריפן גאָר אַנדערע.

די אייראָפּעיִשע פעלקער האָבן באַקומען זייער רעליגיע ווען זיי זיינען שוין געווען „דערוואַקסענע״ פעלקער, מיט אַ קולטור און מיט אַ רעליגיע. געווען אַ באַפעל, און פאַרטיק! פעלקער האָבן באַדאַרפט בלייבן ביי זייער קולטור, בייטן די רעליגיע. דעמאָלט זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן קולטור און רעליגיע: צוויי באַזונדערע גרייסן, צוויי באַזונדערע געביטן. רעליגיע — באַציִונג פון מענטשן צו גאָט. קולטור — באַציִונג פון מענטש צו זיין פאָלק, צו זיין טראַדיציע. גאָט און פאָלק — צוויי באַזונדערע געביטן, וואָס גייען אין לעבן אין גאַנצן באַזונדער. די קולטור איז נאַציאָנאַל, פאָלקיש, די רעליגיע איז אָבער אינטערנאַציאָנאַל, האָט ניט קיין שייכות צו דער קולטור פון פאָלק. איין רעליגיע פאַר אַ סך פעלקער. פאַר וואָס ניט? ניטאָ קיין שטערונגען.

גאָר אַנדערש איז עס אָבער געגאַנגען ביי יידן. אין דעם מאָמענט ווי יידן האָבן זיך אויסגעטיילט פון צווישן אַלע אַנדערע סעמיטישע פעלקער האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן און זיך אַנטוויקלען זייער פאַרזיכיקייט און שטייגער, און קול־

טור. וואָס איז דאָ געווען רעליגיע און וואָס פאָלקישע קולטור? ניט געווען קיין שום גרענעץ, קיין צוויי געביטן. דער פאָלקישער שטייגער איז געווען אַלץ — די קולטור און די רעליגיע. איז דער מאָנאָטעיִזם געווען אַ שטיק נאַציאָנאַלע קולטור, ניט דווקא רעליגיע. האָט דאָך משה ניט פיקסירט קיין רעליגיע נייערט דעם נאַציאָנאַלן שטייגער, זיינע אוראַלטע נאַטור־יום־טובים — פרילינג, זומער און האַרבסט, חג־האביב, חג־הביכּורים און חג־האסיף...

זיינען דאָך אין חומש כּסדר געזעצן פון צוזאַמענלעבן, סאָציאַלע געזעצן וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט צו רעליגיע ווי אַזאַ. האָבן די נביאים גערעדט איבערהויפּט וועגן סאָציאַלער גערעכטיקייט, ניט וועגן דינען גאָט. ערשט ביי די חז״ל האָבן די עלעמענטן פון גאָט־דינען פאַרנומען אַ גרעסערן אָרט. און דאָס ווידער דערקלערט זיך מיט ריין נאַציאָנאַלע מאָטיוון: נאָך פאַרן חורבן האָבן חז״ל פאַרלאָרן דעם גלויבן אין דער מלוכה, אַז זי וועט אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק, האָבן זיי ריכטיק געדענקט, אַז דער אייגענער שטייגער, די אייגענע יידישע, טראַדיציאָנעלע פירונגען און מינהגים — זיי וועלן אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק. עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער קאָלעקטיוו־געפיל, די געטרייקייט פון יעדער יחיד צו די אינטערעסן פון כּלל פאָלק, האָבן די חז״ל אַריינגעפירט די אידעע פון „השגחה פרטית", אַז יעדער ייד באַזונדער וועט קריגן זיין שׂכר אָדער זיין עונש, איז אויפגעקומען די אמונה אין גן־עדן און גיהנום. און אָט דער אויפפיר פון אַלע יידן־יחידים וועט פירן צו דעם לעתיד לבא פון כּלל פאָלק, צו דעם ימות המשיח.

די דאָזיקע אמונה האָט טאַקע אויפגעהאַלטן דעם קיום־האומה כּמעט ביז היינט, דורך דער גאַנצער שטעטל־תקופה. צוליב אָט דער נאַציאָנאַלער אויפגאָב, אין די אינטערעסן פון פאָלקישן קיום, האָבן די חז״ל אַזוי פיל אַכט געלייגט אויף די פּרטים און פּרטי־פּרטים פון מינהגים פון שטייגער. בכל־אופן האָבן יידן ביז דעם אורבאַניזם ניט געהאַט קיין רעליגיע באַזונדער, אָפּגעטיילט פון פאָלקישן שטייגער. ניט געווען ביי יידן אָפּגעטיילט — וואָס פאַר גאָט און וואָס פאַרן פאָלק. גאָט איז אויך פאַרנומען מיט די אינטערעסן פון פאָלק. דער גאָט פון פעלקער איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער, דער יידישער גאָט איז דורך און דורך אַ נאַציאָנאַלער, האַלט זיך נאָר מיט די אינטערעסן פון יידישן פאָלק. גאָט — דאָס איז דער קדוש־ישׂראל, די הייליקייטן פון פאָלק ישׂראל. ניטאָ ביי פעלקער אַזאַ גאָט, ניטאָ ביי יידן קיין באַזונדערע פאַרזיכיקע רעליגיע, אויסער די באַדאַרפן און די פירונגען פון פאָלק ישׂראל. ביי אַלע פעלקער איז גאָט באַזונדער און די פעלקער באַזונדער. ביי יידן אָבער איז גאָט און פאָלק — איין גאַנצקייט, וואָס עס איז פאַר גאָט איז אויך פאַרן פאָלק און פאַרקערט, וואָס פאַר דעם פאָלק איז שוין אויך פאַר דעם יידישן גאָט.

דערפאַר האָבן יידן ניט גערעדט און ניט געשריבן וועגן צוויי באַזונדערע געביטן, וועגן פאָלקישער קולטור באַזונדער און וועגן רעליגיע באַזונדער. ניט געווען ביי יידן קיין באַזונדערע רעליגיע. געווען נאָר יידישקייט און ניט מער. אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן איז געווען יידישקייט, במילא — פאַר גאָט און פאַרן פאָלק. אויב פאַרן פאָלק, איז עס שוין במילא אויך פאַר גאָט.

גאָר די יידישקייט איז קודש. זיינען קודש די קרעפּלעך ערב יום־כּיפּור, איז הייליק די פרייליכקייט פון פּורים און דער טרויער פון תּשעה באָב. ניטאָ קיין רעליגיע באַזונדער און קולטור באַזונדער, ווי עס איז ביי פעלקער.

גאָר אַנדערש איז עס געוואָרן איצט, אין דער תּקופה פון אורבאַניזם. די פרומע יידן האָבן מבטל געמאַכט אַל דאָס פאָלקישע. דאָס יידישע פאָלק איז מער ניט קיין "שותּף" מיט דעם יידישן גאָט. דער יידישער גאָט און זיין רעליגיע האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם יידישן פאָלק. די יידישע רעליגיע איז איין מאָל און אויף שטענדיק שוין פיקסירט, שוין פאַרענדיקט, און זי האָט מער ניט קיין שייכות צום פאָלק. וואָס דאָס פאָלק שאַפט, געהערט מער ניט צו „קדוש־ישׂראל", יידן, אויך יידן האָבן אַזוי ווי אַנדערע פעלקער אַ רעליגיע גאָר באַזונדער, אויך ביי יידן איז רעליגיע און קולטור צוויי געביטן וואָס גייען גאָר ניט צוזאַמען. געווען ביי יידן די פאָרמול, דער גאַנג אין אַנטוויקלונג, „החדש מתישן והישן מתקדש"; דאָס הייליקע און וואָכעדיקע האָבן זיך אונטערגעשיידט נאָר מיטן עלטער. וואָס עלטער איז הייליקער, וואָס יינגער איז וואָכעדיקער, נאָך ניט באַוויזן צו ווערן פאַרהייליקט. מיט איין מאָל האָבן אונדזערע פרומע געמאַכט די מחיצה „בין קודש וחול הבדלת", ניטאָ מער גאָרניט אין פאָלק קיין קדושה, אַל דאָס הייליקע האָט גאָר ניט קיין אָפּשטאַם פון פאָלק, עס איז געגעבן פון גאָטס האַנט. דאָס פאָלק האָט ניט אין דעם קיין חלק. זיינען פּיוטים אָן אַ טעם און אָן אַ ריח פול אין מחזור, און הייליק־פאָלקישע שאַפונגען, וואָס דריקן באמת אויס די געפילן און איבערלעבונגען פון פאָלק ישׂראל — די האָבן ניט קיין דריסת־הרגל אין מחזור.

פאַרוואַנדלען די פרומע די גאַנצע יידישקייט אין „רעליגיע פון די צדוקים", פון די קאַראַימען, די יידישע רעליגיע איז כּלומרשט פאַרענדיקט, זי שאַפט גאָר ניט מער. ניט דאָס יידישע פאָלק שאַפט די הייליקייט מער. חלילה! הייליק — איז פון גאָט, און דאָס יידישע פאָלק האָט מער ניט קיין חלק אין דעם. אַלץ וואָס דאָס פאָלק שאַפט איז בטל ומבוטל. די גאַנצע רעליגיע איז נאָר בכתב, נאָר וואָס עס איז פאַרשריבן און פיקסירט. ניטאָ מער און עס קען ניט זיין און עס טאָר ניט זיין קיין יידישקייט „שבעל־פּה", קיין שום הייליקייט וואָס עס איז ניט פאַר־שריבן.

האָבן חז״ל געקעמפט דורות גאַנצע כּדי צו פאַרהייליקן אַל דאָס פאָלקישע. פאַרשטייט זיך: אַ שטרענגער אָפּקלייב! איז „רות״ און „שיר־השירים״ יאָ אַריין אין תּנך, אָבער דער ספר „חשמונאים״ ניט. איז דאָס לשון פון תּרגום, די שפּראַך פון יידישן פאָלק יאָ הייליק און יידיש לשון איז גאָר טריף־פּסול. האָבן חז״ל איינגעשטעלט נרות־של־שבת, גאָר ניט אין איינקלאַנג מיט אַ פּסוק אין דער תּורה. האָבן זיי איינגעשטעלט אַ כּתובה און אַ פּרוזבל און אַ היתר עיסקא און ערובן און מכירת חמץ און אַן איבעריקן טאָג יום־טוב, ניט זיבן טעג יום־טוב, נאָר אַכט — צוגעשטעלט און צוגעפּאַסט אַלץ צום שטייגער; האַלטן אָבער די היינטיקע „גדולי התּורה״ און אדירי התּורה, און ווי נאָך זיי ווערן געגרופן אין די שריפטן פון די רעליגיעזע, נאָר ביי דעם וואָס איז פאַראַן בפירוש כּתוב, אַלץ מוז זיין „כּהלכה״, ווי עס איז פאַרשריבן אין דער פאַרצייטיקער הלכה. איז געוואָרן דער עצם באַגריף „הלכה״ גאָר ניט דאָס וואָס געווען, גאָר ניט אַזוי ווי חז״ל האָבן עס פאַרשטאַנען ווען זיי האָבן די הלכות געשאַפן.

— יידישקייט וואַקסט, קומט כּסדר צו, נעמט אַן נייע און נייערע אינהאַלטן, אַלץ וואָס עס שאַפט זיך אין פאָלק איז קודש; רעדט גאָט צו משה נאָר אין זכות פון פאָלק — דאָס איז דער גאַנג פון די חז״ל, ווייל די תּורה, אָדער יידישקייט איז מער ניט אין הימל, „לא בשמים היא״. דאָס איז די אידעאָלאָגיע פון חז״ל.

— הייליק, רעליגיעז איז נאָר דאָס וואָס עס איז כּתוב וחתום, פאַרשריבן בפירוש אין שולחן־ערוך און מער ניט! דאָס איז דער אידעען־גאַנג פון די היינטיקע בעלי־הלכה. דאָס איז דער וועג פון די צדוקים, פון די וואָס האָבן חרוב געמאַכט יידישקייט, פון די וואָס האָבן פאַרוואַנדלט יידישקייט אין אַ טויטע מומיע, וואָס לעבט ניט מער, וואָס וואַקסט ניט מער. „כּי עץ חיים היא למחזקים בה״, יידישקייט איז געגליכן צו אַ לעבעדיקן בוים וואָס האַלט כּסדר אין וואַקסן — האָבן געלערנט חז״ל.

יידישע רעליגיע איז נאָר דאָס בכּתב — דאָס איז די תּורה פון די היינטיקע בעלי־התּורה — דאָס איז זייער פאַלשער וועג, גאָר ניט אין גייסט פון חז״ל.

צו דעם וואָס דאָ איז געשריבן, מוז איך צוגעבן אַ באַמערקונג: עס גייט ניט צו באַרעכטיקן די רעפאָרמערס. זיי ווילן „פאַרגויישן״ יידישקייט, מאַכן זי אַלץ נענטער, אַלץ ענלעכער צו גוייש. דאָס געשריבענע דאָ האָט דעם ציל און דעם דרך צו פאַרפאָלקישן יידישקייט און צו פאַרמיידן אַלץ וואָס שטאַמט פון דער פרעמד, ניט פון יידישקייט, פּונקט פאַרקערט ווי די רעפאָרמערס.

שטעטל און שטאָט

אין שטעטל זיינען די יידן געווען אין גלות, אָבער ניט די יידישקייט. יידישקייט איז געווען דער מושל. קיין אַנדער שטייגער האָט מען אין שטעטל ניט געזען; ניט געווען אַזאַ. אין שטעטל האָט דער יידישער שבת געוועלטיקט, אַריינגעטראָגן גאָר אַן אַנדער גייסט אַפילו אין דעם „דרויסן", אויף דער גאַס, אין דער לופט. מיר פלעגט זיך בפירוש אויסדאַכטן, אַז פרייטיק צו נאַכט קלינגט דער קלויסטער אַנדערש ווי אין דער וואָכן. ווער עס האָט ניט געזען יידן שבת נאָכן בייטאָגיקן שלאָף גייענדיק שפּאַצירן, דער האָט קיין אמתע יום־טובדיקע שלווה ניט געזען.

דאָ האָט אַ ייד געקאָנט אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן אין איין שטייגער, אין איין אַטמאָספער, אָן אַ ברעקל פרעמדס. איז שבת געווען אומעטום, ניט נאָר אין שטוב, איז יום־כיפור אויך פאַר די גויים אין שטעטל געווען „סטראַשנאַ נאָטש" (שרעקלעכע נאַכט). פלעגן מסתמא די גויים אין דרויסן אַרום די אַלע פענצטער פון שטעטלשן בית־מדרש ציטערן פאַרן הייליקן יום־טוב ניט ווייניקער ווי די יידן אינעווייניק, אין בית־מדרש. און אַזוי אַ גאַנץ יאָר, אַלע טאָג, אַלע וואָך און אַלע יאָר. אין משך פון הונדערטער יאָרן. ניט די רעליגיע האָט אויפגעשטעלט דעם שטייגער, נאָר דער שטייגער איז געוואָרן דורותדיק פאַרהייליקט, ווי רעליגיע.

דאָס לערנען, דער חדר האָט געשפּילט אַ ראָל פון דער צווייטער מדרגה, ער האָט ניט געדאַרפט איינפלאַנצן יידישקייט. זי איז געווען במילא. ווער עס האָט דורכגעמאַכט זיין קינדהייט אין שטעטל האָט שוין שפּעטער ניט געקאָנט זיך באַפרייען פון דעם שטעטלשן גייסט; דער ייד איז שוין געבליבן אין אים אויף אַ גאַנץ לעבן, ווו ער זאָל ניט מגולגל ווערן שפּעטער. ניט דער חדר האָט געהאָדעוועט יידן, נאָר דאָס שטעטל מיט זיין שטייגער. דער גרעסטער עם־הארץ, ער האָט אַפילו קיין אלף־בית געמעגט ניט קענען, אָבער אַ ייד איז ער שוין געווען אויף אַ גאַנץ לעבן. דער מאָניסטישער שטייגער — דאָס איז געווען דער סימן מובהק פון שטעטל. און דאָס יידישע לשון איז געווען דער שפּראַך־לבוש פון אָט דעם שטייגער.

האָט דאָס שטעטל אָנגעהויבן אונטערגיין, יידן האָבן גענומען ווערן אַן אורבאַניש פאָלק. אין שטאָט איז שוין דער יידישער שטייגער ניט געווען דער מושל בכיפה, ניט געווען מער די איינציקע אַטמאָספער. דאָס אַרומיקע ניט־יידישע לעבן האָט געשאַפן די אַטמאָספער. אין גאַס האָט שוין גענומען קלינגען אַ צווייטע שפּראַך. דער שבת און זיין הייליקייט איז צוגענומען געוואָרן פון דעם דרויסן, ביסלעכווייז האָט דער פרעמדער גייסט גענומען אַריינדרינגען אַפילו אין

די יידישע היימען. דאָס ערשטע מאָל אין דער גאַנצער געשיכטע האָט מען יידישקייט געדאַרפט לערנען, לערנען זיין אַ ייד. דאָס האָט מען פריִער, אין שטעטל, קיין מאָל ניט געדאַרפט.

אין שטעטל האָט אַ ייד פון ערשטן טאָג אָן געלעבט נאָר אין איין קולטור. איין שטייגער איז אויך איין קולטור, אַלץ וואָס ער האָט נאָך דעם געקראָגן אין קולטור, אין בילדונג — אַלץ איז אַרויפגעגרעפט געוואָרן שפּעטער, אַלץ איז פאַר־דייט געוואָרן ווי אָרגאַנישע שפּייז ווערט פאַרדייט און עס שטערט ניט דעם מאָניס־טישן גייסט פון דעם מענטשן. מעג ער קריגן די גאַנצע וועלטקולטור, ווערט עס אַלץ פאַרדייעט אין אים, און עס שטערט ניט זיין מאָניסטישן גייסט. קיינער פון אָט אַזוינע שטעטלשע יידן, וואָס האָבן שפּעטער אַריינגעזאַפּט אַ וועלט מיט קולטור פון פאַרשיידענע פעלקער, קיינער האָט ניט געליטן פון צעשפּאָלטנקייט, וואָס איז איצט אַ מחלה פון אַ סך יידן, וואָס האָדוועט זיך אין צוויי קולטורן, אויף צוויי קולטורן איינצייטיק. דער דואַליזם אין יידן — דאָס איז אַ קראַנקייט, וואָס מיר האָבן געקראָגן אין אורבאַניזם, דאָס שטעטל האָט פון דעם ניט געוווסט.

ווי יידישקייט וואַקסט

אַלץ אין יידישקייט, וואָס איז איצט אָנגענומען ווי הייליקייטן פון גאָט גע־געבן, איז אויפגעקומען ווי וועלטלעך־וואָכעדיקע שטייגער־עלעמענטן און זיי זיינען שפּעטער, אין אַ צייט אַרום פאַרהייליקט געוואָרן. וועלטלעכקייט איז, בכן, ניט קיין סכום יידישקייט, נאָר עס איז אַ סטאַדיע אין געשיכטע, וואָס אַלע עלעמענטן פון יידישקייט האָבן בשעתּם דורכגעמאַכט. אַלע הייליקייטן זיינען בשעתּם געווען וועלטלעך, גאָר די יידישקייט איז געבאָרן געוואָרן וועלטלעך־וואָכעדיק.

אברהם אָבינו (און ווי ער, אַזוי אויך די אַנדערע אָבות), זיינען געווען מענטשן מיט אַ באַזונדערן שטייגער. ביי זיי איז עס געווען אַ ריין וואָכעדיקער שטייגער, זייער אויפפיר. ערשט שפּעטער איז אָט דער פאַרזיכיקער שטייגער באַ־גלייט און באַקליידט געוואָרן מיט גלויבונגען פון געטלעכן אָפּשטאַם. און דאָס איז פיקסירט געוואָרן אין תורת־משה, ווי געגעבן פון גאָט. נאָך מער און נאָך שטאַרקער איז דער געטלעכער אָפּשטאַם פון דעם יידישן שטייגער פאַרפעסטיקט געוואָרן דורך עזרא הסופר אין זיין צייט. די ערשטע סטאַדיע פון יעדער יידיש־קייט איז מינהג, שפּעטער ווערט דער מינהג אַ דין. ריכטיק איז דער אויסדרוק פון ערגעץ אַ תּוספת אין גמרא „מנהג אבותינו הוא תּורה לנו״. איך דערמאָן זיך ניט אין תּנך קיין באַשרייבונג פון עליה לרגל קיין ירושלים אין די דריי יום־טובים. קענטיק אַז דער מינהג האָט זיך איינגעשטעלט שפּעטער און איז דורך

די חז״ל פאַרהייליקט געוואָרן, ווי אַ טייל פון תורת־משה. אַזוי איז עס געווען מיט דער גאַנצער יידישקייט פון בית־שני און אַזוי איז שפּעטער געווען מיט דער סומירונג פון יידישן אויפפיר פון שולחן־ערוך. טשאָלנט און קוגל זיינען מינהגים פון מיזרח־אייראָפּע, וואָס זיינען פאַרהייליקט געוואָרן ווי יידישקייט.

דאָס זעלביקע האָט אויך געקענט געשען מיט דער גאַנצער וועלטלעכער יידישקייט, ווען די וועלטלעכע יידן וואָלטן איינגעשטעלט וועלטלעכע מינהגים, וויל יידישקייט איז ניט קיין רייכטימער אין ספרים־שאַפעס, נאָר דווקא מינהגים, פּירונגען אין שטייגער. דער דעפעקט פון וועלטלעכקייט, וואָס די וועלטלעכע יידן האָבן ניט איינגעשטעלט קיין מינהגים, קיין וועלטלעכע מינהגים. ספרים, ביכער פון וועלטלעכער יידישקייט האָבן מיר, אָבער ניט קיין מינהגים.

דער עצם נאָמען „וועלטלעכע" ווייזט אַז ניט בלויז דער נאָמען נאָר די גאַנצע באַוועגונג האָט געהאַט עלעמענטן פון נאָכמאַכונג. דער אַלטער יידישער נאָמען איז געווען אין העברעיִש. מען האָט גערעדט פון „עולמשע יידן" אין קעגנ־זאַץ צו „קהלשע" יידן, וואָס לעבן פון קהל. וועלטלעכע יידן — עולמשע וואָס לעבן ניט פון קהל. וועלטלעכע יידישקייט — אַלץ וואָס איז נאָך ניט איינגעשטעלט ווי אַן אַלגעמיינער מינהג פון אַלע יידן. די שפּראַכלעכע ענדערונג פון עולמשע אויף וועלטלעכע ווייזט אַז עס זיינען געווען אויך פרעמדע השפּעות.

אין רוסלאַנד האָט די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ באַקעמפט דעם קלער און זיין פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע מאַכט, וויל דער קלער איז אַלע מאָל געווען אַ שטיצע פאַרן צאַריזם. ביי די רוסן איז דער קאַמף געגאַנגען ניט קעגן דעם רעליגיעזן אויפפיר פון פאָלק, נאָר קעגן דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער מאַכט פון קלער. ביי די יידן האָט דער קלער די מאַכט ניט געהאַט, און דער קאַמף האָט לכתחילה זיך פאַרמאָסטן קעגן די גלויבונגען און קעגן דעם גאַנצן אויפפיר פון פאָלק.

געווען אין וועלטלעכקייט עלעמענטן פון קעגנערישקייט צום פאָלק. דאָס פאָלק פירט זיך אַזוי, און מיר וועלטלעכע טוען אַנדערש. דאָס האָט געשטערט דער וועלטלעכקייט אַריינצודרינגען אין דעם פאָלקס אויפפיר און שטייגער (דער־פאַר איז וועלטלעכקייט ניט געוואָרן קיין מינהג אין שטייגער) און ביסלעכוויז פאַר־הייליקט ווערן ווי רעליגיע. דער קאַמף פון וועלטלעכקייט קעגן שטייגער האָט געשטערט דער וועלטלעכקייט אַריינצודרינגען אין אויפפיר פון פאָלק און ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון יידישן שטייגער, ווי עס איז געווען די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון יידישקייט בכלל. אין דעם איז באַשטאַנען דער אונטערשייד פון דער רעליגיע ביי יידן לגבי דער רעליגיע ביי אַנדערע פעלקער. אַלע פעלקער האָבן זייער רעליגיע אָנגענומען אַ פאַרטיקע, ווען זיי זיינען שוין געווען פעלקער מיט מדינות, מיט איינגעשטעלטע שטייגערן, מיט גאַנצע קולטורן. זיינען פאַר זיי

די רעליגיעס געווען אַ צוגאָב, עפּעס נייס, וואָס פריִער איז עס ניט געווען. ביי יידן איז עס געווען אַנדערש — איין שטראָם; דער פאָלקישער שטייגער ווערט פאַרהייליקט און דאָס איז די רעליגיע; דער שטייגער און די רעליגיע זיינען איין זאַך.

ווען און ווי האָט זיך אַנטפּלעקט וועלטלעכע יידישקייט

אויפגעקומען איז די באַוועגונג אין מיטן פון פאַריקן י״ה אין דעם יידישן תחום־המושב, דאָס מיינט, אין די ראַיאָנען ווו יידן האָבן געמעגט וווינען. אַזוי אויך אין גאַליציע און רומעניע.

וואָסערע דרויסנדיקע באַדינגונגען האָבן דאָ געקאָנט ווירקן ווי פאַקטאָרן וואָס האָבן געבראַכט די וועלטלעכקייט? מיר דאַכט זיך, אַז אַ גרויסע השפּעה האָט דאָ געהאַט דער אָנהייב פון אורבאַניזאַציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינ־דוסטריאַליזאַציע, באַנען האָבן דערנענטערט מרחקים, פאַבריקן האָבן אַנולירט די ראָלע פון יידישע בעלי־מלאכות, שטעטלעך האָבן אָנגעוואָרן זייערע קונדן. די באַפרייטע פּויערים (1861) האָבן געשאַפן אַ פאַרזיכיקן קלאַס. אָרעם, אַנאַלפאַ־בעטיש, אָבער דאָך אַ פאַרזיכיקער קלאַס. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער אורבאַ־ניזם אין מיזרח־אייראָפּע און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער אונטערגאַנג פון יידישע שטעטלעך צוזאַמען מיט דער גאַנצער שטעטלשער קולטור. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די גאַנצע וועלטלעכקייט. אין וואָס איז זי באַ־שטאַנען? — אין שטעטל האָט דאָס גאַנצע לעבן פון אַ יידן געטראָגן אַ פאַר־הייליקטן כאַראַקטער. פון ערשטן טאָג ביזן לעצטן טאָג פון לעבן האָט אַלץ געהאַט אַ רעליגיעזן לבוש. די שטאָט האָט עס ניט געקאָנט. במילא איז דאָס לעבן געוואָרן פאַרוועלטלעכט. אַחוץ דעם האָבן די יידן אַליין זיך דערפילט חשובער, ניט מער כאַנדריקעווע, ניט קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע.

אורבאַניזם האָט אין מערב־אייראָפּע זיך אַנטוויקלט פריִער, בערך מיט אַ האַלבן י״ה פריִער. פאַר וואָס איז דאָרטן ניט אויפגעקומען ביי יידן קיין וועלט־לעכע יידישקייט, ווי אין מיזרח־אייראָפּע? — דאָס איז דערפאַר, וואָס אין מערב־אייראָפּע איז פאַר יידן געווען אָפן דער וועג צו פולער עמאַנציפּאַציע מיט דעם הערשנדיקן פאָלק. איז טאַקע גלייך מיט דער עמאַנציפּאַציע געקומען די פולע אַסימילאַציע, וואָס האָט אין גאַנצן חרוב געמאַכט דעם יידישן שטייגער, די יידישע שפּראַך, די גאַנצע יידישע קולטור. דאָס יידישע פאָלק איז אין די לענדער אונ־טערגעגאַנגען ריין ביאָלאָגיש, אָדער דורך שמד. ניט געווען ניט קיין צייט, ניט קיין אָרט פאַר וועלטלעכער יידישקייט. פון טראַדיציאָנעלער פאַרהייליקטער רע־

ליגיעזקייט איז דער יִשוב אין די לענדער גלייך אַריבערגעשפּרונגען צו אַסימי־לאַציע און אויסיידישונג.

אַנדערש איז עס געווען אין מיזרח־אייראָפּע: דער תּחום איז געבליבן. יידן זיינען, ווי פריִער, אָפּגעטיילט געבליבן פון הערשנדיקן פאָלק. קיין אמתע רוסן זיינען אין דעם תּחום כּמעט ווי ניט געווען. אַרום האָבן געלעבט סובאָרדינירטע פעלקער. מיט אַזוינע, אונטערטעניקע פעלקער אַסימילירן זיך ניט קיין יידן. די אַסימילאַציע איז געווען אוממעגלעך. רוסיפיקאַציע האָט יאָ געקאָנט זיין צו ביס־לעך, אָבער סאָציאַל אַריינלעבן זיך אין אַ רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט — דאָס האָט ניט געקאָנט קומען. איז געקומען די יידישע וועלטלעכקייט, אָדער וועלט־לעכע יידישקייט.

וואָס מיינען אָבער די צוויי ווערטער? דאַרף מען קודם־כּל דעפינירן די צוויי באַגריפן. מיר וועלן דאָס מאַכן ווי קורץ עס איז נאָר מעגלעך. יידישקייט בכלל איז די קולטור וואָס איז אייגנטימלעך פאַר יידן, און זי טיילט אויס יידן פון אַלע אַנדערע פעלקער און גרופּעס. וואָס איז אָבער קולטור? וועלן מיר גיין כּסדר: קולטור איז שטייגער, שטייגער איז אַ סכום טראַדיציעס. די טראַדיציע ווערט פאַרהייליקט רעליגיעז. אַלע יידישע רעליגיעזע פירונגען, אַלע מיצוות האָבן זיך אַנטוויקלט פון וועלטלעכע שטייגער־עלעמענטן. ניט די מיצוות פון גאָט האָבן געשאַפן דאָס יידישע פאָלק, יידן זיינען געווען אַ פאָלק פריִער, איידער זיי האָבן געקראָגן די תּורה, זיי האָבן אַפילו אויסגעהאַלטן אַ גלות אויך אָן מיצוות דירעקט פון גאָט, אָן אַ געטלעכער רעליגיע. רש״י שרייבט־צו אונדזער זיידע יעקבן דעם זאָג „עם לבן גרתי ותרי״ג מצוות שמרתי״ — ד״ה איידער זיי זיינען געווען אָנזאָגן און פאַרזאָגן, איידער זיי זיינען געווען „מיצוות״.

מיר מעגן זאָגן מיט פולע רעכט, אַז ביז משה רבינו איז די גאַנצע יידישע רעליגיע געווען נאָר אַ וועלטלעכע. ניט קיין גאָט־רעליגיע, נאָר עס איז געווען אַ פאָלק־רעליגיע: אַזוי פירן זיך יידן און אַנדערש ווילן מיר ניט. אַ פירונג, וואָס דאָס פאָלק אַליין האָט פאַרגעטלעכט. עס איז אויך קלאָר, אַז די יידישע רעליגיע איז ניט געגעבן געוואָרן איין מאָל און ביז וואַנען משיח וועט קומען. יידישע רעליגיע האָט כּסדר זיך געענדערט, געוואַקסן. פון די זיבן מיצוות פון די בני־נוח ביז די תּרי״ג איז אַ ווייטער מהלך. און די אַנטוויקלונג איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ביסלעכווייז. ווי אַזוי? — דער אַלטער טערמין פאַר דעם איז: „מוסיפין מן החול אל הקודש״ — דאָס וואָכעדיקע, אָדער וועלטלעכע ווערט פאַרהייליקט, דאָס פאָלקישע ווערט פאַרגעטלעכט. די מדרגור זיינען אַזוינע: מינהג, שטייגער, טראַדיציע, דין, הלכה און מיצווה. וועלטלעכער מינהג איז דער ערשטער שטאַפּל פון יידישקייט, מיצווה פון גאָט איז דער לעצטער שטאַפּל.

פון חומש אָן זיינען ביי יידן געווען עטלעכע קאָדיפיקאַציעס — זאַמלונגען פון פיקסירטע רעליגיעזע מיצוות. פון חומש ביז דעם שולחן־ערוך איז זייער ווייט. אָבער קיין מאָל איז עס ניט געווען קיין באַפעל דיקטירט פון אויבן צום פאָלק. עס איז אַלע מאָל געווען אַ סומירונג, אַ פאָרמולירונג פון דעם וואָס עס האָט זיך אין פאָלק געפירט פון פריִער. מיצווה מיינט טאַקע באַפעל, אָנזאָג, פאַרזאָג „צו את בני ישראל" — הייס די יידן. אָבער די תורה זאָגט אָן וואָס עס איז פאַראַן אין פאָלק, טאַקע פון פריִער. דער פרינציפּ איז איבערהויפּט קענטיק פון דעם, וואָס אין תלמוד איז אַפילו דער טערמין „מצווה" פאַרביטן געוואָרן מיט דעם וואָרט „הלכה", וואָס דער טייטש זיינער איז אייגנטלעך טאַקע שטייגער.

וועלטלעכקייט קעמפט

אַזוי איז געגאַנגען די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון יידישקייט, אָדער פון דער יידישער רעליגיע ביז דער נייער צייט: יידישקייט איז אַלע מאָל געווען אידענטיש מיט יידישער רעליגיע, די נאַציאָנאַלע קולטור איז געווען איינע מיט דער רעליגיעזער, ווי אויבן געזאָגט, איין שטראָם. אַנדערש ווי ביי אַלע פעלקער, וואָס ביי זיי איז די רעליגיע איין באַזונדערער שטראָם נאָר פון גאָט און נאָר פאַר גאָט און דאָס נאַציאָנאַלע — פון פאָלק פאַרן פאָלק — באַזונדער; זייער רעליגיע איז איין מאָל געגעבן אַ פאַרטיקע. ביי יידן — ווייל עס איז פאָלקיש — בייט זי זיך די יידישע רעליגיע; מיצוות ווערן בטל, מיצוות קומען צו. טאַקע ווי אין אַ לעבעדיקן שטראָם פון וואַסער. דער פּראָצעס — דער שטראָם פון אָרגאַנישער וועלטלעכקייט האָט זיך אָפּגעהאַקט אין דער נייער צייט. אַנשטאָט די פריִערדיקע „עולמשע" יידן זיינען אויפגעקומען יידן „וועלטלעכע"; אַנשטאָט איין שטראָם פון יידישקייט זיינען אויפגעקומען צוויי — רעליגיע — באַזונדער, און וועלטלעכע יידישקייט, וואָס וויל מיט אַלע כוחות זיך אָפּרייסן פון דעם פריִערדיקן איינהייט־לעכן געמיינזאַמען שטראָם, וואָס פאַרהייליקט דאָס וואָכעדיקע, פאַרגעטלעכט דאָס וועלטלעכע. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך ביי יידן דאָס וועלטלעכע געשטעלט אין קאַמף קעגן דער רעליגיע, מיט דעם גאַנצן געוועהר־אַרסענאַל, וואָס מען האָט איבערגענומען פון דער פרעמד.

פאַר וואָס, צו וואָס אָט דער גאַנצער קאַמף פון וועלטלעכקייט? וואָסערע פאַקטאָרן — צי פון אינעווייניק, צי פון דרויסן — האָבן דאָ געווירקט? ווען מיר גענויער באַשטימען די צייט און דאָס אָרט, ווו די וועלטלעכע יידישקייט האָט זיך באַוויזן. — עס איז געווען מיט דעם אָנקום פון אורבאַניזם אין מיזרח־אייראָפּע. נאָר דאָרטן איז אויפגעקומען וועלטלעכע יידישקייט, הגם אורבאַניזם איז דאָך

געווען נאָך פריִער און נאָך שטאַרקער אין מערב־אייראָפּע. פאַר וואָס איז אָבער וועלטלעכע יידישקייט אַ פּראָדוקט נאָר פון מיזרח־אייראָפּע? פאַר וואָס האָט זיך אין מערב לגמרי ניט אַנטוויקלט עפּעס ענלעכס צו דער באַוועגונג פון קעמפּע־רישער וועלטלעכקייט? דאָס איז דערפאַר ווייל אין מערב־אייראָפּע איז פאַר יידן מיט דער אורבאַניזאַציע געעפנט געוואָרן אַ גראַדער וועג צו פולער אַסימילאַציע, און די יידן זיינען טאַקע אַוועק אויף דעם וועג.

לכתחילה האָט עס דער באַרימטער נאַפּאָלעאָנס סנהדרין אָפּן געמאָלדן, אַז מיט דער עמאַנציפּאַציע זאָגן זיך די פראַנצייזישע יידן אָפּ פון אַנגעהעריקייט צום אַלוועלטלעכן יידישן פאָלק. ביז דער עמאַנציפּאַציע זיינען זיי געווען יידן. איצט זיינען זיי שוין פראַנצויזן פון משהס גלויבן. מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער האָבן ענלעך דעקלאַרירט אויך דייטשישע יידן און נאָך שפּעטער, ווען איטאַליע איז פאַראייניקט געוואָרן, האָבן אויך אין איטאַליע יידן דעקלאַרירט זיך ווי איטאַ־ליענער, מער ניט וואָס לויט דער רעליגיע זיינען זיי אַנדערש. אַפילו אין פּוילן זיינען געווען יידן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר פולע פּאָליאַקן, נאָר פון משהס גלויבן. נאָך מער, אַפילו אין רוסלאַנד זיינען געווען — אמת, געציילטע — אָבער געווען יידן וואָס האָבן זייער געוואָלט גילטן פאַר רוסן פון משהס גלויבן.

דאָ איז דאָס ערשטע מאָל אין דער יידישער געשיכטע אויפגעקומען אַ פאַרלאַנג אָפּצוטיילן פאָלק און רעליגיע, לויטן מוסטער ווי עס איז ביי אַנדערע פעלקער. אַז מען קען זיין דייטשן פון עטלעכע, פאַרשיידענע רעליגיעס, פאַר וואָס זאָל מען ניט קענען זיין קיין דייטשן פון נאָך איין רעליגיע? פון משהס? ווידער אַ מאָל די זעלביקע נאָכמאַכונג. ווי מיר האָבן דאָס געזען פריִער ביי דעם אויפ־קום פון עצם באַגריף „וועלטלעכקייט”. עס איז אַפילו אין אַנהייב פון יאָרהונ־דערט געוואָרפן געוואָרן אַ שטיקל לאָזונג: „יידן פון אַלע רעליגיעס!” אָבער אַזוי ווייט איז עס שוין ניט דערגאַנגען, איך דערמאָן זיך ניט, מען זאָל עס נעמען ערנסט.

וועלטלעכע יידישקייט איז בפירוש אויפגעקומען אויף דער שוועל פון אור־באַניזם, ווען דער גאַנצער שטייגער לעבן פון שטעטל האָט גענומען איינפאַלן. אַלע פאָרמעס פון טאָג־טעגלעכן שטייגער האָבן געמוזט ווערן אַנדערש, אַלטע, איינגעשטעלטע נאָרמעס זיינען אָפּגעפאַלן, און די נייע פאָרמעס און נאָרמעס זיינען אַלע מאָל וועלטלעכע. זיי האָבן נאָך ניט דעם ייחוס פון אַלטקייט, דעם לבוש פון רעליגיע. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון וועלטלעכקייט אין יידישן לעבן. אָבער ווו? — נאָר אין מיזרח־אייראָפּע — אין דעם באַרימטן „תחום־המושב”, דאָס מיינט — די געביטן וואָס רוסלאַנד האָט צוגענומען פון פּוילן, און זי האָט ניט געלאָזן די יידן זיך צעשפּרייטן איבער גאַנץ רוסלאַנד. אַחוץ דעם תחום, אין די גרענעצן פון רוסלאַנד, איז דאָס אויך געווען גאַליציע, רומעניע.

דאָס איז געווען דער געביט ווו די מאָדערנע יידישקייט בכלל האָט זיך אַנטוויקלט. און זי איז געווען אין גאַנצן ניי, דערפאַר אויך אָן רעליגיעזער באַ־פאַרבונג, וועלטלעך. אויסערן תּחום זיינען אין רוסלאַנד געווען אויך גאָר ניט קיין קליינע יידישע יישובים אויך אין עטלעכע שטעט מחוץ לתּחום, איבערהויפּט אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע. אָבער אין די דאָזיקע יישובים איז קיין וועלט־לעכע יידישקייט ניט אויפגעקומען. דאָ האָבן די יידן זייער גיך זיך געלאָזט אויפן וועג פון מערב־אייראָפּע — זיי האָבן זיך רוסיפיצירט אין איין אָדער אין צוויי דורות. אין פלוג קען אויסקומען, אַז וועלטלעכע יידישקייט איז אויפגעקומען דאָרטן ווו עס איז ניט געווען קיין עמאַנציפּאַציע. אָבער די יידן אויסערן תּחום, אין „טיף ראַסיי" (ווי מען פלעגט עס רופן) האָבן ניט געשאַפן קיין וועלט־לעכע יידישקייט, הגם קיין עמאַנציפּאַציע האָבן זיי גיט געהאַט. דאָס הייסט, אַז מיט דער אורבאַניזאַציע זיינען אויפגעקומען נייע צוויי שטראָמען אין יידישקייט — אַסימילאַציע און וועלטלעכקייט.

ווו איינער — און ווו דער צווייטער שטראָם?

— אומעטום ווו די יידן זיינען געקומען אין דער נאָנטער שכנות מיט דעם הערשנדיקן פאָלק איז אַוועק אַסימילאַציע. דאָרטן ווו די יידן זיינען געווען אָפּ־געזונדערט פון הערשנדיקן פאָלק, דאָרטן איז אויפגעקומען וועלטלעכע יידיש־קייט. גאָר אַ פּשוטער געזעץ אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע. אין תּחום האָבן יידן יאָ געקאָנט, אין די שטעט, אָננעמען זיך מיט רוסישער קולטור, אָבער נאָר פון ביכער. קיין לעבעדיקע רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט איז דאָך אין תּחום ניט געווען. ניט געווען קיין רוסן. קיין באַשעפטיקונג ביי דער רעגירונג איז דאָך ניט געווען. יידן האָבן געאַרבעט און געלעבט נאָר צווישן יידן און מיט די סובאָרדינירטע פעלקער, וואָס האָבן ניט געשאַפן קיין פרעמדע, ניט־יידישע סביבה פאַר יידן. האָבן יידן אין תּחום געקענט רוסיש, די ליטעראַטור פון רוסלאַנד, מיטגעדענקט געדאַנקען פון רוסישע מענטשן, אָבער בוכקולטור אַסימילירט מען אין זיך, מען אַסימילירט זיך ניט אין ביכער. די סביבה עקאָנאָמיש און גייסטיק איז געבליבן אַ יידישע. אין „טיף־ראַסיי" (אויסערן תּחום) האָבן יידן יאָ זיך אַסי־מילירט, פאַררוסישט געוואָרן. קיין יידישע שרייבערס, טוערס, קיין יידן מיט אַ בלייבנדיקן נאָמען איז פון אויסערן תּחום ניט געקומען.

אַ כּלל: יידישקייט האָט זיך אַנטוויקלט און געלעבט דאָרט ווו יידן האָבן ניט געלעבט אין דירעקטער שכנות מיט די הערשנדיקע פעלקער. און דער הויפּט־סימן פון פאַרזיכיקער שעפערישקייט איז די אייגענע, באַזונדערע שפּראַך. מיט פרעמדע שפּראַכן, מיט שפּראַכן פון הערשנדיקע פעלקער האָבן יידן קיין אייגענע קולטור ניט געשאַפן.

ניט עמאַנציפּאַציע האָט דעצידירט, צי עס זאָל קומען אַסימילאַציע אָדער וועלטלעכע יידישקייט. דעצידירט האָט די סביבה אַרום די יידן: צי עס איז דאָ אָדער ניטאָ אַרום די יידן אַ געזעלשאַפטלעכקייט פון דעם הערשנדיקן פאָלק. ענלעך צו דעם תּחום אין רוסלאַנד איז געווען די סיטואַציע אין גאַליציע. דייטש האָט טאַקע געהערשט, אָבער קיין הערשנדיקע געזעלשאַפטלעכקייט, קיין דייטשישע, איז ניט געווען. כּדי זיך צו קענען „גוט" אַסימילירן, פלעגן גאַליציאַנער יידן דאַרפן אַריבערפאָרן קיין ווין.

גאַליציע און מיזרח־פּרייסן — צוויי פּוילישע פּראָווינצן וואָס זיינען אָפּגע־ריסן געוואָרן — גאַליציע צו עסטרייך, מיזרח־פּרייסן צו דייטשלאַנד. מיזרח־פּרייסן איז באַלד גערמאַניזירט געוואָרן. די סביבה, געזעלשאַפט — נאָר דייטש. איז ביי די יידן געקומען אַ פולע אַסימילאַציע. אין גאַליציע איז געבליבן אַרום די יידן — פּויליש אָדער רוטעניש. דאָ האָבן יידן זיך ניט אַסימילירט. עטוואָס פון דעם מין איז געווען אויך אין רומעניע.

דאָס איז בנוגע צו דער פראַגע ווען און ווו וועלטלעכע יידישקייט איז אויפ־געקומען. וואָס איז אָבער בנוגע צום אינהאַלט פון וועלטלעכער יידישקייט?

וועלטלעכקייט און השׂכּלה זיינען ביידע געווען שוועסטער־שטראָמען. השׂכּלה איז געווען די עלטערע, וועלטלעכקייט איז געווען יינגער. ביידע זיינען אָבער געווען פול מיט פּראָטעסט קעגן דער יידישער טראַדיציע. פאַר וואָס? ווייל דער גאַנצער שטייגער פון שטעטל האָט ניט געקאָנט אַריבערגיין אין אורבאַניזם. ביאַליסטאָקער יידישע פאַבריקאַנטן האָבן געמוזט האַלטן זייערע פאַבריקן אָפן שבת. אַזוי האָבן געצוווּנגען די מאַטאָרן. די זעלביקע פאַבריקן האָבן מיט זייערע סחורות אַרויסגעשטויסן די יידישע בעלי־מלאכות, אויך די קרעמעריי. די יאַרידן וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע עקאָנאָמישע און אויך געזעלשאַפטלעך־קולטור־רעלע ראָל אין יידישן לעבן האָבן אויך פאַרלאָרן זייער באַדייטונג.

צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער ענדערונג איז געגאַנגען אויך די קולטור־שטייגערישע. די זעלביקע יידן וואָס האָבן אין די פערציקער יאָרן פון נײַנצנטן י"ה געשריִען „שקאָלעס ניע זשעלאַיעם" (מיר ווילן ניט קיין שולן. דאָס איז געווען ווען מאַקס ליליענטאַל איז געפאָרן אין דער שליחות פון דער רעגירונג אַגיטירן יידן פאַר שולן), די זעלביקע יידן האָבן מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער אין די שטעט אין תּחום אָנגעפילט די אַלגעמיינע שולן, ביז די רעגירונג האָט איינגעפירט די פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידן.

אין שטאָט האָט ניט געקאָנט געמאָלט זיין די כּמעט מאָניסטישע אויטאָנאָמע יידישע אָרגאַניזירטקייט, וואָס איז געווען אַזוי נאַטירלעך אין שטעטל. אין שטאָט האָט געקאָנט זיין אָדער — אָדער. אָדער יידן האָבן געקאָנט אין שטאָט אַריבער־טראָגן זייערע שטעטלעך, טאַקע מיט דער גאַנצער שטעטלשער פאַרזיכיקייט;

זיי האָבן געקאָנט אין גאַנצן ניט נעמען אין אַכט די אַרומיקע ניט־יידישע געזעל־שאַפטלעכקייט. זיינען טאַקע געווען אין די שטעט אין תּחום אַזוינע „יידישע שטעטלעך״. איז טאַקע די יידישע ווילנע באַשטאַנען פון אַ צאָל באַזונדערע, פאַר־זיכיקע שטעטלעך, מיט באַזונדערער קהלשער אָרגאַניזאַציע. די „שטעטלעך״ זיינען געווען גאַנץ לויז צונויפגעבונדן דורך דער „צדקה גדולה״.

אָבער די נייע באַדינגונגען האָבן שטרענג געפאָדערט נייע פאָרמען, נייעם שטייגער, צופאַסונגען, אורבאַניזאַציע פון שטייגער און פון קולטור. יידן האָבן זיך גענומען רייסן פון תּחום, עס איז אויפגעקומען עמיגראַציע, עס האָט גע־צויגן „טיף־ראַסיי״ אָדער גאָר אויסלאַנד — דייטשלאַנד, ענגלאַנד און וויטער — אַמעריקע. דאָס האָט גענומען פאַרלאַנגען גרויסע ענדערונגען אין דער דערציִונג און קולטור בכלל. דאָ איז געקומען פריִער די השׂכּלה מיט הילכיקער פּראָפּאַגאַנדע און שטילער, באַשיידענער — וועלטלעכקייט. השׂכּלה האָט געהאַט פאַר זיך פאַר־טיקע מוסטערן — אין מערב־איירָאָפּע. די אויסייִדישונג וואָס איז געקומען מיט דער השׂכּלה אין איירָאָפּע האָט ניט אָפּגעשראָקן אירע אַדעפּטן. אפשר נאָך דער־מוטיקט. עס איז אַוועק אין תּחום אַ גאַנץ שטאַרקע רוסיפיקאַציע. אין „טיף ראַסיי״ ביז פולער אַסימילאַציע. אין תּחום אָבער האָט דאָך קיין פולע אַסימילאַציע, ווי שוין געזאָגט, ניט געקאָנט זיין, אַוועקגיין פון יידישקייט האָט מען ניט געקאָנט, איז מען געוואָרן קעמפעריש, בייז, אין כּעס אויף די „קייטן״ פון יידישקייט, וואָס לאָזן זיך ניט אָפּרייסן, ניט אַסימילירן... מיר וועלן אָבער דאָ ניט פאַרנעמען זיך מיט דער השׂכּלה און אירע ווייטערדיקע גילגולים.

שוואַכער, שטילער, באַשיידענער איז געקומען די וועלטלעכקייט, וועלטלעכע קולטור־ריכטונג. אַזוי אַרום זיינען ביי יידן אין אורבאַניזם אויפגעקומען גאַנצע דריי ריכטונגען:

— איינהיטן מיט אַלע כּוחות די אַלטע שטעטל־טראַדיציע. ווי מעגלעך, מיט אַלע פּרטים. דאָס זיינען די אָרטאָדאָקסישע ריכטונגען מיט זייערע פאַרשיי־דענע פאַרטייען און גרופּעס. די צווייטע גרעסטע ריכטונג איז די אַסימילאַציע־גיריקע. ווידער אַ מאָל צעפאַלן זיך די ריכטונגען אויף פאַרשיידענע גרופּעס, פאַרטייען, ניואַנסן וכדומה. און לסוף — די שוואַכסטע, די קלענסטע ריכטונג — די ריכטונג פון וועלטלעכער יידישקייט.

אַלע דריי ריכטונגען האָבן אַנאַלאָגיעס אין דער יידישער געשיכטע. זיי זיינען ניט אויפגעקומען פון „העלער הויט״, לויטן ווילקיר פון פערזאָנען. ניין. זיי ליגן אין דער פסיכישער נאַטור פון יידן אין אַלע צייטן. צוליב טעכנישער באַקוועמלעכקייט וועל איך אָנהייבן פון דער צווייטער, פון אַסימילאַציע־ריכטונג.

אַ קורצער איבערזיכט: זינט די יידן זיינען באַפרייט געוואָרן פון גלות־מצרים הערן ניט אויף די יידישע שריפטן זיך צו באַקלאָגן אויף די אַסימילאַציע־

טענדענצן ביי יידן. די גאָלדענע קאַלב, דער בעל־פעור, אין אייגן לאַנד דורך דער גאַנצער צייט פון די שופטים, ירבעם בן נבט, שלמה מיט זיינע ווייבער, גאַנץ מלכות שומרון, דער דראַמאַטישער באַקעמפער פון אַסימילאַציע — אליהו הנביא, דאָס פאַרלאָרן ווערן פון די צען שבטים אין אשור, דער אונטערגאַנג פון יידישקייט אין יהודה נאָכן חורבן, די העלעניזאַציע, וואָס האָט געדראָט אָפּצומעקן גאָר די יידישקייט אין ארץ־ישׂראל גופא, און דאָס אין אַ משך פון אַ דריי צענד־ליק יאָר בלויז!

די גמרא רעכנט אויס עטלעכע מאָל ווען יידישקייט איז פאַרגעסן געוואָרן און מען האָט געבראַכט די פאַרשטאַרקונג פון גלות (סוכה כ׳ א׳). דער גלויבן אויף „ובא לציון גואל״ האָט זייער פיל געווירקט אין די גלותן, אָבער ער האָט ניט איינגעהיט דאָס ביסל יידן וואָס זיינען געוועזן אין ארץ־ישׂראל גופא: אין משך פון אַ עטלעכע הונדערט יאָר זיינען אין ארץ־ישׂראל געבליבן — שומרונים יאָ, קיין יידן אָבער — ניט. און איינגעהיט דעם קיום פון פאָלק האָט ניט ארץ־ישׂראל, נאָר דאָס בענקען נאָך ארץ־ישׂראל. און אָט דאָס בענקען איז געווען אַן אָרגאַני־שער טייל פון גלות־יידישקייט. אָבער אַסימילאַציע איז אַלע מאָל געווען. פון די נביאים אָן איז דאָס גאַנצע פאָלק בלויז דער „שארית ישׂראל״ (איבערהויפּט ירמיהו). די מערהייט פון פאָלק פאַלט כּסדר אָפּ. עס האָבן שוין אויסגערעכנט בעלי חשבון, אַז ווען ניט דאָס אָפּפאַלן פון יידישקייט וואָלט איצט דאָס יידישע פאָלק געדאַרפט זיין איינס פון די צאָלרייכסטע פעלקער.

אונדזער געשיכטע רעדט ניט וועגן מאַסן־אַסימילאַציע — אין גלות־מצרים, אין גלות־בבל, אין דער פּערסישער תּקופה פון עזרא ביז דער העלעניזאַציע, וועגן יידן אין בבל, אין מיטל־עלטער בכלל, ביז דער אורבאַניזאַציע מיט דער עמאַנצי־פּאַציע. עס איז אין אייראָפּע דערגאַנגען ביז „שמד־מגפה״ אין אָנהייב פון ניינצנטן י״ה און אין רוסלאַנד איבערהויפּט אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן י״ה. די פעסטע רעליגיעזע פרומקייט פון די ערשטע משׂכּילים (מענדעלסאָן אין דייטשלאַנד, ריב״ל אין רוסלאַנד) האָט לגמרי ניט אָפּגעהאַלטן די שמד־מגפה — ניט דאָ און ניט דאָרטן.

אין אַמעריקע האָבן מיר ניט קיין שמד־מגפה, אָבער דאָס איז נאָר מחמת — עס איז גאָר ניט נייטיק די קליינע צערעמאָניע כּדי צו ווערן אויס ייד. אַזוי האָבן מיר טאַקע אַ כּסדרדיקן איבערגוס פון יידישקייט צו גויִישקייט: די צאָל געטרייע יידן ווערט וויניקער מיט יעדן דור ביז עס פאַלט לגמרי אַרויס פון באַוווּסטזיין, ביז מע פאַרגעסט לגמרי אַז דער זיידע האָט געמוזט מסתּמא זיין אַ ייד... פון די פאַקטן דאַרף מען מאַכן עטלעכע אויספירן:

1. כּדי אויסצומיידן אַסימילאַציע און אונטערגאַנג דורך אַסימילאַציע דאַרפן יידישע ייִשובים לעבן אָפּגעטיילט פון דער לאַנד־באַפעלקערונג, אין אַ מאָניסטי־

שער יידישער שטייגערישער קולטור. דאָס איז דער פּרינציפּ פון אָפּגעזונדערט־קייט. לאָמיר אים אָנרופן הבדלה — „בין ישׂראל לעמים הבדלת" — האָט די יידישע טראַדיציאָנעלע היסטאָריאָגראַפיע דערפאַר געדאַנקט גאָט.

2. די הבדלה קען זיין אַן אַרויפגעצוווּנגענע. מען טיילט אָפּ מיט מאַכט די יידן פון דער לאַנד־באַפעלקערונג. זעלטענער קען עס זיין געאָגראַפישע, אָדער אַנדערע יורידישע פאַקטאָרן פון אָפּזונדערונג.

3. סובאָרדינירטע פעלקער צִיִען ניט צו קיין יידן צו אַסימילאַציע.

4. יידישע רעליגיעזע פרומקייט איז ניט קיין פאַקטאָר פון אָפּזונדערונג, נאָר אַ פּראָדוקט פון דער הבדלה. די רעליגיע האָט אָבער געהאָלפן פאַרהייליקן די יידישע אָפּזונדערונג און פאַרוואַנדלען דאָס ספּעציפיש־יידישע פון וואָכעדיקייט אין קודש, פון וועלטלעכקייט דערהייבן ביז צו רעליגיעזקייט.

5. די פאַרשריבענע, פאָרמולירטע און פיקסירטע יידישקייט העלפט לגמרי ניט דעם קיום פון יידישן פאָלק ווי אַ פאָלק.

6. עס איז שוין אויסגעקומען צו לייענען, אַז די צאָל יידן אין אַמעריקע ווערט ניט גרעסער, נאָר קלענער! זינט די אימיגראַציע פון אייראָפּע האָט זיך אָפּגעהאַקט. אין 19טן י"ה האָט עס מיזרח־אייראָפּע פאַרגרעסערט די צאָל יידן פירפאַכיק (פון אַרום 4 מיליאָן ביז קנאַפּע 17 מיליאָן. בעת אין 20סטן י"ה האָט די גרויסע אַמעריקע ניט געהאָלפן פאַרגרעסערן די צאָל יידן אין דער וועלט, און זי האַלט אין איין פאַרקלענערן זיך). נאָך אין גרעסערער פּראָפּאָרץ פאַלט די צאָל אַקטיווע יידן, שעפערישע, אויף די געביטן פון קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט. ס'איז אַ געזעץ אין דער יידישער געשיכטע: די פיזישע צאָל פון יידן שטייגט און פאַלט צוזאַמען מיט דער גייסטיקער אויסגעהאַלטנקייט פון יידן, פון יידישקייט.

וואָס האָט וועלטלעכע יידישקייט אויפגעטאָן?

אייגנטלעך, אויב עס איז פאַראַן אויף דער וועלט ביי היינטיקן טאָג אַ יידיש פאָלק, איז דאָס דער אויפטו פון יידישער וועלטלעכקייט. אָן דער וועלטלעכקייט וואָלטן איצט געווען יידן, אָבער ניט קיין יידיש פאָלק. שוין ביי דער פראַנצייזי־שער רעוואָלוציע איז עס אויפגעקומען דער כּלל: יידן ווי בירגער — אַלע רעכט, אָבער יידן ווי אַ פאָלק — קיינע רעכט ניט. און אָט דער כּלל איז טאַקע אָפּגע־היט געטאָן. אין מערב־אייראָפּע זיינען געבליבן יידן אָבער נאָר ווי אַ רעליגיע־צוויַיג פון לאַנדפאָלק. דייטשן, פראַנצויזן, איטאַליענער פון דער יידישער רעלי־גיע. קיין שום פאַרזיכיקע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, קיין יידישע אָרגאַניזירט־קייט, קיין יידישע פאַרזיכיקע קולטור איז אין די לענדער מער ניט געווען. אויב

עס איז אויפֿגעקומען די „אַליאַנס איזראַעליט״ (באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „כל ישׂראל חברים״. 1860), איז זי פֿאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ הילף פֿאַר יידן אַנדערש ווו, ניט פֿאַר פֿראַנקרייך. אַזוי מיט דעם שפּעטערדיקן „הילפֿספֿאַראיין״ פֿון דייטשישע יידן. די אָרטיקע יידן דאַרפֿן גאָרניט, ווילן גאָרניט. פֿאַר זיי איז גענוג די רעליגיע.

אָבער די רעליגיע האָט לגמרי ניט איינגעהיט די יידישע פֿאָלקישקייט. צי עס איז געווען די פֿרומע, אָרטאָדאָקסישע יידישקייט פֿון פֿראַנקפֿורט אָדער האַמבורג — צי עס איז געווען די רעפֿאָרעם־ריכטונג פֿון בערלין — אַלץ איינס — איז ניט געווען קיין יידישע שאַפֿונג מער — ניט געזעלשאַפֿטלעך, ניט קול־טורעל. די געניע טעאָרעטישע באַגרינדונג איז געווען אין דייטשלאַנד אַ פּראָ־דוקט פֿון דער דייטשישער פּינקטלעכקייט. אַפֿילו די יידישע געלערנטקייט, יידישע וויסנשאַפֿט איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „וויסנשאַפֿט דעס יודענטומס״ — ריינע אַרכעאָלאָגיע, וויסנשאַפֿט פֿון פֿאַרצייטיקער יידישקייט, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם לעבעדיקן פֿאָלק פֿון היינט. היינט איז מער ניטאָ קיין יידיש פֿאָלק, ווי אַ פֿאָלק. צוזאַמען מיט דעם אונטערגאַנג פֿון יידישער פֿאָלקישקייט, פֿון יידי־שער קולטור איז אויך אַוועק אַ טאָטאַלער עטנאָגראַפֿישער אומקום פֿון יידישן פֿאָלק.

עס איז אָנגענומען פֿון יידישע סאָציאָלאָגן, אַז די יידישע באַפֿעלקערונג אין דייטשלאַנד אין צוואַנציקסטן י״ה איז איבערהויפּט פֿון אַריינגעוואַנדערטע יידן פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשן אָפּשטאַם, בעת די דורותדיקע יידן אין דייטשלאַנד זיינען אין גאַנצן אַסימילירט געוואָרן. סטאַטיסטיש ווערט די צאָל יידן קלענער, דער געבורט דעקט ניט דעם פֿאַרלוסט. דער פּראָצענט יונגע יידן ווערט אַלץ קלענער.

די ייִשובֿים הערן אויף צו שפּילן אַ וואָסער עס איז ראָל אין דעם אַקטיוו פֿון יידישן פֿאָלק בכלל. עס איז דער פּראָצעס פֿון אומקום.

די רעליגיע העלפֿט ניט איינצוהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק. פֿאַראַן פֿרומע יידן, זיי האַלטן אויס סינאַגאָגעס, ביי די סינאַגאָגעס לערנט מען קינדער די סינאַ־גאָגאַלע יידישקייט, אָבער קיין יידיש פֿאָלק איז מער ניטאָ. ניט קיין קולטור, ניט קיין געזעלשאַפֿטלעכקייט, ניט קיין פּאָליטיק, אַפֿילו ניט קיין פֿילאַנטראָפּיע. ניט לאַנג צוריק איז דורך דער יידישער פּרעסע ווי דורכגעלאָפֿן אַ נאָטיץ, אַז די צאָל יידן אין ענגלאַנד ווערט קלענער, עס פֿעלן אין משך פֿון עטלעכע צענדליק יאָר אַרום אַ צען טויזנט יידן. פֿאַראַן אין ענגלאַנד פֿרומע יידן, פֿאַראַן אַ ראַבינאַט, פֿאַראַן אַ היפּשע צאָל יידן־דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט, אָבער קיין יידישע פּאָלי־טיק פֿירן ניט די דעפּוטאַטן. די אַ מאָל באַרימטע „באָרד״ פֿאַרלירט איר וואָגיקייט, זי איז געווען אַקטיוויזירט דורך יידן פֿון מיזרח־אייראָפּע — ווייצמאַן, בראָדעצקי,

א. גאָלאָמב

סאָקאָלאָוו און אַנדערע. דאָס איז דער כּלל: אַן וועלטלעכער יידישקייט גייט אונ־טער דאָס יידישע פֿאָלק.

יידישע וועלטלעכקייט, אָבער נישט וועלטלעכע יידן

איך האָב אין דעם פריערדיקן פראַגמענט אַלע מאָל גערעדט וועגן יידישער וועלטלעכקייט. איך האָב זיך געהיט ניט צו שרייבן וועגן די אויפטועך פון וועלט־לעכע יידן. דאָס איז דערפאַר: יידישע וועלטלעכקייט ווערט געפירט און געהיט פון רעליגיעזע יידן ניט ווייניקער ווי פון אַרעליגיעזע. וועלטלעכע יידישקייט איז לגמרי ניט אַנטירעליגיעז. אויב פרומע יידן בויען סינאַגאָגעס, טעמפּלען, האַלטן אויס ראַביים, קאָנגרעגאַציע־שולן — איז דאָס אַלץ רעליגיע. אַפילו אויב די טוערס זיינען עקסט־רעפאָרמירטע. אָבער אויב פרומע חסידים בויען אויס אַ שטעטל פאַר זיך לעבן ניו־יאָרק — איז דאָס יידישע וועלטלעכקייט. קען זיין אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישער אוניווערסיטעט וואָס פאַרנעמט זיך מיט היינטיקער יידישקייט, וואָס לערנט מעדיצין וכדומה, קען אַזאַ שול זיין יידישע וועלטלעכקייט, און אַ רעפאָרמירטער קאָלעדזש וואָס גרייט ראַביים — דורכויס רעליגיעז.

אַ פרומער קיבוץ אין מדינת ישראל איז וועלטלעכקייט, קאַמף פאַר יידן אין רוסלאַנד — וועלטלעכקייט, מעג עס געטאָן ווערן פון די פרומסטע יידן, סאָציאַלע הילף און נאָך — אַלץ איז וועלטלעכע קולטור. דאָס הייסט, אַז מען דאַרף זיך אומקערן צום בראשיתדיקן טערמין „עולמשע" יידישקייט — אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט יידישקייט ווי ציבור, ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי אַ פאָלק איבער דער וועלט. נאָך פשוטער — אַלץ וואָס שטאַמט פון שולחן־ערוך — איז רעלי־גיעזע יידישקייט, אַלץ וואָס שטאַמט אַרויס פון די סאָציאַלע, קולטורעלע, פּאָלי־טישע באַדערפעניש פון היינטיקע יידן — אַלץ איז וועלטלעך, עולמשע ענינים.

אַז ישיבה־בחורים אָרגאַניזירן אין ניו־יאָרק זעלבסטשוץ איז עס וועלט־לעכקייט. אַז אַ ראַביי פּראָוועט אַ כּל־נדרי־קאָנצערט איז עס רעליגיע, הגם עס שמעקט שוין גאָר ניט מיט יידישקייט. בכן קומען מיר צום אויספיר, אַז אַלץ וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן פאַר דעם לעצטן י"ה ווי אַ פאָלק — אַלץ איז טאַקע יידישע וועלטלעכקייט. נייע יישובים, אין די יישובים יידישע קאָלעקטיוון, ניט קיין באַזונדערע יחידים־יידן, נאָר געזעלשאַפטן יידישע, צי אין די ראַמען פון לאַנדסמאַנשאַפטן. די לעצטע זיינען אין אַמעריקע געווען עטוואָס ווי היימישע שטעטלעך אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן, הילף־אָרגאַניזאַציעס פאַר דער אַלטער היים און פאַר ישראל, סאָציאַלע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פאַר זיך אין די נייע היימען, אַלוועלטלעכע צדקה־אַרבעט, וואָס גרייכן אַזוינע סכומים וואָס עס

איז זיך גאָר שווער געווען פאָרצושטעלן. די גאַנצע מדינה איז אַ פּראָדוקט נאָר פון וועלטלעכקייט. די פרומע האָבן דאָך לכתחילה נאָר געשטערט. נאָך איצט זיינען דאָך דאָ עקסטרעמע פרומע וואָס זיינען קעגן דער מדינה. בקיצור — אַלץ וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן עפּעס נייעס אין יידישן לעבן — אַל דאָס איז דער אויפטו פון וועלטלעכקייט.

און צום סוף — וועלטלעכקייט האָט אויפגעבויט אַ גראַנדיעזע פאָרזיכיקע מאָדערנע קולטור — אַ גרויסע און אַ רייכע ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן, טעאַטער, קונסט. מיט איין וואָרט — אויב יידן שטעלן איצט ניט פאָר מיט זיך אַ גרויסע, אַ מיליאָניקע מאַסע פון דעם טיפּ ווי די שומרונים, אויב יידן זיינען ניט קיין אַרכעאָלאָגישע לעבעדיקע פאַרציייטיקייט, איז דאָס דער אויפטו פון וועלטלעכקייט.

אָבער — דאָ קומט די טראַגעדיע: די ריכטונגען אין יידישן פאָלק איבער דער וועלט האָבן אַליין ניט פאַרשטאַנען דעם מהות פון אמתער וועלטלעכקייט, מען האָט ביי אונדז ניט באַנומען די היסטאָרישע אויפגאַבן פון וועלטלעכקייט, די לערערס פון וועלטלעכקייט האָבן שלעכט געלערנט. די פירערס האָבן אַזוי אַרום פאַרפירט. און מחמת באַשטימטע פסיכאָלאָגישע נייגונגען זיינען אויך די וועלט־לעכע יידן אַוועק אויף די וועגן פון משׂכּילישער אַסימילאַציע, און נאָך ניט גע־פונען דעם אמתן וועג. איז געווען גרינגער פאַר נתן בירנבוים אַוועקצוגיין פון וועלטלעכקייט דירעקט צו דער אַגודה, איידער צו אַנטוויקלען אין איר גאַנצער טיף די פולע אידעאָלאָגיע פון וועלטלעכער יידישקייט. און ביז היינט האָבן מיר ניט קיין אידעאָלאָגיע פון יידישער וועלטלעכקייט. די העכסטע הייך וואָס וועלט־לעכע יידן האָבן דערגרייכט איז אַז וועלטלעכקייט איז כּלומרשט אַנטירעליגיע. אָבער וואָס יאָ, וואָס זיינען די פּראַקטישע אויפגאַבן פון יידישקייט — דערצו איז מען ניט געקומען.

שפּראַכן

מען האָט אויף דער פאָן אויפגעשריבן שפּראַך — יידיש־וועלטלעכע און העברעיִש־וועלטלעכע. די לעצטע האָט זיך אין גאַנצן פאַרבונדן מיטן ציוניזם. האָט אָבער דער העברעיִזם אין די גלותן אין גאַנצן פאַרלאָרן. מיר וועלן דאָ זיך מיט דער ריכטונג ניט פאַרנעמען.

א. גאָלאָמב

די יידיש־וועלטלעכע

זיי האָבן פון אָנהייב אָן געטראָגן אין זיך מיקראָבן פון אַסימילאַציע. מען דאַרף פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן יידן אין תחום. זיי קענען ניט קיין רוסיש. איז געווען דער ערשטער שריט — די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן״ צו געבן סאָציאַליזם אין יידיש. קיין העכערע נאַציאָנאַל־פּאָלקישע צילן האָט מען זיך ניט געשטעלט. וועגן יידישן שטייגער האָט מען געהאַט באַגריפן פון משׂכּילים — מען דאַרף עס אַלץ צעברעכן. אַוודאי האָט מען געמוזט אַ סך ענדערן: אַלץ איז געווען אַריינגעפּאַסט אין ראַם פון שטעטל און אין אורבאַניזם מוז עס אַנדערש זיין. האָט מען אָבער לגמרי ניט געזוכט צו בויען קיין אורבאַנישע און פאַרזיכיקע יידישקייט, מען האָט זיך באַנוגנט מיט דאָס ביסעלע יידישע ווערטער וואָס די פריערדיקע „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן״ האָבן איינגעשטעלט. ניט געווען קיין פאַר־מעסטן אויפצובויען אין אַלע יידישע יישובים איבער דער גאָרער וועלט אַ ניי, אַ גאַנץ, אַן איינהייטלעך יידיש פאָלק. איז —

כּל־זמן עס האָבן נאָך געלעבט די שטעטלעך, האָט וועלטלעכע יידישקייט פון וואָס צו בויען, פון לעבעדיקן לעבן אין קונסטן אַריין. עס איז געווען ווער עס זאָל בויען: אַלע יידישע שעפערישע מענטשן, אַלע שרייבערס, דענקערס, טוערס — אַלע זיינען געקומען פון שטעטלעך.

פון די שטעטלעך זיינען אויך געקומען די קאָנסומענטן, פון די שטעטלעך זיינען געקומען אויך די געברויכערס פון יידישקייט. עס איז געווען פאַר וועמען צו בויען. אַלץ איז געקומען פון שטעטל: פון וואָס, ווער עס זאָל שאַפן און פאַר וועמען צו שאַפן. דער אורבאַניזם האָט נאָך גאָרניט געשאַפן, ניט אויסגעהאָדע־וועט אָט די דריי עלעמענטן פון קולטור.

אין די נייע יישובים

אויך אין אַמעריקע, אין לאָנדאָן, אין די אַנדערע נייע יישובים, אין אַפריקע, אין אויסטראַליע און אין דרום־אַמעריקע האָט געשאַפן בלויז דאָס שטעטל. עס איז געווען ווער און וואָס און פאַר וועמען. עס איז בפירוש געווען גאָר אַ גוט געפיל, וואָס איך אַליין פלעג ביי זיך איבערלעבן. איך פלעג עס אויסדריקן פאַר מיינע יונגע תּלמידים: קאַסרילעווקע האָט זיך צעוואַקסן, אַריבערגעגאָסן זיך איבער די ברעגן און צעגאָסן זיך איבער דער גאַנצער וועלט. עס הענגט ביי מיר אויף דער וואַנט אַ קאַריקאַטור, וואָס דער שטילער און טיפער בן הרב פון אַ

שטעטל חיים מוניץ הי״ד האָט מיר געגעבן מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק: „די אַלוועלטלעכע קאַסרילעווקע״. אַ נייע אויפלאַגע פון יענץ אַלט חסידיש לידל „פון כּאַסלאַוויץ ביז ליבאַוויץ און וואָס דאַרף איך אייך״ — איצט איז עס פון אויסטראַליע און ביז בוענאָס־איירעס... אַזוי האָבן מיר אַליין נאַיִוו געחלומט... ניט פאַרשטאַנען האָבן מיר אין יענעם זומער וואָס מיר האָבן אין ווילנע געהאַט אַזוי פיל גוטע געסט: פּראָפעסאָר א. א. ראַבאַק, לייבוש לערער, יעקב בערג, עפּעס אַ טעריטאָריאַליסט פון לאָנדאָן (פאַרגעסן זיין נאָמען), פון בראַזיל אַ יידן, ניט פאַרשטאַנען האָבן מיר אַז זיי קומען צו אונדז צו זוכן עפּעס, וואָס זיי האָבן שוין ניט.

ערשט איצט פאַרשטיי איך וואָס אייב קאַהאַן האָט זיך דעמאָלט אַזוי צע־ווײנט אויפן קול, ווען ער איז געזעסן מיט אונדז אויפן גראָז אַרום אַ שייטער און חברה האָט געטאַנצט און געזונגען אונדזערע פּאַראַדיעס. איצט קען איך באַ־גרייפן פאַר וואָס שלום אַש איז אָפּגעזעסן מיט אונדז אַ גאַנץ זומער אויף אונ־דזער זומער־קעמפּ, איך פאַרשטיי אויך פאַר וואָס צוויי שליחים פון עין חרוד האָבן ביי אונדז גאָר פאַרבראַכט גאַנצע פינף טעג און גערעדט אַז מען דאַרף יוגנט פון ארץ־ישׂראל שיקן אויף אַ צייט קיין ווילנע...

ביי אַלעמען איז עס געווען אַ מין נאָסטאַלגיע נאָך עפּעס וואָס מען האָט שוין פאַרלאָרן, וואָס אין די נייע ערטער, אין אורבאַניזם איז שוין מער ניט גע־ווען... דאָס זיינען געווען וויזיטן אויף קבֿר־אָבֿות. ניט פאַרשטאַנען האָבן מיר, אַז די זעלביקע נאָסטאַלגיע, דער זעלביקער חורבן פון חלומות דערוואַרט אויך אונדז אין אַ פּאָר יאָר אַרום...

...יאָ, אין די נייע יישובים, איבערהויפּט אין אַמעריקע האָט זיך וועלטלעכ־קייט אויסגעגאָסן אין אַ טייך פון אַנטירעליגיע: כּל־נדרי־בעלער, וכדומה. מען האָט געשטרעבט זיך צו „אַמעריקאַניזירן״; מען האָט זיך געהאַלטן פאַר „יידיש־שפּרעכנדיקע״ סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, אַלערליי... איסטן וואָס דערווייל ריידן זיי נאָך יידיש.

דער יידיש אַליין האָט געדאַרפט ווי ווייט מעגלעך אַנגליזירט ווערן. דערפאַר דער „פּאָטייטאָ־יידיש״. מאָדנע, ווי אין פאַרשיידענע לענדער, אין פאַרשיידענע צייטן, אין אַנדערע באַדינגונגען קומען ענלעכע שטרעבונגען: האָט מענדעלסאָן אין אַנהייב פון נײַנצנטן י״ה געשטרעבט מיט דער איבערזעצונג פון תּנך צו געבן די יידן אַ „ריכטיקן דייטש״. האָבן דאָס משׂכּילים אין רוסלאַנד באַמיט זיך איבערצוחזרן. אויף אַן ענלעכן וועג זיינען דאָס געגאַנגען אויך די „מאָדערנע״ יידן אין אַמעריקע. שפּעטער איז געקומען אַ באַשיידענער פאַרלאַנג די קינדער זאָלן זיך דאָך קענען אַ ביסל צונויפריידן מיט זיידע־באָבע. וועגן אַן אַלוועלטלעך יידיש פאָלק מיט אַן אַלוועלטלעכער יידישער אָרגאַניזירטקייט, מיט אַ יידישער

קולטור וואָס זאָל אַריינגעמען און אַסימילירן אין זיך די גאַנצע וועלטקולטור פון דער אַקטועלער צייט, וועגן סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַזיסן פון אַזאַ איינהייט־לעכן, אַלוועלטלעכן יידישן פאָלק האָט מען אַפילו ניט געחלומט. האָט זיך דער גאַנצער אידעאַל פון וועלטלעכקייט אויסגעליידיקט ביז צו נעגאַציע: מען דאַרף ניט קיין יידישקייט אין גאַנצן. געגוג עטלעכע צענדליק יידישע ווערטער. און אויך אָט דאָס טראָפנדל יידיש לשון האָט ניט קיין שום עקאָנאָמישע, סאָציאַלע באַזעס אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטן... אָט נאָך דעם איז מען דעמאָלט געפאָרן קיין ווילנע: פון דאַנען וועט אפשר אויסוואַקסן די וועלטלעכע יידישקייט...

ווי האַלט עס מיט יידישקייט היינט?

כדי צו מאַכן דעם ענין קירצער, וועלן מיר פּרובירן אָנרופן נאָר די הויפּט־ריכטונגען: אַזוינע זיינען לויט מיין מיינונג פאַראַן דריי: די רעליגיעזע ריכטונגען, די וועלטלעך־נאַציאָנאַלע און די אינדיפערענטע.

ווי וויט די רעליגיעזע ריכטונגען זיינען ווייט פון אַנאַנד! און דאָך זיינען פאַראַן געמיינזאַמע שטריכן: פאַראַן פּרינציפּן אָפענע און פאַראַן באַהאַלטענע וואָס עס איז איצט ניט אין דער מאָדע זיי צו דעקלאַרירן. בעסער, אַנגענומענער איז זיי צו באַהאַלטן. זיי אָבער דיקטירן דעם אויפפיר. דער ערשטער פּרינציפּ איז: יידן זיינען ניט קיין פאָלק נאָר אַ רעליגיע. קיינע אַנדערע אַטריבוטן פון אַ פאָלק אינטערעסירן ניט. אין יעדער לאַנד, אין יעדער מדינה איז מען באַזונ־דער, עס ווערט ניט געזאָרגט פאַר דער איינהייטלעכער גאַנצקייט פון יידישן פאָלק בכלל, פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מאַכט אין פאָלק. לעצטנס איז צוגעקומען נאָך אַ סימן — די קאַלטע באַציִונג צו דער יידישער מדינה ווי אַזאַ.

שפּעטער הייבן זיך אָן די אונטערשיידן: דער הויפּט־אונטערשייד — די מדרגה פון אַסימילאַציע, דער דראַנג זיך צו אידענטיפיצירן מיטן הויפּטפאָלק אין לאַנד. פון דעם דראַנג שטאַמט די מדרגה פון רעפאָרעם. הצד השווה ביי אַלע די רעליגיעזע ריכטונגען — זיי וועלן ניט אָנערקענען קיינע יידישע פאָלקישע אינהאַלטן וואָס מען קען זיי ניט אַריינעמען אין סכום פון רעליגיע. ניט יידיש לשון, ניט יידישע קולטור — ניט פאַר זיי, ניט פון זיי קען די פאָלקישע קולטור געשטיצט ווערן.

פון די אַלע ניט־רעליגיעזע ריכטונגען דאַרף מען לכתחילה אַראָפּנעמען „די יידיש־שפּרעכנדיקע". זיי קענען זיין געטריי צו זייער אידעאַל — סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, קאָמוניזם, אָבער אויך זיי גייט ניט אָן שטאַרק די אַלוועלטלעכע גאַנצ־קייט און באַזונדערע פאַרזיכיקייט פון יידישן פאָלק. אויף אַ מאָדנעם אופן האָבן

זיך די ריכטונגען יאָ פעסט פאַרבונדן מיט יידיש לשון — עס׳ איז גרינגער געווען דורך יידיש צו קומען, משפיע צו זיין אויף ברייטערע שיכטן פון יידישן פאָלק. פון דאַנען איז געקומען צווישן די צוויי וועלט־מלחמות די אַקטיווקייט פאַר יידישע שולן און קולטור בכלל. די טענדענצן האָבן אָבער דיקטירט נעגאַציע צו אַלץ וואָס איז פאָלקיש און רעליגיעז. די שטאַרקסטע פאַרטיי פון דער ריכטונג — דער בונד, איז לכתחילה אויפגעקומען און זיך געהאַלטן נאָך אין תחום, ווו קיין אמתע אַסימילאַציע איז ניט געווען מעגלעך. אָבער אויך ביי בונדיסטן איז „נאַציאָנאַליזם" געווען מער אַ זידלוואָרט. דער אמתער כאַראַקטער און דראַנג איז קענטיק געוואָרן ווען דער קאָמוניזם האָט זיך פאַרפעסטיקט אין רוסלאַנד: ניט געווען מער קיין שום מאָטיוון איינצוהיטן די אייגענע באַזונדערע פאַרטיי אַפילו. מען האָט זיך זייער גיך אַריינגעגאָסן אין אַלגעמיינעם קאָמוניזם.

די צוגעבונדנקייט צו רוסלאַנד איז געבליבן אַפילו ביי די עמיגראַנטן אין אַמעריקע, אויך פון אַזאַ מדרגה ווי עס זיינען געווען ר. אַבראַמאָוויטש און גריגאָרי אַראָנסאָן, וואָס זיינען אָרגאַניש, לויט זייער דערציִונג, געווען גאַנץ טיף פאַר־וואָרצלט אין יידישער קולטור. אויך ביי אַזוינע איז רוסלאַנד געווען די דאָמי־נאַנטע, ניט די גאַנצקייט און די אַלוועלטלעכע באַהעפטקייט פון יידישן פאָלק ווי אַזאַ און איבערהויפט די זאָרג פאַר דער צוקונפט פון אַט דעם יידישן פאָלק אין אַזאַ מאָסשטאַב. אויך ביי יידן פון דעם טיפּ איז די זאָרג פאַר דער דעמאָ־קראַטיע אין רוסלאַנד געווען שטאַרקער ווי די זאָרג פאַר יידישער פאָלקישקייט. דאָס איז אויך אַ מין אַסימילאַציע, אויב ניט מיט דעם פאָלק פון לאַנד, איז מיט באַשטימטע אידעאַלן פון לאַנדפאָלק.

מאָסיוו און מאָסע

ניט אין פאַרגלייך מער באַהעפט צום לאַנדפאָלק זיינען די יינגערע דורות יידן אין די נייע יישובים אין דער וועלט. זיי פאַרגלייך איך צו די יידן וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט אין „טיף ראָסיי". זייער גאַנצע קולטור און שטייגער, זייער איינגעבאָרענע שפּראַך איז פון הויפטלאַנד. זייער באַהעפטקייט צום יידישן פאָלק איז אַ סך שוואַכער. ניטאָ אין קיין שום יישוב אין דער וועלט אַזאַ קאָנצענטרירטע יידישקייט ווי עס איז געווען אין תחום. אַט דאָ וואַקסט אויס דער באַטייט פון רעליגיע ווי אַ פאַקטאָר פון נאַציאָנאַליזאַציע. צו דעם וועלן מיר קומען שפּעטער. אַט אין דער דאָמינירנדיקער אַריינגעלעבטקייט אין לאַנדפאָלק ליגט די שוואַכ־קייט פון ציוניזם אין די נייע יישובים. און נאָך שוואַכער מוז זיין אין די יישובים דער יידישער גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט ניט קיין לעבעדיקן פאַקט, ווי עס

איז די מדינה פאַרן ציוניזם. פאַרקערט, האָט דאָך נאָך דער ציוניזם אַליין אין זיין קלאַסישער פאָרמולירונג אַן אַנטינאַציאָנאַלע השפּעה אויפן גלות. אין זיין באַציִונג צו דער פאָלקישער שטייגער־קולטור, אין דער נעגאַציע פון יידיש לשון און קולטור אין יידיש ליגט אויך אַ מין וועלן אַנטלויפן פון פאָלק. עס איז אויך אַזאַ מין אַסימילאַציע וואָס האָט געקאָנט האָבן אַ פּאָזיטיווע השפּעה אין תּחום, אָבער אין אַמעריקע, אין די נייע יישובים איז זיין השפּעה אַ פונפאָלקישע און דערפאַר שעדלעך אויך פאַרן ציוניזם...

אויך פון די ריכטונגען קען דער יידישער נאַציאָנאַליזם ניט דערוואַרטן קיין מאַסן־אָנהענגער.

עס פרעגט זיך: ווו זיינען אָבער די פאָלקישע מאַסן פון תּחום, וואָס פון זיי איז אַרויסגעוואַקסן די גאַנצע אַקטיווע יידישע אינטעליגענץ? איר גאַנצע אידעאָלאָגיע? פון איר און פאַר איר? האָט זי ניט קיין שום יורשים אין די נייע יישובים?..

יאָ, טאַקע אַזוי. לאָמיר דאָ זאָגן דעם גאַנצן טראַגישן אמת: דער גאַנצער יידישער מאַסיוו וואָס איז אין תּחום געווען דער רוקנזייל פון גאָר דער גאַנצער און פילזייטיקער יידישקייט, ער האָט זיך אין אַמעריקע געהאַלטן, נאָר גאָר אַ קורצע צייט. דאָס איז געווען די צייט פון די „לאַנדסמאַנשאַפטן". זיי זיינען געווען אין תּוך אַריין די זעלביקע היימישע שטעטלעך אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן. אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן אין די נייע יישובים — אַלץ האָט געשטאַמט פון יענעם דור, פון יענער צייט. — די קולטור, ליטעראַטור און פּרעסע, טעאַטער, געזעלשאַפטלעכקייט, גראַנדיעזע צדקה־פאַרמעסטן, יידישע פּאָליטיק — אַלץ פון דאַנען. אָט דער פאָלקישער מאַסיוו האָט אויך אַריינגעצויגן און אַרויס־געהויבן פירערס, וואָרטזאָגערס און מענטשן מיט השפּעה אין אַמעריקאַנער לעבן, הגם זיי אַליין האָבן ניט געשטאַמט פון תּחום אַרויס. (שיף, וויס וכדומה). אָט דער פאָלקישער מאַסיוו האָט זיך געהאַלטן נאָר איין דור. ער האָט ניט באַוויזן אויסצואַרבעטן קיין נייע, אורבאַנישע אַלזייטיקע יידישקייט מיט אַן אידעאַל פאַר דער צוקונפט. ניטאָ קיין מאַסיוו. ווי טראַגיש דאָס זאָל ניט זיין, מוז מען דאָס זאָגן אָפן.

פון מאַסיוו איז געוואָרן אַ מאַסע. פון איין פעסטן פעלדז איז געוואָרן אַ באַרג מיט זאַמד, מיט באַזונדערע זעמדעלעך, וואָס האָבן ניט קיין באַהעפט צווישן אַנאַנד. די מאַסע איז ניט קיין פאָלק. זי האָט ניט קיין קולטור — ניט קיין יידישע און ניט פון קיין אַנדער פאָלק, זי האָט ניט קיין פאָלקישע געפילן פון אָנגעהע־ריקייט. פאַרקערט, איז מען גערן צו באַהאַלטן דעם יידישן אָפּשטאַם, ער איז אומבאַליבט, אומגעוווּנטשן. די צעשאָטענע מאַסע פון אַ געוועזענעם פאָלק האָט לגמרי ניט קיין פאָלקישן פּרצוף. די מאַסע איז דער בעסטער, גרינגסטער אָביעקט

פאַרן פּראַקטישן אַנטיסעמיטיזם, ווען ער ווערט אַקטיוו... דאָס איז אַ צווייטע פּראָבלעם. דאָ איז פאַר אונדז געגוג צו זאָגן אַז קיין שום אידעע צו בויען אַ פעסטע יידישע, פאַרזיכיקע, אַלוועלטלעכע, נאַציאָנאַל־יידישע קולטור און פּאָלי־טישע אָרגאַניזירטקייט, קיין שום אידעע פון דעם מין קען ניט וואַרטן אויף קיין שטיצע פון אָט דער צעשאָטענער אַנקולטוריקער מאַסע. אין נאָרמאַלע באַדינגונ־גען וועט אָט די צעשאָטענע שטויב פון אַ געוועזענעם פאָלק אין תחום, זיך אַריינ־גיסן אין משך פון עטלעכע דורות אין דעם לאַנדפאָלק אַריין. דער פּראָצעס גייט סיי ווי אָן שוין די גאַנצע דריי הונדערט יאָר וואָס יידן זיינען אין אַמעריקע.

אין קלענערע יישובים גייט דער פּראָצעס פון פולער אויסיידישונג גיכער. אין גרעסערע יישובים קען ער געדויערן לענגער. קיין קיום־פּאָטענצן זיינען אין דער מאַסע ניטאָ. אין אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, בעת סאָציאַלע אויפברויזן, איז אָט די צעשאָטענע יידן־מאַסע דער בעסטער אָביעקט אויף וועמען אויסצוגיסן דעם צאָרן. ווי ווייט מיר האַלטן פון דעם — בין איך ניט קיין נביא...

דאָ וואַקסט אויס גאָר שטאַרק די ראָל פון דער נאַציאָנאַל באַוווסטזיניקער אָרטאָדאָקסיע. זי איז די איינציקע גרופּע וואָס פאַרמאָגט נאַציאָנאַלן שטאָלץ און ווילן, זי האָט טיילווייז דעם כוח צו טראָגן המשך; זי שעמט זיך ניט, זי באַהאַלט ניט איר פאָלקישן אָפּשטאַם און זי פאַרמאָגט די יידיש־פאָלקישע דאָמינאַנטע. ביי היינטיקן טאָג איז די אָרטאָדאָקסיע די געטרייסטע, זיכערסטע גרופּע מיט אַ פאָל־קישן באַוווסטזיין, וואָס באַהאַלט ניט און פאַרמינערט ניט איר יידישקייט. וואָלט עס געווען זייער גוט, אָבער...

די אָרטאָדאָקסיע האָט גוואַלדיקע גרויסע דעפעקטן אין נאַציאָנאַלן, פאָלקישן זינען. איך וועל זיך באַמיִען דאָ זיי אָנצווייזן:

1. דער אימפּעט, דער מוט און געטרייקייט פון דער אָרטאָדאָקסיע שטאַמט ניט פון אַ פאָלקישן באַוווסטזיין, נאָר פון אַ ריין רעליגיע־באַוווסטזיין. דאָס וואָס עס איז ליב און טייער, איז ניט ווייל עס איז יידיש־פאָלקיש, נאָר ווייל אַזוי האָט גאָט געבאָטן, און ער צאָלט דערפאַר.

2. דאָס וואָס גאָט האָט געהייסן איז פאַרשריבן און פיקסירט אין שולחן־ערוך. מער ווי דאָס דאַרף מען ניט, טאָר מען גאָר ניט. אַלץ וואָס שטאַמט ניט פון שולחן־ערוך, איז גאָר פסול, ניט אָנצונעמען.

3. די אָרטאָדאָקסיע איז ווי אַלע אַנדערע ריכטונגען מאַכטגיריק, דערפאַר קעמפעריש, געניינגט צו נעגירן און פסלען אַלץ וואָס אַנדערע ריכטונגען האַלטן פון דעם. די מאַכט־גיריקייט פון דער אָרטאָדאָקסיע איז באַזונדערש בולט אין דער יידישער מדינה, ווו זי מאַכט גרויסע שוועריקייטן דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון אַ דורכויס יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס מען קען גאָרניט אַריינפּאַסן

אין אַן אַלטן שולחן־ערוך פון גלות אַרויס: אַ לאַנדפאָלק זאָל זיך אויפהאַלטן מיט אַ קאָדעקס פון אַ סובאָרדינירט פאָלק.

4. ווי אַלע אַנדערע רעליגיע־ריכטונגען באַגרענעצט זיך אויך די אָרטאָ־דאָקסיע מיט דער סינאַגאָגע, אויך די דערציִונג וואָס זי פירט איז מער אַ סינאַ־גאָגאַלע ווי פאָלקישע.

5. די אָרטאָדאָקסיע מאַכט כסדר אַלץ מער קאָנצעסיעס דער אַסימילאַציע אַפילו אין איר פעסטונג גופא, אין דער סינאַגאָגע. דער ערשטער קרבן איז דאָס יידישע לשון. עס ווערט אָפט ניט גוט, צו זען ווי אַ רב אין אַ בית־מדרש מיט עלטערע יידן הייבט אָן צו ריידן ענגליש. עס הערט זיך פון דעם אַ שלעכטער ריח פון אַסימילאַציע. נאָך דעם קומען אַנדערע און אַנדערע הנחות. עס וועט זיין ריכטיק צו זאָגן אַז די אָרטאָדאָקסיע ציט זיך כסדר צו די קאָנסערוואַטיווע און די לעצטע — ציט עס צו די רעפאָרמערס.

6. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָט די אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע ניט אויפגעבראַכט קיין טיפע יידישקייט־פילאָסאָפיע. אַלע אַרטיקלען, עסייען און אויך ביכער דרייען זיך אַרום הלכה־פראָבלעמען. בריות באַווייזן גרויסע קונצן אין שווימען אין גרויסן ים התלמוד. אויסער דעם באמת גרויסן יידן הרב א. י. הכוהן קוק ז״ל איז מיר ניט באַקאַנט קיין היינטצייטיקע אָרטאָדאָקסישע יידישקייט־פילאָסאָפיע, קיין וועלטבאַנעם, קיין אויסקוק צו דער פאָלקישער צוקונפט.

7. די אָרטאָדאָקסיע גופא, פאַר זיך אַליין שטעלט אויך ניט פאָר קיין גאַנצע איינהייטלעכע צילבאַוווּסטע באַוועגונג; זי איז צווישן זיך אַליין צעקריגט, צעריסן און כמעט אַז יעדע „קאָנגרעגאַציע״ (קהילה — פאַסט ניט) פירט איר „פובליסיטי״ פאַר זיך, און יעדער רב איז מער אַ „פובליסיטי־מענעדזשער״ איידער אַ רב אין זיין טראַדיציאָנעלער ראָל.

די אַלע חסרונות נעמען זיך פון איין אַלגעמיינעם גרויסן חסרון — עס פעלט אין גאַנצן דער פאַקטאָר פון אהבת ישראל. ניטאָ אויך ביי די אָרטאָדאָקסן קיין ליבע און געטרייקייט צו דעם אַלעם וואָס איז פאָלקיש, אָט די געטרייע באַציִונג צו אַלץ וואָס איז פאָלקיש, ווי עס האָבן פאַרמאָגט די פרושים אין זייער צייט, ווען זיי האָבן געשאַפן די יידישקייט ביז אונדז. דערפאַר גלייב איך ניט, אַז די אָרטאָ־דאָקסיע זאָל איצט קענען שאַפן אַן אורבאַנישע הלכה ווי רבי יוחנן בן זכאי און פאַר אים און נאָך אים האָבן געשאַפן אַ הלכה־יידישקייט פאַר דעם גלות.

אָבער אויסער דער אָרטאָדאָקסיע, און איבערהויפּט איר אַקטיווסטן פליגל פון חב״ד, זע איך ניט קיין שעפערישן כוח אין יידנטום. איך האָב אַ לעבן גע־האָפט און געחלומט וועגן דער וועלטלעך־יידישער ריכטונג. זי איז אַמנאָנטסטן צום פאָלק, ווען עס איז געווען דער פאָלקישער מאַסיוו ווי אַ מאַסיוו, ווי אַ פעס־טער באָדן וואָס פון אים וואַקסן אַלע פרוכטן. אָבער, ווי איך האָב זיך באַמיט צו

פאַרמולירן פריִער, האָט די ריכטונג ניט באַוויזן צו שאַפן אַ יידיש־וועלטלעכע וועלט־רעליגיע, עס האָט זיך ניט אַנטוויקלט קיין קלאָרע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע, קיין אמונה וועגן אַ צוקונפט פון אַ גאַנץ, אַלוועלטלעך יידיש פאָלק איינהייטלעך אין דער גאָרער וועלט, אָרגאַניזאַציאָנעל באַהעפט, קאָאָרדינירט, מיט אַן אייגענער שטייגערישער קולטור און שפּראַך, וואָס האַלט זיך פאַר זיך און פאַרזיכיק אין אורבאַניזם, ווי דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געהאַלטן פאַרזיך אין דער שטעטלשער תקופה.

דאָס איינציקע וואָס עס האָט זיך יאָ אַנטוויקלט איז געווען די ריין פּלאַטאָ־נישע ליבע צו יידיש לשון, אָן קאָנקרעטס, וואָס זאָל מאַכן יידיש נייטיק אין פּראַקטישן לעבן. אַחוץ דעם האָט מען גאָר אין נאָמען פון דעם עמבריאָן פון וועלטלעכקייט שוין באַצייטנס גענומען ענערגיש אָפּוואַרפן אַלץ וואָס עס איז ביים פאָלק געווען פאַרהייליקט. איז מען געבליבן אָן דעם און אָן יענעם. אַזוי אַרום איז דאָס יידישע פאָלק געבליבן לעבן אין די נייע יישובים אָן אָן אמתן גלויבן.

מען רעדט וועגן יידישקייט און עס גייט אַ וואַקסנדיקע אַסימילאַציע. ריכ־טיקער — ניט קיין אַסימילאַציע נאָר אַ פּשוטע דעקולטוריזאַציע און סוספּענסיע (ווי זאָלץ אין וואַסער). אָט די סוספּענסיע קען „אַרויסשליידערן" דעם פרעמדן סוספּענדירטן שטאָף (די יידן) אין יעדער מאָמענט; מען רעדט וועגן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און מען זינקט אין אָט דער אַסימילאַציע. איבערהויפּט איז מסוכן די שפּראַך־אַסימילאַציע. די שפּראַך, ווייסן מיר, איז בלויז דער בגד, די פלאַש פון קולטור, אָן דער שפּראַך איז ווי אַ קערפּער אָן אַ הויט. עס קען קיין פאָלק ניט לעבן מיט אַ שפּראַך פון אַ פרעמדן פאָלק. אָן אַ פאַרזיכיקער שטייגער־קולטור איז יידיש לשון ניט מער יידיש.

מען רעדט אַ סך וועגן ציוניזם, וועגן דער מדינה; מען האַלט אין איין דעקלאַרירן זיך אין ליבע, און מען בלייבט זיצן אין די גלותן, ווען די מדינה לעכצט נאָך עולים; מען רעדט וועגן העברעיִש, און מען האָט שוין אויפגעהערט זיך נאַרן אַפילו מיט דעם; עלטערע יידן האַלטן נאָך פון יידיש, אָבער קיין סאָציאַלע, עקאָנאָמישע באַדערפעניש האָט מען פאַר יידיש ניט געשאַפן. פאַראַן אַן אידעאַל פון אַ יידיש פאָלק אין זיין אייגענער מדינה און וואָס עס זאָל ווערן מיט דעם פאָלק אין דער וועלט?.. ניטאָ קיין אידעאָלאָגיע־אמונה — ניט אין אַ רעליגיעזן און ניט אין אַ וועלטלעכן לבוש. עפּעס ווי די זאָרג, די פעיִקייט פון זאָרגן וואָלט זיך פון אונדז אָפּגעטאָן.

א. גאָלאָמב

גאָט-אמונה און פֿאָלק-אמונה

פּרוביר איך דענקען אין קאַטעגאָריעס פֿון יידישער פֿאָלקישער צוקונפט.

1. דער אידעאַל איז — דער קיום פֿון יידישן פֿאָלק אין דער וועלט ווי איין גאַנץ פֿאַרזיכיק פֿאָלק מיט זיין אייגענער קולטור און שפּראַך, אָרגאַניזירטקייט אין אַ וועלט־מאָסשטאַב.

2. די דאָזיקע פֿאַרזיכיקע קולטור דאַרף זיין באַזירט אויף די פּרינציפּן פֿון המשך און הבדלה. המשך פֿון דער יידישער קולטור וואָס האָט געלעבט אין דער נאָנט־פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה און הבדלה — אָפּגעזונדערט פֿון דער שטייגער־קולטור פֿון די שכנהשע לאַנדפֿעלקער.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אָט די נייע אורבאַנישע יידישקייט קען ניט און טאָר ניט אָננעמען בלויז דאָס רעליגיעז־פֿיקסירטע אָדער נאָר דאָס וועלטלעכע, אָפּוואַרפֿנדיק די צווייטע. די אויפֿגאָב פֿון דער דענקענדיקער אינטעליגענץ אין פֿאָלק דאַרף זיין דאָס זוכן און אויספֿורעמען די וועגן ווי צו פֿאַרוואַנדלען די נייע וועלטלעכע קולטור אין רעליגיעז הייליקע און פֿאַרקערט, זוכן און געפֿינען וועגן ווי דאָס טראַדיציאָנעל פֿאַרהייליקטע זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דעם וועלטלעכן שטייגער. דאָס איז דער מהות פֿון יידישקייט, פֿון יידישער קולטור.

3. די גאַנצע יידישקייט, דער סינטעז פֿון אַלטן מיט דעם נייעם מוז ווערן אין אורבאַניזם איצט דער אינהאַלט פֿון דער יידישער רעליגיע. די יידישע רעליגיע איז אַלע מאָל געווען ניט קיין גאָט־רעליגיע נאָר אַ פֿאָלק־רעליגיע. ניט די גאָט־קרעדאָס זיינען וויכטיק, נאָר פּירונגען; ניט דאָגמעס, נאָר מיצוות און הלכות־פּירונגען. איצט אויך אָפּהיטן די פֿאָלקישע פּירונגען. דאָס איז אמונת־ישׂראל — גלייבן אין יידישקייט.

4. דער יידישקייט־גלויבן זעט פֿאָרויס אַ דרייַפֿאַכיקן שלום אין יידישקייט: ניטאָ מער קיין מחלוקת צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט: דאָס רעליגיעזע איז די יידישקייט פֿון עלטערע צייטן, דאָס וועלטלעכע — איז פֿון לעצטן דור. ביידע זיינען קודש בקדושת הפֿאָלק. עס וועלן מוזן אין אורבאַניזם אָפּפֿאַלן אַ סך פֿאַרצייטיקע הלכות וואָס זיינען געווען גוט בשעתם. דער פּרינציפּ פֿון אָפּקלייב — המשך און הבדלה: דאָס נייע מוז שטאַמען פֿון דעם אַמאָליקן און עס טאָר ניט זיין קיין נאָכמאַכונג פֿון פֿרעמדע ניט־יידישע פּירונגען. דער צווייטער שלום איז צווישן די שפּראַכן: ניטאָ מער קיין קריגעריי צווישן יידיש און העברעיִש. דער דריטער — די מדינה און די גלותן זיינען איין פֿאָלק: די מדינה וועט נאָר דעמאָלט זיין אַ יידישע מדינה ווען זי וועט בויען אין לעבן איר שטייגער און איר קולטור פֿון דער גלות־קולטור, פֿון דעם וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט גע־

שאַפן אין די גלותן. דאָס זיינען די ראשי־פּרקים פון דער אינטעגראַלער אַל־וועלטלעכער יידישקייט.

...קלאָר — אין דער היינטיקער וועלט, ווי זי פירט זיך איצט, איז ניטאָ וואָס צו האָפן אויף באַלדיקער מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן אַזאַ פאָלקיש־נאַציאָנאַלן אידעאַל. אָבער... דער טראַדיציאָנעלער משיח־אידעאַל איז ווען עס איז געווען נענטער? אַקטועלער? אמונה איז תמיד אַ גלייבן און האָפן אין אַ ווייטן אידעאַל. אָבער ער העלפט בויען דעם דירעקטן מאָרגן.

וואָלט עס געווען זייער גוט אויב וועלטלעכקייט וואָלט פאַרשטאַנען געוואָרן ריכטיק, יעדע נייע תקופה דאַרף פאַרוואַנדלען די יידישקייט פון דער פריִערדיקער תקופה אין אַ הייליקייט. ווען וועלטלעכע יידישקייט וואָלט געלערנט: יידישקייט איז קיין מאָל ניט געגעבן געוואָרן אַ פּאַרטיקע, ניט אַז זי איז געגעבן געוואָרן פון גאָט, ניט פון פאָלק, דאָס יידישע פאָלק איז דאָ בלויז אַ פּאַסיווער מקבל און ניט מער. ניין, יידישקייט ד״ה אַלע פירונגען און אינהאַלטן וואָס שיידן אָפּ דאָס יידישע פאָלק פון אַלע אַנדערע פעלקער, אַל אָט דאָס איז טייער און ליב און דאַרף אָפּגעהיט ווערן אויך אין דער נייער אורבאַנישער תקופה, ווייל עס איז יידיש, און בכן איז עס קודש, ווי געהייסן, ווי אָנגעזאָגט פון יידישן גאָט; וואָס פאָלקיש — איז געטלעך. אַזוי האָבן געטאָן אין זייער צייט די חז״ל. זיי האָבן געלערנט: יעדער הלכה — אַ גאַנג, אַ שטייגער, איז גלייך צו אַ מיצווה פון גאָט; אַזוי האָבן געדאַרפט טאָן די חכמי הדור פון דער נייער, פון דער אורבאַנישער תקופה. האָבן אָבער די וואָרטזאָגערס פון דער אורבאַנישער תקופה זיך פאַרנומען אויף גאָר אַן אַנדער וועג: אין תּוך אַריין זיינען יידן ניט קיין פאָלק ווי אַלע פעלקער, עס איז רעליגיע. און רעליגיע דאַרף באַקעמפט ווערן ווי עס טוען וועלטלעכע רוסן; דער רב ווי דער גלח — זיי „פאַרפינצטערן דאָס בידנע פאָלק״...

עס איז אָבער דאָ געווען אַ טעות: די וועלטלעכע רוסן האָבן ניט באַקעמפט דעם רעליגיעזן שטייגער פון זייער פאָלק, זיי האָבן געקעמפט קעגן דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער מאַכט, וואָס האָט כּסדר געהאָלפן דעם צאַריזם. די פירונגען, דער שטייגער פון פאָלקס לעבן — דאָס האָט מען ניט באַקעמפט. האָבן אָבער די יידישע וועלטלעכע דעם גאַנצן קאַמף, אַלע זייערע האַרמאַטן אָנגעשטעלט קעגן דעם פאָלקס שטייגער. איז די גרעסטע מיצווה פון וועלטלעכקייט געוואָרן אַ באַל אין דער נאַכט פון כּל־נדרי וכדומה. אַנשטאָט צו פאַרהייליקן דאָס פאָלקישע, האָט וועלטלעכקייט גענומען באַקעמפן, אויסראָטן דאָס פאָלקישע. קיין פּאָזיטיווע פּראָגראַם: וואָס יאָ, פון וואָס דאַרפן וועלטלעכע יידן יאָ האַלטן, וואָס דאַרפן וועלטלעכע אָננעמען און אָפּהיטן — דאָס האָט מען ניט קלאָר געמאַכט.

עס קומט אויס גאָר פאַרקערט ווי יידן פירן זיך: כּדי אַ ייד זאָל ווערן אַן אמתער מעקסיקאַנער, כּדי ער זאָל קענען אָרגאַניש פאַרדייען די מעקסיקאַנישקייט,

דאַרף ער פריִער אין זיך אַנטוויקלען זיין אָרגאַנישע יידישקייט. יידן מיט אַ שטעטלשער קינדהייט האָבן געקאַנט אויסוואַקסן ווי שעפערישע רוסן אָדער פּאָליאַקן. צי קענען יידישע קינדער, געהאָדעוועט אין היימען פון יידישע עלטערן, דורך דערציִונג אויסוואַקסן שעפערישע מעקסיקאַנער? — שווער אין דעם צו גלייבן.

אַזוי האָט וועלטלעכקייט פאַרבלאָנדזשעט אויף פאַלשע וועגן און האָט ניט געשאַפן קיין אורבאַנישע יידישקייט. נאָרמאַל דאַרף איטלעכע תּקופה איבערנעמען די יידישקייט פון דער פריִערדיקער תּקופה און זי אַריינפאַסן אין די נייע פורעמס פון דער נייער תּקופה. דאָס איז אייגנטלעך דער ריכטיקער זינען פון דער ערשטער משנה אין „אבות", וועלטלעכע יידן האָבן די משנה געדאַרפט לערנען: משה קיבל תּורה מאָבות — משה האָט געבראַכט דעם יידישן פאָלק די תּורה, די יידישקייט פון די אָבות, די יידישקייט וואָס האָט זיך געפירט ביי יידן פון די אָבות אָן און ער — משה — האָט זי איבערגעגעבן צו יהושע און ווייטער ביז צו עזרא און ווייטער — צו די אנשי כּנסת הגדולה. דאָ ענדיקט די משנה. עס איז איר צייט, איר תּקופה. מיר אָבער ציִען די טראַדיציע ווייטער און מיר לערנען: „די אנשי כּנסת הגדולה האָבן זייער יידישקייט איבערגעגעבן צו חז"ל, די חז"ל האָבן יידישקייט איבערגעגעבן צו בבל, בבל האָט איבערגעגעבן צו אַשכּנז און אַשכּנז האָט איבערגעגעבן יידישקייט צו די יידישע שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע.

מיטן חורבן פון די יידישע שטעטלעך איז אונטערגעגאַנגען זייער יידישקייט. ווער נעמט זי איבער אָט די יידישקייט?

זאָגן די פרומע, רעליגיעזע, אַז זיי טוען דאָס. אָבער פאַלש: זיי ווילן איבערנעמען ניט די יידישקייט, נאָר דעם שולחן־ערוך, ווי ער איז געשאַפן געוואָרן מיט פיר הונדערט יאָר צוריק. זאָגן די אַלערליי רעפאָרמערס, אַז יידן זיינען מער ניט קיין פאָלק, זיי האָבן קיין אייגענעם שטייגער, זיי געהערן צו דעם הויפּטפאָלק פון לאַנד, זיי האָבן נאָר אַ גאָטעסדינסט אַ באַזונדערן. זיי חזרן איבער היינט, ביים סוף פון צוואַנציקסטן י"ה די נאַרישקייטן וואָס די דייטשישע יידן האָבן געדרשנט אין אָנהייב פון נייַנצנטן י"ה. יענע האָבן געהאַט אַ טעות, די היינטיקע חזרן איבער דעם זעלביקן טעות. איז עס שוין ביי זיי ניט מער קיין טעות נאָר אַ גראָבע זינד קעגן דער יידישער געשיכטע.

זאָגן די ציונים־העברעער — די גאַנצע שטעטלשע יידישקייט איז געווען אַ טעות פון דער געשיכטע. מען דאַרף זי אין גאַנצן פאַרגעסן. מען דאַרף די נייע יידישקייט אין ארץ־ישׂראל אָנהייבן פון תּנך. איז עס אַ טעות וואָס טראָגט גרויסע סכּנות. הלוואַי זאָל די נייע מדינה געראָטעוועט ווערן פון זיי.

זאָגן די וועלטלעכע יידן... אייגנטלעך זאָגן זיי גאָרניט. בעת געדאַרפט וואָלטן זיי לערנען: געענדיקט אַ תּקופה אין יידישן לעבן, עס קומט אויף דער אורבאַ־

ניזם. ער דאַרף ירשענען די יידישקייט פון שטעטל, דאַרף דער דור, וואָס מאַכט דורך אָט דעם איבערגאַנג, דאַרף אָט דער דור באַאַרבעטן די קולטור־ירושה, צוגרייטן זי פאַר די דורות וואָס קומען, דאַרף דער דור דעם שטייגער פון שטעטל פאַרוואַנדלען אין אַ תורה, דאַרף דער דור שאַפן דעם „תלמוד השטעטל" — דעם גאַנצן בכתב און בעל־פּה פון שטעטלשן לעבן, כּדי די נייע תּקופה וואָס קומט אָן זאָל קענען עס ירשענען. האָט עס די וועלטלעכע ריכטונג ניט געטאָן, ניט געטאָן געגנוג, קען עס זיין אַ סכּנה פאַרן נאָרמאַלן גאַנג פון יידישקייט פון תּקופה צו תּקופה.

וועלטלעכע יידישקייט איז אויפגעקומען ביים איבערגאַנג פון שטעטל צו אורבאַניזם. אין די שטעטלעך איז וועלטלעכקייט געקומען פון די שטעט. אייגנט־לעך איז עס געווען אַ פּראָצעס פאַרקערט, ווי עס איז געווען נאָרמאַל פריִער, אַז די שטאָט באַאַרבעט בלויז וואָס דאָס שטעטל שאַפט. מיט וועלטלעכקייט איז עס געווען פאַרקערט: אין שטעטל גופא איז ניט געווען קיין מקור פון וועלטלעכקייט, מען האָט געלעבט מיט דעם אַלטן שטייגער, ניט געווען אַפילו קיין אָרט פאַר אַ נייעם שטייגער. אָבער דאָס שטעטל שיקט יינגלעך אין ישיבה אַריין לערנען, און זיי ווערן אין שטאָט „איבערגעפירט". מען שיקט יינגלעך אין שטאָט אַריין זיך לערנען אַ פאַך, אַן אַרבעט. געוואָרן אַ נייע מאָדע צו לערנען שניידעריי, סטאָלעריי און אַנדערע פאַכן אין ספּעציעלע שולן, ניט ווי פריִער איז געווען — אין אַ „טערמין" — אַ צאָל יאָרן ביי אַן אַלטן בעל־מלאכה. קומען די קינדער צוריק פון שטאָט אין שטעטל אַריין ווידער „איבערגעפירט". די תּורה פון חדר האָט מען פאַרגעסן, און קיין נייע יידישקייט האָט מען ניט געבראַכט. דאָס ערשטע מאָל האָבן שטעטלשע יידן אויפגעהערט צו גלייבן אין חדר. ער איז געווען צוגע־פּאַסט צום שטעטל, אָבער ניט צום אורבאַנישן לעבן. אין שטעטל איז געווען איין און איינציקער שטייגער. דער חדר האָט געגרייט צו אָט דעם שטייגער.

אין שטאָט אָבער האָט די יוגנט געלעבט אין אַן אַנדער שטייגער, פאַר אָט דעם שטייגער האָט דער חדר גאָרניט געגעבן. פרומע יידן האָבן מורא געהאַט צו שיקן די יינגלעך אין די שטאָטישע ישיבות אַריין: מען שיקט זיי לערנען, און זיי קומען גאָר אַראָפּ צוריק מיט נייע „תּורות". בכלל זיינען ישיבות געווען „זיכערער" אין קלענערע שטעט, אין שטעטלעך איידער אין גרויסע שטעט. איז וואָלאָזשין און ניט ווילנע, איז סלאָבאָדקע אויך ניט קאָוונע; איז ראַדון, מיר, איישישאָק — אַלץ קלענערע שטעטלעך. אין די גרויסע שטעט, ווו דער אַלטער שטייגער איז ניט איינער, דאָרטן קען יידישקייט געשעדיקט ווערן, אַפילו אין ישיבות. איז געוואָרן אַ „סכּנה" צו שיקן יינגלעך אין אַ ווילנער ישיבה.

א. גאָלאָמב

ניט ווי אין מערב-אייראָפּע

האָט דער אורבאַניזם אין מערב־אייראָפּע גלייך געפירט צו אַסימילאַציע און אַפילו צו „שמד־מגפות", גלייך מיטן אויפקום פון אורבאַניזם איז יידיש לשון פאַרגעסן געוואָרן, און צוזאַמען מיט יידיש איז אויך יידישקייט אונטערגעגאַנגען. דער אויפבלי פון דער נייער יידיש־וועלטלעכער קולטור איז געקומען נאָר אין מיזרח־אייראָפּע — נאָר אין תּחום־המושב אין רוסלאַנד, אין גאַליציע און אין רומעניע. נאָר דאָ איז אויפגעקומען אַ יידישע ליטעראַטור אין ביידע יידישע שפּראַכן. דאָ האָט זיך אַנטוויקלט אַ טעאַטער. אַ נייע, אין גאַנצן אַ נייע קולטור, וואָס איז אין מערב־אייראָפּע גאָרניט באַקאַנט געווען. אין מערב־אייראָפּע — דירעקט צו אַסימילאַציע און מער גאָרניט. אין מיזרח־אייראָפּע — אַסימילאַציע זייער ווייניק, און אַנשטאָט איר איז אויפגעקומען גאָר אַ נייע וועלטלעך־יידישע קולטור. אין דער זעלביקער צייט איז אַ שטיק פּוילן אַוועק צו פּרייסן, אַ שטיק גאַליציע — אַוועק צו אויסטרייך, און קרוין־פּוילן — צו רוסלאַנד. איז אין מיזרח־פּרייסן גלייך געקומען אַסימילאַציע, אָבער אין גאַליציע און אין קרוין־פּוילן איז אויפגעקומען וועלטלעכע קולטור. אַסימילאַציע — נאָר טיילווייז, זייער ווייניק. פאַר וואָס און פון וואַנען אָט דער גרויסער אונטערשייד צווישן מערב־ און מיזרח־אייראָפּע?

— דאָ קומט אונדז צו הילף אַ צווייטער געזעץ פון יידישער אַסימילאַציע: יידן אַסימילירן זיך נאָר מיט די הערשנדיקע פעלקער, אָבער ניט מיט סובאָרדינירטע. אין מערב־אייראָפּע זיינען די יידן גלייך מיט אורבאַניזאַציע געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די הערשנדיקע פעלקער — מיט דייטשן און פראַנצויזן אין פראַנקרייך. אין גאַליציע האָבן געהערשט דייטשן, אָבער קיין דייטשן זיינען דאָרטן כּמעט ווי ניט געווען. כּדי זיך צו קענען „ריכטיק" אַסימילירן האָבן גאַליציאַנער יידן געדאַרפט אַריבערפאָרן קיין ווין. אין גאַליציע אָבער זיינען געווען פּאָליאַקן און רוטענער — סובאָרדינירטע פעלקער. דאָס זעלביקע איז געווען אויך אין גאַנצן תּחום אין רוסלאַנד. געהערשט האָבן די רוסן, אָבער געלעבט אין תּחום האָבן אַנדערע פעלקער, ניט קיין אמתע רוסן. האָבן יידן אין תּחום יאָ גערעדט רוסיש, האָבן יידן געהאָלפן רוסיפיצירן די געביטן, אָבער קיין אַסימילאַציע ווי אין מערב האָט ניט געקאָנט זיין. האָבן אָבער די יידן וואָס זיי איז עס געלונגען אַריבערצופאָרן אין „טיף רוסלאַנד" (אַזוי האָבן יידן גערופן גאַנץ רוסלאַנד אויסערן תּחום, ווו יידן האָבן געטאָרט וווינען). דאָרטן זיינען די רוסן געווען די דירעקטע שכנים פון די יידן. דאָרטן איז קיין וועלטלעכע קולטור ניט

אויפגעקומען, דאָרטן איז ביי יידן געגאַנגען אַ דירעקטע אַסימילאַציע, גלייך ווי אין מערב־אייראָפּע.

קומט אויס, אַז די גאַנצע געבענטשטע יידיש־וועלטלעכע קולטור איז אַ פּראָדוקט נאָר פון די לענדער, ווו יידן האָבן געלעבט מיט סובאָרדינירטע פעל־קער, ניט אין דירעקטער שכנות מיט די הערשנדיקע פעלקער. אַזוי איז עס טאַקע! דאַרפן מיר געדענקען דעם כּלל אין דער גאַנצער געשיכטע פון יידן: אין שכנות מיט הערשנדיקע פעלקער אָן אַנדערע מחיצות האָבן יידן קיין אייגענע דויערנדיקע קולטור ניט געשאַפן. אין בבל יאָ, זייער פיל! אין אַלעקסאַנדריע של מצרים — גאָר ניט קיין דויערנדיקס, אין ספרד, אין אייראָפּע, יאָ געשאַפן, אָבער ניט קיין דויערנדיקס, אַלץ דויערנדיקס קומט נאָר פון אַשכּנז. בעת דעם אורבאַניזם — קומט אַל דאָס יידישעס נאָר פון מיזרח־אייראָפּע און ניט פון מערב... אַ געזעץ אין יידישער געשיכטע וואָס זאָגט ניט אָן קיין גוטס פאַר דער צוקונפט פון יידישקייט...

דאָ ליגט דער גרויסער פאַרדינסט פון וועלטלעכקייט אין דער גאַנצער גע־שיכטע פון אונדזער פאָלק: ניט נאָר איז דאָס דער אויפקום פון ליטעראַטור און טעאַטער, נאָר אַלע נייע ריכטונגען אין יידישקייט, אַלע נייע באַוועגונגען, אַלע שאַפונגען אין יידישן לעבן אויף אַלע געביטן — אַלץ קומט נאָר פון מיזרח־אייראָפּע. עס וואָלט פון מיזרח אויך געקומען אַ שטיקל אויפלעב פאַרן מערב, ווען ניט דער חורבן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. די מדינה איז אויסגע־חלומט געוואָרן, אויסגעבויט און אויסגעקעמפט דורך דער מיזרח־אייראָפּע. אַלע נייע יישובים אין דער וועלט — שטאַמען אַלע ווידער פון דאָרטן. אויפלעב און „מומיזאַציע" (ווי מומיעס) פון יידישקייט — דאָס איז דער אונטערשייד צווישן מערב־אייראָפּע און מיזרח.

דער מקור פון וועלטלעכער קולטור

ביז אַהער האָבן מיר גערעדט וועגן די באַדינגונגען, וועגן דעם גאַנג פון דער וועלטלעכער קולטור, וועגן אירע וועגן און אומוועגן. עס איז אָבער אומגעהייער וויכטיק זיך אויך אָפּצושטעלן אויף דעם עצם אינהאַלט פון דער וועלטלעכער קולטור, פון וואַנען שטאַמט דער אינהאַלט פון דער ליטעראַטור און פון טעאַטער, פון דער קונסט וכדומה.

מיר זיינען אַן אוראַלט פאָלק. אַ סך עלטער ווי די שומרונים, למשל. דער אונטערשייד: זיי לעבן נאָר מיט דעם אַלטן, מיט דעם פאַרצייטיקן און זיי באַנייען זיך ניט. מיר — יידן אָבער באַנייען אונדזער קולטור מיט יעדער נייער תּקופה.

אַ דוגמא, צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו וואָס קען מען דעם אונטערשייד פאַר־גלייכן? צווייערליי טייכן, שטראָמען זיינען פאַראַן, קענען זיין. טייכן וואָס פליסן דורך טרוקענע לענדער, זיי האָבן ניט קיין צופלוסן, עס פאַלן אין זיי ניט אַריין קיין בייטייכן. זעלטן דערגייען זיי צום ים, זייער אָפט טריקענען זיי אויס אין גאַנצן, זיי שטאַרבן אָפּ, זיי האָבן ניט קיין אַרויסקום צום ים. אַנדערע טייכן, פאַרקערט, באַקומען כסדר נייע און נייע ביישטראָמען, בייטייכן פאַלן אין זיי אַריין, זיי באַקומען כסדר נייע וואַסערן. זיי ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער. די נייע וואַסערן מישן זיך אויס מיט די פריִערדיקע, זיי ווערן „אַסימילירט" אין דעם מוטערטייך. דאָס יידישע פאָלק איז געגליכן צו אַזוינע וואַקסנדיקע טייכן. די שומרונים זיינען אַזאַ „בלינדער טייך", זיי טריקענען זיך אויס.

יעדער בייטייך ברענגט זיינע וואַסערן פון דעם ראַיאָן ווו ער פליסט. ער זאַמלט צונויף די אַטמאָספערישע אָפּזאַצן פון זיין גאַנצן באַסיין און ער ברענגט זיי אַריין אין דעם מוטערטייך. די וועלטלעכע קולטור פון יידישן פאָלק האָט אויך צונויפגעזאַמלט אירע אינהאַלטן פון לעבן, זי האָט ניט געשאַפן קיין יש־מאַין, עפּעס פון גאָרניט. אין לעבן פון אונדזער פאָלק זיינען פאַראַן און תמיד זיינען געווען צוויי שיכטן — דער תּלמיד־חכם־שיכט און די עם־הארצים. וועגן דער אינטערעסאַנטער געשיכטע פון די צוויי באַגריפן טאָר איך דאָ ניט פאַרשפּרייטן זיך: ניט דאָ דאָס אָרט. איך וועל נאָר אָננעמען די דעפיניציע פון עם־הארץ לויטן רמב"ם: די וואָס קיין תּורה האָבן זיי ניט, אָבער מעשים (פירונגען) האָבן זיי יאָ. „און זיי זיינען גוט פאַר דעם יישוב", גיט צו דער רמב"ם פון זיך אַליין.

בכן, תּלמידי־חכמים — זיינען די געלערנטע; די עם־הארצים האָבן זייער שטייגער, די געוווינהייטן און די פירונגען פון דורות און דערמיט זיינען זיי יידן. רב יוחנן זאָגט אויסגעצייכנט ריכטיק, אַז דער קיום פון יידישן פאָלק איז באַזירט דווקא אויף דעם שטייגער (און ניט אויף דער געלערנטקייט). ענדיקט זיך איין תּקופה, עס ענדערט זיך דער שטייגער פון לעבן, ווערט דער אַלטער שטייגער פיקסירט אין שריפט, פון „בעל־פה" ווערט ער „בכתב", און דאָס נייע לעבן גייט זיך זיין וועג ווייטער.

יציאת־מצרים האָט געענדיקט די ערשטע תּקופה אין יידישער געשיכטע. אין די יידישקייט, וואָס איז שוין פון דורות געווען ביי יידן אין שטייגער, פיקסירט געוואָרן בכתב. דאָס איז תּורת־משה! דער גלות־בבל האָט פאַרענדיקט די צווייטע תּקופה אין יידישקייט. האָבן עס די סופרים, מיט עזרא בראש, פאַר־פיקסירט די יידישקייט וואָס איז געווען ביי יידן בעל־פה. און עזרא האָט אָט די פיקסירטע יידישקייט געבראַכט פון בבל, און זי פאַרפיקסירט ביי יידן אין צייט פון צווייטן בית.

מיט די חשמונאים האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן די ירידה פֿון יידישער מדינה. אַוועק די רויִקע צייט פֿון פּערסישער תּקופֿה, ווידער מלחמות און מלחמות, אינעווייניקסטע קריגערייען; אויב ניט העלעניזאַציע איז עס „רומיזאַציע״, האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמיגראַציע פֿון ארץ־ישׂראל, דער צענטער פֿון גייסטיקער יידיש־קייט הייבט אָן זיך אַריבערצוטראָגן קיין בבל. די חז״ל האָבן באַצייטנס גענומען פֿאַרפֿעסטיקן דעם שטייגער וואָס עס האָט זיך ביי יידן איינגעשטעלט אין דער צייט פֿון דער פּערסישער הערשאַפֿט. דעם פֿעסטגעשטעלטן שטייגער האָבן זיי גערופֿן „הלכה״. האָבן מיר שוין געהאַט דריי ענדערונגען פֿון לעבן און דריי סומירונגען פֿון יידישקייט, דריי „תּורות״ — תּורת־משה נאָך יציאת־מצרים! תּורת־עזרא נאָך גלות־בבל און חז״ל פֿאַר און נאָך דעם צווייטן חורבן.

אָט די נייע פֿאָרמען פֿון יידישקייט, אָט דער שטייגער וואָס ווערט כּסדר פֿעסטגעשטעלט ווי יידישע תּורה — דאָס זיינען די „ביישטראָמען״, די בייטייכן, וואָס גיסן זיך תּמיד אַריין אין אוראַלטן שטראָם פֿון יידישקייט און זיי לאָזן אים ניט פֿאַרגליווערט ווערן, ווי ביי די שומרונים. אָט די קורצע עקסקורסיע אין דער יידישער געשיכטע גיט אונדז אויך אַ ריכטיקן בליק אויף דעם אויפֿקום פֿון דער נייער יידיש־וועלטלעכער שריפֿטקולטור.

פֿעסט און דויערהאַפֿטיק איז געווען דאָס יידישע לעבן אין שטעטל. אָבער דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין, געקומען דער אורבאַניזם. ווידער אַ נייע תּקופֿה, ווידער אַ סומירונג פֿון דער אַלטער תּקופֿה, פֿון דעם אַלטן שטייגער, ווידער אַ נייע פֿיקסירונג פֿון דעם אַלטן שטייגער, פֿון דער אַלטער „הלכה״. דאָס איז דער אויפֿטו און דער פֿאַרמעסט פֿון דער גאַנצער נייער וועלטלעכער שריפֿט־קולטור — די ליטעראַטור, די מוזיק, די קונסט — פֿון אַלע געביטן. משה, עזרא, חז״ל און די איצטיקע, די וועלטלעכע קולטור.

דאָס איז געווען די היסטאָרישע אויפֿגאַב פֿון וועלטלעכער יידישער קולטור. געשעפּט פֿון פֿאָלקס שטייגער און פֿיקסירט אין שריפֿטקולטור. צי האָט זי דורכ־געפֿירט איר אַרבעט פֿולקאָם, באַוווסטזיניק, אָדער זי האָט געבלאָנדזשעט אויף אומוועגן — דאָס האָבן מיר שוין גערעדט פֿריִער. צי האָט זי פֿאַרפֿעסטיקט איר אַרבעט, איר אויפֿטו אויף שטענדיק? — צום באַדויערן — דאָס ניט. און דאָס איז די טראַגעדיע פֿון יידישן פֿאָלק היינט: יידישקייט ווערט אַלץ מער און מער געגליכן צו אַ טייך אין מידבר, וואָס טריקנט אויס...

א. גאָלאָמב

יידישע קולטור און גריכישע

חכמי ישׂראל און חכמי אתונא. כּמעט פון איין עלטער. וועגן יידישקייט רעדן מיר ווי וועגן אַ דירעקטן המשך פון פּאַרצייטיקער יידישקייט. די גריכישע קול־טור פון היינט קען זיך ניט באַרימען אַז זי איז אַ דירעקטער המשך. פּאַר וואָס און פון וואָס דער אונטערשייד? פּאַר וואָס האָבן די חז״ל יאָ זוכה געווען צו המשכדיקייט און חכמי אתונא האָבן ניט געהאַט אַזאַ זכות? עס איז דאָך באַקאַנט אַז די עצם פילאָסאָפיע פון די גריכן איז געקומען צו די איראָפּעיִשע פעלקער אַ דאַנק די אַראַבער און די יידן. בעת די חז״ל האָבן ניט געדאַרפט קיינעמס פאַר־מיטלונג? פּאַר וואָס? — דער אונטערשייד איז אין דעם וואָס די חכמי אתונא האָבן זייערע אידעען פאָרמולירט אין ווערטער, אין טראַקטאַטן. די חז״ל אָבער האָבן זייער פילאָסאָפיע, זייערע אידעען פאָרמולירט ניט אין ווערטער, ניט אין טראַקטאַטן, נאָר אין מעשׂים, אין שטייגער, אין הלכה. ביז וואַנען וועט זיין אַ יידיש פאָלק? — ביז עס וועט זיין אַן אייגענער, פאַרזיכיקער שטייגער, אַ פאַר־זיכיקע יידישע הלכה. אָבער ניט די הלכה, וואָס איז פיקסירט בכּתב אין שולחן־ערוך, אין „חיי אדם״ וכדומה. נאָר אין דער שטייגערישער הלכה, וואָס איז בלויז ביי יידן און ניט בכּתב. ניט אומזיסט האָט עס געזאָגט ר׳ יוחנן, אַז דער גאַנצער אָפּמאַך פון יידן מיט זייער גאָט האַלט זיך נאָר אַ דאַנק די „דברים שבבעל־פּה״. ניט די פיקסירטע און ניט הייליקסטע דעות און מיצוות האַלטן אויף דעם קיום האומה, נאָר די הלכה, די שטייגער־יידישקייט, הגם זי איז ניט פאָרמולירט אָדער דווקא ווייל עס איז ניט פיקסירט!

וועלטלעכקייט האָט ניט געשאַפן קיין שטייגער, קיין הלכות — האָט זי ניט קיין קיום, בויט זי ניט קיין יידישקייט לדורות. יידן לעבן איצט אין נייע יישובים, קומען אויף נייע פאָרמען, דאַרפן זיי נאָרמירט ווערן, ווערן איינהייטלעך, אויס־טיילן זיך ווי יידישע, ווערן אַ יידישער שטייגער. — אַן דעם — ווער ווייס? ווי וועט זיין דער קיום פון יידישן פאָלק?

אידעאַל פון וועלטלעכער יידישקייט

יידישקייט מוז זיין פאַרבונדן מיט אַן אידעאַל, יידישקייט קען ניט עקסיסטירן אָן אַן אידעאַל. אַלע מאָל איז יידישקייט געווען באַגלייט מיט אַן אידעאַל, — אַן אינעווייניקסטן, אַ יידישן. משה האָט אַרויסגעצויגן די יידן פון מצרים און גע־האָפט און געגלייבט אַז זיי וועלן ווערן אַ „ממלכת־כּוהנים וגוי קדוש״. שפּעטער

זיינען די נביאים געווען די אידעאַלן־טרעגערס. אין דער גאַנצער צייט פון ערשטן בית־המיקדש איז דער אידעאַל געווען אַ כּללישער, פאַרן גאַנצן פאָלק בכלל „למען יאריכון ימיך על האדמה״. שפּעטער, שוין אין צייט פון צווייטן בית איז געקו־מען נאָך אַ פּריוואַטער אידעאַל פאַר יעדער יידן באַזונדער. דאָס איז דער אידעאַל פון תּחית־המתים, פון עולם־הבא. אין תּנך איז לגמרי ניטאָ וועגן דעם גאָרניט. שווער געווען אַפילו פאַר די חז״ל צו געפינען אַ רמז, אָבער דער אידעאַל איז געבליבן.

די חז״ל האָבן דעם אידעאַל אַפילו אָן אַ רמז אין דער תּורה געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק. דער רמב״ם, וואָס האָט אייגנטלעך סומירט די אידעען פון חז״ל, האָט אַריינגענומען שׂכר ועונש פאַר מיצוות און עבירות און תּחית־המתים אין זיינע דרייצן עיקרים פון יידישקייט. אָט דער פּריוואַטער אידעאַל פאַר יעדער באַזונדערן יידן איז געקומען אין צייטן פון די חז״ל. דער אַלגעמיינער פאָלק־אידעאַל איז געוואָרן צו וויניק איינצוהאַלטן יידן אין יידישקייט. צווי מעגלעכע סיבות דערביי: יידישקייט איז געוואָרן שווערער, און צווייטנס, איז עס געווען אַ געוויינטלעכע זאַך ביי אַלע פעלקער — לאַנד פאַרלאָרן — פאָלק פאַרלאָרן. איינהיטן דעם קיום פון אַ פאָלק אין גלות אָן אַ לאַנד דאָס איז געווען דער פאַר־לאַנג פון די חז״ל. האָט דער אידעאַל אויך געדאַרפט זיין פריי פון פאַרבינדונג מיט לאַנד.

חז״ל האָבן אַ סך זיך אָנגעשטרענגט איינצופלאַנצן דעם אידעאַל, דעם גלויבן אין עולם־הבא און תּחית־המתים. און זיי האָבן אויסגעפירט: דער פּריוואַ־טער אידעאַל פון עולם־הבא און די מורא פאַרן גיהנום האָבן געהאָלפן איינהאַלטן יידישקייט. „שווער צו זיין אַ ייד״. כּדי צו זיין אַ ייד דאַרף מען שטאַרק ליב האָבן יידישקייט אָדער קריגן דערפאַר גוט געצאָלט... די אמונה אין שׂכר ועונש, עולם־הבא און תּחית־המתים האָבן שטאַרק געהאָלפן אין דער ריכטונג.

אָבער די וועלטלעכע יידישקייט האָט דיביידע פאַקטאָרן ניט געהאַט: ניט געהאַט די שטאַרקע ליבע צום יידישן שטייגער און אויך ניט די אמונה. אָט פאַר־וואָס וועלטלעכע יידישקייט האָט יאָ געקאָנט זיין אין דעם אַמאָליקן שטעטל, דאָרטן איז געווען שווער צו זיין אַ ייד, אָבער אין גאַנצן אוממעגלעך צו ווערן אויס ייד. אַסימילאַציע — אַז קיין לעבעדיקע רוסן זיינען ניט געווען. איז וועלט־לעכקייט געבליבן איין מעגלעכקייט. אָדער די אַלטע אמונה מיטן אַלטן שטייגער אָדער וועלטלעכקייט. אין אורבאַניזם אָבער איז אַסימילאַציע מעגלעך און נאַטיר־לעך. פאָדערט וועלטלעכקייט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג: ניט די אַלטע שטעטלשע יידישקייט און ניט אַסימילאַציע. — צוליב וואָס? צוליב וואָס פאַר אַן אידעאַל? האָט וועלטלעכקייט געקאָנט האַלטן זיך בלויז איין דור ביי די יידן וואָס האָבן ניט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון יידישקייט. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין אידעאַל

איינצופלאַנצן ביי די קינדער, אַז יענע זאָלן זיך אויך האַלטן ביי דער זעלביקער וועלטלעכקייט.

אָבער צי האָט יאָ באמת וועלטלעכקייט אַן אידעאַל אויסער איר נעגאַציע — קעגן דער רעליגיע? צי קענען איבערצייגטע וועלטלעכע יידן איינפלאַנצן אַ יידישן אידעאַל און אַ יידישן שטייגער ביי זייערע קינדער, יענע זאָלן האָבן פאַר וואָס און צוליב וואָס צו היטן וועלטלעכקייט? דערווייל זייגען מיר באַקאַנט פאַקטן פון געטרייע וועלטלעכע יידן, וואָס פירן זייערע קינדער אין שול אַריין, און היטן אַנדערע רעליגיעזע מינהגים, ווייל קיין וועלטלעכער שטייגער איז ניט געשאַפן געוואָרן, און אָן אַ שטייגער, פילן די געטרייע יידן, איז שווער אויסצוהאָדעווען געטרייע יידן. איז ביי זיי רעכט צו היטן אַ רעליגיעזן שטייגער אָבער נאָר ניט אין גאַנצן אָן אַ שטייגער.

בלייבט דאָך אַלץ די אַלטע פראַגע, צי האָט וועלטלעכע יידישקייט אַן אידעאַל?

— פאַר מיר איז עס קיין פראַגע ניט. נאָך אַ מין! איז וועלטלעכקייט אַ וועלט־באַנעם: קודם־כּל איז עס אַן אידעאַל פון אַ יידישן וועלטפאָלק. מדינה און וועלט־פאָלק. אַלע פעלקער האַלטן זיך אין איין צעשפרייטן זיך, אַלע פעלקער וועלן מיט דער צייט ווערן וועלטפעלקער. יידן זייגען פריִער פון אַלע אַנדערע פעלקער אַוועק אויפן וועג פון וועלטפאָלק. שווער, ווייל ביז איצט גלייבן נאָך פעלקער ניט אין וועלטפעלקער. יידן וועלן זיין דער מוסטער פאַר אַלע פעלקער. מדינה און וועלט. מדינה איז די פולע פאַרזיכיקייט, דער מוסטער פאַר אַלע יישובים אין דער וועלט. די וועלט וועט דאַרפן זיין איינגעאָרדנט ניט פון מדינות מיט גרענעצן, נאָר פון פעלקער אָן טעריטאָריעלע גרענעצן. נאָך ווייט צו דעם, אָבער וואָסער אידעאַל איז עס — פון היינט אויף מאָרגן? די מלוכות וועלן אָפּהיטן די אינטערעסן פון פעלקער אין זייער קולטור און דערציִונג. דאָס איינס. און ווייטער:

פעלקער מישן זיך ניט. איטלעך פאָלק — ווי פאַרשיידענע ביימער אין איין וואַלד: איטלעכער לעבט זיך זיין אייגן, פאַרזיכיק לעבן — קולטורעל און גייסטיק.

און נאָך ווייטער — יידישע געשיכטע אויפנעמען אָן ניסים. אַ נאַטירלעכע אַנטוויקלונג. די יידישע רעליגיע — אַ פאַרהייליקונג פון פאָלק און פון זיינע שאַפונגען. די יידישע רעליגיע — ניט פאַר גאָט נאָר פאַרן פאָלק.

וועלטלעכע יידישקייט אַרבעט אויס איר שטייגער פון וואָך און יום־טוב. זי קען די זעלביקע רעליגיעזע שטייגערן פאַרוועלטלעכן, אַריינפירן נייע וועלט־לעכע עלעמענטן אַנשטאָט די אַלטע. וועלטלעכע יידישקייט דאַרף פירן צו וועלטי־שער יידישקייט, יידן ווי אַ וועלטפאָלק, דאָס ערשטע פאָלק וואָס איז אַוועק אויף דעם וועג, וואָס אַלע אַנדערע פעלקער וועלן מוזן נאָכגיין, אַ דאַנק דער טעכניק און ציוויליזאַציע בכלל.

מדינות האָבן מענטשן צוגעטראַכט, פעלקער זיינען פון דער נאַטור. מדינות האָבן אין זיך עלעמענטן פון הערשדראַנג, מיינע, אונדזערע, פאַרכאַפּן, אָנראַבירן. פעלקער קענען לעבן בשלום אָן מלחמות. דאָס איז דער וויטסטער אידעאַל פון וועלטלעכקייט, פון וועלטישער יידישקייט און פון אַ וועלט מיט פעלקער אָן מדינות. וועלטלעכקייט מוז פירן צו וועלטישקייט פון אַלע פעלקער.

וועלטלעכער שטייגער

וועלטלעכע יידישקייט מוז ווערן אַ שטייגער ביי יידן. קיינע אידעען קענען זיך ניט האַלטן כּל־זמן זיי זיינען ניט פאַרקערפּערט אין שטייגער. אידעען וואָס בלייבן נאָר פאָרמולירט אין ווערטער, אין זאַצן זיינען לכתּחילה ווי געשטאָרבענע, ווי ניט־געבאָרענע. די שוואַכקייט פון וועלטלעכער יידישקייט באַשטייט אין דעם וואָס זי איז ניט מער ווי נעגאַציע, מען האַלט ניט פון די טראַדיציעס און דערמיט איז מען יוצא.

וועלטלעכע יידישקייט האָט אויך מיצוות און עבירות. מיצוות זיינען אַלע טוונגען וואָס העלפן דעם קיום פון פאָלק, און עבירות זיינען פירונגען וואָס שטערן דעם קיום. ניטאָ אין קיינע גלותן קיין יידישקייט אָן אַזוינע מיצוות און עבירות. אין דער מדינה וואָס שטעלט אייַן אין אַלגעמיינעם שטייגער אין גייסט פון פאָלק דאַרף יעדער יחיד ניט זאָרגן. דער כּלל, די מדינה זאָרגט שוין פאַר דעם כּלל. גאָר אַנדערש איז עס אין די גלותן, ווו דער אַלגעמיינער שטייגער איז אַ פרעמ־דער. דאָ מוז יעדער ייד האָבן די מיצוות און עבירות: איך פיר זיך אַזוי און ניט ווי אַלע ווייל איך בין אַ ייד; איך טו ניט ווי אַלע ווייל איך בין ניט ווי אַלע, איך בין אַ ייד. וועלטלעכע יידישקייט אָן מיצוות און עבירות איז ווי אַ נשמה אָן אַ גוף — זי קען זיך ניט האַלטן.

לכתּחילה וועט דער שטייגער זיין ניט קיין איינהייטלעכער, יעדע גרופּע און יעדער איינער אַפילו וועט אַריינפירן זיינע ניואַנסן. פאַראיינהייטלעכן דויערט אַ לענגערע צייט.

וועלטלעכע יידישקייט אין פּראַקטישן לעבן

ווי יידישקייט בכלל קען זיך אויך וועלטלעכע יידישקייט האַלטן ניט אויף טעאָרעטישע פּרינציפּן, נאָר אויף פּראַקטיק אין לעבן. מען קען ניט זיין אויסגעטאָן פון אַלץ וואָס עס איז יידיש, און גילטן פאַר אַ וועלטלעכן יידן, אויך וועלטלעכע

יידישקייט מוז, הייסט עס, האָבן מיצוות און עבירות. דאָס טוען מיר יאָ ווייל מיר זיינען יידן און דאָס טוען מיר ניט, דווקא ווייל מיר זיינען יידן. די מיצוות און עבירות פון וועלטלעכער יידישקייט קענען אָבער ניט זיין אידענטיש מיט די וואָס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן מיט הונדערטער יאָרן צוריק. דער פּרינציפּ איז ניט: מיר היטן ווייל אַזוי הייסט גאָט, נייערט מיר פירן זיך אַזוי ווייל אַזוי הייסן דעם פאָלקס קיום־אינטערעסן.

דאָס איז דער הויפּט־אונטערשייד צווישן דעם טראַדיציאָנעלן פרומען יידן און דעם אויסגעהאַלטענעם געטרייען וועלטלעכן יידן: אַלץ ווערט דיקטירט מיט די קיום־אינטערעסן פון פאָלק ישׂראל. וועל איך איצט נעמען רעכענען באַזונדער די עלעמענטן פון פּראַקטישער וועלטלעכער יידישקייט, ווי איך שטעל זיך עס פאָר.

יידישקייט אין שטוב

אַ יידישע שטוב איז באַזאָרגט מיט אַ מזוזה. עס איז אַן אַלטע יידישע טראַדיציע און איך זע ניט קיין מאָטיוו, פאַר וואָס זי זאָל ניט זיין. וואָס שענער — אַלץ בעסער. דער מאָטיוו פאַר קינדער און פאַר פרעמדע — אַזוי פירן זיך יידן. מיר זיינען אויך יידן.

עס דאַרפן אַריינקומען יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער.

עס דאַרף אָפּגעהיט ווערן דער אַלטער מינהג ביי יידן פון „קובע זיין עתּים לתּורה" — מען דאַרף כּסדר זיך פאַרנעמען מיט די יידישע שריפטן. אַרומריידן, באַהאַנדלען דעם אינהאַלט פון די ביכער און זשורנאַלן מיט די שטוביקע, ווייב און קינדער, מיט פריינד.

לערנען און ניט לייענען. מען לייענט לשם אינטערעס, פאַרווייַלונג. מען לערנט כּדי זיך צו אָריענטירן אין פּראָבלעמען וואָס זיינען ברייטער און ווייטער פון מיין פּריוואַטן לעבן.

אויב לערנען, איז וואָס? — דאָ איז אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די רעליגיעזע יידן און די וועלטלעכע. די רעליגיעזע לערנען נאָר איין געביט פון יידישע שריפטן, די רעליגיעזע ספרים. איז שור שנגח יאָ צום לערנען און דער־פאַר וועט גאָט אי"ה געטריי צאָלן, אָבער „כּתר מלכות" פון רבי שלמה איבן גבירול איז ניט צום לערנען. וועלטלעכע יידן לערנען אַלץ אין וואָס עס איז אַנט־פּלעקט דער יידישער גייסט. רעליגיעזע און וועלטלעכע ליטעראַטור — אַלץ איינס. לערנען איז בעסער בחברותא, צוזאַמען. זייער גוט ווען עס געלינגט אַריינ־צוציִען אין קרייז לערנערס אויך די אייגענע קינדער.

אָוונטן

אָוונטן פון יידישע מעלאָדיעס, רעקאָרדס, געזאַנג. ווי עס איז באַקוועמער — צו באַזונדערע אָוונטן אָדער ווי אַ צוגאָב צו אַנדערע אָוונטן. אַפילו יידישע טענץ אויב נאָר מעגלעך. בכלל דאַרף מען זיך אָפּגעוווינען פון גיין „פאַרברענ־גען" אַן אָוונט פאַר געלט, מען דאַרף דאָס פאַרברענגען אַריינברענגען אין די אייגענע היימען, און וואָס מער — אַלץ בעסער, און אַלץ מיט אַ יידישן טעם.

מאכלים — טראַדיציאָנעל־יידישע. מיר עסן אַזוי ווי יידן, מיר פירן זיך ווי יידן. אויסמיידן די ניט־יידישע עסנס. און דאָס וואָלט מען געדאַרפט אונטער־שטרייכן תמיד: „מיר עסן ניט, ווייל יידן עסן עס ניט". פאַר מיר זיינען מעקסיקאַ־נער „טאָרטיאָס" — הגם קיין טריפע זיינען זיי דאָך ניט, פונקט אַזוי ניט אָנגענעמ־באַר ווי טריפע פליישן.

פרייטיק צו נאַכט

אומבאַדינגט ליכט אָנצינדן לכבוד שבת. ניטאָ קיין שום מאָטיוו צו פאַר־באָטן מטעם וועלטלעכקייט. אַנשטאָט קידוש וואָלט מיר בעסער געפעלן אַ באַ־שטימטע קורצע מעלאָדיע וואָס די גאַנצע משפחה זינגט שטייענדיק. די זעלביקע מעלאָדיע אַלע פרייטיק.

די מאכלים ווידער, די זעלביקע פרייטיק־צונאַכטיקע, זאָלן אויך ווערן אַ טראַדיציע, שבתדיקע עסנס. געזאַנג בעסער מיט דער גאַנצער משפחה איידער רעקאָרדס, און אַ סך! עס דאַרף ווערן דער אָנגענעמסטער אָוונט אין משפחה. לענגער פאַרברענגען ביים טיש, עסן, זינגען, לערנען, פאָרלייענען דווקא אַ פריי־לעכס פון שלום־עליכם.

נאָכן עסן — פאַרהערן די קינדער זייערע יידישע לימודים. פאַרשטייט זיך, אַז די קינדער גייען אין אַ יידישער שול.

יום־טובים

יעדער יום־טוב ווערט אין דעם ערשטן אָוונט ביים טיש געלייענט עפּעס פאַסיקס פון דער יידישער ליטעראַטור. איבערהויפּט קומען דאָ אין באַטראַכט די דערציילונגען פון שלום־עליכם, די פאָרלייענערס — אויב מען קען שוין דאָס מכבד זיין די קינדער איז בעסער — זיי דאַרפן זיך צוגרייטן. אויב ניט, איז די עלטערן — דער פאָטער אָדער די מוטער. דאָס איז אַ נייער „זכר למקדש פון שטעטל" — אַזוי האָבן אונדזערע אָבות געלעבט אין די שטעטלעך. אויב עס איז צו פיל פאַר איין אָוונט, ווערט דער מאַטעריאַל צעטיילט אויף ביידע אָוונטן.

בכלל איז דער שבת־טיש, דער יום־טוב־טיש דער מקור פון יידישער יום־טובדיקייט, פון יידישקייט אין די היימען. דער אַלגעמיינער ציל איז אַז די אַלע פירונגען זאָלן ביי די קינדער ווערן ווי דויערנדיקע טראַדיציעס, וואָס בלייבן איינגעבאַקן אין האַרצן אויף אַ גאַנץ לעבן — פריידיקייט מיט יידישן שטייגער.

אין געזעלשאַפט

גוט איז ווען אין שכנות זיינען דאָ מער איינציקע משפחות פון וועלטלעכע יידן און מען פראַוועט אָפּט די יום־טובדיקע סעודות צוזאַמען מיט ליטעראַטור און געזאַנגען.

די יידישע שול אין ראַיאָן דאַרף זיך באַמיִען צו מאַכן וואָס אָפטער יידישע יום־טובים, פייערונגען. אין די דאָזיקע שול־אונטערנעמונגען איז וויכטיק — פאַרקערט ווי עס פירט זיך — איבערחזרן דעם זעלביקן שטייגער אַלע מאָל. דער שטייגער פון פייערונג דאַרף ווערן טראַדיציאָנעל.

איצט קומען מיר צום שווערסטן ענין — צו וועלטלעכע יידישע מנינים. צו גרויס און שטאַרק איז דער בית־מדרש איינגעבאַקן אין יידישקייט, מען זאָל עס אויסמיידן. מען דאַרף געדענקען אַז דער אָנהייב פון יידישער שול איז געווען טאַקע וועלטלעכע פאַרזאַמלונגען פאַר זיכרונות פון יידישן אַמאָל.

כּל־זמן עס זיינען אין סביבה ניטאָ גענוג משפחות צו שאַפן אַ פאַרזיכיקן מנין, דאַרף מען גיין און פירן די קינדער אין געוויינלעכע יידישע בתּי־תּפילה. וואָסערע זאָל מען אויסקלייבן? — וואָס טראַדיציאָנעלער אַלץ בעסער. עס מוז דאַרטן הערשן די יידישע שפּראַך. דאָס דאַוונען — ניט קיין קאָנצערטן, נוסח — טראַדיציאָנעל.

ביי דער ערשטער מעגלעכקייט אַריבערגיין צו פאַרזיכיקע וועלטלעכע מנינים. אַ סך ענדערונגען אין נוסח. דער ניגון — טראַדיציאָנעל, וואָס אָפטער אַריינציִען דעם עולם אין זאָגן פסוקים צוזאַמען. אַריינגעמען אַ סך נייערע איינהאַלטן. תּשעה באָב, למשל, דאַרף מען במקום פון די אָנגענומענע קינות (כּמעט אַלע) אַריינפירן פראַגמענטן פון יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן פאָלק" וכדומה. „זאָג ניט קיין מאָל" ווערט אַן אָנגענומענע שטענדיקע סוף־תּפילה ביי פאַרשיידענע צוזאַמענס. בכלל קען מען זיך אַ סך לערנען פון די קאָנסערוואַטיווע יידן. מער ניט וואָס די פרעמדע שפּראַך איז זייער גרויסע עבירה. דער סידור און דער מחזור דאַרפן באַפרייט ווערן פון אַ סך תּפילות וואָס האָבן ניט קיין ליטעראַרישן ווערט און מען דאַרף זיי פאַרבייטן מיט פּאַסיקע פראַגמענטן פון דער נייער יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור.

10

אומקום און אונטערגאַנג, קיום און אויפקום

מיר האָבן אין יידיש אַ שלל מיט טערמינען וועגן לעבן און טויט פון יידישע יישובים. איך קלייב אויס די פיר, ווייל מיר דאַכט זיך אַז דווקא זיי שטימען מער צו די פּראָצעסן וואָס קומען כּסדר פאָר אין אונדזער לעבן, אין אונדזער לויפיקער געשיכטע. אָבער לאָמיר אָנהייבן פון קלאָרע דעפיניציעס פון די באַגריפן:

אומקום מיינט — דורך פרעמדע הענט: מען ברענגט אונדז אום, מען הרגעט אויס — פּאָגראָמען, שחיטות, אָנפאַלן — אַלערליי מעטאָדן פון אומברענגען יידן. מען רעכנט אויס אַז אַ דריטחלק פון גאַנצן יידישן פאָלק איז אומגעבראַכט געוואָרן אין אונדזער צייט. מען דערמאָנט ווייניק, אַז אומגעקומען איז דווקא דער אַקטיווסטער טייל פון יידישן פאָלק.

אונטערגאַנג מיינט — פון זיך אַליין, אָן דעם אָנטייל פון אומברענגערס, פון שׂונאים. דער פּראָצעס איז אַ כּסדרדיקער, אַ פּערמאַנענטער, ער הערט כּמעט ניט אויף אין אונדזער געשיכטע. האָבן בעלי־חשבון אויסגעחשבונט אַז ווען ניט דער פּראָצעס, וואָלטן מיר איצט געדאַרפט ציילן אַ סך מיליאָנען. דער אונטערגאַנג מעקט אויס פון יידישן פאָלק אַ סך גרעסערע צאָלן ווי דער אומקום. עס שטאַרבן אויס יידן און קיין נייע קומען ניט צו.

דער פּראָצעס פון אומקום איז אַן אַקוטער, אין פיר יאָר האָט מען אומגעבראַכט זעקס (אָדער זיבן) מיליאָן יידן. אין אַ פּאָר טעג האָבן פּעטליורעס באַנדעס אומגעבראַכט עטלעכע טויזנט יידן אין פּראָסקוראָוו. עס פעלן ניט קיין פלינקע בעלי־מלאכות. אונטערגאַנג אָבער איז אַ דויערנדיקער פּראָצעס, ער געדויערט דורות; עס איז ווי אַ נאָרמאַלער פּראָצעס, מען באַמערקט אים כּמעט ניט, הגם עס קען זיין, עס איז כּמעט ווי זיכער, אַז ער — דער אונטערגאַנג — מעקט אויס

מער יידן ווי דער אומקום. געווען יידישע יישובים אין לענדער פון דרום־אַמע־ריקע, ניט געבליבן פון זיי קיין זכר. געווען אין דער פּרעסע אַ ידיעה, אַז אין ענגלאַנד זיינען איצט מיט אַ צען טויזנט יידן ווייניקער. דעם זעלביקן גרוס האָט מען געקראָגן אויך פון אַנדערע יישובים. עס איז זייער וויכטיק צו שטודירן די עטאַפּן פון דעם פּראָצעס. דאָס וועלן מיר זיך באַמיִען צו טאָן עטוואָס שפּעטער. דערווייל גייען מיר איבער צו די אַנדערע דעפיניציעס:

אויפקום מיינט — עפּעס נייעס, וואָס איז פריִער ניט געווען, עס איז לגמרי ניט דאָס וואָס עס איז געווען נעכטן און אייערנעכטן, אין דער נאַטור זיינען באַ־קאַנט ענלעכע דערשיינונגען: געווען אַ סאָסנע־וואַלד. ער איז ווי אויסגעשטאָרבן און אויף זיין אָרט קומט אַן אַנדער וואַלד, אַ בלעטערוואַלד פון גאָר אַנדערע ביימער; געווען אַ סאַזשלקע מיט פיש און מיט דער צייט ווערט עס אויס סאַזשלקע, עס קומט גאָר אויף איר אָרט אַ לאַנקע. דאָס זיינען פּראָצעסן פון אויפקום.

קיום מיינט אַז דאָס אַלטע בלייבט ווייטער עקסיסטירן. קיום איז תמיד דאָס וואָס מיר רופן המשך. עס איז אויפגעקומען אין די שטאַטן אַ גרויסער יידישער יישוב, דער גרעסטער אין דער יידישער געשיכטע. צי איז ער אָבער פאַרבונדן מיט קיום — דאָס איז נאָך ווייט ניט זיכער. עס איז אויפגעקומען די יידישע מדינה, גאָר אַ נייעס אין דער יידישער געשיכטע. צי איז אָבער אין דער מדינה פאַרזיכערט אויך דער קיום פון זעלביקן יידישן פאָלק — דאָס איז נאָך ווידער אַ פראַגע. אויפקום און קיום זיינען צוויי באַזונדערע פּראָצעסן.

וועלן מיר איצט זיך ווענדן צו דער יידישער געשיכטע. אין ניינצנטן יאָר־הונדערט איז פאַרגעקומען אַ גראַנדיעזע פאַרמערונג פון יידישן פאָלק: פון אַרום פיר מיליאָן אין אָנהייב פון י״ה ביז אַ זיבעצן מיליאָן ערב היטלער ימ״ש — אַ פירמאָליקע פאַרמערונג. עס איז אויך דער י״ה פון אָנהייבן פון נייע יישובים איבער דער גאָרער וועלט. עס איז אויך דער אָנהייב פון דער מדינה.

ס׳שטעלט זיך אָבער די פּראָבלעם: דאָס יידישע פאָלק איז ניט קיין מאָנאָ־ליט, עס באַשטייט פון באַזונדערע טיילן. איבערהויפּט איז אין דעם יאָרהונדערט גע־וואָרן גרויס דער אונטערשייד צווישן מערב־אייראָפּע און מיזרח־אייראָפּע. פרעגט זיך, וואָסער יישוב האָט דאָס גענומען דעם הויפּט־אַנטייל אין דער אויסטערלישער פאַרמערונג און אין דעם אויפקום פון נייע יידישע יישובים? מען דאַרף גאָר ניט זיין קיין גרויסער היסטאָריקער, כדי צו וויסן, אַז די גאַנצע פאַרמערונג, אַז דער אויפקום פון אַלע נייע יישובים — דאָס איז אַלץ דער אויפטו פון מיזרח־אייראָ־פּעיִשן יידנטום.

בלויז צוויי תקופות קענען זיך פאַרגלייכן מיט דעם אויפבלי און אויפקום פון יידנטום. די פאַרמערונג פון דער צאָל יידן אין מצרים פון איין משפחה ביז „עם בני־ישׂראל רב ועצום״, אַז פּרעה האָט זיך דערשראָקן. אַזאַ שטאַרקע פאַר־

מערונג און פאַרשטאַרקונג איז אויך געווען אין ארץ־ישׂראל אין דער פערסישער תּקופה, ווען פון עטלעכע צענדליק טויזנט עולים איז עס געוואָרן אַ גאַנץ פאָלק. אַזוי איז אויך געווען מיט דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום אין 19טן י״ה. אין גאַנץ מערב־אייראָפּע איז אין דער זעלביקער צייט געגאַנגען אַן אויפהער אַ פאַר־קערטער פּראָצעס פון אונטערגאַנג. אַן אומקום, אַן פאַגראָמען איז דאָס יידנטום „אויסגעדעמפּט" געוואָרן, געוואָרן ווייניקער, ניט מערער, עס איז דערגאַנגען ביז שמד־מגפות. אַ סברה, אַז די יידן וואָס היטלער האָט געפונען אין דייטשלאַנד האָבן אַלע געשטאַמט פון אַריינגעקומענע יידן, ניט פון פריִערדיקע תּושבים. אויך, הייסט עס, פון מיזרח־אייראָפּעיִשע יידן. דאָס גאַנצע מערב־אייראָפּעיִשע יידנטום האָט ניט געגומען קיין שום אַקטיוון אָנטייל אין דעם אויפבוי פון נייע יישובים, אין דעם אויפקום פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכקייט.

מען קען זאָגן, אַז אין מערב־אייראָפּע זיינען געווען יידן, אָבער ניט קיין יידנ־טום, קיין שום קאָלעקטיווע שעפערישקייט פון יידן ווי אַ פאָלק. דאָס יידישע פאָלק ווי אַ קאָלעקטיוו איז שוין געווען אָפּגעשטאָרבן, טויט, הגם יידן זיינען נאָך געווען. אויב עס זיינען יאָ עפּעס געווען אויפטוען פון אַ יידישן קאָלעקטיוו, איז עס געווען פאַר „אַנדערע יידן", ניט פאַר זיך. זייערע אייגענע יידישע קאָלעקטיוון דאַרפן שוין פאַר זיך גאָרניט.

איינצייטיק, הייסט עס, זיינען פאָרגעקומען די צוויי קעגנגעזעצטע פּראָצעסן: אין מיזרח־אייראָפּע קיום און אויפקום, און אין מערב־אייראָפּע — אונטערגאַנג. ניטאָ קיין שום אויפטו וואָס מען זאָל דאַרפן פאַרשרייבן אויפן חשבון פון מערב־אייראָפּעיִשן יידנטום. די יידן גופא זיינען געווען „אָפּשטאַם־יידן", זיי האָבן גע־שטאַמט פון יידן. אַ ביסל לעבן האָבן אַריינגעבראַכט יידן פון מיזרח־אייראָפּע. זיי האָבן געשאַפן זאָרג פאַר יידישקייט, מען האָט געדאַרפט הילף פאַר די יידן פון מיזרח. עס איז בפירוש געווען די זאָרג, די עמיגראַנטן זאָלן, חלילה, ניט בלייבן אין „זייערע" לענדער נאָר פאָרן ווייטער, וואַנדערן ווייטער. די גרויסע „אַליאַנס איזראַעליטאַ", וואָס איז אויפגעקומען אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן י״ה, האָט געאַרבעט אויסער פראַנקרייך און באַשטאַנען איז איר אַרבעט איבער־הויפּט אין פאַרשפּרייטן פראַנצייזישע קולטור אין די לענדער פון נאָענטן מיזרח. אין פראַנקרייך גופא האָט די „אַליאַנס" פאַר זיך קיין אַרבעט ניט געהאַט. זיינען דאָך די קינדער פון דעם „בעסטן יידן אין פראַנקרייך", ווי דובנאָוו טיטולירט אים — אַדאָלף קרעמיע — שוין געווען געשמדט נאָך קינדווייז.

אַזוי אין פראַנקרייך — און אַזוי אין דייטשלאַנד מיט דעם „הילפספאַראיין". אין כּלל: מיט דער עמאַנציפּאַציע פון יידן אין מערב איז אונטערגעגאַנגען יידיש־קייט און יידנטום ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי אַ פאָלק מיט קאָלעקטיווע פאָלקישע אינ־טערעסן. באַזונדערע יידן, קאָלעקטיוון בלויז צו גאָטעסדינסט, וואָס דאַרף זיין

ווי ווייט מעגלעך נענטער צו דעם גויישן גאָטעסדינסט, אָבער קיין יידיש פאָלק איז שוין ניט געווען — ניט די שפראַך, ניט קיין פאַרזיכיקע קולטור. אַ מאָל איז געווען אַ יידיש פאָלק. מען דאַרף שטודירן די קולטור פון דעם אַמאָליקן יידנטום. מען פאָרשט די געשיכטע פון אַמאָליקע פעלקער, זאָל מען אויך שטודירן די געשיכטע און די קולטור פון אַמאָליקע יידן. דערמיט קענען זיך פאַרנעמען אויך ניט־יידן. אַסיריאָלאָגן קענען דאָך זיין אויך היינטיקע, ניט פאַרצייטיקע אַסיריער. קענען אַפילו אַנטיסעמיטן שטודירן פאַרצייטיקע יידישקייט. קיין מאָדערנע, היינטיקע יידישע שעפערישקייט איז מער ניטאָ. אַ מעכטיקער בוים שטאַרבט אָפּ ווען ער הערט אויף צו פּראָדוצירן צאַרטע און שוואַכע בלעטער. אַן אוראַלט פאָלק שטאַרבט אָפּ ווען ער הערט אויף צו שאַפן צאַרטע און שוואַכע קולטור־אָביעקטן אין זיין אַקטועלער צייט. יידן זיינען נאָך געווען, אָבער ניט קיין יידנטום, ניט קיין יידיש פאָלק. אַ יידיש פאָלק איז געווען נאָר אין מיזרח־אייראָפּע, מיט זיין פאַרזיכיקער שפּראַך, מיט דער פאַרזיכיקער קולטור. בלויז אָט דאָס יידיש פאָלק האָט זיך עס פּיזיש פאַרמערט, אויפגעשטעלט אַלע נייע יידישע יישובים, אויסגעחלומט די מדינה, געשאַפן טעאָריעס און פּראַקטישע אונטערנעמונגען. נאָר דאָ איז געווען אַ יידיש פאָלק. אַזוי איז עס געגאַנגען ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די גאַנצע יידישע געשיכטע גייט אָדער אַרויף, אָדער אַראָפּ, צו פאַרשטאַרקטער פאָלקישקייט אָדער צו אָפּגעשוואַכטער. דאָס איז דער אינהאַלט פון איינעם פון די ערשטע ספרים אין תנך (שופטים) און דאָס איז דער אינהאַלט, דער גאַנג פון אונדזער געשיכטע איצט אויך. אין ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן מיר געהאַט ביידע פּראָצעסן אייגצייטיק — אין מערב־ און אין מיזרח־אייראָפּע —אויספאָלקונג און איינפאָלקונג. און די שפּראַך איז דער הויפּט־סימן.

וווהין גייט דער פּראָצעס? — אַרויף אָדער אַראָפּ: דאָס פאָלק צעפאַלט אויף שבטים לויט מדינות, לויט די איבערגענומענע לשונות, נישטאָ מער קיין באַזונדערע יידישע אינטערעסן און קיין אייגענע קולטור־שעפערישקייט, די אייגענע שפּראַך ווערט פאַרגעסן — די פּיזישע צאָלן פון פאָלק ווערן קלענער, ניטאָ מער קיין פאַרמערונג — דער גאַנג צום אונטערגאַנג און פאַרקערט — אַ רייכע שעפערישקייט אין דער אייגענער פאָלקישער שפּראַך, אַ אינטעליגענץ פאַרנומען מיט די אינטערעסן פון אייגענעם פאָלק, די פאַרמערונג וואַקסט — דער גאַנג צום קיום און אויפגאַנג.

די פאַרשטאַרקונג פון פאָלקישקייט גייט על־פּי רוב צוזאַמען מיט דער שווערער לאַגע עקאָנאָמיש און פּאָליטיש פון די יידן באַזונדער און פאַרקערט — וואָס גרינגער עס לעבט זיך אַ יידן, אַלץ אָפּגעשוואַכטער ווערט די פאָלקישקייט. דער פּראָצעס פון אַריינלעבן זיך אין אַ צווייט פאָלק ווערט באַגלייט מיט שווערע

איבערלעבונגען פֿון האַס און אומאַכטונג צום אייגענעם יידישן פֿאָלק, מיט אַן אומ־צופֿרידנקייט וואָס מען איז דאָך פֿאָרט אַ ייד, מען וויל עס פֿאַרגעסן, מען נעמט אַן אַלע מיטלען כּדי צו פֿאַרגעסן די אייגענע יידישקייט. זעלטן ברענגט עס צו פֿאַטאַלע מאָרדן און זעלבסטמאָרדן. עס זיינען באַקאַנט אַזוינע פֿאַקטן. עס איז ניט בלויז דער געניאַלער אָטאָ וויניגער, וואָס האָט זיך דערשאָסן צו אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר, עס איז מיר באַקאַנט אַזאַ פֿאַל אין ניו־יאָרק, ווען אַ יידישער בחור איז געווען אַ מיטגליד אין אַן אַנטיסעמיטישער אָרגאַניזאַציע, געפּריידיקט אומ־צוברענגען יידן, האָט ער זיך בעסער דערשאָסן. אַן ענלעכער פֿאַקט פֿון דערשיסן אין טעמפּל אַ באַליבטן ראַביי און זיך אַליין איז אויך געווען אין דעטרויט — אומ־גליקלעכע, האָבן ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די אייגענע אַנגעהעריקייט צום פֿאַר־האַסטן יידישן פֿאָלק. ביי וויניקער אַריינגעטראַכטע דערגייט עס ניט אַזוי וויט. אָבער מען נעמט אַן אַלע מיטלען, כּדי צו זיין וואָס ווייטער פֿון יידן, מען באַמיט זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן אַרויפֿצוציִען אויף זיך די שטריכן פֿון הויפּטפֿאָלק אין לאַנד. בכלל זיינען דאָס אָבער טראַגישע פֿיגורן.

וואָס אַריינגעטראַכטער, וואָס אינטעליגענטער — אַלץ טראַגישער. אַזוינע טראַגישע פֿיגורן זיינען געווען, למשל, פּאַסטערנאַק דער משומד ווי אַ רוס, יוליאַן טובים און יאַנוש קאָרטשאַק ווי פּאָליאַקן. פֿון יידן אַוועק, און צו פּאָליאַקן ניט אָנגענומען געוואָרן. און אַזוינע צעבראָכענע, אַרויסגעריסענע, אָן וואָרצלען — זיינען פֿאַראַן אַ סך. איך באַדויער זייער וואָס אין דער ליטעראַטור דערמאָן איך זיך ניט אַ טיפּ פֿון דעם מין, אָבער אין לעבן זיינען זיי פֿאַראַן גאָר אַ סך. צעבראָ־כענע נשמות, נעבעך!

אַזוינע יידן זיינען דער גרינגסטער אָביעקט פֿאַר גויִישער בלוטדאָרשטיקייט. זיי האָבן ניט קיין מוט און ניט קיין ווילן צו אָרגאַניזירן אַ קאָלעקטיוון ווידער־שטאַנד, אָננעמען קאָלעקטיווע מיטלען קעגן די אומברענגפּלענער פֿון קעגנערס... עס קומט דאָך אויס צו ראַטעווען, זיך אָנצונעמען פֿאַר יידן, וואָס מען האָט זיי אַליין אויך פֿיינט. אַטראָפֿיע פֿון יידישקייט איז אויך אַטראָפֿיע פֿון זעלבשוץ. פֿון יעדער יידישער אַקטיוויטעט און שעפֿערישקייט.

זיינען דאָס צוויי ריכטונגען אין דער יידישער געשיכטע — צו יידישקייט און פֿון יידישקייט און די שפּראַך איז דער בולטסטער סימן: נעמען יידן ווערטער פֿון אומעטום און מאַכן פֿון זיי אַ יידיש לשון — איז דאָס קיום. ווען אָבער יידן פֿאַרלירן זייער לשון, גייען אַריבער צו דער שפּראַך פֿון הויפּטפֿאָלק — איז עס אַ קלאָרער סימן פֿון אונטערגאַנג.

קען אויפֿקומען אַ ניי יידיש לשון? — אויב יידן וועלן לעבן אַ פּאַרזיכיק יידיש לעבן, וועט אויך די שפּראַך זייערע זיין אַ פּאַרזיכיקע, אַ יידישע. אויב אָבער ניט, וועלן זיך ניט איינגעבן קיינע אָנשטרענגונגען איינצוהיטן די שפּראַך.

א. גאָלאָמב

אונטערגאַנג און אומקום

אונטערגאַנג איז אַ פּאַמעלעכער, דויערנדיקער פּראָצעס. ער גייט כּסדר. אין שטעטלשן לעבן — ניט געווען, אין אורבאַניזם גייט ער אָן אויפהער. אומקום — דורך פרעמדע הענט, איז אַ פּראָצעס אַ קורץ דויערנדיקער. אין משך פון עטלעכע יאָר האָט מען אומגעבראַכט זעקס־זיבן מיליאָן יידן, אויסגעליידיקט פון יידן גאַנצע לענדער, מדינות. אָפּט איז אונטערגאַנג דער ערשטער קאַפּיטל, אַ צוגרייט צום אומקום; דער אומקום איז דער לעצטער אַקט פון אונטערגאַנג. די איינציקלעך געדענקען נאָך אַז די זיידעס זיינען געווען יידן. דער פּוילישער שרייבער סלאָנימסקי פלעגט אָפּט שטאָלצירן מיט זיין זיידן חיים זעליק סלאָנימסקי — גרינדער און רעדאַקטאָר פון „הצפירה". אַנדערע איינציקלעך ווילן ניט דערמאָנען זייערע יידישע זיידעס.

פאַראַן געוויקסן וואָס ברעכן זיך אָפּ פון זייערע וואָרצלען און ווינטן טראָגן זיי אום ביז אַ גרובן, צי אַ פּלויט. מיר פלעגן זיי אָנרופן „נע ונד־געוויקסן". אַזוי זיינען אויך די יידן, נע־ונדניקעס. זעלטן צווישן זיי אַזוינע וואָס געפינען ניט קיין יידיש לעבן, נאָר זיי געפינען יאָ אַ יידישן טויט פון אַ יידישן קדוש, ווי קאָרטשאַק, למשל. דאָס רוב אָבער בלייבן אַ גאַנץ לעבן הענגען צווישן צוויי פעלקער — ניט אַהער און ניט אַהין; פון יידישן פאָלק אַוועק און אין קיין שום אַנדערן זיך ניט איינגעגלידערט. עס העלפט ניט אַפילו דער שמד. דאָס איז דער גורל פון יידן אין אורבאַניזם. דער הויפּט־אונטערשייד פון שטעטל ביז שטאָט — אין שטעטל זיינען יידן געווען הונדערט פּראָצענט פּאַרזיך. אין שטאָט זיינען יידן אַ מינדערהייט, צעשאָטן צווישן אַנדערע. גאָר אַנדערש וואָלט אויסגעזען, וואָלט געווען דאָס יידישע לעבן און דאָס עצם פאָלק ווען יידן וואָלטן, למשל, אין אַ ביו־יאָרק געלעבט צוזאַמען, ווען זיי וואָלטן געשאַפן אַ מין יידישן שטאָטטייל. וואָלט עס געווען אַ שטעטלאַרטיקע שטאָט, אַ פּאַרזיכיקע יידישע שטאָט אין אַ גרעסערער קאָלעקטיווער שטאָט... דאָס איז ניטאָ און עס וועט ניט זיין, מחמת שטריכן אין יידישן כאַראַקטער. יידן וואָלטן זיך גאָר דערשראָקן — ער חלומט וועגן אַ געטאָ! אַ ייד אין קאַנאַדע, אַ באַוווסטזיניקער ייד, אַ געזעלשאַפטלעכער יידישער טוער, האָט אַ מאָל זיך פאַרטרויט פאַר מיר: עס איז זיכערער פאַר אַ יידן צו לעבן צווישן ניט־יידן... על כּל צרה שלא תּבא, איז בעסער, אַז דאָ צווישן גויִים האָט זיך גאָר פאַרקליבן אַ ייד... קען זיין אַז עס איז נאָך געבליבן דער פּחד פון אַמאָליקער געטאָ. אָבער עס איז אַ גוואַלדיקער אונטערשייד צווישן היים און געטאָ. ביידע זיינען סעפּאַרירט, אָפּגעטיילט פון אַנדערע, אָבער אַ היים מאַכן

מענטשן פֿאַר זיך אַליין, אַ געטאָ מאַכט אַ צווייטער פֿאַר מיר, אין אַ היים לעב איך ווי איך וויל, אין אַ געטאָ מוז איך פֿאָלגן ווי מען הייסט מיר. יעדע היים איז פֿאַר זיך ווי אַ געטאָ, אָבער אַ היים מאַך איך און אַ געטאָ באַשטימען אַנדערע. אַ היים און תּפֿיסה — ביידע טיילן אָפּ און טיילן אויס. אָבער אַ תּפֿיסה איז דאָס פֿאַרקערטע פֿון היים. אייגענע, יידישע פֿאַרזיכיקע ראַיאָנען אין שטעט זיינען ווי היימען און די אַמאָליקע געטאָס זיינען תּפֿיסות געווען.

איז אָבער געבליבן ביי יידן דער פּחד און דער אומווילן צו יעדער סעפּאַראַ־ציע, באַזונדער. עס וועט נאָך לאַנג געדויערן ביז יידן וועלן זיך דערטראַכטן צו אייגענע יידישע ראַיאָנען. אייגנטלעך איז דאָך גאַנץ מדינת ישׂראל אויך אַזאַ פֿאַרזיכיקע „געטאָ" — אויסגעטיילט און אָפּגעטיילט פֿון אַלע אַנדערע. פֿאַר וואָס און מחמת וואָס וואָלטן אַזוינע „קליינע ארץ־ישׂראלס" געווען אוממעגלעך ביי די גרויסע שטעט אין אַמעריקע, למשל? אין דער צייט פֿון דער גרויסער אימיגראַ־ציע קיין אַמעריקע וואָלטן יידן געקאָנט זיך איינשאַפֿן, אויפֿבויען ניט נאָר אייגענע יידישע שטעט, נייערט גאַנצע שטאַטן. אַזאַ מין ספּעציעל יידישער ראַיאָן אָדער פֿאַרזיכיקע שטאָט וואָלט געווען ניט אין פֿאַרגלייך מער באַוואָרנט פֿון אומקום, אויך פֿון אונטערגאַנג וואָלטן יידן געווען אַ סך ווייניקער באַדראָט. עס איז אָבער ניט אין דער יידישער פּסיכיק. פֿאַרפֿאַלן, ניט באַשערט. אפשר מיט דער צייט וועט דער מוסטער פֿון מדינת ישׂראל ווירקן אין דער ריכטונג. דערווייל איז עס ניט קענטיק. קיינער קען ניט גאַראַנטירן די צוקונפֿט פֿון יידן אין די היינט גוטע לענדער. זיינען פֿאַראַן אַזוינע „נביאים", וואָס הייסן יידן „לויפֿן" פֿון אַמעריקע. קיין אַנדער וועג ווייסן ניט די יידן. עס איז נאָך גאָר ווייט צו יענעם מאמר „עתידה ארץ־ישׂראל שתתפשט בכל הארצות".

יידן צווישן פֿעלקער

פֿעלקער זיינען בלוטדאָרשטיק, מסתמא מער ווי די בלוטדאָרשטיקע חיות. חיות באַפֿאַלן ווען זיי זיינען הונגעריק אָדער ווען זיי פֿילן אַ סכּנה פֿאַר זיך. אַזאַ מין רציחה סתם, כּדי זיך צו פֿאַרווילן, רציחה לשם פּשוטן פֿאַרגעניגן, כּדי צו זען די קאָנוווּלסיעס פֿון געהרגעטע לשם פֿאַרווײלונג — דאָס איז מסתמא נאָר ביי מענטשן, ניטאָ אַזאַ מין רציחה ביי חיות. זאַט אָנגעגעסן, געשמאַק אָנגעגעסן גייען רייכע רוימער זיך פֿאַרווילן, קוקן אויף דעם „שפּיל" פֿון גלאַדיאַטאָרן, ווי מענטשן ברענגען זיך אום, נאָר כּדי די חשובע לייט פֿון רוים זאָלן מיט פֿאַרגעניגן קוקן און זען די שיינע שפּיל, ווי הונגעריקע לייבן פֿאַרצוקן שוצלאָזע מענטשן. ווין, ווייבער און בלוט — דאָס איז דער גן־עדן פֿון רוים, — און די גאַנצע

אייראָפּעיִשע קולטורוועלט לערנט זיך געזעצן פון רוים. צירקן, דועלן, מלחמות — אויסגעטראַכטע, צוגעטראַכטע — נאָר בלוט זאָל זיך גיסן. אויב ניט דאָס באַעַנט, איז כאָטש ווייטער „אויף דעם טעאַטער פון מלחמה־אַקטיוויטעטן״ (הערט דעם קלאַנג: טעאַטער און מלחמה!). און עס באַרימען זיך פאַרצייטיקע קיסרים, אַז זייערע רייטוועגענער זיינען ביז די אַקסן געלאָפן אין טייכן בלוט פון דעם שונא. און פאַר וואָס זיינען יענע „אונדזערע״ שונאים? — דערפאַר ווייל מיר, דעם שטאַרקן קעניג — ווילט זיך מלחמה האַלטן...

און אַז ניט מענטשן איז כאָטש אָקסן, איז הענער — אַבי בלוט! געשלעגן, פויסטן־געראַנגל זיינען נאָך אַלץ די בעסט־באַזוכטע פאַרווײַלונגען. און מלחמות טראַכטן נאָך אַלץ אויס די פירערס כדי צו באַרימען זיך מיט העלדישקייטן און העלדישקייט מיינט „אַוועקלייגן״ וואָס מער מענטשן... און די אויסטראַכטערס פון דער גיליאָטינע, אָדער פון עלעקטרישן שטול האָבן זיכער געהאַט ניט ווייניקער פאַרגעניגן פון דעם פאַרשטעלן זיך ווי „שיין״ זייער מאַשינדל מאַכט אַ סוף צום לעבן. פעלקער זיינען בלוטדאָרשטיק און יידן זיינען דער גרינגסטער און באַקוועמסטער און טראַדיציאָנעלסטער אָביעקט פאַר דעם רציחה־דראַנג. נאָך דעם וואָס עס איז געשען מיט יידן אין אייראָפּע קען עס זיך איבערחזרן אומעטום. און ניט אין לויפן קען זיין די הצלה, אויב אַפילו עס זאָל זיין וווּהין צו לויפן. און דער כסדרדיקער אונטערגאַנג מאַכט דעם יידישן אָביעקט נאָך גרינגער צו זיין דער אָביעקט פון אומקום.

דער אונטערגאַנג איז אַ צוגרייט צום אומקום. און יידן־מאָרדן הערן ניט אויף און זיי וועלן ווייטער אויך ניט אויפהערן. עס גייט אַלע מאָל לויט דער פאָרעם, ווי איינגעשטעלט פון דורות. און לויפן פון איין לאַנד אין דעם צווייטן דאַרף מען יידן ניט לערנען. יידן קענען די תורה צו גוט. ניט אַלע מאָל איז עס דאָ וווּהין צו לויפן. און די אייגענע מדינה?.. איר כוח און איר קיום איז ווידער אויך אָפּהענגיק ניט נאָר אין אירע פּאָליטישע גרענעצן, נייערט אויך פון דעם מאָראַלישן כוח פון יידן אין דער וועלט. איז דער יידישער כוח ניט נאָרביים מיטללענדישן ים, נאָר אויך ביים הודסאָן און ביי לאַ־פּלאַטאַ, ביי אַלע יידן, אין גאָר דער וועלט. און די יידישע יִשובים אין דער וועלט — זיי זיינען גאָר ניט אַזוי סטאַביל. זיי געפינען זיך אויף פאַרשיידענע מדרגות פון אויסיידישונג, במילא — פון אונטערגאַנג, און אונטערגאַנג איז אַ צוגרייט צום אומקום... דאָס קען זיין די צוקונפט פון יידישן פאָלק אין דער וועלט...

זיינען יידן איין פאָלק?

פריִער איז עס ניט געווען קיין ספק. איין שפּראַך און איין שטייגער. און שטייגער איז דאָס דער ערשטער און וויכטיקסטער סימן פון פאָלק. היינט אָבער איז עס ווייט ניט זיכער, צי מיר זיינען נאָך איין פאָלק. מיר זיינען צעשאָטן און צעבּרעקלט. ניטאָ איין שפּראַך וואָס פאַרבּינדט אַלע יידן. יידן רעדן די שפּראַכן פון די הויפּטפעלקער אין יעדער לאַנד. יידן האָבן ניט קיין פאַרזיכיקן, אייגענעם יידישן שטייגער. איז אונדזער פאָלק צעטיילט לויט לענדער. אָבער אין די ראַמען פון איין לאַנד זיינען יידן ווידער צעטיילט און צעשאָטן. איז געווען איין רעליגיע, איז עס געווען, אָבער ניט איצט. פרומע און ניט פרומע, רייכע און אָרעמע, אידעאָלאָגיעס אַלערליי, גייען צו די וואַלן אין כּנסת אַ פּאָר צענדליק צעטלען. און אין די ראַמען פון איין פאַרטיי איז אויך נישט קיין שלום. געווען „גוי אחד בּארץ" — איין פאָלק מיט איין פאָלקישקייט, מיט איין אויפפיר, מיט איין כאַראַקטער. איז עס געווען אַ מאָל, אָבער ניט איצט. קענען יידן זיך ניט צונויפרעדן, גיין צוזאַמען, טאָן צוזאַמען. קען ניט זיין קיין קהילה אין ניו־יאָרק. האָבן יידן זיך ניט אויסגעלערנט לעבן אין גלות, זיין אַ פאָלק אין גלות. מאָדנע, אָבער אַזוי איז עס פאָרט. זיינען יידן געווען איין פאָלק, ווייל אַזוי האָבן זיי געהאַלטן די „בּעלי־בּתּים" — איין גורל איז אויך איין פאָלק. איז דאָס אויך אין פאַרגאַנגענהייט. ניט איצט. אַ צעשאָטן פאָלק זיינען מיר. מיר זיינען געווען איין פאָלק כּל־זמן די בּעלי־בּתּים האָבן אונדז געהאַלטן אַזוי, באַזונדער, אָפּגעזונדערט. ווי נאָר דאָס האָט אויפגעהערט, האָבן יידן זיך אַליין צעשאָטן. און מען קען ניט זאָגן אַז צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון יידישן פאָלק הערשט שלום. ווייט פון דעם. קריגט מען זיך, איז פאַראַן אין די קריגערייען גאָר ניט ווייניק האַס און שׂינאה. פאַראַן ביי יִדן איין שולחן־ערוך, — און וויפל רעליגיעזע פאַרטייען האָבן מיר! פאַראַן גרופּעס וואָס האָבן אָנגעהויבן קעמפן פאַר יידיש לשון. קענען זיי זיך ניט צונויפרעדן, ניט אַרבעטן צוזאַמען. אַזוי זיינען מיר אַ צעקריגט פאָלק. מיר זיינען געווען איין פאָלק ווייל מען האָט אויף אונדז דאָס אַרויפגעצוווּנגען. ווי נאָר דער צוואַנג איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָבן מיר זיך צעשאָטן. לעבן יידן אין די גלותן אַלץ מער און מער אָפּגעשוואַכט, ווערט די צוקונפט פון יידן אין דער וועלט אַלץ מער ספקדיק. דאָס יידישע פאָלק גייט אונטער. יחידים־יידן קענען זיין, אָבער קיין געמיינזאַמע, אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכקייט איז שוין ניטאָ. און אונטערגאַנג איז זייער אָפט אַ צוגרייטונג צום אומקום... זיינען דאָס די פּערספּעקטיוון פון יידישן פאָלק. אַזוי אין דער וועלט, און מען קען ניט זאָגן אַז דער מדינה קומט צו געזונט פון דער פאָלקישער צעשאָטנקייט. וואָס מער יידן זיינען צעשאָטן, צע־

ברעקלט, אַלץ ווייניקער זיינען זיי אַ גאַנץ פאָלק, אַלץ ווייניקער קענען זיי עפּעס אויפבויען, אַלץ ווייניקער קענען זיי פאַרפעסטיקן זייער מצב אין דער וועלט.

און צו האָפן אויף דער מאָראַל פון פעלקער איז היינטיקע צייטן ווייט ניט קלוג. מיר האָבן שוין אויך דאָס קאַפּיטל איבערגעלעבט. דער גאַנצער חורבן פון מיזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום איז געווען דער אויפטו ניט פון איין היטלערן. ער האָט נאָר געגעבן דאָס גרינע ליכט צום גאַנצן פאָלק. קיין מאָל וואָלט קיין איין היטלער ניט געקאָנט דורכפירן אַזאַ חורבן. דאָס האָט דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק מיט פאַרגעניגן אויסגעפירט די „אויפגאַב״, באַפרידיקט די גלוסטונגען פון דעם אייגענעם מאָרד־אינסטינקט, וואָס איז געבליבן ניט אָנגעזעטיקט ביים סוף פון דער מלחמה. דערביי האָבן די דייטשן גאָר ניט געדאַרפט פאַרלירן פון זייער ציוויליזאַציע און „נאָבלקייט״. מען קען דאָך בינדן געטעס און קאָנטס ווערק אין לעדער פון יונגע קעלבער, פאַר וואָס זאָל מען עס ניט קענען טאָן מיט לעדער פון יונגע יידישע קינדער? עס קען זיין נאָך שענער. עס דאַרף זיין נאָר דאָס געפיל ניט בלויז פון „דויטשלאַנד איבער אַלעס״, נייערט עס דאַרף אויך זיין דאָס געפיל פון „דייטשן איבער אַלעמען״.

און ניט נאָר דייטשן, האָבן דאָך אין דער צייט פון בירגערקריג אין רוס־לאַנד אַלע גרופּעס איזדיעקעוועט זיך איבער יידן. די פירער האָבן גוט געוווּסט, מיט וואָס צו באַפרידיקן זייערע זעלנער: איינגענומען אַ שטאָט, אַ שטעטל — קענט איר זיך לאָזן ווילגיין איבער די יידן, וויפל אייער האַרץ גלוסט. און דאָס האָט געצויגן קעמפערס. ניט קיין צוויי נאָר דריי אינסטינקטן זיינען דאָס ביי פעל־קער: הונגער, סעקס און רציחה. און איטלעך פאָלק מאַכט עס לויט זיין כאַראַק־טער — די דייטשן אַנדערש און די רוסן — אויף זייער שטייגער, לויט זייער כאַראַקטער. און די וועלט האָט זיך געלאָסן צוגעקוקט צו די רציחות פון דייטשן איבער יידן און האָט געשוויגן. אפשר גאָר אין האַרצן געווען צופרידן וואָס די דיי־טשן טוען דאָס שטיקל אַרבעט אויך פאַר זיי. דער אויפפיר פון די גוטע פעלקער אין דער צייט פון דער מלחמה און נאָך איר האָט געוויזן דעם אמתן פּרצוף פון אָט דער „גוטער״ וועלט: פאַרהאַקט אַלע גרענעצן, אַפילו פון ארץ־ישׂראל — „ווערט דערשטיקט אין אייערע לאַגערן״... בקיצור — טוביה דער מילכיקער טייטשט אַ פּסוק „אַל תּבטחו בנדיבים״, טייטשט טוביה זייער ריכטיק: געטרוי ניט קיין הונט. בקיצור — ווי איז אונדז ווען מיר דאַרפן לעבן צווישן פעלקער מיט דעם אייגענעם כּוח; ווי און ווינד איז אונדז ווען מיר דאַרפן וואַרטן אויף דער פיינ־קייט פון אַנדערע. דאָ איז אָבער אויפגעקומען די יידישע מדינה.

פון פלאַמיקן פייער שפּרינגט אַרויס די לעגענדאַרע סאַלעמאַנדרע און פון ברענענדיקן גלות איז אַרויסגעשפּרונגען די יידישע מדינה. דער ערשטער סימן

לטובה איז איר באַזירן דעם קיום פון יידן אויף זיך אַליין. דאָס איז איר אַנדערש־קייט פון אַלע אַנדערע יידישע יישובים אין דער וועלט. דאָס ערשטע מאָל אין דער גאַנצער לאַנגער יידישער גלות־געשיכטע, וואָס יידן וואַרטן ניט אַז אַנדערע זאָלן באַשיצן זייער לעבן. און אויף דעם געביט האָט שוין די מדינה אויפגעטאָן גאָר אַ סך. בייטן די פסיכיק פון פעלקער, זיי זאָלן אויפהערן קוקן אויף יידן ווי אויף דעם גרינגסטן, באַקוועמסטן אָביעקט פון רציחה. דאָס אַליין איז גאָר אַ חשובער ענין! אָרגאַניזירן אַז יידן זאָלן קענען אַליין אויפבויען און האַלטן אַ מיליטער, מיט געווער, הלוואי זאָל מען עס ניט דאַרפן — דאָס דאַרף בייטן די פסיכיק אויך פון יידן: מער ניט די תחנונימדיקע בקשה פון אַ געליימטן שוואַכן פאָלק „שומר ישׂראל, שמור שארית ישׂראל" — דאָס איז ווידער אַ נייעס וואָס די לאַנגע גלות־געשיכטע ווייס ניט פון דעם. קען אַ ייד נאָר ווינטשן דער מדינה לאַנגע יאָרן פון שעפערישן לעבן. מיט דער מדינה ווערט איצט פאַרבונדן דער גלויבן אויף קיום און אויפקום פון יידישן פאָלק. לאָמיר אָבער געדענקען: קיום מיינט המשך פון דעם וואָס עס איז דאָ, אויפקום מיינט נייעס וואָס עס איז ביז איצט ניט געווען. און אָט דאָ הייבט זיך אָן דער פחד, צי גייט די מדינה אויפן ריכטיקן וועג פון קיום, אָדער די מדינה מיינט אויפקום פון עפּעס נייס, עפּעס וואָס עס איז ביז איצט אין גאַנצן ניט געווען, און עס דאַרף איצט געשאַפן ווערן. מיטן נאַטירלעכן אינסטינקט פון לעבן וואָלט דאָס גאַנצע פאָלק געדאַרפט זיין פאַראינ־טערעסירט אין המשך, אין קיום און ווייטערן לעבן פון דעם וואָס עס איז דאָ, עס זאָל דאָס יידישע פאָלק וואָס עס איז דאָ, ווייטער זיין און זיך אַנטוויקלען. דאָס איז דער נאַטירלעכער דראַנג צו לעבן פון אַ יחיד און פון אַ קאָלעקטיוו. זיינען מיר אָבער פאַרשאָלטן געוואָרן איבערצונעמען פון פעלקער זייער ביטול־באַציִונג צו אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן היינט. ווילן מיר ענדערן, געפעלט אונדז ניט וואָס מיר האָבן איינגעהיט, און וואָס עס האָט אונדז איינגעהיט און איינגע־האַלטן. ווילן יידן אַליין עפּעס אַ ניי פאָלק, אַ נייע קולטור ווילן מיר, עפּעס אַזאַ וואָס מיר האָבן נאָך ניט געהאַט, וואָס איז נאָך ניט וואָלול געוואָרן אין יידישן באַנוץ. דאָ, אין דעם פאַרלאַנג ליגן גרויסע סכנות, וואָס הלוואי זאָלן זיי ניט שעדיקן דער מדינה. עס קען, חלילה, אין דער מדינה אויפוואַקסן עפּעס, וואָס האָט גאָרניט פון דער היינטיקער דורותדיקער, אייביקער יידישער קולטור, און אַנשטאָט דעם זאָל עפּעס אויפקומען גאָר אַ ניי פאָלק, וואָס האָט אַ קנאַפּע שייכות צו דער אייביקער יידישקייט. זאָל פון דעם די מדינה געראַטעוועט ווערן.

ביז איצט האַלט זיך נאָך ביי יידן אין ישׂראל דער אַלטער, פאַלש געטייטש־טער „שלילת הגלות". האָט עס די גמרא אין אַ פּאָר ערטער ריכטיק געטייטשט, עס מיינט שולל זיין די אָפּהענגיקייט פון אַנדערע. דער גאַנצער אונטערשייד פון איצט און די משיח־צייטן וועט באַשטיין נאָר אין „שיעבוד מלכיות" — אין

דעם אָפּהענגען פון אַנדערע, ניט זיי, נאָר יידן אַליין וועלן פורעמען און דיקטירן זייער לעבן. האָט מען אָבער מיט דעם „שלילת הגלות" געמיינט צו פאַרניינען די גאַנצע לעבעדיקע יידישקייט, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין גלות און וואָס האָט אין גלות גובר געווען דעם גלות. אַ גרויסע סכנה אין אָט דעם פאַלשן טייטש און פאַלשן באַנעם פון דער שטרעבונג „שלילת הגלות".

עס קען נאָך אויפקומען עפּעס אַ ניי פאָלק, וואָס וועט פיינט האָבן אונדז, דעם אַלטן גלות־פאָלק ניט ווייניקער ווי אַנדערע פעלקער האָבן אונדז פיינט, וואָס זאָל ניט פאַרמאָגן די גאַנצע קולטור־ירושה אונדזערע, וואָס מיר פאַרמאָגן דווקא פון גלות. איך קען קיין מאָל ניט פאַרגעסן די רייד פון אַ ירושלימער פּראָפעסאָר פאַר תּלמידים פון בן־שמן, אַז „פון ביאַליקן וועלן מיר נעמען „רק את המלים ולא את התוכן הגלותי" — „נאָר די ווערטער, אָבער ניט דעם גלותדיקן אינהאַלט"... נו, עס פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזוינע שטרעבונגען שטעקט אַ גרויסע סכנה פון קולטורלאָזיקייט, פון פאַלשער קולטור.

איך געדענק וואָס אין 1913 האָט מיר געזאָגט דער פּיאָנער־לערער ש. ווילקאָמיץ, אַז דער גרעסטער יום־טוב אין זיין לעבן וועט זיין ווען ער וועט פאַר־געסן יידיש לשון... מען האָט טאַקע דעם יידיש באַקעמפט מיט שטיינער, מיט באָמבעס אַפילו. מען האָט אַ סך דערגרייכט אין אָט דעם קאַמף... הלוואי זאָל די מדינה ניט געניסן פון די פּרוכט פון אָט די „ניצחונות".

מיר דוכט זיך, אַז די פירער פון דער מדינה האָבן שוין באַגריפן די גרייס פון דער סכּנה. אָבער דאָס פאָלק לעבט נאָך מיט די פאַלשע באַגריפן. אין פאָלק איז נאָך דאָ אַ גלויבן, אַז מדינת ישׂראל מיינט ניט אַ נייע היים פאַרן אַלטן פאָלק, נאָר אַ ניי פאָלק במקום דעם אַלטן. עס דאַרף גאָר מיינען, חלילה, אַ ניי פאָלק במקום דעם אַלטן. דאָס וואָלט געווען אַ טראַגעדיע.

עס טרעפט אין דער נאַטור — עס וואַקסט אַ שיינער, הויכער סאָסנע־וואַלד, גליַיכע, גראַדע שטאַמען מיט הויכע קרוינען פירן אַ שטילן שמועס און מורמל צווישן די שפּיצן. און אָט דער וואַלד גייט אונטער. אַנשטאָט אים וואַקסט אויס אַ געדיכט בלעטערוועלדל פון נידעריקע צעקרימטע ביימלעך... דאָס ווילן מיר ניט.

אין דער יידישער געשיכטע האָבן מיר אומקום און אויפקום. ניט אַלע מאָל קומט אַן אויפקום נאָך אַן אומקום. אומגעקומען שומרון, מלכות עשׂרת השבטים און קיין אויפקום איז ניט געקומען; אומגעקומען יידישקייט פון אַלעקסאַנדריע, אָן אַן אויפקום. מיר ווילן ניט אין ארץ־ישׂראל זאָל אויפקומען עפּעס אַ צעקרימט בלעטערוועלדל...

עס איז געקומען דער אויפקום פון עזרא און נחמיה, באַנייט דאָס יידישע פאָלק. איז עס אָבער געווען אַ באַנייונג, אָבער ניט קיין אויפקום פון עפּעס גאָר

אַ נייעס. דער בעסטער פּרוכטבוים וואַקסט אויס נאָר פֿון זיינע נאַטירלעכע וואָרצלען.

ספֿרד און אַשכּנז. לכתּחילה איז ספֿרד געווען דאָס שיינדל. די גאָלדענע תּקופֿה איז געווען אין גאַנצן אַ ספֿרדישע, אַשכּנז האָט ניט געהאַט אַזוינע גאָל־דענע תּקופֿות. ספֿרד איז אָבער פֿאַרלאָרן געגאַנגען, ניט געהאַט קיין תּקומה. אַנטפּלעקט די גאָלד פֿון דער גאָלדענער תּקופֿה האָט דווקא אַשכּנז. איך וועל דאָ איבערפֿראַזירן אַ מאמר חז״ל, אַנדערש ווי עס שטייט, דער געדאַנק איז אָבער דער זעלביקער: „דער בית־המיקדש פֿון אַ נייעם אויפֿקום דאַרף געבויט ווערן פֿון די ציגל פֿון די אַלטע פֿאַרברענטע שולן״. אַנדערש וועט עס ניט זיין דאָס יידישע פֿאָלק נאָר נייע פּעלקער אויף אונדזערע קבֿרים, אויפֿן קבֿר פֿון גלותדיקער יידישקייט — אַזאַ ווערטלאָזן וועלדל ווילן מיר ניט! טאָרן מיר ניט וועלן. דאָס איז אַן אויסראָטונג פֿון יידישן פֿאָלק אָן בלוט־פֿאַרגיסונג. איז די מדינה געגאַנגען אויף אַ פֿאַלשן וועג. הלוואי זאָל דאָס אומקערן זיך אויף דעם ריכטיקן וועג זיין וואָס גיכער און וואָס פֿולער. איך וועל דאָ ניט פֿאַרנעמען זיך מיטן אויסרעכענען אַלע שאָדנס וואָס דער פֿאַלשער וועג האָט שוין געבראַכט. דער שאָדן איז גאָר ניט קיין קליינער.

יידישיזם איז ניט גענוג

דער וועג צוריק באַשטייט ניט פֿון יידישיזם אַליין. אָנגעהויבן האָט זיך דער יידישיזם נאָך ווען אונדזערע שטעטלעך האָבן געלעבט. אין די שטעטלעך איז דער יידישער שטייגער געווען דער הערשער. מען האָט ניט געדאַרפֿט זאָרגן וועגן דעם שטייגער. איז יידיש לשון געווען גענוג — לשון און שטייגער — און דער קיום פֿון פֿאָלק איז זיכער. איצט אָבער איז יידיש אַליין לגמרי ניט גענוג. אָן אַ פֿאַר־זיכיקן יידישן שטייגער וועט זיך דאָס יידישע לשון אין אורבאַניזם ניט קענען האַלטן, און דער קאַמף פֿאַר יידיש איז לכתּחילה פֿאַרלאָרן.

אויף דעם געביט האָבן צום מערסטן געזינדיקט דווקא די וועלטלעכע יידן. די שפּראַך יידיש האָט מען יאָ אָנגענומען, אָבער דעם יידישן שטייגער האָט מען ניט געוואָלט: עס שמעקט צו פֿיל מיט רעליגיע, און רעליגיע לא יזכר ולא יפּקד. די יידישע רעליגיע איז ניט קיין אָנגענומענע, ניט געקומען קיין פּאַרטיקע. זי איז געוואַקסן מיטן יידישן לעבן. אַלע יום־טובֿים זיינען פֿאַרבונדן ניט מיט גאָטס לעבן און ביאָגראַפֿיע, נאָר מיטן לעבן פֿון פֿאָלק. אַ ייד וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ יידן און וויל זיין באַהעפֿט צום יידישן פֿאָלק קען זיך ניט אָפּזאָגן פֿון יידישע יום־טובֿים, ווייל זיי זיינען רעליגיעז. די גאַנצע יידישע רעליגיע איז בכן אַ

פּאָלקישע. מען קען ניט, די שפּראַך אַליין זאָל פּאַרביטן די גאַנצע יידישקייט. קומען מיר צום סוף:

איז מעגלעך אַן אמתע און פולע אַסימילאַציע פון יידן? איך גלייב ניט. עס קענען זיך אַסימילירן קליינע גרופּעס אין אַ מאָנאָליטן פאָלק אַריין, אָבער עס קענען זיך ניט אַסימילירן גרויסע מאַסן יידן אין מולטי־נאַציאָנאַלע שטעט. זיי קענען פּאַרלירן דעם יידישן פּרצוף. זיי קענען דעקולטיווירט ווערן, זיך „אומקערן", אַזוי צו זאָגן, צו זייער ווילדן צושטאַנד, אָבער ניט ווערן קיין אָרגאַנישע גלידער פון הערשנדיקן פאָלק. אַזוינע „אויסגעיידישטע" יידן, אָן אַ נאַציאָנאַלן, פאָלקישן פּרצוף קען מען טרעפן זייער אָפט, אָבער זיי זיינען ווייט ניט קיין עכטע אַמעריקאַנער, ווייל בכלל איז נאָך ניט קלאָר ווער איז יאָ אַן עכטער, פולער אַמעריקאַנער אין דעם גרויסן קאָנגלאָמעראַט פון אַלערליי פעלקער. פאַרלירן דעם יידישן פּרצוף איז גאָר ניט שווער. דאָס איז, למשל, אַן עפּל וואָס פאַרלירט זיין טעם און אויסזען און ריח, אָבער מיט דעם איז נאָך דער עפּל ניט געוואָרן קיין באַרנע...

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע יידן אָן קולטור זיינען ערגער פון די אַסימילירטע מיט אַ פרעמדער קולטור. די איבערגענומענע שפּראַך איז לגמרי ניט קיין באַווייז אַז צוזאַמען מיט דער שפּראַך איז אויך קולטור איבערגענומען. קולטור איז תמיד פאַרבונדן מיט שפּראַך, אָבער שפּראַך קען זייער גרינג זיין „אויסגעלערנט" אָן קולטור. צוזאַמען מיט דער יידישער שפּראַך האָבן די דאָזיקע אויסגעיידישטע לייט פאַרלאָרן אויך די גאַנצע קולטור, אָבער אָנגענומען די פרעמדע קולטור צוזאַמען מיט דער פרעמדער שפּראַך — דאָס איז לגמרי ניט: פלאַשן און דער וויין אין די פלאַשן. די קולטור דאָס איז דער וויין, וואָס מוז האָבן פלאַשן, אָבער די פלאַשן — די ווערטער פון דער שפּראַך — זיי קענען זיין ליידיקע, אָן דעם וויין.

קולטור דאַרף מען אונטערשיידן צווי מינים — וואָרטקולטור און שטייגער־קולטור. וואָרטקולטור קען מען אויסלערנען, קען מען איבערנעמען: אין שטייגער־קולטור דאַרף מען זיך איינלעבן. ווערטער נעמט מען איבער דורך ווערטער, שטייגער־קולטור — נאָר דורך שטייגער. פעלקער ווערן געבוירן און אַנטוויקלען זיך ניט פון וואָרטקולטור, נייערט נאָר פון שטייגער־קולטור. ביי יידן איז דער שטייגער פאַרהייליקט ווי רעליגיע. ביי אַנדערע פעלקער וואָס האָבן זייער רעליגיע איבערגענומען שוין דערוואַקסענערהייט, איז די רעליגיע אַ סך וויניקער פאַרבונדן מיט דעם שטייגער. ביי זיי זיינען רעליגיע און קולטור — צווי באַזונדערע שטראָמען, ביי יידן זיינען ביידע שטראָמען — די רעליגיע און דער שטייגער איין שטראָם צוזאַמען. דעריבער קענען קריסטן אַ סך גרינגער בייטן זייער רעליגיע ווי יידן.

דאָס זיך-געפֿיל

אין שטעטל איז עס ניט שווער געווען צו זיין אַ ייד: ניט שווער געווען אויך ליידן פֿאַר יידישקייט. די שכנים פֿון די יידן זיינען געווען די פּויערים אין דאָרף. די זיינען געשטאַנען ניט אין פֿאַרגלייך נידעריקער פֿון יידן — כּמעט דורכויס אַנאַלפֿאַבעטן, שיכּורים, חשוד אויף גנבה (און ווייט ניט אומזיסט), אָרעמער פֿון יידן, אַ זונטיק אָן אַ געשלעג איז דאָך געווען אַ זעלטנקייט, און הגם שוין באַ־פֿרייט פֿון קנעכטשאַפֿט ביים פּריץ, דאָך פּסיכיש נאָך משועבד צו יענעם מיטן קושן זיין האַנט וכדומה. מיט זיי האָבן יידן ניט געקאָנט זיך אַסימילירן. דער זיך־געפֿיל איז ביי יידן געשטאַנען אַ סך העכער. ביים פּריץ האָט אַ ייד געקאָנט אָפּלעבן אַ לעבן און ניט זען דעם פּריץ. אין שטעטל, ווו יידן האָבן געלעבט איז געווען איין שטייגער, און דער איז געווען דער יידישער. דער גוי פֿלעגט קומען שבת באַדינען דעם יידן פֿאַר אַ שטיקל יידישע חלה אָדער פֿאַר אַ טרונק בראָנפֿן. „אַ פּויער — קאָך אים אין זיסן און אין זויער, בלייבט ער אַלץ פּויער, מיט אַ פּויערישן קאָפּ".

גאָר אַנדערש איז עס געוואָרן אין שטאָט. אַלע גלייך, איין קלאַס, איין שול פֿאַר די קינדער. אויס מיט „יורקע, פּעטרוק", וואָס איז געווען אַ טיפּע באַליידי־קונג אין שטעטל פֿאַר אַ יידיש קינד. איז טאַקע אין שטאָט אַוועק אָן „אויסגליי־כונג" (אַסימילאַציע מיינט טאַקע אות באות — אויסגלייכונג). און לאָמיר ניט פֿאַרגעסן, אַז די יידישע קולטור, די ליטעראַטור — אַלץ איז אַ פּראָדוקט איבער־הויפּט פֿון שטעטל, ניט פֿון שטאָט. אין שטאָט דאַרף יידישקייט האָבן עפּעס אַ צוגאָב־כּוח איינצוהאַלטן זיך, צו בלייבן אַ ייד, זיך ניט צו אַסימילירן, ניט מיט־גיין מיט דער מערהייט, מיטן אַלגעמיינעם שטאַנד. איז דאָס ביי די רעליגיעזע יידן יאָ פֿאַראַן. דאָס איז דער גלויבן אין יענער וועלט, אין דעם „שׂכר ועונש" נאָכן טויט. ביי די וועלטלעכע יידן איז אָט דער גלויבן ניטאָ, פֿעלט אַ מאָטיוו, פֿאַר וואָס איינצוהאַלטן, פֿאַר וואָס אָפּצוהיטן יידישקייט, יידישן שטייגער, יידישע גע־וווינהייטן. יידישקייט דאַרף אין שטאָט זיין אַ סך מער פֿאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן שטאָלץ, מיט אַ צופֿרידנקייט — ס'איז גוט צו זיין אַ ייד! מען דאַרף ליב האָבן יידישקייט, יידישן שטייגער, יידישע פֿירונגען און מינהגים. און דאָס דווקא פֿעלט די וועלטלעכע. די פֿרומע היטן יידישקייט אויס מורא: הער נאָר — מען שמייסט גאָר! גיי הייב זיך אָן מיט דעם רבונו־של־עולם, אַז מען פֿירט גאָר אַ גאַנצע געַנויע בוכהאַלטעריע אויף יענער וועלט! האָבן אָבער ניט די וועלטלעכע אַזאַ מאָטיוו, פֿאַר וואָס איינהיטן און אָפּהיטן די פּרטים פֿון יידישן אויפֿפֿיר. דאָס קען זיין בלויז איינגעפֿלאַנצטע געוווינהייטן פֿון קינדוווייז איבערהויפּט, און אַ

שטאָלצע צופרידנהייט מיט די איינגעלעבטע יידישע פירונגען. דאָס לייגט אַרויף גרויסע פליכטן אויף דער יידישער היים און אויף דער יידישער שול. די לעצטע דאַרף ניט אויסלערנען נאָר אַריינלעבן, ליב מאַכן יידישן שטייגער. דאָס איז אַ סך שווערער, אָבער וויכטיקער און דרינגענדיקער. גאָר אַנדערע אויפגאַבן. די יידישע שול דאַרף עס זיין — וואָס מאַכט ליב דעם יידישן שטייגער. און דאָס קען מען ניט מאַכן מיט לערנען כדי צו וויסן. דאָס איז ניט אין וויסן. שטייגער — דורך שטייגער! ווי צונויפצופלעכטן דאָס לערנען מיט דעם שולשטייגער — דאָס איז די ספּעציפישע אויפגאַב פון דער יידישער שול. דאָס האָט געוווסט די טראַדיציאָנעלע ישיבה, אָבער ניט די אַלגעמיינע שול, וואָס די מאָדערנע יידישע שול נעמט איבער איר גאַנג אין פּעדאַגאָגיק.

בכלל האָט דער אורבאַניזם אין גאַנצן געענדערט די יידישע לאַגע, די לאַגע פון יידן. מען קען די ענדערונג פאָרמולירן זייער גרינג און איינפאַך: דער אורבאַניזם האָט געהאָלפן די יידן ווי יחידים און האָט אַנולירט כמעט אין גאַנצן די יידישקייט. איטלעכן יחיד־ייד איז טאַקע געוואָרן גרינגער, אָבער אין דער זעל־ביקער צייט האָט דער אורבאַניזם אַנולירט די קאָלעקטיווע פאַרזיכיקע יידישקייט וואָס איז געווען אין שטעטל. די אַלגעמיינע שול האָט איר אויפגאַב, אין דער ערשטער ריי — די אינטערעסן פון דעם יחיד, דאָס אַריינלעבן פון דעם יחיד אין כלל — איז אַן אויפגאַב פון דער צווייטער מדרגה. די יידישע שול מיינט עס פאַר־קערט: קודם־כל קומט די אויפגאַב אַריינצולעבן דעם יחיד אין דעם קאָלעקטיוו פון כלל — אַ ייד אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די ריין פּריוואַטע אַנט־וויקלונג־אינטערעסן — דאָס איז אַן אויפגאַב פון דער צווייטער מדרגה.

יחידישע אינטערעסן און פאָלקישע אינטערעסן. די יידישע שול עקסיסטירט נאָר צוליב די צווייטע. אַנדערע פּראָבלעמען און אַנדערע דרכים אין לערנען און אין דערציִונג.

פאַראַן ביי יידן זייער ברייט פאַרשפּרייטע שול־סיסטעמען, וואָס זיינען גאָר מסוכן, געפערלעך פאַר דער אַנטוויקלונג פון כלל־אינטערעסן ביי דעם יחיד. און דווקא אָט די שולן האָבן אָנזען ביי יידן. לאָמיר רעדן קלאָרער: פאַראַן אַ שטאַרקע ריכטונג ביי יידן, וואָס וואָלט געוואָלט האָבן ביי יידן תנך־יידן. די הייב־טיקע יידן, די שטעטלשע יידן געפעלן ניט, זיי טויגן ניט. די אַמאָליקע תנכישע יידן — אָט יענע זיינען ליב און טייער. און די יידישע שול דאַרף עס האָדעווען תנך־יידן. קודם־כל איז עס אוממעגלעך: די שול קען ניט אויסהאָדעווען קיין פאַרצייטיקע יידן, וואָס זיינען איצט ניטאָ. מען קען ניט אויסהאָדעווען היינט קיין פאַרצייטיקע מאַמאַנטן; מען קען ניט אַנטוויקלען היינט קיין פאַרצייטיקע ביימער, פון אַמאָלקע עקאָלאָגישע תקופות. פונקט אַזוי איז עס אוממעגלעך היינט צו האָדעווען תנך־יידן. אין דעם פאַרלאַנג זיינען פאַראַן צוויי זייטן — אַ נעגאַטיווע

און אַ פּאָזיטיווע — די היינטיקע יידן טויגן ניט. דאָס קען מען איינפּלאַנצן. די פּאַרצייטיקע זיינען די געוווּנטשענע. דאָס קען מען נישט אויסהאָדעווען. וואָס זשע בלייבט פון דער שול־פּאָליטיק? — די נעגאַציע בלייבט. במקום צו פאַרבינדן די יוגנט צום פּאָלקישן כלל, רייסט די שול אָפּ. אין דעם איז די סכנה פון אָט די שולן.

11

מיט די אויגן פון אַ יידישן לערער

(כמו אַ ביאָגראַפיע)

אַריינפיר

אַן אויטאָביאָגראַפיע האָט רעכט צו שרייבן בלויז אַ מענטש וואָס האָט אין זיינע הענט געהאַלטן דעם רודערראָד פון דער געשיכטע. סתם אַ מענטש, איינער וואָס איז געטראָגן געוואָרן אויף די כוואַליעס פון דער צעשטורעמטער געשיכטע פון יידישן פאָלק און איז צופעליק ניט דערטרונקען געוואָרן אין אָט די כוואַליעס — וואָס, מישטיינס געזאָגט, קען צוגעבן זיין ביאָגראַפיע? ער איז אָבער אַן עדות פון אָט דעם צעשטורעמטן ים, ער איז טאַקע ווי אַ שפּענדל געטראָגן געוואָרן אַ גאַנץ לעבן, זיך געטראָגן איבער לענדער, איבער יידישע יישובים, אומעטום געמיינט אַז ער טוט עפּעס, אַז ער שאַפט, אַז ער איז אויך אַקטיוו אין דעם שטראָם, געמיינט אַז ער טוט אויף, אַז ער העלפט קערעווען דעם שטראָם. גוט איז דעם וואָס גליבט. אומעטום געלאָזן חורבות, חורבות פון יידיש לעבן, פון זיין אַרבעט אויך אין דעם. געוואַנדערט, געמיינט אַז ערגעץ אַנדערש ווו וועט די אַרבעט זיין פעסטער, בלייבנדיקער. פון אומעטום בלויז זכרונות. אויף דער עלטער זיך באַרויִקט, קוקט אויף זיין אַרבעט צוריקוועגס. ניט אויף זיין אַרבעט — אויף דעם לעבן פון פאָלק.

אָנגעהויבן כמעט אין דעם אָנהייב פון י״ה, העט ווייט אין רוסלאַנד, גע־אַרבעט און געגלייבט אין דער אַרבעט, געהאָפט — עס וועט בלייבן, געוואַרט

אויף דער רעוואָלוציע, געווען זיכער — זי וועט ערשט לאָזן צעפירן די הענט. געווען גליקלעך צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע, געוואַרט און געהאָפט און — גע־מוזט לויפן, אַנטלויפן פון דער רעוואָלוציע, זיך אַרויסגעגנבעט קיין פוילן — ווידער אַ באַרג מיט אַרבעט, מיט פּלענער, — מען לעבט מיט דער אַרבעט און מען גלייבט: וואָס הייסט — זיך דאָך פאַרפליכטעט, אונטערגעשריבן רעכט! גע־אַרבעט און געהאָפט, געאַרבעט, געמיינט אַז די אַרבעט האָט אַ קיום, ביז גאָר גיך געמוזט ווייטער לויפן. דאָס מאָל געלאָפן שוין ניט אין גוייִשע לענדער, געלאָפן קיין ארץ־ישׂראל. ניט מיינע דרכים אין יידישקייט, אָבער יידישע דרכים. און די שולן פאַרשפּאַרן די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען קעגן די רעגירנדיקע שׂונאים. געקומען, ערשט דאָ ווידער חשדים און מורא, און אומצוטרוי: ווער ווייס וואָס פאַר אַ מעסער אין זייט איך ברענג מיט זיך? ווער קען געטרויען? לאַנג געדויערט ביז איך האָב געקאָנט אָנהייבן אַרבעטן. ניט מיין דרך, ניט מיין גלויבן, אָבער געאַרבעט ערלעך. סוף־כּל־סוף צווישן יידישער יוגנט און אָן שיקאַנעס פון רעגירונגען. געזעלשאַפטלעך אַ ביסל ווי אין חרם. שווער געווען די איינזאַמקייט. זיך דערפריייט מיט אַרבעט אין אַ גוטן גלות. קאַנאַדע. אַ יידישע שול! בפירוש: דערהערט יידן אויף אַ פאַרזאַמלונג רעדן יידיש, האָב איך זיך דערפילט היימי־שער. די שול — פּאַרט ניט דאָס! אונדזערע שולן אין רוסלאַנד, פוילן זיינען געווען — די גאַנצע מענטשלעכע קולטור אין יידיש: פאַריידישט די גאַנצע וועלט־קולטור. די שול אָבער — דאָס יידישע — אַ צוגאָב צו דער ענגלישער. די לעצטע איז די וועלטקולטור, דאָס יידישע איז אַ צוגאָב, אַ הוספה; ניט אַ יידישע וועלט, נאָר די וועלט און דערצו נאָך יידיש. ניט דאָס, אָבער פאָרט היימיש, עס שמעקט אַ ביסל מיט ווילנע. ...און ווידער געלאָפן — אין מעקסיקע זיינען בעסערע שולן, מער יידישקייט. יאָ, אָבער געגוג צרות אויף דאָרטן. אַז גוייִם מאַטערן ניט, מאַטערן אויך יידן. געגוג אויסגעקרענקט. מען ווערט עלטער. געגוג געלאָפן. זיך באַרויִקט. געגוג געאַרבעט. קען מען זיצן ביי דער שרייבמאַשין און זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון אַ לאַנג לעבן און אַרבעט.

*

פון מיין קינדהייט געדענק איך אַ שׂרפה אין שטעטל. אויפגעכאַפּט זיך אין מיטן נאַכט — מיין בעטל שטייט אין דרויסן, די שטוב אָנגעקעגן אין גאַנצן איין שטיק פייער, די וועגט די הילצערנע ברענען. קיין דאַך ניטאָ מער, דער קוימען איז לאַנג, אַ שרעק. געקומען אַ פּאָר מענטשן, אַוועקגעטריבן מיין בעטל ווייטער. אַ גאַנץ לעבן טראָג איך זיך פון שׂרפות. „אונדזער אָרעם שטעטל ברענט"... אַ גאַנץ לעבן דורך שׂרפות. מיר בויען און עס ברענט אָפּ. אָט דאָס לעבן דורך

שׂרפות דאַרף עפּעס לערנען, עפּעס דאַרף עס לאָזן אונדז צו הערן. דאָס איז אויסן די גאַנצע אַרבעט.

*

רעדן און זאָגן

איך שטעל זיך אָפּט די פראַגע: וואָס איז דער זינען און דער תּכלית פון מיין שרייבן? אָט שרייב איך איצט דאָס פערציקסטע בוך אין יידיש (און איינס אין העברעיִש) און צו וואָס? די אַלטע פראַגע „למי אני עמל?" שרייבערס ביי לייטן שרייבן צוליב געלט. ביי יידן איז עס ניט שייך לגמרי. פאַר כּבוד? — אויך ניט. טאָ צו וואָס? ווייט שוין ניט קיין יונגער. צו וואָס די גאַנצע אַרבעט? האָבן מיר גוטע פריינד געזאָגט ניט איין מאָל: איר זייט געווען אין דעם סאַמע קאָך פון יידישן לעבן. איר דאַרפט שרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע, עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט. — אָבער איך האַלט זיך לגמרי ניט פאַר קיין שרייבער, איך שרייב, ניט כּדי צו שאַפן אינטערעסאַנטן לייען־מאַטעריאַל, עמעצער זאָל האָבן הנאה לייענענדיק. לגמרי ניט דאָס איז דער זינען און דער ציל פון מיין שרייבן.

מיר האָבן אין יידיש צוויי ווערטער: רעדן און זאָגן. אַ מאָל פלעגט מען אַ מגיד, אַ דרשן, רופן אויך אַ „זאָגער". שפּעטער איז מען אַריבער צום וואָרט „רעדנער". וואָס איז דער אונטערשייד? רעדן איז אַ „שטייענדיקער" ווערב. מען קען ניט שטעלן נאָך אים אַ פראַגע „וואָס?" די אַרבעט גייט ניט אַריבער אויף אַ צווייטן אָביעקט. זאָגן אָבער פאָדערט נאָך זיך אַ דירעקטן אָביעקט: וואָס געזאָגט? זאָגן מוז מען עפּעס. אַן אַמאָליקער זאָגער האָט געהאַט אַ ציל אין זיין דרשה, ער האָט געוואָלט מאַכן זיינע צוהערער פרום. אַ רעדנער האָט זיין ציל אין דעם עצם רעדן, ער דאַרף ווירקן מיט זיין רעדן גופא. ער דאַרף שיין ריידן, ער דאַרף באַפרידיקן די צוהערערס מיט זיין רעדן גופא. אַ שרייבער קען זיין אָדער אַ זאָגער אָדער אַ רעדנער. איך באַמי זיך צו זיין תּמיד אין מיין שרייבן דווקא אַ זאָגער, ניט סתּם אַ רעדנער. איך באַמי זיך גאָר ניט, מיין שרייבן זאָל זיין שיין, עס זאָל פאַרשאַפן דעם לייענער אַ פאַרגעניגן. אָפּט פאַרקערט גאָר, ווילט זיך מיר אַז מיין שרייבן זאָל דעם לייענער ניט לאָזן שלאָפן. איך זע דעם זינען פון מיין שרייבן דווקא אין דעם וואָס איך זאָג. עס איז אַ מין חשבון־הנפש: אַ מענטש האָט אָפּגעאַרבעט מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט, טאַקע געווען אויפן אויבערפלאַך פון יידישן לעבן, טאָ וואָס איז געוואָרן פון אָט דער גאַנצער אַרבעט?

און איך בין דאָך ניט איינער. איך זע זיך ווי אַ רעשטל פון אַ דור יידישע לערערס. צופעליק געבליבן, די אַרבעט איז ניט איבערגעריסן געוואָרן דורך קיינע חורבנות, — טאָ וואָס איז פון דער אַרבעט געבליבן? אויב ניט געבליבן, טאָ וואָס לאָזט עס מיר צו הערן? וואָס לערנט עס מיר? איז דאָך יענער דור יידישע לערערס געווען ניט קיין „אָנגעשטעלטע", אַזוי פיל שעה אַרבעט און כּך־וכך געצאָלט. איז מען דאָך געווען אידעאַליסטן, מען האָט געבויט, געבראָכן און געבויט, געבויט אַ ניי לעבן, האָט מען דאָך אין יעדער לעקציע געהאַט אַ „לשם יחוד". האָט מען דאָך אַפילו אַסימילאַציע באַגרינדעט מיט אַן אידעאָלאָגיע; האָט דאָך איטלעכער געהאַט אַ חלק אין אָט דעם בויען וואָס מען האָט געוואָלט בויען. איז מען געווען וועגברעכערס. בלויז געציילטע זיינען פאַרבליבן פון יענעם דור יידישע לערערס. טאַקע נאָר כּדי צו דערציילן וועגן אַ לעבן פון אַרבעט, פון שאַפן, און גאָרנישט איז געבליבן פון אָט דעם גאַנצן שאַפן און בויען. דערמאָן איך זיך אונדזערע אַמאָליקע דיסקוסיעס, גאַנצע נעכט. פאַרשיידענע וועגן, אָבער אַלע האָבן דאָך געוואָלט ברענגען משיחן. מיט וויפל היץ, מיט וויפל ברען מען האָט געאַרבעט, וויפל פייער און גלויבן עס איז געווען אין דער אַרבעט. אַ דור אַ גאַנצער האָט עס געשטורעמט און... גאָרניט.

דערמאָנט זיך מיר אַ וואַלד וואָס איז אויסגעהאַקט געוואָרן. געבליבן עטלעכע ביימער, שטייען זיי ווייט איינער פון צווייטן, איינזאַם זיינען זיי צווישן די אָפּ־געהאַקטע קלעצער פון אַמאָליקע ביימער. גיי איך דאָ ניט שרייבן אַ „יזכּור" נאָך דעם דור, וואָס איז אַוועק, איך וויל דאָ דערציילן וועגן די אָפּגעשטאָרבענע אידע־אַלן, וואָס האָבן אַזוי באַגייסטערט און... דער וואַלד איז אויסגעהאַקט געוואָרן.

וואָס איז געווען אונדזער אידעאַל? צו וואָס האָבן מיר געשטרעבט? ווייל איך דאָ איצט אין קורצן פאָרמולירן אונדזער גלויבן, אָבער איך וויל עס מאַכן בקיצור און דערפאַר מיט היינטיקע ווערטער. דער עצם אידעאַל איז דאָך געווען ביי אונדז מער אין געפיל ווי אין געדאַנק. איך וואָלט אַ מאָל ניט געקאָנט דעם אידעאַל אַזוי פאָרמולירן. עס איז ניט ריכטיק וואָס עס שטייט, אַז בראשית איז געווען דאָס וואָרט. וואָרט איז אַ פּראָדוקט פון אַ געדאַנק. ניטאָ גאָרניט אין געדאַנק וואָס איז פריִער ניט געווען אין געפיל און געפילן זיינען קיין מאָל ניט געסדרט קלאָר. וועל איך פּרובירן פאָרמולירן דעם אַמאָליקן אידעאַל מיט היינטיקע ווערטער:

1. דאָס יידישע פאָלק איז גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער און עס קען און עס דאַרף אַריינגעמען די גאַנצע מענטשלעכע קולטור אין זיינע אייגענע פאַ־רעמס, אין זיין שפּראַך, אין זיין אידעען־וועלט. ניטאָ מער קיין פאַרטיילונג אויף „יידישע" און „אַלגעמיינע" לימודים, נייערט אַלע „אַלגעמיינע" לימודים זיינען אויך יידישע אין זייער שפּראַך־לבוש, אין זייער לאָגיק און פאָרעם.

2. דאָס יידישע פֿאָלק איז פֿאַרשפּרייט איבער דער וועלט, אָבער אין אַלע זיינע פֿאַרשפּרייטונגען איז עס איין פֿאָלק מיט איין לשון און איין קולטור; איין גאַנץ פֿאָלק אין אַ סך לענדער.

3. די יידישע שפּראַך מאַכט ניט קיין שפּרונגען, זי היפּט ניט איבער קיינע תּקופֿות. מיר הייבן ניט אָן קיין נייע געשיכטע. די יידישע קולטור און די יידישע דערציִונג גייט נאָרמאַל פֿון דעם היינט און אויף צוריק. די קולטור פֿון דער היינטיקער תּקופֿה. צו דער קולטור פֿון תּלמוד און ווייטער צו דער תּנך־תּקופֿה.

4. די יידישע רעליגיע איז קיין מאָל ניט געווען אַזוי ווי אַנדערע רעליגיעס — אַ רעליגיע פֿאַר גאָט, נייערט זי איז אַלע מאָל געווען אַ פֿאָלק־רעליגיע: גאָט העלפֿט דעם קיום פֿון פֿאָלק און ער הייסט טאָן וואָס דאָס פֿאָלק דאַרף האָבן אין דער געגעבענער צייט. דערפֿאַר זיינען מיר געווען וועלטלעך — ניט וואָס גאָט דאַרף, נאָר וואָס דאָס פֿאָלק דאַרף.

5. די היינטיקע יידישקייט, אָדער יידישע קולטור באַשטייט פֿון צוויי יסודות — אַ בוכקולטור, אַלץ וואָס עס איז שוין פֿאַרשריבן, „שבכּתב”, און אַ צווייטע קולטור, וואָס איז פֿאַראַן אין לעבן און איז ניט פֿאַרשריבן, עס איז „בעל־פּה”, אין שטייגער און זי איז דער קוואַל, פֿון וועלכן עס קומט אַרויס די בוכקולטור. דווקא אָט די וואָכעדיקע שטייגער־קולטור איז דער יסוד פֿון פֿאָלקס קיום. שטייגער פֿאַרלאָרן — פֿאָלק פֿאַרלאָרן.

דאָס איז געווען אונדזער גלויבן (לויט אונדזער היינטיקער פֿאָרמולירונג). כ'גיי ניט אַריין אין קיינע דיסקוסיעס, צי דער גלויבן איז געווען אַזאַ פֿאַלשער, אָדער עס זיינען געווען גאָר אַנדערע סיבות, פֿאַר וואָס פֿון דער אַרבעט איז גאָרניט געבליבן. מיר האָבן געלייגט איין ציגל און דאָס לעבן האָט צעבראָכן צוויי ציגל. און אַזוי טראָט נאָך טראָט. און אָט זיץ איך אין דער צופֿרידענער אַמעריקע און איך טראָג אין זיך אַ גאַנצן בית־עולם פֿון צעבראָכענע, דערשאָסענע האָפֿענונגען, חלומות, פֿאַרלאָרענע אידעאַלן, אויסגעלאַכטע טרוימען. און איך ווייס ניט ביז היינט צי די אידעאַלן זיינען דאָס געווען אַזוינע פֿאַלשע אָדער די בייזע ווינטן — זיי זיינען די שולדיקע אין חורבן פֿון אַ דור חלומות. אַזוי אָדער אַזוי, אָבער אָט האָבן מיר אין משך פֿון צען יאָר הייליקער אַרבעט אויסגעהאָדעוועט
124 יידישע לערערס פֿאַר שולן, וואָס מיר האָבן געבויט לויט אונדזער אידעאַל...
קיינער פֿון זיי, אַפֿילו די וואָס זיינען יאָ געבליבן לעבן, קיינער אַרבעט ניט אין אַזאַ שול ווי מיר האָבן געבויט. עס זיינען גאָר אַזוינע שולן אויף דער וועלט ניטאָ... אָונטשולן — אַ יידישע בראָדעווקע אויף אַ ניט־יידישער נאָז. אַפֿילו טאָגשולן — זיינען זיי דאָך צוויי שולן אונטער איין דאַך — אַ יידישע און אַן „אַלגעמיינע”, ד"ה אַ מלוכהשע, געבויט און פּראָיעקטירט פֿאַר אַן אַנדער פֿאָלק, פֿאַר אַן אַנדער קולטור. אונדזער שול־אידעאַל איז גאָר ניט געבוירן געוואָרן, אָדער יאָ

געבוירן און באַלד חרוב געוואָרן. און צוזאַמען מיט די אידעאַלן זיינען אויך די מענטשן, — יונגע מענטשן מיט הייליקע חלומות אין האַרצן — פאַרשניטן גע־וואָרן אין די וועלטשטורעמס, אין אונדזערע חורבות.

עטוואָס געשיכטע

כ׳דערמאָן זיך: דער אָנהייב פון יאָרהונדערט. דער תּחום־המושב אין רוס־לאַנד. נאָר דאָרטן מעגן יידן לעבן, אויך ניט אין די דערפער. ניטאָ דאָרטן קיין אמתע רוסן, אַלץ סובאָרדינירטע פעלקער. אונדזער „גליק״: ניטאָ קיין מלוכה־שולן, בויען יידן אַליין שולן פאַר זייערע קינדער, באַמיִען מיר זיך די שולן צו מאַכן פאַר דורכויס יידישע. זענען זיך לערער צונויפגעקומען אין 1907 און נעמען אָן אַ רעזאָלוציע וועגן יידישע שולן אויף יידיש. איז די רעזאָלוציע אָנגענומען געוואָרן אין... טורמע, די פאַרזאַמלונג איז אַרעסטירט געוואָרן. איך בין דאָרטן נאָך ניט געווען. ערשט געקומען גרייטן זיך צו זיין אַ לערער. די אידעאַלן ווייט ניט קלאָר. די שטעטלעך נאָך כּמעט גאַנץ, די שטעטלעך דורכויס יידישע, כּמעט הונדערט פּראָצענט יידן. יידן כאַפּן זיך צו רעדן רוסיש, אָבער קיין אמתע אַסימי־לאַציע קען גאָר ניט זיין: ניטאָ קיין רוסן, און מיט סובאָרדינירטע פעלקער אַסימילירט מען זיך ניט. אויך די שטעט זיינען געווען „שטעטלדיק״. אין מערב־אייראָפּע און אין רוסלאַנד גופא אויסערן תּחום — אָ, דאָרטן איז די אַסימילאַציע אין פולן גאַנג. גאָר אַן אַנדער וועלט איז יידישקייט אין תּחום. גוייִם אָרום — צוויי קלאַסן — פּריצים און פּויערים, יידן גאָר באַזונדער. גוייִם אין הייפן (די פּריצים) און אין דערפער. יידן — אַ דריטער קלאַס — פאַרמיטלער צווישן שטאָט און דאָרף. לעבן יידן פאַר זיך און פאַרזיכיק. שטעטל און דאָרף — צוויי ווייטע וועלטן. די דערפער — אָרעם, דערשלאָגן, אַנאַלפאַבעטיש, פאַרשקלאַפּט צו די פּריצים הגם אָפיציעל שוין באַפרייט, אָבער דאָך אין דער פּסיכיק פאַרקנעכט. יידן זיינען געווען אויך אָרעם, אָבער ניט אַזוי. דערשלאָגן, אָבער קיין מאָל ניט קיין קנעכט ביי פּריצים. אַלע יידן געלערנט אין חדר, ניטאָ קיין ייד אָן אַ ספר! זעלטן ביי יידן אַ שיכּור. לערנען יידן אין די שטעט יאָ רוסיש און דייטש (אין גאַליציע) אָבער צו אַסימילאַציע קען עס ניט קומען, ווייל לעבן די יידן זיינען זיי ניט געווען. ניט קיין רוסן אין תּחום און ניט קיין דייטשן אין גאַליציע.

רעדן באַלעבאַטישע קינדער יאָ רוסיש, אָבער זיי קענען זיך ניט אַסימילירן. אין ליטעראַטור אַסימילירט מען זיך ניט. האָבן יידן אַפילו מיט רוסיש אין מויל דאָך געלעבט נאָר צווישן יידן. ניט געהאַט מיט וועמען זיך צו אַסימילירן. דאָרף און שטעטל זיינען געווען צוויי באַזונדערע און פאַרשידענע סאָציאַלע איינסן. און

די גרעסערע שטעט זיינען ווידער געווען צונויפגעשטוקעוועטע עטלעכע שטעטלעך. דער כאַראַקטער פון יידישן יישוב איז געווען דער זעלביקער. אָט דאָ, אין די שטעט און שטעטלעך פון תחום האָט זיך אַנטוויקלט דער נייער שטראָם פון יידישקייט. די אויפגאַבע פון די שטעט איז תמיד געווען: צונויפזאַמלען די פּראָדוקטן וואָס זיינען געוואַקסן אין די דערפער, אין די שטעטלעך און זיי צו באַאַרבעטן. אַזוי איז אויך געווען מיט יידישער קולטור. די שטעט האָבן נישט געשאַפן קיין קולטור. גאָר די קולטור שטאַמט תמיד פון די שטעטלעך, פון דאָרטן ווו יידן האָבן געלעבט פאַר זיך, באַזונדער. די שטאָט האָט אָט די שטעטלשע קולטור בלויז איבערגעאַרבעט, געמאַכט פון דעם בלייבנדיקס, געמאַכט פון דעם עטוואָס וואָס לאָזט זיך פאַרשפּרייטן. אין די שטעטלעך איז יידישע קולטור געווען „בעל־פּה". די שטעט האָבן פון דעם בעל־פּה געמאַכט „בכתב", צוטריטלעך פאַר דורות און פאַר גאָר דער ערד. אַזוי זיינען געווען די פונקציעס פון שטעטל און שטאָט אין פּראָצעס פון קולטור־לעבן. דאָס איז דער אַרויפשטראָם פון קולטורביים פאָלק: „רוישטאָף" פון קולטור, בעל־פּה־קולטור, ריכטיקער — שטייגער־קולטור. דאָס איז די ראָלע פון שטעטל. די שטאָט באַאַרבעט דעם „רוישטאָף", פון בעל־פּה פּראָדוצירט זיך די קולטור שבכתב. לדורות ולארצות, פאַר וועלט און פאַר אייביקייטן. איצט קומט די ראָלע פון אונדז, פון פאָלקסלערערס — פאַרשפּרייטן די קולטור צוריק אין פאָלק, פאַר די קינדער, אין די היימען, צום פאָלק. דאָס איז דער אַראָפּשטראָם פון קולטור.ביידע טיילן פון דער קולטור־צירקולאַציע, וואָס איז פאַרן לעבן פון אַ פאָלק אַזוי וויכטיק ווי די בלוט־צירקולאַציע אין פיזישן לעבן פון אַ יחיד. האָבן מיר, יידישע פאָלקסלערערס, געטראָגן מיט ליבע אָט די אויפגאַבע.

עס איז די צייט פון צאַריזם. די שול וואָס דאָס יידישע פאָלק בויט פאַר זיינע קינדער דאַרף, זי מוז גאָר דינען די צילן פון רוסיפיקאַציע. זיינען יידישע לערערס געצוווּנגען גאָר צו פאַרשפּרייטן רוסישע קולטור. גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק זיינען גאָר געווען צופרידן. יידישע לערערס — רוסיפיקאַטאָרן — גאָר ניט קיין זעלטנקייט. יידישע עלטערן זיינען גאָר איבערגליקלעך: יידן לעבן זיך אַריין אין דער „הערלעכער רוסישער שפּראַך".

באַוווּסטזיניקע יידישע לערערס האָבן אַנדערע צילן, שטעלן זיך אַנדערע אויפגאַבעס: קולטור — איז פון אייגענעם פאָלק. קיין טעאָריע פון יידישער פאַרזיכיקייט אין די לענדער, צווישן אַלע אַנדערע פעלקער האָבן מיר ניט געהאַט. דערמיט האָבן זיך אָפּגעגעבן פאַרטייען. און געווען זיינען זיי אַ סך. ווער עס האָט געגלייבט אין אַ יידיש לעבן אין דער וועלט און ווער ניט. דער „בונד", די עלטסטע און די אָרגאַניזירטסטע פּאַרטיי האָט וועגן יידישקייט ווייניק געטראַכט. עס וועט קומען דער סאָציאַליזם, וועט ער שוין אַלע פּראָבלעמען לייזן, קיין יידישע פּראָ־

בלעם וועט שוין במילא ניט זיין מער. יידן־סאָציאַליסטן; יידישע סאָציאַליסטן איז מען געוואָרן שפּעטער. אַ פּאַרטיי באַזונדער ווייל אין תּחום איז ניט געווען קיין רוסיש פֿאָלק, קיין רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. צו יידיש לשון איז מען געקומען שפּעטער, ווי צו דער שפּראַך וואָס בלויז דורך איר האָט מען געקאָנט קומען צו דעם יידישן אַרבעטער. די ניט־יידישע אַרבעטערס וואָלטן גאָר ניט אויפגענומען קיין יידן־פּירער. יידישע אַרבעטערס זיינען געווען זייער ווייניק און אַלץ אין קליינע וואַרשטאַטן. יעדער אַרבעטער — אַן ערב־בעל־הבית, ניט גאָר קיין גוטער עלעמענט פֿאַרן סאָציאַליזם. האָט דער „בונד" אין ווילנע געפירט זיין סאָציאַליסטישן קאַמף אין ראַמיילעס ישיבה, פֿון די ישיבה־יינגלעך, קעגן די רביים (1904־1903). די אַנדערע פּאַרטייען — ס.ס., פּועלי־ציון און י.ס. זיינען שוין געווען מער פֿאַרנומען מיט יידישע פּראָבלעמען, מיט יידיש, יידיש פֿאָלק, יידישע שפּראַך. מען האָט געלערנט אַלץ, ווי מען לערנט אַ בלאַט גמרא. אַנדערש ווי איז מען געווען פֿאַרנומען מיט זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציעס — מען איז געווען פֿאַרנומען... עס זיינען אויפגעקומען פּאַרטייען, ריכטונגען, מען איז געווען אַריינגעטאָן אין דעם אַלעם מיט לייב און לעבן. דיסקוסיעס, רעדעס אויף געהיימע פֿאַרזאַמלונגען ערגעץ ווו אין די אָוונטן, אין באַהאַלטענע שטיבלעך מיט פֿענצטער פֿאַרהאַנגען מיט קאָלדרעס, מען זאָל די רייד אין דרויסן ניט דערהערן. מען פֿלעגט זיך טרעפֿן אויף דער גאַס, אויף די „בירזשעס", אָדער ביי אַ מיטאָג אין די „היימישע מיטאָגן", ווען עס איז געווען מיט וואָס צו באַצאָלן... מען איז געווען פֿאַרטאָן, מען האָט זיך אַליין אָפּט פֿאַרגעסן.

געוואָרן אַ לערער

דערווייל איז מען געוואָרן אַ לערער. ניט געווען פֿאַר וואָס זיך צו נעמען — אָדער אַ בעל־מלאכה, אָדער אַ לערער. דערווייל האָט מען געלעבט פֿון פּריוואַטע לעקציעס, אָדער מען פֿאַרט אויף אַ „קאָנדיציע" אין אַ דאָרף צו איינעם אָדער עטלעכע יידן דאָרטן. אָפּקנעלן אַ ווינטער, פֿלעגט מען שוין האָבן פֿון וואָס צו לעבן אויף דעם זומער. געווען אין ווילנע אַ ספּעציעלער „אַגענט" פֿון אַזוינע קאָנדיציעס אין די דערפֿער. לערנען פֿלעגט מען אַליין, אַן אַ לערער, — קאָסט צו טייער; פֿלעגט מען אַזוי לערנען, זיך שטעלן צום עקזאַמען, דורכפֿאַלן און לערנען ווייטער.

שולן פֿון דער מלוכה פֿאַר אַלע קינדער זיינען אין רוסלאַנד ניט געווען. ניט געווען קיין אָבליגאַטאָריש גיין אין שול. ניט געווען קיין שולצוואַנג. פֿלעגן יידן עפֿענען פּריוואַטע שולן, געזעלשאַפֿטלעכע שולן. לערער האָבן געמוזט האָבן

דיפּלאָמען. אויך עקזאַמענס. האָט די חברה „מפיצי־השׂכּלה" אין פּעטערבורג גע־עפנט קורסן צוצוגרייטן לערערס. ניט גרינג איז איר עס אָנגעקומען צו קריגן אַ דערלויבעניש אויף אַזוינע קורסן, אַ ביודזשעט פון ייק"א איז איר אָנגעקומען גרינגער. האָבן זיך די קורסן געעפנט אין 1907. צוויי יאָר קורסן — גוטע יאָרן! פּאַרטאָן אין דער אַרבעט, אויף צו לעבן האָט די חברה געגעבן אַזש 20 רובל אַ חודש און עס איז געווען גענוג.

די ערשטע שטעלע ווי אַ לערער אין אַ תּלמוד־תּורה אין וויטעבסק. שרעק־לעכע באַדינגונגען אַפילו פאַר אַ דערפאַרענעם לערער — אָן אָנהייבקלאַס פון 65 ייִנגלעך. שפּעט, די זעקסטע לערן־שעה, שוין שפּעט ביי טאָג, אַ האַלבן טאָג פריִער אין אַ וויִיטער אָפּטיילונג פון דער תּלמוד־תּורה, אין אַ צווייטן ראַיאָן פון שטאָט, איין לערער פאַר צוויי קלאַסן... מען פאַרשפּאַרט שוין צו פרעגן ווי די אַרבעט איז געגאַנגען. געוואָרן דערשלאָגן, קראַנק, הייזעריק, ניט געקאָנט עסן. באַשלאָסן: איך טויג ניט צו לערעריי. איך מוז זיך זוכן אַן אַנדער אַרבעט... אַז איך בין דאָ ניט שולדיק איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן. אַלע שיינע חלומות וועגן לערעריי זיינען אויסגערונען. איך טויג ניט. געענדיקט! איך מוז זוכן אַן אַנדער אַרבעט...

אָפּגעזאָגט זיך, געשיקט אַ בריוו צו דער פאַרוואַלטונג, געבעטן מיך באַ־פרייען. געווען זיכער — מען וועט זיך דערפרייען, פּטור צו ווערן פון אַזאַ שלימזל־דיקן לערער. זיך שוין געגומען פּאַקן אין וועג אַריין. צו דער אַרבעט שוין ניט געגאַנגען. ערשט דער דירעקטאָר איז דאָ. מען באַפרייט מיך ניט, איך מוז גיין צו דער אַרבעט. די פאַרוואַלטונג האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגן מיין אַר־בעט... אויסגעקרענקט, ווי עס איז שלום געמאַכט, איינגעאַרבעט זיך, געוואָרן אַ לערער, אויסגעקרענקט דעם פאַך.

דער אידעאַל פון אַ יידישן לערער

לערעריי איז ניט סתם אַ שטעלע — אַזוי פיל שעה אַרבעט אַ טאָג און אַזוי פיל שׂכירות, געלט. לערעריי — זיין אַ פאָלקסלערער איז עפּעס העכער און וויכטיקער. אויך דער רוסישער לערער האָט גאָר אַנדערע צילן. עס איז ניט אויסלערנען אַ פּראָגראַם און יוצא זיין. עס איז פאַראַן אין פאָלק אַ „פאָלק". עס האָט אין רוסישן לעבן דעם אויבן אָן פאַרנומען דער פריץ מיט זיינע פּרטים אין זיין לעבן, דאָס „פאָלק" — די גרויסע מערהייט פון פאָלק — הונדערטער יאָרן שקלאַפעריי, קנעכט, בהמות צו דער אַרבעט, פאַרנעמען גאָר אַ קנאַפּן אָרט אַפילו אין דער ליטעראַטור. דאַרף דער פאָלקסלערער דערהייבן די קינדער פון פאָלק,

זיי זאָלן זיך פילן מוטיקער, העכער, שטאָלצער, דער לערער דאַרף עס מאַכן זיי זאָלן דערפילן די שטאָלץ פון דעם אמתן טרעגער פון פאָלקסקולטור, וואָס איז ביי די פּריצים גאָר געווען קנאַפּוועריטיק, מען האָט גאָר זיך געצאַצקעט מיט פראַנצייזיש, מיט דער גרויסקייט פון זיין העכער, חשובער פון פּראָסטן פאָלק, פון פויערים...

האָט דער יידישער לערער געטאָן זיין אַרבעט נאָך וויכטיקער, נאָך שווערער. דאַרף דער יידישער לערער אַנטוויקלען ביי די תּלמידים אַ געפיל פון העכערקייט צוויי מאָל. אַ שטאָלץ מיט זיין אַ ייד, וואָס איז דערנידערט, פאַרשקלאַפט! ער, דער ייד און זיין קולטור איז ניט אַ האָר קלענער, אומוויכטיקער ווי די הערשנ־דיקע קולטור; די קולטור פון דעם יידישן פאָלק איז אויך ניט פון גאָט געגעבן אַ פּאַרטיקע. גאָט איז הייליק, גרויס און מעכטיק און דאָס פאָלק יידן איז אַ זיב־דיקס, די שטאָלץ פון יידישן פאָלק ליגט ניט ביי דעם גרויסן גאָט, וואָס האָט באַוויליקט צו געבן דעם יידישן פאָלק די תּורה, נייערט אין לעבן פון אָט דעם פאָלק גופא איז פאַראַן די פיינקייט און די גרויסקייט... עס איז דאָך געווען די צייט פון רעוואָלט אין יידישן לעבן, ווען טאַקע דאָס פּראָסטע פאָלק, די „הינטער־בימה" האָט רעוואָלטירט קעגן דעם „מזרח", דאָס ליד פון שניידער און פון דער דינסטמיידל — קעגן דעם בלאַט גמרא, די מעשׂהלע, די דערציילונג פון דער נייער ליטעראַטור קעגן דער פּרשה חומש... אַ שווערער רעוואָלט: דאָס בייע, יונגע — קעגן דורות אָנגענומענע אמתן ברעכן און בויען. ברעכן איז גרינגער, בויען איז שווערער: ניטאָ קיין פאַרטיקע פּלענער וואָס און ווי צו בויען; מ׳גייט אין דער פינצטער. אַ סך פעלערן איז מען באַגאַנגען, אָבער דער ווילן איז געווען אַ ריכטיקער. האָט דער יידישער לערער זיך געזען אין די פאָדערשטע רייען פון אַ גאַנג צו אַ ליכטיקער צוקונפט — צו אַ דערהויבונג פון פאָלק, ווי יידן און ווי מענטשן. היינט — מחלוקתן ביי יידן! קען דאָך אין יידישן לעבן ניט זיין קיין גייסטיקער שלום; גרייט דער יידישער לערער מאַרשירערס אין אָט דעם גאַנג פאָרויס. איז די אַרבעט אַן עבודת הקודש. איז דער יידישער פאָלקסלערער שטאָלץ מיט זיין אויפגאָב — שטאָלץ ווי אַ לערער בכלל און שטאָלץ מיט דעם זיין אַ יידישער לערער. פון מלמד ביז לערער — אַ תּהום די וויכטיקייט!

דערפילט אין זיך דעם לערער האָב איך צופעליק גאָר: אין אַ קאַלטן פרי־מאָרגן, איך קלייב זיך צו גיין אין שול אַריין, ערשט עס לויפט אַריין אַ תּלמיד — אָרשאַנסקי, אַ זון פון אַן אָרעמען שוסטער: ער האָט אַ פראַגע. אַ נאַכט ניט גע־שלאָפן כּמעט... וואָס איז געשען? די מאַמע האָט נעכטן געקויפט אַ שטיקל שמע־קעדיקן זייף. האָט ער זיך געוואַשן מיטן זייף. איז דער זייף געל געוואָרן, אָבער די מולעניש פון דעם זייף, איז געווען גאָר ווייס. פאַר וואָס? ווי ווערט עס פון געל ווייס? ניט וויכטיק ווי איך האָב די פראַגע פאַרענטפערט, מיט אַן אָנווייזונג

אויף ווייסע מעל פֿון געלע קערנער ווייץ, מיט שוים אויף דעם וואַסער און נאָך, און פֿאַר וואָס. וויכטיק איז פֿאַר מיר געוואָרן דאָס וואָס איך האָב אויסגעלערנט צו שטעלן פֿראַגעס, צו פֿרעגן... לאַנגע יאָרן בין איך דאַנקבאַר געווען מיין תּלמיד פֿאַר דעם לערער־דיפּלאָם וואָס ער האָט מיר געגעבן... שפּעטער מיט יאָרן זיך נאָכגעפֿרעגט וועגן אים. זיך דערוווּסט: אומגעקומען אין זעלבשוץ־קאַמף.

„ניטאָ קיין שלעכטס אָן עפּעס גוטס" — זאָגט אַ רוסיש ווערטל. ניט געווען אין צאַרישן רוסלאַנד קיין אַבליגאַטאָרישע איינהייטלעכע אַנהייבשול. האָבן יידן אַליין געבויט שולן פֿאַר זייערע קינדער. ניט געווען קיין יידישע שולן אין אַנדערע לענדער, ווי אין רוסלאַנד. די ערשטע יידישע פּריוואַטע שול איז געווען אין אומאַן, אין די צוואַנציקער יאָרן. אַ מאַסן־אונטערנעמונג זיינען די יידישע שולן געוואָרן אַ סך שפּעטער, צום סוף פֿון יאָרהונדערט. עס זיינען געווען על־פּי־רוב באַזונדער מיידלשולן און ייִנגלשולן. די ערשטע זיינען פּעדאַגאָגיש געשטאַנען העכער פֿון די ייִנגלשולן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין חדר־טראַדיציע. די דאָזיקע שולן זיינען אָנגעקומען ווייט ניט גרינג. עס איז געווען זייער שווער צו קריגן אַ דערלויבעניש צו עפֿענען אַזאַ שול, דער בודזשעט איז געווען שווער, אָבער זיי זיינען געוואָרן אַ מינהג און האָבן געהאַט זייער געבענטשטע השפּעה. עס האָבן זיך איינגעשטעלט טיפֿן לערערס און לערערינס, טיפֿן שולן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן כאַראַקטער, עס איז געווען אַ טייל פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ניט געוווּסט פֿון דעם האָט די יידישע אייראָפּע לגמרי. דער געזעלשאַפֿטלעכער שולוועזן איז פֿון רוסלאַנד געבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישׂראל. עס איז געווען אַן אַנדער טיפּ לערערס, ניט ווי דער וואָס די רעגירונג האָט געהאָדעוועט (אויף יידישע געלטער) אין די מלוכהשע שולן, אין מלוכהשן לערער־אינסטיטוט. ווען ניט די שולן און די לערערס, ווייס איך ניט ווי עס וואָלטן אויפֿגעקומען נייע יידישע שולן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די צווייטע שטעלע

איך בין שוין ניט מער אַ לערער אין אַ תּלמוד־תּורה, מיט ייִנגלעך אין צפֿון־רוסלאַנד, נייערט אין דער מער וואָרעמער כערסאָנער גובערניע. אין אַ מיידלשול, אין דער דעמאָלט באַרימטער שול אין גאַלטע. וועגן דער שול פֿלעגן די מאַמעס זאָגן: „דורכגיין מאַרגאַלעסעס אוטשילישטשע (שול) — דאָס איז אַ האַלבער נדן".
די שול — די שענסטע געביידע אין שטעטל, אַ גאָרטן הינטער דער שול. עס איז גאָר געווען אַ ייחוס צו זיין אַ תּלמידה אין דער שול. דאָס שטעטל — ניט ברוקירט, די גאַסן און דער באָדן — אוקראַינער שוואַרצערד, געזונטע בלאָטעס, און אין שול

— ניט קיין שפּרינקעלע! אַבסאָלוטע ריינקייט. איז די שול געווען אַ שיינדל אין שטאָט, וואָס איז געווען אַדמיניסטראַטיוו צעטיילט מיט צוויי טייכן אויף דריי באַזונדערע יישובים: די רייכסטע און גרעסטע — דער דאָרף גאַלטע, גלייך איבערן טייך איז שוין דאָס שטעטל באַגאָפּאָל און ווידער איבערן בריק — די שטאָט אָלוויאָפּאָל. פאַרשטייט זיך, אַז אין שול האָבן געלערנט מיידלעך פון אַלע דריי יישובים.

לערנען אין אַ תּלמוד־תּורה איז געווען אין איירא֗פּע פאַרבונדן מיט אַ שיפלות־געפיל — מען איז אָרעם, ניטאָ אויף שׂכר־לימוד; אָבער לערנען אין „מאַרגאַלעסעס אוטשילישטשע" איז געווען גאָר אַ ייחוס, שפּעטער — אַ מעלה צו אַ שידוך. איז געווען אין שול אַ גוטער לערער־קאָלעקטיוו. פאַר מיר איז די שול געווען דער אמתער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט. איך ווייס ניט צי איך האָב אויסגעלערנט מיינע תּלמידות, אָבער איך אַליין האָב זיך גאָר אַ סך אויסגעלערנט. איבערהויפּט האָב איך ליב געהאַט מיינע לעקציעס פון נאַטור־לימוד, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער חשוב ביי אַלע פּראָגרעסיווע לערערס אין רוסלאַנד. צו־גרייטן אַזאַ לעקציע מיט אַלע נייטיקע עקספּערימענטן, מיט די מכשירים פלעגט אָפּט צונעמען אַ גאַנצן אָוונט מיט אַ שטיק נאַכט. איך פלעג די לעקציעס פירן ניט אין קלאַס, נאָר אין שולזאַל אויף דער עסטראַדע, אויף צוויי לאַנגע טישן אויסגעשטעלט מיט אַלע נייטיקע מכשירים. די קינדער פלעגן זיצן אויף שטולן, און איך פלעג אָנהייבן די לעקציע ביי איין ברעג טיש, און ענדיקן ביים סוף פון צווייטן טיש. פלעג איך האָבן הנאה פון דער לאָגיק אין גאַנג פון דער לעקציע. דאָ האָט זיך ביי מיר אויסגעאַרבעט דאָס וואָס איך האָב מיט יאָרן שפּעטער אָנגערופן „פאַרשערישער מעטאָד אין דערציִערישן לערנען".

צי האָב איך פון די קליינע מיידעלעך געמאַכט „פאַרשערינס" — אין דעם בין איך שטאַרק מסופּק, אָבער בשעת־מעשׂה האָבן מיר אַלע — איך און די תּל־מידות — שטאַרק געגלייבט אין דער אַרבעט. איך האָב דעם מעטאָד אויך אַריינ־געפירט אין אַנדערע לימודים, איבערהויפּט איז מיר געפעלן געווען צו פאַרשן די אוראַלטע יידישע געשיכטע לויט פּסוקים פון חומש. איך פלעג ניט דערציילן קיין געשיכטע. איך פלעג נאָר שטעלן פראַגעס, פלעגט מען דאַרפן זוכן עפּעס אַ זאַץ, אַ האַלבן פּסוק, כּדי צו פאַרענטפערן די פראַגע. עס פלעגט זיין אַ שׂימחה, אַ גליק אַז מען האָט געפונען עפּעס אין חומש, וואָס האָט געלאָזט מאַכן אַן אויס־פיר. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז צו דעם „נייעם לימוד" (דאָס וואָרט „געשיכטע" האָב איך אויסגעמיטן אַ לאַנגע צייט) דאַרף מען האָבן „גוטע קעפּלעך". וועגן מיינע אַלגעמיינע אויפטוען פלעג איך שרייבן עטלעכע מאָל אַ וואָך בריוו צו קאָנשטאַ־מען. זיינע ענטפערס האָב איך געזאַמלט און שפּעטער זיי אַלע געלאָזן אין דעם פּעדאַגאָגישן מוזעום, וואָס די „קולטור־ליגע" האָט געשאַפן אין קיִעוו.

אַלץ וואָס איך האָב עפּעס געקראָגן ווי אַ לערער, האָב איך עס צו פאַרדאַנ־קען די פיר יאָר אַרבעט אין דער גאַלטער מיידלשול. און דאָס וויכטיקסטע פון דעם איז געווען דער גלייבן אין מיין לערעריי וואָס איך האָב אין די פיר יאָר געקראָגן. עס איז אָבער אויך געווען גוט מיין אַוועקגיין פון דער שול צו דער ריכטיקער צייט און ניט געזען דעם חורבן פון אָט דער שול, וואָס איז געקומען מיט דער רעוואָלוציע און מיט די פּאָגראָמען. די אַלע וואָס זיינען ערגעץ געבליבן פון יענע תּלמידות, — מיינע וואַרעמסטע גרוסן.

ניט לאַנג צוריק האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון פילאַדעלפיע פון צוויי שוועסטער, היינט באָבעס, וואָס פרעגן זיך, צי בין איך ניט דער גאַלאָמב וואָס איז אין יענע יאָרן געווען אַ לערער אין גאַלטע. עס האָט מיך זייער געפרייט, אָבער וויפל זיינען זיי געבליבן? זיי שרייבן מיר אַז די פרוי פון דעם רייכן דאָקטאָר מאַרגאַליס, וואָס האָט די שול געגרינדעט, האָט דערלעבט אירע יאָרן פון פאַר־קויפן אין מאַרק אירע קליידער פון פריִער, פון איר רייכן אַמאָל... איינע פון די לערערינס אין דער שול — ד״ר חיה בערנסאָן האָבן מיר שפּעטער געמאַכט פאַר דער דירעקטאָרין פון דעם ערשטן לערער־סעמינאַר אין קיִעוו, געבויט פאַרן חורבן. ווו איר געביין פון אָט דעם „רב אין אַ קלייד״ (ווי מיר פלעגן זי אָפּשאַצן אין גאַלטע) איז אַהינגעקומען, ווייס איך ניט. געלעבט, געבויט פאַרן חורבן. זי איז ניט איינע. אַ חורבן האָט חרוב געמאַכט ניט בלויז אַ דריט־חלק פון יידישן פאָלק, נאָר דעם גאַנצן לעבעדיקן אַקטיוון יישוב פון יידישן פאָלק, דעם גאַנצן אַקטיוו, דעם וואָס האָט געשאַפן, געבויט אַ צוקונפט פון יידישקייט אויף ווייטער. עס איז דער יישוב, וואָס האָט אויפגעבויט אַלע נייע יישובים אויף דער וועלט, אויך די מדינה, און דער יישוב איז ניטאָ מער! די יחידים וואָס האָבן צופעליק זיך געראַטעוועט, זיי וועלן ניט אָפּראַטעווען די יידישקייט וואָס גייט אונטער אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט, ווו יידן לעבן אין דירעקטער שכנות מיט הערשערישע פעלקער. איינער פון די צופעליק געראַטעוועטע, צופעליק גע־בליבענע שרייבט אָט די שורות פאַר אַנדערע געבליבענע. נייע, אויפגעקומענע וועלן די שורות ניט לייענען.

אין פּעטערבורג

פון גאַלטע, נאָך אַ זומער אַרבעט אין כאַרקאָוו מיט קינדער פון היימלאָזע, פאַרטריבענע פון מלחמה־ראַיאָן, אַוועק קיין פּעטערבורג. פיר גרויסע יידישע שולן זיינען געווען דאָרטן. קיין רעכט צו וווינען, צו לעבן אין פּעטערבורג האָב איך ניט געהאַט. דאַרפן יידן זיך געבן אַן עצה. האָט מען געפונען פאַר מיר

„שווייצאַרישע רעכט". עס הייסט: געפונען אַ שווייצער פון אַ הויף, וואָס האָט גענומען 5 רובל אַ חודש און מיך געלאָזט וווינען דאָרטן אין הויף ניט־איינגע־מאָלדן אין דער פּאָליציי, ווי עס האָט געמוזט זיין אין צאַרישן רוסלאַנד. אַ דירה אין אַן אַלטן הויז, אויפן פינפטן גאָרן, אָן עלעקטריע, מיט קעראָסין־לאַמפּן, ביי אַן אַלטער גויה וואָס האָט ניט אַנדערש פאַרלאַנגט איך זאָל אַלע זונטיק עסן איר „פּיראָג" (לעקעך) און שפּילן מיט איר אין קאָרטן. און פון דער שול וווּ איך האָב געאַרבעט איז עס געווען זייער ווייט, מיטן טראַמוויי אַ גוטע פערציק מינוט צו פאָרן אין פּעטערבורגער קאַלטן ווינטער. אָבער פאַרפאַלן. ניט גרינג געווען פאַר אַ יידן צו לעבן אין פּעטערבורג. שלעכט איז געווען ווען מען האָט געדאַרפט פאָרן אויף די טרעפּלעך פון איבערגעפּאַקטן טראַמוויי, זיך אָנהאַלטן אָן די הענטלעך פון טיר. מען פלעגט לאַכן: דער טראַמוויי איז אַ גומענער — ער נעמט אַריין פאַרערס אָן אַ צאָל, ער ציט זיך אויס.

די שולן אַליין — באַשערט מיר געווען זיך צו באַקענען מיט יידן, וואָס האָבן באַשטעטיקט מיין שפּעטערדיקע טעאָריע, אַז אומעטום וווּ יידן לעבן אין דירעק־טער שכנות מיט פעלקער הערשנדיקע, אַסימילירן זיי זיך, און בכן איז דער גאַנצער אויפבלי פון דער יידישער קולטור אין ליטע־פּוילן געקומען נאָר פון דאָרטן, וווּ יידן האָבן געלעבט צווישן סובאָרדינירטע פעלקער, אָבער ניט געווען דאָרטן דאָס הערשנדיקע פאָלק מיט זיין שפּראַך און מיט זיין קולטור. די טעאָריע מאַכט מיך תּמיד אומעטיק בנוגע דער צוקונפט פון דער יידישער קולטור אין דער היינטיקער וועלט, ווען יידן לעבן כּמעט אומעטום דווקא מיט הערשנדיקע פעלקער און קולטורן. איך טרייב פון זיך די טעאָריע, אָבער זי האַלט מיך צו פעסט, זי לאָזט ניט אָפּ: קינדער — ווילע יידישע קינדער, אָבער דורכויס רוסי־פיצירטע ביז גאָר, קיין וואָרט יידיש ניט געווען צו הערן. זייער רוסיש איז געווען אַ גוטער, ניט אַנדערש ווי ביי רוסישע קינדער אין מויל. נאָר עטלעכע ווערטער יידיש זיינען געבליבן. איך דערמאָן זיך: שול, חלה, שופר־בלאָזן און נאָך אַזוינע. דערביי זיינען געווען אַזוינע קוריאָזן, ווי למשל — אַ קינד דערקלערט מיר „דאָס טוט מען אַזוי אויפן קאָפּ (ווייזט ווי תּפילין) און דאָס רופט מען ,שופר־בלאָזן'". וועגן די יידן „נאַ ליטווע" (אין דער ליטע) זיינען געווען מאָדנע פאַרשטע־לונגען — עפּעס גאָר אַנדערע יידן. דאָך געקלעפּט צו דער שול, צום יידישן לע־רער, זיך געפילט היימיש דאָ, אָפּט אַפילו סענטימענטאַל צוגעבונדן. קענטיק אַז אָט די רוסיפיצירטע יידישע קינדער האָבן זיך ניט גוט געפילט אין אַ סביבה פון אַנדערע ניט־יידישע קינדער. וועגן שמד־פאַלן אין משפּחה פלעגן קינדער דער־ציילן זייער איינפאַך, ווי וועגן אַ געוויינלעכער דערשיינונג. כ'האָב ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו די שמועסן פון די קינדער צווישן זיך. עס איז מיר אָבער געווען אומעטיק צווישן זיי. זייערע עלטערן, אויף אַן עלטערן־פאַרזאַמלונג, זיינען שוין

געווען ביי מיר אין די אויגן ווי פֿרעמדע, ווי רוסן מיט זייערע רייד און מיט אַלע זייערע תּנועות און באַוועגונגען. געפֿילט זיך פֿרעמד צווישן זיי. מיין גליק איז געווען וואָס אין מיטן יאָר זיינען אין שול אָנגעקומען צוויי שוועסטערלעך פֿון די אַרויסגעטריבענע, וואָס האָבן גאָר קיין רוסיש נישט געקאָנט. ספּעציעל פֿאַר זיי פֿלעג איך אַלע פּרייטיק אויף דער לעצטער שעה לייענען עפּעס אויף יידיש. פֿלעגן זיי זיך מחיה זיין, אָפּט לאַכן אויפֿן קול און די אַנדערע קינדער פֿלעגן זיצן און זיך וווּנדערן: עפּעס גאָר אַ מאָדנע וועלט, אַ פֿרעמדע וועלט. געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט קלענערע קינדער פֿון אַ יידישן קינדער־גאָרטן — דער זעלביקער איינדרוק.

אין פּעטערבורג איז דעמאָלט געווען אַן אַנזאַמלונג פֿון דער יידישער אינטע־ליגענץ. די מלחמה, ערב דער רעוואָלוציע, די יידישע גזעלשאַפֿטן האָבן געטאָן זייער פֿיל, און אַרבעט איז געווען גאָר אַ סך. זיינען געווען אַ סך שטעלעס. פֿלעגן פֿאַרקומען אָפּט פֿאַרזאַמלונגען אָדער אין דער חברה „מפֿיצי־השׂכּלה" אָדער אין דער שול, רעפֿעראַטן, לעקציעס פֿלעגן פֿאַרקומען אין זאַל פֿון דער גרויסער קינ־דערשול. דאָרטן פֿלעגט זיך טרעפֿן די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ. איך האָב זיך דאָרט באַקענט מיט ניגערן, שטיפֿן, עפּרויקינען, לאַצקי־בערטאָלדי און אַנדערע. מיט זיי פֿלעג איך זיך טרעפֿן ביי מיין דירעקטאָרין פֿון שול און איר מאַן דער אַדוואָקאַט לוריע, באַראַכאָווס אַ חבר. מיט די לערערס פֿון אַלע שולן פֿלעגט מען זיך טרעפֿן זייער אָפּט אויף פֿאַרזאַמלונגען אין „מפֿיצי־השׂכּלה". געווען אַ קאָלעק־טיווע אַרבעט. די נשמה פֿון אָט דער אַרבעט איז געווען דער אַקטיווער, ענער־גישער סעקרעטאַר פֿון „מפֿיצי השׂכּלה" שמואל קאַמענעצקי און חיים בן חיים פֿיאַלקאָוו. דער לעצטער איז געווען אַ פֿעטער פֿון די ווייצמאַנס, אַ יינגערער ברו־דער פֿון דער פֿרוי ווייצמאַן, ער האָט זיך טאַקע געהאַדעוועט ווי אַ יתום ביי די ווייצמאַנס אין שטוב.

צווייערליי יידישע קינדער

איך האָב זיך שווער איינגעלעבט אין דער שול. די קינדער זיינען מיר עפּעס געווען ווי פֿרעמדע. נאָך דער אַטמאָספֿער פֿון די גאָלטער יידישע קינדער זיינען מיר די פּעטראָגראַדער יידישע קינדער עפּעס געווען ניט היימיש. איך פֿלעג פֿרעגן די חברים־לערערס, ווי קענען זיי יאָרן אַרבעטן אין די שולן מיט קינדער וואָס זיינען „ווי האַלבע יידן"? דער ענטפֿער איז תּמיד געווען אַ מין אידעאָלאָ־גישער: דווקא דערפֿאַר איז די מיצווה צו אַרבעטן מיט אַזוינע קינדער גרעסער: אַ קונץ איז צו אַרבעטן מיט יידישע קינדער וואָס זיינען דורכגעווייקט אין יידיש־

קייט? אדרבא, אָט די היגע, די קינדער פון דער אַסימילאַציע, פון דער טיפער רוסישער קולטור — זיי צו מאַכן פאַר יידן — דאָס איז די הייליקע אַרבעט פון אַ יידישן לערער... טעאָרעטיש פלעגט מיר דער ענטפער באַפרידיקן, אָבער ער האָט מיך ניט געמאַכט מער גליבן אין דער אַרבעט, וואָס איך טו. קענטיק אַז אויך אַנדערע לערערס האָט עס געמאַטערט. אַ ראיה דערצו זיינען געווען פאַרזאַמלונגען אַלע שבת צו נאַכטס מיט דעם רב אייזנשטיין, צו זוכן אַלץ בעסערע וועגן ווי צו פאַריידישן די קינדער. עס איז אַפילו געווען אַ ביכל צו לערנען רוסיש אויף יידישן מאַטעריאַל, טאַקע צונויפגעשטעלט פון רב מיט אַ לערער. „גילעל (הלל) האָט געלערנט...״ און ראַבי אַקיוואַ (עקיבא) האָט געהאַט אַזוי פיל תלמידים״... עס איז געווען ניט דאָס און ניט יענץ... אויסגעפּוצט יידישע יידן אין רוסישע כאַלאַטן... וואָרעמער האָב איך זיך אין דער אַרבעט ניט דערפילט, הגם איך בין געווען איבערצייגט אַז די קינדער פילן זיך דווקא היימישער און פריינדלעכער אין דער יידישער שול, מיט די יידישע לערערס. גלייך נאָך דער רעוואָלוציע בין איך אַנטלאָפן צוריק צו מיינע יידישע קינדער אין תחום.

פון אַ העברעיִסט — אַ יידישיסט

דאָ מוז איך דערציילן עפּעס וועגן זיך אַליין. לכתחילה בין איך געווען אַ פרומער העברעיִסט. געענדיקט ביי קאָנשטאַמען די קורסן, געטריי געגלייבט אין די פּרינציפּן, האָב איך טאַקע אַנדערש ניט פאַרשטאַנען. געענדערט מיין גלויבן, געוואָרן אַ יידישיסט בין איך טאַקע אין גאָלטע, ווי אַ לערער. כּדאַי צו דערציילן.

געווען ביי מיר אַ מינהג אין גאָלטע: אַלע פרייטיק, די לעצטע שעה, פלעג איך לייענען פאַר די קינדער עפּעס פון דער ליטעראַטור. פּאַסיקע ליטעראַטור אויף העברעיִש איז געווען זייער ווייניק, אָבער פון די בעסטע שרייבערס דעמאָלט. די קינדער האָבן ליב געהאַט די דערציילונגען, אָן שום ספק. אָבער איך האָב ניט געקאָנט פאַרענטפערן איין פּראָבלעם: איך בין מקנא געווען מיין מלמד. ער פלעגט אַלע שבת נאָכן שלאָף דערציילן עפּעס פון דער אגדה. מיר פלעגן די דערציילונגען געדענקען יאָרן. און איך לייען קונסטווערק, פון די בעסטע שרייבערס — אָבער גאָרניט. די קינדער הערן זיך איין, נעמען אויף גערן און ביי דעם בלייבט עס! עס זאָל ווירקן שפּעטער, עס זאָל בלייבן דויערנדיק — דאָס ניט. פאַר וואָס? — ניט געקאָנט דערקלערן די פראַגע. צופעליק איין מאָל געפונען ביי אַ בעל־מלאכה איבערן וואַרשטאַט, אויף אַ פּאָליצע מיט עטלעכע ספרים, אַן אַלטע פאָלק־מעשה אין העברעיִש. עפּעס אַ מעשה מיט אַ צדיק אויף אַ שיף, וואָס דער ווינט האָט זי פאַרטראָגן אין לעבער־ים, און ווי ער — דער צדיק — האָט

זיך געראַטעוועט... דער העברעיִש פון דער מעשׂה — אַ שרעקלעכער. די מעשׂה — נאַיִוו ביז גאָר. האָב איך די מעשׂה געלייענט און איין מאָל אַ פּריטיק עס גע־לייענט פאַר די קינדער. לכתחילה האָבן די קינדער געלאַכט פון דעם העברעיִש, פון דער מעשׂה. נאַריש. זונטיק אָבער דערציילט מען מיר, אַז די מעשׂה האָבן די קינדער איבערדערציילט אין די היימען. און איין מיידל דערציילט, אַז זי האָט אויך דערציילט, אָבער איר באָבע האָט איר דערציילט אַ שענערע מעשׂה. געבליבן, אַז אַלע פּרייטיק וועל איך ניט לייענען, נאָר די קינדער וועלן דערציילן, פון די היימען, וואָס זיי וועלן אָנהערן זיך. גוט, אָבער איך זאָל זיי דערלויבן צו דער־ציילן אין יידיש. אין העברעיִש איז עס פאַר זיי צו שווער... מיט אַ שווער האַרץ בין איך סוף־כל־סוף איינגעגאַנגען אויף דער „עבירה״... גאָר אַן אַנדער שטימונג געוואָרן אין קלאַס. מען האָט געדאַרפט וואַרפן גורל, ווער עס זאָל דעם באַנטן פּרייטיק דערציילן.

אַ סך מעשׂיות האָב איך שפּעטער פאַרשריבן, פאַרלאָרן, פאַרשטייט זיך. ניט דער לערער גיט די קינדער, נאָר פאַרקערט, די קינדער — דעם לערער. די קינדער — פון וואַנען? — פון די היימען, פון די באָבעס, פון סאַמע טיפענישן אין פאָלק, פון דעם פאָלקס בעל־פּה־ליטעראַטור. ביסלעכווייז, פּרייטיק נאָך פּריי־טיק, איז מיר דער ענין טיפער און טיפער אַריין אין האַרצן: איז עס דען אַן ענין בלויז פון מעשׂיות, וואָס גייען איבער פון דור צו דור? איז אפשר אין אָט די מעשׂיות ניט פאַראַן קיין שפּיגל פון פאָלקס נשמה? איז אפשר „פאָלק״ אויך אַן אָרגאַנישער יחיד, אַ קאָלעקטיווער יחיד און עס לעבט איבער אין די מעשׂיות זיין קינדהייט. קינדער דערנערן זיך מיט דער קולטור פון פאָלקישער קינדהייט. עס פאַרדריסט מיר ביז היינט וואָס מיר האָבן ניט אָפּגעמאַכט אַז די קינדער זאָלן פאַרשרייבן די מעשׂיות וואָס זיי דערציילן. די מעשׂיות גופא וואָלטן זיכער ביי מיר פאַרלאָרן געגאַנגען אין מיינע וואַנדערונגען, אָבער צי איז דאָס ניט דער וועג פון האָדעווען שרייבערס?

ווען די לערערין רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב האָט מיט יאָרן שפּעטער געפירט אין ווילנע אַן ערשטן קלאַס אין דער שול „מפיצי־השׂכּלה״, האָט זי געהאַט אַ תּלמיד, איצקע גליק איז געווען זיין נאָמען, און ער איז געווען אַ בריה צו דער־ציילן מעשׂיות שוין צו זעקס יאָר. פלעגט ער אַלע דאָנערשטיק אין אָוונט לויפן צו עפּעס אַן אַלטן שמש, הערן פון אים אַ מעשׂה און אויף מאָרגן, פּרייטיק, צו דער לעצטער שעה פלעגט ער אַרויפקריכן אויף דעם לערערטישל, זיך זעצן אַלע זאָלן אים זען, און ער פלעגט דערציילן די מעשׂה פאַר די קינדער, פאַרן קלאַס. די קינדער פלעגן שוין וואַרטן אויף די מעשׂיות פון דעם „דערציילער״. וואָס פאַר אַ שייכות איציק גליק האָט געהאַט צו הירשקע גליק, דעם מחבר פון „זאָג ניט קיין מאָל״ — ווייסן מיר ניט ביז היינטיקן טאָג.

דאָ ליגט דער פאַרגלייך צווישן די יידישע קינדער וואָס איך בין געווען געוווינט צו זיי, צו די יידישע קינדער אין תּחום און די קינדער — מיינע תּלמי־דים אין פּעטראָגראַד. דער זעלביקער לערער, די זעלביקע פּראָגראַם פון לערנען, און דאָך אַ תּהום. איין מין יידישע קינדער האָבן זייער גאַנצע יידישקייט געקראָגן נאָר פון דעם לערער אין שול, פון זיין „יידישקייט שבכתב", און דער צווייטער מין קינדער האָבן געהאַט זייער יידישקייט פון גאַנצן לעבן, פון שטייגער, פון דער יידישער גאַס, פון שטוב. אַלץ צוזאַמען — דאָס איז די יידישקייט „שבעל־פּה". און דאָס אַלץ איז איין מאָל און אַלע מאָל פאַרבונדן מיט דער שפּראַך פון פאָלק, מיט יידיש לשון. די בעסטע פּראָגראַם וואָס דער בעסטער לערער קען געבן איז דאָך די פאָרמולירטע און פאַרשריבענע יידישקייט, נאָר די יידישקייט שבכתב — און דאָס קען ניט אויסהאָדעווען קיין יידן. אָט דאָס האָט מיך געמאַכט פאַר אַ יידישיסט. דער איבערברוך האָט מיר געקאָסט אַ יאָר פון מיין לעבן, אויב ניט מער. די גאַנצע דערפאַרונג מיינע, די באַקאַנטשאַפט מיט דעם יידישן שול־וועזן בכלל האָט בלויז באַשטעטיקט אָט דעם פּרינציפּ פון דעם אייביקן צונויפ־בונד צווישן יידישקייט און יידיש.

יידיש אַליין איז ניט גענוג

לכתּחילה, די שול אין גאָלטע און די יידישע שול אין פּעטראָגראַד האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ יידישיסט. מיין וויטערדיקע דערפאַרונג האָט מיר געמאַכט קלאָר, אַז די שפּראַך אַליין איז לגמרי ניט גענוג. פון זיך אַליין האָב איך עס גע־זען: איך האָב געקענט רוסישע שפּראַך און ליטעראַטור מער ווי די אַנאַלפאַבעטן, די מערהייט פון רוסישן פאָלק. דאָך בין איך לגמרי ניט קיין רוס, זייער ווייט פון דעם... ווידער די זעלביקע זאַך: עס פעלט מיר די „רוסישקייט" שבעל־פּה, די רוסישקייט פון שטייגער. כ'האָב זיך אַליין עקזאַמינירט: איך האָב ליב געהאַט די רוסישע שפּראַך, די קולטור, די ליטעראַטור, אָבער דאָס אַלץ איז ניט „איך". עס איז אָנגענומען, ווי אָנגעקויפט אין אַ געשעפט, אַ בגד וואָס איך האָב געקויפט און מיר דאַכט זיך, אַז עס קליידט מיר. איך מיט מיין גאָר דער רוסישער קולטור און די רוסישע פרוי וואָס איך ווין ביי איר, און זי צווינגט מיך צו עסן איר זונטיקדיקן „פּיראָג", זי קען גאָר ניט לייענען קיין רוסיש — זי איז די אמתע רוסין און איך בין אַ ייד לויט מיין יידישקייט שבעל־פּה, וואָס האָט זיך אָנגע־לערנט און אַנגעלייענט מיט אַ סך רוסישער קולטור שבכתב.

איך רעד רוסיש, איך שרייב רוסישע אַרטיקלען אַפילו, כּמעט אַ רוסישער שרייבער, און דאָך בין איך ווייט ניט קיין רוס. בעל־פּה און בכתב — צוויי

מקורים פֿון פֿאָלקישער אָנגעהעריקייט. די בעל־פּה דעצידירט. מיינע פּעטראָ־גראַדער תּלמידים האָבן ניט קיין בעל־פּה־יידישקייט, קענען זיי ניט זיין קיין שעפֿערישע יידן. אַ פֿאַקט: באַרימטע יידן, געזעלשאַפֿטלעכע טוערס, פּאָליטיקערס, קולטור־מענטשן, באַרימטע אַדוואָקאַטן־יידן — אַלע פֿון דעם מין וואָס זיינען גע־ווען אַ סך אין פּעטראָגראַד, מער ווי אין אַן אַנדער יידישן יישוב, אַלע זיי האָבן געשטאַמט דווקא פֿון יידישן תּחום, ניט געווען צווישן זיי קיינער געבוירן און געהאָדעוועט אין פּיטערס שטאָט, און ניט דווקא פּעטראָגראַד, נאָר אויסער דעם תּחום בכלל. עס האָט אין רוסלאַנד געשוויבלט מיט יידישע דיכטערס און שריי־בערס בכלל. געווען אַ סך יידן מחוץ דעם תּחום, אין די עכט רוסישע שטעט. אָבער קיינער פֿון די יידישע שרייבערס איז ניט אויסגעוואַקסן ערגעץ אין יענע יידישע קהילות, הגם געווען דאָרטן אויך יידישע שולן, געווען געטרייע יידן דאָרטן, מעצענאַטן, דאָך זיינען אין די היימען פֿון אַפֿילו יענע יידן קיין שעפֿערישע יידן ניט אויסגעוואַקסן. איך דערמאָן זיך איין אויסנאַם. ער איז געוואָרן אַ יידישער דיכטער שוין אין אַמעריקע, ווו ער האָט געמוזט איבערזעצן זיך אַליין פֿאַר זיין אוידיטאָריע, וואָס האָט קיין רוסיש ניט געקאָנט, און יעקב גאָרדין, וואָס האָט גע־שאַפֿן אַן עפּאָכע אין יידישן טעאַטער און האָט געשטאַמט פֿון תּחום (דרום־רוסלאַנד), איז געקומען צו יידיש און צו יידישקייט בכלל ערשט אין אַמעריקע, ווו ער האָט געהאַט נאָר אַ יידישע אוידיטאָריע.

זיינען מיינע פּעטראָגראַדער תּלמידים געווען רוסן? דאָס זיכער ניט. זייער עכט־רוסישע שפּראַך, די איינציקע שפּראַך אין זייער מויל האָט זיי דאָך ניט געמאַכט פֿאַר קיין רוסן. רוסיפֿיצירט — יאָ, אָבער ווייט ניט קיין רוסן. עס דאַכט זיך מיר איצט, אַז די קינדער אַליין האָבן זיך ניט געפֿילט ווי רוסן, זיי האָבן ליב געהאַט די יידישע שול, וואָס איז געווען אין רוסיש, אָבער דאָך יידיש לויטן אינהאַלט. זיי האָבן געקלעפּט צום יידישן לערער, ווייל מיט אים האָבן זיי זיך געפֿילט היימישער. עס איז מסתּמא געווען אַ בענקשאַפֿט נאָך אַ היימישקייט אין אַ ברייטערן זינען, אין אַ טיפֿערן זינען. קינדער אָן אַ בעל־פּה־קולטור — ניט קיין יידישע און ניט קיין רוסישקייט. און זיי האָבן בפּירוש געבענקט נאָך אַזאַ בעל־פּה־קולטור.

און ניט נאָר זיי. עס זיינען אין רוסלאַנד געווען אַ סך יידן וואָס האָבן גע־שריבן רוסיש און זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות אַריינגענומען צו ווערן אין די קאַדרען פֿון רוסישע שרייבערס. איך וועל דאָ אָנרופֿן בלויז צוויי — די באַקאַנט־סטע — ל. לעוואַנדע און ש. פֿרוג. זיי, ווי אַלע אַנדערע, האָבן געשטאַמט פֿון תּחום, געפֿילט זיך דערהויבענער מיט זייער שרייבן רוסיש. לעוואַנדע האָט זיך אַ מאָל אַפֿילו דערלויבט אויסצולאַכן אין אַן ענטפֿער אַ העברעיִשן קריטיקער — אָפּצולאַכן פֿון די וואָס שרייבן נאָך מיט די „אַסירישע קוואַדראַטיקלעך" (מיטן

יידישן אלף־בית). זיי, ווי אַלע אַנדערע, זענען דאָך אין דער רוסישער ליטעראַטור ניט אויפגענומען געוואָרן, פאַרקערט, די פּאָגראָמען האָבן זיי איבערגעבראָכן. לעוואַנדע איז ניט בלויז געוואָרן פון ליעוו אָסיפּאָוויטש צוריק אַ יהודה לייב, נאָר ער איז שפּעטער געשטאָרבן אַ גייסטיק קראַנקער. איך ווייס ניט אַפילו צי דער נאָבעלפּרייז־געווינער באָריס פּאַסטערנאַק, וואָס איז געווען — יאָ געשמדט אָדער ניט געשמדט — אָבער קריסטלעך געשטימט סיי ווי, ווייס איך ניט, צי ער וועט דאָך אַריין אין דער קלאַסיש־רוסישער ליטעראַטור, הגם קיין עכטע שטיי־געריש־יידישע קולטור האָט ער שוין ניט געהאַט אויך אין דער היים ביי זיינע עלטערן. און ניט קיין בעסערע מערכה האָט געהאַט דער ייד יוליאַן טובים — דער „בעסטער פּוילישער דיכטער" אין זיין פּוילישקייט. איך ספק זייער צי וועט ער אַריינגענומען ווערן אין שאַצקאַמער פון פּוילישער דיכטונג. איך וואָלט אפשר נאָך מער געקאָנט לערנען פון יידן וואָס האָבן געשאַפן אין דייטש, אָבער דער געביט איז מיר ניט באַקאַנט. לאָמיר נאָך דערמאָנען די טראַגישע פיגור פון יאַנוש קאָרטשאַק, וואָס די געטרייע מאַמע האָט אים געהאָדעוועט ווי אַ פּאָליאַק, אַן אָפּגעשטופּטער פון די שטאָלצע פּאָליאַקן, האָט ער געזוכט יידישקייט ביים לעבן, געפונען האָט ער אָבער נאָר אַ זכות צו שטאַרבן ווי אַ קדוש אַ ייד.

און פאַרקערט, דערמאָן איך אַ באַקאַנטן געלערנטן פּראָפעסאָר אין דער שווייץ, וואָס האָט זייער ווייניק געלערנט יידישקייט (בלויז ביז אַ יאָר פערצן), און איז אַ גאַנץ לעבן געווען אַן אַקטיווער ייד, ווייט פון יידישן תחום (פּראָפ' ליפּמאַן הערש).

מיט איין וואָרט — קולטור־שעפערישקייט הענגט אָפּ בעיקר פון דער קול־טור וואָס אין שטייגער, פון דער „בעל־פה־קולטור" אין דער ערשטער יוגנט. זי אַנטוויקלט אין דעם מענטשן די פעיִקייט צו אַסימילירן אין זיך די קולטור שבכתב, פון ביכער און פון לערערס. זי איז דער גייסטיקער „מאָגן" וואָס קען נאָך דעם פאַרדייען שפּייז פון וואַנען עס זאָל ניט קומען. אַלע באַשעפענישן שפּייזן זיך מיט פרעמדס. דער גאַנצער כּוח ליגט אין דעם פאַרדייען, אין פאַרוואַנדלען אָט דעם פרעמדס, אַ טייל פון דעם, אין אייגן שטאָף. דאָס זעלביקע איז מיט גייסטיקער שפּייז. לערנען מיינט לגמרי ניט איבערגעבן פאַרטיקע וויסנס דעם תּלמיד ער זאָל עס קענען אַריינגעמען צו זיך, אין זיין זיכּרון, וואָס איז אַ לאַגער פון פאַר־טיקע איינגעהאַנדלטע שטאָפן. חס־ושלום! לערנען מיינט געבן דעם תּלמיד, ער זאָל דאָס געגעבענע קענען צעלייגן, פאַרוואַנדלען אַ טייל פון דעם אין זיין אייגנס, פאַרדייען אין גאַנצן, דורכויס ביז ער זאָל אַפילו ניט וויסן וואָס פון וואַנען ער האָט געקראָגן. אַזאַ מין לערנען איז זייער זעלטן און אַזוינע לערערס זיינען גאָר זעלטן. דאָס רוב לערערס אין דאָס רוב שולן ווייסן בלויז גאָר אַן אַנדער תּורה און מער ניט: פאַראַן אין בוך אַ סכום פאַרטיק־פאָרמולירטע וויסנס. דאַרף מען

אָט דאָס אַריינלערנען, אַריינגעבן צו די תּלמידים, פּאַרטיקעראַהייט, ווי סחורות שיין און גוט פּאַרפּאַקטע, זיי זאָלן דאָס באַהאַלטן אין דעם שפּייכלער וואָס רופט זיך זיכּרון. זאָל עס דאָרטן ליגן ביז מען וועט עס דאַרפֿן...

וואָס איך האָב אויסגעלערנט מיינע פּעטראָגראַדער תּלמידים ווייס איך ניט, אָבער זיי האָבן מיר געגעבן אַ סך — אָט די גאַנצע טעאָריע, דער גאַנצער צוגאַנג צו אַסימילאַציע, דעם אומגלויבן אין אַסימילאַציע. און אויך דאָס האָב איך פון זיי געקראָגן ניט פאָרמולירט, אַזוי ווי איך האָב עס דאָ געשריבן. עס איז געווען מער אַ געפיל ווי אַ פאָרמולירט וויסן. איך האָב ניט געגלייבט אין מיין אַרבעט, אין מיינע אויפטוען. איך פלעג אָפט פרעגן אַנדערע יידישע לערערס, ווי קענען זיי אין משך פון יאָרן זיין לערערס, יידישע לערערס אין פּעטראָגראַד? צי גלייבן זיי אין זייער אַרבעט? די ענטפערס זיינען אַלע מאָל געווען צוגעטראַכטע, טעאָרעטישע: דווקא דאָ מיט די קינדער איז מער מיצווה צו אַרבעטן... איך האָב די מיצווה געלאָזן פאַר זיי, און בין גלייך נאָך קערענסקיס רעוואָלוציע אַנטלאָפן צו מיינע „יידישע" קינדער...

וועגן דער עצם רעוואָלוציע, וועגן די איבערלעבונגען פון אַ יונגן יידן, פון יידן בכלל, ווען מיט איין מאָל איז אַלץ, די גאַנצע צאַרישע רוסלאַנד בטל געוואָרן און „משיח" איז געקומען, וועגן דעם וועל איך דאָ ניט רעדן. ניט שייך אַהער. דער אויפטו פון פּעטראָגראַדער יידישע לערערס איז געווען דאָס פאַררופן דעם „ערשטן" (דעם איינציקן!) צונויפפאָר פון יידישע לערערס פון גאַנץ רוסלאַנד, ער איז טאַקע צונויפגעקומען אין יוני 1917 אין פּעטראָגראַד. זיין אויפטו — וואָס טוען יידן? — זיי שפּאַלטן זיך. האָט מען דעמאָלט פּיקסירט צוויי לערער־פאַרבאַנדן — אַ העברעיִשן „המורה" מיט קאַנשטאַמען בראש און אַ יידישן, דעם „דעמאָקראַטישן לערער־פאַרבאַנד" מיט אַ קאָלעקטיווער אָנפירונג אין קיִעוו. פאַר מיר פערזענלעך איז עס געווען אַן ענדגילטיקער איבעררייס מיט קאַנשטאַמען: ער — דער גלייביקער און פאַרגלייבטער העברעיִסט, איך — ניט ווייניקער פאַרגלייבט אין מיין יידישיזם, ריכטיקער — אין מיין „פאָלקיזם". אַזוי האָט אויך געהייסן מיין לעצט אַרטיקל אין רוסיש, „פון אַ שול פאַרן פאָלק ביז אַ פאָלקישער שול" (יעווריעסקאַיאַ נעדיעלאַ", זומער 1917). מיר האָבן זיך געזעגנט ביי אים אין שטוב. איך בין אָפּגעפאָרן פון כאַרקאָוו קיין קיִעוו. ער איז שפּעטער אויך געקומען קיין קיִעוו, געפירט דעם העברעיִשן לערער־סעמינאַר. איך פלעג אָפט צו אים אַריינקומען, אָבער ער האָט מיט מיר קיין מאָל ניט גערעדט וועגן פּעדאַגאָגישע פראַגן, ווי מיר זיינען געווען געוווינט אין משך פון יאָרן. זיין סעמינאַר האָט זיך גיך געשלאָסן. יידישע קאָמוניסטן האָבן ניט געקאָנט עס פאַרליידן. לייב בראַוואַרניק האָט דורכגעפירט די מיצווה פון אַרויפטאָן דעם טריוואַקס־שטעמפּל. קאַנשטאַם איז צוריקגעפאָרן צו דער משפחה אין כאַרקאָוו. געשטאָרבן אין פרי־

לינג 1920. די יידישע קולטור־ליגע האָט געשלאָסן, אין נאָמען פון קאָמוניזם, אַן עם־הארץ דוד מאַץ, וואָס האָט מסתמא אויף זיין לעבן קיין איין יידיש בוך ניט איבערגעלייענט. דער יידישער לערער־סעמינאַר אין קיִעוו האָט זיך צוזאַמען מיט אַלע יידישע שולן געשלאָסן אַ ביסל שפּעטער, ווען איך בין שוין ניט געווען אין רוסלאַנד.

געענדיקט אַ תּקופה אין מיין לעבן. אַ תּקופה פון אַרבעט און גלויבן. גע־לעבט און געהאָפט אַז עס וועט קומען די גאולה אויף רוסלאַנד און צוזאַמען מיט רוסלאַנד בכלל וועט אויך קומען די גאולה פאַר יידן אין רוסלאַנד. איז זי געקומען — אַ בלוטיקע, דערהרגעט די גאַנצע אַרבעט און דערשטיקט אַלע האָפענונגען. עס קלינגט מיר ביז איצט אין די אויערן אַן ענטפער פון אַ יידישן קאָמוניסטישן פירער (זינאָוויעוו), וואָס ער האָט געענטפערט יידישע לערערס ווען זיי זיינען געקומען בעטן באַשפּייזונג פאַר יידישע קינדער אין שולן: „איך שפּיי אויף יידישע שולן". דאָס האָט געענטפערט אַ יידישער קאָמוניסט.

און אַ צווייטער גדול, אַ געוועזענער בונדיסט, משה ראַפעס, האָט אין זאַל פון קיִעווער „דומאַ" געדרשנט אַז „איצט ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז ענדלעך געקומען, דאַרף מען מיט אַן אייזערנעם בעזעם אויסקערן די אַלע מענדעלעך מיט די פּרצעס און שלום־עליכמס"... איך געדענק דעם זאַל, דאָס הילכיקע געוויין פון שמעון דאָבין, וואָס האָט זיך אויפן קול צעוויינט, דערהערנדיק די ווערטער פון זיין געוועזענעם חבר...

געוואָרן קלאָר: פריִער, אין צאַרישן רוסלאַנד, האָבן געקאָנט לעבן און אַר־בעטן אויך קעגנערס פון צאַריזם. איצט אָבער איז ניטאָ אין רוסלאַנד מער קיין אָרט פאַר די וואָס גלייבן ניט אין דעם גלויבן פון רעגירונג. אַ סוף, אַ חורבן פון יאָרן אַרבעט, אַ חורבן פון אַ גלויבן, פון אַ האָפן, פון אַ משיח־אידעאַל. מען מוז ווייטער לויפן. וווהין? לויפט מען קיין פּוילן. אריינגעגנבעט זיך קיין פּוילן. דאָ איז ניטאָ די געפּעלשטע רעוואָלוציע, דאָ לעבן יידן, וואָס ווילן לעבן אַן אייגן לעבן. דאָ וועט מען בויען, דאָ וועט מען פּאַרווירקלעכן דעם אידעאַל...

אַזוי האָט מען געגלייבט. אַ הונגעריקער, כּמעט אין טראַנטעס בין איך גע־קומען קיין וואַרשע, אַן אַ גראָשן געלט. (דעם איינציקן קאָסטיום האָט מען ביי מיר געגנבעט נאָך אין קיִעוו). פון דער גאַנצער קיִעווער „קולטור־ליגע" זיינען מיר געבליבן צוויי — ח. ש. קאַזדאַן און איך.

וואַרשע

מען האָט מיך חבריש אויפגענומען. דער איינציקער אַדרעס אין וואַרשע — שלמה מענדעלסאָן — די ערשטע היים פאַר דעם געקומענעם „פּענטאַק", אַזוי

האָט מיך זיין מוטער באַגעגנט, ווען איך בין אַריין מיט מיין קליינעם האַנטפּעקל, ווו עס איז געווען ניט קיין קיין העמד, ניט קיין נאָזטיכל — נאָר אַ ביכל און אַ כּתב־יד פֿון נאָך אַ ביכל („געוויקסן" און „וואַסער־געוויקסן"). געווען אויך אַ תּנכל אַ קליינס און אַ פּאָר תּפֿילין, דעם טאַטנס אַן אַלטע מתּנה, וואָס איך האָב עס ניט געקאָנט לאָזן אין ערגעץ. געענדיקט אַ קאַפּיטל לעבן, אַרבעט. ערגער — געענדיקט מיט אַ חלום, מיט אַ גלויבן. געלאָזן אין קיִעוו אַ חורבן פֿון דער אַרבעט, פֿון דעם גלויבן. און דער גלויבן איז געווען אַזוי שיין, אַזוי ברייט, אַן אמתער משיח־אידעאַל. רוסלאַנד איז געווען דאָס לאַנד פֿון חלומות פֿון אַ סך יאָרן. געווען איינגעלעבט. די גאַנצע קולטור שבּכּתב איז געווען פֿון דאָרטן. די שפּראַך פֿון דער גאַנצער קולטור איז געווען דאָס רוסישע לשון. די גאַנצע צוקונפֿט פֿון דער וועלט איז געווען אין געדאַנק פֿאַרבונדן מיט רוסלאַנד. פֿון דאָרטן וועט עס קומען דער משיח פֿאַר דער גאַנצער וועלט... אָט איז ער געקומען, און... מען דאַרף אַנטלויפֿן פֿון רוסלאַנד, פֿון דעם אייגן לעבן, פֿון דער אייגענער קולטורהיים און פֿון אַלע אידעאַלן, וואָס זיינען געווען אַזוי אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דעם לאַנד, מיט זיין קולטור, מיט זיין שטייגער, מיט אידעאַלן.

געלאָפֿן פֿון פּעטראָגראַד — פֿון דער שטאָט פֿון רעוואָלט, געלאָפֿן קיין קיִעוו — דאָרטן איז נאָך משיח ניט געווען אַזוי הערשעריש. איצט ווייטער געלאָפֿן. געלאָפֿן פֿון דער רעוואָלוציע וואָס מען האָט נאָך איר געבענקט לאַנגע יאָרן, אַ גאַנץ לעבן. די רעוואָלוציע האָט זיך אַליין דערטרונקען אין בלוט, אין ייִדיש בלוט. די „גאולה־קאָמעדיע" האָט זיך אַליין דערטרונקען אין בלוט. זיינען מיר מקנא געווען ש. אַנ־סקין, וואָס איז אַנטלאָפֿן מיט אַ יאָר פֿריִער פֿון אונדז, פֿריִער דערזען דעם אמתן פּרצוף פֿון דער געגאַרטער רעוואָלוציע. אויס מיט אַלץ. דאָך איז געבליבן דער גלויבן. ניט אין רוסלאַנד, אין פּוילן וועט מען בויען אַ ניי ייִדיש לעבן. צוויי עלעמענטן האָט דער גלויבן געהאַט: פֿעלקער וועלן לאָזן. זיי מוזן לאָזן! זיי האָבן אַליין אונטערגעשריבן אַ פֿאַרפּליכטונג, אַ מוז צו געבן אַ קולטור־אויטאָנאָמיע אַלע מינדערהייטן. איין עלעמענט. און אַ צווייטער — ייִדן וועלן בויען אַן אייגן, פֿאַרזיכיק לעבן, אַן אייגענע קולטור און שטייגער. אָט האָבן זיי געזען: באַלד הונדערט יאָר האָט דאָ געהערשט רוסלאַנד. ביד חזקה געהערשט, געפּלאַנצט איר קולטור, איר מאַכט און קולטור, און מיט איין מאָל — אויס! ניט איר קולטור, ניט איר מאַכט. בחרפּה אַנטלאָפֿן. אַן ערך אַ האַלבן יאָרהונדערט ווי ייִדן האָבן גענומען מיטן גאַנצן האַרצן אַריינזאַפּן אָט די רוסישע קולטור אין זיך, זיך אַריינפּאַסן אין רוסישקייט, און אויפֿגעטאָן אַ סך, כּמעט אַסימילירט זיך, געווען זיכער אַז מען רוסיפֿיצירט זיך, ניט נאָר אַליין איז מען כּמעט רוסיפֿיצירט, כּמעט די גאַנצע קולטור שבּכּתב איז פֿון רוסלאַנד, רוסיש, און אויס מיט איר מאַכט, אויס מיט איר קולטור. די איינציקע געבליבענע טרעגערס פֿון רוסישקייט

זיינען געבליבן די יידן. האָבן דאָך די יידן גערדאַרפט זיך אויסלערנען, גערדאַרפט קומען צום אמת — די קולטור פון דעם מאַכטהאָבער איז ניט קיין אייביקייט. יידן זיינען מיר געווען טויזנטער יאָרן און רוסיש זיינען מיר געווען נאָר עטלעכע דורות. די מאַכט פון פריץ, פון אַלע פריצים איז צייטווייליק. אייביק איז נאָר די אייגענע קולטור... געמעגט האָבן יידן דאָס פאַרשטיין, אָבער זיי האָבן עס ניט פאַרשטאַנען, ניט געוואָלט פאַרשטיין. האָבן זיך געביטן די פריצים, אָבער ביים גלייבן אין פריץ זיינען יידן געבליבן.

אין דעם גרענעצטייך זברוטש, צווישן דרום־רוסלאַנד און גאַליציע, ווו איך האָב אַריינגעוואָרפן מיין קאַזאַקיש היטל און מיין רוסישן פּאַספּאָרט, האָב איך אין האַרצן געזאָגט „קדיש" נאָך מיין גאַנצער רוסישקייט, וואָס מען איז אין איר געווען אַזוי אַריינגעלעבט. מען דאַרף זיך נעמען אַריינלעבן אין אַ צווייטער סביבה, אין אַ נייער קולטור, אין גאָר אַ נייער וועלט.

דערווייל בין איך גאָר אומלעגאַל אין דעם לאַנד מיט זיין קולטור. איך דאַרף עפּעס האָבן כאָטש אַ מין פּאַפּירל, אַז איך בין אַ היגער. זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן די פריינד פון דער משפחה בלומענטאַל. די מוטער הי"ד איז געווען נחמן מייזילס אַ מומע. זי און אירע קינדער (דריי פון זיי לעבן אין ישראל) — זיי האָבן מיך אויפגענומען אין זייער גרענעצשטעטל באָרשטשאָוו, ממש ווי קרובים, זיי האָבן מיר באַזאָרגט מיט אַ שטילער היים, מיט עסן און דירה און אַפילו מיט אַ פּאַפּירל אַז איך בין גאָר אַ גאַליציאַנער וואָס מיינע פּאַפּירן זיינען אין מלחמה פאַרברענט געוואָרן, אַפילו מיט אַ בילעט ביז וואַרשע.

נאָך פריִער איידער איך האָב געקאָנט זיך נעמען צופּאַסן כאָטש אַ ביסל צום נייעם לאַנד, האָבן זיך אָנגעהויבן די איינבראָכן אין דעם מויער פון פעסטן גלויבן, אַז דאָ וועט מען קענען בויען וואָס מען האָט ניט געלאָזט אין אוקראַיִנע — אַ יידישע אַלפאָלקישע „קולטור־ליגע", ווי עס איז געווען אַ קורצע צייט אין קיִעוו — אַ קולטור־ליגע אָן אַלפאָלקישע, מיט שולן, מיט פאַרלאַגן, מיט אַפּאַ־ראַטן, מיט אַ יידישן אוניווערסיטעט — אַ קולטור־מדינה אין אַ מדינה פון אַ צווייט פאָלק. און דער ערשטער שטויס אין דער וואַנט פון גלויבן איז געקומען ניט פון דרויסן, פון דעם הערשנדיקן פאָלק, נאָר פון אינעווייניק, פון יידישן לעבן גופא. קודם־כּל אָבער אַ גוואַלדיקע נייעס: אויס מיטן הונגער!.. מיט אַ מאָל האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ זאַט לעבן, אַפילו פּוטער, אַפילו צוקער, וואָס איך האָב שוין יאָרן ניט געזען. דער רעסטאָראַן פון יידישן שרייבער־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָט מיר אויסגעזען ווי אַן אָרט פון מיליאָנערן. אין לאַנד פון רעוואָלוציע — הונגער, מגפות, טיפוס, כאָלערע, קיין שוועבעלע ניט צו קריגן, און דאָ גיסט זיך אַל דאָס גוטס איבער די ברעגן...

איך האָב זיך צוגעכאַפּט נאָך יאָרן הונגער און נאַקעטקייט. מען האָט מיך באַקליידט, אָנגעהאָדעוועט ביז איך בין... קראַנק געוואָרן פון איבערגעגעסנקייט. אָבער ניט דאָס האָט געגעבן דעם ערשטן ביטערסטן קלאַפּ דער אמונה אין דער הערשאַפט פון דער וועלטלעכער קולטור, וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך פון לאַנד פון רעוואָלוציע און חורבן. דאָס פאָלק, דאָס יידישע פאָלק האָט די גאַנצע וועלטלעכע קולטור אין לינקער פיאָטע אַפילו ניט. יידן רעדן פויליש, יידישע צייטונגען אין פויליש. וועלטלעכע קולטור האַלט זיך בלויז אויף סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און פּאַרטייען צווישן זיך — אויף מעסערס, שולן זיינען יאָ דאָ, אָבער געבויט האָט זיי ניט דאָס פאָלק, נאָר פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען האָבן זיי אויפגע־שטעלט. און אין זיי איז די שטאַרקייט פון דער פּאַרטיי. ניט קיין פאָלקישע שולן זיינען דאָס, פּאַרטייאישע גאָר. פאָלק און פּאַרטיי — צוויי ווייטע אידעאָלאָגיעס זיינען דאָס. דאָס פאָלק וויל גאָרניט, ווייס גאָרניט, מען שיקט יאָ קינדער, ווייל די שולן גיבן אַ וואַרעמען טעלער זופּ, עפּעס צו עסן. אַמעריקאַנער יידן האַלטן אויס... און צונויפרעדן זיך צווישן פּאַרטייען, וועגן עפּעס קולטור איבער פּאַר־טייען, פון גאַנצן פאָלק — דאָס וויל מען גאָר ניט הערן. גאָט זאָל אויסהיטן!

אַ קולטור־ליגע מיט אַ פאָלקפּאַרנעם, איבער די אינטערעסן פון פּאַרטייען — פון דעם איז גאָר ניטאָ וואָס צו טראַכטן אַפילו... דאָס פוילישע יידנטום צעריסן איבער שטיבלעך, צווישן אַלערליי רביים, אַזוי זיינען אויך די פּראָלע־טאַרישע, וועלטלעכע יידן צעריסן לויט זייערע שטיבלעך „מיט זייערע רביים״... איז געשטאָרבן די קולטור־ליגע איידער זי איז געבוירן געוואָרן. איז גאָר געווען אַ קאַמף, אַ געראַנגל צווישן די פּאַרטייען און איינע האָט באַקעמפט די צווייטע, אַלע אַנדערע. פּראָפעסיאָנעלע פּאַראיינען — אויך פּאַרטייאישע, יעדער „שטיבל״ מיט איר צוגאַנג צום דאַוונען, מיט אירע מינהגים, און יעדער פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי מיט איר פּראָלעטאַרישן קאַמף, מיט אירע פירערס, מיט אירע גדולים און רביים. די זעלביקע יידן מיט דעם זעלביקן כאַראַקטער, נאָר די רביים האָבן זיך געביטן... פון וואַנען און פון וואָס די ערשטע „צעקלייזלטקייט״, „צעשטיבלט־קייט״ — דאָס ווייס איך ביז היינט ניט, אָבער די ירושה גייט אָן ווייטער. פּאַרטיי במקום פאָלק. מיר האָבן פון דעם אין רוסלאַנד ניט געוווּסט. אויך געווען פּאַר־טייען, אָבער זיי האָבן ניט פאַרשטעלט דאָס פאָלק. דאָ האָט זיך בפירוש הינטער די פּאַרטייען דאָס פאָלק ניט אָנגעזען. פאַר אונדז, די געקומענע (נאָר צוויי זיינען מיר איצט געבליבן) איז דאָס געווען די ערשטע אַנטוישונג: פּאַרטיי העכער, וויכטיקער ווי פאָלק. עס איז געווען אין פוילן בכלל און אין וואַרשע בפרט אַ „פאָלקספּאַרטיי״. איז זי אָבער געווען די שוואַכסטע. די פּאַרטיי איז געווען ביי פּרילוצקין אין שופלאָד, ביי נאָמבערגן אין אַן אַרטיקל, און דאָס פאָלק — איז געפאָרן צו די רביים...

עס איז אָבער געווען ניט די איינציקע אַנטוישונג. מיר זיינען געקומען פון רוסלאַנד. אַ לעבן האָבן מיר געקעמפט קעגן דער פסיכיק פון גייסטיקער און קולטורעלער אונטערטעניקייט. ניט נאָר אַלע מענטשן זיינען גלייך, נאָר אַלע פעלקער זיינען גלייך לגבי די געזעצן. דאָס איז געווען איינער פון די אלף־בית־פאָדערונגען פאַר אונדז. אין פוילן אָבער האָבן די יידן — אַלע יידן — לכתחילה אָנערקענט די ממשלה פון דער פוילישער קולטור. זי הערשט און דאַרף הערשן. פון לכתחילה האָבן די יידן — אַפילו די אָנהענגער פון דער וועלטלעכער קולטור — ווייניקער פאַרלאַנגט, קנאַפּערע פאַרלאַנגער געווען.

וואַרשע און ווילנע

אָט דער אונטערשייד צווישן די פּוילישע חברים און אונדז „ליטוואַקעס" — איז בולט געווען צווישן ווילנע און וואַרשע. ווילנער יידן האָבן זיך געפונען אונטער דער קולטור־השפעה פון רוסלאַנד. מיר האָבן געפילט און געפירט זיך ווי בכלל רוסישע יידן. קיין פּרימאַט פון רוסלאַנד און רוסישקייט האָבן מיר אַפילו אין פסיכיק ניט געהאַט. מיר האָבן געלעבט אַלע מאָל צווישן סובאָרדינירטע פעלקער, קיין רוסיש פאָלק איז אין ווילנע ניט געווען אַחוץ די באַאַמטע. קיין ריכטיקע, דורותדיקע אַסימילאַציע, אַ מין פולע אַריינדרינגונג אין רוסישקייט איז ניט געווען און ניט געקאָנט זיין. און מיט סובאָרדינירטע פעלקער אַסימילירן זיך יידן ניט. איז געווען אַ ווייטער מהלך צווישן די אָנהענגער פון יידיש־וועלטלעכער קולטור צווישן די „ליטוואַקעס" און די פּוילישע חברים. דאָס איז בולט קלאָר געוואָרן אויף דעם ערשטן גרויסן שול־צוזאַמענפאָר אין וואַרשע (זומער 1921). די דעלעגאַטן פון ווילנע און ווילנער פּראָווינץ האָבן אַלע געהערט צו דער „אומ־אָפּהענגיקער", אומפּאַרטייאישער פראַקציע, אַפילו די עלטערע בונדיסטן, אַפילו אַזוינע ווי א. ליטוואַק, ווי ווירגילי־כּהן וכדומה. אַלע אַנדערע דעלעגאַטן האָבן געהערט צו די פּאַרטייאישע פראַקציעס — בונדיסטן, פאַראייניקטע, פּועלי־ציון. פון די עכט־פּוילישע דעלעגאַטן האָט צו די אומאָפּהענגיקע געהערט בלויז איינער — שלמה מענדעלסאָן.

דער אונטערשייד איז געווען צווישן די שולן גופא אויך. אַלע יידישע שולן אין ווילנע און אין פּראָווינץ זיינען געווען דורכויס פאָלקישע, געבויט, געשאַפן און אויסגעהאַלטן דורך פאָלקישע יידן. געווען צווייערליי שולן — יידישע און העברעיִשע. אָבער אַלע יידישע שולן זיינען געווען בלויז יידישע, קיין שום שייכות ניט צו פּאַרטייען. און פאַרקערט, זיינען אַלע יידישע שולן אין קרוין־פּוילן געווען נאָר פּאַרטייאישע, און מען האָט אויך געפירט אַ קאָנקורענץ צווישן זיך.

איך ווייס גאָר ניט צי האָבן זיך די חברים פון פוילן אין זייער שטרעבן, אין זייערע פאַרלאַנגען דערהויבן ביז צו אַ חלום פון דורכויס יידישער קולטור, פון קולטורעלער פאַרזיכיקייט, ווי דאָס איז געווען ביי די „ליטוואַקעס". והא־ראיה — אין ווילנע זיינען געווען יידישע גימנאַזיעס, אַפילו די פּריוואַטע מיטלשולן האָבן זיך געפירט אַ שטיקל צייט שוין נאָך די דייטשן אין יידיש; אין ווילנע און ניט אין וואַרשע האָט זיך געעפנט דער יִיוואָ. די גרינדער און טוער פון יִיוואָ האָבן בפירוש מורא געהאַט עס זאָל זיך ניט אַריינכאַפּן אַהין קיין פּאַרטיי־פּאַטריאָ־טיזם. קיין כּלל־יידישע אינסטיטוציעס האָבן אין פוילן די יידן ניט געשאַפן, אפשר ניט געקאָנט שאַפן. די „קולטור־ליגע" ווי אַ ברייטע קולטור־פּראָגראַם, ווי אין אוקראַינע, מיט אַ ברייטן פאַרנעם האָט זיך טאַקע ניט געקאָנט שאַפן אין פוילן, טאַקע מחמת דער פּאַרטיי־קאָנקורענץ.

דאָס איז געווען די אינעווייניקסטע טראַגעדיע פון יידישן שולוועזן אין דעם אומאָפּהענגיקן פוילן, די גאַנצע צייט פון זיין עקסיסטענץ. ווילנע און ווילנער פּראָווינץ איז געווען צו אָרעם און פוילן האָט ניט געהאַט אַפילו קיין פאָלקישע אַמביציע איבער די פּאַרטייען. די נעגל פון דער פוילישער אַנטיסעמיטישער מאַכט האָבן מיר דערפילט ערשט שפּעטער, ווען פוילן האָט זיך פאַרפעסטיקט. און דער קאַמף פון דער רעגירונג קעגן דער יידישער קולטור און קעגן די יידישע שולן האָט זיך געפירט מיט אַזאַ האַפט און עקשנות, מיט אַזאַ ביטערקייט פון אָנהייב אָן, אַז עס איז צו באַוווּנדערן דעם כּוח דאָס אויסצוהאַלטן. עס איז בפירוש צו באַ־וווּנדערן דעם כּוח פון אַ שלמה מענדעלסאָן אין זיין געראַנגל מיט דער מאַכט פאַר די יידישע שולן, אַזוי פיל ענערגיע און מוט און אויסדויער! דאָס איז, דאַכט זיך, נאָך ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. די מאַכט איז געווען מעכטיקער. איר פאַרמעסט איז שוין דעמאָלט געווען ברייטער — ניט בלויז קעגן דער יידישער קולטור — קעגן דעם יידישן פאָלק בכלל איז געווען דער פאַרמעסט. אויסראָטן דאָס יידישע פאָלק אין פוילן איז געווען דער אידעאַל פון פאַרזיכיקן פוילן שוין דעמאָלט. די געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין דער מדינה פוילן איז אַ טראַגיש־העלדישער קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע בכלל.

געלאָפן פון רוסלאַנד אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן. געמוזט לויפן פון פוילן אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. אין רוסלאַנד געלאָזן קברים, קברים פון יידן און פון אידעאַלן יידישע. אַ גאַנץ לעבן געוואַרט אויף דער רעוואָלוציע, וואָס זי דאַרף געבן די מעגלעכקייט די יידן — און די פעלקער בכלל — צו לעבן קולטורעל פאַרזיכיק און אַ מדינה וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ געמיינשאַפט פון פרייע פעלקער. געוואַרט און געהאָפט. געקומען די געגאַרטע רעוואָלוציע און מיר זיינען געלאָפן פון איר, געלאָפן קיין פוילן. געאַרבעט, געקעמפט און געמוזט לויפן. געלאָזן אין פוילן קברים — קברים פון יידן, פון אַ גאַנץ יידיש פאָלק,

געלאָזן קברים פון אידעאַלן; אַן אידעאַל פון אַ יידישן קולטור־לעבן פאַרזיך: ווו יידן וואָלטן עס געקענט, ווילן זיי ניט, ווו זיי ווילן עס, קענען זיי ניט: מען לאָזט ניט. דאָס איז דער סך־הכּל.

צען יאָר געהאָדעוועט יידישע לערערס פאַר אַ פאַרזיכיק לעבנדיקן יידישן פאָלק, פאַר שולן פון אַ פאַרזיכיקן יידישן פאָלק צווישן אַנדערע פרייע פעלקער; פאַר שולן פון אַ יידישן פאָלק וואָס וויל איינהאַלטן און איינהיטן זיין היינטצייטיקע קולטור און לעבן אין איר, מיט איר... ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט קיין איין יידישע שול אַזאַ! ווו געבויט יאָ, זיינען קיין יידן מער ניטאָ, ווו יידן זיינען דאָ, ווילן זיי גאָרניט קיין יידישע קולטור. ניטאָ אַזוינע שולן. ניטאָ די לערערס, וואָס געהאָדעוועט. געבליבן זיינען בלויז די וואָס די אַנטיסעמיטישע רעגירונג האָט געצוווּנגען באַצייטנס צו פאַרלאָזן פוילן. געמיינט צו טאָן אַ רעה און עס איז אַרויס אַ טובה. ניטאָ די שולן פון דעם מין. געווען שולן אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע, פאַראַן שולן רעליגיעזע, אָבער שולן יידישע פון דער יידישער קולטור, פאַר דער יידישער קולטור — די זיינען ניטאָ. דאָס געבליבענע יידישע פאָלק וויל זיי ניט, דאַרף זיי ניט. און די לערערס וואָס געגרייט? — קברים זיינען אפשר געבליבן? אפשר. און מיר האָבן אַנטוויקלט אַ גאַנצע יידישע פּעדאַגאָגיק!.. און אַ קבר? ווער דאַרף עס?..

פּעדאַגאָגיק איז אַ קונסט, ווי אַלע קונסטן האָט זי איר כאַראַקטער, איז דורך און דורך נאַציאָנאַל, איטלעך פאָלק מיט זיין מוזיק, מיט זיין מאָלעריי און איטלעך פאָלק מיט זיין דערציִונג, מיט זיין פּעדאַגאָגיק. קען די יידישע פּעדאַגאָגיק ניט זיין קיין קאָפּיע פון אַ צווייטער, פון אַן אַנדער פאָלק. האָט זיך געוואָלט ניט שאַפן: אַן אַלט פאָלק ווי דאָס יידישע דאַרף ניט שאַפן קיין נייע פּעדאַגאָגיק, דאַרף מען אַנטפּלעקן, אָפּדעקן די פּעדאַגאָגישע יסודות פון דער אוראַלטער יידישער דערציִונג. יידן האָבן ניט סיסטעמאַטיזירט קיין פילאָסאָפיעס פון יידישקייט, אויך ניט געשריבן קיין שום ווערק וועגן פּעדאַגאָגיק, אָבער אַזאַ איז געווען אין דער פּראַקטיק, אין לעבן. דאַרף מען זי אַנטפּלעקן, אויפדעקן, סיסטעמאַטיזירן, פאָרמולירן און אָנרופן. מען קען גאָר ניט איבערזעצן קיין פּעדאַגאָגיק, מען דאַרף פון דער רייכער פּראַקטיק אַרויסשעפן די טעאָריעס און פון דער אוראַלטער פּראַקטיק פורעמען די טעאָריע, די יסודות פון דער יידישער פּעדאַגאָגיק. האָט זיך געדאַכט, אַז עס ווערט געטאָן, געגאַנגען אויף דעם וועג. געטראַכט אַפילו פון אָנהייבן שרייבן אַזאַ אַרבעט... ביז עס איז קלאָר געוואָרן אַז... ס׳איז איבעריק: יידן ווילן ניט האָבן קיין אייגן לעבן, קיין אייגענעם שטייגער און ניט קיין אייגענע וועגן פון קולטור, פון דערציִונג זיכער ניט...

בין איך געלאָפן ווייטער. שוין געלאָפן אַליין, ניט בחברותא, געלאָפן קיין ארץ־ישׂראל. מען לויפט יאָ פון דער היינטיקער יידישער קולטור, פון דער היינ־

טיקער יידישקייט. וווהין לויפֿט מען? צו וואָס לויפֿט מען? — ווער עס לויפֿט צו פֿרעמדע הערשנדיקע קולטורן, דאָ לויפֿט מען צו די פּאַרצייטיקע יידן, צו יידן פֿון ווייטן אַמאָל. ווייל פֿון די היינטיקע וויל מען אַנטלויפֿן. בין איך געלאָפֿן צו אַ פֿרעמדן אידעאַל. ניט געטראַכט חלילה צו קעמפֿן, אונטערצוגראָבן, געווען ערלעך: עס איז פּאַרט אייגנס. נו, ניט אַזוי גרינג: מען געטרויט ניט: ווי איז עס אָן הינטער־כּוונות? מסתּמא באַהאַלט איר ערגעץ אַ מעסער אין זייט... שווער געווען זיך אַריינצולעבן, איינצואַרבעטן. געקוקט תּמיד אויף מיר מיט חשד. געווען מיר שווער די איינזאַמקייט, דער אומצוטרוי. דער חשד. אפֿשר וואָלט איך ניט מורא געהאַט, וואָלט מיר ניט אַזוי אויסגעקומען, אפֿשר האָב איך געזען דעם שאָטן פֿון בערג ווי בערג? זיך איינגעלעבט אין דער אַרבעט, אָבער ניט איינגע־לעבט זיך געזעלשאַפֿטלעך, תּמיד זיך געפֿילט אָן אַ זייט פֿון לעבן, עפּעס פֿון דעם מין וואָס עס פֿילט מסתּמא אַ מענטש אין אַ חרם. בכל־אופֿן, אַזוי האָב איך גע־פֿילט. קען זיין אַז אַלע פֿילן זיך אַזוי איינזאַם ביז אַ צייט, אָבער איך האָב טאַקע דאָך געבענקט נאָך יידן, נאָך פּשוטע יידישע יידן, וואָס רעדן אַזוי היימיש יידיש, ווייל זיי זיינען אַזוי נאַטירלעך, ווי זיי זיינען. האָב איך גערן אָנגענומען אַ פֿאַר־שלאָג פֿון קאַנאַדע און ווייטער געוואַנדערט פֿון הייסן ארץ־ישׂראל אין קאַלטן קאַנאַדע. טאַקע קאַלט דער קלימאַט, אָבער די יידן האָבן מיר אויסגעזען וואַרעמע, נאַטירלעכע יידן, אַזוינע ווי איך בין געווען געוווינט צו זען אין דער אַלטער היים, היימישע יידן. קיין אַנדערע האָב איך דאָך אַרום דער שול ניט געזען. אַ סך נייעסן פֿאַר מיר, אַפֿילו דער פּאָליציאַנט מיטן גרויסן לאַנגן פֿוטער, וואָס קומט ספּעציעל אַריבערצופֿירן די קינדער איבער דער גאַס און די קינדער דערפֿרייען זיך מיט אים ווי מיט אַ גוטן פֿריינד, גאַרניט ווי אַ פּאָליציאַנט „דאַרף זיך" פֿירן, לויט מיינע אַלטע באַגריפֿן. נאָך אַ סך אַנדערשקייטן. אָבער צווישן די שולייִדן האָב איך זיך געפֿילט היימישער, נאַטירלעכער.

די שול, אָבער — ווייט ניט דאָס וואָס איך האָב געוווסט פֿון פֿריִער, פֿון אַ מאָל. די שול האָט, ווי אין אַמעריקע, געהאַט גרויסע מעלות: זי האָט געהאַט אַ טאָגשול (דאַכט זיך — די ערשטע טאָגשול אויף דעם גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנ־טינענט); די עלטערן פֿון די קינדער זיינען אַלע געווען אימיגראַנטן, די שפּראַך אין די היימען איז כּמעט אומעטום געווען יידיש, ניט קיין וווּנדער, אַז אַלע קינ־דער האָבן געקאָנט יידיש פֿון די היימען. די עלטערע קינדער, פֿון זיבעטן לערן־יאָר און ווייטער האָבן שוין געלערנט אין דער מלוכה־שול, אָבער געקלעפּט האָבן זיי דווקא צו דער יידישער שול, זי איז געווען פֿאַר זיי היימישער, מען האָט אויך געקלעפּט צום יידישן פּרינציפּאַל פֿון שול. ביז איצט פֿאַרשטיי איך ניט, וואָס מען האָט געשלעפּט דעם לערער אין די שפּאַצירן אין די פֿרייע טעג, אויף אַלע זייערע פֿאַרוויילונגען. אין די אָוונטן איז די שול געווען איבערגעפּאַקט: אָוונטשול,

מיטלשול (דריי קלאַסן) און „העכערע קורסן״, ווען שוין דערוואַקסענע יוגנטלעכע, שוין אוניווערסיטעט־סטודענטן פלעגן קומען אַלע אָוונט און זונטיק (אין דער פרי) צו לערנען יידישע ליטעראַטור. מיט די עלטערע תּלמידים איז אָפט געווען אַ פאַרגעניגן צו אַרבעטן, צו פאַרברענגען, צו שמועסן: אַ ווילע יידישע יוגנט.

דאָך איז די שול געווען פאַר מיר „ניט דאָס״. מיר האָבן אין מיזרח־איראָפּע געבויט יידישע שולן מיט אַ צוגאָב פון דער מלוכה־שפּראַך. דאָ איז עס געווען אייגנטלעך צוויי שולן באַהעפט צוזאַמען. די זעקס שעה אַ טאָג שולצייט איז געווען צעטיילט אויף צוויי גלייכע חלקים — דריי שעה יידישע לימודים און דריי שעה — די גאַנצע ענגלישע מלוכה־פּראָגראַם — אין אַ העלפט צייט: אַנשטאָט זעקס שעה — נאָר דריי שעה. די ידיעות פון די קינדער אין די אַלגעמיינע לימודים זיינען לגמרי ניט געווען קלענער. פאַרקערט, זיינען די תּלמידים פון דער שול געווען אַלע מאָל צווישן די בעסטע אין דער אַלגעמיינער שול שפּעטער. אַן אינספּעקטאָר האָט עס דערקלערט (אין אַ ברייוו צו דער שול) מיט דעם, וואָס אין דער יידישער טאָגשול לערנען מסתּמא די פעיִקסטע און די קליגסטע יידישע קינדער. ער איז געווען ניט גערעכט. די סיבה איז געווען עטוואָס אַנדערש: די היימען פון די טאָגשול־קינדער זיינען געווען אינטעליגענטערע. ניט די קינדער פאַר זיך, נאָר די היימישע סביבה איז געווען אַ העכערע. איז געווען יידישער און וואָס יידישער, אַלץ אינטעליגענטער. פאַר מיר אָבער איז פּאָרט די שול געווען „ניט דאָס״. ווען איך האָב דערהערט, אַז די קינדער רעדן צווישן זיך ענגליש, האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו פאָרן צוריק קיין ארץ־ישׂראל. איך האָב דערפילט (מער ווי מיט דעם באַוווּסטזיין), אַז די יידישע אַטמאָספער איז מער אַ צייטווייליקע, ניט קיין דויערנדיקע. די אַלגעמיינע לימודים אין ענגליש האָבן ביי מיר אין די אויגן פאַרמינערט די „יידישקייט״ פון דער יידישער שול. דאָס ערשטע מאָל אין מיין אַרבעט, איז מיר אויסגעקומען שלום צו מאַכן מיט דעם געדאַנק צו פאַרטיילן — יידישע לימודים און אַלגעמיינע! וואָס האָבן אייגנטלעך ניט קיין שייכות צו יידישקייט.

אין דעם געביט איז כאַראַקטעריסטיש אַזאַ מין צופאַל. אין דעם הויז וווּ איך האָב געוווינט דאָס ערשטע יאָר (מיין פרוי און זון זיינען געבליבן אין ישׂראל) איז געווען אַ זון אַ סטודענט. איין מאָל האָב איך זיך צעשמועסט מיט אים וועגן זיין לימוד וואָס ער האָט געלערנט — כעמיע. האָט ער נאָך דעם געזאָגט צו זיין מוטער, אַז איך וועל מסתּמא זיין אַ שלעכטער יידישער לערער, וואָרעם, ווי קומט אַ יידישער לערער צו כעמיע?.. אין דער פּסיכיק פון דעם צווייטן דור איז שוין געווען „קלאָר״ אַז יידיש וויסן איז אַ מין באַזונדערער געביט, וואָס האָט אייגנטלעך ניט קיין שייכות צום אַלגעמיינעם וויסן, וואָס דאָס איז לעבנסוויכטיק (און אין אַמעריקע איז דאָך דאָס גאַנצע לערנען ריין אוטיליטאַריש! יידיש וויסן האָט

ניט קיין אוטיליטאַרן ווערט). קאַנאַדע איז דאָך אַנדערש פֿון די שטאַטן, עס זיינען דאָרטן פֿאַראַן מער ווי איין הערשנדיק פֿאָלק. פֿאַראַן פּראָווינציז, אוקראַאינער. איז הגם די יידן האָבן קנאַפּ געהאַלטן פֿון די „גימעלעך" (די אוקראַי־נער), דאָך האָט אין קאַנאַדע די הערשנדיקע ענגליש ניט געקאָנט זיין אַזוי דיק־טאַטאָריש ווי אין די שטאַטן.

די צווייטע זאַך, וואָס איך האָב בשום־אופֿן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, איז דאָס אָנשטעלן לערערס אָן אַ צוגרייטונג. געקומען אַ ייד וואָס האָט ניט געקאָנט מאַכן אַ לעבן, האָט מען אים געמאַכט פֿאַר אַ לערער. אַ סטודענט וואָס איז פֿאַרנומען אַ גאַנצן טאָג און איז פֿריי אין די אָוונטן — איז עס דאָך אַ ברכה פֿאַר די יידישע אָוונטשולן. אַז לערערײ דאַרף האָבן אַ צוגרייטונג, ווי שניידערײ, למשל, ווי יעדער אַנדער פֿאַך — דאָס האָבן אַמעריקאַנער יידן בשעתּם ניט פֿאַרשטאַנען... דאָ ניט לאַנג דערציילט מיר אַ באַקאַנטער געזעלשאַפֿטלעכער טוער: געקומען דער און דער (אָנגערופֿן אַ נאָמען), האָט ער אָבער בשום־אופֿן ניט געקאָנט מאַכן אַ לעבן, האָבן מיר אים געמאַכט פֿאַר אַ לערער. האָב איך זיך ניט ווילנדיק צעלאַכט. — וואָס לאַכט איר? — פֿרעגט מיך דער דערציילער. — אַ גליק — זאָג איך — וואָס ער איז געווען אַ טויגעניכטס, ווען חלילה ער טויג צו עפּעס, וואָלט אייער שול ניט געהאַט קיין לערער...

אַ יידישע בראָדוועקע אויף אַ פֿרעמדער נאָז

אַ צווייטער טוער האָט אַ מאָל זיך מודה געווען פֿאַר מיר: צענדליקער יאָרן אַ שולטוער, און האָט אַלע מאָל געמיינט, אַז צו זיין אַ לערער איז גענוג צו קענען וואָס מען דאַרף אויסלערנען, די פּראָגראַם. ער האָט קיין מאָל ניט געטראַכט אַז די עצם אַרבעט פֿאָדערט קענטעניש. אָט דאָס אָנשטעלן לערערס אָן יעדער צו־גרייטונג האָט מיך פּשוט באַליידיקט.

בדרך־כּלל אָבער האָט די שול געקאָנט אַריינציִען אין דער אַרבעט: אַ פֿיינע גרופּע שולטוערס אַרום דער שול, היימישע יידן, געטרייע יונגע תּלמידים שוין נאָך דעם קינדער־עלטער, אַ וואַרעמע באַציִונג צו דער שול, אַ וואַרעמע באַציִונג צו יידישקייט בכלל. די אַרבעט פֿאַר די פֿינאַנסן פֿון דער שול האָט צעמענטירט אַרום דער שול פֿריינד, טוערס, אונטערנעמונגען פֿאַר דער שול זיינען געווען אַ טייל פֿון געזעלשאַפֿטלעכן קולטור־לעבן אין שטאָט. אַזוי אַרום איז די שול געווען אַ פֿאַקטאָר פֿון יידישן קולטור־לעבן בכלל אין שטאָט. אָט דער פֿאַקטאָר — די קולטור־אַטמאָספֿער אַרום דער שול האָט אין אַ גרויסער מאָס דערצויגן די קינ־דער, אפֿשר ניט ווייניקער ווי די לימודים אין שול. זי האָט ניט ווייניקער דער־צויגן די דערוואַקסענע ווי די קינדער.

נאָך אין ווילנע אין סעמינאַר פלעג איך זיך באַרימען פאַר די תלמידים, אַז ווען מען זאָל מיך לאָזן אין אַן אומבאַקאַנטן שטעטל, וועל איך גייענדיק אין גאַס אַ האַלבע שעה, דערקענען צי איז דאָרטן דאָ אַ יידישע שול אָדער ניט. די עצם עקסיסטענץ פון אַ יידישער שול איז משפיע אויף די יידן וואָס טראָגן דעם יאָך פון דער שול. די אַרבעט פאַר דער שול דערציט די יידן. אין דעם קאַנאַדישן וויניפעג איז עס געווען בולט קענטיק. ניט קיין גרויסע שטאָט, כמעט אַלע יידן באַקאַנט צווישן זיך, האָט די טאָגשול פאַרבונדן די יידן ווי אין אַ משפחה.

איך וועל עס ניט זאָגן וועגן דער פריינדשאַפט צווישן זיך ביי די לערערס. לערערס זיינען ניט מער ווי מענטשן, די לאַגע פון די יידישע לערערס איז געווען... אַ מיאוסע. מען פלעגט אַ יידישן לערער צאָלן נאָר פאַר צען חדשים אין יאָר. פאַר וואַקאַציעס פלעגט מען ניט צאָלן. די געהאַלטן קליינע. יעדן אָנהייב־יאָר פלעגט מען פון דאָס ניי דאַרפן דעם לערער אָנשטעלן אָדער אָפּזאָגן... ניט קיין וווּנדער וואָס צווישן די לערערס איז געווען אַ „קאָנקורענץ״. פלעגן לערערס זיין קריטיש צו אַ בעסערן לערער. איז ניט איך, נאָר די לערערין גאָלאָמב די, וואָס די חברים־לערער האָבן קריטיקירט און געזוכט אויף איר עבירות כסדר. געווען פון דעם מין אַפילו אין ווילנע, אין בן־שמן אין ישׂראל. אויך אין קאַנאַדע. שפּעטער — נאָך מערער וועגן די קריגערייען צווישן די לערערס, נאָך פאַר מיין קומען, האָט מיר דערציילט דער אוקראַיִנישער באַדינער פון שול — אַ כיטרער מענטש ביז גאָר, וואָס האָט געפונען פאַר נייטיק מיך צו לערנען ווי איך דאַרף זיך פירן מיט די „בעלי־בתים״ און לערערס. מיר פלעגן זיך אָפּט די האָר שטעלן פון זיינע מעשׂיות. זאָל ניט אויסגערעדט זיין... איבערהויפּט ביי דעם צופעליקן באַשטאַנד פון לערער־עלעמענט. אין פאַרגלייך אָבער מיט דעם וואָס געווען פריִער, איז אונדזער תקופה געווען אַ שלום־ושלווהדיקע. טיילוויַיז מסתמא דערפאַר ווייל איך בין זייער אַ שלעכטער „סטראַטעג״ אין קריגערייען. פאַר קיין פּאָליטיקער וואָלט איך זיכער ניט געטויגט. כ׳האָב ניט וויניק געצאָלט פאַר דעם...

אָבער ניט דאָס בין איך דאָך אויסן מיט מיין שרייבן. איך שרייב דאָך ניט קיין ביאָגראַפיע. די פראַגע שטייט דאָך: וואָס זיינען די פרוכטן פון דער אַרבעט? צי איז די אַרבעט פון אַ גוטער יידישער שול בכוח צו פאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע וואָס גייט אַזוי שטראָמיק אָן אין די אַמעריקאַנער יידישע יישובים? צי איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד אין דער יידישקייט פון אַ שטאָט מיט אַ יידישער שול און אַ שטאָט אָן אַזאַ? איך ענטפער אויף אָט דער פראַגע — יאָ און ניט. אַ יידישע שול האָט יאָ אַ שטאַרקע השפּעה אויף דעם יידישן כאַראַק־טער פון יישוב, אָבער מען טאָר ניט האָפן אַז אַ שול קען דעם שטראָם פאַרהאַלטן. די שול איז יאָ בכוח דעם אַסימילאַציע־שטראָם צו פאַרהאַלטן, מאַכן זיין גאַנג פּאַמעלעכער. די שולן זיינען איצט אַ סך קלענער ווי זיי זיינען געווען. איך האָב

פריִער גערעדט וועגן אַ יידישער מיטלשול און וועגן העכערע קורסן. שוין לאַנג ניטאָ די אָפּטיילן פון דער שול. דאַכט זיך מיר אַז די צאָל קינדער בכלל איז גע־וואָרן קלענער ווי געוועזן אַ מאָל. ביי דער שול שטייען טאַקע געוועזענע תּלמידים, זיי טוען די אַרבעט, ווי מען דערציילט, גאָר ניט שלעכט, זיי זיינען אַקטיוו בכלל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער דאָך, דאַכט זיך מיר, אַז דער יידישער קולטור־פּרצוף פון דער שטאָט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן: יידישע צייטונגען, ביכער, אונטערנעמונגען זיינען איצט קנאַפּער, ווי געוועזן אַ מאָל. איך שטיי אין פאַרבינדונג מיט געוועזענע תּלמידים, דאַכט זיך מיר אָפּט, אַז זייערע זעלטענערע בריוו זיינען אַ ראיה אַז מען פאַרגעסט צו שרייבן אַ יידיש בריוול. עס פאַרגעסט זיך ווייל מען נוצט ניט. זאָלן מיר מיינע פריינד־תּלמידים פון דאָרטן מוחל זיין פאַר מיין חשד... נאָך מער געפאַלן זיינען די יידישע שולן אין מאָנטרעאָל. די שטאָט איז גרעסער, שווערער די שולן זאָלן האָבן אַ שטאַרקערע השפּעה אַרום, פיר שפּראַכן, איז יידיש און יידישע שולן — די ערשטע כּפּרה. ווי געוויינטלעך ביי יידן. אָבער וועגן מאָנטרעאָלער יידישן שולוועזן וואָלט מען געדאַרפט רעדן באַזונדער, אַן אַנדער מצב און אַן אַנדער געשיכטע. אָבער אויך אין וויניפּעג איז דער יידישער פּרצוף פון יישוב געוואָרן שוואַכער. אַ סך איז דאָ שולדיק דאָס פאַרלירן, דאָס פאַרוואָרפן די יידישע שפּראַך. וואָס איז די פּעולה פון אויסלערנען רעדן, אַז מען נוצט עס ניט אַרום, אין לעבן?

צי האָבן די העברעיִשע שולן אַן ענלעכע השפּעה אויף דעם יידישן לעבן אַרום? — ניין, קאַטעגאָריש ניט. די העברעיִשע שולן זיינען איצט אַ סך שטאַר־קער ווי די יידישע. מדינת ישׂראל ווירקט. אָבער זיי קענען ניט איינהיטן דעם יידישן כאַראַקטער פון די יידישע יישובים, פאַרקערט, זיי זיינען דאָך אַ פאַקטאָר פון אָפּרייסן די יוגנט פון דער לעבעדיקער יידישקייט. מה דאָך אין ישׂראל גופא האָט מען זיך אַרומגעזען (צום באַדויערן, שטאַרק צו שפּעט), אַז די שולן בינדן ניט צו די יוגנט צום יידישן פאָלק (זען, למשל, די אַנקעטעס פון גאולה כּהן אין „מעריב"). אַפּשיטא שוין אין דער וועלט בכלל.

אַזוי אַרום קענען מיר איצט מאַכן אַ שטיקל סך־הכּל פון דעם ביז איצט געזאָגטן:

1. די אַבסאָלוטע שעדלעכקייט פון העברעיִשן שולוועזן. פאַר וואָס? — די הויפּט־אויפגאַבע פון יעדער נאַציאָנאַלן שולוועזן איז אַריינפלאַנצן די תּלמידים אין דעם פאָלק אַריין. די היים קודם־כּל דאַרף זיין אַ דורותדיק היימישע לויט דער שפּראַך, לויט די זיטן, מינהגים, מאכלים, פּירונגען. די שול דאַרף די גאַנצע מענטשלעכע קולטור געבן אַזוי ווי עס וואָלט געוועזן דורכויס פאָלקיש, געוואַקסן צוזאַמען מיטן פאָלק. דאָס העברעיִשע לשון רייסט אָפּ די קינדער פון פאָלק. עס איז פּונקט דאָס פאַרקערטע וואָס אַ פאָלקשול דאַרף טאָן. דער שאָדן פון העברעיִשן

שולוועזן איז גרויס אין דער גאָרער וועלט, אין אַלע יידישע יישובים. ער איז גרויס אין דער מדינת ישראל. גאולה כהן ברענגט אַ פראַגע פון אַ יוגנטלעכן: צי זיינען טאַקע יידן פון ברוקלין אָדער מאָסקווע מיינע ברידער? דער גרויזאַמער ספק וואָס עגבערט דעם יוגנטלעכן ישׂראלי איז שקול קעגן אַלע מעלות פון ישׂר־אלדיקן שולוועזן. אויס!

2. פאַר וואָס שטייגט דווקא דער העברעיִשער שולוועזן — דאָס איז דער־פאַר ווייל ביי יידן בכלל איז פאַראַן אַ נייגונג צו אַנטלויפן וואָס ווייטער פון יידיש־קייט, פון אַלץ, וואָס עס איז יידיש. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער דעפעקט אונדזערער.

דאָס איינציקע לאַנד ווו דער העברעיִשער שולוועזן האָט געהאַט דערפאָלג און האָט ניט געבראַכט קיין שאָדן דעם פאָלקישן באַוווּסטזיין איז געווען פאַר דער מלחמה און פאַרן חורבן די קאָוונער ליטע מיט די זעכצן העברעיִשע גימנאַזיעס, כּמעט אין יעדן שטעטל. דאָס איז געווען דערפאַר ווייל די מלוכה־קולטור און שפּראַך האָבן נאָך ניט געהאַט קיין שום אָנזען אין די אויגן פון יידן. צווייטנס, איז דאָס יידישע לעבן און דער יידישער פאַרזיכיקער שטייגער געווען גענוג שטאַרק אין די שטעטלעך, אָן קאָנקורענץ מצד אַנדערע קולטורן, נאָך דעם ווי רוסיש און פויליש זיינען געוואָרן אויס יחסנים. האָט דאָס יידישע לעבן אויסער דער שול דערצויגן יידיש. די העברעיִשע שול האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן די קינדער פון דער יידישקייט אָרום.

3. דער יידישער שולוועזן האָט געהאַט גרויסע דעפעקטן. ער האָט גענומען די שפּראַך אַליין, די שפּראַך ווי דעם עיקר פון יידישקייט. אָבער שפּראַך אַליין, אָן אינהאַלט, קען ניט האָבן קיין פעסטע אחיזה. יידיש לשון קען זיך האַלטן אין אַ פרעמדער וועלט נאָר מיט אַ שטאַרקער אמונה. אמונה אין וואָס? אין שפּראַך אַליין, גופא אין שפּראַך? ניין, דאָס איז ניט מעגלעך. שפּראַך איז אַ לבוש פון אינהאַלט. געגליכן צו אַ פלאַש אָנגעפילט מיט עפּעס און דאָס צעטל אויפן פלאַש דערקלערט וואָס עס איז אין פלאַש פאַראַן. וויכטיק איז דער אינהאַלט ניט דאָס צעטל. און דער אינהאַלט פון יידישן לשון איז דאָס גאַנצע שטעטלשע לעבן. יידיש לשון איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט דעם יידישן אינהאַלט אין אייראָפּע און איז געבליבן עד־היום דער וואָרטאויסדרוק פון אָט דעם שטעטל.

עס האָט זיך ביי יידן אויפגעהאַלטן העברעיִש. מיט וואָס? מיט וואָסערע כּוחות? — מיט דעם וואָס ס'איז געווען „לשון־קודש" — ניט די הייליקע שפּראַך, נייערט „די שפּראַך פון הייליקייטן". עס איז געווען די שפּראַך פון דאַווענען, פון לערנען. העברעיִש לשון איז איצט אין גרויסער חשיבות צוליב מדינת ישׂראל, אָבער ניט געקוקט אויף אָט דער חשיבות, ניט געקוקט אויף דעם כּסדרדיקן לער־נען, וואָס אַלע לערנען „עברית", איז דאָך די מערכה פון העברעיִש אין די גלותן שטאַרק געפאַלן. כּל־זמן די שפּראַך העברעיִש איז געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט

הייליקייטן, כל־זמן עס איז געווען לשון פון קודש און דאָס קודש האָט געהערשט אין אַלע גלותן, איז אויך דאָס לשון פון דעם קודש געווען הערשעריש שטאַרק. אָן דעם קודש אין לעבן, בלייבט אויך דאָס לשון הקודש הענגען אין דער לופטן, על בלימה. האָבן יידן דאָך ניט פאַרגעסן, ניט פאַרוואָרפן אויך אַראַמיש; האָבן יידן דעם תרגום „מעביר געווען" אַלע וואָך צוזאַמען מיט דער סדרה, שנים מקרא ואחד תרגום, האָבן יידן די הייליקסטע תפילות, ווי קדיש, געזאָגט און זאָגן אין אַראַמיש, און כל־נדרי, וואָס הייבט אָן דעם הייליקסטן טאָג ביי יידן, יום־כיפור, איז אין אַראַמיש. צי מען פאַרשטייט יאָ, צי מען פאַרשטייט נישט די מאָדנע ווער־טער, גרייט עס צו אַלע יידן צו דעם טאָג פון יום־כיפור. האָבן יידן לאַנגע דורות געלערנט גמרא אין אַראַמיש, האָבן יידן „געזופט" דעם „זוהר" אין אַראַמיש. כל־זמן עס איז געווען קודש ביי יידן, האָט מען ניט געדאַרפט לערנען קיין עברית, קיין תרגום. דאָס לשון איז געווען די כלי פון דעם קודש. קיין פאַרזיכיקע קדושה האָט ניט קיין לשון. האָבן אָבער וועלטלעכע חסידים פון יידיש לשון ניט מקדש געווען קיין יידישע אינהאַלטן, האָט אויך די כלי פון די יידישע אינהאַלטן ניט קיין כוח פון קיום. האָט אויך דער שטאַרק געלערנטער עברית ניט קיין כוח אין די גלותן. ניט דאָס לערנען אין שולן און אין אולפּנים קען איינהאַלטן אַ לשון.

און דאָס איז דער וועג פון קדושה ביי יידן: קודם־כל, קיין קדושה פאַלט ניט אַראָפּ פון הימל, ניט גאָט גיט די קדושה פון זיינע הייכן. דאָס פאָלק פאַר־הייליקט די אינהאַלטן און צוזאַמען מיט די אינהאַלטן אויך די שפּראַך. האָבן לע־בעדיקע דורות אַ געפיל פון הייליקייט צו עפּעס אַן אינהאַלט; ווערט עס דאָס פאָלק געדענקען און איינהיטן. האָט דאָס געטאָ־ליד „זאָג ניט קיין מאָל" אַ ניצוץ פון קדושה אויך ביי די יידן וואָס האַלטן ניט פון יידיש. האָט אָבער די שטאַרקע, די העכערע „איכה" פון אונדזער היינטיקן חורבן, יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" דערצו ניט זוכה געווען, אַפילו ניט קיין איינציקער פראַגמענט! דאָס פאָלק האָט ניט מקדש געווען. פאַר וואָס — ווייס איך ניט. הייליקייט ליגט אין געפיל פון פאָלק, האָבן וועלטלעכע יידן ניט אַריינ־געגעבן קיין קדושה־געפיל אין יידישע שאַפונגען, האָט עס ניט אויף וואָס זיך צו האַלטן. כדי דאָס פאָלק זאָל קענען פאַרהייליקן עפּעס, מוז עס האָבן אַליין הייל־קייט, דאַרף דאָס לעבעדיקע פאָלק אַליין זיין פאַרהייליקט, טייער. אַז דאָס פאָלק איז ליב, זיינען זיינע שאַפונגען ליב און טייער. און הייליקייט איז אַ מדרגה פון טייערקייט. האָבן העברעיִשע שולן אַ פאַרקערטן גאַנג: ניט ליב מאַכן דאָס פאָלק, נאָר „שולל זיין", אָפּלייקענען און אָפּוואַרפן די שאַפונגען פון פאָלק. האָבן די יידישע שולן ניט פאַרהייליקט קיין שאַפונגען פון פאָלק. אַז ניטאָ קיין אינהאַלטן, טאָ צו וואָס די פלאַשן? אַז זיי זיינען גאָר ליידיק. זיינען ביי וועלטלעכע יידן געווען זייטיקע, צייטווייליקע הייליקייטן, וואָס די שולן האָבן געזאָלט איינפלאַנצן

— סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, אויסוואָרצלען הייליקייטן — איז דאָס ווידער געוועז ניט דער וועג איינצוהיטן פאָלקישקייט.

אַזוי אַרום שטייען מיר פאַר אַן אָפענער סכנה: כדי צו לעבן דאַרף יידישקייט זיין פאַרהייליקט. ניטאָ אָבער קיין באַציִונג אַזאַ ביי לעבעדיקע יידן. איז דער עצם קיום פון יידישן פאָלק אין סכנה. אין אַלע גלותן און אַפילו אין דער מדינה קען גאַנץ מעגלעך זיין עס זאָל אויפקומען גאָר אַ ניי פאָלק, אַ „ישׂראלים־פאָלק" וואָס איז ניט קיין המשך און וויל ניט זיין קיין המשך פון יידישן פאָלק.

איך שרעק דאָ קיינעם ניט, איך מאַך ניט אַן סתם אַ שרעק. די סימנים פון אונטערגאַנג זיינען שוין בולט קלאָר איצט: אַט זיינען זיי — אין אַלע נייע יישובים אין דער וועלט שטאַרבט אָפּ דאָס יידישע לשון. ווען אַ פאָלק ווערט געבוירן, נעמט עס אַפילו פרעמדע ווערטער און עס ווערט פון זיי אַן אייגענע שפּראַך. ווען אַ פאָלק שטאַרבט אָפּ, פאַרלירט עס קודם־כל זיין אייגן לשון. דאָס איז דער ערשטער גרויזאַמער סימן. דאָס פאָלק הערט אויף צו זיין שעפעריש. ניטאָ מער קיין פאָלקלאָר. אַן פאָלקישער שעפערישקייט הערט אויף אויך די יחידישע שאַפונג. ניטאָ מער קיין יידישע שרייבערס, קיין דיכטערס אין גאַנץ מערב־אייראָפּע, אין די נייע יישובים אין דער וועלט. עס ווערט אָפּגעשוואַכט די פאַרבינדונג פון די יישובים צווישן אַנאַנד. ניטאָ מער קיין געמיינזאַמע פּראָבלעמען ביי די פראַנצייזישע און אַמעריקאַנער יידן. איטלעכער יישוב גייט זיך באַזונדער. לענגער האַלט זיך צדקה — די אוראַלטע יידישע צדקה. זי פאַרבינדט די נעמערס מיט די געבערס, זי באַהעפט צווישן זיך אויך די געבערס אין פאַרשיידענע מדינות. ביי היינטיקן טאָג איז דאָס מדינת ישׂראל — די פאַרבינדערקע צווישן די יישובים. ווי לאַנג דאָס קען זיך ציִען אַזוי? — בכל־אופן ניט קיין צו לאַנגע צייט. דער כאַראַקטער פון דער צדקה אין דער צייט פון אונטערגאַנג איז דאָך תּמיד — פאַר אַנדערע, אַליין דאַרף מען שוין ניט, ניטאָ קיין אָרטיקע, קיין אייגענע באַדערפעניש פון דעם אָרטיקן קאָלעקטיוו. דאָס יידישע פאָלק אין אייגענעם יישוב דאַרף שוין ניט קיין צדקה, ניטאָ קיין קאָלעקטיווע אינטערעסן מער. לענגער האַלט זיך די רעליגיע. זי האָט אָבער אַן אַנדער כאַראַקטער, זי רעדוצירט זיך צו אַ גאָטעסדינסט אין טעמפּל. אין אַ לעבעדיקן שיידט די רעליגיע אָפּ יידן פון אַנדערע רעליגיעס, אין אַן אונטערגייענדיקן יישוב — איז נאָר די רעליגיע די גאַנצע יידישקייט. אַלץ איז רעליגיע, אָדער רעליגיע איז אַלץ אין יידישקייט, גאָר די יידישקייט. ניט קיין וווּנדער, וואָס פרעמדע באַאָבאַכטער קוקן אויף אָט די יידן ווי אויף פאָסילן. ציט זיך עס אַזוי, ביז דער דור פאַרגעסט דעם יידישן אָפּשטאַם.

אַ צווייטער גרויזאַמער סימן פון אַלגעמיינעם אונטערגאַנג איז די פּשוטע סטאַטיסטיק, די צאָל יידן אין יעדער יישוב באַזונדער און אין אַלע בכלל. יידן פאַרמערן זיך ניט מער. די צאָל יידן אין ענגלאַנד, למשל, איז געוואָרן קלענער

ווי עס איז געווען פֿריִער. ניט נאָר איז לאַנדאַן געוואָרן אויס קולטור־צענטער, וואָס האָט געשפּרודלט מיט יידיש, מיט קולטור, נאָר עס ווערט בכלל ווייניקער יידן אין דעם גאַנצן לאַנד. מער אָדער ווייניקער איז דער זעלביקער מצב אין אַלע נייע יישובים.

פֿראַנקרייך איז אַן אויסנאַם, ווייל עס איז צוגעקומען אַ גרויסע צאָל יידן פֿון צפֿון־אַפֿריקע. אָבער דער אַקטיווער, דער שעפֿערישער טייל פֿון דער אַלגע־מיינער צאָל יידן — דער יישוב פֿון מיזרח־אייראָפּע איז גוואַלדיק „איינגעשטילט" געוואָרן. ניטאָ מער די שפּרודלדיקע אַקטיווקייט אויף אַלע געביטן פֿון קולטור און געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואָס דער דור אימיגראַנטן האָט אַנטוויקלט.

דער גרויסער, דער גרעסטער יידישער יישוב אין אַמעריקע האָט אויך אויפֿגעהערט צו וואַקסן אין צאָלן. מען רעדט שוין קלאָר וועגן פֿאַרמינערונג פֿון דער צאָל יידן אין אַמעריקע, וועגן גרויסע צאָלן משומדים, וועגן אויסיידישונג אָן שמד, וועגן אַ פֿאַרקלענערונג פֿון דער צאָל ביישטייערערס פֿאַר יידישער צדקה, וועגן דער נויטווענדיקייט איבערצוגיין צו געדונגענע אָנגעשטעלטע אויף אַלע געביטן פֿון יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, ווייל עס פֿעלן אויס יידן מיט כּללישע, קהלישע אינטערעסן. עס איז פֿאַטאַל קליין די צאָל יונגע יידן אין אַלע געביטן פֿון יידישן לעבן, הן אויף יידיש, אַזוי אויך אויף ענגליש, אַפֿילו אויף ענגליש.

דער 19טער י״ה איז געווען דער יאָרהונדערט פֿון קאָלאָסאַלער, פּירפּאַכי־קער פֿאַרמערונג פֿון יידישן פֿאָלק אין צאָלן. דער 20סטער י״ה איז פֿאַרקערט — אַ טאָטאַלע פֿאַרמינערונג פֿון יידן אין דער וועלט. די גאַנצע פֿאַרמערונג איז גע־ווען אויפֿן חשבון פֿון מיזרח־אייראָפּע, וואָס איז איצט חרוב. די גאַנצע אַקטיוו־קייט אויף אַלע געביטן איז געקומען פֿון דאָרטן.

איין אויסנאַם אין דעם כּלל — די מדינה. אָבער — צי איז די מדינה — דאָס פֿאָלק?

דאָס איז היינט דאָס בילד פֿון אַלע נייע יידישע יישובים. און קיין אַלטע זיינען דאָך ניטאָ. אויך דער יישוב אין ארץ־ישׂראל וועט מער ניט זיין קיין יידי־שער, ווייל ישׂראל איז ניט יהודה און ישׂראלים זיינען ניט קיין יהודים. וואָס עס וועט זיין ווייס איך ניט, אָבער קיין המשך פֿון יידישער פֿאָלקישקייט וועט דאָרטן ניט זיין.

וואָס איז אָבער די ראָל פֿון אַ יחיד — אַ לערער — אין אָט דעם אונטערגאַנג־פּעריאָד? איך שטעל די פֿראַגע וועגן זיך אַליין. איך בין יאָ געבענטשט מיט יאָרן אַרבעט. איך בין אויך ניט קיין יחיד, איך בין בלויז איינער פֿון אַ סך, פֿון אַ דור. זיי האָבן אָבער ניט דערלעבט צו קענען מאַכן אַ סך־הכּל. דאָס איז אויך ניט קיין פֿראַגע פֿון אַ יחיד, עס איז אַ פֿראַגע פֿון אַלערליי סיסטעמען אין יידישער דער־ציִונג; עס זיינען ביי יידן פֿאַראַן אַזוי פֿיל סעקטאָרן און אַלע גייען זיי באַזונדער,

איטלעכע גרופּע — איר וועג. ווי זעט אַן אַלטער לערער איצט אָט די וועגן, וואָס ער איז יאָ אָדער ניט מיטגעגאַנגען?

שולן

קודם־כּל יידישע שולן, שולן פאַר יידישע קינדער געבויט און אויסגעהאַלטן פון יידן זיינען געווען נאָר אין רוסלאַנד — אַ מדינה וואָס האָט ניט געהאַט קיין שולצוואַנג. יידן האָבן געהאַט אַן אוראַלטע טראַדיציע צו בויען שולן פאַר זיך — חדרים, איז עס ניט קיין וווּנדער וואָס זיי האָבן געבויט שולן פאַר זיך באַזונדער. דער חדר איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון שטעטל, ער איז געווען דורך און דורך צוגעפּאַסט צום אינהאַלט פון שטעטלשן לעבן. ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די עמיגראַציע פון שטעטל אין שטאָט אַריין און אין אַנדערע לענדער, האָט דער חדר אויפגעהערט צו באַפרידיקן די באַדערפעניש. האָבן יידן גענומען בויען שולן מיט אַ ברייטערן אינהאַלט. גאָר אַ נייער געביט — שולן פאַר מיידלעך — אַ נייעס וואָס דאָס שטעטל האָט לגמרי ניט געוווּסט כּמעט. די ערשטע שולן האָבן זיך אָנגעהויבן צו שאַפן נאָך אין אָנהייב פון ניינצנטן י״ה. אָבער ווי אַ מאַסן־דערשיינונג האָבן זיך די יידישע פּריוואַטע שולן, געזעלשאַפטלעכע שולן אַנטוויקלט ערשט אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן י״ה. קאָעדוקאַציע־שולן זיינען געווען וויניק, דאָס רוב זיינען געווען באַזונדער פאַר מיידלעך און פאַר ייִנגלעך. די שולן פאַר מיידלעך זיינען געשטאַנען פּעדאַגאָגיש העכער. זיי האָבן ניט געהאַט קיין טראַדיציע פון חדר, וואָס עס האָבן יאָ געהאַט די שולן פאַר ייִנגלעך, און מען האָט ניט געפונען קיין וועגן ווי צו באַפרידיקן אַלע באַדאַרפן.

די ערשטע דריי יאָר פון מיין לערעריי זיינען געווען אין אַ „רעפאָרמירטער תּלמוד־תּורה״, איך וואָלט זיי געוואָלט פאַרגעסן: די שול איז ניט געווען קיין שול און איך בין ניט געווען קיין לערער. וואָלט איך געבליבן אין אָט דער דאָזיקער תּלמוד־תּורה, וואָלט איך זיכער געבליבן אַ... תּלמוד־תּורה־מלמד. האָט זיך אָבער געמאַכט אַז איך האָב די תּלמוד־תּורה אין קאַלטן צפון פאַרביטן אויף אַ מיידלשול אין דרום־רוסלאַנד, וואָס איז געווען דאָס פאַרקערטע פון תּלמוד־תּורה. בלויז פרויען האָבן געקאָנט שאַפן אַזאַ שול מיט אַזוי פיל ליבע און געטרייקייט. ניט אומזיסט האָט זיך די שול אין איר צייט גערעכנט פאַר איינער פון די מוסטערשולן אין יידישן שולוועזן בכלל. די שול איז געווען די שטאָלץ פון יישוב און „ענדיקן מאַרגאַליסעס אוטשילישטשע איז אַ האַלבער נדן״ — פלעגן זאָגן די מאַמעס פון די קינדער. מאַרגאַליס איז געווען דער נאָמען פון דער גרינדערין פון שול — די פרוי פון אַ דערפאָלגרייכן דאָקטאָר. דערציילן וועגן דער שול

וואָלט געווען ניט דאָס אָרט דאָ. איך האָב דאָרטן געלערנט „יידישע לימודים" און נאַטור־וויסנשאַפט. אויב עס איז פאַראַן אַ פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט, איז דאָס געווען פאַר מיר — די פיר יאָר וואָס איך האָב דאָרטן געאַרבעט — (1912־1916). דאָ בין איך געוואָרן אַן „אָנערקענטער" מעטאָדיסט פון נאַטור־לימוד, דאָ האָב איך זיך „אָפּגעשמדט" פאַר אַ יידישיסט מיט אַ סך פאָדערונגען צו זיך. דאָ האָט זיך אויסגעאַרבעט ביי מיר די אמתע לערערישע אידעאָלאָגיע און דער אידעאַל פון אַ יידישער שול בכלל. די נאָטיצן מיינע פון דער שול מיט מיין פּעדאַגאָגישער קאָרעספּאָנדענץ מיט קאַנשטאַמען האָב איך געלאָזן אין קיִעוו, אין דעם פּעדאַגאָגישן יידישן מוזיי, וואָס מיר האָבן געגרינדעט ביי דער „קולטור־ליגע" דאָרטן. דאָרטן האָב איך דערפילט וואָס עס הייסט ליבע פון קינדער צו אַ לערער. איך פלעג געפינען מיינע קאַלאָשן אָפּגעוואַשן פון די שרעקלעכע אוקראַיִנער בלאָטעס, צוקערקעס אין די קעשענעס פון מאַנטל וכדומה.

צי האָב איך אַ סך אויסגעלערנט מיינע תלמידות ווייס איך ניט, נאָר זיי האָבן מיר אויסגעלערנט מער פון אַלע מיינע לערערס. מיין אַוועקגיין פון דער שול איז געווען אַ גאַנצער תשעה־באָב. אָבער עס איז געווען פאַר מיר אַ גליק: אין אַ פאָר יאָר אַרום איז די שול געשלאָסן געוואָרן דורך די קאָמוניסטן, די רייכע גרינדערין פון דער שול — די מאַרגאָליס — האָט געלעבט פון פאַרקויפן אירע קליידער צו פּויערישע ווייבער און די אָנפירערינס פון דער שול זיינען באַזייטיקט געוואָרן. דאָ גאָר ניט לאַנג האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון פילאַדעלפיע, ווו אַן עלטערע פרוי, אַ באָבע פון אייניקלעך פרעגט זיך נאָך צי דער שרייבער א. גאָלאָמב איז עס דער זעלביקער וואָס איז אַ מאָל געווען אַ לערער אין דער שול אין גאָלטע און מען האָט אים גערופן לויטן רוסישן שטייגער „אַבראַם לייבאָוויטש" ?

דער יאָר אַרבעט אין פּעטראָגראַד אין אַ יידישער שול דאָרטן האָט מיר געגעבן בלויז באַקאַנטשאַפט, צוגעבונדן מיך צו „מיינע" יידישע קינדער מיט יידיש אין מויל און אין האַרצן. אַזוי אַרום בין איך געוואָרן אַ מעטאָדיסט פון נאַטור־לימוד, אַ לערער פון לערערס אויף די פּילצאָליקע קורסן, וואָס מיר האָבן געשאַפן צוצוגרייטן לערערס פאַר די פּילצאָליקע שולן פאַר קינדער נאָך דער רעוואָלוציע. דאָס עצם זיין אין פּעטראָגראַד אין די טעג פון קערענסקיס רעוואָלוציע האָט מיך אויך געלערנט עפּעס: די יידישע רעוואָלוציע מוז געשאַפן ווערן פון יידן אַליין. בין איך געלאָפן פון פּעטראָגראַד קיין קיִעוו און פון קיִעוו, נאָך עטלעכע יאָר אַרבעט און מיט אַ פאַרלוירענעם גלויבן אין פרעמדע רעוואָלוציעס — גאָר קיין פּוילן. די רוסן זאָגן עס „פון פייער אין פלאַם אַריין".

דערווייל האָט מען געגלייבט. דער חורבן פון אַ גלויבן איז ווייטאָגדיקער ווי אַ חורבן פון פּאַקטישע אויפטוען. אַזוי בין איך מגולגל געוואָרן פון רוסלאַנד

קיין פוילן, פון לערעריי אין פאָלקשולן צו דעם דירעקטאָרן־אַמט פון ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר, וואָס מיר האָבן אויפגעבויט נאָך דעם חורבן פון יידישן לערער־סעמינאַר אין קיִעוו, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געשלאָסן. דער ווילנער לערער־סעמינאַר האָט אָבער עקסיסטירט צען יאָר, האָט געהאַט זעקס אַרויסלאָזן, דער קיִעווער האָט ניט דערלעבט צו האָבן אַפילו איין אַרויסלאָז. געלאָפן בין איך פון רוסלאַנד אין טראַנטעס אַנשטאָט בגדים, מיט איין נאָזטיכל, אַ בת־יחידה, אָבער מיט אַ פּאָר כתב־ידן און מיט אַ חלום, אַ פּעדאַגאָגישן חלום פון אַ שול געגרונטפעסטיקט אויף פּרינציפּן פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען... עס איז גע־ווען צופעליק דווקא גוט, וואָס איך האָב וועגן דעם ניט גערעדט, ניט געשריבן אין רוסלאַנד: איך וואָלט געקאָנט דערפאַר באַצאָלן צו טייער פאַרן ניט נאָכגיין נאָכן אָפיציעלן גלויבן אין „אַרבעטשול". פאַרזייט איז עס אַלץ געווען אַ מאָל אין גאָלטער שול. דער אוניווערסיטעט אין קיִעוו האָט מיר געגעבן גאָר ווייניק, אויפן שפּיץ מעסער.

צען יאָר יידישער לערער-סעמינאַר

די צען יאָר אַרבעט אין דעם ווילנער לערער־סעמינאַר האָבן מיר געגעבן גאָר אַ סך. עס איז אַ פראַגע צי איך האָב דאָס געדאַרפט, צי איך האָב עס גע־קענט אויסנוצן אין מיין ווייטערדיקער אַרבעט, צי עס האָט מיר געהאָלפן אין דער אַרבעט אָדער פאַרקערט, עס האָט מיר די אַרבעט נאָך שווערער געמאַכט — דאָס אַלץ איז אַ גרויסע פראַגע, אָבער פאַר זיך האָט מיר דער סעמינאַר געהאָלפן אויס־אַרבעטן אַ גאַנצן פּעדאַגאָגישן אני־מאמין. לכתחילה אָנגעקומען אין סעמינאַר נאָר צו פירן די זומער־קאָלאָניע, וואָס איז פאַרטראַכט געווען ווי אַ געניטונג אין לאַנדווירטשאַפט. איך האָב אָבער אין דער קאָלאָניע געזען אַ מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן מיין פּעדאַגאָגישן חלום: וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן ווי אַ וועג אין דערציִונג און לערנען. און די אַרבעט האָט זיך גרינג געלאָזט פירן: קיין שום קעגנערשאַפט מצד די לערערס, אַ זעלטענע יידישע יוגנט, אַ וויסנגיריקע און אַן אַרבעטסגיריקע, וואָס איז ניט געשעדיקט מיט דעם פאַרלאַנג צו „ענדיקן", מיט אַרבעטן ווייל מען „פאַרגיט" עס און עס איז נייטיק, כדי צו ענדיקן, פּטור צו ווערן... דאָס אָרט — זייער גינסטיק, גרינג געפאָרשט און געלערנט צו ווערן. געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, אַז פאַרגעסן אַפילו צו שרייבן בריוו, צו קריגן בריוו. עס איז פאַר מיר איצט אַ פראַגע, צי האָב איך ניט געזינדיקט? צי האָב איך ניט פאַרנאַרט יונגע ווילע יידישע מענטשן אין אַ נאַרישן גלויבן? עס איז דאָך ניטאָ קיין איין יידישע שול אויף דער וועלט פון דעם מין, ווי מיר

האָבן אין יענע צייטן געחלומט! יידן אין אַלע נייע יישובים האָבן עס ניט אָנגע־נומען, ניט געטראַכט עס אָנצונעמען. איך וואָלט דאָך בעסער געדאַרפט זאָגן דער יוגנט: אַנטלויפט, כּל־זמן איר זייט יונג, כּל־זמן איר קענט. איז עס ניט געווען קיין פאַלשער גלויבן?

איך וועל דאָ ניט שרייבן קיין גענויע אָפּהאַנדלונג וועגן יענער אַרבעט, וועגן יענע חלומות. בשעתו האָב איך געשריבן, געווען געדרוקט. לאָמיר דאָס לאָזן אָבער. צוזאַמען מיט דעם גרויסן חורבן זיינען אויך חרוב געוואָרן חלומות, גלויבונגען, אפשר נאַיִווע, פאַלשע גלויבנס. מיר האָבן אָבער געגלייבט ערלעך, מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דעם כּוח פון אַ טיפן גלויבן אין יידישן פאָלק. אונדזער טעות איז געווען וואָס מיר האָבן געגלייבט אין פעלקער, אַז זיי וועלן אונדז לאָזן לעבן, לאָזן זיין אַ פאָלק פאַר זיך אין לענדער וואָס געהערן צו זיי. מיר האָבן אויך גע־גלייבט, אַז יידן ווילן זיין אַ פאָלק פאַר זיך אין פרעמדע לענדער. אָבער צי זיינען מיר דען געווען די איינציקע פאַרגלייבטע אין די צוויי עלעמענטן פון אונדזער יענעם פאַלשן גלויבן?

מיר האָבן אין סעמינאַר געגלייבט און געבויט אַ חלום פון אַ שול וואָס איז ביז היינט נאָך ניטאָ. די שולן אין אַמעריקע זיינען וויט היינטערשטעליק לגבי דעם וואָס מיר האָבן געבויט, געחלומט צו בויען. עס איז געווען אַ פּעדאַגאָגישע אמונה אין דער צוקונפט פון דער וועלט. אָט האָבן יונגע יידן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר דער דאָזיקער אמונה. עס לעבן פינף געענדיקטע תּלמידים פון ערשטן אַרויסלאָז. קיינער אַרבעט ניט אין אַזאַ שול, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט גאָר ניט געבויט אַזוינע שולן, גאָר ניט געטראַכט צו בויען אַזוינע שולן. געבליבן לעבן זיינען בלויז די וואָס זיינען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, פון פּוילן, נאָך אין יענע צייטן. אויסגעהרגעטע יונגע מענטשן און אויסגעהרגעטע גלויבנס...

געדאַנק און וואָרט

איך האָב אין סעמינאַר געדאַרפט פאָרמולירן מיינע פּעדאַגאָגישע אידייען אין ווערטער, אין זאַצן. האָב איך געמוזט געבן אַ טעאָריע פון אַ וועלטבאַנעם, האָב איך געדאַרפט פריִער פאַר זיך קלאָר מאַכן. אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז אויס־געאַרבעט די אידעאָלאָגיע וואָס איך האָב שפּעטער געקאָנט פאָרמולירן אין מיינע ביכער. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער עמבריאָן פון אַ וועלטבאַנעם. ער איז, ווי מיר דאַכט זיך איצט, ניט בלויז מיינער, איך האָב נאָר אים געדאַרפט פורעמען און פאָרמולירן, אָבער אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן אין סעמינאַר. דער אָנהייב פון אַן אני־מאמין, וואָס איך האָב שפּעטער פאָרמולירט אין מיינע אַלע ביכער. ביז היינט

פּרוביר איך כּסדר אַלץ בעסער, אַלץ קלאָרער אַרויסזאָגן מיינע אידעען, וואָס זיינען אין משך פון דער צייט, אין משך פון דעם חורבן אַלץ קלאָרער געוואָרן. אָבער ביז היינט האָב איך נאָך ניט זוכה געווען צו קענען קורץ, אין עטלעכע פּשוטע זאַצן אַרויסזאָגן דאָס אַלץ וואָס עס טוט זיך אין געפיל. ניט ריכטיק דער זאַץ אין נייעם טעסטאַמענט, אַז „צום אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט", אַז דאָס וואָרט איז דער בראשית. בראשית איז דאָס געפיל, אָן ווערטער, ניט געפורעמט, ניט פאָרמולירט. אָבער פון געפיל ביז צום געדאַנק איז זייער ווייט, פון פילן ביז זאָגן, ביז שרייבן, איז פאַלג מיר אַ גאַנג. קודם־כּל שטערט דאָס דעם עצם וואָרט, וואָס איז זעלטן אַדעקוואַט צום געדאַנק. דער געדאַנק איז ווידער גאָר זעלטן איינשטימיק מיט דעם געפיל. עס פּלאָנטערט זיך אַריין אַזוי פיל פרעמדע, אָנגע־נומענע ווייטע אידעען. אָט די פּאַרטיקע, פאָרמולירטע ווערטער, זאַצן, גלויבנס פּאַרטונקלען דאָס אייגענע געפיל, פאַרפּלאָנטערן עס. נאָך דעם קומט דער אייגענער צענזאָר, דער אָנגענומענער צענזאָר. די ווערטער זיינען פון דער אַלגעמיינער שפּראַך, זעלטן שטימען זיי מיט דעם געדאַנק וואָס איז אָפט אינדיווידועל. ווייט ניט אָפט שטימען די ווערטער פון דער אַלגעמיינער שפּראַך מיט די אינטימע פּריוואַטע געדאַנקען. נאָך ווייטער איז דער געדאַנק פון געפיל, וואָס איז אַלע מאָל אינטים, פאַרזיכיק, ניט געגלידערט, ניט סיסטעמאַטיזירט.

פון דעם אָנהייב, פון אינטימען געפיל ביז צו אַרויסגעזאָגטן קלאָרן, פאָרמו־לירטן וואָרט איז גאָר אַ ווייטער מהלך. ניט אַלע מאָל באַווייזט אַ דענקער אַרויס־צוזאָגן, אויסצופורעמען, צו פאָרמולירן אַלע זיינע געדאַנקען אין קלאָרע זאַצן. דורך זיין גאַנץ לעבן אַפילו. דאָס בוך, די אַרויסזאָגונגען פון אַ שרייבער זיינען אַלע מאָל אַ סך אָרעמער ווי זיינע געדאַנקען, די געדאַנקען זיינע זיינען ווידער אַ סך אָרעמער פון זיינע געפילן.

און נאָך אַלעמען קומען לייענערס און נעמען אויף די ווערטער ווידער לויט זייערע אָנגענומענע, איינגעפּעסטיקטע אידעען. שרייבערס און לייענערס זיינען ווידער צוויי וועלטן. שווער זיך צו פאַרשטענדיקן!

וועל איך פּרובירן דאָ געבן דעם אלף־בית פון דעם וועלטבאַנעם; איך גלייב ניט אַליין אַז דאָס וואָס איך וועל דאָ אָנשרייבן איז אַדעקוואַט צו דעם וואָס איך דאַרף און וואָס איך וויל זאָגן.

אַ פּרווו צו פאָרמולירן

פעלקער זיינען, פון דער נאַטור, אַזוי ווי סאָרטן ביי חיות און געוויקסן. ניט מענטשן האָבן אויסגעטראַכט פעלקער, ניט מענטשן קענען זיי ענדערן, איבער־

מאַכן, בייטן. פעלקער זיינען, ווי אויך סאָרטן, אַ פּראָדוקט פון לאַנגע היסטאָרישע באַוווסטזיניקע און — נאָך מער — אומבאַוווסטזיניקע אַנטוויקלונגען. פעלקער האָבן באַזונדערע, אייגנטימלעכע אייגנשאַפטן וואָס זיינען לגמרי ניט אָפּהענגיק פון ווילן און פון באַוווסטזיין. דאָס זיינען פיזישע און פיזיאָלאָגישע אייגנשאַפטן, פונקט ווי סאָרטן. ביי מענטשן, ביי פעלקער, הייסט עס, זיינען זיי אויך באַגלייט מיט פּסיכיק, מיט פאַרשיידענע פּסיכישע אייגנשאַפטן. זיי זיינען אָבער אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון ווילן און פון וויסן. זיי זיינען אין יעדערן פון אונדז, זיי זיינען אָבער עלטער פון אונדז, עלטער פון דער גאַנצער קולטור אונדזערער, פון אונדזער וויסן, עלטער פון דער גאַנצער שריפטקולטור פון פאָלק, זיי שטאַמען פון יענע צייטן איידער דאָס פאָלק האָט גאָר געהאַט אַ שריפטקולטור.

עס איז געוואָרן מיין טיפער גלויבן, אַז יעדער ווילקיקע אַסימילאַציע איז ניט מער ווי אַ גרים, וואָס אַן אַרטיסט טוט אָן אויף זיין פּנים כדי צו שפּילן אַ ראָלע פון אַ צווייטן.

אַסימילירטע יידן קענען ניט זיין שעפעריש, אַפילו ווען זיי זיינען אָנערקענטע גדולים אין דער נייער קולטור זייערער, און אָט פאַר וואָס: יעדער שעפערישקייט איז אַ פּראָדוקט פון אַנצאָליקע דורות; עס שאַפן אין מענטשן אַלע דורות פון זיין פאָלק. דער אַסימילירטער שעפער איז געוויס טאַלאַנטירט, אָבער די אייביקע דורות זיינען פרעמדע. וועט אַ באַריס פאַסטערנאַק, אַ נאָבעל־פּרייז־געווינער אין רוסישער ליטעראַטור, ניט אַריין אין דעם אוצר פון רוסישער ליטעראַטור, ווי יוליאַן טובים — דער בעסטער פּוילישער פּאָעט אין זיין צייט, וועט דאָך בלייבן אָן אַ זייט פון דער פּוילישער פּאָעזיע. און אַזוי ווייטער.

אַ סך שעפערישע נאַטורן ביי יידן זיינען געבליבן אויפן האַלבן וועג! ניט דערגאַנגען צו שעפערישע מעגלעכקייטן פון זייער פּערזענלעכן טאַלאַנט. ניט ווי יידן און אויך ניט אין דער קולטור פון דעם צווייטן אַדאַפּטירטן פאָלק.

מיר קענען ניט וויסן וויפל טאַלאַנטירטע מענטשן זיינען געבליבן אומשעפעריש מחמת אַסימילאַציע. אָט די טאַלאַנטירטע אָבער אומשעפערישע מענטשן זיינען פרום געטריי דער אַדאַפּטירטער קולטור, זיי האַלטן אין איין באַזוכן טעאַטערס, קאָנצערטן, זיי לערנען און לייענען כסדר און זיי זעטיקן זיך ניט אָן, ווייל זייער גייסטיקער „פאַרדיי־אַפּאַראַט" קען ניט פאַרדייען, פאַראייגענען אָט די פרעמדע קולטור־שאַפונגען. אמתע אָרגאַנישע אַסימילאַציע מוז זיך אָנהייבן ניט פון קולטור־שאַפונגען, נאָר פון שטייגער־קולטור, וואָס איז אָן ווערטער. דערפאַר קען זיין אַ רייד פון אַסימילירטע יידן יחידים (אָדער גאָר קליינע מינדערהייטן), וואָס לעבן אין משך פון דורות צווישן דעם הערשערישן פאָלק. גרעסערע מינדערהייטן קענען זיך ניט אַסימילירן לגמרי.

וואָס איז געווען אונדזער „אמונה־אידעאַל", וואָס האָט אונדז אַזוי באַגייס־טערט און געמוטיקט, אָבער וואָס האָט ניט אויסגעהאַלטן? איך דערמאָן זיך ניט צי עס איז אין יענע יאָרן געווען אַ קורצע פאָרמולירונג, אַ מין „אני מאמין", וועל איך עס פּרובירן איצט מאַכן מיט מיינע איצטיקע פאָרמולירונגען:

1. יידן אין דער גאַנצער צעשפּרייטונג זייערער איבער לענדער און מדינות זיינען אַ פאָלק פאַר זיך, באַזונדער — אַ וועלטפאָלק, ניט קיין לאַנדפאָלק, דאָס ערשטע וועלטפאָלק. מיט דער צייט וועלן אויך אַנדערע פעלקער ווערן צעשפּרייט און ווערן וועלטפעלקער. ניטאָ קיין לאַנדגרענעצן פאַר פעלקער.

2. דאָס יידישע וועלטפאָלק ציט ווייטער זיין אייגענע קולטור, וואָס וואַרפט אָפּ פאַרעלטערטע עלעמענטן און אַסימילירט די גאַנצע וועלט־קולטור און אַלע וויסנשאַפטן, ווי דאָס טוען אַלע לאַנדפעלקער. ניטאָ מער קיין יידישע און אַלגע־מיינע לימודים אין שולן. איז מאַטעמאַטיק, למשל, פיזיק, ניט ווייניקער יידיש ווי אַ בלאַט גמרא.

3. דער סימן מובהק פון יידישער פאַרזיכיקייט איבער דער גאַרער וועלט איז די אייגענע פאַרזיכיקע שפּראַך — יידיש, אָבער ניט ווי אַ נעגאַציע צו העברעיִש, נאָר ווי אַ המשך פון דער קולטור־פאַרזיכיקייט, וואָס דאַרף אַריינ־נעמען אַלע מענטשלעכע שאַפונגען.

4. יידישקייט איז ניט בלויז רעליגיע. זי איז וועלטלעך אין זינען פון אַל־וועלטישקייט, זי אַסימילירט און פאַריידישט די קולטור פון גאַר דער וועלט. וועלטלעכקייט איז ניט קיין נעגאַציע פון רעליגיע, נייערט עס איז דער ערשטער עטאַפּ אין דער פאַרדייונג פון וועלטקולטורן. ווען זיי וועלן ווערן אין גאַנצן אַסימילירט, וועלן זיי ווערן אויך פאַרהייליקט, ווייל הייליקייט מיינט ניט פון גאָט, נייערט פון פאָלק. וואָס עס איז דורותדיק פאָלקיש — דאָס איז הייליק.

5. די יידישקייט פון די אַלע געביטן פון דער גאַרער וועלטישער קולטור דריקט זיך קודם־כל אויס אין דער יידישער שפּראַך. אָבער ווייט ניט בלויז אין דער שפּראַך. איטלעך פאָלק נעמט אויף די וועלטישע קולטור לויט זיין גייסט. אויך יידן דאַרפן און וועלן אַריינבנעמען די וועלטישע קולטור לויט דעם ספּעציפישן יידישן גייסט.

6. שאַפן יידישע קולטור קען בלויז אַ מענטש וואָס האָט אין זיך אַריינגע־זאַפּט די יידישע בעל־פה־קולטור פון דורות. די וואָס האָבן זיך אָנגעלערנט נאָר מיט יידישקייט שבכתב, אָבער ניט מיט דער בעל־פה־קולטור, זיי קענען בלויז רעפערירן וועגן יידישקייט, זיי קענען זיין געשיכטלערס, פאָרמולירערס פון געשאַ־פענע יידישקייט, אָבער אַליין שאַפן אין גייסט פון יידישקייט — דאָס ניט. דער־פאַר האָבן מיר ניט אין די נייע יישובים קיין יונגע שעפערס, קיין פּאָעטן, קיין בעלעטריסטן.

דאָס זיינען די אַלגעמיינע פּונקטן פון אונדזער גלויבן אין יענע צייטן. לויט דעם אידעאַל האָבן מיר געאַרבעט און געבויט אונדזערע שולן.

איך זע איצט, אַז אַזאַ אידעאַל האָט געקאָנט זיך שאַפן און אַנטוויקלען אין אַ געאָגראַפישן געביט פון עטלעכע סובאָרדינירטע פעלקער, ווי עס איז געווען דאָס אַזוי גערופענע „יידישלאַנד". דער אידעאַל איז אונטערגעגאַנגען, ווען די סובאָרדינירטע פעלקער זיינען אַליין געוואָרן לאַנדפעלקער.

דער אידעאַל פון יידן ווי אַ וועלטפאָלק צווישן אַנדערע וועלטפעלקער האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון דער צייט: ניטאָ קיין וועלטפעלקער, יידן גופא זיינען אין אַלע לענדער געניייגט מער צום לאַנד ווי צום יידישן פאָלק. אַ סך יונגע לעבנס האָט געקאָסט דער גלויבן אין דעם אידעאַל. אָבער צי האָט זיך דער אידעאַל אין גאַנצן אויסגעוועפּט ביי די וואָס זיינען צופעליק געבליבן? איך בין זיך מודה, אַז ביי מיר ניט. שווער אַרויסצורייסן פון זיך אַן איינגעוואָקסענעם אידעאַל. איך גלייב נאָך אַלץ אין ספּעציפישן יידישן גייסט. איטלעך פאָלק מיט זיין גייסט. אַלע קונסטן מוזן אַנטפּלעקן דעם פאָלקישן גייסט. וויניקער איז עס קענטיק אין וויסנשאַפטן, אָבער אויך אין זיי אַנטפּלעקט זיך דער גייסט פון פאָלק.

וואָס עס איז שייך צו מיין דירעקטן געביט פון פּעדאַגאָגיק בין איך איבער־צייגט עד־היום, אַז די בעסטע דייטשישע, למשל, פּעדאַגאָגיק טויג ניט פאַר יידן, און אַז אַ יידישער פּעדאַגאָג מוז גיין אין אייגענע, פאַרזיכיקע וועגן. און מיר דאַכט זיך, אַז אין מיינע קורסן פון פּעדאַגאָגיק בין איך יאָ געגאַנגען אויף אונדזערע ספּעציפישע יידישע וועגן. די יידישע שולן וואָס זיינען געבויט געוואָרן אין דער גאָר קורצער תּקופה זיינען געווען אין אָט דעם גייסט, אַפילו ווען די לערערס דירעקט האָבן עס ניט געפילט. גייַסט איז בכלל ניט אָפּהענגיק פון ווילן, אַפילו ניט פון וויסן. יידישע פּעדאַגאָגיק, ווי אויך יידישע פּסיכאָלאָגיע איז לגמרי ניט סתּם קיין פּעדאַגאָגיק אין יידיש, קיין פּסיכאָלאָגיע אין יידיש וכדומה. צו קורץ איז געווען די תּקופה, דער יידישער גייסט זאָל זיך בולטער אַרויסוויקלען און קלאָר ווערן. צו קורץ געווען די צייט, איך זאָל פּרובירן פורעמען שריפטלעך די טעאָריע פון אַ יידישער וועלטלעכער און וועלטישער פּעדאַגאָגיק. עס וועלן אויך תּלמידים דאָס ניט שאַפן: ווו זיינען די תּלמידים? ניט די חלומות, ניט די ערשטע שפּראָצן, ניט די תּלמידים. — חורבן!

קולטור-צענטערס

געוועזן צייטן — און גאָר ניט לאַנג צוריק — ווען מען האָט ביי אונדז גע־רעדט און געגלייבט אין דעם, אַז די וועלטלעכע קולטור האָט אירע דריי צענ־

טערס — ניו־יאָרק, וואַרשע און מאָסקווע. ניו־יאָרקער שרייבערס זיינען געפאָרן צו גאַסט צו די יידישע שרייבערס פון וואַרשע און מאָסקווע. געווען אַ זאָרג ווי צו פאַרבינדן, באַהעפטן אַלע דריי צענטערס. געווען אין יענע צייטן קאָנקורענטן, וואָס האָבן געוואָלט פּרעטענדירן אויף נאָך צענטערס: פאַר וואָס זאָל מען ווילנע ניט האַלטן פאַר אַ פאַרזיכיקן צענטער? האָט זלמן רייזען מיט זיין גאַנצן טעמפּע־ראַמענט געקעמפט פאַר זיין ווילנע, אַז זי איז אויך אַ צענטער פאַרזיך. האָבן אויך יידישע שרייבערס פון טשערנאָוויץ און פון אַרום געוואָלט אויך זיך רעכענען פאַר אַ באַזונדערן צענטער פון וועלטלעכער יידישער קולטור. זיינען יידישע שריי־בערס און קולטור־טוערס געפאָרן קיין פּאַריז צום קולטור־צוזאַמענפאָר (1937). זיינען אַ גרויסער טייל פון זיי געווען פאַרגלייבט אין מאָסקווע: פון דאָרטן וועט קומען די גאולה פאַר דער וועלט בכלל און פאַר יידן בפרט, אויך... אָבער אַ טייל זיינען געפאָרן אָן דעם גלייבן אין די מאָסקווער משיחים. זיי האָבן געגלייבט אַז יידן, יידיש פאָלק אַליין איז בכוח צו בויען אין דער וועלט אַ פאַרזיכיק יידיש לעבן און אַ פאַרזיכיקע יידישע קולטור. יידן לעבן טאַקע אין אַלע לענדער ניט פאַרזיך, זיי לעבן אײן און דעם זעלביקן לעבן און שטייגער וואָס אַנדערע פעל־קער, אָבער דאָך וועלן זיי אַליין, אָן אַ מלוכה־אָרגאַניזאַציע, פאַר זיך יאָ אויפבויען אַן אייגענע, פאַרזיכיקע קולטור. די אַנדערע האָבן געגלייבט, אַז יידן אַליין וועלן עס ניט קענען, אָבער מאָסקווע וועט עס מאַכן מיט איר כוח, מיט איר מלוכה־מאַכט.

צווישן די פאַרגלייבטע אין מאָסקווע זיינען אויך געווען צוויי מינים. פאַר איין טייל איז די תורת־מאָסקווע פאַרזיך געווען דער עיקר־קאָמוניזם, און דער קאָמוניזם וועט שוין במילא אויפבויען אויך די יידישע קולטור אַזוי ווי זי בויט די קולטורן פון אַלע פעלקער אין גרויסן רוסלאַנד; פאַר די אַנדערע איז יידיש־קייט געווען דער עיקר און מאָסקווע איז דער גוטער געציייג, וואָס וועט טאָן די אַרבעט, וואָס וועט העלפן בויען די וועלטלעך־יידישע קולטור... פאַרשיידן איז גע־ווען דער גלויבן, געגלייבט האָבן אָבער אַלע.

כ׳דערמאָן זיך מאַקס עריקס (דעמאָלט אין ווילנע) אַ פּראָגראַם־רעדע מיט דעם ברייטן פאַרנעם, ממש אַ מלוכה. כ׳דערמאָן זיך ווי מיינעם אַ טעות, אַן עבירה, מיינע אַ רעדע פאַר יונגע תלמידים וואָס האָבן געגלייבט אין מיר און אין מיינע רייד (אין ווילנער לערער־סעמינאַר) וועגן דער אַלוועלטלעכקייט פון יידישער קולטור (ווען מאַנגער איז אַראָפּגעקומען קיין ווילנע): אַ גאַנצע וועלט מיט באַ־זונדערע פעלקער, און מיר יידן צווישן זיי און דאָך איין פאָלק מיט איין און דער זעלביקער קולטור וואָס נעמט און דערנערט זיך מיט די אַלע אָרטיקע קולטורן און זי בלייבט דאָך איינע — די אַלוועלטלעכע יידישע קולטור... אַ שיינע אידעע: איין איינציק אַלוועלטלעך פאָלק. צי איז עס אָבער געווען אַ ריכטיקע אידעע?

צי קען זיין ריכטיק? ווער עס האָט געגלייבט אין פעלקער, אַז זיי וועלן העלפן בויען יידישקייט און ווער עס האָט געגלייבט אין אייגענע כּוחות פון יידישן פאָלק. אָבער געגלייבט האָבן מיר אַלע. און איך — ווי איך בין געווען פאַרליבט אין דער נאַטור, פלעג נאָך ברענגען אַ ראיה פון דער נאַטור: אָט איז אַ סאָזשלקע, פול מיט באַשעפענישן. די באַשעפענישן אָבער זיינען ניט פון איין געשטאַלט, פון איין מין, נייערט זיי זיינען ווי זייער פילאָגענעטישע געשיכטלעכע אַנטוויקלונג האָט זיי באַשאַפן. איטלעכע באַשעפעניש געראָטן אין זיינע עלטערן און אורעלטערן. אַלע פּאַסן זיך צו צו דער סאָזשלקע, אָבער זייער אייגענע נאַטור ווערט אָפּגעהיט... אויך מיר זיינען אין אַלע פאַרשיידענע לענדער, צווישן אַלע פאַרשיידענע פעלקער דאָך איין פאָלק, איין באַזונדער פאָלק, ווי אונדזער אוראַלטע געשיכטע האָט אונדז אויסגעפורעמט...

אַוועק אַ ביסל יאָרן, און אַלע אונדזערע טעאָריעס זיינען בטל געוואָרן, חרוב געוואָרן אונדזערע חלומות, אונדזער אמונה אין זיך און די אמונה אין פעלקער: די פעלקער האָבן אונדז ניט געהאָלפן, נאָר זיי האָבן חרוב געמאַכט אונדז מיט אונ־דזערע חלומות צוזאַמען. ניטאָ דער מאָסקווער צענטער, טאָפּל חרוב איז געוואָרן דער וואַרשעווער צענטער און דער ניו־יאָרקער צענטער גייט אויך אונטער, שוין כּמעט ווי אונטערגעגאַנגען, ניטאָ שוין. ניט מען האָט אים חרוב געמאַכט, ער איז אַליין אויסגעגאַנגען און ניטאָ. און חרוב געוואָרן זיינען אויך די אַלע זייטיקע קליינע צענטערס וואָס האָבן פּרעטענדירט אויף פאַרזיכיקייט — ניטאָ.

אַלע צענטערס זיינען חרוב

אַלץ איז חרוב געוואָרן. שטעלט זיך אַ פראַגע: זיינען דאָס אַלע אונדזערע יידן געווען אַזוי נאַיִוו צו קענען גלייבן אין גלויבנס אָן אַ באָדן? אָן אַ זיכערקייט? ווי האָבן מיר דאָס ניט געפילט און ניט פאַרשטאַנען אַז מיר זיצן אויף אַ ווולקאַן, וואָס קען אויפרייסן צו יעדער מאָמענט? איז דער תּירוץ — די טעאָריעס זיינען אַלע געווען אַ תּולדה פון פאַרלאַנגען, עס האָט זיך אונדז געוואָלט גלייבן. עס האָט קענטיק געפעלט גלויבן און ווילן צו זיין אַליין, צו גיין אַליין, צו בויען אַליין אַן אייגענע וועלט. האָבן די טעאָריעס געדאַרפט פאַרענטפערן די אייגענע פאַרלאַנגען.

איז ביי וואָס און מיט וואָס זיינען מיר געבליבן ביי היינטיקן טאָג? ווו האַלטן מיר? וואַרשע איז מער ניטאָ, ניטאָ אויף וואָס צו האָפן און ניטאָ אויף וועמען. ניטאָ קיין יידן אין וואַרשע, אין גאַנץ פוילן אַחוץ קליינע רעשטלעך. און מאָסקווע — האָט איוואַן חרוב געמאַכט, דער אַלטער, דער זעלביקער איוואַן, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן פיינט געהאַט יידן, האָט אויך אין זיין נייער רויטער יאַרמלקע

באַוויזן זיין זעלביקן רוסישן „קולאַק": איר זשידעס וועט אויף מיין טרויקע ניט מיטפאָרן. די שלאַנג האָט איר הויט געביטן און דעם גיפט געלאָזן.

און ניו־יאָרק? — דער צענטער איז אַליין פון זיך אונטערגעגאַנגען. די אַלטע, די געקומענע זיינען אויסגעשטאָרבן, אַלע אַוועק און קיין נייע, קיין יונגע זיינען ניט געקומען. פון וואַנען זאָלן זיי האָבן געקאָנט קומען? זיינען אויך די קליינע צענטערס אונטערגעגאַנגען, ניט געבליבן. פעלקער זיינען געוואָרן פאַר זיך בעלי־בתים, זיי ווילן ניט האָבן קיין יידישע שכנים. האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלע אונדזערע אַלטע היימען און די נייע? די נייע זיינען דערוויילי היימען פאַרן גוף, אָבער ניט פאַר דער נשמה. פעלקער האָבן געבויט היימען, פאַר זיך האָט מען גע־בויט, ניט פאַר קיין שכנים. יידן אַליין האָבן געבויט — אויך ניט פאַר דער נשמה פון פאָלק, עפּעס האָט מען ניט געוואָלט... אין ווילנע, אויפן פישמאַרק האָבן יידענעס געהאָט אַ קללה: „גאָט זאָל דיר געבן אַ נייע נשמה און די אַלטע זאָל ער וואָרפן פאַר די הינט..."

איז אָבער דאָ געווען פון אָנהייב אָן אַ טעות, פאַלש געלערנט דעם אייגענעם גאַנג, די אייגענע געשיכטע. אונדזער קולטור. די וועלטלעכע שטאַמט ניט פון דער רעוואָלוציע. זי איז ניט געבוירן געוואָרן אויף די באַריקאַדן. זי שטאַמט פון דער אַלטער קולטור, זי איז אַ כשרע טאָכטער פון דער אַלטער יידישער קול־טור, אפשר אויסגעטאָן די ציצית, דעם טלית־קטן, אָבער זי איז אַ פּרוכט, אויס־געוואַקסן אויף דעם אַלטן בוים. די גאַנצע נייע קולטור אונדזערע שטאַמט פון דער אַלטער, און די אַלטע איז געוואַקסן און איז אויסגעוואַקסן אין שטעטל. דאָס דורותדיקע יידישע שטעטל פון מיזרח־אייראָפּע — דאָרטן איז אונדזער קולטור געוואַקסן און זיך צעוואַקסן. זי איז געווען רעליגיעז ניט ווייל דאָס שטעטל האָט געלעבט מיט רעליגיע, נאָר פאַרקערט, די רעליגיע האָט פאַרהייליקט דאָס שטעטל, דאָס שטעטלשע לעבן איז געוואָרן די רעליגיע. ווער עס האָט אָפּגעוואָרפן דאָס שטעטל, האָט במילא אָפּגעוואָרפן גאָר די יידישקייט. דאָס שטעטל איז געווען מאָניסטיש. איינע, איין שטייגער און איין קולטור, קיין שום פרעמדס איז ניט געווען אין שטעטל. דאָס גאַנצע יידישע לעבן — ווי אַ טאָפּ מיט יידישן גע־קעכטס, קיין שום טראָפּן פרעמדס ניט אַריינגעשפּריצט אין דעם יידישן טאָפּ. דאָס גאַנצע לעבן, אַלע דעטאַלן פון לעבן האָבן געמוזט האָבן נאָר אַ יידיש פּנים, אַ יידישן אינהאַלט. און אַלץ איז איינגעוויקלט געוואָרן אין אַ רעליגיעז מאַנטעלע.

איז געקומען אונדזער דור, האָט ער געוואָלט „וועלטלעך" זאָל מען ווערן! האָט מען געדאַרפט נאָר דאָס רעליגיעזע מאַנטעלע אויסטאָן, האָט מען אָבער מיט דעם מאַנטעלע אויך דעם אינהאַלט אַרויסגעוואָרפן. איז געבליבן — גאָרניט. מיר האָבן אין יידישן לעבן געזען נאָר אַ קאָפּיע פון פרעמדן לעבן, פון פרעמדע איינ־האַלטן, און דעם אייגענעם אינהאַלט, די אייגענע פאָרמען האָט מען ווי פאַרלוירן,

פּאַרזען, ניט געוואָלט זען. האָבן מיר מיט איין מאָל געוואָלט אַן אייגענע רעוואָ־לוציע. דעם אוראַלטן יידישן כשר־טאַנץ פאַרוואַרפן און עס האָט זיך אונדז פאַר־וואָלט מיטטאַנצן דעם פרעמדן קאַזאַטשאָק... זאָגן זיי, אַז זייער טאַנץ קענען זיי אַליין, זיי דאַרפן אונדז ניט. ...איז געזעסן אַ יידישער געלאַסענער, מאָדערנער מלמד ביי די ברעגן פון ניעמאַן־טייך און געחלומט אַ חלום פון אַ נייער יידישקייט, איז אים זיין יידישקייט ניט געפעלן, האָט ער אויסגעטראַכט אַ תנכישע יידיש־קייט פון יענע פּאַרצייטיקע יידן. איז אַרויס אַ ראָמאַן, אַ פּאַרצייטיקער „אהבת ציון״, אָבער זיין זון — דער דאָקטאָר, האָט שוין טאַקע קיין יידיש ניט געקאָנט, ער איז אָבער געוועזן ניט קיין פּאַרצייטיקער „תנך־ייד״, נאָר אַ פּאַררוסישטער, כּלומרשטער רוס. און אַזוי איז אַוועק ווייטער.

כּלומרשט אַ רוס, אָדער אפשר איז ער שוין טאַקע קיין ייד ניט געוועזן? און ער איז ניט געוועזן קיין אויסנאַם. פאַרקערט, אַזוי איז געוועזן דער שטייגער, ניט בעסער ביי אַלעמען.

אין וואָס איז געוועזן דער כּוח פון שטעטל

אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אייגנס, אַלץ קומט פון שטעטל, אונדזער גאַנצער פאַרמעגן קומט פון שטעטל. מיטן אונטערגאַנג פון שטעטל איז אונטערגעגאַנגען אויך די גאַנצע יידישע קולטור. אין אורבאַניזם האָט זיך ניט געשאַפן קיין יידיש־קייט; קיינע אורבאַנישע יישובים אין דער גאַרער וועלט האָבן נאָך קיין יידישקייט ניט געשאַפן, פאַרקערט, אין אורבאַניזם גייט יידישקייט אויס, שטאַרבט אָפּ. יידן קענען נאָך בלייבן, אָבער קיין קאָלעקטיוו לעבן, קיין שעפעריש לעבן האָבן זיי שוין ניט. קיין פאָלק זיינען זיי שוין ניט.

אין וואָס איז אָבער באַשטאַנען דער כּוח פון שטעטל? אָרעמע שטעטלעך און רייכער גייסט — פון וואַנען? קליינע מענטשעלעך אין די מאַזעפּעווקעס און אין די קאַבצאַנסקן — און זיי טראָגן דורות קולטור, און זיי ברענגען און שאַפן קול־טור! און די שוואַכסטע פון די שוואַכע — די הארצים און די ווייבער — פון זיי שטאַמט די נייע קולטור. אָבער מיט וואָס פאַר אַ כּוחות? יוחנן וואַסער־טרעגער (ביי פּרצן) קען קיין עברי ניט, און ער פירט דעם אורח חיים! דער כּוח פון שטעטל איז געוועזן אין דער אויטאָנאָמער קולטור אין שטעטל. אַלע גרויסע יידן האָבן זייער קינדהייט פאַרבראַכט אין שטעטל. צי עס איז געוועזן דער ווילנער גאון, צי סאָקאָלאָוו אָדער וויצמאַן, צי רב חיים עוזר, אָדער שלום־עליכם און אַלע אַנדערע — אַלע האָבן זייער קינדהייט פאַרבראַכט אין שטעטלשן מאַניזם. אין אורבאַניזם ניטאָ מער קיין מאָניזם, איז מער ניטאָ קיין יידישע קולטור, ניטאָ מער

קיין שפּעררס פון קולטור. שלום־עליכם האָט ניט באַוויזן צו דערציילן ווי מאָטל פּייסיס ווערט אין אַמעריקע אַ גרויסער ייד. דערציילן דאָס איצט אַנדערע אין זייערע ביאָגראַפיעס — צי מען רופט זיי גאָלדמאַן, אָדער ווייסגאַל, אָדער ווייצמאַן, ווי עס איז — אַלץ איינס, אָבער דער כּלל בלייבט אַ כּלל: גרויסע יידן — פון קליין שטעטל.

דער אורבאַניזם האָט נאָך גאָרניט באַוויזן: ניטאָ אין אורבאַניזם קיין קול־טור־מאַניזם; ניטאָ קיין קולטור־פּאַרזיכיקייט.

צי קען זיין אין אורבאַניזם אויך אַ יידישער קולטור־מאַניזם? — איך גלייב אַז יאָ, עס קען זיין און עס וועט זיין, אָבער דאָס האָט שוין אַהער ניט קיין שייכות. דאָ דאַרף נאָר געזאָגט ווערן, אַז יידן האָבן ניט פאַרשטאַנען און זיי פאַרשטייען ניט ביז איצט, און זיי ווילן ווייטער ניט פאַרשטיין דעם כּוח פון שטעטל. מיט וואָס פאַר אַ האַס און ביטול די יידישע ליטעראַטור האָט עס גענומען אָפּלאַכן, אָפּחוזקן פון שטעטל! ווי מען האָט עס געזוכט יעדער פלעק און מען האָט יאָ געפונען. אַוודאי געפונען: אומעטום ווו מענטשן לעבן, איז אויך דאָ אַ מיסטקאַסטן. האָבן יידישע שרייבערס געזען דעם מיסטקאַסטן פון שטעטל, אָבער ניט דאָס שטעטל גופא.

צי קען אַ מינדערהייט זיך פירן און זיך פילן מאַניסטיש, אין זיך, פאַר זיך? איך בין איינגעגלייבט אַז יאָ. עס האָבן געלעבט יידן־יישובניקעס — איינציקע יידישע משפחות אין דערפער, אין הייפן, און זיי זיינען געווען אויסגעהאַלטענע יידן. דער אויפפּיר פון אַ מענטשן איז לגמרי ניט קיין פראַגע פון סטאַטיסטיק. עס איז אַ פראַגע פון אינעווייניקסטער פעסטקייט, פון דער מאָראַלישער באַציִונג צו זיך, צום אייגענעם אָפּשטאַם, צו דער אייגענער קולטור און טראַדיציע. איך קען זיין „איך" אומאָפּהענגיק צי איך בין צווישן טויזנט אייגענע, אָדער איך בין צווישן טויזנט פרעמדע. איך בין איך און קיין קאָפּיע פון די אַרומיקע. די גאַנצע טעאָריע פון אוממעגלעכקייט צו זיין אַ ייד אין אַ סביבה פון ניט־יידן איז בלויז אַ תירוץ. אין דער אמתן שטאַמט דאָס נאָכלויפן און נאָכמאַכן די פרעמדע נאָר פון דער אומאַכטונג וואָס יידן האָבן צו זיך און צו אַלץ וואָס עס איז יידיש. עס איז שווערער צו זיין אַן אויסגעהאַלטענער ייד, ווען אַרום זיינען ניטאָ קיין יידן, אָבער פון שווער ביז אוממעגלעך איז גאָר ווייט. יידישקייט הייבט זיך אָן אין די היימען. דאָ ווערט קיינער ניט געשטערט אין זיין אויפפּיר. און דער סאַמע לעצטער אויספיר איז — יידן קענען זיין פולע יידן אַפילו ווען זיי זיינען די קלענסטע מינדערהייט. אָבער אַז יידן האָבן גענומען בויען פאַר זיך — אַן אייגענע היים, האָט מען זי געבויט וואָס ווייטער פון שטעטל, ווי מעגלעך אַנדערש, עס זאָל חלילה קיין שמץ פון שטעטל ניט זיין, נאָך ערגער ווי חמץ אום פּסח. ערשט דאָ

איצט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז אָן דעם שטעטל איז אייגנטלעך קיין יידישקייט ניטאָ.

צוויי פֿאַלן דערמאָן איך זיך: אַ פֿרייטיק צו נאַכטס אין די דרייסיקער יאָרן, אַן אָוונט אין יאָשאַ חפץ־זאַל אין תּל־אביב. ד״ר יעקב שאַצקי דאַרף רעדן. דער־ווייל רעדט דניאל לייבל. עס איז אויף יידיש. מיט איין מאָל — פֿינצטער, די עלעקטריע איז אויסגעלאָשן, דורך די פֿענצטער אין פֿראָנט פֿליִען שטיינער. עמעצער איז פֿאַרבלוטיקט, געקומען פּאָליציי. קודם־כּל האָט זי געשלאָסן די פֿאַר־זאַמלונג... איך גיי אַהיים, די פֿיס זיינען ווי געליימט פֿון פֿאַרדרוס און ווייטיק. איך בין ניט לאַנג געקומען פֿון פּוילן. ענלעכע „אַרבעטן״ האָב איך דאָרטן, אין ווילנע, געהאַט פֿון פּוילישע סטודענטן. דאָ האָבן דאָס געטאָן יידישע גימנאַזיסטן אין נאָמען פֿון עכט־יידישער דערציִונג. פֿאַר מיר, אין מיטן גאַס, עס איז דאָך פֿרייטיק צו נאַכטס, קיין באַוועגונג אויף דער גאַס, גייען אַרומגענומען אין אַ שורה אַ פֿעקל גימנאַזיסטן, פֿריידיק, מען לאַכט, מען באַרימט זיך ווער עס האָט גע־וואָרפֿן מער שטיינער... „אויף די פֿאַרשאָלטענע יידישיסטן״... אַ באָמבע אין אַ יידישער דרוקערײַ. נאָך אַ סך אַזוינע זאַכן.

און אַ צווייטער פֿאַקט: אין אָנהייב פֿון די זיבעציקער יאָרן: אַ פֿאַרזאַמלונג אין ירושלים וועגן פֿאַרשטאַרקן די יידישע קולטור־אַרבעט. עס קומט דער נשׂיא פֿון דער יידישער מדינה, ער נעמט אַ וואָרט צו פֿאַרשטאַרקן, צו דערמוטיקן די אַרבעט: אָן יידישער קולטור קען, חלילה, דאָס גאַנצע פֿאָלק אונטערגיין... צו לאַנג האָט עס געדויערט ביז די ענדערונג איז געקומען.

איך ווייס ניט צי אַ סך יידן פֿילן די גאַנצע טראַגעדיע פֿון אָט אַזאַ פֿאַקט: עס זיינען געקומען פֿון רוסלאַנד עטלעכע יידישע פּאָעטן, אַ זינגערין. זיך אַרויס־געריסן! שווער איז עס זיי אָנגעקומען אַרויסרייסן זיך פֿון פֿאַרמאַכטן, פֿאַרשלאָ־סענעם רוסלאַנד אין דעם יידיש לאַנד אַריין... געקומען, מלא שׂימחה זיינען זיי. און זיי האָבן ניט פֿאַר וועמען אַרויסצוטרעטן, פֿאַר וועמען צו לאָזן הערן זייער יידיש וואָרט, זייער יידיש געזאַנג... די יוגנט, אין דער יידישער מדינה געהאָדעוועט, פֿאַרשטייט זיי ניט, וויל זיי ניט הערן. פֿרעמד און ווייט איז דער יוגנט דאָס יידישע וואָרט, געראַטעוועט פֿון רוסלאַנד... אויך עלטערע יידן ווילן ניט הערן דאָס וואָרט פֿון זייער פֿאָלק... דאָס פֿאָלק אין דער אייגענער היים וויל ניט וויסן, וויל ניט הערן דאָס וואָרט, דאָס געקלאַנג פֿון דעם אייגענעם פֿאָלק, פֿון די דורות... קען נאָך זיין אַ גרעסערע טראַגעדיע, אַ גרעסערע קללה פֿון אָט דעם? אַ פֿאָלק האָט זיך באַפֿרייט כּדי פֿיינט צו האָבן זיך אַליין... שווער איז דער גלות, די שׂינאה פֿון דער וועלט צו אונדז — נאָך שווערער, נאָך טראַגישער איז די שׂינאה פֿון יידן צו זיך אַליין...

...געוועזן זײַנען דרײַ צענטערס פון דער יידישער קולטור, זײַנען זיי אַלע חרוב געוואָרן, ניטאָ מער; צי וועט אויפוואַקסן אַ נײַער צענטער אין דער יידישער היים, וואָס יידן האָבן אויפגעבויט? אָדער אויך דאָרטן ווערט דאָס יידישע וואָרט פאַריאָגט און פאַרטריבן? — גאָט ווייס.

געלייענט מיט אַ צײַט צוריק אַ קליינע נאָטיץ אין אַ ישׂראל-צײַטונג: אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן די יידישע פאָלקסזינגערין וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון רוסלאַנד אין יידישן היימלאַנד אַרײַן. ווען זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען, האָט מען איר פון עולם ניט געלאָזט זינגען: מען וויל ניט הערן קיין יידיש ליד... אַ וויינענדיקע איז די זינגערין אַוועק פון זאַל... אַליין איז זי אַוועק, קיינער איז מיט איר ניט מיטגעגאַנגען, קיינער האָט ניט פּראָטעסטירט. פילט עמעצער די טראַגעדיע פון דעם פאַקט? — דאָס יידישע פאָלק ביי זיך, אין דער אייגענער היים וויל ניט הערן קיין יידיש ליד!.. אין גלות, צו די גלות-יידן איז די זינגערין יאָ געפאָרן, מיט דער ברכה פון גאָלדע. אָבער גאָלדעס ברכה איז גילטיק פאַר די גלות-יידן, אָבער ניט פאַר די יידן אין יידישלאַנד. ניט איוואַן זאָגט „ניעט" — ער דערלויבט ניט. ניין, דאָס זאָגן די ישׂראל-יידן „לא"! — זיי דערלויבן ניט, זיי ווילן ניט, זיי לאָזן ניט... איך האָב מער ניט געלייענט אין קיין ישׂראל-צײַטונג וועגן דעם צופאַל, קיין שרײַבער האָט זיך ניט אָפּגערופן, קיין ווײ-געשריי ניט געוועזן. שאַ, שטיל. עס איז נאָרמאַל, עס איז גוט אַזוי!.. איך ווייס ניט ווי אַנדערע יידן, נאָר איך, אַז איך דערמאָן זיך, ווילט זיך מיר וויינען אויף דעם פאַרשטומען וואָס ניט איוואַן צווינגט אַרויף, נאָר יידן אַליין זײַנען גוזר אויף דעם פאָלק.

מער ניט געלייענט וועגן אַ קאָנצערט פון דער זינגערין אין ארץ-ישׂראל. זי איז יאָ אַרויסגעטראָטן, אָבער אין קאָפּענהאַגן, ניט אין ירושלים... ניט געלייענט אַז גאָלדע זאָל האָבן מיטגעוויינט צוזאַמען מיט דער זינגערין, ווען זי האָט דערהערט וועגן דעם אויסברוך פון יידן צו יידישקייט. איך בין זיכער אַז גאָלדע האָט יאָ געוויינט, אָבער אין דער שטיל, יידן זאָלן ניט הערן, ניט דער־וויסן זיך, זיי זאָלן זי ניט פסלען צוליב איר גלותדיקייט...

אויך אַ יידישער פּאָעט, אַ געראַטעוועטער פון רוסלאַנד האָט געהאַט אין גלות-אַמעריקע קאָנצערטן... אין ישׂראל אָבער האָט ער ניט געהאַט קיין אַרויס־טריט... עס איז באַלד תשעה-באָב — יידן קלאָגן אויף חורבנות, וואָס אַנדערע מאַכן.

קער איך זיך אום צו זיך אַליין: מיט וואָס גיי איך אַוועק פון מײַן לערעריי? אָנגעהויבן ווײַט אין רוסלאַנד מיט מער ווי פופציק יאָר צוריק, מער ווי אַ האַלבער

יאָרהונדערט צוריק, אָנגעהויבן אין אַ צייט, ווען עס איז נאָך געווען דער תּחום מיט אַ געדיכטן ייִדישן יישוב, ווען עס האָבן נאָך געלעבט אוראַלטע ייִדישע שטעט־לעך, ווי פֿאַרזיכיקע אויסגעזונדערטע, אייגנאַרטיקע אינסן אָן אַ דירעקטער השפּעה פֿון דער סביבה. אַז „יורקע און פּעטרוק" זײַנען אין דער פּסיכיק פֿון ייִדן געווען דער סימבאָל פֿון אָנווערטיקע באַשעפֿענישן.

דער דאָרף מיט בראָנפֿן און דאָס שטעטל — מיט אַ בלאַט גמרא. שכנים אין שטח און אָפּגעטיילט אין קולטור אויף יאָרהונדערטער. די ירידה פֿון שטעטל האָט זיך שוין אָנגעהויבן, די יוגנט — דער מער באַוועגלעכער עלעמענט איז שוין אַוועק פֿון שטעטל אין שטאָט אַרײַן און נאָך ווײַטער ביז אין דער „צענטער אַמעריקע", ווער ווייס גאָר. דאָס שטעטל דאַרף שוין קענען אָנשרײַבן אַן אַדרעס, מען דאַרף אין שטאָט שוין האָבן עפּעס אין ייִדישקייט נאָך און נאָך עלעמענטן וואָס דאָס שטעטל האָט לגמרי ניט געוווּסט פֿון זיי. דער חדר האָט אויפֿגעהערט צו באַפֿרי־דיקן; אָנגעהויבן די לערערײַ אין אַ צייט ווען עס האָט זיך צעפּלאַקערט דער קאַמף צווישן די חסידים פֿון לשון־קודש און די אָנהענגער פֿון ייִדיש. יעדער לע־רער האָט געדאַרפֿט פֿאַר זיך באַשטימען ווער ער איז, צו וועמען ער געהערט. דרײַ ריכטונגען זײַנען געווען צווישן לערערס: געווען ייִדישע לערערס גוטע און געטרײַע רוסיפֿיקאַטאָרן, ווי דער קייסער און זײַן גאָט האָבן געבאָטן, געווען הע־ברעיִסטן: מען מוז זיך באַפֿרײַען פֿון גלות מיט אַלץ וואָס דער גלות האָט געשאַפֿן — און געווען די דריטע ריכטונג, וואָס מען האָט גערופֿן ייִדישיסטן. די רוסיפֿי־קאַטאָרן זײַנען געווען די צאַלרײַכסטע. די שטאָט האָט געדאַרפֿט האָבן די מלוכה־שפּראַך, און ייִדן, ווי עס איז זייער טבע, זײַנען תּמיד מער חסידים ווי דער רבי אַליין איז. די העברעיִסטן האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם ציוניזם מיט אַלע זײַנע חלומות, פּראָיעקטן און געזונטע יסודות. די ייִדישיסטן האָבן ניט געהאַט און ניט געזוכט אויף וואָס און אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן. מען האָט געלעבט אין נײַע לענדער, אין נײַע יישובים און מען האָט געמיינט, אַז מען איז אין די אַמאָליקע היימען. מען האָט געוואָלט יוצא צו זײַן מיט אַ בראָדעוויקע אויף אַ פֿרעמדער נאָז, וואָס מען האָט געמיינט יוצא צו זײַן מיט דער אָוונטשול, אַ פּאָר שעה אַ וואָך. אויסלערנען עטלעכע ווערטער ייִדיש און לאָזן דאָס גאַנצע לעבן ווי עס איז, אַ פֿרעמדס, ניט־ייִדישעס. און אויך די אָוונטשול האָט בלויז אַ קלײנער טייל פֿון די קינדער באַזוכט. האָב איך, אַ דאַנק גאָט, קיין מאָל ניט געאַרבעט אין אָט דעם סוראָגאַט פֿון אַ שול, קיין מאָל ניט געוואָלט מאַכן פֿון מײַן אַרבעט אַ מין פֿינפֿטן ראָד צום וואָגן.

האָב איך יאָ געאַרבעט אין אַלטן יישוב, אין רוסלאַנד און פּוילן, אין ארץ־ישׂראל איידער עס איז געוואָרן די מדינה, אין קאַנאַדע און אין מעקסיקע. אַלע מאָל אין טאָגשולן, קיין מאָל ניט אין קיין אָוונטשול, אויך אין אַמעריקע. איך טראַכט

איצט, אַז דער וואַנדערגייסט האָט מיך געראַטעוועט פון צו זען דעם חורבן פון מיין אַרבעט. ווען רוסישע קאָמוניסטן האָבן חרוב געמאַכט דאָס יידישע שולוועזן אין רוסלאַנד, בין איך שוין געווען אין פוילן, געווען זיכער, אַז אין פוילן בויען מיר אַ דבר של קיימא, באַצייטנס געלאָפן ווייטער. איך בין געלאָפן, די אַרבעט איז טאַקע חרוב געוואָרן. מיט וואָס געלאָפן? וואָס געראַטעוועט? — זיך געראַטעוועט, די אַרבעט איז אָבער אומעטום חרוב געוואָרן.

בין איך אָבער אַליין ווייט אויך ניט געבליבן גאַנץ מיט מיין גלויבן אין דעם כּוח פון יידישער דערציִונג. צי קען די יידישע שול אויסהאָדעווען פעסטע יידן, אַ פעסט יידיש לעבן אין די נייע יישובים? איך ענטפער מיט אַ קאַטעגאָרישן ניין. דאָס איז מער ניט מעגלעך. די נייע סיטואַציע פון יידן אין אַלע נייע יישובים פאָדערט גאָר אַן אַנדער צוגרייטונג צו זיין אַ ייד, צו לעבן אַ יידיש לעבן. דער רעוואָלט דאַרף גיין אין דער ריכטונג: ביז איצט האָבן שולן געלערנט יידישקייט, שולן האָבן געדאַרפט געבן יידישן וויסן, איצט דאַרפן יידישע שולן האָבן אין זינען ניט וויסן, נאָר שטייגער. שולן דאַרפן זיין אַ מין אָרדן צו פירן אַ יידישן שטייגער. איך אַליין האָב אין מיין שולאַרבעט אַוועקגעגעבן אַ סך צייט און ענערגיע אויף לערנען תּנך. מיר האָט זיך געוואָלט די קינדער זאָלן זיין באַקאַנט מיט די שענסטע שאַפונגען פון דעם יידישן פאָלק, מיט די נבואה. איך טראַכט איצט אַז דאָס איז אַ טעות: כּדי צו דערפילן די שיינקייט און די יידישע אידעאַלן און די נבואה דאַרף מען פריִער זיין אַ ייד. פאַר מיר איז די נבואה דאָס שענסטע, אָבער ניט פאַר די רויע און קנאַפּע יידן.

אַזוי איז דורך אַ לעבן אין דענקען און אין אַרבעט. אָבער דאָס יידישע לעבן איז געגאַנגען פאַרביי דעם אַלעם. איז אונדזער גלויבן אַלע מאָל געווען דורך און דורך פאָלקיסטיש. מיר האָבן אָבער אָט דאָס פאָלקישקייט ניט געבויט. צי האָב איך רעכט צו גלייבן אַז די פאָלקישקייט וועט ווען עס איז נאָך געבויט ווערן? גלייבן גלייב איך. דער טעאָרעטישער גלויבן בויט ניט. איך גלייב טאַקע, אַז אַן דער פאָלקישקייט איז ניטאָ און עס וועט ניט זיין קיין יידיש פאָלק. קען איך זיצן ביי דער שרייבמאַשין און דערציילן פון אַ גלויבן, אָבער מן הכּוח אל הפּועל ברענגט עס ניט.

זה חלקי מכּל עמלי: געלעבט אַ גאַנץ לעבן, געבליבן איינער פון אַ דור, פון אַ גרויסן דור זוכערס, און דאָס איז דער גאַנצער סכום, וואָס איז מיר געבליבן, וואָס די אַרבעט האָט מיר אויסגעלערנט. אַ גרויסע תּורה, פון דעם וואָס די רביים האָבן מיר געגעבן ביז דעם וואָס איך גלייב אין דעם איצט איז אַ מהלך רב. איך האָב עס אַליין געקראָגן, אַליין אַרויסגעטראָגן פון די אַלע שׂרפות וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, איבערגעטראָגן. אָבער עס איז אַלץ אַ תּורה אָן מעשׂים, אַ ברכה וואָס נאָך איר איז ניטאָ קיין עשׂיה — אַזאַ ברכה איז אַ ברכה לבטלה. אַ סך מער

זיינען גליקלעכער פון מיר: זיי זיינען געקומען מיט אַ תורה און זייער תורה האָט זיך יאָ אָנגענומען ביי יידן, אין דער מדינה און אין די גלותן. איך בין געבליבן ביי אַ תורה וואָס איז געגעבן געוואָרן, אָבער מען האָט זי ניט גענומען. עס איז ביי מיר אַ פּעדאַגאָגישע אמונה וואָס איז פון באַרג סיני ניט אַראָפּ. און דאָך גלייב איך.

לאָך זיך אויס פון מײַנע טרוימען,
לאָך אין גאַנצן אויס פון מיר;
וואָס איך גלייב נאָך אין דעם מענטשן...

(טשערניכאָווסקי — י. י. שוואַרץ)

גראָד נעכטן האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון ירושלים, אַז אויף אַ זיצונג פון גדולי ישראל איז געקומען דער נשיא מיט זיין פּרוי, און ער האָט מזרז געווען, פאַרלאַנגט, מען זאָל ענערגיש טאָן אין דער ריכטונג פון גלות־קולטור.

עס איז ניט קיין פראַגע מער פון שפּראַכן, פון אַ „ריב לשונות", עס איז אַ פראַגע: גלות־יידישקייט אָדער שלילת־הגלות. און עס איז אויך מיין גלויבן, אַז „עם תועי לבב הם"! אַ פאָלק האָט געבלאָנדזשעט. מיר גייען אונדזער אייביקייט און מיר בלאָנדזשען, אָבער איך גלייב, אַז מען קומט צוריק, מען קומט צו מיין טעאָריע, צו דער טעאָריע פון „בבל וירושלים", מיין נוסח איז אַ פּעדאַגאָגי־שער, פון אַ יידישן לערער. ווי דער מחבר פון „בבל וירושלים", וועל איך מסתמא ניט דערלעבן צו דעם מאָמענט, ווען די אנשי המעשׂה וועלן מקבל זיין אָט די תורה וואָס איז יאָ געגעבן געוואָרן, אָבער קיינער האָט זי ניט אָנגענומען, אַז זי וועט יאָ אָנגענומען ווערן. אָבער זי איז ביי מיר אַ תורה וואָס איך האָב זי אויס־געוויײטיקט אין משך פון איבער פופציק יאָר אַרבעט.

זי וועט דאָך אָנגענומען ווערן! וכן יהי רצון!

12

אָן אַן אידעאַל

אידעאַל און אידעאָלאָגיע

יעדער לעבעדיקער מענטש וואַרט און האָפט אויף בעסערס אין צוקונפט, היינט איז עס ניט גוט, אָבער עס וועט זיין בעסער. איז דער מענטש אַקטיוו, בויט ער זיין בעסערע צוקונפט, איז זיין גאַנצע אַרבעט געווענדט אָט צו דער בעסערער צוקונפט. איז דער מענטש ניט אַקטיוו, האָפט ער דאָך אויף אָט דער בעסערער צוקונפט. דאָס איז דער אידעאַל. ווען אַ מענטש הערט אויף צו וואַרטן אויף אַ בעסערער צוקונפט, דעמאָלט איז ער שוין אַלט, אַן אָפּגעלעבטער מענטש. זיין לעבן האָט מער ניט קיין זינען, אומעטיק איז דאָס לעבן אָן אַן אידעאַל, אָן אַ חלום וועגן אַ מאָרגן, וועגן אַ בעסערער צוקונפט. אָן אַן אידעאַל אויף מאָרגן האָט דער היינט ניט קיין זינען. לעבן מיינט שטרעבן, אָן דעם קומט די פראַגע: „צו וואָס לעב איך?״ — ניטאָ מער קיין זינען צו לעבן.

אַן אידעאַל קען זיין ברייטער און שמעלער. איינער קען טראַכטן נאָר וועגן זיך אַליין, וועגן זיין פּריוואַטן מאָרגן. אַזאַ עגאָיִסט פאַרלירט זייער גיך דעם זינען פון זיין לעבן. עס קען זיין אַ ברייטערער אידעאַל — פאַר די קינדער און משפחה בכלל. פאַר דעם איז שוין די עלטער נישט שרעקלעך. ער איז אַלט, ער האָט שוין נישט אויף וואָס צו האָפן, דערפאַר אָבער העלפט ער זיינע קינדער, זיי זאָלן האָבן אין זייער לעבן דאָס, וואָס ער האָט נישט געקענט דערגרייכן. עס קען זיין

נאָך אַ ברייטערער אידעאַל — פאַרן לאַנד, פאַרן פאָלק. איך גלייב אַז דער ברייט־סטער אידעאַל איז געווען ביי די יידישע גרויסע נביאים — פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר אַבסטראַקטע אידייען. אידעאַל — די פאָרשטעלונג און דער פאַר־לאַנג צו אַ בעסערן מאָרגן, צו דער צוקונפט.

דער פּלאַן, די וועגן, די מעטאָדן ווי צו דערגרייכן דעם אידעאַל — דאָס איז די אידעאָלאָגיע. אידעאַלן און אידעאָלאָגיעס הייבן אַרויס דעם מענטשן פון דעם גאַנצן כלל אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן. אידעאַלן און אידעאָלאָגיעס שאַפן אַ זינען פאַרן לעבן פון יחידים און גרופּעס.

„אַ געלערנטער פיזיאָלאָג, וואָס האָט נישט קיין אַלגעמיינע אידייען, קיין פילאָסאָפיע פון זיין געביט, קען נישט פאָרשן אַפילו די נערוונשפּיצן פון אַ פיסל ביי אַ פליג". אַזוי האָט געשריבן אַ באַרימטער פיזיאָלאָג אין אָנהייב פון יאָרהונדערט (מאַקס פערוואָרן).

אַ צווייטער באַרימטער געלערנטער אין זיין צייט, אַ פּיטאָפּיזיאָלאָג, האָט קריטיקירט אַ פאַכמאַן וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַ גאַנץ לעבן נאָר געפאָרשט און באַשריבן, ער האָט זיך נישט פאַרנומען מיט שאַפן טעאָריעס.

זייער אַ פעיִקער יידישער היסטאָריקער האָט אַ מאָל געטענהט, אַז ער זעט די אויפגאַבע פון זיין לעבן אין קלייבן פאַקטן. ער זעט אָבער נישט קיין באַדאַרף צו שאַפן היסטאָריאָסאָפיעס... און עס איז געווען פאַלש: אָדער דער מענטש האָט געהאַט אַן אידייע, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זי אַרויסברענגען פאַר דער עפנט־לעכקייט, אָדער ער איז געווען בלויז אַ ציגלברענגער כדי אַנדערע זאָלן קענען פון די ציגל בויען אַ בנין. אַן אמתער היסטאָריקער פאָרשט און זוכט דעם בנין פון זיין פאָרשונג, ער זוכט די געזעצן פון דעם לעבן. אָט זיי — די געזעצן — העלפן אים בויען די טעאָריע פון דער צוקונפט.

צוויי תּקופות אין יאָרהונדערט

אין אָנהייב יאָרהונדערט זענען ביי אונדז אויפגעקומען דער רוב אידעאַלן און אידעאָלאָגיעס — יידישע און אַלגעמיינע. טעאָרעטיקערס האָבן דיסקוטירט, פּאָלעמיזירט, זיך געהיצט, געבויט אידעאַלן און אידעאָלאָגיעס פאַר דער וועלט און פאַרן אייגן פאָלק. דער אויבן דערמאָנטער היסטאָריקער האָט שוין געלעבט אין אַ צווייטער תּקופה, נעענטער צום מיטן פון יאָרהונדערט. נאָכן שטאַרקן אויפ־ברויז אין צייט פון גייסטיקן צופלוס, איז געקומען אַן אָפּפלוס, אַ צייט פון שטיל־שטאַנד. אַ סך אַלטע טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס זענען צעבראָכן געוואָרן: קיינער האָט דאָך נישט געקאָנט פאָרויסזען דעם טראַגישן גאַנג פון אונדזער געשיכטע.

קיין נייע טעאָריעס, קיין נייע אידעאָלאָגיעס ווערן נישט געשאַפן. דער דור איז נישט מסוגל. אָט שרייבט מיר אַ יונגער געלערנטער ייד, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע שוין מיט אידעאַלן און מיט אידעאָלאָגיעס. ער האָט זיך טאַקע באַלד אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, און ער איז איינער פון אונדזערע אַקטיווע טוערס.

„די געשיכטע פון גייסטיקן לעבן ביי יידן און גויִים איז די געשיכטע פון אומפאַרשטייענישן. איינער פאַרשטייט נישט דעם צווייטן. אַזוי אידעאָלאָגיש און אַזוי אויך פערזענלעך... איך, על כל פנים, באַנעם נישט וואָס איר ווילט: ווו זאָלן מיר אייך געבן אַן אידעאָלאָגיע? ווי אַזוי באַשאַפט מען עס איבער נאַכט? וואָס ווילט איר? אַן אַסיפה? זיי קריכן שוין אונדז פון האַלדז. אַ קאָנפערענץ, אַן אידעאָלאָגישע? די וועלט — די יידישע און די גויִישע צו גלייך — איז שוין מיד פון אידעאָלאָגיעס... אויך דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם, און דער אַנאַרכיזם און דער קאָמוניזם האָבן זיך פאַרלירן אַ גרויסן אָדער דעם גרעסטן טייל פון זייער אינהאַלט, ציל, פּראָגראַם. אַזאַ צייט איז עס, אַן אומאידעאָלאָגישע תקופה".

דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף מיינער אַ ווענדונג קלאָר צו מאַכן דעם ציל וואָס צו אים שטרעבט אַ געוויסע אַרבעט.

וואָס לערנט אָט אַזאַ בריוו

איך בין זיך מודה: מיר איז געוואָרן קאַלט פון דעם בריוו. עס קומט אויס, אַז מען טוט און מען ווייסט נישט צו וואָס, מען רעדט און מען שרייבט און מען וויל נישט וויסן צו וואָס דאָס רעדן און דאָס שרייבן צילט. מען טוט עפּעס און מען טראַכט נישט ווי די אַרבעט, וואָס מען טוט היינט, דאַרף זיך אַריינפּאַסן אין דעם מאָרגן. יחידים אָדער גרופּעס טוען באַזונדערע זאַכן, און עס איז נישטאָ קיין אידייע וואָס זאָל פאַרבינדן אָט די אַלע באַזונדערע טוונגען. אַ סך באַזונדערע אונטערנעמונגען פאַר יידישער קולטור. זייער פיין, זאָל געבענטשט זיין די אַרבעט — ווו איז דער אַלגעמיינער ציל און פּלאַן פאַר די אַלע באַזונדערע אַרבעטן און פּראָיעקטן? עס קומט אויס ווי באַזונדערע בויערס בויען באַזונדערע ווינקעלעך פון אַ בנין און מען טראַכט נישט ווי עס דאַרף אויסזען דער בנין בכלל, און צו וואָס ער דאַרף דינען.

און אָט דער „אַנטי־אידעאָלאָגישער" בריוו איז דאָך נישט אַראָפּגעפאַלן סתם פון הימל. אָט טענהט צו מיר אַן עלטערער פאַרטיימאַן: „וואָס ווילט איר פון מיר?

איך בין אַ פּאָר און זעכציק יאָר אַ מיטגליד אין מײַן פּאַרטיי, געווען אַ ייִנגל און אַלט געוואָרן אין דער פּאַרטיי. איז טאַקע נישטאָ אין אַמעריקע מער קיין אַרבעט פאַר אונדז? טאָ וואָס זאָל איך טאָן? ווו זאָל איך זיך אַהינטאָן? די רעשטלעך פון מײַן פּאַרטיי זענען פאַר מיר ווי רעשטלעך פון אײַער ווילנע. איר קענט זיך אָפּ־רײַסן פון אײַערע זכרונות? אָט האַלטן מיר זיך צוזאַמען, מען לעבט זיך אַזוי אויס, און געענוג. מײַנט איר אַז אַנדערש ווו איז בעסער? אומעטום אַזוי, אין אַלע פּאַר־טייען נישט בעסער"... דאָס זענען געווען אויפריכטיקע רייד פון אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט שוין נישט קיין אידעאַל, און אויך נישט קיין אידעאָלאָגיע. נישט פאַר זיך, נאָר פאַר זײַן גאַנצער פּאַרטיי. עס איז אַן אָפּגעלעבטע ריכטונג. מען לעבט מיט זכרונות, מען שרײַבט די געשיכטע פון חרוב געוואָרענע שטעטלעך און חרוב געוואָרענע פּאַרטייען און ריכטונגען.

חורבות פון אַן אידעאָלאָגיע

אָבער וואָס איז מיט דעם נײַעם לעבן? מיט אָט דעם לעבן וואָס מען האַלט איצט אין בויען? עס קומט אויס ווי וועגן דעם וואָלט מען גאָרנישט געטראַכט, גאָרנישט פּרובירט זאָרגן עס זאָל זיך דאָ נישט קענען איבערחזרן דאָס, וואָס עס איז געשען אַנדערש ווו. עס עקסיסטירן די ריכטונגען פון דער אַלטער היים, פון אויף־יענער־זײַט־ים. די נעמען פון די ריכטונגען זענען די זעלביקע, אָבער דער אינהאַלט? וועגן אַן אינהאַלט זאָרגט מען נישט. דאָס ייִדישע לעבן אויף דער וועלט איז גאָר אַנדערש; קיין טעאָריעס פון יענער צײַט האָבן נישט קיין פּאַסיקע גרונטן הײַנט; און קיין נײַע טעאָריעס זענען נישט געקומען.

דער ציוניזם און דער ייִדישער סאָציאַליזם זענען אויפגעקומען צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט. יענע דרויסנדיקע צרות, וואָס האָבן געווירקט ווי אַרויס־רופן פון די טעאָריעס, יענע „צרות" זענען דאָך ווי קינדערשפּילן לגבי די הײַנ־טיקע צרות. עס איז דאָך געווען פאַר קישענעוו, פאַר דער יאַפּאַנישער מלחמה, אימיגראַציע־לענדער זענען געווען אָפן, קיין ווי־זעס, קיין באַגרענעצונגען זענען נישט געווען. די ייִדישע שטעטלעך זענען דאָך נאָך געווען ווײַט פון אונטערגאַנג. פּינסקערס „אויטאָעמאַנציפּאַציע", ווי אַ רעאַקציע לגבי דעם אידעאָלאָגישן באַנק־ראָט פון דער פריִערדיקער אַסימילאַציע־אידייע אין רוסלאַנד (פּינסקער איז פריִער אַליין אויך געווען גענייגט צו רוסיפיקאַציע, ווי אַן אידעאַל); ד"ר הערצלס „יודענ־שטאַט" מיט צוועלף יאָר שפּעטער, ווי אַ רעאַקציע קעגן דעם דרייפוס־פּראָצעס — זענען דאָך גאַנצע איבערקערענישן, אַרויסגערופן ווי פון אַ שפּילקעשטאָך, אַנטקעגן די צרות, וואָס זענען געקומען שפּעטער.

פאַר וואָס האָבן די שפּעטערדיקע נישט צרות, נאָר חורבנות, נישט אַרויסגע־רופן קיין נייע אידעאָלאָגיעס, קיין טעאָריעס? האָט דאָך הערצל און אַלע אַנדערע ציוניסטן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה גאָרנישט געקאָנט טראַכטן וועגן אַן אַראַבישן ווידערשטאַנד קעגן ציוניזם; קיין דרייצן אַראַבישע מדינות, רייך אין נאַפט, וואָס זענען מיט זייערע גאַנצע מידבר־טראַדיציעס קאָנצענטרירט אונדז אויס־צושעכטן בפּועל ממש, זענען נאָך נישט געווען. די מאָראַל פון דער וועלט איז נאָך ווייט נישט דערפאַלן ביז פעלקער־אויסמאָרדונג; מערב־אייראָפּעיִשע עמאַנציפּאַציע האָט נאָך נישט באַנקראָטירט; וועגן אַ היטלעריזם וואָלט דער גרעסטער שוואַרצ־זעער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן; קיין פאַרהאַקטע, פאַרשלאָסענע וועלט מיט לענדער נישט צו לאָזן קיין יידן זיך ראַטעווען — אַזאַ מין וועלט וואָלט אַפילו אַ טייווּל נישט אויסגעטראַכט; קיין סאָציאַליזם באַהעפט מיט פולן אויסראָטונג־אַנטי־סעמיטיזם וואָלט מען דאָך אויך זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן... נישטאָ אין דער וועלט קיין יידישער אַרבעטער־קלאַס ווי אַ קלאַס... די גאַנצע יידישע וועלט איז קאַטאַסטראָפאַל אַן אַנדערע, אַלע יסודות פון יענע אידעאָלאָגיעס זענען צעבראָכן — און אַ פאָלק האַלט זיך מיט די שיברי לוחות, מיט די שערבלעך פון די אַלטע אידעאַלן, פון די אַלטע אידעאָלאָגיעס! נישטאָ די יישובים וואָס האָבן געשאַפן די טעאָריעס, נישטאָ די יישובים, וואָס האָבן געבוירן און אויסגעהאָדעוועט די אידעאָלאָגן, די באַגרינדערס און טרעגערס פון יענע אידייען. מיר זיינען געגליכן צו יענעם שטעטלשן נישרף, וואָס זיצט אויף די חורבות פון זיין פאַרברענטער שטוב און קלערט ווי צו פאַרריכטן דעם דאַך פון שטוב, וואָס איז שוין גאָר נישטאָ...

אָן אַן אידעאַל איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט. אַ קאָלעקטיוו אַזוי ווי אַ יחיד. אַ פאָלק וואָס האָט מער ניט קיין אידעאַל, איז ניט קיין לעבעדיק פאָלק. האָט אַ פאָלק מער ניט קיין אידעאַלן, האָט עס ניט קיין צוקונפט מער. ניטאָ ווער עס זאָל שאַפן און ווער עס זאָל טראָגן די אידעאַלן. כּל־זמן אַ פאָלק האָט אַן אידעאַל איז עס יונג, ווי אַלט זיין געשיכטע זאָל זיין, איז עס, בלייבט עס יונג. זיצן אָבער אַלטע לייט און לעבן זיך אויס מיט די אידעאַלן פון זייער יוגנט, אָבער זיי האָבן ניט וועמען איבערצוגעבן זייערע אידעאַלן, וועמען צו לאָזן ווייטער טראָגן זייערע אידעאַלן, איז זייער לעבן מער ניט קיין לעבן. האָט זייער פאָלק מער ניט קיין חלום פון אַ צוקונפט. אָן אַ חלום פון אַ צוקונפט איז קיין צוקונפט טאַקע מער ניטאָ.

„פּינטעלע־יידן" און פאָלק

„אַז איך דענק, איז עס אַ סימן אַז איך בין דאָ", האָט עס געלערנט דעקאַרט בשעתו (ערשטע העלפט פון 17טן יאָרהונדערט). און אַז אַ פאָלק דענקט נישט,

הגם אַלע באַדינגונגען פאָדערן געדאַנקען, צווינגען צו דענקען — וואָס דאַרף מען זאָגן וועגן אַזאַ פאָלק? פעלקער זענען דאָ, איטלעך פאָלק האָט זיינע אידעאַלן, צי זיי זענען מאָראַליש אָדער נישט — אָבער אַלע האָבן אַ שטרעבן צו עפּעס אַן אידעאַל. יעדער יחיד אין פאָלק איז ווי אַ טראָפּן אין אַ טייך. ער איז אַ טייל פון אַלגעמיינעם שטראָם. יעדער ייד פאַרמאָגט אין זיך אַ „פּינטעלע ייד". אַ פּונקט, אַ פּינטעלע קען נישט געמאָסטן ווערן מאַטעמאַטיש. אָבער אַז אַ פּינטל באַוועגט זיך, שאַפט עס אַ ליניע. אַ ליניע האָט שוין יאָ אַ מעסטונג. אַז אַ ליניע באַוועגט זיך, שאַפט זי אַ פלאַך. דער פלאַך האָט שוין צוויי מעסטונגען (לענג און ברייט). אַז אַ פלאַך באַוועגט זיך, שאַפט זיך אַ קערפּער מיט פולע דריי מעסטונגען...

זענען יידן פאַראַן, פאַראַן אַ סך „פּינטעלעך יידן". אָבער מיר זעען נישט לגמרי די פּינטעלעך־ייד זאָלן זיך באַוועגן, זאָלן לעבן ווי טיילן פון ליניעס, פון פלאַכן, פון אַ גאַנצן פאָלקישן קערפּער. אָן באַוועגונג איז נישטאָ קיין זיין. באַוועגונג מוז האָבן אַ ריכטונג, אַזאַ ריכטונג איז אידעאָלאָגיע. אָן אידעאָלאָגיעס, צי קען זיין אַ געאייניקט פאָלק?

היינט, איצט

ניטאָ אַזאַ מין זאַך ווי „איצט". איצט איז בלויז ווי אַ פּונקט פון צייט, אַ גרענעץ צווישן דעם נעכטן און דעם מאָרגן, צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט. קיין „איצטיקע מאָמענטן" פאַר זיך זיינען גאָר ניטאָ. אַז ניטאָ קיין נעכטן און ניטאָ קיין מאָרגן, איז אויך אוממעגלעך וואָסער עס איז היינט. יעדער איינס אין אַ פאָלק איז ווי אַ פּונקט אין אַ קערפּער, ווי אַ מאָמענט אין צייט, ווי אַן אַטאָם פון אַ שטאָף. יעדער געדאַנק, יעדער שטרעבן פון אַ יחיד איז ווי אַ טראָפּן אין טייך, ווי איין פעדעמל אין דעם גאַנצן געוועב פון דעם לעבעדיקן פאָלק. יעדער היינט — צי פון אַ יחיד, צי פון אַ ציבור, פון אַ פאָלק — איז ווי אַ רינג אין אַ קייט; דער היינט איז אַ תּולדה פון דעם נעכטן און אַ צוגרייטונג צו דעם מאָרגן. דער היינט קען באַטראַכט ווערן נאָר ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אייביקייט, פון דעם דויערנדיקן פּראָצעס פון סיבות און תּולדות, פון געוועזן און עס וועט זיין.

דאָס לעבן און שטרעבן פון יעדן יחיד אין פאָלק איז און מוז זיין אָרגאַניש אַריינגעוועבט אין דעם גאַנצן אָרגאַנישן לעבן פון זיין כּלל, פון זיין פאָלק. אַ לעבן וואָס ווייסט נאָר פון דעם איצטיקן מאָמענט איז וועגעטאַציע, ווי עס לעבט אַ חיה, אַ וואָרעם; ניטאָ אין דעם לעבן קיין קייט פון אייביקייט. דאָס לעבן פון אַ יחיד, וואָס איז ניט אַריינגעוועבט אין לעבן פון כּלל, פון פאָלק, איז ווי אַ

זעמדעלע וואָס האָט זיך אָפּגעריבן פון פעלדז, ווי אַ טראָפּן וואָס איז אַרויסגעשפּריצט פון גאַנצן שטראָם; ווי אַ טראָפּן וואַסער, וואָס האָט זיך אויסגעדעמפּט אין דער לופט אַריין און איז מער שוין נישט קיין טייל פון שטראָם, נאָר ער טראָגט זיך פּאַסיוו אין דער לופט־אַטמאָספער שוין נישט ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם וואַסער...

פאַראַן אַזוינע טייכן, וואָס שטראָמען אַוועק אין אַ מידבר אַריין, זיי טריקענען אויס אין גאַנצן. ניטאָ מער דער טייך... זיי שטאַרבן ווי טייכן. דאָס זיינען „בלינדע טייכן".

וואָס איז אַ פאָלק אָן אַ קאָלעקטיווער ריכטונג, אָן אַ שטרעבונג, אָן אַן אידעאָלאָגיע, און דעמאָלט ווען דאָס לעבן און שטרעבן פון באַזונדערע יחידים איז ניט אַריינגעוועבט אין דעם לעבן און שטרעבן פון דעם גאַנצן כלל־פאָלק? עס איז ווי אַ טייך, וואָס זיינע אַלע טראָפּנס האָבן זיך אויסגעדעמפּט, אַריינגעדרונגען אין דער טרוקענער לופט־אַטמאָספער; זיי, די מאָלעקולן וואַסער, טראָגן זיך אַרום מיט דער לופט, גלייך צו דער לופט, שווער אָפּצושיידן, אָפּצוטיילן דאָס וואַסער פון דער לופט, אָבער דאָך ניט קיין לופט. ביז די לופט וועט זיך אָפּקילן און וועט מער ניט קענען, ניט „וועלן" טראָגן מיט זיך אַזוי פיל וואַסער... וועט דאָס „לופטוואַסער" זיך אַרויסגיסן פון דער אַטמאָספער, אַרויספאַלן...

דאָס איז דאָס לעבן פון יידישן פאָלק אין דער וועלט, פון אַלערליי פעלקער אָן אַן אייגענער פאַרזיכיקער אידעאָלאָגיע, אָן אַ ריכטונג און אָן אַ פאַרזיכיקער שטרעבונג.

ניטאָ קיין לעבן אָן אידעאָלאָגיע

מיר האָבן דעפינירט אין אָנהייב אידעאָלאָגיע, ווי דעם וועג צום אידעאַל, די ריכטונג פון דער באַוועגונג, וואָס ציט זיך צו דער כסדרדיקער אויסבעסערונג, צו דער פּערפעקציע.

אידעאָלאָגיעס קענען, בכן, זיין פאָרמולירטע, אַרויסגעזאָגטע אין זאַצן און ווערטער, און זיי קענען זיין אויך שטומע, אָן ווערטער, נישט קיין פאָרמולירטע. ווערטער, שפּראַך, איז פאַראַן בלויז ביי איין מין באַשעפעניש, ביי דעם מענטשן. אָבער פון דעם טאָר מען נישט אַרויסדרינגען, אַז אין דער שטומער וועלט איז ניטאָ קיין שטרעבונג, קיין גאַנג צו אויסבעסערונג, קיין „שטומער, ניט־דער־זאָגטער אידעאַל" און בכן אויך ניט קיין אידעאָלאָגיע. פאַרקערט, די סיסטעמאַטיק פון דער געוויקסן־וועלט איז ניט סתם אַ שלל אַנגעוואָרפענע פאַרשידענערליי פאָרמען אָן אַ סדר און פּלאַן; נישט ווי דער פאָטער פון דער מאָדערנער סיסטע־

מאַטיק, קאַרל ליניי, האָט געשריבן אין די צוואַנציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָר־הונדערט, „ווי זיי זיינען אַרויס פון די הענט פון באַשעפער" — נאָר זיי זיינען אַ כּסדרדיקער לייטער פון עלטערע פאָרמען צו יינגערע, פון ערגער אָרגאַניזירטע צו בעסער אָרגאַניזירטע, פון אומפּערפעקטע צו מער פּערפעקטע, צו בעסער גע־בויטע. די געוויקסן־סיסטעמאַטיק איז איינצייטיק אויך די געאָלאָגישע געשיכטע פון דער געוויקסן־וועלט פון פּשוטסטע, אומגעגלידערטע וואַסערוווּקסן (אַלגען) ביז די היינטיקע קאָמפּליצירטסטע געוויקסן — אַ געשיכטע פון מיליאַרדן יאָרן.

נאָך קענטיקער איז עס אין דער וועלט פון בעלי־חיים. ווען איך קוק זיך צו צו די פאַרשידענע טיפּן פון די לעבעדיקע באַשעפענישן (אורבאַשעפענישן, פּראָ־טאָזאָא, האָרנהויטיקע, מאָלוסקן, ווערעם, שדרהדיקע), קומט מיר אויס ווי דער באַשעפער וואָלט געמאַכט עקספּערימענטן אין פאַרשידענע ריכטונגען און גע־וואָרפן, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם טיפּ שדרהדיקע און כּסדר גע־פירט פאָרויס און פאָרויס — פון די נידעריקסטע פיש דורך די יבשה־חיות און ביז צום מענטשן — אַן אייביקער גאַנג פאָרויס צו פּערפעקציע. די וועלט איז נישט קיין קאַפּריז פון באַשאַף, עס איז אַ געזעצמעסיקער גאַנג. נישט אַלע מאָל איז דער גאַנג אַ גוטער; „בונה עולמות ומחריבם". אָבער אַ געזעצמעסיקער גאַנג צו פּערפעקציע מוז זיין! דאָס אומפּערפעקטע פאַלט אָפּ — צי לויט דאַרווינען, צי אַנדערש, אָבער אַזוי איז דער גאַנג פון דער וועלט. עס איז אַן אויסערגעוויינלע־כער זאָג פון גמרא, אַז גאָט קוקט זיך איין אין דער תּורה ווי אַן אַרכיטעקט אין זיינע פּלענער, און באַשאַפט די וועלט.

היינט איז דער מענטש די העכסטע באַשעפעניש, ווער ווייסט אָבער וואָס עס וועט זיין אין וויטערע מיליאַנען יאָרן שפּעטער? דאָס איז דער נאַטור־וויסנ־שאַפטלעכער באַגריף פון אַלץ וואָס לעבט אויף דער ערד: אַלץ שטרעבט צו פּערפעקציע, דאָס איז דער אידעאַל פון דער וועלט. און דאָס גאַנצע לעבן איז די ניט־געשריבענע אידעאָלאָגיע פון דער וועלט. דערפאַר איז ווידער גערעכט יענער פיזיאָלאָג, וואָס האָט געשריבן, אַז אַן דעם ווילן צו פאַרשטיין די אַלגעמיין פילאָ־סאָפישע געזעצן פון פיזיאָלאָגיע בכלל, טאָר מען ניט פאָרשן די קלענסטע פּראָ־בלעם, ווי מיר האָבן עס געבראַכט צום אָנהייב. און פון דאַנען אַן אַלגעמיינער אויספיר:

אויב דאָס יידישע פאָלק האָט נישט קיין אַלפאָלקישע אידעאָלאָגיע, איז במילא ניטאָ אויך קיין אַלפאָלקישע געמיינשאַפט.

אָט פאַר וואָס יענער בריוו פון אַ יונגן דענקנדיקן געלערנטן יידן האָט מיך אַזוי אויפגעשווידערט.

דאָס לעבן אויף גאָטס וועלט גייט בכלל זייער אָפט אין געמיינשאַפטן. אַ וואַלד איז אַזאַ געמיינשאַפט, אַ זומפּ, אַ סאַזשלקע. די קאָמפּאָנענטן פון געמיינ־

שאַפֿט קענען זיך בייטן. אַ הויכער סאָסנעוואַלד קען אין משך פֿון דורות זיך פֿאַרבייטן: די אַלטע סאָסנעס שטאַרבן אויס; יונגע, פֿרישע סאָסנעס וואַקסן אָן, אַנדערע קוסטעס, גראָזן, זיי פֿאַרשטעלן די שיין, שאַפֿן צו פֿיל שאָטן, וואָס סאָסנעס קענען פֿון דער נאַטור נישט פֿאַרטראָגן. דער גאַנצער סאָסנעוואַלד גייט אונטער. אַ קליינע סאַזשלקע מיט ריין וואַסער — געוויקסן, פֿישן, אינסעקטן לעבן אין איר. געוויקסן לעבן אָפּ זייער צייט, זיי שטאַרבן, לייגן זיך אָפּ אויפֿן גרונט, דאָס וואַסער הערט אויף צו זיין ריין. געוויקסן פֿון ריין וואַסער קענען מער שוין דאָרטן נישט לעבן. עס קומען זומפּגעוויקסן. שוין אַנדערע געוויקסן, בעלי־חיים ווידמען זיך אין דעם אָרט. עס גייען אונטער געמיינשאַפֿטן און עס קומען אויף אַנדערע.

מענטשן־געזעלשאַפֿטן זיינען אויך אַזוינע געמיינשאַפֿטן. יישובֿים, לענדער בייטן זייער באַפֿעלקערונג. פֿעלקער קומען אויף און קומען אום. אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פֿון דעם קלאָרן ווילן. די אַמאָליקע יידישע שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע זיינען געווען אַזוינע נאַטירלעכע געמיינשאַפֿטן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן יאָרהונדערטער. די גאַנצע געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק איז געגאַנגען דורך די שטעטלעך. זיי זיינען געווען אונדזערע סאָציאַלע געמיינשאַפֿטן, וואָס האָבן במילא איינגעהאַלטן זייער שטייגער און קולטור.

אויך אָן דעם קאַטאַסטראָפֿאַלן חורבן האָבן אונדזערע שטעטלעך געהאַלטן אין פֿאַמעלעכן אונטערגיין; דער עטנישער און סאָציאַלער באַשטאַנד פֿון די שטעטלעך האָט זיך געהאַלטן אין בייטן אין משך פֿון דורות. אויך מענטשלעכע געמיינשאַפֿטן קומען אויף און קומען אום. פֿעלקער ווערן געבוירן און פֿעלקער שטאַרבן אויס, אומאָפּהענגיק פֿון באַוווסטזיניקן ווילן.

דער פֿאַקטאָר אָבער פֿון קאָלעקטיווע, קלאָרע צילן ענדערט אין גאַנצן, גיט נייע ריכטונגען דעם גאַנג פֿון דער נאַטור און פֿון אַלע נאַטירלעכע געמיינשאַפֿטן. מענטשן ענדערן די נאַטור, בייטן דעם כאַראַקטער פֿון לענדער און פֿון געביטן. פֿרוכטיקע לענדער זיינען געוואָרן מידבריות און פֿאַרקערט, האָבן מענטשן פֿאַרוואַנדלט מידבריות אין פֿרוכטיקע, געדיכט באַפֿעלקערטע לענדער. אָט פֿאַר וואָס קלאָרע אידעאָלאָגיעס זיינען נייטיק. טאַקע איבערהויפּט אין צייטן פֿון ענדערונגען. כּל־זמן די יידישע שטעטלעך אין גאַנץ אייראָפּע און איבערהויפּט אין די ראַמען פֿון דעם אַלטן תּחום־המושבֿ האָבן זיך געהאַלטן אויפֿן אָרט, זיינען קיין אויסגעשפּראָכענע אידעאָלאָגיעס נישט געווען, נישט נייטיק געווען. דורות נאָך דורות האָבן געלעבט אין די זעלביקע באַדינגונגען, אין זעלביקן שטייגער. איינגעשטעלטע, דורותדיקע נאָרמען און פֿאָרמען, אַן איינגעלעבטע קולטור.

אָט פֿאַר וואָס דווקא אויפֿן שוועל פֿון יאָרהונדערט האָבן זיך ביי יידן גענומען שאַפֿן אַזוי פֿיל טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס. גאָר פּשוט און קלאָר: צי זאָל

צוזאַמען מיט די שטעטלעך אונטערגיין אויך דאָס יידישע פאָלק אָדער דאָס יידישע פאָלק זאָל אויספלאַנירן און באַוווסטזיניק אויפשטעלן נייע סאָציאַלע פאָרמען?

יידן האָבן געקאָנט זיך פאַרגינען צו לעבן אָן קלאָרע אידעאָלאָגיעס כל־זמן די איינגעשטעלטע סאָציאַלע נאָרמען האָבן זיך נישט געביטן. אין צייטן פון ענ־דערונגען קען ניט זיין קיין לעבן, קיין קיום אָן קלאָרע און דעטאַליזירטע אידעאָ־לאָגיעס.

צי האָט דאָס לעבן פון יידישן פאָלק איצט אַן אָביעקטיווע ריכטונג?

וווהין גייט דאָס יידישע לעבן אָביעקטיוו, אָן דער אַריינמישונג פון באַוווסט־זיניקער אידעאָלאָגיע?

דאַרף מען דאָס זאָגן אָפן און דרייסט: אָן די שטעטלעך גייט דאָס יידישע פאָלק אונטער, עס הערט אויף צו זיין אַ באַזונדער יידיש פאָלק. ניטאָ מער קיין יידיש פאָלק אין מערב־אייראָפּע. פאַראַן מסתּמא פּראַנצויזן פון יידישן אָפּשטאַם און פון יידישער רעליגיע. אָבער קיין יידיש פאָלק מיט אַ פאַרזיכיקער קולטור איז מער שוין ניטאָ. קען זיין אַז אַזוי איז אויך אין איטאַליע, אין דייטשלאַנד, אין האָלאַנד, וכדומה.

די זעלביקע טענדענץ האָט דאָס יידישע לעבן אויך אין די נייע יישובים אין די נייע לענדער, אין אַמעריקע, וכדומה. די שטעטלעך זענען געווען אַ באַ־זונדערע סאָציאַלע ראַם, פאַרזיכיקע סאָציאַלע און קולטורעלערע איינסן, אומאָפּ־העניגיק פון אַנדערע. איז דאָס יידישע פאָלק אַזוי אויך געווען אַ פאַרזיכיקער קולטור־אָרגאַניזם.

האָבן זיך איצט יידן אַריינגעגאָסן אין די אַלגעמיינע, אורבאַנישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע געמיינשאַפטן, הערן זיי אויף צו זיין אַ באַזונדער פאָלק. דער קיום פון פאָלק איז אַ פראַגע פון דורות. דאָס אַלץ. די עלטערע אימי־גראַציעס אין די שטאָטן זיינען שוין אונטערגעגאַנגען. אויב עס זיינען נאָך דאָ יידן, זיינען דאָס בלויז פון די יינגערע אימיגראַציעס. דאָס איז דער נאַטירלעכער גאַנג פון לעבן אין די היינטיקע אורבאַנישע באַדינגונגען. אָן אידעאָלאָגיעס איז דער גורל פון יידישן פאָלק אַ געחתמעטער.

די „אַנטי־אידעאָלאָגיע״־ריכטונג, דער פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון עפּעס אידעאָלאָגיעס, „וואָס ווילט איר מיט אייערע אידעאָלאָגיעס? זיי קריכן שוין פון האַלדז״... דאָס זיינען אַלץ טעאָריעס וואָס מאַכן שלום מיט דעם אונטערגאַנג פון

יידישן פֿאָלק, זאָל גיין ווי עס גייט. פֿאַר אונדזער לעבן וועט נאָך סטייען... וכדומה, פֿאַרשידענע אַזוינע יאוש־ווערטלעך גייען אַרום.

אונטערגאַנג־טעאָריעס

אַזוינע האָבן ביי יידן ניט געפֿעלט. אין אַלע לענדער. האָבן יידן זיך גע־פּרייט מיט דער מעגלעכקייט צו ווערן דייטשן, אַריינצוקומען אין דער דייטשישער געזעלשאַפֿט. איז שפּעטער דער זעלביקער דראַנג אויסצומישן זיך מיט די רוסן אין איין פֿאָלק אויך געווען אין רוסלאַנד. איז ער איצט גאַר שטאַרק אין די שטאַטן וכדומה. „אַמעריקאַניזאַציע״ איז דער אידעאַל.

יידן זיינען געווען גערן צו קענען זיך אַסימילירן, אונטערגיין ווי אַ פֿאַר־זיכיק פֿאָלק. יידן זיינען געלאָפֿן פֿון עקאָנאָמישן דרוק, פֿון הונגער, פֿון פּאָגראָמען. די מעגלעכקייט צו ווערן אויס יידן האָט מען באַגעגנט ווי פֿרייהייט.

יידן האָבן גענומען בויען לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס, אַנטוויקלען אַ יידישע פּויערימשאַפֿט כּדי צו זיין ענלעך צו אַנדערע פֿעלקער. און דאָס — אין אַ צייט, ווען בכלל אין דער וועלט האָט שוין דאָס פּויערימטום ווי אַ קלאַס, ווי אַ סאָציאַלער שיכט גענומען אונטערגיין, ווען אַגריקולטור האָט זיך גענומען אינדוסטריאַליזירן.

דער גרעסטער אַגריקולטור־עקספּערימענט ביי יידן איז געווען אין אַרגענ־טינע. האָט מען לכתחילה די קאָלאָניעס געבויט וויט צעשפּרייט איבער דעם גרויסן לאַנד, כּדי עס זאָל זיין גרינגער די אַסימילאַציע. אויך אין די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישׂראל איז געווען ניט בלויז די אידייע פֿון אַנטלויפֿן פֿון צרות, פֿון רדיפֿות, נאָר ס׳איז אויך געווען אַ געדאַנק איבערצומאַכן דעם עצם ייד לויט דעם טיפּ פֿון אַ רוסישן פּויער... יאָ, עס איז געווען (און אפֿשר איז נאָך איצט דאָ) אַ פֿאַרלאַנג אויפֿצוהערן צו זיין. נישט אַן אידעאַל צו לעבן אָן צרות, צו זיין און ציִען ווייטער דאָס זיין, נאָר גאָר פּשוט — אַן אידעאַל אויפֿהערן צו זיין, אָפּ־שניידן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל די „צו לאַנגע״ עקסיסטענץ פֿון יידישן פֿאָלק, ווי אַזאַ, ווי אַ באַזונדער, פֿאַרזיכיקער פֿאָלקישער אָרגאַניזם. האָבן יידן אין משך פֿון גאַנצן ניינצנטן יאָרהונדערט געזען אַ גליק אינעם אַריינגיסן זיך אין פֿרעמדע פֿעלקער אַריין. איז דער אידעאַל אויך איצט פֿאַראַן אין אַמעריקע. און דער פּראָצעס גייט אָן כּסדר און אומעטום — אומעטום, אין אַלע לענדער און אין אַלע מדינות פֿון דער וועלט גייט אָן די אַסימילאַציע.

✶

מען מוז אַלע מאָל, אין אַלע געדאַנקען וועגן קיום פון יידישן פאָלק, געדענקען דעם גרונטיקן אונטערשיד פון פריִערדיקן שטעטלשן יידישן לעבן און דעם איצטיקן אורבאַנישן. פריִער האָט אַ ייד געדאַרפט זיך אָנשטרענגען כּדי ער זאָל קענען אַרויסרייסן זיך פון יידישן כּלל, פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט. איצט, אין אורבאַניזם, איז עס פאַרקערט. אַ ייד דאַרף זיך אָנשטרענגען ער זאָל בלייבן אין יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אין יידישן כּלל. און ווייט נישט אַלע מאָל וויל מען דאָס. אין דער שטעטלשער תּקופה איז די ניט־יידישע וועלט געווען פאַר יידן אָפּגעשלאָסן. אין דער היינטיקער אורבאַנישער תּקופה איז יענע, פרעמדע וועלט יאָ אָפן פאַר יידן. אָט אין דעם ליגט דער אונטערשיד צווישן די צוויי דורות ביי יידן אין אַמעריקע. עס איז נישט סתּם יונג און אַלט, נישט צוויי דורות. עס איז צוויי וועלטן — די געקומענע, וואָס דאָס שטעטל לעבט נאָך אין זיי, און די היגע וואָס זענען פון אָנהייב אָן אַריינגעלעבט אין אַ שטייגער אָן יידישע אינהאַלטן און פאָרמען. דאָס שטעטל איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט פאַר זיך; אין אורבאַניזם דאַרף זיך אַ ייד מיט כּוח אָפּשליסן, כּדי צו זיין אַ ייד. אויף וויפל עס איז יאָ פאַראַן ביי דעם צווייטן, ביי דעם היגן דור, אַ יידישע פאַרזיכיקייט, קען מען כּמעט תּמיד געפינען עפּעס פאַקטאָרן וואָס שטערן די יידן אַריינצוגיסן זיך אין דער ניט־יידישער וועלט אַריין. עס קומט אויס ווי אַן אַלגע־מיינער כּלל:

כּדי צו קענען זיין אַ ייד, דאַרף מען ניט קענען זיין אַ גוי.

דער פּראָצעס, די אַסימילאַציע, גייט אָן אין אַלע היינטיקע יישובים פון יידן (מיטן אויסנאַם פון דער מדינה). צי ער איז אָפן, באַגלייט מיט טעאָריעס, מיט לאָזונגען, מיט געזאַנגען, אָדער ער איז פאַרשטעלט מיט טעאָריעס פאַרקערטע — ער איז אָבער אומעטום פאַראַן און ער גייט פאָרויס, אַלץ מיט אַ געשטאַרקטער גיכקייט.

פרעמדע אידעאָלאָגיעס

דער פאַרלאַנג אַרויסצורייסן זיך פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, דער דראַנג זיך אַריינצוגיסן אין דער ניט־יידישער וועלט אַריין דריקט זיך אויס אין דעם שטאַרקן אינטערעס, וואָס יידן ווייזן אַרויס צו אַלגעמיינע (ניט־יידישע) אידעאָלאָגיעס. עס קומט אויס מאָדנע, ווי גרויס עס איז דער פּראָצענט יידישע נעמען אין אַלערליי היינטיקע ריכטונגען און באַוועגונגען: פרייהייט פון וואָרט, ציווילע רעכט פאַר נעגערס, וכדומה. אומעטום טרעפט מען יידישע נעמען אויף די פאָדערשטע רייען.

יעדער יידישער מענטש וווּרט אין דער היינטיקער אורבאַנישער סביבה אַ גאַנץ לעבן כּסדר און אָן אויפהער באַמבאַרדירט מיט אַלגעמיינע אינטערעסן — פון לאַנד, פון פעלקער, מיט פרעמדע פּראָבלעמען און פרעמדע אינטערעסן. יעדער יידישער יחיד באַזונדער איז דירעקט אַריינגעטאָן אין אַ ים פון פרעמד לעבן און פרעמדער קולטור, און פרעמדער שפּראַך. אַזוי אַ גאַנץ לעבן פון קינד־וויז אָן און ביזן טויט. יעדער ייד איז אין אַ פרעמדער וועלט.

אָט די פרעמדע וועלט דרינגט אַריין אין דעם יידן, ער פאַרגעסט גאָר זיין יידישקייט, כּל־זמן מען דערמאָנט עס אים נישט. נישטאָ ביי אים נישט קיין צייט, נישט קיין געפיל פאַר ספּעציפישע יידישע געדאַנקען. דאָס גאַנצע באַוווּסטזיין פון דעם יידן איז דורכויס אַ פרעמדס, אויב אַפילו ער ווייסט און געדענקט אַז ער איז אַ ייד. זיין גייסט, זיין קולטור, זיין אידייען־וועלט, זיינע פּראָבלעמען, זיין גאַנצע גייסטיקע אָנלאָדונג איז אַ פרעמדע. און עס קומט שוין יאָ אַ ספּעציפיש־יידישער ענין, נעמט אים דער ייד מיט פרעמדע מעטאָדן, לויט פרעמדע מוסטערן; ער קוקט לכתחילה אויף יידישע ענינים מיט פרעמדע אויגן...

דער קאַרדינאַלער אונטערשייד

דאָ איז דער קאַרדינאַלער אונטערשייד צווישן דעם שטעטלשן און דעם אורבאַנישן יידן: דער שטעטלשער ייד, אַפילו אויב ער לעבט זיין דערוואַקסן לעבן אין שטאָט, איז ער אָבער דורך און דורך ייד, ער זעט די גאַנצע וועלט מיט זיינע יידישע אויגן. ביי דעם אורבאַנישן איז עס פאַרקערט. דער שטעטלשער ייד איז ייד און מענטש צוזאַמען, איין „איך". די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט איז ביים יידישן מענטשן אין גלות. ביים אורבאַנישן ייד איז פאַרקערט — דער מענטש אין אים איז איינס מיט דער פרעמדער וועלט. דער ייד איז דאָ אין גלות ביי דעם „דרויסנדיקן" מענטש. דריי זיינען די פאַקטאָרן וואָס באַשטימען דעם אויפפיר פון דעם מענטשן: דאָס זיינען דער דורותדיקער אונטערבאַוווּסטזיין; דער מענטש, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון בילדונג און וויסן, און די דרויסנדיקע וועלט מיט אירע אַלע השפּעות.

ביי דעם שטעטלשן יידן איז דער געבוירענער ייד און דער אויסגעבילדעטער מענטש — איין אָרגאַנישע גאַנצקייט, איין „איך". און אָט דער יידישער מענטש — ער נעמט אויף די אַרומיקע וועלט, ער רעאַגירט, ער ווירקט.

ביי דעם אורבאַנישן יידן איז דער אויסגעבילדעטער מענטש אָרגאַניש נישט פאַרבונדן מיט דעם געבוירענעם יידן, נאָר ער איז לכתחילה געפאָרעמט דורך דער פרעמדער, ניט־יידישער וועלט. אויב אַפילו עס איז געוועזן אין דער קינד־

הייט אַ יידישע דערציִונג, איז זי על־פּי־רוב בלויז אַ צוגאָב צו דעם ניט־יידישן מענטשן. עס דענקט, עס רעאַגירט, עס פירט זיך אויף דער מענטש, דער ניט־יידישער מענטש. דער ייד אין אים איז גאָר אָפּט אַן אומגעוווּנטשענער אַפּענדיקס, אפשר אַ הויקער, אפשר אַ זעקסטער פינגער אין האַנט. בכל־אופן, ניט קיין אָרגאַנישע גאַנצקייט. דערפאַר זיינען די אורבאַנישע יידן אָפטער אַריינגעטאָן אין ניט־יידישע אידעאָלאָגיעס, אין פרעמדער געזעלשאַפטלעכקייט, אין ניט־יידישע אינטערעסן. אָפּט אַפילו מיט אַ בפירושן ווילן צו דערשטיקן דעם „יידן" אין זיך... דערפאַר זיינען אַזוי פיל יידן אין אַלערליי ניט־יידישע באַוועגונגען, דערפאַר זיינען זיי דאָרטן אַזוי אַקטיוו: דאָס גייט דער „אַנטיסעמיט" ענגער מאַכן, שווערער מאַכן דעם יידן אין זיך... דערפאַר ווערט אַזאַ ייד זען אין יידישקייט אַל דאָס בייז, דאָס ערגסטע, ער איז דורכויס אַ שונא־ישׂראל.

אָט פאַר וואָס עס קענען איצט זיין יידן־קאָמוניסטן, וואָס דער רוסישער אַנטיסעמיטיזם שרעקט זיי ניט אָפּ, פאַרקערט גאָר; דערפאַר קענען יידן מיטדרשען מיט פעדאָרענקאָ וועגן יידישע „אַגרעסאָרן", וואָס זיי לאָזן זיך ניט אויסשעכטן פון די אַראַבער, ווי אַ מאָל אין חברון, למשל. דערפאַר קענען זיין יידישע בעאָנאַציס. דערפאַר האָבן יידן געקאָנט מיטאַרבעטן אַפילו מיט נאַציס אויך; דערפאַר קענען געבילדעטע יידן אַפילו גאַנצע ביכער שרייבן צו פאַרמינערן מיט אַלע מיטלען די זינד פון דייטשן פאָלק... דערפאַר האָבן יידן־רעוואָלוציאָנערן געקאָנט אַפילו פאַרשפּרייטן פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס קעגן יידן.

דאָס זיינען אַלץ עקסטרעמע פאַלן. אַזוינע זיינען דאָך נישט קיין אָפטע דערשיינונגען אין דער עפנטלעכקייט. נישט אָפּט שפּרינגט אַרויס דער אַנטיסעמיט אין דעם יידן, קעגן דעם יידן אין זיך. אַ סך אָפטער איז דער „פרעמדער מענטש" אין דעם יידן גאַנץ ליבעראַל צום יידן, ער סימפּאַטיזירט אים אַפילו, ער מאַכט מיט אים שלום, ער באַמיט זיך אַפילו צו זיין באַהעפט מיט אים, ער העלפט דעם יידן, ער טוט יידישע אַרבעט, ער איז אַ ציוניסט, ער קוועלט אָן פון ציוניזם, פון אַ יידישער אַרמיי, וואָס טוט אַזוינע העלדישע אויפטוען. אָבער זיינע רעאַקציעס זיינען פאַר זיך פרעמד — פון דער ניט־יידישער וועלט, לויט ניט־יידישע אויפפאַסונגען און מעטאָדן. דער מענטש און זיין קולטור, מיט אַלע סימפּאַטיעס און אַפילו געטרייקייט צום יידישן פאָלק, אָט דער מענטש אין דעם יידן איז אָבער דאָך פון דער פרעמדער ניט־יידישער וועלט געקומען. צו די העכסטע פון דעם מין קען מען צורעכענען איינשטיינען, און ער איז ווייט ניט איינער.

קיין אָרגאַניש־יידישע אידעאָלאָגיעס קענען זיי אָבער אויך ניט שאַפן. הערצל האָט דעם ציוניזם ניט געשאַפן, ניט אויסגעטראַכט; ער איז נאָר געווען אַ פאָנענטרעגער, וואָס האָט אימפּאָנירט די ציוניסטן פון רוסלאַנד, דווקא מיט זיין אַסימילירטקייט.

דערפֿאַר האָט אַן אָרגאַנישער ייד, אַן אחד־העם, וואָס דער מענטש אין אים איז געווען דורך און דורך יידיש, דערפֿאַר איז אַן אחד־העם געווען גאָרניט שטאַרק באַגייסטערט פון הערצלס ציוניזם. זיי האָבן זיך ניט פֿאַרשטאַנען. אין דעם איז זיכער געווען אַ שטיק פון הערצלס פּערזענלעכער טראַגעדיע.

אַן אָרגאַניש־יידישע אידעאָלאָגיע קען געשאַפֿן ווערן נאָר דורך אָרגאַנישע יידן פון אָרגאַניש־אוראַלטער יידישקייט.

אָט פֿאַר וואָס די שטעטלשע יידישע אינטעליגענץ און אַפֿילו די האַלבע אינטעליגענץ האָט געשאַפֿן און פּראָקלאַמירט אידעאָלאָגיעס און איניציִירט באַוועגונגען. אָבער די אורבאַנישע יידישע אינטעליגענץ איז אין זינען פון שעפֿערישן דענקען אין גאַנצן סטעריל, פּרוכטלאָז. די פּראָבלעמען וואָס אינטערעסירן — זיינען פון דער פרעמדער וועלט, די מעטאָדן זיי צו לייזן זיינען איבערגענומענע. און אויב עס זיינען שוין פֿאַראַן צווישן דער אורבאַנישער יידישער יוגנט פּערזאָנען, וואָס האָבן יאָ אינטערעסן אויף דעם געביט פון יידישקייט, זיינען די אינטערעסן פון סעקונדערן כאַראַקטער. זיי זיינען נישט לעבנסוויכטיקע, זיי זיינען מער פון דעם מין „האָבי־אינטערעסן". לאָמיר דאָס דערקלערן.

לעבנס-אינטערעסן

די פּראָבלעמען זיינען שייך מיין אייגן לעבן, מיין אַרבעט און מיין אויפֿגאַבע אין געזעלשאַפֿט. עס זיינען אינטערעסן ווי צו בויען דאָס לעבן.

האָבי־אינטערעסן: מיין לעבן איז איינגעשטעלט, איך טראַכט גאָרניט עס צו ענדערן, צו בייטן. אָבער מען איז דאָך אַ מענטש. אויך נאָך דער אַרבעט, מען דאַרף דאָך פֿאַרברענגען, זיין מיט מענטשן, שמועסן, וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, אַרויסזאָגן מיינונגען... מען דאַרף דאָך ניט בלייבן אַ מענטש פון כאָנדריקעווע, אַן אָפּגעשטאַנענער!.. דאָס זיינען די האָבי־אינטערעסן.

עס איז אויך יידישקייט, אָבער נאָר זיך צו פֿאַרנעמען מיט דעם אין דער פרייער צייט, ווען עס איז ניטאָ קיין אַנדערע, קיין וויכטיקערע אַרבעט.

אָט שרייבט אַן ערנסטער, טיפֿער יידישער ציוניסטישער שרייבער, אַז איצט איז מער ניט נייטיק די ירושה פון חרובן שטעטל, פון דעם „נעכטן"; אַז מיר דאַרפֿן ווייטער „לעבן אין צוויי קולטורן"... איז דאָס אָבער אַ שרעקלעכער טעות: אַן דעם „נעכטן", אָן דעם „אַמאָל" דאַרף מען נישט דעם גאַנצן ציוניזם, דאַרף מען ניט ארץ־ישׂראל, דאַרף מען ניט קיין ירושלים. דאָס אַלץ „זונדערט דאָך אָפּ דעם יידישן מענטשן פון דער גרויסער וועלט". אָן דעם „נעכטן" איז בכלל ניטאָ קיין יידיש פֿאָלק און ניטאָ גאָרניט אויסער דעם אידעאַל פון אַסימילאַציע אין דער „גרויסער וועלט" אַריין.

ווידער איז דאָך אַ ליגן די גאַנצע מעגלעכקייט צו לעבן אין „צוויי קולטורן". פונקט ווי אַ בוים קען איינצייטיק ניט זיין קיין דעמב און אַ סאָסנע, אַזוי קען אַ מענטש ניט זיין איינצייטיק קיין טערק און גריך, קיין ייד און אַנגלאָסאַקס; מען קען ניט איינצייטיק זיך סאָלידאַריזירן מיט מדינת ישׂראל און מיט פעדעראַנקאָ, אָדער אַפילו מיט דעם סטייט־דעפּאַרטאַמענט פון אַמעריקע. אַ מענטש קען זיין נאָר אין איין קולטור; און זי קען זיין שמעלער און זי קען זיין ברייטער, זי קען אַריינעמען די גאַנצע וועלט. אָבער אַ מענטש, וואָס וויל זיין אַריינגעלעבט אין צוויי קולטורן, בלייבט אין תּוך אַריין אין גאַנצן אַנקולטוריק, אָן וואָסער עס איז קולטור. אויף וויפל איך קוק זיך צו צו דעם צווייטן דור יידן אין אַמעריקע, זע איך פאַר זיך ניט קיין אַמעריקאַנער און יידן, נאָר זיי זיינען גאָר אויסגעיידישטע יידן, און ווייט ניט קיין אַמעריקאַניזירטע גוים — ניט דאָס און ניט דאָס.

ניטאָ קיין לעבן אין צוויי קולטורן, אָדער עס איז איין קולטור אָדער עס איז קולטורלאָזיקייט. יעדער אידעאַל באַשטייט און דאַרף באַשטיין פון געדאַנקען ווי אַריינצופּאַסן דעם „נעכטן" אין די ראַמען פון מאָרגן. אָן דעם נעכטן איז נישטאָ קיין יידיש פאָלק, דאַרף מען ניט קיין ציוניזם, דאַרף מען גאָרניט. אָן דעם נעכטן איז ניטאָ קיין יידישער מאָרגן... דעמאָלט בלייבט נאָר איין געדאַנק, איין „אידעאַל" — ווי לאַנג די אַרומיקע פעלקער וועלן לאָזן יידן זיך „אַריינדעמפן" (ווי וואָסער־מאָלעקולן אין דער לופט) אין דעם לעבן פון די פרעמדע פעלקער, ביז די אַרו־מיקע „לופט" וועט מער ניט פאַרטראָגן די „אויסגעדעמפטע" יידן, און זיך פון זיי באַפרייען... איטלעך פאָלק טוט עס אויף זיין אופן...

און דער סוף פּסוק — אַ פאָלק אָן אַן אידעאַל וועגן דעם „לעתיד לבא" און אָן אַן אידעאָלאָגיע ווי צו קומען צום עתיד לבא — אַזאַ פאָלק איז באַדראָאַט אין זיין עצם־עקסיסטענץ ווי אַ פאָלק.

ווער בויט די יידישע געשיכטע?

צי קענען מיר פאָרויסזען ווי עס וועט אויסזען דער יידישער מאָרגן? צי קענען מיר אַליין בויען אָט דעם מאָרגן פון יידישן פאָלק? אַזוי ווי אַ מענטש בויט דעם מאָרגן פון זיין אייגן לעבן, פון זיין משפּחה? — צי זיינען נאָר מיר אַליין די בויערס פון יידישן מאָרגן? צי זיינען מיר ניט קיין אָביעקט אין די הענט פון אַנדערע, וואָס זיי גאָר פּלאַנירן און בויען אונדזער געשיכטע?

אָט האָט דער גרויסער דובנאָוו, וואָס האָט אויפגעבויט אַ גראַנדיעזן בנין פון דער יידישער געשיכטע דורך דורות איבער דער גאָרער וועלט, אַ גאַנץ לעבן געהאָפט און געוואַרט אויף דער רעוואָלוציע. איז ער געלאָפן פון זיין רוסלאַנד

— געמוזט אַנטלויפֿן פֿון איר. די אָביעקטיווע כּוחות וואָס האָבן געבויט די רעוואָ־לוציע האָבן געצוווּנגען יידן און זייער היסטאָריקער צו אַנטלויפֿן. האָט ער געקאָנט פּאָרויסזען אויפֿן סמך פֿון דער היסטאָריע, אַז בערלין איז ניט קיין אָרט צו אַנט־לויפֿן? אַנדערע כּוחות האָבן געבויט, געפּלאַנירט און געפּירט. איז דובנאָוו מיט זיין גרויסער געשיכטע געלאָפֿן ווייטער. און דערלאָפֿן צו זיין אייגענעם טויט...

צוויי זייטן אין דער יידישער געשיכטע, אין יידישן לעבן: יידן אַליין און יידן אין דער וועלט. יידן ווי אַקטיווע בויערס, בויערס און שאַפֿערס פֿון זייער אייגענע געשיכטע, און יידן ווי אַן אָביעקט אין פֿרעמדע הענט.

וווּהין גייט די יידישע געשיכטע? — מיר קענען עס ניט וויסן. מיר קענען נאָר פּלאַנירן אַליין פֿאַר זיך, אָבער מיר קענען דאָך ניט פּלאַנירן, וואָס אַנדערע וועלן טאָן. איז דער ציוניזם אַן אידעאַל צו קענען אַליין בויען די יידישע גע־שיכטע. זיינען אַנדערע ריכטונגען אָן אַן אייגענעם יידישן אידעאַל, ווייל אַלע זיי זיינען אָנגעבונדן אָן אַנדערע פֿעלקער, זיי זיינען ניט קיין פּאַרזיכיקע אידעאַלן.

יידן האָבן גענומען אָנטייל אין אַלע אידעאַלן פֿון אַלע פֿעלקער, ווי גלידער פֿון יענע פֿעלקער. אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז יידן זיינען דאָך באַזונדער, פֿאַרט אָפּגעזונדערט פֿון אַנדערע, דאָך אַ פֿאָלק, אַ באַזונדערע געשיכטע און אַ פֿאַר־זיכיקע צוקונפֿט.

אידעאַל פֿון היינטיקער יידישקייט

יידישקייט מוז זיין פֿאַרבונדן מיט אַן אידעאַל, יידישקייט קען ניט עקסיס־טירן אָן אַן אידעאַל. אַלע מאָל איז יידישקייט געווען באַגלייט מיט אַן אידעאַל אינעווייניקסטן, אָן יידישן. משה האָט אַרויסגעצויגן די יידן פֿון מצרים און גע־האָפֿט און געגלייבט אַז זיי וועלן ווערן אַ „ממלכת כּוהנים וגוי קדוש”. שפּעטער זיינען די נביאים געווען די אידעאַל־טרעגערס. אין דער גאַנצער צייט פֿון ערשטן בית־המיקדש איז דער אידעאַל געווען אַ כּללישער, פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק בכלל, „למען יאריכון ימיך על האדמה”. שפּעטער, שוין אין צייט פֿון צווייטן בית איז צוגע־קומען נאָך אַ פּריוואַטער אידעאַל פֿאַר יעדן יידן באַזונדער. דאָס איז דער אידעאַל פֿון תּחית־המתים, עולם־הבא. אין תּנך איז לגמרי ניטאָ וועגן דעם גאָרניט. שווער געווען אַפֿילו פֿאַר די חז״ל צו געפֿינען אַ רמז, אָבער דער אידעאַל איז געבליבן. די חז״ל האָבן דעם אידעאַל, אַפֿילו אָן אַ רמז אין דער תּורה, געהאַלטן פֿאַר זייער וויכטיק. דער רמב״ם, וואָס האָט אייגנטלעך סומירט די אידייען פֿון חז״ל, האָט אַריינגענומען שׂכר ועונש פֿאַר מיצוות און עבירות און תּחית־המתים אין זיינע דרייצן עיקרים פֿון יידישקייט. אָט דער פּריוואַטער אידעאַל פֿאַר יעדער באַזונדערן

יידן איז געקומען אין די צייטן פון חז״ל. דער אַלגעמיינער פאָלק־אידעאַל איז געוואָרן צו וויניק איינצוהאַלטן יידן אין יידישקייט. צוויי מעגלעכע סיבות דער־ביי: יידישקייט איז געוואָרן שווערער, און צווייטנס, איז עס געווען אַ געוויינטלעכע זאַך ביי אַלע פעלקער — לאַנד פאַרלוירן — פאָלק פאַרלוירן. איינהיטן דעם קיום פון אַ פאָלק אין גלות אָן אַ לאַנד, דאָס איז געווען דער פאַרלאַנג פון די חז״ל. האָט דער אידעאַל אויך געדאַרפט זיין פריי פון פאַרבינדונג מיט לאַנד. חז״ל האָבן אַ סך זיך אָנגעשטרענגט איינצופלאַנצן דעם אידעאַל, דעם גלויבן אין עולם־הבא און תחית־המתים. און זיי האָבן אויסגעפירט: דער פריוואַטער אידעאַל פון עולם־הבא ווי אויך די מורא פאַרן גיהנום האָבן געהאָלפן איינהאַלטן יידישקייט.

„שווער צו זיין אַ ייד". כדי צו זיין אַ ייד דאַרף מען שטאַרק ליב האָבן יידישקייט אָדער קריגן דערפאַר גוט געצאָלט... די אמונה אין שׂכר ועונש, עולם־הבא און תחית־המתים האָבן שטאַרק געהאָלפן אין דער ריכטונג...

אָבער די וועלטלעכע יידישקייט האָט די ביידע פאַקטאָרן ניט געהאַט: ניט געהאַט די שטאַרקע ליבע צום יידישן שטייגער און אויך ניט די אמונה. אַט פאַר וואָס וועלטלעכע יידישקייט האָט יאָ געקאָנט זיין אין דעם אַמאָליקן שטעטל, דאָרטן איז געווען שווער צו זיין אַ ייד, אָבער אין גאַנצן אוממעגלעך צו ווערן אויס ייד. אַסימילאַציע — אַז קיין לעבעדיקע רוסן זיינען ניט געווען. איז וועלט־לעכקייט געבליבן איין מעגלעכקייט. אָדער די אַלטע אמונה מיטן אַלטן שטייגער אָדער וועלטלעכקייט. אין אורבאַניזם אָבער איז אַסימילאַציע מעגלעך און נאַטיר־לעך. פאָדערט וועלטלעכקייט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג: ניט די אַלטע שטעטלשע יידישקייט און ניט די אַסימילאַציע. — צוליב וואָס? צוליב וואָס פאַר אַן אידעאַל? האָט וועלטלעכקייט געקאָנט האַלטן זיך בלויז איין דור ביי די יידן וואָס האָבן ניט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון יידישקייט. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין אידעאַל איינצופלאַנצן ביי די קינדער, אַז יענע זאָלן זיך אויך האַלטן ביי דער זעלביקער וועלטלעכקייט.

אָבער צי האָט יאָ באמת וועלטלעכקייט אַן אידעאַל אויסער איר נעגאַציע — קעגן דער רעליגיע? צי קענען איבערצייגטע וועלטלעכע יידן איינפלאַנצן אַ יידישן אידעאַל און אַ יידישן שטייגער ביי זייערע קינדער, יענע זאָלן האָבן פאַר וואָס און צוליב וואָס צו היטן וועלטלעכקייט? דערווייל זיינען מיר באַקאַנט פאַקטן פון געטרייע וועלטלעכע יידן, וואָס פירן זייערע קינדער אין שול אַריין, און היטן אַנדערע רעליגיעזע מינהגים, ווייל קיין וועלטלעכער שטייגער איז ניט געשאַפן געוואָרן, און אָן אַ שטייגער, פילן די געטרייע יידן, איז שווער אויסצו־האַלטן געטרייע יידן. איז ביי זיי רעכט צו היטן אַ רעליגיעזן שטייגער, אָבער נאָר ניט אין גאַנצן אָן אַ שטייגער.

בלייבט דאָך אַלץ די אַלטע פראַגע, צי האָט וועלטלעכע יידישקייט אַן אידעאַל?
— פאַר מיר איז עס קיין פראַגע ניט. וועלטלעכקייט איז אַ וועלטבאַנעם:

קודם־כּל איז עס אַן אידעאַל פון אַ יידישן וועלטפאָלק. מדינה און וועלט־פאָלק. אַלע פעלקער האַלטן אין איין צעשפּרייטן זיך, אַלע פעלקער וועלן מיט דער צייט ווערן וועלטפעלקער. ניטאָ קיין פאָלק, יידן זיינען פריִער פון אַלע אַנדערע פעלקער אַוועק אויפן וועג פון וועלטפאָלק. ביז איצט גלייבן נאָך פעלקער ניט אין וועלט. יידן וועלן זיין דער מוסטער פאַר אַלע פעלקער. מדינה און וועלט. מדינה איז די פולע פאַרזיכיקייט, דער מוסטער פאַר אַלע יישובים אין דער וועלט. די וועלט וועט דאַרפן זיין איינגעאָרדנט ניט פון מדינות מיט גרענעצן, נאָר פון פעלקער אָן טעריטאָריעלע גרענעצן. נאָך ווייט צו דעם, אָבער וואָסער אידעאַל איז עס פון היינט אויף מאָרגן? די מלוכות וועלן אָפּהיטן די אינטערעסן פון פעלקער אין זייער קולטור און דערציִונג. דאָס איז איינס. און ווייטער:

פעלקער מישן זיך. און בלייבן באַזונדער — ווי פאַרשיידענע ביימער אין איין וואַלד: איטלעכער לעבט זיך זיין אייגן, פאַרזיכיק לעבן — קולטורעל און גייסטיק.

און נאָך ווייטער — יידישע געשיכטע אויפנעמען אָן ניסים. נאַטירלעכע אַנטוויקלונג. די יידישע רעליגיע — אַ פאַרהייליקונג פון פאָלק און פון זיינע שאַפונגען. די יידישע רעליגיע — ניט פאַר גאָט נאָר פאַרן פאָלק.

וועלטלעכע יידישקייט אַרבעט אויס איר שטייגער פון וואָך און יום־טוב. זי קען די זעלביקע רעליגיעזע שטייגערן פאַרוועלטלעכן, אַריינפירן נייע וועלט־לעכע עלעמענטן אַנשטאָט די אַלטע. וועלטלעכע יידישקייט דאַרף פירן צו וועל־טישער יידישקייט, יידן ווי אַ וועלטפאָלק, דאָס ערשטע פאָלק וואָס איז אַוועק אויף דעם וועג, וואָס אַלע אַנדערע פעלקער וועלן מוזן נאָכגיין, אַ דאַנק דער טעכניק און ציוויליזאַציע בכלל. מדינות האָבן אין זיך עלעמענטן פון הערש־דראַנג, מיינע, אונדזערע, פאַרכאַפּן, אַנראַבירן. פעלקער קענען לעבן בשלום אָן מלחמות. דאָס איז דער ווייטסטער אידעאַל פון וועלטלעכקייט, פון וועלטישער יידישקייט און פון אַ וועלט מיט פעלקער אָן מדינות. וועלטלעכקייט מוז פירן צו וועלטישקייט פון אַלע פעלקער.

13

טעריטאָריאַליזם

דאָס איז אַן אידעע, וואָס האָט זיך אין גאַנצן אָנגעהויבן און אַנטוויקלט אין צוואַנציקסטן י״ה, אין 1903. אין מיטן פון דעם גרויסן געלאָף פון רוסלאַנד. נאָכן פּאָגראָם אין קישענעוו. די לאַגע פון יידן איז ווידער געוואָרן שווער און שווערער. און יידן האָבן זיך גענומען אויף דעם אַלטן וועג: די טאָרבע אויף די פּלייצעס און געלאָפן פון איין גלות אין דעם צווייטן אַריין. הערצל האָט דערזען די לאַגע, און זיין חלום צו קריגן דעם געגאַרטן „טשאַרטער״ אויף ארץ־ישׂראל איז ווידער ניט מער ווי אַ חלום, איז ער געקומען מיט דער אידעע פון „אוגאַנדע״ — אַ טעריטאָריע אין אַפריקע. ענגלאַנד האָט פּאָרגעלייגט פאַר יידן במקום ארץ־ישׂראל, וואָס איז דעמאָלט געווען ביי טערקיי. די רוסישע ציוניסטן — די נאָנטסטע צום חורבן — האָבן דעם אוגאַנדע־פּלאַן אויפגענומען מיט אַ געוויין, עס איז אַפילו געפאַלן אויפן אַדרעס פון הערצל דאָס וואָרט „פאַררעטער״... פון דעם גאַנצן פּלאַן איז גאָרניט געוואָרן. עס איז ניט קיין פראַגע פון באַשלוסן, פון שטימען ציילן — פאַר און קעגן. עס איז אַ פראַגע פון טראַדיציעס אין פאָלק. אַן אייביקייט האָבן יידן געוואַרט אויף דער גאולה, אויף משיחן. אַן אייביקייט איז אָט דער אידעאַל פון גאולה פאַרבונדן נאָר מיט ארץ־ישׂראל. זיינען דווקא די רוסישע ציוניסטן געוואָרן דערשראָקן פון דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט: אויס מיט דעם אייביקן חלום אויף „וירושלים עירך ברחמים תשוב!״ אויס מיט דעם דראַמאַטישן זעקעלע ערד אין קבר אַריין, כאָטש נאָכן טויט האָבן אַ קליין ביסעלע ערד פון ארץ־ישׂראל אין קבר אַריין... הגם איך ווייס גאָרניט צי לויט דעם גייסט פון יידישקייט איז אַזאַ פאַרהייליקונג פון די ארץ־ישׂראל־ערד דערלויבט גאָר. אָבער ביים פאָלק איז אַזאַ טראַדיציע געווען, איז זי שטאַרקער געווען פון אַלע אומגליקן אין לעבן פון יידן!

ניטאָ קיין לאָגיק! יידן פלעגן זאָגן כסדר אַלע טאָג „ובא לציון גואל" (אַ פסוק פון ישעיה). אָבער ניט געווען קיין תּפילה „ובא לישראל גואל". עס פעלן ניט קיין פסוקים ביי יידן. אָבער אין די תּפילות פיגורירט מער ירושלים ווי ישׂראל. דאַכט זיך, ווער דאַרף מער אַ גאולה, דאָס פאָלק אָדער דאָס לאַנד? און אין די תּפילות קומט אויס אַז דאָס לאַנד איז פריִער, פאַר דעם פאָלק. האָבן די מער טראַדיציאָנעלע ציוניסטן ניט געקאָנט אָננעמען דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט: ער איז קעגן דער יידישער טראַדיציע!

פאַראַן ביי יידן אַ לעגענדע וועגן יידן, וואָס זיצן אין אַ גליקלעכן פאַרזיכיקן לאַנד ערגעץ הינטער די הרי־חושך, אויף יענער זייט פון טייך סמבטיון. דאָרטן זיצן די גליקלעכע יידן פון די צען שבטים און מיר קענען צו זיי ניט צוקומען... געווען חלומות, אָבער קיינע פּראַקטישע טריט פון פּרובירן געפינען אַ פריי וויג־קעלע און דאָרטן איינאָרדענען זיך — איז ניט באַקאַנט. די גרעסטע גאולה־אונ־טערנעמונג פון דוד ראובני און שלמה מולכו (זעכצנטער י"ה) איז ווידער געווען פאַרבונדן נאָר מיט ארץ־ישׂראל, און דובנאָוו רופט זי מיט רעכט אַ „ציוניסטישע".

אין די עקספּעדיציעס פון קאָלומבוסן זיינען געווען יידן. יידן האָבן אים געהאָלפן. עס איז אָבער ניט באַקאַנט עס זאָל אויפקומען אַ באַוועגונג ביי יידן זיך איינצואָרדענען אַליין ערגעץ פאַר זיך אין דעם נייעם, ערשט אַנטדעקטן לאַנד. האָבן זיך געלאָזט עטלעכע און צוואַנציק יידן וואַנדערן פון קאַטוילישן בראַזיל אַזש ביז צו ניי־אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק), זיך קוים איינגעבעטן אַ דערלויבעניש צו בלייבן דאָרטן, אָבער עס איז ניט באַקאַנט קיין פּרווו איינצואָרדענען אַן אייגענעם ווינקל אין דעם גאַנץ פרייען לאַנד.

אין דעם איינגעמען דאָס היינטיקע מעקסיקע האָבן אָנטייל גענומען יידן, וואָס האָבן נאָך דעם געליטן פון דער אינקוויזיציע, אָבער ניט באַקאַנט קיין פּרווו זיך צו באַזעצן פאַרזיך. פאַר וואָס האָבן יידן ניט אויסגענוצט דעם חלום פון עמנואל נוח צו שאַפן אַ יידיש לאַנד „אררט" אין אַמעריקע? פאַר וואָס האָבן מאָרמאָנען, למשל, יאָ געפונען פאַר מעגלעך צו שאַפן אין אַמעריקע אַ פאַרזיכיקן שטאַט, און יידן האָבן עס ניט געפּרובירט אַפילו?

פאַר וואָס האָבן יידן אין דער צייט פון דער גרויסער אימיגראַציע קיין אַמעריקע ניט געטראַכט, ניט געפּרובירט זיך צו באַזעצן געמיינזאַם, צוזאַמען, געע־דיכטער, צו שאַפן אַן אייגענעם ראַיאָן, אַן אייגענעם, פאַרזיכיקן שטאַט, אַ ראַיאָן אין אַזאַ מין שטאַט ווי ניו־יאָרק? פאַר וואָס האָבן די פאַר מיליאָנען יידן אין ניו־יאָרק אַפילו קיין אייגענע קהילה ניט געקאָנט שאַפן פאַר אַן אייגענעם פאַר־זיכיקן אָרגאַניזירטן לעבן?

ניט געווען אין דער פּסיכיק פון יידישן פאָלק קיין שום געדאַנק וועגן באַ־פרייען זיך פון גלות ערגעץ מחוץ ארץ־ישׂראל, קיין פאַרשטעלונג פון אַ נאָרמאַל

לעבן ערגעץ אין דער גאָרער וועלט מחוץ ארץ־ישׂראל. די גאַנצע וועלט איז גלות, אויב גאולה, איז עס נאָר אין ארץ־ישׂראל. הערצלס אוגאַנדע־פּראָיעקט איז געווען אַ רעוואָלט ניט קעגן דעם לאַנד ישׂראל, נייערט ס׳איז געווען אַ רעוואָלט קעגן דער אייביקער פּסיכיק פון יידן, פון יידישן פאָלק בכלל. אַזוי ווי דאָס פאָלק ישׂראל איז אויך דאָס לאַנד ישׂראל אין אַן אייביקן גלות ביי פרעמדע, און די גאולה קען זיין נאָר אַ געמיינזאַמע פאַר ביידן צוזאַמען.

וועגן פאָלקישער געמיינזאַמקייט, אַחוץ די געמיינזאַמע צרות וואָס אַנדערע טוען אָן און אַחוץ דער געמיינזאַמער רעליגיע, האָט מען ווייניק זיך פאַרטראַכט.

עס זיינען געווען פּראָבעס צו שאַפן קאָלאָניעס — פּויערישע, אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע, אָבער עס זיינען ניט געווען קיין פּראָבעס צו שאַפן קאָלאָניעס סתם יידישע. מען האָט געוואָלט עפּעס אַ נייע יידישקייט, ריכטיקער — אַ נייעם טיפּ אַמעריקאַנער. מען האָט גערעדט יידיש, אָבער דאָס איז געווען נאָר דערפאַר ווייל קיין אַנדער שפּראַך האָט מען ניט געקאָנט נאָך. האָט מען זיך אַפילו אַזוי גערופן: „יידיש־שפּרעכנדיקע סאָציאַליסטן, יידיש־שפּרעכנדיקע אַנאַרכיסטן״. איזן איז מען אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן אָדער עפּעס אַנדערש, מען „שפּרעכט יידיש״ — דאָס איז דער איינציקער אונטערשייד, קיין שום אַנדערע אייגנשאַפטן פון יידישקייט, קיין שום אַנדערע פּראָבלעמען פון יידן ווי אַ פאָלק אין אַ נייעם לאַנד איז ניט געווען.

נאָך מער — אַפילו קיין ארץ־ישׂראל איז מען געפאָרן מחמת צוויי מאָטיוון: ערשטנס, איז דאָך יישוב־ארץ־ישׂראל אַ גרויסע מיצווה נאָך פון תּלמוד אָן. פּטור ווערן פון „גילגול מחילות״ נאָכן טויט, ווען משיח וועט קומען. צווייטנס, איז מען געפאָרן כדי זיך צו באַפרייען פון גלותדיקע יידישע פּרנסות, און פון גלותדיקע יידישע כאַראַקטער־שטריכן. עס זיינען אין יענע צייטן געווען באַקאַנט צוויי טערמינען — „צרת היהודים״ (צרות פאַר יידן) און „צרות היהדות״ (צרות פאַר יידישקייט). פון יידן־צרות, פלאָגן און מאַטערנישן איז מען געלאָפן קיין אַמעריקע. קיין ארץ־ישׂראל איז מען געפאָרן מער צוליב צרות פון יידישקייט, ווי צוליב פאַרהאַסטע יידישע פּרנסות, יידישע גלות־שפּראַך, גלותדיקע כאַראַקטער־שטריכן וכדומה. אין אַמעריקע האָבן יידן געהאָפט פּטור צו ווערן פון יידישקייט־צרות גלייך מיט יידן־צרות. אין ארץ־ישׂראל האָט מען געהאָפט פּטור צו ווערן פון יידן־צרות — דאָס איז נאָך בספק: פאַרט דאָך גלות! אָבער פון יידישקייט־צרות וועט מען פּטור ווערן גאָר אויף אַ נייעם אופן: מען וועט פּטור ווערן פון היינטיקער יידישקייט און מען וועט זיך אָננעמען מיט אַ פאַרצייטיקער יידישקייט. אין 1911 האָט געשריבן אחד־העם — דער שטרענגער העברעיִסט, אַז די גימנאַזיע האָדעוועט „יהודים קדמוניים״ — פאַרצייטיקע יידן. און אויך האָט ער געשריבן וועגן דער „שלילת הגלות״, אַז די שלילה (די נעגאַציע) קען ברענגען נאָך נעגאַציעס און

„זייער סוף — ווער קען פאָרויסזען" (ואחריתן מי ישורנה?). ערשט איצט ווערן צייטיק יענע פּרוכט פון דער נעגאַציע, און די מדינת ישׂראל — גאָט זאָל זי ראַטעווען.

היוצא לנו מדברינו — דער אַלגעמיינער אויספיר — די עמיגראַציע איז געלאָפן פון יידישע צרות און פון יידישקייט־צרות. אין אַמעריקע — אַנטלויפן יידן צו דעם כּלומרשטן אַמעריקאַנער פאָלק (אַזאַ פאָלק איז גאָר ניטאָ). מיט דער אַלגעמיינער שפּראַך לעבן עטלעכע פעלקער באַזונדער (אַ „נאַציע פון נאַציעס"). קיין ארץ־ישׂראל איז מען געלאָפן פון יידן צו כּלומרשטע פּאַרצייטיקע יידן. אין סך־הכּל — אַלע זיינען געלאָפן פון יידן. ביי אַזוינע שטימונגען און מיט אַזוינע געפילן האָט ניט געקאָנט זיין קיין שום פּרווו פון אַ טעריטאָריעלער איינאָרדענונג. אַזאַ איינאָרדענונג פאָדערט קודם־כּל קעגנזייטיקע ליבע צווישן אַנאַנד, צווייטנס פאָדערט זיך אַ געטרייקייט צו פּשוטע פאָלקישע טראַדיציעס. דיביידע אייגנשאַפטן — דאָס איז „אהבת ישׂראל". אָן אהבת־ישׂראל קען ניט זיין קיין טעריטאָריעלע איינאָרדענונג פון אַ יידישן יישוב. אָן אהבת־ישׂראל זיינען יידן אין אַ „פליסיקער מיגראַציע": יידן קומען ערגעץ, איז מען קודם־כּל צום אָנהייב צוזאַמען, ווייל מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג איז מען דאָך גאָר ווייט. לעבט מען זיך איין, ווערט די צאָל יידן גרעסער, פאַרלירט דאָס אָרט זיין חן אין די אויגן פון יידן, זוכט מען אַ „בעסערן" ראַיאָן. און בעסער איז אַ ראַיאָן, ווען ער האָט ווייניקער יידן. צעלויפן זיך יידן. אַזאַ פליסיקע מיגראַציע איז ביי יידן אין אַלע אַמעריקאַנער שטעט. קען ניט געמאָלט זיין קיין שום סאָציאַלע, שטענדיקע קולטורעלע אָרגאַניזירטקייט, און אָט דאָס מיינט דאָך טעריטאָריע — אַ לאַנד באַפעלקערט מיט אַ פאָלק, וואָס פירט אָן אייגענעם פאַרזיכיקן שטייגער.

יידן אין אייראָפּע האָבן געמאַכט אַ שרעקלעכן פאַרברעך: זיי האָבן — לויטן מוסטער פון אַנדערע פעלקער — געמיינט אַז אויך יידן קענען דינען גאָט פאַר זיך, באַזונדער, און די רעליגיע האָט ניט קיין שייכות צו דער קולטור פון פאָלק. פאַר דער רעליגיע, פאַר גאָט — אַלץ ביז מסירת־נפש. פאַרן פאָלקס קולטור גאָרניט, זי איז ניט ליב און ניט הייליק. קען ניט ווערן קיין שום אָרט אַ יידישער ווינקל מיט אַ יידישן שטייגער און קולטור. סיידן מען צווינגט זיי צו דעם. אַזוי האָבן די אַראַבער אַ גרויסן חלק אין דעם אויפבוי פון יידישע שטעט אין ארץ־ישׂראל. לכתחילה האָבן יידן געוואָלט בלויז קאָלאָניעס, לאַנדווירטשאַפט, „פּויערימיזאַציע". דאָס האָט די מורא פאַר אַראַבישער רציחה געהאָלפן, תל־אביב זאָל ווערן אַ שטאָט. דער פּאָגראָם אין 1920 און אין 1929 האָבן ענדגילטיק אויסגעלערנט די יידן צו בויען אַ באַזונדער, פאַרזיכיק ארץ־ישׂראל.

לאָמיר אויף אַ ווײַלע זיך אומקערן צו יענעם אוגאַנדע־קאָנגרעס וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ רעוואָלט פון רוסישע ציוניסטן קעגן הערצלען. אייגנטלעך זיינען

דאָך יידן סיי ווי געלאָפן מאַסנווייז קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע. דער פאַקט האָט ניט אַרויסגערופן קיין טרערן ביי די ציוניסטן און אוגאַנדע יאָ? מיט וואָס איז אוגאַנדע געווען ערגער פון דער עמיגראַציע בכלל? דאָס איז דערפאַר וואָס פאַר די רוסישע ציוניסטן איז ציוניזם געווען קודם־כל „בנין הארץ" פריִער פאַר „בנין העם". יידן פאָרן קיין אַמעריקע פון איין גלות אין אַ צווייטן, אָבער ציוניזם מיינט דאָך אויס גלות, מיינט גאולה, מיינט אַ וועלטלעכן משיח. דאָס קען זיין לויט דער גאַנצער טראַדיציע נאָר פאַרבונדן מיט ארץ־ישׂראל. זיינען יידן דאָך געפאָרן קיין ארץ־ישׂראל „לבנות ולהבנות", בויען (דאָס לאַנד) און זיך אויפבויען (דאָס פאָלק). דאָס בויען דאָס לאַנד איז פריִער. האָט מען אַ צייט שפּעטער נאָך געזונגען „מי יבנה את הגליל?" — בויען דאָס לאַנד איז געווען פריִער, חשובער. אַזוי איז געווען די טראַדיציע, און אוגאַנדע — דאָס ערשטע מאָל אַ רעוואָלט קעגן דער טראַדיציע — בויען דאָס פאָלק אָן ארץ־ישׂראל. דער טעריטאָריאַליזם האָט געקאָנט צוציִען בלויז אַזוינע יידן וואָס זיינען געווען שוואַכער פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע (זאַנגוויל, ד"ר מאַנדעלשטאַם פון קיִעוו וכדומה). קיין מאַסע־באַוועגונג איז ער קיין מאָל ניט געוואָרן. אַ באַוועגונג וואָס דער פאַרזיצער קען זי מיט אַ „דעקרעט" פאַרענדיקן איז קיין מאָל ניט געווען קיין אמתע באַוועגונג. דער טעריטאָריאַליזם איז געווען אַן אויסלייזונג פאַרן פאָלק, אָבער דאָס פאָלק גופא האָט אים ניט אָנגענומען. דאָס פאָלק האָט געגאַרט די גאַנצע גלות־געשיכטע, געגאַרט און געוואַרט אויף דער גאולה, אָבער אַלע מאָל פאַרבונדן נאָר מיט ירושלים „ובנה ירושלים עיר הקודש, תּבנה חומות ירושלים" וכדומה. קיין גאולה אָן ציון האָט דאָס פאָלק ניט אָנגענומען.

דאָס „פאָלק" — ווו איז געווען אַ יידיש פאָלק? אין מערב־אייראָפּע זיינען געווען יידן, אָבער קיין פאָלק איז שוין ניט געווען. און אין מיזרח־אייראָפּע איז געווען שטאַרק די טראַדיציע פון „יישוב ארץ־ישׂראל", פון בנין הארץ. דעם פאָלק האָט דער טעריטאָריאַליזם גאָרניט געזאָגט.

מיט עטלעכע יאָר פאַרן „אוגאַנדע־קאָנגרעס" האָט אחד־העם ביים זען דאָס ערשטע מאָל דעם כּותל־מערבי מיט די יידן אַרום אים געשריבן: די שטיינער זיינען עדות פון אַ חורבן לאַנד. די מענטשן זיינען עדות פון אַ חורבן פאָלק. אַ לאַנד אַז עס ווערט חרוב, קומט אַ פאָלק און בויט אויף. אַ פאָלק אַז עס ווערט חרוב — ווער וועט עס אויפבויען?

איינער פון די חכמי התּלמוד האָט געזאָגט: „דער גאַנצער אונטערשייד צווישן איצט און די משיח־צייטן איז נאָר די אונטערטעניקייט צו (פרעמדע) מלכים". צוויי פאַרקערטע מיינונגען: דאָס פאָלק אַליין איז געזונט, נאָר אונטערטעניק. דאָס פאָלק אַליין איז קראַנק. גלות — פרעמדע הערשאַפט; גלות — דער חורבן פון פאָלק, וואָס מען דאַרף איבערמאַכן.

ווער איז גערעכט? — וואָלט אחד־העם געווען גערעכט, וואָלט מיט אַ צען יאָר (בערך) שפּעטער ניט געוואָרן קיין תּל־אביב מיט איינער פון די ערשטע פיר־פינף גאַסן „רחוב אחד־העם״. אחד־העם האָט געירשנט אַ קראַנקע פאָרשטעלונג אַז דאָס פאָלק איז קראַנק, די ירושה פון דער קראַנקער השׂכּלה.

ארץ־ישׂראל און עם־ישׂראל — איין גאַנצקייט — לאַנד און פאָלק. אַזוי איז געווען די טראַדיציע, די פּסיכיק פון פאָלק. האָט דער ציוניזם דאָס לאַנד שוין אויפגעבויט. ארץ־ישׂראל איז דורך די אַראַבער געוואָרן אַ מידבר, אַ קראַנקער, ווילדער מידבר, פול מיט קראַנקייטן און ווילדע חיות. האָבן יידן אויפגעבויט דאָס לאַנד, עס געזונט געמאַכט, רייך געמאַכט. האָט דער ציוניזם אויפגעבויט אויך דאָס פאָלק? — ניין! דאָס פאָלק וועט דעמאָלט זיין אויפגעבויט, ווען עס וועט קענען אויפנעמען דעם טעריטאָריאַליזם — אויפבויען דאָס פאָלק אומעטום, אין אַנדערע לענדער, ווען דאָס פאָלק ווי אַ גאַנצעס וועט זיין אַן אידעאַל פאַר זיך אַליין, אָן פאַרבינדונג מיט ארץ־ישׂראל. „טוב למות בעד ארצנו״ — אַ פראַזע וואָס ווערט צוגעשריבן דעם שטאַרבנדיקן טרומפּעלדאָרן. ניטאָ, ניט געבוירן גע־וואָרן קיין ענלעכע פראַזע מיט אַ „בעד עמנו״.

יידן האָבן אַן אייביקייט געוואַרט אויף דער גאולה. די גאולה האָט ביי יידן אין דער פּסיכיק געדאַרפט זיין אַ טאָפּעלע: גאולת־האָרץ — אויסלייזן דאָס לאַנד פון דער פאַרווילדונג און פאַרוויסטונג, וואָס ניט־יידן האָבן עס פאַרווילדעט און חרוב געמאַכט ווי אַ מידבר, און גאולת־ישׂראל — אויסלייזן דאָס פאָלק. אָט די גאולת־ישׂראל האָט ווידער געדאַרפט זיין אַ טאָפּעלע: באַפרייען דאָס פאָלק פון דער גויִישער הערשאַפט און באַפרייען דאָס פאָלק פון די גייסטיקע און קולטור־רעלע איינגעשאַפטן וואָס שטאַמען פון גלות. די גאולה דאַרף איבערמאַכן דאָס פאָלק גופא. דאָס פאָלק גופא איז געוואָרן „גלותדיק״ און די גאולה דאַרף עס איבער־קנעטן, איבערמאַכן. פרומע יידן האָבן געהאָפט, אַז די גאולה וועט געבן די מעג־לעכקייט צו ברענגען קרבנות, „ושם נעשׂה את חובותינו בבית הגדול״. האָבן ניט־פרומע יידן געוואָלט און געחלומט, אַז די גאולה זאָל בייטן דעם טיפּ יידן, זיין כאַראַקטער, זיין פירונג און זיין לשון. די עצם גלותדיקע יידן טויגן ניט. האָט דער ציוניזם דאָס לאַנד שוין אויסגעלייזט פון צו זיין אַ מידבר. האָט אָבער דער ציוניזם שוין אויך אויפגעבויט דאָס פאָלק? — דאָס, צום באַדויערן, ניט.

ערשטנס האָט מען לכתחילה געוואָלט ניט באַפרייען דאָס פאָלק, נאָר מען האָט בפירוש געוואָלט דאָס פאָלק איבערמאַכן, מאַכן פון דעם גלותדיקן פאָלק עפּעס אַן אַנדערס, עפּעס אַ ניי פאָלק, אַ שענערס און אַ בעסערס. באַפרייען דאָס פאָלק פון זיך אַליין. אין אַלע אַנדערע אימיגראַציע־לענדער איז דער „אידעאַל״ — באַפרייען זיך פון יידישקייט, געווען גרינג — אַסימילאַציע. אין ארץ־ישׂראל — גאָר שווער: — אַסימילאַציע? — מיט וועמען? טערקן זיינען ווייט, און אַראַ־

בער — אַ קנאַפּע קולטור. איז נאָך אַ האַלבע צרה געווען כּל־זמן די עליה פלעגט ברענגען יחידים. אָבער ווי נאָר די עליה האָט גענומען ברענגען מאַסן — ווי קען מען דערוואַרטן אַן „אויסגלותונג" פון די יידן? און אַ גרויסע עליה מוז מען האָבן צוליב אַ סך אַנדערע מאָטיוון! אַ סך צרות זיינען אויפגעקומען אין ישׂראל דווקא מיט דער מאַסן־עליה.

די גאולת־העם וועט קענען קומען ערשט דעמאָלט ווען דאָס פאָלק וועט קענען אויפנעמען דעם טעריטאָריאַליזם. כּ׳מיין — ווען דאָס פאָלק ווי עס איז היינט, מיט אַלע זיינע „גלותדיקע" אייגנשאַפטן און מיט זיין גלותדיקער קולטור — ווען אָט דאָס גלותדיקע פאָלק וועט ווערט זיין אין די אויגן פון פאָלק אויס־געלייזט צו ווערן; ווען מען וועט אויפהערן צו חלומען וועגן איבערמאַכן דאָס יידישע פאָלק. דאָס פאָלק ישׂראל ווי עס איז היינט, ווי דער גלות האָט עס אויס־געבילדעט — דאָס גלותדיקע פאָלק ווי אַן אידעאַל — דאָס לאָמיר אָנרופן „פאָל־קיזם". איך גלייב, אַז אָט דער פאָלקיזם איז געווען ביי די טעריטאָריאַליסטן אויך אַן עלעמענט פון זייער אידעאַל. דער פאָלקיזם איז איצט געוואָרן, מיט דער מאַסן־עליה — אַ פּראָבלעם אויך אין מדינת ישׂראל: קיין שטאַרקער אַסימילאַ־טאָרישער כּוח איז ניטאָ אין לאַנד. איצט איז ארץ־ישׂראל געוואָרן די איינציקע „טעריטאָריע", וואָס נעמט אויף יידן, און די „אויסגלותונג" איז זייער שווער, אוממעגלעך. דער הויפּט־אונטערשייד צווישן דעם ריינעם טעריטאָריאַליזם און דעם ריינעם ציוניזם באַשטייט אין דעם: דער טעריטאָריאַליזם האָט אין זינען דאָס פאָלק ווי עס איז איצט. דער ציוניזם שטרעבט אַז ציון זאָל אויסבעסערן די יידן. יידן האָבן אַלע מאָל געגלייבט אין זייער גרויסן גאָט, אָבער לגמרי ניט אין זייער פאָלק. איבערהויפּט איז דער ביטול צום אייגענעם פאָלק שטאַרק גע־וואָרן אין אייראָפּע. גאָט איז גרויס, אָבער דאָס פאָלק — „עם עני ואביון". מיט אַזאַ באַציִונג צו זיך האָט דער טעריטאָריאַליזם קיין מאָל ניט געקאָנט געלינגען.

דער טעריטאָריאַליזם האָט זיך ניט גערעכנט מיט דער פּסיכיק פון פאָלק. צוויי פאַלשע הנחות זיינען דאָ געווען. מצד די געבער און מצד די נעמער. ווער האָט עס געדאַרפט געבן יידן אַ טעריטאָריע? קיינער האָט ניט געגעבן און קיינער וועט ניט געבן. מען גיט ניט קיין טעריטאָריע. מען הרגעט זיך, מען ממיתט זיך פאַר לענדער, וועט קיינער ניט געבן. אַלע וואָס האָבן געגעבן, האָבן געגעבן... פרעמדס. האָט ענגלאַנד געגעבן אַ פרעמדע אוגאַנדע, האָט האָלאַנד געגעבן סוריי־נאָם וכדומה — אַלץ פרעמדע. דאָס איז מצד די „געבערס". און מצד די נעמערס, מצד די יידן איז ווידער געווען אַ טעות: מיגראַציע אין אַלע לענדער פון דער וועלט — אומעטום גלות. דאָס יאָ, אָבער בויען אַ פאַרזיכיק לעבן, אַ גאולה — דאָס האָבן יידן זיך נאָך ווייט ניט אויסגעלערנט, די טראַדיציע לאָזט ניט! וואָלט עמעצער יאָ געגעבן יידן אַ לאַנד, וואָלט געווען אַ באַנקראָט — עס וואָלט ניט

געווען מיט ווענמען צו בויען. קען זיין אַז טעריטאָריאַליזם איז אַ העכערע מדרגה אין פסיכיק פון יידישן פאָלק, העכער פון ציוניזם — די גאולה אומעטום! אומ־אָפּהענגיק פון לאַנד. אומעטום איז דאָס פאָלק אַ פאָלק מיט זיין פאַרזיכיקער קול־טור, און אָט דאָס פאָלק מיט דעם פאָלקישן אינהאַלט דאַרף מען בויען. דערצו איז נאָך דאָס פאָלק ניט דערוואַקסן. קען זיין, עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז די נעגאַטיווע פּראָגראַם פון ציוניזם, די באַרימטע „שלילת הגלות״, דער אידעאַל אויפצובויען אַ פאָלק, וואָס זאָל זיין גאָר אַנדערש פון דעם גלות־פאָלק, קען זיין אַז דווקא דאָס האָט יאָ געהאָלפן בויען דאָס לאַנד. יידן מיט יידיש לשון, מיט יידישע נעמען וכדומה — דאָס וואָלט גאָר יידן ניט געצויגן. גאַנץ מעגלעך. כּדי זיך צו מאַטערן, צו ברענגען קרבנות דאַרף מען האָבן אַ גלויבן, אַן אידעאַל וואָס פאַר אים איז כּדאי צו ברענגען די קרבנות. איז אָבער ביי יידן די „גלותדיקע״ יידישקייט גאָר ניט אַזאַ ייחוס.

עס האָט מיר דערציילט עמעצער אַ געקומענער פון רוסלאַנד, אַז נאָך אין גאָר גוטע צייטן פון בירָאָבידזשאַן איז ער אַרומגעגאַנגען מיט דעם שרייבער דער נסתּר הי״ד פון הויז צו הויז און זיך באַמיט איינצורעדן די יידן זיי זאָלן שיקן די קינדער אין די יידישע שולן... עס האָט קנאַפּ געהאָלפן. אפשר איז דאָס געווען די עיקר־סיבה פון בירָאָבידזשאַן־אונטערגאַנג?

טעריטאָריאַליסטן דערקלערן אַז קיין מאָל איז דער אידעאַל ניט געלונגען ווייל עמעצער האָט שטילערהייט קאַליע געמאַכט. אָבער אַן אידעאַל, אַ באַוועגונג, וואָס עמעצער קען עס שטילערהייט קאַליע מאַכן איז קיין באַוועגונג ניט, קיין אידעאַל ניט. דאָס יידישע פאָלק איז נאָך ניט דערוואַקסן צו דעם אמתן טערי־טאָריאַליזם, צו אַן אידעאַל פון גאולת־העם אָן אַ וואַסער עס איז שייכות צו לאַנד. טעריטאָריאַליזם וועט ערשט קענען זיין אַן אידעאַל ווען יידיש פאָלק און יידישע פאָלקישקייט וועט זיין אַן אידעאַל פאַר זיך. עם־ישׂראל אָן ארץ־ישׂראל. מיט אַנ־דערע ווערטער — ווען יעדער לאַנד ווו יידן לעבן, ווו יידן בויען אַ פאָלקיש לעבן וועט קענען ווערן אַן ארץ־ישׂראל. דאָס שטיקל לאַנד כּנען איז ניט באַשאַפן געוואָרן משׁשת ימי בראשית אַלס ארץ־ישׂראל ספּעציעל פאַר יידן. דאָס האָבן יידן עס גע־מאַכט פאַר אַן ארץ־הקדושה, פאַר אַ הייליק לאַנד. לערנט נאָך די גמרא, אַז יידן האָבן פאַרהייליקט דאָס לאַנד אין די צייטן פון יהושע און אַ צווייט מאָל אין די צייטן פון עזרא. וועט ערשט דעמאָלט קענען ווערן דער טעריטאָריאַליזם אַן אידעאַל, ווען יעדן לאַנד וועלן יידן מאַכן פאַר אַן ארץ־ישׂראל. דערצו איז נאָך ווייט.

טעריטאָריאַליזם וועט מעגלעך ווערן ערשט דאַן, ווען יעדער יידישער אינ־טעליגענט און יעדער האַלבער אינטעליגענט וועט מיט דרך־ארץ זיך בוקן צום יידישן פאָלק אין גלות, און ער וועט באַוווּנדערן דעם כּוח אַריבערצוטראָגן דעם

גלות, באַוווּנדערן דעם כּוח צו נעמען פרעמדע ווערטער און מאַכן פון זיי אַן אייגן יידיש לשון, מיט אַלע הייליקייטן וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט; ווען יידן וועלן זיך בוקן צו דעם פאָלק וואָס האָט זיין פאָלקישן שטייגער געמאַכט פאַר דער רעליגיע, וואָס האָט זיין גייסט געמאַכט פאַרן הייליקן גייסט, פאַר דער שכינה, אידענטיש מיט גאָט אַליין... דעמאָלט ווען יידן וועלן זיך אָנפילן מיט אמתן און טיפן דרך־ארץ צו דער אייגענער פאָלקישקייט, דעמאָלט וועט קענען קומען דער טעריטאָ־ריאַליזם, ניט פריִער!

✶

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ווידער אויפגעקומען די באַוועגונג פון טעריטאָריאַליזם. אַלע לענדער האָבן פאַרמאַכט די גרענעצן, קיינער לאָזט ניט אַריין קיין אימיגראַנטן, די פּוילישע רעגירונג דריקט און שטיקט אַלץ מער און מער, די יוגנט דרייט זיך אַרום — ניטאָ צו וואָס זיך צו נעמען. אויך ארץ־ישׂראל איז פאַרמאַכט. איז ווידער אויפגעקומען דער טעריטאָריאַליזם. און גאַנץ מעגלעך אַז איצט וואָלט עס געווען רעאַלער, ווייל עס איז יאָ געווען אַ היפּשע יוגנט וואָס וואָלט געגאַנגען, געבויט. האָט אָבער קיינער קיין טעריטאָריעס ניט געגעבן. איז געקומען בן־אדיר — טאַקע פון ארץ־ישׂראל — און האָט געגרינדעט דעם זשור־נאַל „אויפן שוועל". עפּעס האָט אים אין ארץ־ישׂראל אַנטוישט. וואָס גענוי? ווייס איך ניט, קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו לייענען עפּעס וועגן דעם. געווען נאָך דענקענדיקע יידן אין ארץ־ישׂראל, וואָס האָבן געהאַלטן פון „פריילאַנד", ווי דער טעריטאָריאַליזם האָט זיך איצט אָנגערופן. געגלייבט האָט מען אַז מען שטייט „אויפן שוועל" — אָט שוין קריגט מען די טעריטאָריע, אָט באַלד בויט מען זי און גוט.

פאַראַן אַ סך נעגאַטיווע מאָמענטן אין ארץ־ישׂראל, אין דער מדינה אויך, עס האָבן געמעגט זיין פיינע יידן וואָס וואָלטן געוואָלט עס זאָל זיין אַנדערש. נאָך בן־אדירן איז געקומען ד"ר שטיינבערג — ווידער פּערזענלעך גאָר אַ פיינער ייד. אַזוינע יידן האָבן געקאָנט אויסוואַקסן נאָר אין ספּעציפישע באַדינגונגען אין רוס־לאַנד. מיר זיינען געווען באַפריינדט לאַנגע יאָרן. קיין ספק ניט — גאָר אַ פיינער ייד, אָבער אַפילו די פיינסטע יידן קענען ניט שאַפן קיין פאָלקס־באַוועגונג. און אָט איז ווידער געשטאָרבן דער טעריטאָריאַליזם, דאָס מאָל אַפילו אָן אַ דעקרעט פון פּרעזידענט, שאַ שטיל, אַפילו אָן אַ הספד. בן־אדירס זשורנאַל „אויפן שוועל" עקסיסטירט יאָ, אָבער ער האָט אייגנטלעך גאָר פאַרגעסן זיין אייגענעם אידעאַל. געשטאָרבן אָן אַ קדיש.

וואָס לערנט אונדז דאָס לעבן און טויט פון טעריטאָריאַליזם? דריי פערטל י"ה האָט אַן אידעאַל געלעבט, געחלומט, געוואָלט עפּעס דערגרייכן. ער האָט געהאַט

חסידים. דאַכט זיך, אַז חסידים, אָנהענגערס זיינען איצט נאָך אויך דאָ, אָבער קיין אויספירן וועלן ניט געמאַכט. דאָס איז אַ שאָד!

ניט בלויז דער טעריטאָריאַליזם באַגייט דעם פעלער וואָס מען לערנט ניט פון דער געשיכטע, אַלע יידישע באַוועגונגען האָבן גאָר אַ סך צו לערנען און מען טוט עס ניט. עס קומט אויס, אַז די טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך שוין אָפּגעזעגנט, אַוועק און געגאַנגען. מען וויל אַפילו ניט דערמאָנען די „חטאת־נעורים" — די בלאָנדזשענישן פון דער יוגנט. אָבער...

דער טעריטאָריאַליזם — דער געדאַנק צו בויען דאָס פאָלק און דאָס פאָל־קישע אין גאַנצן אָן פאַרבינדונג מיט ארץ־ישׂראל — דער געדאַנק האָט נאָך ווייט ניט געזאָגט זיין לעצט וואָרט.

✶

ניטאָ קיין צופאַלן אין געשיכטע. דאָס וואָרט „אַ צופאַל" האָבן אויסגעטראַכט מענטשן, וואָס פוילן זיך צו זוכן די אמתע סיבות פון דערשיינונגען. ניטאָ קיין צופאַלן אין דער נאַטור, אין גאַנצן קאָסמאָס, און אויך ניטאָ קיין צופאַלן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אַלץ פירט זיך לויט געזעצן. קאָסמישע געזעצן, נאַטור־געזעצן און געשיכטלעכע געזעצן. מער ניט וואָס די געשיכטע־געזעצן זיינען אַ סך קאָמפּליצירטער, און אָפט פאַרהוילן, פאַרטושט. אין געשיכטע זיינען די גע־זעצן צווייערליי — עס זיינען פאַראַן אינעוויניקסטע געזעצן, אין די מענטשן גופא, אין כאַראַקטער, אין געוווינהייטן, אין די טראַדיציעס פון יחידים און פעלקער. און פאַראַן די דרויסנדיקע פאַקטאָרן אין יעדער דערשיינונג. געזעצן אין דעם מענטשן — אינעווייניקסטע, און געזעצן דרויסנדיקע.

ווען אַ דערשיינונג חזרט זיך איבער אַ סך מאָל, ביי פאַרשיידענע דרויסנ־דיקע פאַרהעלטענישן, איז עס אַ סימן אַז די דערשיינונג איז אַ פּראָדוקט איבער־הויפּט פון די אינעווייניקסטע פאַקטאָרן. די מענטשן אָדער די פעלקער טראָגן אין זיך גופא די סיבות פון די דערשיינונגען. מיר זיינען פריִער, אין אָנהייב פון דער אַרבעט געלויפיק דורכגעגאַנגען דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע און געזען אַז יידן האָבן אויף אַ פאַטאַלן אופן פאַרבונדן זייער גאולה, די גאולה פון יידישן פאָלק מיט דער גאולה פון לאַנד ישׂראל, עם־ישׂראל קען אויסגעלייזט ווערן נאָר אין ארץ־ישׂראל. דאָס געזעץ איז אַן אינעווייניקסטער, אין די יידן גופא, אין זייער כאַראַקטער, אין דער פסיכיק. פאַר וואָס זיינען יידן אין גלות? אַזוי לאַנג אין גלות? ווייל זיי טראָגן דעם גלות אין זיך. קיינער וועט זיי ניט באַפרייען, קיינער קען זיי ניט באַפרייען כל־זמן זיי וועלן זיך אַליין ניט באַפרייען פון דעם גלות וואָס אין זיי.

אויב ארץ־ישׂראל און מדינת ישׂראל האָבן אויפֿגעטאָן גאָר אַ סך, אויב אַלע באַוווּנדערן דעם אויפֿטו, מאָל איז עס אַלץ וויל דאָ האָבן געווירקט צוויי אינע־וויניקסטע פֿאַקטאָרן. ערשטנס, איז צו בנין העם צוגעקומען בנין ארץ־ישׂראל; צווייטנס, האָט דער עצם „בנין העם" געהאַט אַ ספּעציפֿישן עלעמענט פֿון שלילה, שלילת הגלות: מען האָט בפֿירוש געשטרעבט זיך צו באַפֿרייען פֿון דער „גלות־דיקער" ייִדישקייט; מען האָט געהאָפֿט צו באַשאַפֿן אין ארץ־ישׂראל אַ נײַ פֿאָלק — ניט קיין יהודים, נאָר ישׂראלים. וואָס עס איז איצט דער רעזולטאַט פֿון אָט די צוויי פֿאַקטאָרן — דאָס געהער ניט צו דער אַרבעט. מער ניט איין זאַך: הלוואי זאָל די מדינה זיך באַפֿרייען פֿון די צוויי פֿאַקטאָרן מיט וויניקער שאָדן. קען זײַן, אַז בן־אדיר און נאָך אַנדערע ישׂראל־אינטעליגענטן האָבן פּאַרויסגעזען די צרהדיקע פּרוכט פֿון די צוויי פֿאַקטאָרן און דווקא דאָס האָט זיי געבראַכט צו באַיאָען דעם טעריטאָריאַליזם. קען זײַן.

עס שטעלט זיך אָבער אַ פֿראַגע אַ שווערערע. די מיצווה פֿון גאולת־האָרץ איז אַ גלותדיקע, געבוירן אין גלות און זי האַלט זיך אין גלות. זי איז דורך און דורך גלותדיק. אין לאַנד קען זי האָבן אַ טענדענץ אָפּגעשוואַכט צו ווערן. דעמאָלט ווערט אָן די גאולת־האָרץ איר כּוח צו ווירקן אויף ייִדן צו בלײַבן אין לאַנד ישׂראל. איז טאַקע אַזוי: אַלע מאָל איז פֿון ארץ־ישׂראל געגאַנגען גאָר אַ שטאַרקע עמיגראַציע, איבערהויפּט פֿון צווייטן דור. די פּראָבלעם פֿון ירידה (עמיגראַציע פֿון ישׂראל) איז אַלע מאָל געווען זייער אַ שווערע און היינט — ניט וויניקער. געהערט אַ מאָל אַ וויץ פֿון אַ ישׂראל־מיניסטער: עס שטייט „אווירא דארץ ישׂראל מחכּים". פֿון דעם איז געדרונגען אַז אין חוץ־לארץ זײַנען ייִדן נאַראָנים; בענקען זיי קיין ארץ־ישׂראל, קומען זיי שוין קיין ארץ־ישׂראל, ווערן זיי קלוג און זיי — אַנטלויפֿן פֿון ארץ־ישׂראל... איז אין דעם וויץ, ווי אין אַלע ייִדישע וויצן, פֿאַראַן אַ סך מער ווי אַ וויץ. דאָס, און די צווייטע זײַט פֿון דער פֿראַגע: שלילת הגלות מיינט דאָך אַז אַלץ צו וואָס ייִדן זײַנען צוגעוווינט, אַל דאָס טויג ניט — ניט זייער לשון, ניט זייערע נעמען, ניט זייערע טראַדיציעס. ווי איז אָבער מיט די געוווינהייטן וואָס ייִדן נעמען זיך אָן מיט זיי אין ארץ־ישׂראל? אָט איז דער ערש־טער דור, מיט אים איז מען זיכער: פֿאַר אים איז עס מער ניט קיין גלות. אָבער דער צווייטער, דער ווײַטערדיקער דור, די וואָס אין ישׂראל און דעם אמתן גלותדיקן לעבן קענען זיי ניט, אָבער די נעגאַציע צו אַל דעם געוויינטלעכן אין ייִדישקייט האָבן זיי, צי קען בײַ זיי ניט זײַן קיין נעגאַציע צו אַל דעם ישׂראלדיקן, ווײַל עס איז ייִדיש? אַ סך דערשײַנונגען אין אויפֿפֿיר פֿון דער יוגנט אין ישׂראל ברענגען צו טראַכטן אַז יאָ, אַז די שלילה צו ייִדישקייט טראָגט זיך אַריבער אויך אויף די נײַ־דערוואָרבענע זיטן און שטריכן, שוין ריין ישׂראלדיקע, און דאָס עפֿנט אַ ברייטן טויער פֿאַר אַלע מינים אַסימילאַציע אין ישׂראל גופֿא.

דאָס זיינען די אינעווייניקסטע געזעצן פון גלות ביי יידן, די פסיכישע, אין יידן גופא. זיי האָבן דערפירט ביז צום גלות (חורבן), זיי האָבן אונטערגעהאַלטן דעם גלות און האַלטן אים אונטער די גאַנצע צייט פון גלות. זיי קענען, חלילה, אויך די מדינה איצט דערפירן צו אַ מין גלות. דאָס זיינען כאַראַקטער־שטריכן וואָס האָבן ניט געלאָזן, וואָס לאָזן ניט און וואָס וועלן ניט לאָזן דעם טעריטאָ־ריאַליזם ער זאָל קענען פאַרווירקלעכט ווערן. דער היוצא לנו פון די רייד איז, אַז אויך דער גורל פון דער מדינה איז סוף־כל־סוף אָפּהענגיק פון די זעלביקע כאַראַקטער־שטריכן ביי יידן.

*

פאַר דעם גלות־יידן אין גלות, איבערהויפּט אין מיזרח־אייראָפּע איז לשון־קודש געווען גאָר אַ הויכע מדרגה, דאָס לשון פון דאַוונען, פון דער תורה! אַ קלייניקייט! ווער איז גאָר זוכה צו דעם! אָבער פאַר דעם סאַברע איז העברעיִש וואָס? אַ שפּראַך ווי אַלע שפּראַכן, ווייניקער ווי אַלע שפּראַכן, ווייל עס איז דאָך ניט מער ווי יידיש לשון, איז וואָס איז דאָ דער ייחוס?

פאַר דעם גלות־יידן איז ארץ־ישׂראל געווען גאָר אַ גרויסע מדרגה; אַזוי פיל חלומות, אַ זעקעלע ערד! עס דערמאָנט זיך מיר ווי אַ געבילדעטע אינטעלי־גענטע פרוי האָט מיר געזאָגט: זי האָט געפילט אונטער אירע טריט די טריט פון די אָבות. מיר אַליין האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אין ארץ־ישׂראל אויסגעדאַכט אַז איך טרעט אויף הייליקייט. פאַר דעם סאַברע איז ארץ־ישׂראל גאָר אַ וואָכע־דיקע לאַנד, ווי אַלע לענדער, ניט קיין ברעקל קדושה־געפיל. דערפאַר איז גרינג די ירידה פון ארץ־ישׂראל.

איז דער גאַנצער ייחוס פון ארץ־ישׂראל, וואָס עס איז אַנדערש, ניט ווי די גלותדיקע יידן, אַנדערע, בעסערע יידן, „אתה בחרתנו מכל היהודים"... אַז מען געווינט זיך צו, איז דאָך דאָס אויך אויס ייחוס... וואָס זשע בלייבט? — בלייבט דער אַלטער ביטול צו יידן און צו יידישקייט אויך אין ישׂראל... אַ סך פאַקטן ווייזן עס.

מיט אַנדערע ווערטער: אויב די יידישע מדינה אין ארץ־ישׂראל וואָלט זיך געבויט ווי אַ היים פאַר דער גלותדיקער יידישקייט, וואָלט זי, פון איין זייט, ניט אויפגעוועקט אַזוי פיל ענערגיע־קוואַלן ביי די עולים, חלוצים. די אויפטוען אין דעם בנין הארץ וואָלטן בפירוש ניט געווען אַזוינע גרויסע, וואָס אַלע באַוווּנדערן — פריינד און שׂונאים. פון דער צווייטער זייט אָבער, וואָלט די יידישע מדינה אויסגעמיטן אַ סך אינעווייניקסטע שטערונגען און פּראָבלעמען. עס קומט אויס, אַז די פראַגע איז איצט — ווי בויט זיך די מדינת ישׂראל? בויט זי זיך ווי אַ

טעריטאָריע — ווי אַ המשך פון דער גלותדיקער יידישקייט, אָדער זי בויט זיך ווי אַ היים פאַר אַ נייער יידישקייט, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון דער גלותדיקער יידישקייט, בכן — פון אַלץ וואָס איז איינגעוואָרצלט ביי יידן. אָט די שלילה טראָגט זיך אַריבער אויך אויף אַלץ וואָס עס ווערט טראַדיציאָנעל יידיש, גע־ווינטלעך־יידיש, אַפילו אויף אַלץ וואָס עס אַנטוויקלט זיך איצט אין דעם לאַנד ישׂראל גופא: אויב עס איז יידיש, טויג עס שוין ניט. אָט די נעגאַציע קען ברענ־גען אַ סך צרות, אַ סך סכנות פאַר דער יידישער מדינה, איבערהויפּט ווען עס וועט זיך סוף־כּל־סוף איינשטעלן אַ שלום מיט די שכנים. גאָר פּשוט: דער שווע־רער גלות (איבערהויפּט דער "גלות־אדום" אין דער קריסטלעכער אייראָפּע) האָט אַנטוויקלט ביי יידן אַ שטאַרקן שיפלות־געפיל — די „עגאָפאָביע" — אַ ביטול צו אַלץ וואָס עס איז יידיש. אָט די שלילה, דער ביטול טראָגט זיך אַריבער אויך אויף אַלץ וואָס עס האָט זיך אַנטוויקלט ביי יידן אויך אין דער מדינה. די שפּראַך עברית הערט אויף צו זיין אַ יחסנטע אויף וויפל זי ווערט אַ פּשוט יידיש־לשון וכדומה. גאָט ווייס צו וואָס עס קען דערגיין.

קומט אויס, אַז די מדינה דאַרף זיין פאַראינטערעסירט אין דערפאָלג פון טעריטאָריאַליזם. אָבער מיר האָבן פריִער גערעדט וועגן געבערס און נעמערס פון אַ טעריטאָריע און געקומען צום אויספיר אַז עס זיינען גאָר ניטאָ און עס וועלן ניט זיין קיין געבערס. קיינער וועט ניט דערלאַנגען דעם יידישן פאָלק אַ טעריטאָ־ריע אויף אַ זילבערנעם טאַץ. היינט צו וואָס איז דאָ די גאַנצע רייד? איז אָבער די מעשׂה, וואָס דער טעריטאָריאַליזם דאַרף גאָר ניט קיין געגעבענע טעריטאָריעס. וואָס מיינט דער באַגריף טעריטאָריע? — ער מיינט אַ ראַיאָן, אַ שטח ווו יידן לעבן אַ פאַרזיכיק, מאָנאָקולטורעל, יידיש שטייגער־ און קולטור־לעבן. אויב אַזוי קען דאָך זיין אַ טעריטאָריע אין ניו־יאָרק, אין מאָנטרעאָל, אין וויניפּעג, אין מעקסיקע און נאָך און נאָך. קומט אַרויס אַז ווידער זיינען שולדיק די נעמערס — די יידן גופא. איך פלעג אַלע מאָל מקנא זיין לעבנדיק אין וויניפּעג: פאַראַן דאָרטן אין שטאָט ענגלענדער, יידן, פראַנצויזן און אוקראַיִנער. די שטאָט בכלל איז ענג־ליש, די גאַנצע פּראָווינץ איז ענגליש. אָבער די פראַנצויזן האָבן פאַר זיך אויס־געבויט אַ באַזונדער שטעטל אויף יענער זייט טייך מיט אַ באַזונדערן נאָמען, אַנ־דערע גאַסן, אייגענע שולן, אין גאַנצן אַ פראַנצייזיש ווינקל אין אַן ענגליש לאַנד. די יידן האָבן קיין שטענדיקן, שטאַנדהאַפטיקן ראַיאָן ניט געהאַט. דער ערשטער ראַיאָן ווו מען האָט געלעבט גלייך ווי מען איז געקומען, האָט מען שוין לאַנג פאַרלאָזט. פון דעם צווייטן יידישן ראַיאָן זיינען שוין אויך די רייכערע אַוועק אין אַ צווייטן, „בעסערן" ראַיאָן. מיט וואָס בעסער? — ווייל ווייניקער יידן. איך האָב געהאַט אַ באַקאַנטן ליבן יידן דאָרטן. איין מאָל באַקלאָגט ער זיך פאַר מיר אין טעלעפאָן: מיין הויז האָט היינט אַנגעוווירן צען טויזנט דאָלאַר: אַ צווייטער

ייד האָט זיך אַריינגעקליבן פונקט אַנטקעגן מיין הויז! שפּעטער מיט יאָרן האָבן די יידן ווייטער געוואַנדערט, נייע ראַיאָנען. די שול און די תּלמוד־תּורה האָט מען געמוזט פאַרקויפן און בויען נייע. און אַזוי איז אין אַלע אַמעריקאַנער שטעט. די אוקראַינער האָבן זייערע עטלעכע דערפער. די יידן צעשפּרייטן זיך, זוכן „בעסערע" ראַיאָנען. די פראַנצויזן האָבן זיך געשאַפן זייער טעריטאָריע. די סיבות פון אונטערשייד — נאָר אינעווייניקסטע, אין כאַראַקטער.

צייט צו סומירן:

1. דער טעריטאָריאַליזם אין זיין פאָרעם ווי ער האָט עקסיסטירט ביי אונדז ביז איצט, איז בלויז אַ פאַנטאַזיע: ניט קיינער וועט געבן אַ טעריטאָריע, ניט יידן זיינען פעיִק צו בויען אַ טעריטאָריעלע היים ערגעץ ווו אויסער ארץ־ישׂראל.

2. טעריטאָריאַליזם מיינט אַ פעיִקייט צו לעבן אַ פאַרזיכיק מאָנאָקולטורעל לעבן אומעטום, ווו דאָס איז פּאָליטיש מעגלעך.

3. טעריטאָריאַליזם ווי אַ פּסיכיש־גייסטיקע אייגנשאַפט אין יידישן כאַראַקטער איז אויך נייטיק פאַר דעם אויפבוי פון מדינת ישׂראל. אָן אים קענען, חלילה, יידן פּטרן אויך די מדינה.

טעריטאָריאַליזם אין שטעטל

אין תּוך אַריין האָבן יידן געלעבט די גאַנצע צייט אין אייראָפּע טאַקע אין אַ ביטערן גלות. „גלות אדום", ווייס נאָך די גמרא צו זאָגן, אַז ער איז שווערער פון גלות ישמעאל. יידן האָבן געלעבט אין אַ ביטערן גלות, אָבער יידישקייט האָט געהאַט אַ טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע. יעדער יידיש שטעטל איז געווען אַן איינס פון אָט דער אויטאָנאָמיע, פון דער טעריטאָריע. די יידן האָבן געלעבט מאָנאָקולטורעל, אין איין קולטור האָבן זיי זיך אַלע געהאָדעוועט און אַלע זיינען זיי געבליבן אין יידישקייט, אין יידישער קולטור אַ גאַנץ לעבן, ווו עס האָט זיי שפּעטער דער גורל פאַרטראָגן. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אין קולטור, איז געזעל־שאַפטלעכקייט, אַפילו אין תּורה — אַלץ קומט ניט פון שטאָט, נאָר פון שטעטלעך. דער ווילנער גאון אַפילו קומט קיין ווילנע פון אַ שטעטל, אַלע גאונים אַזוי, די יידישע ליטעראַטור קומט ניט פון ווילנע — אַפילו ניט פון ווילנע — נאָר פון שניפּעשאָק (אַ שטעטלשע פאַרשטאָט פון ווילנע). און אַלע שטעטלעך צוזאַמען האָבן געשאַפן דעם „ועד". ניט אומזיסט איז דובנאָוו געווען אַזוי פאַרגלייבט אין אַ יידישער אויטאָנאָמיע.

מיטן אָנקום פון אורבאַניזם איז אָפּגעשטאָרבן דאָס שטעטל און עס איז אָפּגעשטאָרבן די גאַנצע יידישע שעפערישקייט.

צי האָט ניט געקאָנט זיין אַן אורבאַניזם מיט טעריטאָריאַליזם־אויטאָנאָמיע צוזאַמען? — זיכער האָט עס יאָ געקאָנט זיין, מער ניט וואָס יידן אַליין האָבן עס ניט געוואָלט, ניט פאַרשטאַנען צו וועלן, און ווייל ניט געוואָלט, האָבן זיי ניט געקאָנט: ווידער אַ מאָל די אומפעיִקייט פון יידן צו שאַפן אויטאָנאָמע טעריטאָריעס ווו זיי לעבן. ווידער אַ מאָל דער פלאָנטער וואָס יידן פלאָנטערן צווישן די צוויי פאַקטאָרן — יידן און יידישקייט. זיי האָבן געגלייבט אַז מיט דעם אורבאַניזם ענדיקן זיך די צרות פון יידן, האָבן זיי מוותר געווען אויף דער פאַרזיכיקייט פון יידישקייט. דער לאָזונג פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע „יידן ווי בירגער אַלע רעכט, אָבער יידן ווי אַ פאָלק — קיינע רעכט ניט". יידן האָבן עס אָנגענומען אין אַלע לענדער. זיינען מיר געבליבן — מיט בירגעררעכט — אָך און וויי.

אָבער יידישקייט — די גאַנצע קאָלעקטיוו־פאָלקישע פאַרזיכיקייט — דאָס האָט מען פאַרלוירן, פאַרלוירן אויף אייביק. מיט פרייד, מיט געזאַנגען, מיט שמד־מגפות. איז געקומען די השׂכּלה און נאָך צוגעלייגט איר קניטל — איז „קבצנסק" און „גלופּסק", און „טונעיאַדעווקע", איז „כסלון" (אין דער העברעיִשער השׂכּלה פון כּסיל — נאַר)... יידן קענען אויסלאַכן און אָפּלאַכן און מבטל מאַכן — אַל דאָס אייגענע, אַל דאָס שטעטלשע. פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזאַ צוגאַנג צו זיך אַליין קען ניט זיין קיין רייד פון בויען טעריטאָריעס! דאָס הייסט — אויטאָנאָמע, פאַרזיכיקע מאָנאָקולטורעלע יישובים אין אַלע אימיגראַציע־לענדער.

צי האָבן יידן געקאָנט אין די שטעט בויען „פאַרזיכיקע טעריטאָריעס"? — ד"ה מאָנאָקולטורעלע, יידישע פאַרזיכיקע ראַיאָנען? — זיכער איז עס מעגלעך געווען. מיר האָבן פריִער דערציילט וועגן פראַנצויזן אין וויניפּיג. וואָלטן אויך יידן געקאָנט גיין אויף די זעלביקע וועגן. אָבער ווען? — ווען דער פאָלקישער כאַראַקטער וואָלט געפּאַסט.

ווי ווייט יידן האָבן אַליין חרוב געמאַכט די מעגלעכקייט פון אַ יידישער פאַרזיכיקער מלוכהשער דערציִונג־סיסטעם אַפילו דאָרטן ווו עס איז געווען מעגלעך, איז כאַראַקטעריסטיש די געשיכטע פון דעם קאַמף פאַר און קעגן אַ באַזונדערן יידישן שולסיסטעם אין פּראָווינץ קוויבעק אין קאַנאַדע. די פּראָווינץ האָט די שטאָט מאָנטרעאָל מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג. זי האָט צוויי מלוכהשע שולסיסטעמען — אַ פראַנצייזיש־קאַטוילישע און אַן ענגליש־פּראָטעסטאַנטישע. איז געווען די פראַגע וועגן יידן. ווי זאָל זיין מיט די יידישע קינדער. איז געווען איינע פון די מעגלעכקייטן, עס זאָלן זיין דריי מלוכהשע שולסיסטעמען — פאַר קאַטאָליקן, פאַר פּראָטעסטאַנטן און פאַר יידן. אין אָנהייב פון יאָרהונדערט, אין 1903, האָבן די יידן בעסער געוואָלט זיין שכנים, זיך איינגעבעטן ביי די פּראָטעסטאַנטן אַז זיי זאָלן אַריינעמען די יידישע קינדער. דער אָפּמאַך איז געווען אויף

צוואַנציק יאָר. האָט זיך די פּראָבלעם ווידער געשטעלט אין די צוואַנציקער יאָרן. געוועזן אַ קאָמיטעט פון יידן פאַר סעפּאַראַטע יידישע שולן, די מערהייט יידן איז אָבער געווען קעגן. יידן האָבן מורא געהאַט פאַר „סעגרעגאַציע״ — יידן טאָרן זיך, כלומרשט, ניט אָפּטיילן ווי אַ באַזונדערער פאַרזיכיקער קאָלעקטיוו. דער סוף איז געווען אַז נאָך אַ צען יאָר האָט דער קאָמיטעט פאַר באַזונדערע יידישע שולן פאַרלוירן (לויט דעם „שלמה וויסמאַן־בוך״, זייט 182 און ווייטער). פאַר סעגרע־גאַציע האָבן מורא געהאַט אויך נאַציאָנאַלע יידן. עס איז דערגאַנגען ביז צו דעם, אַז אַ „טשיף־ראַביי״ האָט אין אַ רעדע געזאָגט ניט מער און ניט ווייניקער, אַז די אָנהענגער פון יידישע סעפּאַראַטע שולן זיינען שונאים פון גאָט און פון לאַנד (אַ פּשוטע מסירה!), זיי זיינען פאַר דעם „שוידערלעכן זשאַרגאָן״, פאַר דעם „מיטל־עלטער״ און נאָך אַזוינע עם־האַרצישע גראָבע ליגנס. די דאָזיקע רייד פון אַ ראַביי וויַיזן אָבער די שטימונגען פון דער מערהייט וועגן דעם פאַרלוירענעם שטעטל און וועגן יידישער פאַרזיכיקייט. יידן זיינען אין אורבאַניזם געוואָרן אַסי־מילאַציע־גיריק, האָבן ניט געוואָלט קיין קולטורעלע פאַרזיכיקייט, במילא האָבן זיי ניט געוואָלט קיין פאַרזיכיקן מלוכהשן שולוועזן. דעם זעלביקן פּחד פאַר „סעגרעגאַציע״ האָב איך געהערט אויך אין וויניפּעג אין אָנהייב פון די פערציקער יאָרן אַפילו פון געטרייע טוערס פון אַ יידישער טאָגשול. דאָס זעלביקע געפיל און אַסימילאַציע־דראַנג איז זיכער געווען דער הויפּטמאָטיוו פאַר וואָס יידן אין מעקסיקע האָבן געגרינדעט אַ קאָנסערוואַטיווע קהילה אויף שפּאַניש, בעת אַלע יידן דאָרטן האָבן פאַרשטאַנען גוט יידיש; דאָס זעלביקע געפיל און אַסימילאַציע־דראַנג באַהערשט אויך די פירערס פון דאָרטיקן ספאָרטצענטער, וואָס בויקאָטירן יידיש, הגם דער גרעסטער טייל פון זיי האָט מסתמא געלערנט אין יידישע טאָגשולן. מסתמא איז אויך אַזוי אין אַרגענטינע און אין אַנדערע דרום־אַמעריקאַ־נער יישובים. דער אויספיר: אויך אין אורבאַניזם וואָלטן יידן געקאָנט האָבן טעריי־טאָריעלע פאַרזיכיקייט, נאָר זיי אַליין האָבן עס חרוב געמאַכט.

יידן האָבן ניט געקאָנט, ניט געוואָלט באַגרייפן דעם אונטערשייד צווישן צרות פאַר יידן און צרות פאַר יידישקייט (מער באַקאַנט אין העברעיִש ווי צרות היהודים און צרות היהדות). ענלעך איז געווען אין רוסלאַנד: אין די פערציקער יאָרן פון פאָריקן י״ה האָבן יידן געשריִען צו ד״ר ליליענטאַל „שקאָלעס ביע זשעלאַיעם״ (מיר ווילן ניט קיין שולן). דאָס איז געווען פאַר דעם אורבאַניזם אין רוסלאַנד. און אין אַ צוואַנציק יאָר אַרום, ווען דער אורבאַניזם האָט זיך אָנגע־הויבן, האָבן יידן אין די שטעט פון תּחום אָנגעפילט די אַלגעמיינע שולן, אַז די רעגירונג האָט איינגעפירט די פּראָצענט־נאָרמע. עס איז דאָרטן אויך דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז כּמעט ערב דעם גירוש פון מאָסקווע האָט אַ מאָסקווער ראַבינער געדרשנט אין אַ שבת אין דער גרויסער נייער געפּוצטער שול (ערב איר שליסן

דורך דער רעגירונג): „ברידער און שוועסטער! פאַר אייך שטייט אַ גרויסע אויפ־גאַבּ: זייט רוסן פון משהס גלויבן"... און דער ראַביי איז געווען, דאַכט זיך, אַ ווילנער ייד שלמה זלמן מינאָר. (פּ. מאַרק „צוויי דערצי̇ונגען", מאָסקווע, 1909, רוסיש). בכן, איז אָנצונעמען אַז די אַסימילאַציע־גיריקייט איז אַן אַלגעמיינער שטריך פון יידן אומעטום אין אורבאַניזם. בכל־אופן, פון געוויסע שיכטן יידן. אַגבֿ זיינען קעגן אַ פאַרזיכיקן יידישן שולוועזן געווען אין מאָנטרעאָל אויך יידישע קאָמוניסטן (אין פריִער ציטירטן בוך). מען קען אויך די אַסימילאַציע־גיריקייט געפינען אין דער יידישער געשיכטע אַלע מאָל ווען עס איז ניט געווען קיין דרויסנדיקער שטער, וואָס האָט ניט געלאָזן אַסימילירן זיך. און כּל־זמן דער דאָזיקער אַסימילאַציע־דראַנג וועט ניט אויסגעראָטן ווערן פון יידישן כאַראַקטער, וועט קיין שום טעריטאָריאַליזם ניט קענען זיין ביי יידן.

אין דעם דאָזיקן דראַנג איז פאַראַן אַ סכּנה אויך אַפילו פאַר דער יידישער מדינה, הגם זי איז דערוויַיל ניט קענטיק בולט. דער הויפּט־אויפטו פון דער מדינה איז דאָך, וואָס זי איז אונדזער איינציקע אויטאָנאָמע טעריטאָריע. די מדינה איז דאָך איין אַלגעמיין פאַרזיכיק יידיש שטעטל אין אַ וועלט־מאַסשטאַב, מיט דעם גרויסן אונטערשייד: אין שטעטל האָבן יידן געוווּסט נאָר איין קולטור — יידישע רעליגיע, אַ בלאַט גמרא. אַפילו אין תּנ"ך האָט געשטעקט אַ שטיקל אַפּיקורסות, ווער רעדט נאָך, חלילה, דיקדוק. דאָס שטעטל האָט ניט געדאַרפט, ניט געטראַכט, ניט געפּרובירט פאַריידישן אַלגעמיינע וויסנשאַפטן און קולטור בכלל. אַל דאָס אַלגעמיינע איז גויִיש. אַזוי איז עס געווען פאַר דעם קלאַסישן שטעטל אונדזערן. די מדינה פאַריידישט אַלע אַלגעמיינע וויסנשאַפטן און קולטור בכלל. אַלץ איז און אַלץ קען זיין יידיש. די פּראָבעס וואָס מיר האָבן געמאַכט אין רוסלאַנד און אין אַלע ניי־אויפגעקומענע מדינות — לעטלאַנד, ליטע און פּוילן זיינען אַלע חרובֿ געוואָרן נאָך ערבֿ דעם אַלגעמיינעם חורבן. די פּאָליטיש־מיליטעריש פאַרזיכיקייט פון דער מדינה איז די ראָם פאַר דער גייסטיק־קולטורעלער פאַרזיכיקייט, צו קענען אַריינעמען און פאַריידישן אַלע געביטן פון קולטור און וויסנשאַפטן. דאַרף די מדינה ווירקן אויף אַלע יידישע יישובֿים אין דער וועלט. דערוויַיל אָבער זעט זיך עס ניט.

בכן, טעריטאָריאַליזם מיינט ניט, אַז עמעצער אַ גוטער מלאך גיט יידן אַ שטיק לאַנד, יידן לאָזן זיך אַהין פאָרן און בויען אויף אַ מדינה. טעריטאָריאַליזם מיינט יאָ: יידן בויען אויף אין אַלע לענדער ווו זיי לעבן פאַרזיכיקע, גייסטיק־קולטורעלע ראַיאָנען, שטעטלעך מיט אַן אייגענעם שטייגער, אייגענעם שולוועזן, אייגענער קולטור און וויסנשאַפט. צו דעם איז נאָך ווייט, די טעריטאָריאַליסטן זיינען לכתּחילה אויף דעם וועג ניט געגאַנגען. דאָס איז דער וועג פון אַ מאמר „עתידה ארץ־ישׂראל שתתפשט בכל הארצות" (איך ווייס ניט פון וואַנען דער

מאמר שטאַמט). דער טעריטאָריאַליזם שטרעבט צו דעם אַז אַלע יידישע יישובים זאָלן זיין שטיקלעך ארץ־ישׂראל. דערוויל איז נאָך זייער ווייט צו דעם. אַ סך יידן פּאָרן קיין מדינת ישׂראל. אַלע קומען באַגייסטערט. אָבער עס לאָזט זיך ניט הערן אַז יידן זאָלן קומען און אַ טראַכט טאָן: לאָמיר איינאָרדענען אונדזער לעבן לויט דעם שטייגער פון דער מדינה.

צוויי פאַקטאָרן שטערן דערצו. איינער איז דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון יידן, זייער אַסימילאַציע־דראַנג און דער צווייטער פאַקטאָר איז די שלילת־הגלות פון דער מדינה, די אַנטיגלותדיקע קולטור־פּאָליטיק פון דער מדינה. מערקווער־דיק איז, אַז דער העברעיִזם פון דער מדינה האָט יאָ געהאַט אַ השפּעה אויף דעם גלות און די השפּעה איז בפירוש אַ נעגאַטיווע: זי האָט געהאָלפן באַזייטיקן און אַפילו באַקעמפן יידיש לשון און האָט, פאַרקערט, לגמרי ניט געהאָלפן איינצופירן און איינצופלאַנצן העברעיִש אין די גלותן. עס איז, פאַרקערט, אַ כּלל, אַז דאָ וווּ עס איז שוין ניטאָ קיין יידיש, דאָרטן איז שוין פון העברעיִש קיין זכר ניטאָ. האָט דער העברעיִזם אין גלות צוזאַמען מיט יידיש געהאָלפן אויך אונטערגראָבן העברעיִש. די עבירה טאָר מען דער מדינה ניט מוחל זיין. אַז יידיש לשון טויג ניט — דאָס האָבן יידן גערן אָנגענומען, אַז איזאָלאַציע איז אַ ברכה פאַר יידן — דאָס האָבן יידן ניט אָנגענומען און דאָס ווילן זיי ניט אָננעמען, אַפילו ציוניסטן. מען פאָרט קיין ישׂראל און מען קומט באַגייסטערט צוריק, און מען פירט זיך ווייטער אַסימילירט.

טעריטאָריאַליזם ווי אַן אידעאַל

יעדער געדאַנק מוז זיין אַן אידעאַל. מען דאַרף צו דעם שטרעבן. אַניט איז עס אַ טויטע זאַך. דער טעריטאָריאַליזם, ווי ער איז געמאָלדן געוועזן, ווי ער האָט צוויי מאָל עקסיסטירט איז געווען אַ טויט געבוירן קינד, אַ פאַלשע אידעע, וואָס האָט ניט געקאָנט מקויים ווערן. דער טעריטאָריאַליזם אָבער ווי אַן אידעע פון אַ יידיש־פאַרזיכיק לעבן אין אַלע מדינות, אין אַלע לענדער פון דער וועלט — דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך, אַן אַנדער אידעע, אַן אַנדער אידעאַל. פאַראַן ביי יידן צוויי ריכטונגען — יידן ווי אַ וועלטפאָלק און יידן ווי אַ לאַנדפאָלק. איין געדאַנק איז „וקבצנו יחד מכל כנפות הארץ", קיבוץ־גליות — דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין איין לאַנד, און דער צווייטער אידעאַל איז „צדקה עשׂה להם הקדוש ברוך הוא שפיזרם לבין האומות". די צוויי אידעאַלן זיינען איצט ניט קיין קעגנזאַצן, וואָס איינער שטערט דעם צווייטן. אדרבא, איינער העלפט דעם צווייטן. אָן פעסטע, אָרגאַניזירטע יידישע יישובים אין דער וועלט וועט די מדינה ניט קענען זיך

האַלטן. אָן דער מדינה זיינען איצט אַלע יידישע יישובים איבער דער וועלט אין סכנה אונטערצוגיין.

די מדינה דאַרף העלפן צעמענטירן דאָס גאַנצע פאָלק, זי איז ווי דער צענטער וואָס פאַרבינדט אַלע יישובים; זי דאַרף העלפן געבן אַלע יישובים אין דער וועלט אַ יידישן אינהאַלט. ביז היינט איז די השפעה פון דער מדינה אויף די גלותן געווען אַ נעגאַטיווע: זי האָט געהאָלפן דעם שלילת־הגלות אַריבערטראָגן אויך אין די תפוצות. דאָס איז שעדלעך. די השפעה איז איצט שוין אָנערקענט ווי אַ פאַלשע, ווי אין די תפוצות אַזוי אויך אין לאַנד גופא. אויך דאָרטן, אין דער מדינה גופא איז אָדער־אָדער: אָדער דער המשך פון דער גלות־קולטור אָדער „כּנעניזאַציע" — אונטערגאַנג פון יידישקייט, ניטאָ מער דאָס אייביקע עם היהו־דים, נאָר עס קומט אויף אַ ניי פאָלק „ישראלים", וואָס זאָגט זיך אָפּ אין גאַנצן פון די יהודים אין דער וועלט, און אָט דאָס נייע פאָלק — ישראלים — וועט זיין גאָט ווייס, ווי ווייט פון יידן און פון יידישקייט. אַזוי אַרום זיינען דאָס צוויי ריכטונגען פון אידעאַל יידן ווי אַ לאַנדפאָלק און יידן ווי אַ וועלטפאָלק. איין אידעאַל פון קיום האומה. מיין באָבע פלעגט זאָגן: „מיינע שונאים זאָלן האָבן איין אויג אין קאָפּ". מיר טאָרן די דאָזיקע חכמה ניט פאַרגעסן...

בכן איז דער אמתער טעריטאָריאַליזם — דאָס אויפבויען און פאַרפעסטיקן די יידישע המשך־קולטור אין אַלע יידישע יישובים איבער דער וועלט. אויב אין דער מדינה איז אָדער המשך־קולטור אָדער אונטערגאַנג פון יידיש פאָלק, איז עס נאָך אַ סך מער געזאָגט אויף די גלותן. דאָס איז אויך נייטיק פאַר פשוטער זעלבשוץ. ניטאָ קיין שום יישוב אין דער וועלט, וואָס זאָל זיין באַוואָרנט פון דער באַדערפעניש אין זעלבשוץ. די יישובים אין דער וועלט קענען ניט אָננעמען דעם וועג פון דער מדינה אויף דעם געביט... די זעלבשוץ אָבער דאַרף מען ניט גרייטן ווען דער חלף איז שוין אויפן האַלדז. מען דאַרף זיין גרייט פון פריִער, פון שטענדיק. די גרייטקייט באַשטייט פון פעסטן יידישן באַוווסטזיין. דאָס באַוווסט־זיין איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער דערציִונג ניט בלויז אין שול, נאָר אין דער גאַנצער סביבה, צו דער גייסטיקער פאַרזיכיקייט פון שטייגער לעבן. קיין שום יישוב אין קיין שום לאַנד איז ניט באַוואָרנט. אַנטיסעמיטיזם איז אַ קראַנקייט. ניטאָ קיין פעלקער וואָס זאָלן זיין באַוואָרנט קעגן דער קראַנקייט. די „גודוויל־פילן", וואָס יידן גלייבן אין זיי — דאָס זיינען ווי אָפּשפּרעכן אַ קראַנקייט. קען זיין אַז פאַרקערט גאָר, אַז דער באַרימטער „גודוויל" האָט אַ פאַרקערטע השפעה. דער אַנטיסעמיטיזם וועט אויפהערן ווען יידן וועלן אים ניט לאָזן וואַקסן, ווען ער הייבט נאָך אָן צו שפּראָצן, ווען די „שועלים קטנים", ווען די יונגע כוליגאַנעס וועלן זען און וויסן אַז יידן לאָזן זיך ניט „שפּייען אין קאַשע".

כמעט אין יעדער צייטונג לייענען מיר וועגן אָנפאַלן אויף יידן, אויף יידישע אינסטיטוציעס וכדומה. די אַזוי גערופענע „זעלבשוץ־ליגע" פאַרנעמט זיך גאָר מיט באַקעמפן רוסלאַנד אין ניו־יאָרק, אַ גראַבל טאָן דעם רוסישן בער פון ווייטן... בעת איר אויפגאַב וואָלט געדאַרפט זיין אַן אָרטיקע, קעגן די יונגע כוליגאַנעס אויפן אָרט. אַ קראַנקהייט איז גוט צו פאַרהיטן פּרעווענטיוו, איידער היילן ווען זי איז שוין אַנטוויקלט שטאַרק. ניט בעטן זיך ביי פעלקער „לאָמיר זיך ליב האָבן, מיר זיינען דאָך כמעט אַזוי ווי איר", נייערט פאַרקערט — מיר זיינען מיר, פּונקט אַזוי ווי איר זייט איר. און די ווילדע יוגנט דאַרף מען אָנלערנען באַצייטנס איידער זיי וואַקסן אויס ווי אַ געזעלשאַפטלעכער כוח. דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר ווען יידישע יוגנט וועט זיין פול מיט יידיש באַוווסטזיין. ווי געזאָגט שוין, איז באַוווסטזיין לגמרי ניט אָפּהענגיק פון שול־דערציִונג אַליין.

בילדונג און קולטור

שולן — אַפילו די בעסטע — קענען געבן נאָר בילדונג. קולטור קריגט מען ניט פון שולן, נייערט פון דער סביבה. בילדונג ווערט געגעבן דורך ווערטער — פון ביכער אָדער פון רייד. קולטור איז ניט אין ווערטער נאָר אין שטייגער, אין אויפפיר, אין די פאָרמען פון לעבן. ווערטער זיינען אָפט „מחלל" די קולטור, זיי פאַרשוועכן, זיי פאַרוואַנדלען אַלץ אין ווערבאַליזם — דאָס מויל רעדט און דאָס האַרץ איז ניט דערביי. שולן קענען געבן גאָר אַ סך וויסן און ניט קיין קול־טור. עס טרעפן זיך מענטשן מיט הויכער בילדונג אָן אַ ברעקל קולטור. און פאַרקערט — אין מיינע יינגערע יאָרן פלעג איך ליב האָבן מיט תּלמידים ווייטערע שפּאַצירן פון עטלעכע טעג אַפילו. פלעג איך ליב האָבן זיך אַוועקזעצן מיט אַ פּויער, מיט אַ יידישן קליינשטעטלדיקן פּראָסטן בעל־מלאכה און שמועסן. ביי זיי פלעג איך געפינען אַ סך מער קולטור ווי ביי אַן אַנדער דאָקטאָר...

איך ווייס פון יידישע שולן אין אַמעריקע וואָס שטייען ניט אָפּ פון ענלעכע יידישע שולן אין פּוילן, אין ליטע. דאָרטן איז אָבער אויסגעוואַקסן גאָר אַן אַנדער יוגנט, אַ מער יידישע, אַ געטרייערע, אַן איבערגעגעבענערע, אַ באַוווסטזיניקערע. ניט די שול האָט עס געגעבן, נאָר די גייסטיקע יידישע פאַרזיכיקייט, די קולטור פון דער יידישער סביבה. יענע יוגנט האָט אַרויסגעגעבן פון זיך יידישע שריי־בערס, פּאָעטן. די בעסטע יידישע שולן אין די אַמעריקעס האָבן דאָס ניט באַוויזן. ניטאָ דאָ אַזאַ אויסגעהאַלטענע, פאַרזיכיקע יידישע קולטור־סביבה. מער נאָך — יידישע יוגנט אַפילו לגמרי אָן שולן, אָן בילדונג פלעגט אויסוואַקסן מיט אַ פעסטן יידישן באַוווסטזיין. דער אונטערשייד איז געווען לגמרי ניט אין די שולן, נאָר אין

דער סביבה, אין דעם קולטור־שטייגער אַרום. מיט אַנדערע ווערטער — דער אונ־טערשייד איז פֿון שטעטל ביז אורבאַניזם.

מען דאַרף געדענקען און ניט פֿאַרגעסן: מיר האָבן קיין מאָל ניט געלעבט ווי אַ מינדערהייט. מיר האָבן דאָך געלעבט אַלע מאָל ווי הונדערט־פּראָצענטיקע מאָנאָקולטורעלע, פֿאַרזיכיקע איינסן. יעדעס שטעטל, יעדער יידישער יישוב אַפֿילו אין אַ שטאָט איז געווען אַ באַזונדערע אויטאָנאָמע „טעריטאָריע", לגמרי ניט אָפּהענגיק פֿון דעם וויפֿל ניט־יידן עס זיינען געווען אַרום. מיר האָבן אין אַמעריקע אַ גוואַלדיק גרויסן פּראָצענט געבילדעטע יוגנט און פּראָפֿעסאָרן, בילדונג גאָר אַ סך, אָבער קולטורעל זיינען מיר שטאַרק דעגראַדירט לגבי די אַמאָליקע שטעט־לעך. נאָך אַ מאָל: בילדונג קען מען אויסלערנען: ביכער, לערערס. קולטור קען מען ניט אויסלערנען. קולטור איז טראַדיציעס, געוווינהייטן, דורות. אַמעריקע בכלל האָט געבויט שולן לכתחילה נאָר פֿאַר בילדונג. קיין קולטור האָט מען גאָר די שולן גאָרניט אַנגעטרויט. קולטור — האָט מען געלאָזט פֿאַר די היימען, פֿאַר דעם אייגענעם שטייגער אין די היימען און אין די גאַסן. ביי די יידן איז אָבער די גאַס, די היים אין גאַנצן חרוב געוואָרן. ניטאָ קיין יידישער שטייגער, קיין יידישע קולטור, קיין יידישע סביבה. קיינע שולן קענען דאָס ניט ממלא זיין.

אָט דאָס, די קולטור־סביבה דאַרף אונדז אומקערן דער טעריטאָריאַליזם. ער דאַרף פֿון יעדער יידישן יישוב שאַפֿן אַ גייסטיק־פֿאַרזיכיקע טעריטאָריע, אַ מין שטעטל אין שטאָט.

איטלעך שטעטל איז געווען אַן איינס פֿון אַ יידישער טעריטאָריע. דער טעריטאָריאַליזם איז לגמרי ניט קיין נייעס פֿאַר יידן. מיר האָבן געלעבט אין אַ יידישער טעריטאָריע און מיר מוזן ווייטער אונדזער לעבן בויען אומעטום אויטאָ־נאָם, שטעטלדיק.

געטאָ און היים

יידן דענקען ניט טיף, מען נעמט זאָגן זייער פֿלאַך. איז מען געוווינט צו זאָגן תּמיד „שטעטל — דאָס איז געטאָ!" חס־ושלום, גאָט זאָל שומר־ומציל זיין פֿון דעם. און פֿון געטאָ אַנטלויפֿט מען. צו וועמען? וווּהין לויפֿט מען? — מען לויפֿט צו דעם הערשנדיקן פֿאָלק. פֿאַר וואָס איז יידישע קולטור און שפּראַך יאָ אַ געטאָ און די מעקסיקאַנער קולטור איז ניט קיין געטאָ? אַזאַ פֿראַגע שטעלט מען זיך גאָרניט. געפּסקנט און פּטור. פּויליש איז יאָ אַ וועלטקולטור, אָבער יידיש איז געטאָ, און אַזוי כּסדר. דאָס איז דאָס פֿלאַכע דענקען פֿון יידן. דאָס און נאָך עפּעס: די שׂינאה און ביטול צו אַלץ וואָס עס איז יידיש. אָט דאָס גע־

פיל, דאָס אַנטי־יידישע געפיל (מיר רופן עס עגאָפאָביע), עסט אויף דאָס יידישע פאָלק ביסלעכווייז. עס איז דאָך אָן אַ זינען וואָס פויליש, אַפילו ליטוויש און לעטיש, וואָס אויסער זייער לאַנד האָט עס ניט קיין שום ווערט, זיינען ביי יידן די שפּראַכן פאַררעכנט ניט ווי געטאָ, און יידיש וואָס איז נאָך אַלץ אַן אינטער־נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז ביי יידן גאָר אַ געטאָ! אָבער דאָך האָט די דאָזיקע אָנזיניקייט יאָ אַ שטיקל זינען, ניט מצד דער שפּראַך ווי מצד דעם אינהאַלט: עס האָט זיך איינגעשטעלט ביי יידן אַ פאַלשע צעטיילונג: יידישע לימודים און וויסנשאַפטן דאָס איז אַ בלאַט גמרא, געשיכטע, שפּראַכן, תנ״ך. מאַטעמאַטיק אָבער, למשל, פיזיק, כעמיע וכדומה — די געביטן זיינען ניט קיין יידישע, זיי האָבן גאָר ניט קיין שייכות צו יידישקייט. פון דער גאַנצער וועלטקולטור האָבן יידן זיך גענומען בלויז איין טייל, בלויז דאָס וואָס עס איז געבונדן מיט יידן און מיט יידישער טראַדיציע. אַלמענטשלעכע געביטן — דאָס ניט. דאָס אַלץ איז גאָר געווען פאַררעכנט פאַר „ספרים חיצונים״, פאַר „טריף־פסול״, חלילה, און ווער עס פאַרנעמט זיך מיט דעם, דער איז חשוד אויף אַפּיקורסות.

איך וועל ניט אַריינגיין אין געשיכטלעכן אַנאַליז פון וואַנען דאָס קומט, אָבער דער פאַקט איז אַזוי: ווער עס האָט זיך אַריינגעטאָן אין די אַלמענטשלעכע געביטן, דער האָט זיך געמוזט דערווייטערן פון יידישע שפּראַכן און יידישקייט בכלל. די פּראָבע וואָס מיר האָבן געמאַכט אין רוסלאַנד, פּוילן, אַריינצונעמען אין יידישקייט אַלע געביטן פון מענטשלעכן וויסן, דאָס וואָס מיר האָבן מיט דער־הויבענעם געמיט פאַריידישט באָטאַניק, ביאָלאָגיע־וויסנשאַפטן, פיזיק און אַלע אַנדערע געביטן — דאָס אַלץ האָבן פעלקער חרוב געמאַכט, מיט דעם האָבן זיי אָנגעהויבן דעם אַלגעמיינעם חורבן פון אונדזער פאָלק. מיר האָבן נאָך ווייט ניט דערגרייכט די מדרגה מגייר צו זיין „די אַלגעמיינע״ וויסנשאַפטן, ניט באַוויזן פשוט, אָבער אויף אָט דעם ריכטיקן וועג זיינען מיר געגאַנגען.

פאַראַן צווייערליי באַגריפן און דרכים איז אינהאַלט פון „היים״: אָדער איך באַמי זיך אַריינצוברענגען אַלע גוטע זאַכן אין מיין היים, אָדער איך פאַרלאָז מיין אָרעמע היים און איך גיי זיך וואַלגערן ביי יענעם „גביר״ אין פירעס (פּיר־הויז). עטוואָס געטאָ־אַרטיקס איז ביי אונדז פאַראַן, ווען אין אונדזער שול — אַפילו אין די הויכשולן, לערנט מען נאָר די „יידישע געביטן״, נאָר די „יידישע״ וויסנשאַפטן, אָבער ווען מיר פאַרוואַנדלען די גאַנצע מענטשלעכע וויסנשאַפט אין אונדזער יידישקייט, דעמאָלט איז שוין ניטאָ קיין רייד פון געטאָ, דעמאָלט איז עס אונדזער היים, אונדזער רייכע היים. איך קען זיך דאָ ניט פאַרשפּרייטן פאַר וואָס איך גלייב, אַז אַלע פעלקער דערנענטערן זיך צו אונדזער מצב און די גאַנצע וועלט וועט זיך אַזוי איינאָרדענען אין פאָלקישע „קולטור־היימען״. דער עיקר

וואָס איך וויל דאָ זאָגן איז, אַז ווען ביי אונדז איז אַ געטאָ־פּסיכיק, לעבן מיר אין אַ געטאָ, ווען אָבער מיר האָבן אַ נאָרמאַלע „היים־פּסיכיק", דעמאָלט איז אונדזער יידישקייט לגמרי ניט קיין געטאָ.

צי זיינען מעגלעך
אַזוינע טעריטאָריעלע קולטור־אינדזלען?

איך גלייב באמונה־שלימה, אַז ווי׳ל מען — קען מען. אין דער הינזיכט דאַרף מען זיך לערנען פון די פרומע. זיי האָבן באַוויזן צו פאַרוואַנדלען אַ שטיק ניו־יאָרק אין אַ „יידישע טעריטאָריע". הייסט עס, אַז עס איז מעגלעך אויך אין אורבאַניזם, אין אַמעריקע צו שאַפן פאַרזיכיקע טעריטאָריעס. בעת איך קום דאָ זיך אָפּצולערנען פון די פרומע, מיין איך ניט צו נעמען זייער תורה. איך בין טיף איבערצייגט, אַז די היינטיקע פרומע פאַרקריפּלען יידישקייט, זיי גייען ניט אין די וועגן פון חז״ל און פון די פּרושים. זיי זיינען אַ סך נעענטער צו די צדוקים ווי צו די פּרושים. איך ברענג זיי נאָר ווי אַ ראיה, אַז אויך אין אורבאַניזם קענען זיין אַזוינע „פאַרזיכיקע" טעריטאָריעלע אָפּגרענעצונגען פון אייגענעם קולטור־שטייגער. פאַרקערט, ס׳איז צו גלייבן, אַז ניט נאָר יידן, נייערט אַלע פעל־קער וועלן קומען צו דעם. פון איין זייט מישט די ציוויליזאַציע די פעלקער. ניטאָ מער איין לאַנד, וואָס איז איין קולטור. אין איטלעכן לאַנד זיינען שוין איצט עטלעכע קולטורן, עטלעכע פעלקער. פון דער צווייטער זייט שטרעבן איצט פעלקער צו גייסטיקער פאַרזיכיקייט. דאָס וועט מוזן פירן צו עטלעכע קולטורן אין איטלעך לאַנד. דאָס איז יאָ מעגלעך והא־ראיה — די פרומע.

פון זיי שיידט אונדז אָפּ, אויסער ריין טעאָרעטישע וועלט־באַנעמען אין פּראַקטישן לעבן, דאָס וואָס זיי באַגרענעצן יידישקייט. צו יידישקייט געהערט נאָר דאָס, וואָס עס וואַקסט פון פאַרצייטיקער יידישקייט, פון תלמוד און מפרשים, פון יענעם פאַרצייטיקן שטייגער. מיר אָבער נעמען אָן און גלייבן, אַז צו יידיש־קייט געהערט און דאַרף געהערן די גאַנצע וועלטקולטור מיט אַלע אירע אָפּ־צווייגונגען. מיר שטרעבן צו פאַריידישן די גאַנצע וועלטקולטור; זי צעטיילן בין קודש לחול — חכמת ישׂראל באַזונדער און „חכמת יוון" (גריכישע קולטור) איז פרעמד און דאַרף בלייבן פרעמד. מיר גלייבן און מיר באַמי׳ען זיך צו פאַריידישן אויך די אַלוועלטלעכע קולטור.

„אַ מענטש בויט זיין אייגענע געשיכטע". איז עס ריכטיק אָדער ניט, בכל־אופן איז דער מענטש דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין זיין געשיכטע. דאָס זעל־ביקע איז מיט אַ פאָלק. פאַר וואָס זיינען יידן אין גלות? — אויב גלות מיינט

די גאַנצע וועלט אַחוץ ארץ־ישׂראל, איז עפּעס אַנדערש, נאָר אויב גלות מיינט פרעמדע הערשאַפט, פּאַסיווער אָביעקט אין פרעמדע הענ'ז, דעמאָלט איז ווידער אַנדערש: צי האָבן יידן באמת קיין מאָל ניט געקאָנט זיך איינאָרדענען פאַר זיך, אונטער אייגענער הערשאַפט? — מיר דאַכט זיך, אַז אַזוינע געלעגנהייטן זיינען געווען ניט איין מאָל, יידן האָבן יאָ געקאָנט ניט איין מאָל איינאָרדענען זיך מיט אַן אייגענער הערשאַפט, מיט אַן אייגענער רעגירונג. זיי האָבן אָבער ווי ניט געוואָלט, ניט געטרויט זיך, ניט געגלייבט אין זיך; ייד, דו בייג איין דעם קאָפּ און גיי „קאַסטרוי" (דורך צוויי שורות זעלנער מיט ריטער) היט נאָר דיין יאַרמלקע זאָל ניט אַראָפּפאַלן פון קאָפּ...

פון אַלע מעגלעכקייטן וועל איך דאָ דערמאָנען נאָר איינע — די בולטסטע:

דער באַראָן הירש האָט אין אַרגענטינע געקויפט 617.468 העקטאַר לאַנד (לויט ספּעציעלער אינפאָרמאַציע וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט פאַר מיר גע־קראָגן פון דעם פאַכמאַן ה' נחום קריטשמאַן). אויף די מאָסן פון ארץ־ישׂראל איז עס אַ שטח פון 6.174.680 דונאַם — אַ שטח וואָס איז, דאַכט זיך, גרעסער ווי דאָס לאַנד וואָס יידן האָבן פאַרמאָגט אין ארץ־ישׂראל פאַר דער מדינה. אויף אַזאַ גראַנדיעזן שטח וואָלט מען געקאָנט יאָ שאַפן אַ געבונדענעם, שטאַרקן, איינהייט־לעכן יישוב, מיט אַ קולטור־אויטאָנאָמיע. אָבער עס איז אַפילו ניט געקומען אין זינען. און וויפל פאַרזיכיקע יידישע שטעטלעך און גאַנצע שטעט האָבן יידן גע־קאָנט האָבן אין די שטאַטן! באשר יידן האָבן לכתחילה עס ניט געוואָלט. עס וואָלט זיי אַפילו אָפּגעשראָקן. יידן האָבן געשטרעבט זיך צו צעשפּרייטן. אַפילו אין ארץ־ישׂראל האָבן דאָך יידן געטראַכט און געבויט נאָר קאָלאָניעס, האָט מען תל־אביב געבויט בלויז ווי אַ שטעטל ביי יפו. דאָס האָבן דאָך די אַראַבער מיט זייער פּשוטער רציחה ממש אַרויסגעטריבן די יידן פון יפו קיין תל־אביב און געמאַכט תל־אביב פאַר אַ שטאָט פאַר זיך. און אַזוי כסדר.

און אַפילו איצט העלפן אַמעריקאַנער יידן שטאַרק אויס דער מדינה, אָבער עס איז ניט געהערט געוואָרן ביז איצט, אַז אַמעריקאַנער יידן אָדער יידן אין אַנדערע לענדער זאָלן זיך פּרובירן איינאָרדענען ווי אין ישׂראל. עס פאַלט גאָר ניט איין, אַז אין אַ סך ערטער וואָלטן יידן געקאָנט זיך שאַפן „קליינע ארץ־ישׂראלס". אַפילו די שטאַרקסטע ציוניסטן האָבן זיך ניט דערטראַכט צו דעם, אַז מען קען אומעטום, אין אַ סך לענדער זיך איינשאַפן עפּעס פון דער גייסטיקער קולטור־פאַרזיכיקייט, וואָס אין ארץ־ישׂראל. יידן ווילן עס גאָר ניט. וואָלטן יידן יאָ דאָס געוואָלט, וואָלטן מיר געקאָנט האָבן עטלעכע ארץ־ישׂראלס אין פאַרשיידענע לענדער.

עס איז ניט זיכער? — און ווו איז מען יאָ זיכער? יאָ, דער גלות, ווי ער איז איצט, איז אין אַ גרויסער מאָס געבויט פון יידן אַליין. פאַרקערט, איז גאָר

די מדינת ישׂראל לגמרי ניט פֿאַרזיכערט קעגן אַן אינוואַזיע פֿון אַמעריקאַנער קולטור מיט ענגליש. יידן האָבן אָנגעווירן די ליבע און אַכטונג צו זיך, צו דער אייגענער יידישקייט. זיי פֿילן זיך עפּעס העכער, שטאָלצער מיט פֿרעמדע קולטורן און שפּראַכן. עס וועט נאָך לאַנג נעמען ביז יידן וועלן צוריק קריגן דעם בייטיקן דרך־ארץ צו זיך און צו אַלץ וואָס עס איז יידיש. אָן אַט דער נאַציאָנאַלער זיך־אַכטונג זיינען יידן ניט באַוואָרנט פֿון גלותדיקייט אַפֿילו אין דער אייגענער מדינה.

אַ גרויסער טייל פֿון גלותדיקייט, פֿון דער גייסטיקער אָפּהענגיקייט שאַפֿן יידן אַליין. עס זיינען געווען מעגלעכקייטן צו לעבן פֿאַרזיכיק, ניט גלותדיק, אָבער יידן זיינען גאָר ניט להוט נאָך דער גייסטיקער פֿאַרזיכיקייט. איז נאָך די רעליגיע — האָט זי נאָך אָנהענגערס, אָבער וועלטלעכע יידישקייט — דאָס וואָס עס איז ניט פֿאַרהייליקט רעליגיעז, דאָס האָט ביי יידן אַליין אַ קנאַפּע מערכה. און כּל־זמן יידן וועלן אומעטום, אין אַלע גלותן, ניט איינלעבן זיך דווקא אין אייגענער שפּראַכיקער און קולטורעלער פֿאַרזיכיקייט, איז אויך די פֿאַרזיכיקייט פֿון מדינת ישׂראל ווייט ניט זיכער. ווען ניט די מלוכה מיט אירע געזעצן, וואָלט שוין לאַנג ענגליש אַרויסגעשטופּט העברעיִש. און קעגן ענגליש וואָלט מען אַ סך וויניקער געקעמפֿט ווי קעגן יידיש...